This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

Цена 50 коп.

70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

XV

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

№ 8

1976

■

В НОМЕРЕ:

К 15-летию журнала «Советиш геймланд».

Приветствие Секретариата Союза писателей СССР.

А. Вергелис. Итоги и задачи.

Слово советских еврейских поэтов. Из поэтической рубрики журнала «Советиш геймланд» за 15 лет.

Рассказы и очерки Г. Рабинкова, Б. Гальперина, Б. Миллера, Х. Меламуда, Г. Блоштейна, М. Альтмана, Г. Полянкера, С. Гордона, И. Шрайбмана, Х. Бейдера, Х. Тамаркина, Я. Рубиняна.

Слово поэтов братских советских литератур. Из поэтической рубрики журнала «Советиш геймланд» за 15 лет.

О времени и о литературе. Статьи и заметки М. Разумного, Г. Ременика, Ш. Горшман, И. Чичельницкого, Р. Белясной, И. Любомирского, А. Гонтаря, М. Талалаевского, А. Раскина, И. Серебряного, Т. Гена, И. Друкера, Э. Гуральника, Г. Рабинкова, Н. Фридмана, С. Грузберга, А. Лизена, И. Шулькиной, И. Фаликмана, И. Бурга, Д. Хайкиной, М. Глейзера, Я. Глиха, Г. Кравцова, И. Шустера, М. Полянского, М. Ландман, Э. Фальковича, З. Кагана.

Журнал в журнале. Избранные страницы из еврейских литературных периодических изданий за годы Советской власти.

Библиография. М. Иткович. «Советиш геймланд» за период с августа 1971 по июль 1976 г.

סאָוועטיש היימלאַנד

■

ליטעראריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאל

■

אָרגאן פון שרײַבער־פארבאנד פון פססר

■

דערשײַנט פון 1961

■

פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל"

מאָסקווע

אווגוסט

8

1976

אינהאַלט

„סאָוועטיש היימלאַנד“ — 15 יאָר

באַגריסונג פונעם סעקרעטאַריאַט פון דער פאַרוואַלטונג פונעם שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר 3

אַרן וואַרגעליס. סאַכאַקלען און אויסזיכטן 4

געזאַנג פון דער הײַנטצײַטיקער סאָוועטישער ייִדישער דיכטונג (אויסגעוויילטע לידער פאַר 15 יאָר „סאָוועטיש היימלאַנד“) 13

נײַע דערציילונגען. **העשל ראַבינקאָוו. מײַנע וועלדער; בער האַלפּערן. וועגן ניקאָלײַ ניקאָלײַעוויטשן און נאָך עפּעס; בוזי מילער. אין וואַגאָן 39**

כאַיִם מעלאַמוד. מײַן גאָלדענער כאָלעם 61

הירש בלאָשטיין. הײַנטצײַטיקײַט און אַקטועלקײַט . 66

מוישע אַלטמאַן. ווי מע דאַרף זײַן פאָרזיכטיק מיט מאַכן אַ שפּאַס (פון די זקיינישע נאָטיצן) 69

מאַרק ראַזומני. עלטער און ייִנגער 71

הערשל פּאָליאַנקער. די סאַקאָנע איז אַדורך . . . 72

הערש רעמעניק. דער „רונדער טיש“ פון אונדזער ליטעראַטור 75

שמועל גאָרדאָן. דער טאָך 79

שירע גאָרשמאַן. אַ ביטערע קרײַטעכץ, די קונסט . . 81

יעכיִעל טשיטשעלניצקי. מיט דער מאָס פון אונדזערע פינפיאָרן 82

ריווע באַליאַסנע. וויפל דאַנקבאַרע טעמעס פאַראַן; יעשוע ליובאָמירסקי. וואָס איז פאַר מיר פּערזענלעך וויכטיק אין „סאָוועטיש היימלאַנד“ 84

אַווראָם גאָנטאַר. די ליד, וואָס באַגלייט אונדז . . . 87

יעיִעל שרײַבמאַן. אונדזער זשורנאַל 89

מאָטל טאַלאַלאַיעווסקי. באַווײַזן דעם נײַעם מענטשן 92

אַרן ראַסקין. די הײַנטצײַטיקע ייִדישע סאָוועטישע נאָוועלע 94

ייִסראָעל סערעבריאַני. לעבנס־מאַטעריאַל פון דער ערשטער האַנט 105

טעוויע גען. יאָר נאָך יאָר 106

אירמע דרוקער. פאַר נײַע רינגען אין דער גאָלדענער קייט 107

געזאַנג פון די ברידערלעכע סאָוועטישע ליטעראַטורן (אויסגעוויילטע איבערזעצונגען פאַר 15 יאָר „סאָוועטיש היימלאַנד“) 110

אוראַן גוראַלניק. סוביעקטיווע נאָטיצן 125

העשל ראַבינקאָוו, נאָכעם פרידמאַן. אַ שול פון הײַנטצײַטיקן ייִדיש 129

אַלעקסאַנדער ליזען. צו די העכסטע שטאָקן . . 130

יעכיִעל פאַליקמאַן. אַ טויער צו מענטשן; יוסעף בורג. מיר זײַנען ניט די לעצטע 131

מוניע גליזער. אַלע גוטע ווונטשן; דאָרע כײַקינע. אונטער איין דאַך 132

גערשן קראַווצאָוו. די קינסטלערישע אויספורעמונג — אַ וויכטיקע פּאָזיציע 133

יוסעף שוסטער. ווי אַ ברייט־צעצווײַגטער בוים . . 136

מאָטל פּאָליאַנסקי. די נײַע ייִדישע זינגליד 138

מאַניע לאַנדמאַן. ערשטע טריט 141

סעמיאָן גרוזבערג. דער ענערגישער פּולס פונעם לעבן 142

און גוט איז צו וויסן: עס האָט זיך דער ליכטיקער פאָדעם ניט איבערגעריסן... **(פון די ייִדישע סאָוועטישע זשורנאַלן ביז „סאָוועטיש היימלאַנד“) 143**

עליע פאַלקאָוויטש. שפּראַכלעכע באַמערקונגען . . 169

כאַיִם ביידער. פונעם שפּרודלדיקן קוואַל 177

זאַלמען קאַהאַן. אַן אינטערוויו מיט אַ לייענער . . . 181

אידע שולקינע. איך ווייס; יאַנקעוו פליך. צום העמשעך 182

כאַיִם טאַמאַרקין. קעדײַ צו וואַרטן 183

יאַשע רוביאַן. דער יאַמפּאָלער שרײַבער 185

מוישע איטקאָוויטש. „סאָוועטיש היימלאַנד“ פאַרן פעריִאָד אַווגוסט 1971—יול 1976 187

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. וואַרגעליס

רעדקאָלעגיע:

כ. ביידער, א. גאָנטאַר,
ש. גאָרדאָן, ט. גען,
י. טשיטשעלניצקי,
נאָטע לוריע, מ. לעוו,
ב. מילער, כ. מעלאַמוד,
ה. פּאָליאַנקער, ס. פּרײַ.

פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר
י. שוסטער

„סאָוועטיש היימלאַנד״—15 יאָר

באַגריסונג פונעם סעקרעטאַריאַט פון דער פאַרוואַלטונג פונעם שרײַבער=פאַרבאַנד פון פססר

דער סעקרעטאַריאַט פון דער פאַרוואַלטונג פונעם שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר באַגריסט האַרציק דעם קאָלעקטיוו פון דער רעדאַקציע, די אַווטאָרן און די לייענער פון דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד״ מיטן פופצנטן יאָרטאָג, זינט עס איז דערשינען דער ערשטער נומער פונעם זשורנאַל.

הונדערט זעכציק דערשינענע פאַר אָט די יאָרן בענדער פון „סאָוועטיש היימלאַנד״—דאָס זײַנען צענדליקער באַהויכטע מיט די אידייען פון סאָוועטישן פּאַטריאָטיזם ראָמאַנען, הונדערטער דערציילונגען, לידער און פּאָעמעס, פּאַרצייכענונגען און אַרטיקלען פון די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער. דאָס איז אַ מאַמאָשעס־דיקער בײַטראַג אין דער אַנטוויקלונג פון דער פילנאַציאָנאַלער סאָוועטישער ליטעראַטור.

אַ הויכע אָפּשאַצונג פאַרדינט די פּובליציסטישע לײַדנשאַפטלעכקײַט, מיט וועלכער עס טרעט אַרויס דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד״, שילדערנדיק דעם סאָוועטישן אַרט לעבן, דעמאַסקירנדיק דעם בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם, ראַסיזם און ציוניזם, קעמפנדיק קעגן יעטווידע אַנטפּלעקונגען פון רעאַקציע, אַנטי־סאָוועטיזם.

באַגריסנדיק די רעדאַקציע פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד״ מיט דער רומפולער דאַטע, ווינטשט דער סעקרעטאַריאַט פון דער פאַרוואַלטונג פונעם שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר דעם רעדאַקציאָנעלן קאָלעקטיוו נײַע שעפערישע דערפאָלגן אינעם דערציִען די לייענער אין גייסט פון סאָוועטישן פּאַטריאָטיזם, פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם, ברידערלעכער פעלקער־פרײַנטשאַפט.

סעקרעטאַריאַט פון דער פאַרוואַלטונג
פונעם שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר

אַרן װערגעליס

סאָבאָלען און אױסזיבטן

אין מעשעך פֿון די לעצטע 15 יאָר איז די ייִדישע ליטעראַרישע לײענער־סוױװע אָן אײדעס פֿון אַ שעפּעריש־דערהױבענעם פּראָצעס — דעם רעגולערן אַרױסגאַנג פֿון דער כּודעשלעכער אױסגאַבע „סאָװעטיש הײמלאַנד“, װעלכע לאָזט ניט איבער גלײַכגילטיק ניט דעם אָנהענגער, ניט דעם קעגנער. ס׳איז בעעמעס ניט אָפּצומערקן אין דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור נאָך אַ זשורנאַל, װאָס זאָל אַרױסרופֿן, װי „סאָװעטיש הײמלאַנד“, אַזעלכע צופּלוסן פֿון לײַדנשאַפֿט. גענוג צו דערמאָנען, װיאַזױ בײַסן 10־יאָריקן יוּװוּל פֿון אונדזער צײַטשריפֿט, אין 1971, האָט, פֿון אײן זײַט, אַ ציוניסטישער אַקטיװיסט צװישן די פּען־מענטשן אין ייִסראָעל אַ. קאַרפּינאָװיטש אױסגעשריגן אױף אַ סימפּאָזיום אַרום אָט דער דאַטע, אַז „אין דער פֿאָרם, װי דער זשורנאַל זעט איצט די שײַן, האָט ער ניט די רעכט אױף עקזיסטענץ!“, און, פֿון דער צװײטער זײַט, האָט דער פֿאָרזיצער פֿונעם ייִסראָעלדיקן ייִדישן שרײַבער־פֿאַרײן מ. צאַנין געשריבן מיט אופּגעבראַכטקײַט אין דער צײַטונג „לעצטע נײַעס“, אַז עס איז פֿאַראַן אַזאַ עלעמענט, װעמען ס׳איז „גרױס אין די אױגן, װאָס „סאָװעטיש הײמלאַנד“, װי אַ כּודעש־זשורנאַל אין ייִדיש, דערשײַנט בכלל, און ער װאָלט אָװעקגעגעבן דעם מײלעכס אוצער, אַז דער עפּנטלעכער ייִדישער אױסדרוק אין ראַטנפֿאַרבאַנד זאָל ליקװידירט װערן, דערקלערט װערן פֿאַר טױט... ער װערט גרין און בלאָ, װען ער דערזעט אַ נײַעם נומער פֿון „סאָװעטיש הײמלאַנד“. צום באַדױערן, זײַנען אױך ייִדישע שרײַבער אָפּט אַרײַנגעצױגן אין דער פּאָליטישער קאַמפּאַניע קעגן „סאָװעטיש הײמלאַנד“, ניט אָפּגעבנדיק זיך קײן כעזשבן, אַז זײ װערן אױסגענוצט... קעגן ייִדיש, קעגן דער ייִדישער ליטעראַטור. „סאָװעטיש הײמלאַנד“ איז הײַנט די בעסטע ייִדישע ליטעראַטור־שריפֿט אין דער װעלט“...

געװען פֿאַלן פֿון פּאָגראָמירן ביכער־קראָמען, װעלכע פֿאַרקױפֿן דעם סאָװעטישן ייִדישן זשורנאַל אינעם „פֿרײַען אױסלאַנד“, אױך פֿאַלן פֿון פּרוּװן אָפּשװאַכן און, מעגלעך, אָפּשטעלן זײַן צירקוליאַציע צװישן די פֿאָלקסמאַסן אין קאַנאַדע, פּשאַ, ייִסראָעל, אױסטראַליע. אַזאַ האַס־פֿיבער באַ געװיסע פֿאַרינטערעסירטע קרײַזן שאַפֿט, געװײנטלעך, פֿיל קאָװעד אונדזער ליטעראַרישער אױסגאַבע, װעלכע, װי מיר װײסן, קומט אָן צום לײענער, אין סאָף פֿונעם צײַט־אָפּשניט פֿון 15 יאָר, מיט איר 161־טן באַנד.

באַ דער געלעגנהײַט פֿון דער יובילײ־פֿײַערונג איז נײטיק װאַרפֿן אַ בליק אױף דער פּראָבלעמען־פּאַנאָראַמע אין און אַרום דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער ליטעראַטור.

עס גײט אַ רײד װעגן די זעכציקער יאָרן און װעגן דער ערשטער העלפֿט פֿון די זיבעציקער יאָרן פֿון אונדזער יאָרהונדערט. מיר װײסן, װאָס דאָס איז פֿאַר אַ צײַט.

גאַגאַרין. צעלינאַ. דובנאַ. בראַטסק. בײַקאַל־אַמורער מאַגיסטראַל.

„אַפּאָלאָן“ — „סאָיוז“. טראַנספּלאַנטאַציע פֿונעם האַרץ. עקסטראַ־קלאַנג־שנעלקײַט.

דאַלאַס. לומומבאַ. נאָענטער מיזרעך. טשילי.

וויעטנאם. פּאָרטוגאַליע. אַנגאָלא.
דעטאַנט.

די אַנדערהאַלבן יאָרצענדליקער זײַנען פאַרבונדן מיטן קריזיס אין דער קראַנקײַט, וואָס רופט זיך קאַלטער קריג. ס'זײַנען געוועזן געפערלעכע אויפבליצן פון דער קרענק, מעשונע־הויכע טעמפּעראַטור בײַ דער וועלט־סטרוקטור; עס האָבן זיך באַוויזן ראַדיקאַלע היילונגס־מיטלען, וואָס הייבן שוין אָן צו געבן פאַרלײַכטערונג...

אויף דער ייִדישער גאַס זײַנען די געשעענישן געגאַנגען אין אַ פאַרקערטער ריכטונג. די קומענדיקע היסטאָריקער און סאָציאָלאָגן וועלן, קאָן זײַן, זיך אָנשטויסן אויף שוועריקײַטן באַם נעמען זיך אויפצוקלערן אויף אַ לאָגישן אופן און אָפּשאַצן אַט דעם דאָזיקן צײַט־אָפּשניט, ווײַל עס קומט פאָר בעעמעס אומגלייבלעכס: אַ נאַציאָנאַלע סוויווע, אין וועלכער עס האָבן פריִער פּרעוואַלירט טענדענצן פון פּראָגרעס, איז איצט אין אַ גאַנצער רײַ לענדער — ייִשׂראל, פּשא, קאַנאַדע, אויסטראַליע, ענגלאַנד א. אַנד. — אין גאָר אַ גרויסער מאָס פאַרטויבט פון דער עקסטרעם־רעאַקציאָנערער און אָבסקוראַנטישער פּראָפּאַגאַנדע, און אין רעזולטאַט פון דעם איז זי ווי אָפּגעוואָרפן געוואָרן צוריק אויף אַ גאַנצן געשיכטלעכן עטאַפּ. אין יעדן פון די דערמאָנטע לענדער און אויך אין אַנדערע האָבן אין דער ייִדישער סוויווע גענומען די אויבערהאַנט קוילכעס פון רעאַקציע און רעגרעס. די קלעריקאַלע געטאָס אין צאָפן־אַמעריקאַנער שטעט, די פאַרמאַכטע פאַר אַ פרעמד אויג־און־אויער קלוימערשט געשעפטלעכע, נאָר פאַקטיש ריין־פּאָליטישע קערפּערשאַפטן פון יאהודים אין די צענטערן פון אייראָפּע, די אָרגאַניזירטע אין פאַרטייען, „כעוורעס" און „הויפן" פינצטערע פאַנאַטיקער אין ייִשׂראל און אַמעריקע, — זיי זײַנען הײַנט שוין ניט קיין אָביעקטן פאַר ליבהאָבער פון נאַציאָנאַל־אָפּגעוועלקטער עקזאָטיק. ס'איז קריגערישער מיטלאַלטער, און דער שרײַענדיקער פּאַראַדאָקס באַשטייט אין דעם, וואָס גראָד בײַ ייִדן, וועלכע האָבן געגעבן דער וועלט שפּינאָזען, מאַרקסן, איינשטיינען, סווערדלאָוון, האָבן אין דער צווייטער העלפט פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט אויפגעלעבט און זײַנען פרײַ ארויס אין גאַס די איכטיאָזאַווערן פונעם גײַסטיקן לעבן. עס האָט זיך אײַנגעשטעלט אַ ציִעניסטיש־אַנטיקאָמוניסטישער פראָנט, וועלכער איז שמײַדיק אַקטיוו אינעם קאַלטן קריג, האַלבנדיק אויף זײַנע פּלאַנגען דעם פּאַשיזם פון די בעגינס און פון די קאַכאַנעס. דער דאָזיקער מאַצעוו ווערט נאָך מער געפערלעך מיט דעם, וואָס אין די זעלבע יאָרן האָט צווישן דער אָנפירערשאַפט פון די פּראָגרעסיווע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס, איבערהויפּט אינעם גרעסטן ייִשעוו — אין אַמעריקע, זיך פאַרשפּרייט דער ווירוס פון רענעגאַטסטווע, און אין דער פאַרטשאַדעטער אַטמאָספער פון נאַציאָנאַליזם באַקומען די „געוועזענע" אַ מעגלעכקײַט צו אָפּשוואַכן און אפילע אַרויספירן פון דער רײ קעמפערישע רעוואָליוציאָנער־פּראָגרעסיווע קוילכעס פון די ייִדישע אַרבעטנדיקע מאַסן, אַרופוואַרפן אויף דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג דעם שלייף פון אָפּאָרטוניזם און פון ייִדישן בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם, וואָס אין לעצטן רעזולטאַט ברענגט עס צו דער אָנשליסונג צום ציִעניזם און אַנטיסאָוועטיזם.

אַזאַ אידייִש־פּאָליטישע קאָניונקטור אין די וויכטיקסטע ייִדישע ייִשוווים פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער האָט ניט געקאָנט ניט אָפּרופן זיך אויף די אָפּצווײַגן פון דער ייִדישער ליטעראַטור, וועלכע, אַרויסוואַקסנדיק פון זייערע וואָרצלען אין די אַלטע ווױן־ערטער (רוסלאַנד, פּוילן, ליטע, רומעניע), שפּרייטן זיך, פון אַ לאַנגער צײַט אָן, אַכוץ דעם סאָוועטנפאַרבאַנד, אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט און אין ייִשׂראל.

די פאַרגאַנגענע זעכציקער און די לויפנדיקע זיבעציקער יאָרן זײַנען פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע באַזונדערס שווערע. עס זײַנען שוין אַוועק אין דער אייביקײַט די לעצטע „יונגע" און די לעצטע „אינזיכיסטן". צוזאַמען מיט לייוויקן, גלאַנץ־לעיעלעסן, עפראַיִם אַווערבאַכן, נאָכעם יודן, מאַלקע לי, קאַדיע מאָלאָדאָווסקי — די געשטאָרבענע אין מעשעך פון אָט די יאָרן — איז קימאַט אינגאַנצן שוין פאַרשוווּנדן פון דער בירגערלעכער ייִדישער ליטעראַטור־סוויווע דער טיפּ פראָפעסיאָנעלער פּראָזע־ אָדער דיכטונג־מעכאַבער. דאָס ביסל רעשט איז „פאַרבאַשעוויסט" געוואָרן. אויפן דערהויבענעם טראָן פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, אַרום וועלכן ס'פלעגן נאָך ניט לאַנג צוריק זיך געפינען אין אַ ציטערדיקער כשיוועס־נאָענטקײַט רייזען, אָפּאַטאָשו, האַלפּערן, אש, נאַדיר, לייוויק, מאַני לייב, האָבן איצט זיך צעלייגט, מיט די פיס און מיט די שטיוול, גראַפאָמאַנען, ראַבאָנים, סי־אײַ־עי־פּאָרוטשענצעס, ציִעניסטישע אַפּאַראַטשיקעס, אַנטיסאָוועטישע צײַטונגס־רעפּאָרטיאָרן.

וואָס איז שײַעך דער אַמאָליקער „פּראָלעטפּען"־גרופּע אין פּשא, איז פון איר געבליבן, קאָן זײַן, בלויז אַ שפּור. פאַר די אַנדערהאַלבן יאָרצענדליקער זײַנען אַוועק פונעם לעבן די עלטערע פון דער פּראָגרעסיווער מאַכנע: אַרן קורץ, ל. מילער, סאָרע פעל־יעלין, ש. דייק־

סעל. געציילטע געבליבענע האָבן אָנגעווירן דעם ריכט־פּאָדעם. ס׳איז א טרויעריקער פאקט, אז אין דעם איקופישן זשורנאל „יִדישע קולטור" דרוקט איצט דער „געוועזנער" מארטין בירנבוים אנטיסאָוועטישע שירים, וועלכע וואָלטן „באפוצט" מיט זיך א זײַט אינעם „פאָרווערטס". די יעניקע, וואָס האָבן ניט פארלאָזן, אָדער ניט אינגאנצן נאָך פארלאָזן דעם כיוון און די פאראנטוואָרטלעכקײַט (בער גרין, סעם ליפּצין, י.־א. ראָנטש, כאַים שווארץ, נ. ד. קאָרמאן, דאָוויד סעלצער אא.), געפינען זיך אונטער דער בײַטש פון די בייז־אוועקגעגאנגענע רעדאקטאָרן אין די שוין געענדערטע אויסגאבעס „מאָרגן־פרײַהײַט" און „יִדישע קולטור", און זיי זײַנען ניט בעקויעך, ווײַזט אויס, צו אָרגאניזירן זיך ארום אזא מער־ווייניקער פארהיטער ליטעראטור־פּלאַטשאדקע, ווי, לעמאָשל, די פעריאָדישע אויסגאבע פונעם יִדישן פּראָגרעסיוון שרײַבער־פאריין אין פּשא „זאמלונגען", קעדיי מיט דעם צו ראטעווען פון פארשווינדונג — אף א שמאָלערער, אָבער דערפאר אף א פרינציפּיעלער באזע — די „פּראָלעטפען"־טראדיציעס.

ביז דער לעצטער צײַט האָט מען, ווי באוווסט, גערעדט וועגן דרײַ הויפּט־צענטרען פון דער יִדישער ליטעראטור: סאָוועטנפארבאנד, פּשא, יִסראָעל. מוז מען איצט קאָנסטאטירן, אז אין פּראט פון רעאלע ליטעראַרישע קרעפטן, דה. פון דעם, וויפל ס׳זײַנען פאראן שעפערישע שרײַבערישע פּערזענלעכקײַטן, וועלכע שטעלן צו פאר דעם יִדישן לייענערס ביכערפּאָליצע קינסטלערישע ווערק, — אין אָט דעם פּראט איז שוין הײַנט דער זעקסמיליאָניקער יִדישער יִשעוו אין אמעריקע ניט אף קיין סאך וואָגיקער פון דעם פיל און פיל קלענערן יִשעוו אין פראנקרײַך, אשטייגער (מיט כ. סלאָוועסן, ב. שלעווינען, ד. טייטלבוים, מ. שולשטיינען און אנדערע שרײַבער, וואָס האגאם בא באזונדערע פון זיי האָט דער אידיייִשער זייגער־אומרו זיך ניט איין מאָל געוואקלט „פון" און „ביז", זײַנען זיי אַלע, פון ריין פּראָפעסיאָנעלן שטאנדפונקט, ארײַנטרעגער פון ליטעראַרישע ווערטן).

ארום דעם צווייטן צענטער פון דער יִדישער ליטעראטור — יִסראָעל — פירט זיך א העפטיקע פּראָפּאגאנדע אין דער ציִעניסטישער פּרעסע און ספּעציִעל אין שײַכעס מיט פּאָליטישע אומגאנג־קאמפּאניעס. זוכנדיק צו אונטערהאלטן די אליִע־באדערפעניש, באמיִען זיך אייניקע וואָרטזאָגער פונעם הײַנטצײַטיקן ציִעניזם צו שאפן דעם אײַנדרוק, אז עס ווערט קלוימערשט צוריקגעצויגן, אָדער, פינקטלעכער גערעדט, אָפּגעלייגט אין א זײַט דער שפּראכטעזיס, לויט וועלכן יִדיש — די „גאָלעס־שפּראך" — און די קולטור און ליטעראטור אף יִדיש דארפן גענצלעך איגנאָרירט ווערן, און זיי מוזן פארשווינדן לעטויוועס איוורית און דער קולטור און ליטעראטור פון די סאברעס. מע מאכט אזא מין רעקלאמע: קיין יִסראָעל זײַנען אוילע געוועזן פונעם סאָוועטנפארבאנד, פּוילן און אנדערע לענדער „מעכטיקע ליטעראטור־קאדרען", און צוזאמען מיט די דאָרטיקע יִדישע שריפטשטעלער וועלן זיי פארוואנדלען די מעדינע אינעם „גרעסטן צענטער" פון דער ליטעראטור אף יִדיש. דאָס איז אָבער גראָבע דעמאגאָגיע.

די פארדארבערישע אטמאָספער ארום יִדיש אין דער יִדישער מעדינע איז גוירעם די פולע אָפּוועזנהײַט פון אייגענע יִדישע שרײַבער, אויסגעוואקסענע אף דער יִסראָעל־ערד. דער ציִעניזם נעמט זיך דעריבער ארויסשטעלן אין די שויפענצטער לעבעדיקע מאנעקענען — אָנגעפאָרענע מעכאברים פון דער „גאָלעס־ליטעראטור", מיט וועמענס הילף ס׳איז גרינגער ארײַנצונארן דעם „גאָלעס־יִיד". אן־און־פאר־זיך איז דאָס דאָזיקע מאָסמיטל ניט נײַ און ניט, ווי מע זאָגט, הימל־שרײַענדיק, — אויב עמעצער האָט כיישעק זיך אָנדינגען פאר א פרעמדן מיסכער, איז עס זײַן זאך. אָבער איינצײַטיק דארפן מיר דאָס מאָדנע טועכץ ווי ס׳געהער צו זײַן אָפּשאצן. פונעם שטאנדפונקט פון די אינטערעסן פון דער ליטעראטור קאָן מען דאָס אנדערש ניט אָנרופן, ווי שווינדל. ארויספירן שרײַבער פון זייערע נאטירלעכע וווין־ערטער אין א לאנד פון א גאָר אנדער כאראקטער איז דאָס זעלבע, וואָס אוועקנעמען פון אונטער לעבעדיקע ביימער זייער באָדן און אונטערשטעלן אָנשטאָט אים קארטאָנענעם רעקוויזיט.

די יִדישע ליטעראטור האָט אינעם גאנג פון איר געשיכטע ניט איין מאָל שווער איבערגעלעבט מיגראציע פון שרײַבער. ווען א פּאָעטער באָסערוועדאָם בײַט זײַן היים אף אן אנדערער, איז עס טאָמיד פארבונדן מיט קרענקלעכער אקלימאטיזאציע, וואָס דאָס באטײַט — ניט בלויז זיך צופּאסן צו א געענדערטן קלימאט, נאָר גרינטלעך איבערבויען דאָס גאנצע וועזן, „די נעשאָמע", אזוי צו זאָגן, איבערמאכן די פּסיכאָלאָגיע, די געוווינשאפטן, די געשמאקן, דאָס שטייגער־לעבן. ווען עס בײַטן די היים זייערע שרײַבער, דארפן זיי דערצו נאָך בײַטן די „לירע" — אלע פארבן פון זייער שאפונג, אפילע די לעקסיק, די בילדערישע געשטאלטיקײַט, און אינעם פאל מיט די געוועזענע סאָוועטישע שרײַבער — בײַטן די וועלט־אָנשויונג, אויב זיי האָבן בעעמעס ווען־עס־איז אזא געהאט.

ווי שווער עס איז פאר א „גאַלעס־שריפטשטעלער" צו ווערן אן „עכט־ייִסראָעלדיקער", איז צו זען פון דעם, וואָס אזעלכע באגאבטע דיכטער, ווי א. סוצקעווער, מ. יונגמאן, ר. באסמאן, געקומענע אין דער מעדינע מיט 30 יאָר צוריק, ב. העלער, ל. מאָרגנטוי, געקומענע מיט 20 יאָר צוריק, האָבן נאָך ביז הײַנטיקן טאָג ניט געשאפן קיין איין ברייט־מאסשטאביק ווערק אף דער טעמע „ייִסראָעל". וועגן זיי קאָן מען זאָגן, אז זיי לעבן אָפּ זייערע יאָרן אין דער מעדינע, דאָרט שטייט זייער שרײַבטיש; נאָר בעשום־אויפן קאָן מען ניט זאָגן, אז זיי זײַנען אירע שילדערער. דאָס זעלבע, אגעוו, איז געשען מיט ביאַליקן, אשן און אנד. נו, און פאר די שרײַבער, וואָס זײַנען ארויסגעפאָרן פונעם סאָוועטנפארבאנד, — פאר זיי זײַנען די עטלעכע יאָר ארומשמײַען ארום די צ׳יעניסטישע פושקעס א קאטאסטראָפאלע אָפּשוואכונג פון די אזוי אויך שוואכע קויכעס. דערצו נאָך קומט צו דער שעקער, וואָס באגלייט דעזערטירסטווע. עלי שעכטמאן האָט זײַן ראָמאן „ערעוו" געשאפן און פארעפנטלעכט אין סאָוועטנפארבאנד, אונטער דער שעפערישער האשפּאָע פון „סאָוועטיש היימלאנד", און איצט פארנעמט ער זיך אין ייִסראָעל מיט איבערמאכן און פעלשן דעם אור־פארטראכט, האָפּענענדיק אויסצודינגען פאר זיך באם צ׳יעניזם א מאנטיע פון „גרויסקײַט". שלוימע רויטמאן, וואָס האָט אין סאָוועטנפארבאנד געהאט אייגענעם קאָלאָריט, אייגנארטיקע דיכטערישע פאקטור, האָט אין ייִסראָעל, גלײַך ווי ער איז „אראָפּ פון דער פור", אָנגעהויבן שיטן מיט לידער פון א סטאנדארטן באַי־סקאורטישן „פאטריאָטיזם", און ס׳איז מאָדנע צוצוזען, ווי דער קערנדיקער דיכטער מאכט הײַנט נאָך דעם נוסעך פון אזעלכע ווערסיפיקאטאָרן, ווי קערלער, עפראַים רויטמאַן, בוימוואָל. אין דער מעדינע האָט שלוימע רויטמאן ארויסגעלאָזט זײַנע אין סאָוועטנפארבאנד אָנגעשריבענע לידער און דעם בוך געגעבן א נאָמען, וועלכער רעדט וועגן זײַן געמיט־צושטאנד: „דער לעץ און דער ריטער"...

יאָ, אין ייִסראָעל איז זיך צונויפגעקומען הײַנט־צו־טאָג אן אוילעם ייִדישע פען־הענדלער — אלע פון באיאָרטן, ווײַט שוין ניט שעפעריש־פרישן עלטער, יעדערער מיט זײַן פעקל דײַגעס און שיזאָפרענישע אמביציעס. און ווען ס׳וועט זיך אָפּשטעלן דער נאָכפרעג אף אָט דעם אוילעם ווי אף א קאָרט אין דער אנטיסאָוועטישער שפּיל, — דאן וועט קלאָר ווערן פאר אלעמען, אז דעם צ׳יעניזם, וועלכער האָט פון אָט די שרײַבער געמאכט „אוילים", איז געווען וויכטיק ניט צו וואָס זיי וועלן צושטיין, נאָר פון וואָס זיי וועלן אָפּגיין. דער פּאָליטישער ציל איז געווען — אָפּשוואכן די סאָוועטישע ייִדישע ליטעראטור, אוועקנעמען בא איר ווי ווײַט מעגלעך מערער שעפער, דאָס הייסט — א געוויינלעכע אידעאָלאָגישע דיווערסיע.

פארשטייט זיך, אז פון אזא פארברעכערישן שאָדן־„שפּיצל" וועט די ייִדישע מעדינע ניט ווערן קיין גרעסערער ייִדיש־ליטעראַרישער צענטער, ווי זי איז. אן אנדער פראַגע איז — צי האָט דעם צ׳יעניזם זיך אײַנגעגעבן צו דערגרייכן א וועזנטלעכן אָפּפלוס פון שעפערישע קויכעס פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור, אן אָפּפלוס פון אזא פארנעם, אז די ליטעראטור זאָל פון אים ווערן ווייניקער לעבנספייִיק? די דאָזיקע פראַגע באקומט איר ענטפער באם אונטערצ׳יען דעם סאכאקל פונעם 15־יאָריקן דערשײַנען פון אונדזער זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד". די סאָוועטישע ייִדישע ליטעראטור לעבט, און זי קעמפט פאר איר ווײַטערדיקן קיִעם אף די פרוכטבארע יעסוידעס פון אָרגאנישער פארבינדונג מיטן רעאַלן לעבן. זי פונקציאָנירט אין א נאָרמאלער אטמאָספער, אין דער ארומרינגלונג פון פרײַנטלעכע שוועסטער־ליטעראטורן. מיט פאראכטונג האָט זי אָפּגעוואָרפן די ביזאָיענלאָזע אנטישעפערישע האנדלונג פון די דעזערטירן און ארויסגעריסן זיי פון איר הארצן. די סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער זײַנען ניט קיין קוקאָוועס, וואָס לייגן זייערע אייער אין פרעמדע נעסטן. אויב זיי קומען יאָ אָן צו ניט־אײגן לאנד, איז קעדיי א קוק טאָן אף דעם פון דער הייך פונעם אייגענעם לאנד און וועגן אלץ באוווסט מאכן דעם לייענער. אונדזער סאָוועטישע ייִדישע ליטעראטור איז א פּאָטערלענדישע, ווי ס׳איז אָנגענומען צו אויסדריקן זיך אין רוסלאנד. זי וועט פאָרזעצן לעבן אינאיינעם מיט איר דוירעסדיקן שילדערונגס־מאטעריאל, ניט אָפּגעטיילט פון איר לענינישער וועלט־אויפאסונג, לעבן אין דער היים, און ניט ערגעץ אין האָצעפּלאָץ. וואָס פאר א ווערט האָבן קעגן די דאָזיקע פרינציפּיעלע האנאָכעס די מיִעסע „שפּיצלעך" פונעם צ׳יעניזם?

פארשטייט זיך, מיר פארמאכן ניט די אויגן אפן מאצעוו אין פראט פון שעפערישע קאדרען. מיט 15 יאָר צוריק, ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד", זײַנען נאָך געווען טעטיק אייניקע פון אונדזערע „פּאטריאַרכן". נאָכעם אויסלענדערן, דעם מיטצײַטלער און מיטקעמפער פון אָשער שוואָרצמאנען, — געהער דער פארדינסט פון העלפן אויספורעמען די אידיייִשע פראָגראם צוערשט פונעם שוין איצט שיר ניט לעגענדארן זשורנאל „שטראָם", אין סאמע אָנהייב פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור, און דערנאָך פונעם

זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", אין די פּריִז זעכציקער יאָרן. איציק קיפּניס, ז. ווענדראָף, מאַקס שאַץ־אַנין, כּאַנע לעווין, אווראָם קאַהאַן, יאַנקעוו שטערנבערג — פֿאַרשטייער, פּיגוראַל גערעדט, פֿונעם בערגעלסאָן־האַפּשטיין־דאָר — זײַנען געווען צווישן די גרונטלייגער פֿונעם נײַעם עטאַפּ אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור, וועלכער הייבט זיך אָן אין 1961. באַזונדערס וויטעקלעך רופֿט זיך אָפּ אָף אונדזערע פֿאַרמעסטן דער פּאַרלוסט פֿון אַ גאַנצער ריי שרײַבער, אויסגעוואַקסענע ביז די הייכן פֿון שעפֿערישער שליימעס אין ערשטן יאָרצענד־ליק פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד" — דער פֿאַרלוסט פֿון די דיכטער מוישע טייף, מאָטל גרוביאַן, שיקע דריז, שׂיפֿרע כאַלאָדענקאַ, פֿון דעם ראָמאַניסט נאָטאַן זאַבאַרע, פֿון די קריטיקער מוישע באַטאַוויטש, כאַיִם לויצקער, פֿון די שעפֿעריש־אופֿגעקומענע מיט אַ באַנײַטן אַטעם טאַקע אויך אָף די זײַטן פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד" דיכטער, פּראָזאַיִקער, פּובליציסטן, ליטעראַטור־פֿאַרשער — הילעל אַלעקסאַנדראָוו, אַלעקסאַנדער גוביניצקי, איטשע באָרוכאָוויטש, שלוימע ראַבינאָוויטש, ליובע וואַסערמאַן, שלוימע טשערניאַווסקי, פּייסי יאַנאָווסקי און אַנד. אין סאַך־כאַקל געענומען זײַנען פֿאַר די 15 יאָר אַוועק אין דער אייביקײַט 48 שעפֿער פֿון דער סאָווע־טישער ייִדישער ליטעראַטור. עס האָט זיך אויך ניט געקאָנט אָפּרופֿן אָף דעם ליטעראַרישן „צעך" דאָס דעזערטירן מיצאַד אַ צאָל שרײַבער, וועלכע וואָלטן אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד פֿאַר־געזעצט זייער אײַנגעבוירענעם גאַנג אָף דער ערד פֿון די וואָרצלען, יעדערער, נאַטירלעך, לויט זײַנע קויכעס, און אין ייִסראָעל זײַנען זיי פֿאַרורטײלט צו וועלקונג, קוידעמקאָל — צו שענדלעכער אידייִשער דעגראַדאַציע.

יאָ, דער טויט און דער אָפּפֿאַל — זיי האָבן זיך ווי פֿאַרייניקט, קעדיי אונטערטראָגן אַרגו־מענטן די סקעפּטיקער, די ניט־גלייבער אין די לעבנס־קויכעס, אין די גוטע אויסזיכטן פֿון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור. ס'איז אָבער שטאַרקער פֿון זיי געווען אין מעשעך פֿון 15 יאָר און איז פֿאַרבליבן אויך איצט שטאַרקער דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", די צענדליקער נײַע ביכער, וואָס עס האָבן אַרויסגעלאָזט די שעפֿער פֿון אונדזער ליטעראַטור, די גרויסע צאָל נײַע מאַנוסקריפּטן, וועלכע זײַנען הײַנט אין דער אַרבעט. פֿאַר מענטשן מיט שמאָלע קעפּ וועט מיסטאָמע בלײַבן אַ רעטעניש פֿאָלגנדעס:

אין 1961 האָט „סאָוועטיש היימלאַנד" געהאַט 113 אַווטאָרן; איצט, אין 15 יאָר אַרום, נאָך אַלע פֿאַרלוסטן, איז די צאָל אַ גרעסערע: 134.

מע קאָן פֿרעגן: פֿונוואַנען נעמען זיך נײַע שעפֿערישע קויכעס? קיינער לייקנט ניט, אַז אַכצניאָריקע באַגאַבטע ייִנגלעך און מיידלעך טרעטן שוין ניט אַריבער די שוועל פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. אָבער לאָמיר זיך אײַנטראַכטן אין די פּראָצעסן, וועלכע ס'האָט אַרויס־גערופֿן די געראָטענע טעטיקײַט פֿון אונדזער ליטעראַרישער צײַטשריפֿט. מע זאָגט: פֿאַראַן אַ באַזונדער מין טאַלאַנט — דאָס אָפּזוכן, אַרויספֿירן, אופֿהייבן טאַלאַנטן. די דאָזיקע אייגנ־שאַפֿט העלפֿט „סאָוועטיש היימלאַנד" צו קאָמפּענסירן די אָפּוועזנהײַט פֿון אַנדערע נאַטירלעכע קוואַלן פֿאַר דעם וווּקס פֿון די ליטעראַטור־רייען. ס'איז פֿון וויכטיקן באַדײַט, וואָס אין דעם רעגולמעסיקן גאַנג פֿון אונדזער ליטעראַרישער מאַכנע, נאָכן 1961 יאָר, האָבן זיך געלאָזט הערן, צוערשט ניט דרייסט, דערנאָך שטאַרקער און זעלבשטענדיקער די טריט פֿון אַלעקסאַנ־דער ליזען, מישע לעוו, דאַוויד בראָמבערג, אווראָם קאַצעוו, מישע מאָגילעוויטש, פּיניע קי־ריטשאַנסקי, מאָטל גרוומאַן; עס זײַנען ווידער אופֿגערופֿן געוואָרן צו שריפֿטשטעלערישער אַרבעט די שוין פֿון לאַנג פֿאַרשוויגן־געוואָרענע באָריס מאָגילנער, עליע ביידער, פּיניע פּלאָט־קין, כאַיִם גורעוויטש, וועלוול ווערניק, ליפּע העלער, זיאַמע טימענטשיק, יאַנקל עלקיס; פּונקט ווי באַנײַס אַ קאָן פֿונקציאָנירן אווראָם פֿריבלודע, זאַלמען קאַהאַן, נאָכעם פֿרידמאַן, אַבע פֿינקעלשטיין; עס האָבן זיך באַוויזן אין דרוק אַלעקסאַנדער בעלאָוסאָוו, יאָשע טשערניס, יאָשע רוביאַן, רוווען פּוסטילניקאָוו, כאַיִם טאַמאַרקין, לייב ווילסקער, ייִסראָעל קאָוועלמאַן, יויסעף שוסטער; אַ היפּשע צאָל נײַע נעמען האָט געגעבן די סטאַבילע רובריק אין זשורנאַל „ווערק פֿון אונדזערע לייענער" — מיר רופֿן דאָ אָן בלויז די נעמען פֿון יענע אַווטאָרן אין אָט דער רובריק, וועלכע האָבן זיך אײַנגעבירגערט, מער־ווייניקער, אין ליטעראַרישן שאַפֿן: באָרעך שײַנגאַוטער, נעכאַמע סיראָטינע, ראָזע קאַץ־ראַבינאָוויטש, בראָניע סינעלניקאָוואַ, מוישע פֿענס, זיסי ווייצמאַן, יאַנקעוו פֿליך, שלוימע ראַפּאָפּאָרט, שׂיִע זינגער, רעפֿאָעל גאָלדענבערג, יעשוע הוטנער, אײַזיק שפּילבערג, יאַנקעוו קראַוועץ, אָרן זײַטשיק, זאַלמען מינקין, מאָגיע מיניעוויטש, ביניאָמין קאָטליאַר, ייִצכאָק באַראָוויטש, הערשל באַראַז, מוישע מאַנדעל אאַ.

קאָן מען אָבער דערווידערן: די צאָל איז ניט באַטרעפֿלעך. ווו זײַנען צווישן די גרונט־קאַדרען פֿונעם נײַעם עטאַפּ די הײַנטיקע מאַרקישעס, כאַריקס, גאָדינערס, און צווישן דעם נאָכוווּקס — די אָרלאַנדס, אַלעוווּסקיס, אַלבערטאָנס?

איז אָבער די זאַך ניט אַזאַ פּאַשעטע, ווי זי זעט אויס לויט די אָפּריידעניש פֿון יענע

סקעפּטיקער, וועגן וועלכע כ׳האָב שוין ערשט דערמאָנט. מע וואָלט געקאָנט, פאַרשטייט זיך, אויך אוועקשטעלן זיך און פאַרגלײַכן דעם אָדער יענעם הײַנטצײַטיקן שעפער מיט זײַנעם אַ פאָרגייער. איז עס, ווי מיר שײַנט, אָן אומזיסטע מי. באַ דער געלעגנהײַט דאַרף געזאָגט ווערן, אַז אין די צוואַנציקער יאָרן איז די קריטיק געווען אַ סאַך ברייטהאַרציקער, איידער איצט. ווען מאַרקיש האָט נאָך ניט געהאַט אָנגעשריבן קיין איינע פון זײַנע באַרימטע פּאָעמעס, און ער האָט דערווײַל געפּרוּווט די שטים אין „סטאַם" און „פּוסט־און־פּאַס", ווען קוויטקאָ איז ערשט געווען דער אָווטאָר פון דעם „רויטן שטורעם", ניט מער, דער ניסטער — פון די לידער־ציקלען און פון „געדאַכט", ווײַט־ווײַט נאָך פון „מישפּאָכע מאַשבער", און אַזוי אויך אַלע איבעריקע פאָרשטייער פון דעם גרונטלייגער־דאָר (דעמלט נאָך שרײַבער־אָנפאַנגער), — זײַנען שוין אין די ערשט־אָפּגעקומענע העפטן פון די רעוואָליוציאָנערע זשורנאַלן אַרויס יעכעזקל דאָברושין, נאָכעם אויסלענדער, שאָלעם גאָרדאָן און מיטן פולן מויל אָנגערופן זיי גרויסע, ניט האָבנדיק, צום גליק, קיין טאָעס. אין די זיבעציקער יאָרן זײַנען אין דער גאַנצער סאָוועטישער ליטעראַטור די מאָסן שטרענגערע, דער צוגאַנג אָן אײַנגעהאַלטענער. וועגן „גרויסקייט" וועט אורטיילן די צײַט. מע קאָן בלויז זאָגן, אַז די הײַנט־פונקציאָנירנדיקע פּראָזע־מײַסטערס מוישע אַלטמאַן, נאָטע לוריע, יעכיעל שרײַבמאַן, שמועל גאָרדאָן, כאַיִם מעלאַמוד, שירע גאָרשמאַן, הערשל פּאָליאַנקער, יעכיעל פאַליקמאַן, בוזי מילער, טעוויע גען, מאַרק ראַזומני, בער האַלפּערן, העשל ראַבינקאָוו, מאָזי קאָבריאַנסקי, ריווקע רובין אאַ., די דיכטער אַווראָם גאָנטאַר, הירש בלאָשטיין, מאָטל טאַלאַלאַיעווסקי, דאָרע כײַקינע, מענדל ליפשיץ, ריווע באַליאַסנע, כאַיִם ביידער אאַ., די ליטעראַטור־פאָרשער הערש רעמעניק, אירמע דרוקער, יעשוע ליובאָמירסקי, אָרן ראַסקין טראָגן אַרײַן אין דער שאַץ־קאַמער פון דעם ייִדישן ליטעראַרישן שאַפן קינסטלערישע ווערק, מיט וועלכע ס׳וואָלט זיך געגרויסט אַ באַליביקע ליטעראַטור.

די פראַגע ווערט איצט געשטעלט גאָר אין אַן אַנדער פלאַך:

פופצן יאָר איז פאַר אַ גרויסן קאָלעקטיוו שעפער, פאַר אַ גאַנצער ליטעראַטור אַ גענוגנדיקער צײַט־אָפּשניט אָף צו פעסטשטעלן, צי ס׳איז ריכטיק דער וועג, צי דער אידייִשער מאַיאַק איז אָריענטירט אָף דעם פאָלקס־לעבן, צי דער טעמאַטישער און סטיל־שטראָם אַנטשפּרעכט דער צײַט. אין באַצוג צו דער ייִדישער ליטעראַטור וועט דאָס אַלץ באַטײַטן — צי זי איז אַ לעבעדיקע, אַ הײַנטצײַטיקע ליטעראַטור, אַ נייטיקע פאַר דעם לייענער?

אָף דער דאָזיקער פראַגע קאָן מען ניט ענטפערן מיט איין וואָרט — יאָ צי ניין. ס׳איז נייטיק אַרײַנצוקוקן אין די איצט־אָנגעשריבענע ביכער, אין די פעריאָדישע אויסגאַבעס, אויסמײַדנדיק זיך צוצוהערן צו די פּראָפּאַגאַנדיסטישע רעקלאַמע־דעקלאַראַציעס.

עס איז קלאָר פאַר אַלעמען, אַז מיר, מאַרקסיסטן, נעמען ניט אוף די ייִדישע ליטעראַטור ווי איין שטראָם. דאָרט, ווו די וועלט־אויפפאַסונג, די אידייען־מאַגיסטראַל איז ניט איינהײַטלעך, קאָן דען גיין אַ רייד וועגן געמיינזאַמקײַט פון עסטעטישע קריטעריען, וועגן איין שעפערישן גאַנג? דער מאַנגל אין אָרט דערלויבט ניט אין דעם דאָזיקן אַרטיקל אָנצורופן די צענדליקער אָווטאָרן אין דער בירגערלעכער ייִדישער ליטעראַטור פון אויסלאַנד, וועלכע וואָלטן אין סאָוועטנפאַרבאַנד ניט פּרעטענדירט אַפילע צו אָנרופן זיך שרײַבער, זייערע „ווערק" וואָלט קיינער ניט געדרוקט; אין דער זעלבער צײַט איז גענוג געווען געוויסע „אונדזערע" ליט־שלימאַזאַלים אַריבערצופאָרן קיין ייִסראָעל, ווי דאָס מאַזל זייערס האָט זיך גלײַך געביטן: מע דרוקט די גראַפאָמאַניע, אוף דאָרט, ווו מע דרוקט זי, לויבט מען זי אין דער וועלט אַרײַן...

אַנאַליזירן דעם צושטאַנד אין דער ליטעראַטור דאַרף מען לויט ערנסטע מוסטערן. אָט וועל איך, אָף טשיקאַווּעס, דערלאַנגען פונעם ביכער־שראַנק, אָן אַן אויסוואַל, אַ נומער פון דער סאַמע סאָלידער אָף דער בירגערלעכער זײַט ייִדישער צײַטשריפט — „די גאָלדענע קייט". ס׳האָט זיך אַרויסבאַקומען דער נומער 78 פאַר יאַנוואַר — מאַרט 1973. „די גאָלדענע קייט" איז אַ פערטליאָר־שריפט פאַר ליטעראַטור און געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען, זי דערשײַנט אין ייִסראָעל, און דער באַנד פאַרן ערשטן פערטל פונעם יאָר 1973 איז געדרוקט געוואָרן, קומט אויס, אין אַ צײַט, ווען אין דער מעדינע איז געגאַנגען צום סאָף דאָס זעקסטע מילכאָמע־יאָר, עס האָט שוין „געשמעקט" מיט די טראַגישע פאַר איר, פאַר דער מעדינע, שלאַכטן אין „יאָמקיפּער־קריג", די לעבנס־פּראָבלעמען זײַנען געווען קאָמפּליצירט, אָנגעווייטעקט, ס׳האָט געראַנגלט און געאַמפּערט זיך דאָס פאָלק, די יוגנט, די סטודענטשאַפט. אָף יעדער גאַס, אין יעדן ייִשעוו זײַנען צוויי לאַגערן געשטאַנען פײַנטלעך איינער קעגן אַנדערן: די אַראַבער און די אָקופּאַנטן־באַצווינגער. ס׳איז נאָך שווערער געוואָרן אין די פּאָשעטע היימען די טאָגטעגלעכע אויסקומעניש. די סאַמע אומגאַנג־ווערטער זײַנען געווען — אינפליאַציע, אַרבעטסלאָזיקײַט, יאַקרעס. די אַרבעטנדיקע באַפעלקערונג האָט אַלץ אָפּטער און אָפּטער גע־

שטרײַקט. צווישן די פּאָליטישע פּאַרטייען זײַנען אָנגעגאַנגען אומופהערלעכע רײַסערײַען. אין די ענגע שטעט און קיבוצים האָבן זיך מאַכנעסוויִז באַוויזן צעטומלטע, אַנטוישטע, ניט אײַנגעאָרדנטע אינעם שטייגער־לעבן, ווילד־פּרעמדע צו אַלץ־אַרום „אוילים״ פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. אַזאַ פּלאַנטער! אַזאַ מישמאַשו אַזויפיל ניט פאַרשטענדלעכע, ניט נאָרמאַלע „רעאַל־קײַטן״! ווי־אַזוי דאָס אַלץ פאַרשטיין? וואָס וועט זאָגן וועגן אָט די ניט פאַרענטפערטע פראַגן און פּראָבלעמען די ליטעראַטור? ווער וועט אויפקלערן די „רעטענישן״ פון דער ווירקלעכקײַט?

איך עפן אויף דעם צופעליק־אַרויסגענומענעם פונעם ביכער־שראַנק נומ. 78 פון דער סאָלידער ייִסראָעל־צײַטשריפט „די גאָלדענע קייט״. איר אַרויסגעבער איז די היסטאַדרוט — דער פּראָפאַריין־צענטער פון דער מעדינע. ווו נאָך, אויב ניט אין אַזאַ אויסגאַבע, זאָל מען זוכן אַן ענטפער אָף די צייט־פראַגן?

דער זשורנאַל־נומער הייבט זיך אָן מיט אַ פּאָעמע פונעם דיכטער יאַנקעוו פרידמאַן — „אַ כאָלעם צווישן בערג״. די ערשטע שורעס פון דער פּאָעמע זײַנען אַזעלכע:

די גאָרילע מיט צילינדער און פראַק
טוט אָן הענטשקעס פון ווײַסן בראָקאַט,
נעמט די פּעט־רויטע האַק
און לאָזט זיך צום וועלט־מאַרק קעניגן...
איך וואַרף זיך אַרײַן אין זינגענדיקן „גאָרנישט״,
ווי אַ שטערן, יונג און פלינק און פריילעך.
. . . .
ביז איך אַוועק צו דער אור־קלוגער שטילעניש,
צו ווערן אַ סאָלאָוויי אָף אַן איינזאַמען בוים.

דער דיכטער טיילט מיט:

עס בלאָנדזשען הינקענדיקע געצן
פון פּלאַנעטן צו פּלאַנעטן,
און עס כליפּען אָף צעבראָכענע קלאַרנעטן
פון טהאָם טויזנטיאַריקע פּאָעטן:
— אוי, אַ פּאַרלאָרענער דאָר!

ווו איז דער אויסוועג? אָט איז ער: דער ייִסראָעלדיקער דיכטער לאָזט זיך טאַנצן מיט דער רויטהאָריקער מערי...

...זי איז געקומען אהער
פון די פּאַרייניקטע שטאַטן
צו זוכן צווישן קלויזן, קלויסטערס און מעטשעטן
דעם הימלשן טאַטן...

און ס'באַקומט זיך אָט וואָס:

איך האָב דערפילט אָף זיך די פּעל
פון אָראַנג־אוטאַנג.
— מערי, — זאָג איך, —
ס'שמעקט מיט דזשונגלען און מיט יאַם,
מיט פלייש און בלוט און וואָר.
די האָט מיך געוויקלט אין אירע רויטע האָר,
און גוט איז געווען מיר אַ פּולע שאָ,
כאָטש גאָט איז ניטאָ
און די וועלט — איך וויל ניט
טראַכטן פון דער וועלט אַצינדער...
. . . .
איך וועל זיך אײַנוויקלען אין אַ טאַלעס,
ווי מײַן עלטער־עלטער־זיידע,
רעב פּינכעסל, דער שאַמעס פון סטרי.
אָף אַ גאַנצן שאַבעס וועלן מיר אַוועק
פון הי צו ניט־הי...

פאַרשטייט זיך, באַם לייענען די דאָזיקע שאַפונג איז געזעצמעסיק צו שטעלן די פראַגע — ווי־אַזוי האָט געקאָנט געשען, אַז די גרויסע ייִדישע פּאָעזיע איז דערגאַנגען צו אַזאַ מאַצעווו? וואָס פאַר אַן אומגליק האָט מיט איר געטראָפן? נאָר דאָס איז איצט ניט מײַן טעמע,

ביפראַט, אַז אַליין דער אויטאָר מעלדעט זיך צווישן די, וואָס ווייסן: „די פּוסטקייט אין אונדז וויינט, די פּוסטקייט פון אַ פאַרלאָרענעם דאָר", ער זאָגט גאַנץ פּאַשעט: „אַלץ אין מיר גאַרט כאַרעוו ווערן"... וויכטיק איז איצט צו באַטאָנען די איבנגעבראַכטע שורע — „פון הי' צו ניט־הי'", — דעם פיל מאָל שוין אַרויסגעזאָגטן אַני־מאַמין פון דער הײַנטצײַטיקער בורזשואַזער ייִדישער ליטעראַטור — דאָס אַנטלױפן פון דער רעאַלער ווירקלעכקייט אין „ניט־הי'"־אויסרײַ־סעניש.

איך נעם אַרויס פונעם ביכער־שראַנק די דרײַ נומערן „סאָוועטיש היימלאַנד" — פאַר יאַנוואַר, פעברואַל און מאַרט 1973, וועלכע אַנטשפּרעכן לויט דער צײַט דעם נום. 78 פון דער „גאָלדענער קייט", און, ווי ספּעציעל צוליב פאַרגלײַכן, עפנט זיך אויף דער יאַנוואַר־נומער אויך מיט אַ פּאָעמע — אַ קראַנץ פון מענדל ליפשיצעס 20 סאָנעטן, אָנגערופן „אויטאָבי׳אָגראַ־פישע פּאָעמע". נײַן, די טעמע איז אויך דאָ ניט קיין אויסערגעוויינלעך אַקטועלע, אין „סאָוועטיש היימלאַנד" גייט דורך די דורכשניטלעכע טעמאַטישע ליניע אַ סאַך נעענטער צום איצ־טיקן לעבנס־טאָג אונדזערן, — אָבער ס'האָט זיך אַזוי באַקומען, אַז מענדל ליפשיצעס אויטאָ־בי׳אָגראַפישע סאָנעטן־פּאָעמע אין „סאָוועטיש היימלאַנד" שטעלט זיך אַוועק פּאָנעם־על־פּאָנעם מיט יאַנקעוו פרידמאַנס „כאַלעם"־פּאָעמע אין „דער גאָלדענער קייט", און ס'איז אינטערעסאַנט אַ קוק צו טאָן, מיט וואָס פאַרא לײַדנשאַפטן עס לעבט דער סאָוועטישער ייִדישער דיכטער אין די 70־ער יאָרן פונעם יאָרהונדערט, צי וויקלט ער זיך אויך אײַן אין אַ טאַלעס, ווי זײַן עלטער־עלטער־זיידע, און צי וויל ער אויך ניט טראַכטן פון דער וועלט; וועמען שטעלט ער פאָר: אַ פאַרלוירענעם דאָר, צי אַ דאָר, וואָס ווייסט זײַן באַרוף?

אין ערשטן סאָנעט לייענען מיר דעם ענטפער:

וווער בין איך, ווער? — אַ דורשטנדיקער דיכטער,
וואָס נעמט אַף זיך אַזאַ מין שווערן אָל.
איך וויל, אין וועלדער טונקעלע, גערדיכטע
אַרויסרײַסן די שטילקייט זאָל מײַן קאָל.
פונוואַנען קום איך אין דעם קאַנט צו גיין? —
פון פּראָסטן פאָלק, מײַן ברודער — דער האַמוין.

און אין לעצטן סאָנעט:

...ס'האָט די צײַט באַפוילן,
מײַן ליד זאָל אָנצינדן די שײַן פון טאָג.

דאָס פאַרגלײַכן און אַנטקעגנשטעלן די צוויי פּאָעטישע ווערק אין דיביידע צײַטשריפטן גיט אַ מעגלעכקייט צו פעסטשטעלן דעם גרינטלעכן אונטערשייד צווישן צוויי ליטעראַטורן אין דער ייִדישער ליטעראַטור. „די גאָלדענע קייט" איז אַ פאַרי׳אָדישע זאַמלונג פון מאַטע־ריאַלן פון דער בירגערלעכער ייִדישער וואָרט־שאַפונג אין די צײַטן פון אַ קאַטאַסטראָפאַלער דעוואַלוואַציע פון די ליטעראַרישע ווערטן. פאַרקערט, „סאָוועטיש היימלאַנד" שפּיגלט אָפּ דעם געזונטן, הײַנטוועלטיקן, סטאַביל־לעבעדיקן שטראָם, וועלכער האָט זיך פאַרהיט אַרום די קוואַלן פון דער ייִדישער ליטעראַטור.

אין 78־טן נומער פון „דער גאָלדענער קייט", ווי ביכלאַל אין אָט דער צײַטשריפט, זײַנען, אין טאָך, אַלע מאַטעריאַלן אַזעלכע אָפּגעווײַטערטע פונעם רעאַלן לעבן, ווי יאַנקעוו פריד־מאַנס „כאַלעם"־דיכטונג. אָן אָפּשפּיגלונג פונעם מאַראַזם, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די בירגער־לעכע ייִדישע פּאָעטן, איז דאָס צווייטע דיכטערישע ווערק אין דעם זעלבן 78־טן נומער — כאַיִם גראַדעס פּאָעמע „פון דײַנע האָר אין קופּער־רויט"... — ווידער די „רויטהאָריקע בעסטיע", און הינטער אירע קוטשמעס — דער ווילנאַזער דיכטער, וועלכער רעדט וועגן זיך ווי וועגן „אַן אָפּגעלעבטן זינג־פויגל, וואָס פלאַטערט מיד", און ער האָט צו ווינטשן בלויז, אַז „איצט זאָל זיך שוין גאָרניט אין מײַן לעבן ענדערן", אַכוץ עפּשער, עס זאָל „די ראָד פון צײַט זיך דרייען אַף צוריק"... אַגעוו, די פּערזענלעכקייט פון כאַיִם גראַדען דעם דיכטער — דעם אַמאָליקן ווילנער מוסערניק, וועלכער, לעבנדיק שוין אַ היפּש ביסל יאָרן אין אַמעריקע, גיט אַמאָל אַ וויײַטערדיקן ציטער אויף, צו דערמאָנען זיך: „טראָג איך אַ בעסוילעם פון בענק־שאַפטן"... — גראַדעס פּערזענלעכקייט לעבט אויף בלויז אינעם געפיל פון נאָסטאַלגיע:

אַמעריקע! כאָטש איך בין שוין אין דיר אַ טוישעוו,
דאָך לעב איך אַלץ נאָך אין מײַן ווילנער טכום־האַמוישעוו,
און דולדן מוז איך אין מײַן האַרצן דעם קאַטייגער
אַנטקעגן אַלץ, וואָס איז מיר פרעמד אין היגן שטייגער.
ווי לאַנג וועל איך נאָך זוכן איבער דײַנע ווײַטן
נאַטור־וווּנדער, וואָס זאָלן מיר דעם מענטש פאַרבײַטן?

עפשער וועט די פּראָזע אין דעם 78־טן נומער פון דער ייִסראָעלדיקער ייִדישער צייַטשריפט „די גאָלדענע קייט" עפּעס דערציילן אונדז וועגן דער איצטיקער ייִסראָעלדיקערווירקלעכקייט? ייִצכאָק באַשעוויסעס א דערציילונג פירט אונדז אַריַין אין א קלייַזל, ווו ס'איז איינמאָל (ניט קלאָר, אין וועלכן יאָרהונדערט) אָפּגעזעסן א גאַנצע נאַכט דער אווטאָר („כ'האָב א ביסל זיך געגריבלט אין קאַבאָלע, א ביסל פאַנטאַזירט וועגן מיידלעך"...) און זיך צוגעהערט, ווי איינער א ייִד — טעוועלע שמירער — האָט דערציילט אַנדערע צווי ייִדן — בענדעט־טאַטע און שמועל קלעפּקע — מייַסעס־געשיכטעס וועגן פּריצים; צווישן איין מייַסע און דער צווייטער שטעלט זיך אויף טעוועלע שמירער, קעדיי אַרויסצוגיין פון דער קלויז אָפּן ווינטערדיקן פראָסט, אָפּצוטאָן זייַן באַדערפעניש („איך מוז אַרויסגיין... כ'קאָן עס ניט טאָן דאָ"...).

ווייַטער גייט אין דעם נומער פון „דער גאָלדענער קייט" אָן „אַקטועלע זאַך" וועגן דעם קאָצקער רעבן — וואָס אַזוינס ער האָט גערעדט, און וואָס אַזוינס ער האָט געטאָן. געשריבן די זאַך האָט אווראָם־יעהוישוע העשל, דער „מעכאַבער" פון צווי צענדליק ספאָרים". און דאָ גלייַך — א דערציילונג פון באָרעך האַגער. רעב יאַנקעלע קומט אין הויף בעטן „באַם אַלטן" א שמירע. „דער אַלטער האָט ניט געגעבן קיין שמירעס. מען איז אָפּגעזעסן אין הויף וואָכן און כאַדאָשים... ער שיקט אָפּ צו אַלע גרויסע צאַדיקים פונעם דאָר, וואָס זענען מעסוגל דערויף: אַלעסק, סאַסאָף, בעלץ... זיי זייַנען באַהאַוונט אין שיימעס, קענען האַשבאָעס אָף צו געבן קאַמייעס, שמירעס. פאַר אים זייַנען זיי פאַרבאָרגן..."

אין ייִסראָעל גייט אַרויס א ייִדישע ליטעראַרישע צייַטשריפט, וועלכע דרוקט ליטעראַרישע ווערק וועגן דער רועך ווייסט וואָס, — ניט וועגן דעם רעאַלן לעבן אין ייִסראָעל גופע, אין דער וועלט ביכלאַל. דער איניען ווערט נאָך קלאָרער, ווען מיר שטעלן פעסט די „געאָגראַפיע" פון די אווטאָרן. ייִצכאָק באַשעוויס לעבט אין אַמעריקע. אווראָם־יעהוישוע העשל איז זינט דעם 1940 ביזן טויט געווען א לערער פון קאַבאָלע אינעם ניו־יאָרקער ייִדישן טעאָלאָגישן סעמינאַר. באָרעך האַגער איז אַן אַרגענטינער. אַזאַ „געאָגראַפיע" זעען מיר בא דער מערהייט אווטאָרן פונעם ייִסראָעל־זשורנאַל. קיין פּראָזע, קיין דיכטונג, קיין דראַמאַטורגיע מיט ייִסראָעל־קאָלאָריט און מיט ייִסראָעל־פּראָבלעמען זייַנען אין דער „גאָלדענער קייט" ניטאָ. אויבן האָב איך שוין אָפּגעמערקט די דאָזיקע דערשייַנונג אינעם „גרעסטן צענטער פון דער ייִדישער ליטעראַטור": ניטאָ נאָך דאָ קיין אייגענע, אָפּגעוואַקסענע אָף דעם דאָרטיקן באָדן שרייַבער.

אין די אויסלאַנדס באַווייַזט זיך אָפּטער די ייִדישע ליטעראַטור אין א יאַרמלקע און אין ווייַסע זאָקן, מיט שיימעס פון א פאַרגאַנגענעם לעבן; זי באַווייַזט זיך אונטער פאָנען, וועלכע דאָס פאָלק האָט שוין אַרויסגעוואָרפן אָפּן מיסט.

דער אונטערשייד צווישן דעם, ווי מיר און ווי זיי קוקן אָף דעם אָקעאַן פונעם איצטיקן לעבן, וואָס רינגלט אַרום די העלדן פון די ווערק אין דער הייַנטיקער ייִדישער ליטעראַטור, איז אַנערעך דער זעלבער, ווי אין איינער א דערציילונג בא פראַנץ קאַפקאַן: דער מענטש קומט אַרייַן אין צימער פונעם געריכט און פאַלט אין כאַלאָשעס, ניט קענענדיק פאַרטראָגן די שטיקנדיקע לופט; די באַאַמטע טראָגן אים אַרויס אין גאַס און פאַלן אין כאַלאָשעס פון דער פרישער לופט, אין דער זעלבער צייַט, ווען היפּשע שיכטן לייענער און שרייַבער, טאַקע דאָרט, אין די זעלבע אויסלאַנדס, לעכצן אַזוי אַן עטעם צו טאָן מיט דער לופט פון פּראָגרעס און פעלקער־פאַרברידערטקייַט.

ווען עס קומט אָן אין די ייִדישע אויסלאַנדס א פרישער נומער „סאָוועטיש היימלאַנד", פאַלן דאָרט די באַגרעבער פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין כאַלאָשעס, ניט קענענדיק פאַרטראָגן די געזונטע לופט.

אַזוי ווערט געזען די פּראָבלעמען־פּאַנאָראַמע אַרום דער הייַנטצייַטיקער ייִדישער ליטעראַטור בא דער געלעגנהייַט פונעם פּופּצניאָריקן יויוול פון דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד".

גרוס פון דער הײַנטצײַטיקער
סאָוועטישער ייִדישער דיכטונג

אויסגעוויילטע לידער פאר 15 יאר „סאָוועטיש היימלאַנד"

מוישע אלטמאַן

גליקלעך זאָל אײַער וועג זײַן

פראַגמענט פון דער גרעסערער ליד „גרוזאנג אין שטורעם"

ווען איך בין, ווי עס דערציילט זיך אין אלטמאַדישע מײַסע־ביכער,
א מעכאשעף, וואָס א מאכט האָט צו באפעלן ווײַכערס
און האלט די שליסלען, פּאַלקס־געטרוימטע, צו די וווּנדערלעכע שפּרוכן, —
וואָלט איך א באפעל געגעבן: היי! איר ווינטן, זאַווערוכעס!
זײַן זאָלט איר גנעדיק צו די רויטאַרמייען,
זיי די וועגן ניט פאַרווייען!..
בין איך אָבער נאָר א זינגער
און קאָן זינגען שיינע לידער.
און דאָס פערדל גייט אלץ מידער, מידער,
מיט די פיס קוים פלאָנטעט.

האָט זיך עפּעס־וואָס דערמאָנט מיר
(האָט ניט, ברידער, קיין פאַריבל פאַר דעם טראָפּן מיסטיק,
איך פאָר אין שניי־סטעפּ, אין א שטורעם, ווען די ערד נאָך לער און וויסט איז).
עפּשער האָט א זין און האָט א צוועק
ווינען, ווי מײַן זיידע דער ליעסניק, אָט דאָ באַם וועג,
כאָטש ער פירט ניט קיין ליפּקאַן, נאָר קיין סטאַלינגראַד,
קעדיי מעקײַעם זײַן האַכנאָסעס־אָרכים, אין שנייען און אין פרעסט
אופנצונעמען, ווי עס פּאַסט פאַר גרויסע געסט,
סײַ א פּראָסטן מענטשן, סײַ פון הויכן גראַד.
און בעשאַס באַלייטן, כאָטש איך שמייכל, זיצט אין אויג א טרער.
און כאָטש די ליפּן שווײַגן, זאָגט זיך ניט געהערט:
גליקלעך זאָל אײַער וועג זײַן.
— גליק אײַך, גליק אײַך, גליק אײַך!
מײַנע ברידער, מײַנע פרײַנט,
מײַנע רויטאַרמייער!

נומ. 8, 1972

ריווע באַליאַסנע

מײַן ליד

מײַן ליד איז געלײַטערט אין דײַנע, אוקראַינע, סטעפּעס,
וואָס שפּרייטן זיך ווײַט, ווי אַן ענדלאָזער פֿאַרביקער טעפּעך,
פֿון קינדווײַז עס שטילן מײַן דאָרשט דײַנע קוואַלן,
פֿון קינדווײַז איך הער דײַנע האַרציקע לידער, וואָס שאַלן.

געוואַשן דאָס פּאָנעם איך האָב מיט די טויען פֿון גראָזן,
די אויגן געעפֿנט באַגלײַך מיט באַגינען מיט ראָזן.
אין פֿרישע פּרימאָרגנס געפּלאָנצט און געכאָוועט אַף בייטן
די וואַגיקע אויבסטן, די זוניקע זאַרגלאָזע קווייטן.

דערפֿאַר עפּשער שרעקן מיך ניט די באַנאַכטיקע שאָטנס אין וועלדער,
אין שפּעטיקן האַרבסט, ווען עס ווערן די פֿאַרבן אַלץ קעלטער.
און זאָלן אין אויגן אין מײַנע נאָך פֿרילינגדיק גרינען
די ענדלאָזע סטעפּעס פֿון מײַן אוקראַינע.

נומ. 1, 1961

איטשע באָרוכאָוויטש

אַלע וועגן פֿירן צום קאַיאָר

איך זע שוין, קאָמוניזם, דײַנע סעדער —
פֿון ווײַסן און ביז שוואַרצן יאַם — צעגרינט,
אַט ווי אַ יאַם,
וואָס גייט אַנטקעגן,
כ'זע דיך,
אַט ווי די ערד,
אַף וועלכער כ'לעב אַצינד.
ס'איז גרינגער פֿון אַ שמייכל אַפֿן פּאָנעם
צו טראָגן דיך אין בלוט מײַנעם, אין לײַב:
איך פֿיל דיך, ווי דעם האַרץ־קלאַפּ אונטער דלאָניע,
ווען בלוט פֿון האַרץ זיך ביז דער האַנט דערקלײַבט.

איך שפּאַן מיט דיר דורך הייסן זאַמד פֿון וויסטע —
און וועלדער,
ווי די פֿליגל,
וואַקסן אַן;
אַף שאַרף פֿון אײַזבערג טרעף איך דיך...
אַט ביסטו —
אומענדלעך, ווי דער זוים פֿון האָריזאָנט!
שוין ניט צום גײַסט דעם וואַנדרער געגליכן,
אַף אייראָפּייער קרייצוועגן פֿאַרפּאָלגט, —
אַף גאָר דער וועלט דײַן לעבעדיקער יחוס
באַשײַנט דעם גרויסן גוירל פֿון מײַן פֿאָלק.

איז מעג די צײַט ארום דער זון־ראַד יאָגן,
איך ווייס:
דער ערשטער זילבער פון מײַן דאָר —
ער וועט ארײַן אין קלאָרקײַט פון דײַן טאָגן,
ווײַל אלע וועגן פירן צום קאַיאָר.

נוומ. 2, 1961

יאָסל בוכבינדער

אַף וואַגשאָלן פון יוישער

איך האָב א הארץ, וואָס קרענקט און זאָרגט פאַר יענעם,
דאָס זעלבע הארץ פאַר זיך אליין אויך זאָרגט,
ווען אָפּוועגן די לײַדן און די זאָרגן זאָל איך קענען
אַף וואַגשאָלן פון יוישער, וואָס די וועלט מײַנע פאַרמאָגט, —
קיין געוויכט וואָלט ניט געקלעקט מיר אָפּצוּוועגן זאָרגן
און לײַדן פאַר מײַן היימלאַנד, פאַר מײַן צאַרטער היים.
ווען דאָס הארץ מײַנס זאָל ניט זאָרגן
פאַר רוסלאַנדס יעדן מאָרגן, —
אויסגערונען וואָלט עס שטיל פון זיך אליין.

נוומ. 6, 1964

כאַים ביידער

באַלאַדע וועגן זיך — ראָמאַנטיקער

ניט פאַרגעסן און ניט פאַרבײַטן —
אָט די צײַט פאַר די אויגן שטייט:
פונעם שטעטל אין וועג אין ווײַטן
איר בעניאָכיד א מאַמע באַגלייט.

פון די אויגן זיך גיסן טרערן,
זי באַוויינט אים, זי קערט א וועלט:
— ס'גייען אום דאָרט, זאָגט מען, בערן!
און וואָס דאַרפסטו, און וואָס דיר פעלט?

נאָר דער זון איז פון יענע יאָטן,
וואָס זיי דאַרפן שוין ניט פון לאַנג
סײַ קיין רו, סײַ קיין טיש קיין זאַטן —
אים ראָמאַנטיק אהער דערלאַנגו!

— דו פאַרשטייסט מיך, עס וואַרט די טײַגע,
קאָמסאָמאָלסק וואַרט און ביראָבידזשאַן!
— נו, איז וואָס? ס'איז דײַן טאַטנס דײַגע?
ווייניק ארבעט איז דאָ פאַראַן?

נאָר דעם סייכל פאַרשטיין ווי קאָנען
זין און טעכטער פון נײַער צײַט?
און געיאָגט האָבן עשעלאָנען
און געשטורעמט די ווײַטסטע ווײַט!

ס'האָבן אָפּגעראַוישט יענע יאָרן,
יענע מאַמעס ניטאָ שוין לאַנג,
ס'זײַנען זיידעס די זין געוואָרן,
און עס טוט זיי ביז איצט ניט באַנק —

ניט דער וועג פונעם שטעטל קליינעם.
ניט די צוגווינטן אפן וועג.
כאָטש א דענקמאָל איעדן איינעם
שטעל פון ריינעם גינגאָלד אוועק.

און אף ראכוועסן ברייטע ווידער
לאָזט זיך הערן א נײַער רוף.
נײַע צײַטן און נײַע לידער
הייבט דאָס ברויזיקע לעבן אוף.

יענע מײַסעס פון ווילדע בערן
האָט די וואָר שוין פון לאנג צעזייט,
נאָר א מאמע מיט הייסע טרערן
ווידער איר בעניאָכיד באגלייט.

— וואָס זשע דארפסטו, אז האָבן האָסטו,
וואָס דאָס הארץ נאָר פארלאנגען וועט?
איז דיר ווייניק, דו זאָג מיר, מאָסקווע?
און וווהין נאָך דיך טראָגט דער שעד?

לאכט דער זון מיט א שמייכל זיסן
(ווען ער לאכט, איז ער מאָלע־טאַם!):
— ס׳טראָגט דער שעד מיך, זײַ, מאמע, וויסן,
צו דער בויונג, וואָס רופט זיך באַם!

אוי, די יונגע, די דרייסטע אקשאָנים —
זיי פארהאלטן עס האָט קיין זין.
יאָגן נאָכאמאָל עשעלאָנען
מיט די זין פון אמאָליקע זין.

ווי מע זאָגט — זייער טאטנס דײַגע,
וואָס א וועג האקט מען דורך אין וואלד...
דער בײַקאל, די אמורער טײַגע
פאר ראָמאנטיקער זיך צעפראלט.

נומ. 8, 1974

עליע ביידער

דער פראָסט

ווען פראָסט איז נאָך א פרעסטל
געווען, אין יענע טעג,
האָט ער מיט גלאָז פארקעסטלט
די בלאָטעס אפן וועג.

ווען שטארק ער איז געוואָרן —
מיט קרומען און מיט גלײַכן
ער האָט די בריקן בלויע
געבויט איבער די טײַכן.

געשפאנט אף הויכע גאסן
האָט דער קאטאָוועס־טרײַבער:
אין פעלצן קריכן מענער,
אין פעלצן קריכן ווײַבער.
געקומען צו די מיידלעך,
פון קיינעם ניט געצויט,
ערשט דאָ געוואָרן איידעלער:
געמאכט די בעקלעך רויט...

נומ. 9, 1974

דאוויד בראמבערג

יורי גאגארין

אין יענער רעגע האָט די ערד
בלויז אף איין מענטשן ווייניקער
געוויגן,
בלויז אף איין מענטש —
ווי ס׳וואָלט א נעס געשען אין העלן טאָג,
נישט מער.

און ווען די גאנצע וועלט, פארכידעשט,
האָט אין הימל הויך דעם קאָפּ פארהויבן,
האָט ער — איין־איינציקער —
געקוקט פון הימל אף דער ערד.

נומ. 1, 1966

הירש בלאָשטיין

א דעמב

דער דעמב איז טויזנט יאָר שוין אַלט, —
שוין ניט קיין בוים — א גאַנצער וואַלד!
אין זײַנע שימשון־קודלעס האָט
צעבויט זיך ברייט א פייגל־שטאָט
און לעבט זיך דאָ מיט קליין און גרויס,
און פּיקט זיך איר פּאַרנאָסע אויס
פון יעדן רוקן־פּאַלד באַם ריז
און דאַנקט פאַר שפּײַז אים און באַגריסט
מיט טויזנטסטרוניקן געזאַנג
באַגינען און באַם זון־פאַרגאַנג.

ס׳איז טויזנט יאָר שוין אַלט דער דעמב,
נאָר זײַן זיקאָרן ווערט נישט טעמפּ!
און אין א הייס־צעגליטן טאָג
א מידן גייער רופט ער, לאָקט
און זאָגט אַף גרינער בלעטער־שפּראַך:
— ס׳איז ווייך מײַן מאָך און קיל —
מײַן דאַך.

רו אָפּ זיך, פרײַנט, און שטיל מיט מיר
וועסט אין „אַמאָל” טאָן א שפּאַציר:
געוועזן אַמאָל... א דעמב געדענקט!
א מענטש האָט מײַסעס ליב און בענקט...

דער דעמב איז טויזנט יאָר שוין אַלט,
נאָר ס׳ברייטע האַרץ זײַנס ווערט ניט
קאַלט!
און יעדעס יאָר, ווען ס׳קומט דער מײַ,
ער שפּילט א ליבע פונדאָסנײַ.
און ס׳ענטפערט אים מיט ליבע אָפּ
די יונגע זון און קושט זײַן קאָפּ
מיט לײַדנשאַפטלעך־טרײַער ליפּ —
זי האָט דעם אַלטן גיבער ליב...
זי זעט: אים שוינען בליץ און צײַט —
און גלייבט אין זײַן אומשטערבלעכקײַט.

נומ. 6, 1971

איציק בראַנפמאַן

מיר רײַטן אינצווייען

עס לעשט זיך די שקיִע אַפן באַרגשפּיץ כינגאַנער,
אין נאַכטיקן טונקל זיך וויקלען די ווײַטן,
אינצווייען באַנאַנד, אַף די פערדלעך בולאַנע,
פון פעלד צו דעם יִשעוו פאַמעלעך מיר רײַטן.

פון רעכטס, ווי א וואַנט, שטייען גאָלדענע ברויטן.
פון לינקס — די באַשטאַנעס מיט קאַווענעס, דיניעס,
און דאָרט — פּאָמידאָרן, מיט בעקעלעך רויטע,
זיי דרעמלען שוין אײַן אַף די שטענגעלעך דינע.

מײַן פרײַנט, דער קאָלווירטניק וואַסיליע פּעדאָטאָוו,
זיך הוידעט אין זאָטל און רעדט מיט אַנציקונג:
— א טײַערער קאַנט דאָ, ס׳האָט אַלצדינג געראָטן,
פאַראַן איז מיט וואָס זיך דאָס האַרץ צו דערקוויקן.

ס׳דערמאָנט מיר דער אָוונט מײַן ווײַטע אוקראַיִנע —
פון דאָרט כ׳בין אַהערצו געקומען צו פאָרן,
פאַרליבט זיך אין סטעפּ בײַאַמורער דעם גרינעם,
אין טײַגע, אין לאָנקעס, אין ראַכוועסן קלאָרע.

זינט דאַן איז שוין באַלד אַ יאָרצענדליק פאַריבער,
פאַרפּונדעוועט זיך, ווי אַ בוים אײַנגעוואַקסן,
די וואָרצלען צעשפּרייט, און די קינדערלעך ליבע —
מיט ברוינע געזיכטער, מיט גווירישע אַקסלען.

...מיר רײַטן אינצווייען. דער יִשעוו איז נאָענט,
עס פינקלען שוין הונדערטער דאָרפישע פײַערן,
און ליב איז דער זומער, דער וואַרעמער אָוונט,
און אַלץ איז אַרום אַזוי לײַבלעך און טײַער.

נומ. 2, 1961

אַלעקסאַנדער בעלאָוסאָוו

ווּ ביסטו?

הינטער די פּלייצעס — אַ טאָרבע,
אויף די ליפּן — אַ ליד אַ הילכיקע,
וועל איך גיין איבער די וועגן
פאַרוואָרפענע —
זוכן טעוויע דעם מילכיקן.

— ווּ ביסטו, טעוויע?
— איך בין ווײַט פונדאַנען,
קיין וועג צו מיר איז ניט פאַראַנען...

איך לאָז זיך אַראָפּ
אין אַ שטילן טאָל,

מײַן ליד קערט זיך אום מיט אַ ווידערקאָל,
פרעג איך נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל:
— ווּ ביסטו, טעוויע?
ווּ זײַנען דײַנע טעכטער,
דײַנע אייניקלעך און אורייניקלעך?

הינטער די פּלייצעס — אַ טאָרבע,
אויף די ליפּן — אַ ליד אַ הילכיקע,
וועל איך גיין איבער די וועגן
פאַרוואָרפענע —
זוכן טעוויע דעם מילכיקן.

נומ. 9, 1969

מאָטיע גאָלבשטיין

פּרוכטע

אַ מענטש איז געקומען צום בוים אינעם האַרבסט
און זעט: ס׳פאַלן בלעטער אויף דר׳ערד.
דאַן פרייט זיך דער מענטש און ס׳ליכטיקט זײַן האַרץ,
וואָס וועלקן איז אים ניט באַשערט...

נאָר פרילינג דער מענטש קומט צום זעלביקן בוים
און זעט: עס וועט זײַן אויף אים פּרוכטע.
דאַן איז ער מעקאַנע ניט זיך, נאָר דעם בוים
פאַר זײַן אייביקן ווידערגעבורט...

נומ. 5, 1963

מענדל גאָלדמאַן

ווידער פרילינג

אינעם דרויסן
גרינט און קוועלט.
ווידער פרילינג
אױף דער וועלט.

ווידער בליִען
בלום און גראָז.
ווידער גליִען
הערצער ראָז.

ווידער שטיפן
פייגל־טשאַטעס —
צ׳ריק אַהיים,
צו פעלדער זאַטע.

שטאַרק געבענקט
אין פרעמדע קאַנטן
נאָך די נעסטן
אַלט־באַקאַנטע.

צוויטשערײַ
זיך טראָגט אין רוימען:
פון דער פרעמד־ווײַט
מער ניט טרוימען!

מער ניט לעקן
פרעמד געפעס.
מער ניט זײַן
אױף קיצווע־קעסט.

מעג זײַן הייס,
צי קילבלער־האַרב —
דאָ מיר בלײַבן
פראָווען האַרבסט.

דאָ,
אין טאַטע־מאַמעס נעסט,
ניט קיין פרעמדע,
ניט קיין געסט.

אינעם דרויסן
גרינט און קוועלט.
ווידער פרילינג
אױף דער וועלט.

נומ 9, 1974

אווראָם גאָנטאַר

בײַז ליד

I

דו מיינסט, איך ווייס,
ווען ס׳הייבט זיך אָן די ליד?
זי קומט דאָך אומדערוואַרט
און מאָנט מעסוקן.
איך כאַפּ זיך אױף באַנאַכט,
מיר דאַכט — ס׳איז אירע טריט,
ווי פּאַר אַ מאַלקע
בין איך גרייט זיך בוקן.

זי ברענגט מיט זיך
די סוידעס פונעם וואַלד,
דערציילט, פאַרוואָס
דער ווינט איז ברויגעז,
און די געהיימניס,
וואָס דער יאַם באַהאַלט.
זי ווייסט, די שטיפערקע,
אַז פאַר אַ דיכטער טויג עס.

דו מיינסט, איך ווייס,
ווען ס'ענדיקט זיך די ליד?
איך גלייב —
זי וועט מיך ניט פארשעמען.
ווען ס'ציִען זיך צונויף
די אויסגעוויינטע ברעמען
און ס'שליסן זיך די ווינעס מיד,
איך ציטער אויף,
און איַיל די פעדער נעמען —
ניין, ניין,
ס'איז ניט פארענדיקט נאָך מיַין ליד.

II

קיין פליגל האָב איך ניט —
איך דארף זיי ניט צום פליִען.
אָן פליגל, ווי דער אָדלער,
פלי איך גרינג.
קיין פידעלע פארמאָג איך ניט
אף סטרונעס אָנצוציִען —
אָן סטרונעס, אָן א פידעלע
איך זינג.

אין בלויער טיף,
אין וואָלקנדיקע הייכן
מיט צוגעמאכטע אויגן
כ'שוועב ארום,
אָט דאָרט,
ווו ס'קאָן קיין פויגל ניט דערגרייכן
און ווו די אייביקייט איז שטום.

נאָר אויב אין הארצן
פלאצן וועט א סטרונע
און פאלש א קלונג טאָן
וועט מיַין ליד,
כ'וועל צו דער ערד
א פאל טאָן מיטן פּאָנעם,
צו יענער ערד,
וואָס האָט פון פאלשקייט מיך פארהיט.

נומ. 4, 1974

כאַיִם גורעוויטש

אין מיַין יישעוו אף פּאָלעסיע

אין מיַין יישעוו אף פּאָלעסיע, אין מיַין ליבער היים,
שמעקט די לופט מיט סאָסנע־סמאָלע און מיט פרישן היי.

אין די גערטנדלעך די קוויטן שיַינען פארביק מילד,
פון דער שטאל עס טראָגט די מאמע אָן עמער פרישן מילך.

מיט אנטאָנאָווקעס און בארן פול דער ריַיפער סאָד,
ווי א פאראשוטיסט, דער בושל זעצט זיך אף דער ראָד.

ווער עס איַילט צו דעם קולטור־הויז, ווער — צו דער קינאָ,
מיט פעטראָקן, אונדזער שאָכן, שפילט מיַין טאטע דאָמינאָ.

טרינקט מען עפּל־וויַין פון פעסל — פּאַשעט אָן אנטיק!
און מע שיידט זיך, ווי כאוויירים, און מע ווינטשט זיך גליק.

... שמעקט די לופט מיט סאָסנע־סמאָלע און מיט פרישן היי,
אוי, מיַין טיַיערע פּאָלעסיע, דו, מיַין ליבע היים!

נומ. 1, 1963

מאַטל גרוביאַן

קובינער פּרימאָרגנס

ס'איז, מײַן קינד, די קײט צעריסן,
און די ערד אין שלאַכט זיך רויכערט.
ווען קובינער יאַטן שיסן,
גיסט מײַן פויסט זיך אָן דאָ אויכעט.
הײ, שטײט אופעט, זין און טעכטער! —
קעגן מאָרד און וויסטער קנעכטשאַפט,

גײט ארויס דעם טאָג אנטקעגן
צינדט די פאַקעלן העלער נאָך!
ס'וועט פידעל זיך ניט צעברעכן,
ווײַל דאָס פאָלק איז איצט א שוץ אים,
קײנער וויל ניט זײַן קײן קנעכט מער,
אַלע — פאַר דער רעוואָליוציע!

נומ. 1, 1961

מאַטל גרוומאַן

לעגינגראַד

ניט דערפאַר נאָר, מײַן שטאָט, כ'האָב
דיך האָלט,
ווײַל אהער פון מײַן שטעטלשן ווינקל
האָבן טרוימען געבראַכט מיך אמאָל —
פון ווײַטער פאָדאָליע א ייִנגל.

געפירט אינעם פריִען פאַרטאָג
צו דער בלויער נעווא. בא די ברעגן
אין געוועט האָבן כוואַליעס געיאָגט,
ווי א כאָשעוון פרײַנט
מיך באַגעגנט.

דײַנע בריקן מיט בראָנזענע פערד
און מוזיק אָף די קיראָווער אינדזלען,
ס'דוכט: די זון איז אראָפּ אָף דער ערד
און אָף נעווסקער פּראָספּעקט זי געפינט זיך...

באַזונדערס מײַן שטאָט מיר געפעלט,
ווײַל פונדאַנען האָט לעניו באַוויזן
דער גאַנצער פאַרפּײַניקטער וועלט
א וועג צו דעם גליק —
קאָמוניזם!

נומ. 1, 1961

וולאדימיר דאַנקאָ

וואַרעמע רעגנס

וווּהין זאָל מען פאָרן,
וווּהין זאָל מען גײן
די קינדערשע יאָרן באַגעגענען...

און עפּשער ארויסגײן
און גלאַט אַזוי שטײן
אונטער די וואַרעמע רעגנס;

און עפּשער א לאָז טאָן זיך
גלײַך אינעם סקווער
און דאָרט אין די גראָז א פאַל טאָן;
און עפּשער די שטילע,
די גאָלדענע טרער
באַהאַלטן...

נומ. 5, 1962

שיקע דריז

ניי מיר אויף א גריניע עלטער...

טײַערער שנײַדער,
ווי געפעלט דיר? —
אָט האָב איך געבראַכט דיר
א זעקל מיט בלעטער,
ניי זשע מיר אויף
א גרינע עלטער.
וועלן מײַנען די פֿייגל —
א בוים אויסגעוואַקסן,

און אויסבויען נעסטן
בא מיר אף די אַקסל.
זײַן וועט א סטעזשקע
צו מיר אויסגעטראָטן
און הענגען א וויגל
עס וועט אין מײַן שאָטן.

נוֹמ. 6, 1963

אײַזיק הובערמאַן

ליבשאַפֿט

מײַן צוטרוי, מײַן צאַרטקייט
איז גאָרניט צו שאַצן,
די נאַכט שלאָף איך איבער
מיט אָפֿענע פֿענצטער.
מײַן בעט ווערט פֿאַרשאָטן
מיט צווײַט פֿון אַקאַציע,
און ס'דוכט זיך מיר אויס,
אַז מײַן שטאָט איז די שענסטע.
איך הער, ווי עס רעוועט
אין יאַם דער מאַיאַק.
קאָן זײַן, מײַנע פֿרײַנט
ערגעץ בלאָנדזשען אַף שיפֿן.
איך הער, ווי מע קושט זיך
באַם טויער געשמאַק,
איך הער, ווי די נאַכט איצט
פֿאַרגייט אין די טיפֿן.

איך הער — באַם וואָקזאַל
קומט א צוג איצטער אָן,
באַגעגנט דאָרט מענטשן
מיט קינדער, מיט בלומען,
און באַלד וועט א צווייטער
אוועק פֿון פּעראָן
און לאָזן צוויי לײַדיקע
רעלסן מיט אומעט.
כ'האָב ליב אָט די שטאָט
מיט די ליכטיקע טרעפּ,
ווו עס זינגען די ביימער
איעדן פֿרימאָרגן,
ווו פּושקין דער דיכטער
האָט שווער געלעבט,
ווו דאָרט ליובאַרסקע
איז שיין געשטאָרבן.

נוֹמ. 4, 1976

ליפּע העלער

א כאָלעם

דורך די גערטענער און פֿעלדער,
דורך די בלאָטעס און דורך וועלדער
גייט א פֿײַער, גייט א בראַנד —
האַלט איך פֿעסט די ביקס אין האַנט,
ציל זיך אין די סאָנים — זאָלן
זיי פֿאַר אַלץ, פֿאַר אַלץ באַצאָלן!
נאָר איך פֿיל — איך בין פֿאַרמאַטערט,
און דאָס האַרץ פֿון שוידער פֿלאַטערט,
און די ווונדן טוען וויי —
אָט־אָט פֿאַל איך שוין אין שניי...

. . . .
גוט, וואָס אַלץ איז דאָס א כאָלעם,
וואָס פֿאַרגאַן איז דאָס פֿון לאַנג,
וואָס אַרום ניט קוילן פֿאַלן,
וואָס די זון מיט אירע שטראַלן
האָט באַשײַנט די גאַנצע ערד.
היט דעם שאָלעם —
און אַפֿילע ניט אין כאָלעם
זען אַזוינס זאָל זײַן באַשערט!

נוֹמ. 9, 1974

ליובע וואסערמאַן

אין סקווער

אין סקווער א מאָלער האָט געמאָלט
דעם טאָג דעם לעצטן פונעם גויסעסדיקן ווינטער.
ווער ווייסט, פונוואנעט אָנגעלאָפן מיטאמאָל
אהער עס איז א מאכנע קינדער.

מע שטייט, מע שושקעט זיך:
— דאָס מאָלט ער מיך, —
עס זאָגט א ייִנגעלע, וואָס האלט א שילער־רענצל.
— ניט דיך, ניט דיך, דאָס מאָלט ער מיך! —
א מיידעלע אים ענטפערט מיט א טענצל.

די שושקערייַ דער מאָלער האָט דערהערט
און האָט א קער געטאָן זיך ראפּטאָם:
— קונדייסים, שטייט! איר זייַט דאָך אלע ווערט,
מ׳זאָל אפן פּענדזל אייַך א כאפּ טאָן!

ס׳איז מיטן ווינטערדיקן גויסעס אויס.
אין מאָלערס העפט איז אופגעמישט א נייַער בויגן.
אליין דער פרילינג לוסטיק שטראַלט ארויס
פון שטיפערישע קינדערישע אויגן...

נום. 2, 1966

סימכע ווילענסקי

א טראָפּן טוי

איך האָב די זון אראָפּגעשלונגען
מיט א טראָפּן טוי,
ווי א פיש דעם שטערן —
אינעם וואסער־בלוי.

איך האָב פון מאָרגן־טוי
פון א גרעזל די זון געזויגן,
געלאָשן מיט הימל־בלוי —
די שקיִע אין מייַנע אויגן.

אין ביין־האשמאָשעס
געוואָרפן אף דער לעוואָנע א שטריק,
ווי בערן געבונדן די שאָטנס
און געפירט זיי צום וואלד
צוריק.

האָט דער וואלד זיך צעשריגן,
די בערן האָבן געלאכט:
— א מענטש וויל ניט רוען
און שטרייַט מיט דער נאכט!

נום, 1. 1967

כאַנע וויַינערמאַן

פּאָרגעפּיל

עס שטייט דער וואלד נאָך נאַקעט, ווי א דאָרן,
עס ליגט דער טייַך געשמידט נאָך, ווי א ריטער,
און כאָטש ס'איז מארט, נאָר ס'קאָן נאָך א געוויטער
א שאל טאָן בייז אין ווינטערדיקן האָרן.

עס קאָן דער בער נאָך שלאָפן לאנג אין נאָרע,
דער פראָסט נאָך קאָן א שפּיל טאָן א צעגליטער.
נאָר דו, מייַן הארץ, שוין פּילסט אין שטילן ציטער
דעם ערשטן שטראל אין ווייען פון געבאָרן.

דו פּילסט, ווי ס'פּלאצט דאָס אייַז, ווי ס'פּאלן שלאקסן,
ווי אלץ, וואָס קאָן נאָר אופלעבן און וואקסן,
באטרערט דייַן שוועל, פארפולט מיט זון דייַן פענצטער.

ווי הערלעך איז דאָס פּאָרגעפּיל אין הארצן,
ווען ס'קאָן א מענטש אין קלעם פון שאָטנס שווארצע
פּאָרויסזען דאָס ליכטיקע און שענסטע.

נומ. 5, 1962

ארן ווערגעליס

ערעוו א פאָלקס־ציילונג

יאָרטויזנטער פארצייַטן שוין מיט גרויקייט מייַנע הויטן,
דאָרט, ווו איך ליג, איז ערד און לייַב ניט אָפּצוטיילן,
און ווייַל איך לעב אין לעבעדיקע און אין טויטע,
איז אומעגלעך מיך איבערציילן.
כ'ליג, ווי א קינד, וואָס האָט זיך אויסגעבונדן פון די וויקעלעך:
אין בויבעריק אָן אייוועך, אין בוכענוואלד אָן אייוועך,
דער קאָפּ ליגט אין וואָלין,
די פיס — אזש אָנגעשפּארט קיין פּראָג און קיין בערלין,
דאָס הארץ — אין וויגעלע,
דאָס געביין — אין קייוועך.

איך בעט אייַך רעכענען צווישן די לעבעדיקע אויך מייַן מאמען,
איך בעט אייַך רעכענען צווישן די לעבעדיקע אויך מייַן שוועסטער,
איך בעט אייַך רעכענען צווישן די לעבעדיקע אנא פראנק.
און ווייַל איר וועט ניט אויסמעקן אויך מיך — א דאנק.

נומ. 12, 1966.

וועלוול ווערניק

דאָ איז מײַן ערד

ס׳איז יעדער שטיין מיר דאָ באַקאַנט, פּאַר אָט דער ערד כ׳האָב בלוט פאַרגאָסן,
און נאָענט איז מיר יעדער בוים. געהײליט די ווונדן אין שפּיטאָל.
דאָ איז מײַן ערד, דאָ איז מײַן קאַנט, אין שלאַכט מײַן ברודער איז דערשאָסן,
דאָ קלאַפּט מײַן האַרץ, דאָ בליט מײַן טרוים. דאָ איז מײַן יאַם, מײַן באַרג, מײַן טאָל.

די זון באַלײַכט מײַן מי אין פרידן,
מײַן ערד איז דאָ, ווו כ׳לעב און שאַף.
פאַרוואָס זשע דאַרף איך זוכן גליק קיין אַנדער לאַנד פאַר מיר, דעם ייִדן,
אַף ניט באַקאַנטע פרעמדע וועגן סײַ ניט איך וויל, סײַ ניט איך דאַרף.
און שפּאַנען דורך אַ כורבן־בריק
דער נאַכט דער פינצטערער אַנטקעגן?

נוו. 3, 1974

מאָטל טאַלאַלאַיעווסקי

אַן ענטפער דעם אייניקל

מײַן אייניקל, וואָס גייט אין זעקסטן קלאַס,
האָט מיך אַ פראַגע געטאָן, אַזוי ווי אין אַ שפּאַס:
— דו, זיידעניו, וואָס האָסט שוין אָפּגעלעבט
אַ לעבן,
פאַרזוכט דעם עכטן טאַם פון גוטס און בייז,
אַף מײַנע רעטענישן קאָנסט אַן ענטפער געבן?
וואָלסט אַלע מײַנע אויפגאַבן געלייזט?
— ניין! — זאָג איך אים. — ניט אַלץ עס איז מיר קלאָר,
עס איז דאָס לעבן ניט קיין לערנבוך,
ווו אַף דער לעצטער זײַט
זײַנען פאַראַנען ענטפערן גענויע...
ניט אײַנפאַך — קאָמפּליצירט איז אונדזער וואָר.
די גרעסטע אַקאַדעמיקער די גראָווע,
זיי זוכן נײַע ענטפערס יעדן טאָג.
דאָס לעבן איז קיין רעטעניש, קיין שפּיל
פון ציפערן פון צוגעטראַכטע, פּוסטע;
פון זינט עס שטייט די וועלט, די ענטפערס
די באַוווּסטע —
זיי קאָנען ניט באַרײַכערן דאָס וויסן.
אַ גרייטער ענטפער — ער איז גאָרניט ווערט...
דו זוך אים אַפּ אַליין,
וועסטו פון פרייד געניסן!

נוו. 5, 1971

זיאמע טימענטשיק

צו אַן אוועקפֿאָרער

קענסט איַינפּאַקן די זאַכן און די טעלער און גאַרדינען,
נאָר ווּעסט מיט זיך ניט מיטנעמען דעם לויטערן באַגינען.
דעם לויטערן באַגינען מיט זיך ווּעסטו ניט פֿירן,
דעם לויטערן באַגינען — אים ווּעסטו פֿאַרלירן!

דו נעמסט דאָס זאַלצמעסטל, די פֿלייש־מאַשין, דעם זייגער,
נאָר ווּעסט אַהין ניט מיטנעמען אונדזער גוטן שטייגער.
אונדזער גוטן שטייגער ווּעסט מיט זיך ניט פֿירן,
אונדזער גוטן שטייגער — אים ווּעסטו פֿאַרלירן!

דיפּלאָמען קענסטו מיטנעמען, די צוגעגרייטע טעמעס,
נאָר ווּעסט אַהין ניט מיטנעמען אונדזער גרויסן עמעס.
אונדזער גרויסן עמעס ווּעסט מיט זיך ניט פֿירן,
אונדזער גרויסן עמעס — אים ווּעסטו פֿאַרלירן!

די העמדער קענסטו איַינפּאַקן, די קאָלדרעס און די קישנס,
נאָר ווּעסט מיט זיך ניט איַינפּאַקן דעם זויבערן געוויסן.
דעם זויבערן געוויסן מיט זיך ווּעסטו ניט פֿירן,
דעם זויבערן געוויסן — אים ווּעסטו פֿאַרלירן!

אַלע דיַינע בעבעכעס אַהין ווּעסטו דערפֿירן,
אַלע דיַינע בעבעכעס — זיך ווּעסטו פֿאַרלירן!

נום. 5, 1974.

מוישע טייף

גוטע בסורעס

איך וויל איַיך אָנזאָגן אַ בסורע, מיַינע פֿריַינט:
די יונגע מאַלקע פֿרילינג שטייט שוין הינטער שטאָט
און וואַרט, מע זאָל איר עפֿענען די טויערן...
און דאָרטן וויַיט, העט־וויַיט,
אַהינטער פֿויגל־רווישנדיקן כאַיִל
(אַוווּ עס ציִען זיך די דאָרעמדיקע רייען)
עס גריסן אונדז אָט יענע...
אָט די קליינינקע...

איך מיין די דיכטער,
וועלכע בעטן ניט קיין האָנאָראַר, —
די סאָלאָווייען! —

וואָס גאָט אליין האָט זיי באַפוילן די געליבטע צו דערפרייען
און זײַן פאַר זיי א מאַזלדיקער שירעם...
האָט איר געהערט באַגינען, ווי זיי זינגען שיר־האשירים?

איך וויל אײַך אָנזאָגן א בסורע, מײַנע פרײַנט:
באַגינען האָבן אָנגעקלאַפּט צו מיר אין שטוב
דער מאַלקעס אויסשפּירער — די שטראַלן:
— שטיי אויף!
און הײַנט זאָלסטו ניט טרויערן,
די האָסט א ליד —
דעם שליסל צו די טויערן.
שטיי אויף!
די יונגע מאַלקע פרילינג ווארט,
דו זאָלסט איר אויסזינגען דאָס הייליקסטע געבאָט
פון אלע דײַנע הייליקע געבאָטן:
זאָל זײַן פאַר ליבע אָפן אלע טויערן פון שטאָט
און נאָר דעם טויט
זאָל דער ארײַנגאַנג בלײַבן שטרענג פאַרבאָטן!

נוֹמ. 2, 1964

שלוימע טשערניאַווסקי

א לויב־געזאַנג

א לויב־געזאַנג די אויגן דײַנע, פּרוי,
זיי זײַנען סאַמעט־שוואַרץ און הימלש בלוי.

אָט לעשן זיי זיך, ווי א שקיע־פלאַם,
אָט טראָגן זיי גאָר לויטערקײַט א יאַם,
די גרעסטע לײַדנשאַפט אין מיר זיי שטילן.
און שאָענוויַז כ׳בין קוקן אָף זיי גרייט.
מײַן אומרו, ווי א וואָלקן, ווערט צעזייט,
און קלאָר דער לעבנסוועג און זײַנע צילן...

ווײַל גאָטלאָז כ׳בין פון אָנהייב ביזן סאָף,
און ביזן טויט כ׳וועל זײַן אזוי, איך האָף,
נאָר אין מײַן זײַן ביסטו א געטלעך־צאַרטע.
דו שײַנסט פאַר מיר אין קלייד פון פּראָסטן שטאָף,
דו ביסט דער שענסטער כאָלעם פון מײַן שלאָף,
דו ביסט דער אומרו פון מײַן וואָר, געגאַרטע...

נוֹמ. 3, 1962

פּייסי יאַנאָווסקי

אפֿן צאָפֿן

באַנאַכט די טונדרע בלענדיק ווײַס.
דער פֿראָסט דעם שניי פֿאַרהאַרטעוועט.
דער טײַך — א וועג אף גלאַטן אײַז.
א טשוקטש. אַכט הינט. א נאַרטע.

דער ערשטער הונט — דער „קאַפּיטאַן",
אף שוואַרצער פֿעל — א ווײַסער פֿלעק.
דער קאַנט אַרום איז אים באַקאַנט,
ווײַל יעדן טאָג אין וועג.

דעם טאַם פֿון רויך דער ווינט דערטראָגט
פֿון שאַכטעס אין א טאָל,
ווו טאָג און נאַכט אין בערג מע גראָבט
די ערד, וואָס רײַך מיט גאָלד.

די נאַרטע טראָגט זיך גליטשיק־גרינג
צום טאָל דורך ווײַסע נעכט.
און דער קאַיור א ליד מיר זינגט
פֿון אַלץ, וואָס ער באַמערקט:

„די טונדרע — קאַלט, די טונדרע — ווײַס,
זי ליגט פֿאַרשמידט אין אײַז.
יאָג, ווינט! טראָג אָפּ מײַן קאָל
צום מיידל, וואָס אין טאָל..."

באַנאַכט די טונדרע בלענדיק ווײַס.
א טשוקטש. אַכט הינט. א נאַרטע.
אויך דאָ, ווו אייביק ליגט דאָס אײַז,
די לידער זײַנען צאַרטע...

נומ. 1, 1961

יויסעף איצקאָוו

דער זייגער

עס טוליעט דער מײַסטער צום אויער דעם זייגער
און שאָקלט דערבײַ מיטן קאָפּ:
„ער גייט, צי ער שטייט, און אף וויפֿל, אשטייגער,
אין גאַנג פֿון מעסלעס שטייט ער אָפּ?

א שטויבעלע איז אין דער טיף דאָרט פֿאַרקראָכן —
ווערט לענגער איעדער מינוט.
צי עפּשער א צײַנדעלע איז גאָר צעבראָכן,
איז דעמלט אוואַדע ניט גוט..."

דעם זייגער באַטראַכט ער געניט, ווי א דאָקטער,
און פּוצט אים די שרײַפֿעלעך אויס:
— פּונקט ווי א מענטש, דאַרף א זייגערל, — זאָגט ער, —
שטענדיק נאָר גיין פֿאָרויס.

נומ. 9, 1974

שיפֿרע כאָלאָדענקאָ

וועלט מײַנע

ניט פֿאַראַן איז קיין גאָט אף דער וועלט,
נאָר די וועלט איז דאָך דאָ אף דער וועלט,
אָט די וועלט, וואָס זי שטערנט און קוועלט, —

און עס בייגן אליין זיך די קני
פֿאַר איר יעדן פֿאַרנאַכט און גאַנצפֿרי,
און עס ציִען אליין זיך די הענט
צו איר פֿראַכט, צו איר מאַכט, צו איר בלענד.

א, וועמען דאָ זאָגן א דאַנק
פֿאַר מײַן גוואַלדיקן גאָב, פֿאַר מײַן דראַנג,
פֿאַר מײַן פֿרייד, פֿאַר מײַן לייד, פֿאַר מײַן טרייסט,
וואָס פֿראַסט אַזוי: „לעבן" דאָס הייסט.

נומ. 6, 1965

דווירע כאַראַל

היי און שניי

איבער שליאַך, אין טיפן שניי,
פּירט א פערד א שליטן היי,

פון דעם פעלד א פויער פאַרט,
פול מיט שנייעלעך זײַן באָרד.

און פון הינטן לויפן קינדער,
גרינער היי אין ווײַסן ווינטער.

היי און שניי, שניי און היי,
קינדער שרײַען: היין היי!

אַף דער פויער. ס׳פאָרן פורן,
איבער שנייען גרינע שפּורן.

כאַפּט א קינד א הויפן היי,
בלײַבט דעם צווייטן נאָר דער שניי.

ווערט א טומל, א געשלעג,
ווייניק היי דאָ אַפן וועג.

ווייניק היי — אין שניי דען קאַרג?
פליען הויפנס שניי אין קאַרק —

דעם אין אויער, דעם אין נאָז,
האָבן קינדער זיך געלאָזט

לויפן, יאָגן האַסטיק שטאַרק
מיט די שליטעלעך צום באַרג.

נומ. 5, 1962

דאָרע כײַקינע

דער אַלמאָנע פון קאָנגאָ

דערהערט האָב איך הײַנט דײַן אַלמאָניש געוויין,
דײַן טרערן האָט מײַן לײַב מיר געבריט ביזן ביין,
פאַלין מײַנע, שוועסטער מײַן ווײַטע!
געוועזן בין איך דאָן אין מײַן קיִעווער הויז,
ווען דו ביסט אַף גאַסן געגאַנגען אנטבלויזט —
אײַער מינהעג פון אוראַלטע צײַטן.

שיווע בא אונדז פלעגן זיצן אלמאָנעס
אין אלקער אין ענגן, אין פינצטערן טאָנעס,
געבויגן, מיט באָרוועסע פיס.
דעם ווייטעק זיי פלעגן אין שטיבל פאַרשליסן,
ס׳זאָל קיינער ניט הערן, ס׳זאָל קיינער ניט וויסן,
ווי ביטער זיי איז און ווי וויסט...

און דו האָסט דײַן פײַן און דײַן צאַר ניט פאַרבאָרגן,
דײַן ווייטעק געזען האָט אין יענעם פרימאָרגן
יעדער פאָשעטער מענטש אַף דער ערד.
אַף שטיינער צעגליטע, ווו דו ביסט געטראָטן,
געגאַנגען עס זײַנען מיט צאָרן באַלאָדן,
די מענטשן, וואָס זײַנען געערכט.

אין צאָפן געשפּאַנט האָבן פרויען אין אונטעס,
אין וואָרעמע קאַנטן — אין קליידער אין בונטע, —
דײַן ווייטעק זיי האָבן געשפּירט.
צוזאַמען מיט אלעמען איך בין געגאַנגען,
מײַן ליבע צו דיר האָט געשאַפן געזאַנגען,
איז זינג איך זיי, זינג איך זיי דיר!

איך וויל, דו זאָלסט וויסן: אין קיִעוו אין מײַנעם,
אין גאָלדענעם קאַנט, וועלכער רופט זיך אוקראַיִנע,
איז לומובעס א גאַס שוין פאַראַן.
עס שטייען דאָרט מויערן הויכע און העלע,
ניט ווײַט פון דער גאַס שפּילן דניעפּערישע וועלן
און זינגען דײַן מוט א געזאַנג.

און טאָפּאָלן וואַקסן דאָרט זילבערנע, הויכע,
עס דאַכט, אַז די קרוינען צום הימל דערגרייכן —
זיי באָדן זיך שטענדיק אין בלוי.
איך גלייב, אַז א שטאָט, וואָס וועט טראָגן זײַן נאָמען,
וועט זען, ווי אין קאַנגאָ די וואַסערן שטראָמען, —
איך גלייב, אַז ס׳וועט זײַן נאָך אַזוי!

נוּמ. 1, 1961

מ ע נ ד ל ל י פ ש י ץ

הײם

ווײַסרוסלאַנד, ביסט מײַנע ליידן און פריידן.
אפילע דײַנע בערגלעך ריידן.
אפילע דײַנע באָרן־ווינקלען
און דײַנע טיפע זומפּן — זינגען.

איך קען ניט גלײַכגילטיק דערמאָנען
ניט דײַנע ווערבעס, ניט די קליאָנען,
ניט דײַנע עפּל אָף די צווײַגן,
ניט די קורגאַנעס, וועלכע שווײַגן.

ווי ס׳רעדט דײַן ווינט, איז מיר פאַרשטענדלעך,
מײַן ראַכוועס אין דיר איז אומענדלעך,
איך פאַרשטיי יעדעס וואָרט אין דײַן בושעלס לאָשן,
דײַן טאָג אין מיר ווערט פאַרנאַכט פאַרלאָשן.

פון ערשטן וועלט־געשריי דאָס זון־גליק,
פון לעצטן אויסגעשריי דער אומגליק.
וווּ כ׳זאָל ניט זײַן — אין בערג און אין נידער, —
עס קלינגען אין מיר דײַנע לידער.

דײַן פרײַנטשאַפט מיך באַגלייט, ווײַסרוסלאַנד,
דײַן שאַרפזין עס באַגלייט מיך פוס־גאַנג,
דײַן ליבע מיך באַגלייט, דײַן צאָרן,
וווּ כ׳זאָל ניט גיין און וווּ כ׳זאָל ניט פאָרן.

און כ׳קען דערפאַר, ביז לייד און פריידן,
מיט דיר, מײַן היימלאַנד, זיך ניט שיידן.

נוּמ. 7, 1974

כאנע לעווין

יונגע ביימלעך

אין הויכע וואפנע־שטיוועלעך
די יונגע ביימלעך ציִען זיך צום רוים,
אף די בערעזעס כיינדלען זיך
די ערשטע בלעטלעך גרינע,
דאָס יונגע ביימעלע, עס גוידערט זיך,
פונקט ווי אף אן עמעסן געווען עס וואָלט
א גוואר א בוים,
אז בעסאכאקל גאָר
דעם שטאם מע קאָן ארומכאפּן
בלויז מיט צוויי פינגער.

נאָך זויגלינגען... א יאָר קוים אלט.
ס׳איז אלץ פאר זיי א נײַס —
די זון איז נײַ, דער רעגן נײַ,
צו פייגל ערשט זיך צוגעלאָזן.

אין הויכע וואפנע־שטיוועלעך
זיי שײַנען ווײַס,
פון שטורעם ניט געפּרוווט,
נאָך ניט געפּאָקט, געמאָזלט.

און דאָך, ווי וווּנדערלעך
איז דער בעריאָזקעס כיין, ווי רײַף!
ניט ווײַט — א דעמבל, א געפאקטער יאַט,
עס דאכט: ער אײַלט זיך גאָר ניט וואקסן.
עס רוישט א שטארקער ווינט
און פּרוווט, צי דאָס בעריאָזקעלע איז שטײַף,
און ער — דאָס דעמבל — טוט קיין ריר זיך ניט:
נאָך קליין — און שוין אן אקשן.

נומ. 6, 1964

באָריס מאָגילנער

באקומט, וואָס איר זוכט

באוווסט איז פון לאנג,
אז געצוווּנגען ניט זײַן וועסטו מילד —
א ליבע מיט גוואלד
האָט נאָך קיינער דערווײַל ניט פארהאלטן.
אויב אייניקע האָבן זיך
אָפּגעפרעמדט, פלוצעם צעבילט,
טאָ זאָלן זיי פויזען צוריק
אין דער וועלט פונעם שימל דעם אלטן.
זיי ווילן — מאכטייסע,
ס׳איז קיינעם פארבאָטן דער וועג,
זאָלן זיי לויפן
און טרייסלען די אונטערגעהויבענע פּאָלעס.
ס׳איז גרינג פונדערווײַטנס
זיך אויסמאָלן גאָלדענע בערג
און מיינען, אז שוין —
זיך אויסגעלייזט, ענדלעך, פון גאָלעס...

מײַן שאָכן — ער כאלעשט,
ער רײַסט זיך מיט אימפּעט אהין:
דאָס עמעסע אָרט
איז געוויס פאר אים דאָרט, מיין איך טאקע.
נאָר אנדערע לויפן —
כאָלילע, אראָפּ פון דעם זין?
ווײַזט אויס, ס׳איז א קלעפּיקע קרענק —
א ביטערע מאקע.
עס טרעפט:
אויך געוועזענע פרײַנט מײַנע בײַטן די פעל,
און ס׳איז מיר א כארפּע —
ס׳טוט וויי. נאָר איך ווער ניט ניספּאָעל.
פארביטערט איך קאָן זיי נאָר זאָגן:
אָט איז זי, די שוועל.
נו, כאפּט בא דער פּאָלע
דאָס גליק, וואָס איר רופט עס — ייִסראָעל...

נומ. 9, 1974

מישע מאַגילעוויטש

לײם

אומעטום צעבײַלטע, קאַלטע לײם,
וואָס אויסגעוווינטיקט איז און אויסגעמישט פֿון רעגנס,
ס'איז באַרג און טאָל און ערד אַלײן, —
די פּלאַסטן זײַנען יאָרנלאַנג געלעגן.

נאָר אויב צעשנײַדן, אופֿהייבן דעם פּלאַסט,
אַרײַנהויכן אין אים די ליכטיקײַט פֿון לעבן,
אים געבן זון און פֿײַער, ווי עס פּאַסט,
די וואַרעמקײַט פֿון האַרץ אים געבן, —

איז ווערן ווערט די לײם אַ מאָנומענט —
ניין, ניט פֿון געטלעכער — פֿון מענטשישער באַשאַפֿונג,
און קוקן וועלן קינדס־קינדער און גאַפֿן,
ווי שטאַרק עס איז דער קױ'ך פֿון מענטשנס הענט.

נומ. 11, 1966

בוזי מילער

ביימער ציִען זיך אַרויף

פראַגמענט

ס'איז אָנגעהייב אוגוסט. כ'בין צוגאַסט אין סאָד
באַם ברודער אין אַ אײַנדערפֿרי אַ טריבן.
פֿון קינדווײַז אָן דערגײיין דעם טיפֿן סאָד
פֿון ערד און שעפֿע האָט ער זיך געקליבן.
און אָט, אין רײַפֿן עלטער שוין אַצינד
צום טאָך דערגאַן, פֿאַרפֿלאַנצט אַ סאָד אַ גאַנצן,
ער פֿרייט זיך, פּונקט ווי דעמלט, ווען אַ קינד
ער האָט פֿאַרטרויט דער ערד זײַן ערשטע פֿלאַנצונג.
ער פֿירט מיך דאָ אַרום פֿון בוים צו בוים,
פֿון יעדן פֿלאַנץ ער האָט וואָס צו דערציילן.
— דאָס ווײַנשל־ביימעלע דו זעסט? קוים־קוים
געקאָנט מ'האָט אָף די פֿינגער איבערציילן
די ערשטע פּרוכט. אַצינד אָבער דערפֿאַר
אָף זײַנע צווײַגן איז פֿון ווײַנשל ענגלעך.
און אָט די פֿלוימען זעסט? ס'איז אַ געפּאַר,
דער בוים פֿון פּרוכט זאָל אײַנפֿאַלן. מיט דרענגלעך
איך שפּאַר אים אונטער. עפּלביימער אויך
עס וואַקסן עטלעכע דאָ פֿײַנע סאָרטן. —
און יעדער בוים דאָך פּאָדערט צײַט און קױ'ך,
נאָר וועגן דעם מײַן ברודער רעדט קיין וואָרט ניט.

אַ קלאָרע זאַך: אָן מי קומט גאָרניט אויף,
ס'איז איבעריק עס צו דערמאָנען ווידער.
דער איקער — ביימער ציִען זיך אַרויף,
ווען שווערע צווײַגן ציט עס צו דער נידער.

נומ. 3, 1975

גאָלדע מיכעלסאָן

זשיטני באַזאַר

זשיטני באַזאַר, זשיטני באַזאַר,
דאָ פּאַר דער קעשענע איז א געפּאַר!
מיינט ניט, מע דאַרף פאַר גאַנאָווים אַנטלויפן,
כאַלילע! עס ווילט זיך דאָ פּאַשעט אַלץ קויפן.
יונגע קאַרטאָפל מיט שוועמלעך — א מײַכל,
נאָר שאַטן וועט אויך ניט א היגעריש ייַכל.
א פּיירע איז פלוימען, וואָס דאַרף מען זיך נאַרן,
הײַנט ווו זײַנען עפּל און ווו זײַנען באַרן?
און אַלע דאָ ריידן און אַלע דאָ רויִשן,
און ס׳זײַנען בא יעדן שוין פולע די קוישן.
דאָ זעט מען די שעפע מיט אייגענע אויגן
און באַלד איז געמאָסטן און באַלד איז געוווגן.
איך ווייס ניט, ווי איר, — איך האָב ליב קוקורוזע,
כאָטש טראָגן וועט שווער זײַן, נאָר קויפן זי מוז איך.
זשיטני באַזאַר, זשיטני באַזאַר,
דאָ פּאַר דער קעשענע איז א געפּאַר!

נומ. 3, 1964

יאַנקל עלקיס

אַספּאַלט און ווייכע סטעזשקע

אַספּאַלט... עס יאָגט אַף אים די אויטאָסטראַדע בליציק־שנעל,
די ווייכע סטעזשקע שלעפּט זיך לאַנגזאַם־פּאַראַלעל.

אַספּאַלט איז גלאַט און גוט... נאָר אויך די סטעזשקע האָב איך ליב, —
מײַן צײַט, פאַרגיב מיר אָט די זינד, פאַרגיב.

ס׳קאָן זײַן, אַז דאָרט, לעם סטעזשקע, לעבט אין שטיבעלע א טרוים,
וואָס וועט א נײַע סטעזשקע דורכלייגן אין הימל־רוים.

אַספּאַלט איז גלאַט און גוט פאַר גומי־רעדער און מאָטאָר —
דאָס איז די ברייטע אויטאָסטראַדע פון מײַן דאָר,

וואָס האָט אַף זיך גענומען יאָג־און־איבעריאָג
און העלפט מײַן היימלאַנד קייפלען ווערט און וואָג.

עס קלינגט זײַן ליד שוין אין דער העכסטער הייך,
זײַן טראָט איז שטאָליק־האַרט און מענטשלעך־ווייך.

דערפאַר כ׳האָב ליב צו זען, ווי ס׳יאָגט די אויטאָסטראַדע בליציק־שנעל,
און כ׳ליב די ווייכע סטעזשקע, וועלכע שלעפּט זיך פּאַראַלעל.

נומ. 4, 1962

פּיניע פּלאַטקין

דער צוואַנציקסטער יאָרהונדערט

און זאָל דאָס בילד גרויסאַרטיק זיך באַקומען,
ווי נאָך אַ מאַזלבראָכעדיקן רעגן זומער,
ווען אַף די ברייטע פעלדער הויכע זאַנגען
דעם הימל פאַר אַ פרישן טראָפּן וואַסער דאַנקען.
זאָל אַלעמאָל אונדז מיט האַצלאָכע דינען
די אומגעצוימטע שטרעבונג פון געפינען
געזעצן נײַע און אין זיי אַנטפּלעקן

פון מי די פרוכט און פון דעם האַרץ די רעגונג
און יענע נאָך ניט דורכגעלייגטע וועגן,
וואָס זײַנען שטענדיק אין געראַנגל, אין
באַוועגונג, —
אַזאַ איז ער — דער גרויסער וווּנדער —
דער צוואַנציקסטער יאָרהונדערט.

נום. 9, 1974

יויסעף קאַטליאַר

איבערוף

מײַן סייכל זאָגט מיר: זינג! און
כ׳פאָלג אים.
איך זינג דאָס זעלביקע געזאַנג,
וואָס ס׳זינגען פישער אַף דער
וואָלגע...

אין וואַסער, קעגן זון־פאַרגאַנג,
פאַרוואַרפן זיי די נעץ און קוקן
פאַרליבט, מיט גלויביקייַט אין
בליק,

ווי גרינג די שווים־העלצלעך זיך
טוקן
און האַלטן אויף די שווערע שטריק.

מײַן האַרץ באַפעלט מיר: זינג! און
כ׳פאָלג עס.
אַזוי־אָ זינגט, דעם קאָפּ אַנטבלויזט,
דער מענטש אין פעלד, ווען גרויער וואָלקן
זײַן ערשטן דונער־בליץ האַקט אויס.
ער זעט פאַר זיך אַ שעפע זאַנגען,
דער מענטש אין פעלד, — עס גרינט און
ס׳בליט...

איך זינג, און אַלעמענס געזאַנגען
זיך רופן איבער אין מײַן ליד!

נום. 2, 1962

אווראָם קאַצעוו

די ליד פון מײַן געמיט

דער זומער ברענט, דער זומער גליט
און מאַכט מיך ברוין, און מאַכט מיך
צונטער.

מײַן שווערער קוי׳ך צו דר׳ערד מיך ציט:
איך בין אַ האָלצהעקער,
איך בין אַן ערדגרעבער —
אָן אַרבעטער כ׳בין אַ געזונטער!

דער ווינטער פרעסט. דער פויגל פאַלט.
דער וועג, ווי שטאָל. דער שניי קלינגט
אונטער.

איך בין אין פעלד, איך בין אין וואַלד:
איך בין אַ האָלצהעקער,
איך בין אַן ערדגרעבער —
אָן אַרבעטער כ׳בין אַ געזונטער!

דער סוינע גייט, געדיכט ווי וואַלד,
פונקט ווי אַ טהאָם, ער רוקט זיך אונטער.
כ׳בין ניט פון די, ווער ס׳מאַכט אַ גוואַלד:
איך בין אַ האָלצהעקער,
איך בין אַן ערדגרעבער —
אָן אַרבעטער כ׳בין אַ געזונטער!

נום. 4, 1968

פּיניע קיריטשאַנסקי

רײַפֿקײַט

די זון אירע שטראַלן צעוויקלט,
ווי פעדעם פון גאָלדענעם קויש,

אין העמדלעך אין ווײַסע די גריקע
איז הײַנט אַף די פעלדער אַרויס.

איר צוויט אַף די שטענגעלעך גרינע, —
ווי שוים פון די כוואַליעס זיך דוכט,

עס טראָגט זיך א זשומען פון בינען,
עס שמעקט שוין מיט האָניק די לופט.

מיט רו און מיט רײַפקײַט פּאַוואָליע
זיך הוידעט די גריקע אין פעלד,
און ס׳דוכט זיך מיר אויס, אַז דער שאָלעם
האָט דאָ אַף די פיס זיך געשטעלט.

נום. 3, 1961

מאַקס ריאַנט

פּאַרטאָג

ס׳צערינט די נאַכט, עס הייבט שוין אָן שאַריִען,
דער ערשטער שטראַל אין פענצטער קוקט אַרײַן,
די נעפּלדיקע בלויקײַט אין דער שאָ דער פריִער
באַהעלט עס ווערט מיט ציטערדיקער שײַן.

איך הער די ערשטע טריט שוין בא די שכיינים,
און אויפגעוועקטע טירן וואַכן אויף.
די ראַדיאָ זינגט, א שטים א לויטער־ריינע
אַנטקעגן נײַעם טאָג מיך רופט.

א העזל שפּרינגט אַראָפּ פון גליִענדיקע שויבן
און טאַנצט אַריבער אַף דער וואַנט.
ס׳קומט אויף א טאָג מיט האָפענונג און גלויבן
און ברענגט אונדז פרייד פון פולער האַנט.

נום. 9, 1974

הירש רעלעס

ליאַוואָניכע

טאַנצט א ליאַוואָניכע מערע־מאַרינקע,
נאָכעמס מיזינקע, נאָכעמס מיזינקע.

אין שיכעלעך רויטע שפּרינגט זי און טופּעט,
זיך שלענגלען די לענטעס איבער לײַנענער יופּע.

אין זײַדענעם העמדל מיקאָלע שפּרינגט אונטער,
ער נעמט זי אַרום און אָט שווימען זיי מונטער.

ליאַוואָניכע — א ווײַסרוסישער פאָלקס־טאַנץ.

זײַן מוטער אהאטע וויינט אזש אין פריידן,
טײַערע קינדערלעך, מיר פאר אײַךביידן.

רודערט דער זאל אוף פון ווינקל ביז ווינקל:
— בראוואָ, מיקאָלע! בראוואָ, מארינקע!

אין האסטיקן אימפעט פון אָרט נעמט מיך טראָגן,
ברידערלעך מײַנע, נו וואָס זאָל איך זאָגן?

איך בענק נאָך א פריילעכס, איך בענק נאָך א ניגן,
וואָס האָט אונדז נאָך קליינע געוועקט אין די וויגן.

נאָר איצט ווילט זיך טאנצן מיט כאָסן און קאַלע —
שפּילט א ליאוואָניכע, שפּילט מיר, צימבאלעס!

נום. 6, 1962

מאָטל שטורמאן

דאָקטוירים

דאָקטוירים פאר אונדז —
זייער לעבן זיי שטעלן.
פון אלע דאָקטוירים
נאָר דרײַ מיר געפעלן.

דער ערשטער —
די זויבער־קרישטאָלענע לופט,
זי היילט און זי קוויקט
מיט איר ווײַניקן דופט.

דער דאָקטער דער צווייטער —
די ליכטיקע זון,
איר גלײַזיקע שײַן
נעמט געטרײַ מיך ארום.

דער דאָקטער דער דריטער —
דער ברויזיקער יאם,
ער ווייסט ניט קיין גרענעץ,
ער ווייסט ניט קיין צאם.

קעסיידער ער מונטערט,
קעסיידער ער קוועלט.
קיין דאָקטוירים קיין בעסערע
ניטאָ אף דער וועלט.

נום. 3, 1966

יאנקעוו שטערנבערג

הערױִשע באַלאַדע

אלע וועגן, וואָס דער מענטש פארשריבן האָט
אף דער ערד און אין דער לופט און אף די יאמען,
פלעכטן איבער זיך און לויפן הײַנט צוזאמען
מיטן שטעג, וואָס ציט פון פּארק פון מײַטלענד־ראָד[1].

ווער זשע אָט דעם קלאָרן וווּנדער־שטעג געצייכנט האָט?

נאָך געדענקען דאָ די ביימער אָט דעם פּארקס
יענעם דענקער אין זײַן ארבעט־צימער,

[1] מײַטלענד־פּארק־ראָד — א ראיאָן אין לאָנדאָן, ווו קארל מארקס האָט געוווינט.

מיט זײַן וואכן פענצטער ביז פּאַרטאַג אין שימער —
יענעם דענקער, וואָס געהייסן קאַרל מאַרקס.

אי פילאָסאָף, אי געלערנטער, אי כאוועך —
שטאַרק אין גײַסט, אומבייגזאַם, ווי האָמערס א העלד.
ווי א זייגער ער צעגעמט דעם בנין „סכוירע — געלט",
ער צעגלידערט קאַפּיטאַל, אַנטפּלעקט זײַן סאַמהאַמאָוועס־זשאוּוער.

נאָך געדענקט דער פּאַרק דעם מאָור־ברוינעם[1] עמיגראַנט.
אָט אָ־דאָ, אין דעם עטאַזש, געוווּן זײַן האַפן,
ווו — נאָך נאָוונאַד, געיאָגט פון לאַנד צו לאַנד,
זיך פאַראַנקערט האָט מיט ענגעלסן באַנאַנד.
דאָ, אין אונטערשטן עטאַזש, האָט ער געשאַפן.

אויף די ווײַטע, נידעריקע ביימער אופגעהויבן
האָבן זיך — אַרײַנגעקוקט אין שויב צו אים,
און אַף זייער סוידעס־שיינער בלעטער־שטים
פון זײַן ריזן־מי דערציילט די שטערן אויבן —

זיך געבוקט, דערציילט, געשושקעט ביימעריש־אינטים.

ווי דער מאַן מיט קאָפּ און גריווע פון א לייב,
קעמפער, ביכער־נאָזיר און פון גײַסט דער ריטער,
וואָס די נעכט דאָ שטורעמט ביז אשמורה דריטער,
אַלעמאָל זיך פון זײַן שרײַבטיש טוט א הייב.

פון די אויסיעס לויט זײַן געשטאַלט און בילד —
שנעל געקריצטע יעראָגליפן, הייס־פאַרצייכנט,
און הייבט אָן צו שפּאַנען — זײַן געדאַנק דערגרייכנט,
ווי דער יעגער, וואָס זײַן יאַגד פון ווײַט דערפילט.

ווי דער יעגער אומדערמידלעך, טאָמיד אָנגעצילט!

וויפל ער אזוי האָט פון זײַן טיר
ביז צום פענצטער קילאָמעטערן אויסגעטראָטן,
און געלאָזט דאָ, אַף די ווענט, זײַן הייסן שאָטן,
און אַף טעפּעך — מיט דעם שפּור פון זײַן שפּאַציר —

ענדלעך צו דעם לאָנקע־שטעג, וואָס בוילעט פירט...
יאָ, ס'געדענקען נאָך די מײַטלענד־פּאַרק־ראָד־ביימער,
ווי דער וואַנדער־שטעג דער אָפענער, געהיימער
אין א טאָג אויך זייערע קרוינען האָט באַרירט

און ווי איבער זיי א פלי געטאָן — עס האָט זיך זיי געדאַכט.

אים באַמערקן לאָנדאָנס אַרבעטער־קוואַרטאַלן,
אָנגעפּיקעוועט מיט מענטשן פונעם קעלער ביזן דאַך
און מיט נויט־געשפּענסטערס, וואָס זיי שלאָפן אין קאַנאַלן,
און מיט נײַן יאָר אַלט פאַבריקן־קינדערלעך א סאַך.

אים דערבליקט מאַנטשעסטער, לידן און בירמינגהאַם —
ענגלאַנדס שטעט אין שווערסטן יאָך פון שטאָל־מאַשינען,
וואָס צו זיי פון דאָרף מע טרײַבט די אַרבעטס־בינען...
בלויז דער קאַלטער, שטאָלצער הערשער פונעם לאַנד און יאַם:

פאַבריקאַנט און לאָרד — זיך מאַכט ניט זעענדיק דעם שטעג פון פלאַם...

---

[1] מאָור — אזוי האָבן די אייגענע און פרײַנט גערופן קאַרל מאַרקסן.

אָבער ביז זײַן נײַן מאָס רייד־פּאַלאַטע האָט זיך אויסגעגענצט,
הערנדיק די טייקעף וויאַנענדיקע דראָשעס לאַנג,
האָט דער שטעג אין רוים זיך פֿאָרגעזעצט זײַן גאַנג,
אָן א פּאַס אריבער אויך די גרויסבריטאַניע־גרענעץ.

און אוועק, אוועק דורך צײַטן אינעם רויך פֿון קריג,
איבער לענדער כאָרעווע אין פֿײַער פֿון מילכאָמע,
און פֿון שלאַכטן גרויזאַם־בלוטיקע צוליב נעקאָמע
אינעם אייג׳נעם ארבעטס־פֿאָלק, מיט גוואַלד דערשטיקט...

ווער זשע ווײַטער האָט דעם שטעג געפֿלאַסטערט, ווי א בריק?

ס׳רוישן, ענטפֿערן דעם אַלטן קרעמלס יונגע טענען:
— ער! דער מאַן ציווילער אַף סאָלדאַטסקן בראָנעוויק,
און אין סמאָלני... ער, דער מאָנער, לערער, באָלשעוויק,
וואָס אין מענטשס זיקאָרן זיך פֿאַרקריצט מיט נאָמען: לענין!

אין אייראָפּע, אַזיע און אַפֿריקע שוואַרצהויטיקער.
אומעטום די ארבעטער דעם אַלטן סיידער שטייניקן.
אומעטום די פֿעלקער זיך צום פֿרײַהײַטס־קאַמף פֿאַרייניקן.
אין אייראָפּע, אַפֿריקע און אַזיע דער געל־ברויניקער.

אַלע וועגן, וואָס דער מענטש פֿאַרשריבן האָט
אַף דער ערד און אין דער לופֿט און אַף די יאַמען,
פֿלעכטן איבער זיך און לויפֿן הײַנט צוזאַמען
מיטן שטעג פֿון סמאָלני — שטעג פֿון פּאַרק פֿון מײַטלענד־ראָד.

נומ. 2, 1961

נייע דערציילונגען

העשל ראבינקאוו

מײַנע וועלדער

1

נאָך דער גרויסער וואלד־סרײַפע בישכײַנעס מיט אונדז, אין וויאזעמקע, קום איך ווידער אהיים שפּעט אין אָוונט. סטערע בורטשעט אומצופרידן:

— אף וואָס גייען בא דיר אוועק די טעג מיט די יאָרן?

אף וואָס גייען טאקע אוועק די טעג מיט די יאָרן בא אונדזערן א ברודער א לעסניק, א וואלד־אופזעער?.. אפן „אָבכאָד”, אף ארומשפּאנען טאָג און נאכט, ווי מע זינגט אין דער ליד, „זומער אין די היצן, ווינטער אין די זאווערוכעס”, איבער דײַן וואלד־ווירטשאפט. און א וואלד־כײַלעק, דארף איך אײַך זאָגן, איז בא מיר גאָר ניט אזא גרויסער, לויט אונדזערע ווײַטמיזרעכדיקע מאָסן — סאכאקל זעקס הונדערט הא, נאָר אדעראבע, פּרוּווט א ניט־געוווינטער אויסשפּרײַזן פארן טאָג אזא שטרעקע!

די ערשטע צײַט פלעג איך טאקע בלײַבן אָן פּיס, דערקלײַבן זיך אהיים שפּעט באנאכט מיט אן ארויסגעשטעקטער צונג. נאָר ווי איר זעט... טאָג־אײַן און טאָג־אויס מאך איך דורך, גאָט צו דאנקען, אזא מעהאלעך שוין באלד קימאט א פערטל יאָרהונדערט!

נאָר ניט שוין וועט טאקע אויסקומען ארויספאָרן פונדאנען?

די לעצטע צײַט האָט סטערע גענומען ריידן:

— מענטשן לעבן אין שטאָט. מיט די קינדער...

קומענדיק פון כאבאראָווסק, וווהין זי פאָרט מיט אירע באריכטן אין „כאבאראָווסקלעס”, זיצט זי דערנאָך עטלעכע טעג אין קאָנטאָר איבער אירע בוכהאלטערישע ביכער אן אָנגעדרודלטע. ס'איז נימעס געוואָרן, טײַנעט זי, דער העק מיט דער טײַגע. די קינדער האלטן אויך מיט דער מאמען, אז ס'איז שוין טאקע צײַט פאר אונדז ארויסקלײַבן זיך אין שטאָט. די טאָכטער — א טעכנאָלאָג אף א ניי־פאבריק, דער זון — א מעכאניקער אפן זאוואָד „ענערגאָמאש”, דער איידעם — א קאָרעספּאָנדענט פון א צײַטונג קומען אמאָל אראָפּ אף א שאבעס און זונטיק. די טאָכטער — זיך פּאַשעט זען מיט אונדז, די מאנצבלען — אונטערשיסן אויך אן אויערהאָן אָדער א העזל, קעדיי באריִמען זיך פאר גוטעפרײַנט מיט זייער יעגערישע רעקאָרדן... אף דעם געביט קומען בא מיר מיט זיי אוף סיכסוכים:

— מיר זײַנען דאָך ניט קיין בראקאָניערן, — טײַנען זיי. — מיר האָבן ליצענזיעס!

יאָ, ליצענזיעס האָבן זיי. אָבער צו גרינג און צו וואָלוול גיט מען זיי בא אונדז ארויס. ווערט טאקע אין וואלד אלץ ווייניקער אין ווועמען צו שיסן...

זונטיק אין אָוונט פארן אָפּפאָרן הער איך פון די קינדער דאָס זעלבע לידל:

— צײַט, טאטע, ארויסקלײַבן זיך אין שטאָט...

מע רעדט מיר אפילע א שידעך: ווערן דאָרט א פּאַרוואָלטער מיט א גרויסן געהילץ־סקלאַד. „אַלצײַנס וואַלד״, — זאָגן זײ. גײ דערקלער, אז טויטע קלעצער און ברעטער זײַנען פאַר מיר ניט קײן לעבעדיקער גרינער וואַלד, מיט וועלכן כ׳האָב צו טאָן דאָס גאַנצע לעבן. דאָס גאַנצע לעבן!

אף דער גרענעץ פון רוסלאַנד און אוקראַיִנע שטייט א היפּש דאָרף הוטע, אַרומגערינגלט מיט די באַרימטע אין יענע קאַנטן סאַסנע־וועלדער. אין יענעם דאָרף האָבן געוווינט עטלעכע דורות יידישע יישווניקעס — קאַוואַליאָוס. געווען זײַנען צווישן זײ סמאַלאַקורן, בראָנפן־טרײַבער, וועלכע פלעגן זיך אף ווינטער צעפאָרן איבער די אַרומיקע פּריציש׳ע גוראַלניעס, אָבער דעריקער — וואַלד־מענטשן. נאָך ייִנגלוויַיז זײַנען זײ שוין פאַרהאַוועט אַרומגעלאָפן איבער די געהילץ־סקלאַדן, וואָס האָבן געהערט צום רײַכן ייִדן באַס. פון די שטיוול־כאַליע־וועס האָט בא זײ כוואַטסקע אַרויסגעקוקט א שפּיץ פון א צונויפגעלייגטן אַרשין.

איך בין פון יענער מישפּאָכע, און ווי אַלע כעוורעלײַט פון מײַן עלטער דעמלט בא אונדז אין דאָרף, האָב איך זיך ניט פאַרגעשטעלט, אז מע קאָן לעבן אָן אָט אָ־דעם וואַלד, וועמעס סוידעסדיקע געדיכטעניש איך בין געוווינט געווען צו זען אַנטקעגן אונדזער הויף, ווי מע זאָגט, פונעם טאָג פון געבאָרן הערן, ווי עס שעפּטשען זיך די בלעטער אף די צווײַגן. ווינטער פלעגן מיר מיטן זיידן, ווי אַלע פויערים, פאָרן אף א ברייטן שליטן נאָך האָלץ, זומער אופּ־שטיין באַגינען, אוועק מיט די ייִנגלעך און מיידעלעך אין וואַלד און ברענגען פולע עמערס מיט פריילעכע געלינקע פּיקסעלעך און רויטקעפּלעך, מיט דער באַרימטער הוטער „טשער־ניקע״ — שוואַרץ־יאַגעדעס, וואָס דערמאָנען שטאַרק אונדזער ווײַטמיזרעכדיקע גאָלוביצע, נאָר א סאַך געשמאַקער, זיסער. איך האָב ליב געהאַט דעם וואַלד, אָבער פאַרבינדן זיך מיט אים אפן גאַנצן לעבן האָב איך אין זינען ניט געהאַט. א וואַלד־אופזעער, האָב איך דעמלט געהאַלטן, איז אָן אַרבעט פאַר א באַיאָרטן מענטשן, וואָס האָט ניט קיין פאַך און אויך קײן פּײַיִקײַטן צו עפּעס בעסערס, אשטייגער, ווי אונדזער מאַרקעל, — געווען בא אונדז אַזא וועכטער פונעם קאָלווירטישן סאָד. מיך האָט דעמלט געצויגן גאָר צו אײַזן, צו מאַשינעס. איך האָב געטרוימט זיך אַרויסרײַסן פון דאָרף און אָנקומען אַרבעטן אף א זאַוואָד ערגעץ אין א גרויסער שטאָט. מיר איז דעמלט געווען זעכצן יאָר.

איך האָב אָבער דאָס ניט באַוויזן צו טאָן — ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע. סאָף איין־און־פּערציקסטן זײַנען די דײַטשן דערגאַנגען ביז אונדזערע ערטער. הינטער דער נאָענ־טער אײַזנבאַן־סטאַנציע זיאַרנאָוואָ האָבן זײ אָפּגעצוימט א שטיק פעלד מיט שטעכיקן דראָט און צונויפגעטריבן אַהין די לעבנגעבליבענע נאָך אַרבעטספּײַיִקע ייִדן פון די אַרומיקע שטעט־לעך און יישווים.

פון אונדזער מישפּאָכע איז נאָר מיר איינעם געלונגען זיך אַרויסרײַסן פונעם דאָרף, ווען די דײַטשן זײַנען אַרײַן. דורך געגרעטענער, דורך הויפן האָב איך מיט נאָך עטלעכע פויערים פון הוטע זיך דורכגעשלײַכט אין וואַלד, ווו ס׳האָט זיך שוין פאָרמירט איינער פון אונדזערע ערשטע פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן איז בריאַנשטשינע, און טאַקע דאָרט האָב איך געהאַט די מעגלעכקײַט אָפּצושאַצן, וואָס פאַר א זיכערער פרײַנט און באַשיצער דער וואַלד איז!

גאָר אינגיכן בין איך, ניט געקוקט אף מײַן יונגקײַט, געוואָרן אין אָטריאַד א נייטיקער מענטש. איך בין געווען פון די, וואָס האָבן געקענט גרינג אָפּזוכן אין די סאַמע פאַרפּלאָנ־טערטסטע און פאַרוואַקסענע וואַלד־טיפעניש דאָס איינציקע נאָענטע געפאַרלאָזע שטעגעלע, וואָס האָט געפירט אַהין, ווו מע האָט באַדאַרפט, ווען מע פלעגט גיין אף א פאַרגעבונג — אין א דאָרף אָדער צו דער „קוקושקע״, מיט וועלכער די דײַטשן האָבן אַרויסגעפירט פון די גרויסע וואַלד־בירזשעס אָפּגעקליבן נוץ־האָלץ, צוערשט ביז זיאַרנאָוואָ און פון דאָרטן — צו זיך אין „רײַך״.

א סאַך מאָל האָבן די דײַטשן מיט דער אָרטיקער פּאָליציי „דורכגעקעמט״ דעם וואַלד מיט הינט און קוילנוואַרפערס. ס׳איז אָבער געווען הוטער וואַלד! און זײ האָבן מוירע געהאַט צו טיף אוועקלאָזן זיך אין דער געפערלעכער געדיכטעניש, ווו פון אונטער דער ערד, פון א בוים, פון א באַליביקער זײַט האָט מען געקאָנט אַרײַנכאַפּן א פּאַרטיזאַנישע קויל.

מעגלעך, אז טאַקע דעמלט, ווען כ׳האָב צום ערשטן מאָל דערזען די טויטע וואַלד־פלײַ־נען, פון וועלכע די פאַשיסטן האָבן אף קילאָמעטערס אויסגעהאַקט ביזן לעצטן ביימל, דעם אומהיימלעכן בעסוילעם, מיט א יאַם סטאַרטשענדיקע טויטע פּניאַקעס — מעגלעך, אז דעמלט איז בא מיר אופגעקומען א טרוים — נאָך דער מילכאָמע (אין דעם, אז כ׳וועל בלײַבן לעבן, בין איך מיט אַלע מײַנע זעכצן ייִנגלשע יאָר געווען פעסט אײַנגעגלייבט), וועל איך שוין אף שטענדיק פאַרבלײַבן מיטן „גרינעם פרײַנט״, פלאַנצן ביימער און אָפּהיטן זײ, אופשטעלן דאָס, וואָס די סאָנים האָבן פאַרניכטעט.

שפּעטער האָט זיך אונדזער אַטריאַד אַרײַנגעגאָסן אין קאָוופּאַקס אַרמיי און דורכגעמאַכט מיט איר דעם וועג צו די קאַרפּאַטן. דרײַ מאָל בין איך געווען שווער פֿאַרווונדעט, און דער סאַף פֿון דער מילכאָמע האָט מיך געטראָפֿן אין שפּיטאָל אין אוזשגאָראָד, וואָס אַף מײַרעוו־אוקראַינע. „וווהין פֿאָרט מען?" — האָב איך געגומענט טראַכטן. אין הוטע איז, ווי מיר איז שוין געווען באוווסט, פֿון אונדזערע קיינער ניט געבליבן — אַלע זײַנען זיי געלעגן אין דעם גרויסן קייווער אין פֿעלד הינטער דעם נאָענטן שטעטל סערעדינע בודע. נאָר גראָד צו יענער צײַט האָט מיך אָפּגעזוכט א בריוו פֿון מײַן איינציק לעבן געבליבענער עלטערער שוועסטער, אזש פֿונעם ווײַטן מיזרעך. „קום צו פֿאָרן, — האָט זי געשריבן, — און זאָל שוין דאָס איבער־געבליבענע אייגן ביסל בלוט זײַן צוזאַמען".

אַפֿן ווײַטן מיזרעך בין איך געקומען מיט סטערען. איר איז דעמלט געווען א יאָר צוויי און צוואַנציק, א מיטלוווּקסיקע, א דינינקע, א שוואַרצכיינעוודיקע, ענלעך אַף א מאָלדאַוואַ־נערן. זי האָט טאַקע געשטאַמט פֿון מאָלדאַוויע — פֿון בעלץ. אין די מילכאָמע־יאָרן איז זי מיט איר מישפּאָכע געווען אין עוואַקואַציע אין אוזבעקיסטאַן, אין א דאָרף ערגעץ אין כאָ־רעזמער געגנט און איז אזוי, ווי איך, געפֿאָרן צו קרויווים אַפֿן ווײַטן מיזרעך.

איך געדענק: אין נאָוואָסיבירסק איז צו אונדזער וואַגאָן אונטערגעקומען אַן עלטערע פֿרוי — דעם מיידלס א קרויווע. איך האָב געהערט, ווי זי זאָגט:

— גיב איבער הינדע־לייען מיט אירע קינדער א האַרציקן גרוס פֿון מיר און פֿון מוישען! דעם גרוס האָט יענע הינדע־לייע באַקומען מיט א היפּשער פֿאַרשפּעטיקונג: סטערע איז דאַן אַראָפּ מיט מיר אין דער שטאָט, וווּהין איך בין געפֿאָרן.

אַרבעט איז דאָרט געווען א סאַך. נאָר דירעס... מיר וואָלטן, פֿאַרשטייט זיך, ביז וואָס־ווען געקענט זײַן בא מײַן שוועסטער, נאָר איך בין געקומען אַהין מיט א באַשלוס, וועלכן איך האָב אין מעשעך פֿון דער גאַנצער צײַט ליגן אין די שפּיטאָלן פֿון אַלע זײַטן באַטראַכט: וואַלד און נאָר וואַלד!

די שוועסטער האָט אַף מיר אויסגעגלאָצט די אויגן, דערהערנדיק, אַז איך האָב שוין באַוויזן אָפּשטעקן א וויזיט אין „כאַבאַראָווסקלעס" און אַז כ'גיי פֿאַר אַן אָפּזעער אין איינעם פֿון די וואָרסקער וואַלד־ווירטשאַפֿטן.

— קיין בעסערע שטעלע האָסטו שוין ניט געקענט אויסקראַצן, — האָט זי געטײַנעט, — ווי פֿאַרקריכן אין דער טײַגע קאַרמענען מאַשקאַרא! מיינסט אוודאי, אַז דאָס איז דיר אונדזער הוטער סאָסניאַק? און סטערע וואָס וועט דאָרט טאָן?

— סטערען נעמט מען פֿאַר א בוכהאַלטער אין וואַלד־קאָנטאָר.

סטערע, דעם עמעס געזאָגט, האָט קיין איבעריקן כיישעק ניט געהאַט אוועקלאָזן זיך פֿון שטאָט ערגעץ אין דאָרף צי גאָר אין א פֿאַרוואָרפֿענעם טײַגע־העק, און מיקויעך דעם איז בא מיר מיט איר געווען ניט איין שמועס, נאָר זי איז דעמלט געווען יונג און א ביסל לײַכטזיניק און דערצו שטאַרק פֿאַרגלייבט אין זיך. זי איז געווען זיכער, אַז לאַנג וועט זי מיך ניט לאָזן זיך האַלטן בא אָט דער „מעשוגאַס". ס'וועט מיר אויך אײַנגיכן נימעס ווערן א לעבן פֿון א ביריוק אין וואַלד, און מיר וועלן זיך גאָר אײַנגיכן אומקערן אין שטאָט.

און אָט, שוין באַלד א פֿערטל יאָרהונדערט!

2

דאָ ניט לאַנג האָב איך געהאַט אַן אומגעריכטן גרוס פֿון מײַנע ווײַטע וואַלד־יאָרן אין הוטע: מע האָט מיך אַרויסגערופֿן אין שטאָט־וואָיענקאָמאַט און איבערגעגעבן א מעדאַל „פֿאַר־טיזאַן פֿון דער גרויסער פֿאָטערלענדישער מילכאָמע", וועלכע האָט מיך געזוכט גאַנצע דרײַ־סיק יאָר. סטערע איז אויך געפֿאָרן מיט מיר אין שטאָט אַף דער כאַסענע פֿון איר א פּלעמעניצע. דער כאַסענע־אָוונט איז פֿאָרגעקומען אין א רעסטאָראַן, און די ערשטע מינוטן האָב איך זיך געפֿילט א ביסל פֿרעמדלעך צווישן די געסט. דעם כאָסנס טאַטע, א קורצער געפּאַקטער פֿאַרשוין, די האָר געשוירן, ווי א „יאָזשיק", א מענטש פֿון יענע, וואָס זײַנען געוווינט אָפּצוגעבן באַפֿעלן, האָט לאַנגזאַם אַראָפּגעלאָזט די ווּעס און צוגעלייגט א האַנט צום אויער, ווי ער וואָלט שלעכט דערהערט, וואָס מע האָט אים געזאָגט, פֿאַרשטעלנדיק מיך:

— ווער? א לעסניטשע?

און דערהערנדיק, אַז ניט קיין לעסניטשע, נאָר א לעסניק, א וואַלד־אָפּזעער, מיך נײַגער־ריק אָנגעקוקט מיט איין אויג, און סטערעס שוועסטער, דער קאַלעס מוטער, אויך מאָלדאַוויש־שוואַרצכיינעוודיק, האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, קלאָגנדיק זיך:

— אָט ווי איר זעט. דאָס גאַנצע לעבן אין העק, אין דער טײַגע מיט די בערן און וועלף. מע קאָן אים פון דאָרטן מיט קיין קליעשטשעס ניט ארויסשלעפּן, און האַלט נאָך דאָרט אויך מײַן סטערקען!

איך האָב באַמערקט, ווי איינער פון די געסט, א הויכער מאַנצבל פון א יאָר עטלעכע און פערציק, שוין א ביסל מעווּסעם, די גאַנצע צײַט האָט ער געשריִען מיט א פּאַרטויבנדי־קער געמבע: „גאָרקאָ!‟, געפאָדערט, דער אָרקעסטער זאָל „א זעץ טאָן זיבן מיט פערציק‟, האָט זיך געגומען גאָר ניט פרײַנטלעך קאָסיען אף מיר. ווײַזט זיך ארויס, מיט אָט דעם פאַרשוין האָבן מיר זיך שוין געהאַט געטראָפן. טאַקע אין וואַלד.

ער האָט גענומען דערציילן די ארומיקע, וויאַזוי זײַן אונטערנעמונג האָט זיך געניי־טיקט אין געהילץ און וויאַזוי ער האָט קונציק אָפּגעמאַכט אין קאָנטאָר מיט ווּעמען מע דאַרף, מע זאָל זיי אויסטיילן א דעליאַנקע בײַ דער אײַזנבאַן, פונוואַנען ס׳איז גרינגער ארויסצופירן דאָס געהילץ.

— קומט צו לויפן אָט אַ־דער ייִד,— ער האָט באַרויגעזדיק אָנגעשטעלט אף מיר א ווײַז־פינגער, — און צעפּאַטערט מיר דעם גאַנצן געשעפט... די ביימער, שרײַט ער, וועט ער ניט לאָזן האַקן! אין קאָנטאָר, הייסט עס, ווייסט מען ווייניקער פון אים, וואָס מע טאָר און וואָס מע טאָר ניט. פאַרוואָס טאָר מען זיי ניט האַקן? נעמט ער מיט מיר אײַנקנעלן, אַז ס׳זײַנען פאַראַן פינף קלאַסן ביימער. יעדער קלאַס — צוואַנציק יאָר. האַקן האַקט מען געוויינ־לעך ביימער פונעם פינפטן קלאַס, דאָס הייסט הונדערטיאָריקע, און די, וועלכע איך האָב זיך געקליבן האַקן, נעמען אף זיך ערשט אָן לײַב, האָט ער געשריִען.

פונעם צווייטן עק טיש האָט עמעצער אויסגערופן:

— גערעכט, זאָל איך אַזוי לעבן! וואַלד, מאַזסיי באָריסאָוויטש, איז, ווי ס׳שטייט אין פּאָ־סעק, אונדזער נאַציאָנאַל פאַרמעגן. אַזעלכע זשוקלעך, ווי איר, מאַזסיי באָריסאָוויטש, ווען מע לאָזט אײַך, וואָלט איר גיך געמאַכט א שיינעם טאַכלעס פון אַלץ. לאָמיר אויסטרינקען פאַר אונדזער רוסישן וואַלד און פאַר זײַנע טרײַע היטער!

צווישן די געסט זײַנען געווען אויך פּראָנטאָוויקעס. דאָס איז אַזאַ אוילעם, וועגן וואָס זיי זאָלן ניט ריידן, מוזן זיי ארוף אף איין טעמע: ווו און וויאַזוי מע האָט מילכאָמע געהאַלטן. מיט זייער געניטן אויג האָבן זיי באַמערקט אף מײַן לאַץ די נײַע אָקאָרשט באַקומענע מעדאַל „פּאַרטיזאַן פון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע‟, און ס׳האָבן זיך א שאָט געטאָן פראַגן:

— א פּאַרטיזאַן? אין וואָסערע ערטער? בײַ קאָוופּאַקן?

נאָר דאָ האָט דער כאַסענע־אָרקעסטער דערלאַנגט א פריילעכס. סטערע איז גלײַך אַרײַן אין ראָד. די אויגן האָבן בײַ איר געגומען פריילעך־יונג גלאַנצן, און אָט האָט זי מיט איר שוועסטער זיך אוועקגעלאָזט א „ציגײַנערל‟. איך האָב ווידער פאַר זיך דערזען יענץ דין שוואַרצכיינעוודיק מיידל, מיט וועלכן כ׳האָב זיך מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק באַקענט אין צוג „מאָסקווע — כאַבאַראָווסק‟.

אף מאָרגן, אָפּגעהוליעט די כאַסענע, האָב איך גענומען אײַלן אהיים. ס׳איז יול. די ווײַבער קלײַבן אין וואַלד זשיוויצע, באַקן אף שײַטערלעך קאַרטאָפל, און עס איז גענוג איין אומ־פאָרזיכטיקער פונק... נאָך ביז איצט ליגט מיר אין זיקאָרן א פאַל, וואָס איז פאָרגעקומען מיט עטלעכע יאָר צוריק: איך קער זיך אום אין אָוונט פונעם „אָבכאָד‟ און דערזע אין דעם שכיי־נישן וואַלד־באַצירק צווישן די ביימער א געדיכטן רויך מיט שטיקער שאַרלעך־רויט פײַער. אָט־אָט וואַרפט ער זיך אריבער איבער דעם אופגעאַקערטן שוץ־פּאַס צו אונדז. א גליק, וואָס ביזן דאָרף איז געווען ניט ווײַט, און איך האָב באַוויזן אופהייבן די קאָלווירטניקעס.

שפּעט אין אָוונט האָט זיך דער צוג אָפּגעשטעלט אף אונדזער קליין סטאַנציעלע „זשאָ־וואָראָנאָק‟. פון ביידע זײַטן אײַזנבאַן איז האַרט צו די רעלסן צוגעטראָטן די טײַגע. די צוי־נויפגעגאָסענע ביימער־שפּיצן זײַנען אופגעגאַנגען, ווי אף טרעפּ, צום באַנאַכטיקן הימל. ביז דער היים איז געווען ניט מער פון א דרײַ־פיר קילאָמעטער. קיין מאַשינעס זײַנען אין יענער שפּעטער שאָ אפן וועג ניט געווען. מיר האָבן זיך אוועקגעלאָזט צופוס. סטערע האָט געשפּאַנט שווײַגנדיק. זי איז נאָך מיסטאָמע מיט די געדאַנקען געווען דאָרט, אין שטאָט, בײַ די קינדער. איך האָב אויך געשוויגן. א פולע לעוואָנע האָט אונדז באַגלייט א לענגערע צײַט און געמאַכט אונדז פריילעכער דעם וועג. נאָר אָט איז זי מיטאַמאָל נעלעם געוואָרן הינטער א וואַנט רײַ־זיקע צעדערן און אונדז איבערגעלאָזט אליין אין דער פינצטערניש. דאָס זײַנען אָבער געווען היימישע ערטער. יעדער ווינקעלע באַקאַנט און אויסגעטראָטן. זײַנען מיר געגאַנגען אין דעם זומערדיקן באַנאַכטיקן וואַלד, וואָס איז פול געווען מיט סוידעסדיקע קלאַנגען און גערוישן. אָט האָט זיך דערהערט אינדערלופטן א טרוקענער שאָרך איבער אונדזערע קעפּ. א גרויסע

פלעדערמויז האָט שיר אַ גראַבל געטאָן מיט די שפּיץ פּיסלעך סטערעס קאָפּ. סטערע האָט אויסגעשפּיגן מיט עקל: זי קאָן ביז איצט ניט אַריבערטראָגן אָט די קנאַפּ סימפּאַטישע, אָבער אומשטערלעכע וואַלד־באַשעפענעש...

מיט אַ קאַרגן פּערטל יאָרהונדערט צוריק זײַנען מיר געקומען אין אָט די ווײַטע און פּרעמדע ערטער. געוווינט האָבן מיר די ערשטע צײַט אין אַ ניט־גרויסן יעגער־שטיבל. איך בין, דעם עמעס געזאָגט, ניט גאָר זיכער געווען די ערשטע צײַט, אַז סטערע וועט זיך דאָ אײַנלעבן. נאָך ווי האָט זי זיך דאָ אײַנגעלעבט! ס׳איז בײַ אונדז דעמלט געווען אַ גליקלעכע צײַט. מיר זײַנען געווען יונג און פֿול מיט ענערגיע. דורכשפּאַצירן זיך פֿון אונדזער שטיבל אין דער טײַגע ביז דער סטאַנציע זשאַוואָראָנאָק איז געווען אַ שפּילכל. סטערע האָט ליב געהאַט, ווי זי פֿלעגט זאָגן, „באַלעווען זיך": אַפּלויפֿן אין אַ זײַט און באַהאַלטן זיך הינטער אַ ברייטן צעדער און שרײַען פֿון דאָרטן „אאַו־אוּ!" אָדער גאָר אָפּשטעלן זיך אויף לאַנג אינ־מיטן וועג קושן זיך, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס די מאָשקאַרע און די פּאָוטן האָבן מאַמעש געריסן שטיקער. שפּעטער, ווען מיר האָבן שוין געוווינט אין דאָרף, איז אונדזער הויז גע־וואָרן אַ זאַמל־אָרט, אַ מין קלוב פֿאַר דער יונגער כעוורע. מע פֿלעגט זיך צונויפֿקומען צו אונדז זינגען לידער, פֿון וועלכע סטערע איז געווען אַ גרויסע ליבהאָבערן. עמעצער האָט איר אויסגעמײַסטערעוועט אַ פּײַפֿל — אַ דודע, און זי פֿלעגט קונציק אויסשפּילן אויף איר צעצויגענע אומעטיקע לידער, וועלכע זי האָט גערופֿן „דוינע" אָדער פֿריילעכע געדריידלטע טענץ. זי האָט זיך דאָ געפֿילט גוט. דאָ זײַנען געבאָרן געוואָרן די טאָכטער און דער זון. נאָר זיי זײַנען אונטערגעוואַקסן, אוועקגעפֿאָרן אין שטאָט זיך לערנען און שוין דאָרט פֿאַרבליבן. און אַלץ אָפֿטער רעדט איצט סטערע וועגן אַרויספֿאָרן אין שטאָט, זײַן נעענטער צו זיי...

מיר גייען פֿאַרבײַ אַ ברייטשטאַמיקן מעכטיקן צעדער. די אַרומיקע ביימער, אויך גאַנץ היפּשע, נאָר ניט אַזעלכע גרויסאַרטיקע, שטייען פֿון אים אויף אַ געוויסן אָפּשטאַנד, ווי פֿון גרויס אַכטונג. אָ, אַלטער באַקאַנטער! מיט אַ פֿערטל יאָרהונדערט איז אָט אָ־דער בוים געווען באַדײַטנדיק דינער און אַרומגערינגלט געדיכטער מיט נאָך צעדערלעך, ווי אַ גלײַכער צווישן גלײַכע.

— סטערקע, — זאָג איך, — געדענקסט? אָט דאָ בײַ אים פֿלעגן מיר זיך אָפּשטעלן קושן זיך.

אויף סטערעס פּאָנעם, וואָס איז באַלויכטן מיט לעוואָנע־שײַן, באַווײַזט זיך אַ שמייכל:

— ניט נאָר בײַ אים...

מיר גייען און ריידן וועגן דעם, ווי מיר האָבן אָפּגעלעבט דאָ די פֿינף און צוואַנציק יאָר. ניין, זי האָט ניט קיין כאַראַטע, וואָס זי איז דעמלט אַראָפּגעגאַנגען מיט מיר פֿון דעם צוג „מאָסקווע — כאַבאַראָווסק" אין יענער שטאָט. זי האָט ניט קיין כאַראַטע, וואָס זי איז געפֿאָרן מיט מיר אין דער טײַגע קימאַט אַפֿן גאַנצן לעבן. נאָר די קינדער... אָבער די אייניקלעך...

3

אויף מאָרגן ווידער פֿון גאַנצפֿרי הייבט זיך אָן מײַן טאָגטעגלעכע אַרבעט, מײַנע זאָרגן, וואָס זײַנען בײַ אַ וואַלד־אויפֿזעער אַ היפּש ביסל. די טײַגע כאַפּט זיך אויף קאַיאָר. די שוואַכע שײַן הייבט זיך קוים אָן דורכשלאָגן דורך די שלאָפֿנדיקע צווײַגן. דער ערשטער כאַפּט זיך בײַ מיר אויף דער פּיקהאָלץ. דאָס איז אַ האַרעפּאַשנער פֿאַרשוין, וועלכער ווייסט פֿעסט, וואָס ער דאַרף אָפּטאָן פֿאַרן טאָג. ער פֿליט אַרויס פֿון זײַן בוים־הייל, קלײַבט אויס אַפֿן שפּיץ פֿון אַ הויכער סאָסנע אַ שישקע, וואָס איז גרעסער פֿון זײַן פּיצלדיק גופֿל, צעהאַקט זי מיט גרויס געדולד, דערבײַ לאָזט ער ניט אײַן אויף דער ערד קיין איין ניסעלע. אָפּגעגעסן, ווילט זיך אַ טרונק. פֿליט ער אַראָפּ צו די בוים־וואָרצלען און נעמט זיך מיטן גאַנצן קויעך האַקן מיטן שנאָבעלע אין איין פּינטל. אַ דלובע געטאָן אַ מאָל צען, שטעלט ער זיך אָפּ און באַ־טראַכט אויפֿמערקזאַם די אָפּגעטאָנענע אַרבעט. און אָט הייבט אָן רינען אַ ריטשקעלע דורכ־זיכטיקע וואַסער. דער פּיקהאָלץ נעמט מיט האַנאָע שטילן זײַן דאָרשט. אים גייט קנאַפּ אָן, וואָס אונטן איז דאָ פֿאַרגעקומען אַ גרויסע טראַגעדיע. אַ לאַנגע צײַט איז דאָ בײַ די וואָרצלען געווען אַ געדיכט באַפֿלעקרטער מוראַוועשניק — אַ גאַנצע שטאָט מיט דורכגענג־גאַלערייעס און פֿאַרפּלאָנטערטע לאַבירינטן, און אָט איז עס אַלץ פֿאַרניכטעט געוואָרן. אָפּגעטאָן האָט עס מיסטאָמע אַ קאַבאַן, וואָס האָט זיך אהער פֿאַרשלעפּט באַנאַכט. ס׳איז אַ גאָטס ראַכמאָנעס צו זען, ווי די צעפּלאָכטעטע פּלייטים עוואַקויִרן זיך, נעבעך, אין פֿאַרשיידענע זײַטן, זוכן אַ נײַע היים. פֿאַר די אַרומיקע ביימער איז עס אַ גרויסער שאָדן: זיי ווערן אָן אַזעלכע געטרײַע סאַניטאַרן!

איך שפּאַן צווישן די ביימער, און אויפֿן זיקאָרן קומען מיר פֿאַרשיידענע געשעענישן דאָ אין וואַלד. איך דערמאָן זיך, ווי איינמאָל — דאָס איז געווען אין די ערשטע יאָרן פֿון מײַן זײַן דאָ — האָט מיך בייסן „אָבכאָד״ פֿאַרכאַפּט די נאַכט אין א געדיכטעניש פֿון יונגע יאָדלעס. ס׳איז געווען א וווּנדערלעכע נאַכט, ווי סע גיט זיך אויס זומער אין דער טײַגע און נאָך אויפֿן ברעג פֿונעם אַמור... אַלץ אַרום איז געווען באַגאָסן מיט העלער לעוואָנע־שײַן. מיטאַמאָל דערהער איך א כריפּענדיק אָטעם, ווי פֿון גרויסע ווייטעקן. איך בין שוין געווען צוגעוווינט צו דער טײַגע מיט אירע קלאַנגען און אַלע שאָען פֿונעם מעסלעס. ס׳איז מיר ניט איין מאָל אויסגעקומען צו טרעפֿן זיך פּאָנעם־על־פּאָנעם מיט די פֿאַרשיידענע אירע אײַנוווינער, אַפֿילו מיט א וואָלף און אַליין, ווי מע זאָגט, מיטן באַלעבאָס פֿון דער טײַגע — מיטן בער. אָבער דאָ האָב איך זיך דערפֿילט א ביסל אומהיימלעך: א מענטש? א כײַע? מיט זיך האָב איך, ווי שטענדיק, געהאַט א האַק. ס׳איז ניט קיין געווער — דאָך... צערוקט די קוסטעס, האָב איך דער־זען אונטער א יאָדלע א קליין הירשעלע. עס איז געלעגן, דאָס קעפּל אָפּגעוואָרפֿן אין א זײַט. א טויטס? ניין, עס האָט געלעבט, געקוקט אויף מיר מיט א פֿאַרמוטשעטן בליק: עפּשער קענסטו העלפֿן? א פֿאָדערשט פֿיסל איז בײַ דעם געווען איבערגעבראָכן בײַם קנעכל און פֿאַרבלוטיקט. וואָס טוט מען מיט דיר, גוטערברודער? איך האָב פֿאָרזיכטיק צונויפֿגעלייגט די איבערגע־בראָכענע ביינדעלעך, צונויפֿגעקרעמפּעוועט בײַ די זײַטן צוויי יאָדלע־צווײַגן און אַוועקגע־טראָגן עס אַהיים.

גאַנצע צוויי וואָכן איז דער כוילע אָפּגעלעגן בײַ מיר אין הויף אויף א ווייכן גראָז־אויס־בעט. פֿאַר אָט אָ־דער צײַט זײַנען מיר מיטן הירשעלע געוואָרן די בעסטע גוטע־פֿרײַנט. עס פֿלעגט מיך באַגעגענען מיט א באַזונדערער פֿרייד, מיט א ווייכער שטיפֿערישער בוצקערײַ פֿון זײַנע יונגע הערנדלעך, מיט א גוטמוטיקן בליק פֿון זײַנע גרוילעכע אייגלעך, וואַרטנדיק אויף נאַשערײַ — א שטיקל ברויט מיט זאַלץ. טשיקאַווע, וואָס בײַ סטערען פֿלעגט עס אויך נעמען פֿון די הענט, אָבער מיט א ביז גאָר גלײַכגילטיקער מינע: „גיסט — מיילע!״

ווען דאָס פֿיסל איז זיך שוין אינגאַנצן צונויפֿגעוואַקסן, האָט דאָס הירשעלע אָנגעהויבן גיין נאָך מיר אומעטום. איצט האָב איך שוין געהאַט צוויי טרײַע באַגלייטער: מײַן הונט בוב און דאָס הירשעלע. בוב פֿלעגט גיין משיִושעוודיק עטוואָס פֿון הינטן, און דאָס הירשעלע אויף זײַנע דינע אומרויִקע פֿיסלעך באַנאַנד מיט מיר, מיט די טעמפּלעכע ציינדלעך געביסן דאָס גראָז אויפֿן וועג און געוואַרט, מיר זאָלן זיך אָפּשטעלן, און איך זאָל זיך א שפּיל טאָן מיט דעם, מיט זײַנע הערנערלעך. שפּעטער האָט עס אָנגעהויבן אַליין אַרויס אין דער טײַגע, נאָר אַלעמאָל געפֿונען דעם וועג צוריק צו אונדז אין הויף. ניט איך, ניט סטערע האָבן זיך ניט געוואָלט צעשיידן מיט דער שיינער באַשעפֿעניש, וואָס מיר האָבן ליב געקראָגן. נאָר איינמאָל איז עס אַוועק און מער ניט געקומען. איך האָב געמיינט, עס איז צוגעשטאַנען צו א סטאַדע הירשן. אין דאָרף האָט מען מיר אָבער געגעבן אָן אָנצוהערעניש, אַז מיקאָלע מע־לעשטשענקאָס באָבע זאָל האָבן די טעג געקאָכט הירשן־פֿלייש (אין דאָרף ווייסט מען אַלץ). יאָ, דאָס איז געווען זײַן אַרבעט!

פֿאַר די פֿינף און צוואַנציק יאָר איז מיר דאָ היפּש אויסגעקומען האָבן צו טאָן מיט בראַ־קאָנירן פֿון פֿאַרשיידענע מינים. צווישן זיי — אָט דער מעלעשטשענקאָ. דאָס איז געווען א קורצגעוויקסיקער קרעפּטיקער פֿאַרשוין מיט א לאַנגער שוואַרצער טשופּרינע און מיט מאָדנע אויגן: איינס — א קאַרס — האָט געקוקט שעלמיש־שמייכלענדיק, דאָס צווייטע — א שוואַרצס — שטעכיק־בייזלעך. געשטאַמט האָט ער פֿון לוואָווער געגנט. בײַס דער מילכאָמע פֿאַרמישט געווען אין גאָר מיִעסע זאַכן און נאָכן אָפּזיצן זײַנס שוין געבליבן אויפֿן ווײַטן מיזרעך. געלעבט האָט ער אין א שטיבל בײַם עק דאָרף מיט אַן אַלמאָנע, וועלכע האָט אויך ניט פֿײַנט געהאַט דעם טרונק, געאַרבעט אַלס וואַלדהעקער. געווען אַפֿילו א קורצע צײַט אַן אויפֿזעער אין וואַלד, אָבער ניט לאַנג פֿאַר מײַן קומען האָט מען אים פֿון דער שטעלע פֿאַרטריבן פֿאַר שטענדיקער שיקרעס און בראַקאָנירערײַ. דערהערט, ווען מע קלײַבט זיך שטעלן אויף דעם אָרט, האָט ער שאָדנפֿריידיק געלאַכט און געהאַט א שטאַרקע האָפֿענונג, אַז נישקאָשע, גאָר אינגיכן וועט מען אים רופֿן צוריק...

מע האָט ניט גערופֿן.

מיט א וואָך שפּעטער נאָך דעם, ווי דאָס הירשעלע איז ניט געוואָרן, האָב איך דערזען מיקאָלען אַרויסגיין פֿון פֿיליפּיטשעס וואַלד־באַצירק מיט א זאַק אויף די פּלייצעס. אויפֿן זאַק — גרויסע בלוט־פֿלעקן. ער האָט זיך געלאָזט צום ניט הויכן יאַר בײַ דער וואַלד־סאַזשלקע, אַריבערפֿראַווען זיך אויפֿן צווייטן ברעג. איך האָב אים אָנגעיאָגט:

— האָסט געהאַט, מעלעשקאָ, א לײַכטן פֿאַנג?

ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט א כוצפּיש שמייכעלע:

— דאָך ניט פון דײַן ווירטשאַפט, כאַצקעל, איז וואָס טוט דיר ווי דער. קאָפּ?
ביידע זײַנען מיר דעמלט געווען יונג און היציק. מיט מיר איז געווען מײַן הונט בוב. אין די הענט — א האַק. בא אים אין גאַרטל — א גרויס קאַצאַוויש שינד־מעסער.
— אַנו, עפּן דעם זאַק! — האָב איך אים געזאָגט. — מיינסט, דאָס איז דיר דאָס הירשעלע?
— וואָסער הירשעלע?
— אין דאָרפסראַט וועט מען דיר דערציילן...
— היי, דו, מאַך ניט קיין טומל! — האָט ער שיפּענדיק געמומען אָנגרײַפן אַף מיר. — מיר זײַנען דאָ אַליין, איינס אַף איינס. און אין וואַלד, ווייסטו דאָך אַליין, קאָן אַלץ טרעפן...
דאָ איז צוגעלאָפן בוב, די אויערן אָנגעשפּיצט. א קוק אַף אים, א קוק אַף מיר, ווי ער וואָלט געוואָלט פאַרשטיין, וואָס דאָ קומט פאָר. מעלעשקאָ האָט געוווסט, אז מיט בובן איז בעסער זיך ניט אָנהייבן.
ער האָט מיט רעציכע א שלײַדער געטאָן דעם זאַק אַף דער ערד. א שפּײַ געטאָן: „וואַרג זיך! דאַנק דײַן גאָט, וואָס דו האָסט זיך מיר אין יענע צײַטן ניט געטראָפן אונטער דער האַנט. מיט אַזעלכע, ווי דו, האָב איך דאַן אַנדערש גערעדט. אונדז הערט דאָ קיינער ניט״. און זיך אײַלנדיק גענומען אָפּטראָגן.
דאָס איז געווען מיט יאָרן צוריק. אָבער אויך איצט איז דאָ גענוג לײַט, וואָס זײַנען גרייט פאַרניכטן אַלץ, וואָס לעבט און אָטעמט אין דער טײַגע, אבי באַזאָרגן זיך מיט אומ־זיסטיק פליש...

4

צווישן די ביימער פון דעם שכיינישן וואַלד־באַצירק גייט א שעמעריר דעם אָפּזעער פיליפּיטשעס שוואַרצע אוניפאָרם־קורטקע. מיט פיליפּיטשן באַגעגענען מיר זיך קימאַט יעדן טאָג אַף די גרענעצן פון אונדזערע ווירטשאַפטן אין מעשעך פון א סאַך יאָרן. איצט איז ער א גרײַז־גרויער, מיט א בעקאַוועדיקער ברייטער באָרד איבער דער גאַנצער ברוסט און דער־מאָנט מיר א מעכטיקן צעדער. דאָס האָט ער מיך געלערנט, וויאַזוי צו ווערן אַן אייגענער מענטש אין דער ווײַטמיזרעכדיקער טײַגע.
— יעדעס ביימעלע, — האָט ער מעיושעוודיק לאַנגזאַם גערעדט, — דאַרף דיר, מענטש, זײַן ליבלעך נאָענט. גייסט איבערן וואַלד, א צווײַגעלע פאַרשטעלט דיר דעם וועג, בייג עס אָפּ פאָרזיכטיק. ברעך ניט. געדענק: א בוים טוט אויך ווײ...
די ערשטע צײַט פלעגט ער מיך רופן „מענטש״, אַלץ געוואָלט דערגיין, וואָס האָט גע־קאָנט צוציִען מיך, א מענטשן פון ווײַטע ערטער, צו דער ווײַטמיזרעכדיקער טײַגע.
— איך האָב ליב וואַלד, — האָב איך אים געענטפערט.
— יאָ, פאַראַן פאַר וואָס ליב צו האָבן!
ער האָט מיט מיר דאַן בא דער ערשטער באַגעגעניש גערעדט וועגן דעם, אז די ערד קאָן זיך ניט באַגיין אָן וואַלד, ווי א מענטש אָן מאַלבושים, זי וועט פאַרטריקנט און פאַרפרווירן ווערן, וועט אָנווערן איר קראַפט און זאַפט. אָט אָ־דער דוירעסדיקער טײַגע־מענטש האָט טיף געפילט די שיינקײַט פון וואַלד, געזען, ווי די סאָסנעס שטייען „פאַרטראַכט״ אין דער שקיִע־שײַן, געהערט, ווי די בעריאָזע „מורמלט שטיל״, ווי די אָסינע „קלינגט מיט אירע בלעטער״; די מאַלינע האָט בא אים אַרויסגעקוקט פון צווישן די קוסטעס מיט א „רויט אייגל״, די סמאָ־ראָדינע איז בא אים געווען אין „שוואַרצע אוירינגלעך״...
— האַיאַר, מענטש, — האָט ער מיר דעמלט געזאָגט, — איז א גרויס גערעטעניש אַף פויגל־קאַרשן. א סימען, אז ס׳וועט זײַן א האַרבער ווינטער...
מיט עטלעכע טעג שפּעטער, ער האָט זיך שוין געהאַט צוגעקוקט צו מיר, ווען אין קאָנטאָר איז פאַרגאַנגען א רייד וועגן דעם נײַעם וואַלד־אָפּזעער, דאָס הייסט וועגן מיר, א מענטשן א געקומענעם און דערצו נאָך ביז אהער א גרויסע זעלטנהײַט אזא איינעם צו טרעפן דאָ אַף אזא אַרבעט אין דער טײַגע, האָט ער זיך קורץ, אָבער אַנטשלאָסן אַרויסגעזאָגט:
— א וואַלד־מענטש!
מיקאָלע מעלעשטשענקאָ איז גראָד דעמלט געזעסן דאָרט פּויעל־באָטל, געררייכערט זײַן אויסגעבויגענע הוצולישע ליולקע. ער האָט זיך אזש א וואָרג געטאָן מיט אַן אָפּשפּאָטעריש געלעכטערל:
— אַווואַ! א וואַלד־מענטש! און פאַר א האָז וועט זיך אָט אָ־דער וואַלד־מענטש דײַנער ניט איבערשרעקן? און אונטערשיידן א בעריאָזע פון אן אָסינע קאָן ער? כאַ! א וואַלד־מענטש!
אין קאָנטאָר האָט מען געלאַכט, און פיליפּיטש האָט אַף אים אָנגעשטעלט א שווערן בליק.

א ווײַלע שטייען מיר מיט פיליפּיטשן אױפֿן יאַר, כאַפּן אַ שמועס וועגן אונדזערע וואַלד־נײַסן און סטאַם וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך אױף דער וועלט; מיר ריידן וועגן דעם וואָלף, וואָס האָט זיך באַוויזן אין אונדזערע מעקוימעס. די יעגערס ווילן אים אויסשפּירן און דער־שיסן, נאָר צי דאַרף מען עס טאָן? לענגער איז בײַ אונדז געווען אַ געלערנטער פֿון שטאָט, אַ גרויסער מייוון אױף כײַעס, האָט ער געזאָגט, אַז אַ וואָלף ברענגט אויך נוצן. ער העלפֿט האַלטן ריין דעם וואַלד... און דאָס איז בײַ מיר מיט פיליפּיטשן דאָס ערשטע געבאָט — האַלטן ריין דעם וואַלד! מיר קוקן זיך די גאַנצע צײַט צו אופמערקזאַם צו די ביימער, צי האָבן זיך אין זיי ניט פאַרפירט קיין שעדיקער. מיר זעען, די וואַלדהעקער זאָלן גלײַך פאַרברענען די אָפּגעהאַקטע צווײַגן. זײַנען טאַקע בײַ אונדז, אױף אונדזערע באַצירקן, „קראַנקע" ביימער אַ זעלטנהייט.

פֿון אונטן דערטראָגט זיך צו אונדז דאָס אומגעדולדיקע פאַרשקען פֿון די מאַשינעס, זיי פירן ארויס געהילץ, וואָס וועט גיין אױף דער בויונג פֿון באַם. פֿון דעם יאַר, אױף וועלכן מיר שטייען, זעט מען גוט אונדזער דאַרף צופוסנס די הויכע סאָפּקעס. ווען מיר מיט סטערען זײַנען אהער געקומען, זײַנען נאָך דאָ געשטאַנען אין דער נידעריש געצייילטע הײַזקעס פֿון דעם קאַזאַקישן דערפל קוואַשינאָ. איצט איז עס קימאַט אַ שטאָטישע גאַס. אַ גרויסער יישעוו...

מיט פיליפּיטשן וווינען מיר דאָרט הויף בײַ הויף. מיר זײַנען לאַנגאָניקע גוטפרײַנט. איך בין אַלעמאָל געווינט זיך אָן אייצע האַלטן מיט אים וועגן מײַנע מישפּאָכע־איניאָנים. איך קלאָג זיך פאַר אים, אַז סטערע לאָזט ניט צורו: וויל אין שטאָט, צו די קינדער. דערעסן דער העק, די טײַגע... פיליפּיטש רייכערט און שווײַגט, קוקט ערגעץ אין דער ווײַט און טראַכט זיך עפּעס זײַנס. און אַז איך פאַרליר שוין די האָפענונג צו דערהערן פֿון אים אַ וואָרט, גיט ער אַ בורטשע, אַז ניט אַלע זײַנען דאָך אַזעלכע, ווי מיר, וואָלקאָלאַקעס, שרע־טעלעך, וואָס לעבן נאָר מיט וואַלד, נאָר מיט ביימער...

יאָ, דאָס איז אַזוי. דאָס איז אַליין דער עמעס. בעססער קאָן מען וועגן אונדז ניט זאָגן: מיר לעבן מיטן וואַלד. מיט די ביימער! מיר דאַכט, אַז איך קען שוין אַלע ביימער פֿון מײַן באַצירק, ווי מע זאָגט, אין פּאָנעם. איך געדענק אַפילע די, וואָס זײַנען שוין איצט ניטאָ. אָט דאָרט רעכטס איז געשטאַנען אַ ריזיקער צעצווײַגטער צעדער — אַ קראַסאַוועץ, אַ פאַרשוין! די אַרומיקע ביימער האָבן אים אָפּגעהיט, ווי אַ ציטעריק קינד, פֿון היצן און פֿון בייזע ווינטן, ווען ער איז נאָך געווען קליין און שוואַך. נאָר אָט איז ער אונטער־געוואַקסן, באַקומען קראַפט, גענומען זשעברעווען מיט די ברייט צעשפּרייטע צווײַגן די גאַנצע לופט און די גאַנצע זון־שײַן. די יונגע ביימלעך הינטער אים האָבן אָנגעהויבן דאַרן און פאַרטריקנט ווערן. אַזאַ בוים רופט מען בײַ אונדז „אַ וואָלף" און מע האַקט אים אַראָפּ. איך האָב עס געטאָן מיט זייער אַ שווער האַרץ! און אָט זײַנען מײַנע יונגע שיינהײַטן — די סאָסנעס, וואָס איך האָב פאַרפלאַנצט מיט אַ יאָר זעכצן צוריק. איך הער, ווי זיי רוישן פריי־לעך, פירן צווישן זיך אַ לעבהאַפטיקן פאַרטרויליכן שמועס. זיי פאַרענדיקן שוין באַלד דעם „ערשטן קלאַס". זיי זײַנען שוין „קאַלעס" און אין צוויי מאָל העכער פאַר מיר. זיי שמייכלען און פאַרנייגן פאַר מיר זייערע יונגע, שוין שטאָלצע קרוינען. נו, קען מען זיי פאַרלאָזן? וואָרפן אַלץ מיטאַנאַנדער און אוועק פֿונדאַנען?..

—————

בּיכער־גראַפיק





דער שמוץ־טיטל און אַ אילוסטראַציע צו דער דריטער טייל פֿון נאָטע לוריעס ראָמאַן „הימל און ערד". קינסטלער ג. קראַווצאָוו

ב ע ר ה א ל פ ע ר ן

וועגן ניקאָלײַ ניקאָלײַעוויטשן און נאָך עפּעס

1

עפראַיִם סאנדלער, וואָס איז געבאָרן געוואָרן אין מאָסקווע א פּאָר יאָר נאָך דער רעוואָליוציע, האָט קיין שום שײַכעס ניט געהאַט ניט צום צאַר און ניט צו דער צאַרישער פאמיליע, נאָר פון איינעם פון זיי, דעם לעצטן צאַרס פעטער, ניקאָלײַ ניקאָלײַעוויטש, האָט ער שטארק געהאלטן.

געוועזן איז די מײַסע אזא. אין 1940, ווען ליטע איז געוואָרן סאָוועטיש, האָבן זיך זײַן טאטע־מאמע געכאַפּט, אז זיי שטאַמען פון א קליין ליטוויש שטעטל. יאָרנלאנג זײַנען זיי געווען אָפּגעריסן פון דעם שטעטל, ניט געהאט קיין שום פארבינדונג מיט דעם, און דאָ פּלוצעם איז אָט דאָס שטעטל געוואָרן נאָענט, מאמעש מיט דער האנט צו דערגרייכן. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן לירישע דערמאָנונגען — דער טאטע האָט עס גערופן „קעלבערנע היספּײַלעס״, אָבער אינדערעמעסן איז ער ניט ווייניקער פון דער מאמען געווען פארכאַפּט פון די דערינערונגען — אזויפיל קרויווים, אזויפיל נאָענטע, אזא יוגנט פארבראַכט דאָרטן...

— געדענקסט, עטל, דאָס בעריאָזעווע וועלדל באַם טײַך? — האָט ער מיט א שטיפערישן שמייכל געפרעגט.

די מאמע האָט צנ׳עסדיק אראָפּגעלאָזן די אויגן, און עפראַיִמען איז געוואָרן קלאָר: אין דעם, וואָס דער טאטע מיט דער מאמען האָבן, שוין דאָ זײַענדיק, כאסענע געהאט, האָט יענץ בעריאָזעווע וועלדל אויך א געוויסן כיילעק.

— עך, ווען כ׳וואָלט שוין ניט געהאט אויסגענוצט מײַן אורלויב, וואָלט איך זיך אראָפּגעכאַפּט אַהין א קוק טאָן, ווי זעט עס אויס יענער געמויזעכץ... ווען ניט ניקאָלײַ ניקאָלײַעוויטש, לאנג הענגען זאָל ער אַף יענער־וועלט, וואָלטן מיר דאָך אלע געשטעקט דאָרטן. און דו, פראַיקע, וואָלסט אויך געווען א דאָרטיקער.

— איך, א דאָרטיקער? — עפראַיִם האָט זיך הילכיק פאנאנדערגעלאַכט. פאר אים, דעם סטודענט פון מאָסקווער אוניווערסיטעט, איז עס געווען גאָר א טשיקאַווער געדאַנק. — וואָס וואָלט איך דאָרטן געטאָן?

— וואָס דו וואָלסט דאָרטן געטאָן? א סטודענט פון מאָסקווער אוניווערסיטעט וואָלסטו אוודאי ניט געווען. פאָר צו אַהין! באַ דיר איז דאָך איצטער קאניקולן. וועסט זיך באַקענען מיט דײַנע קרויווים, אָפּגעבן פון אונדז א גרוס. דער ברודער איציק איז, עמעס, דאָרטן געשטאָרבן... בעסאכאקל מיט א פּאָר יאָר עלטער פאר מיר. ער וואָלט אויך דאָ געקאָנט זײַן, נאָר אײַנגעשפּאַרט זיך און זיך אומגעקערט קיין ליטע. די פאמיליע אָבער לעבט דאָרט. צוויי קינדער, א ייִנגל און א מיידל. דאָס ייִנגל איז פונקט אין דײַנע יאָרן. אויך עפראַיִם און אויך סאנדלער.

אויך עפראַיִם און אויך סאנדלער! ס׳קומט אויס דער ליטווישער וואַריאַנט פון אים, דעם מאָסקווער סטודענט. טשיקאַווע. דעם פּאַטערס ווערטער האָבן אים אָנגעצונדן. מע דאַרף צופאָרן אַהין אַף די פּאָר וואָכן, וואָס זײַנען אים נאָך פארבליבן פון די קאניקולן.

באַ א סטודענט איז דאָס קלײַבעניש א קורצע. דער רוקזאַק אַף דער פּלייצע, און אַן אייבערשטע פּאָלקע אין א וואַגאָן וועט זיך שטענדיק געפינען.

פונעם וואָקזאַלכל אין דעם ליטווישן העק ביז צום שטעטל איז געווען עטלעכע קילאָמעטער. עפראַיִם סאנדלער האָט קיין אכט ניט געלייגט אַף די וועגענער און פורמאַנעס, וואָס האָבן זיך געשטופּט ארום וואָקזאַלכל און אים גערופן אין זייערע בוידן. אין אזא מעכײַעדיק־זומערדיקן טאָג און אין אזא דאָרפישן ראַכוועס איז דער בעסטער טראַנספּאָרט — די אייגענע פיס.

דער זשווירעשער וועג, אַן אויסגעפּאַרענער פון באַלעגאַלישע קאַלייעס — אַ מאַשין ניט אַף אַ רעפּוע, — האָט געפירט פאַרבײַ פעלדער מיט דרעמלענדיקע זאַנגען און לאַנקעס, אַף וועלכע ס'האָבן זיך געפּאַשעט קי. דאָס שטעטל האָט אים באַגעגנט מיט גראַנעדיקע גענדז און קראַקענדיקע ענטלעך, וואָס האָבן זיך געפּליוסקעט אין אַ סאַזשלקע. און אָט גייט שוין דער וועג אַריבער אין אַ ברייטער גאַס, אָנגעפּיקעוועט פון ביידע זײַטן מיט גרויע פון אַלטקײַט, נידעריקע הײַזלעך, אײַנגעהויקערטע אונטער דער לאַסט פון די שווערע שינדלנע דעכער. גאָט מײַנער, וויפל קראַמען! ניטאָ קימאַט קיין שטוב, וואָס זאָל ניט גלאָצן אַף דער גאַס מיט אַ קרעמערישער טיר. עפראַים גייט איבער דער גאַס און פילט, ווי פון אַלע פענצטער שפּיז־לען אים אַדורך נײַגעריקע בליקן. פון אונטער דער ערד וואַקסט אַרום אים אויס אַ כאַפּטע ייִנגלעך, וואָס פינקלען אַף אים מיט שוואַרצע נײַגעריקע אויגן. ווי נאָר ער באַווײַזט אָנצורופן דעם נאָמען סאַנדלער, פירט אים די טריומפירנדיקע כאַפּטע אַרוף אַף אַ זײַטיק געסל און ברענגט אים צו אַ שטוב, וואָס איז נאָך נידעריקער און אײַנגעהויקערטער, ווי די, וואָס שטייען אַף דער „הויפּט“־גאַס. מאַשמאָעס, עמעצער פון דער כאַפּטע האָט שוין באַוויזן אַהער צולויפן און אָנזאָגן די בסורע — אין דער אָפענער טיר שטייט אַ ברייטביינערדיקע, צעפלאָ־סנע ייִדענע און קוקט מיט דערשראָקן־נײַגעריקע אויגן אַף דעם אָנקומענדיקן גאַסט. עפראַים זאָגט, ווער ער איז, און די ייִדענע לאָזט אַרויס אַ דינינקן פּישטש, וואָס פּאַסט גאָרניט צו איר מעגושעמדיקן גוף. זי פירט אים אַרײַן אין שטוב. דער באַלקנדיקער צימער איז נידעריק און גרויס, ער האָט צוויי פענצטער, צעטיילטע דורך גראַטעס אַף פיטשינקע שויבן. בײַ איינעם פון די פענצטער שטייט אַ שוסטער־וואַרשטאַט. פונעם נידעריקן בענקל הייבט זיך אוף אַ שטשופּלער באָכער אין אַ לעדערנעם פאַרטעך. ער האָט אַ מאָגער פּאָנעם, אַף וועלכן עס טיילן זיך אויס די אַרויסשטאַרטשענדיקע קינבאַקן. מיט אַ פאַרלעגנעם שמייכל שטרעקט ער אויס דעם גאַסט די האַנט, און עפראַים פאַרשטייט, אַז דאָס איז עפראַים סאַנדלער, זײַן ליטוויש־קליינשטעטלדיקער „וואַריאַנט“. פון הינטער דעם ציצענעם פּאַרהענגל באַם גרויסן אויוון קומט אַרויס אַ שוואַרצהאָריק מיידל פון אַ יאָר זעכצן און שטעלט אָן אַף דעם אומגעריכטן גאַסט אַ פּאָר גרויסע פאַרכידעשטע אויגן. דער גאַסט שטויסט זיך אָן: דאָס דאַרף זײַן זײַן שוועסטערקינד. איר פּאָנעם פלאַמט אוף, בײַס ער גייט צו צו איר.

ער האַלט זיך ניט אײַן און גיט איר אַ קוש אין איר רויט בעקעלע. „עסטערקע“, — שעפּטשעט זי אויס אַ פאַרשעמטע און ווערט נאָך מער רויט. וויבאַלד אַזוי, קומט איר אַוודע אַ קוש...

צען טעג האָט פאַרבראַכט עפראַים סאַנדלער אין דער דאָזיקער שטוב. זײַן שוועסטער־קינד האָט זיך באַצויגן צו אים גראָבלעך־גוטמוטיק. ער איז ביכלאַל געווען אַ גראָבער יונג. נאָר דעם מאָסקווער עפראַים איז קענטיק געווען, אַז די איבערגעטריבענע גראָבקײַט זײַנע לעגאַבע דעם גאַסט איז אַ מין שוץ־מאַסקע, מיט וועלכער ער וויל זאָגן, אַז ער, דער שוסטער־יונג, איז אַ זעלבשטענדיקער מענטש און ער פילט זיך ניט געפאַלן לעגאַמרע לעגאַבע דעם גרויסשטאָטישן „אינטעליגענט“.

— דו ביסט פראַים סאַנדלער, און איך בין פראַים סאַנדלער, — האָט דער שוסטער גע־טײַנעט, — נאָר דער עמעסער פראַים סאַנדלער בין איך, ניט דו. מײַן טאַטע איז געווען אַ שוסטער, און אונדזער זיידע — מיר טראָגן ביידע זײַן נאָמען, פאַרשטייסט? — איז אויך געווען אַ שוסטער. סאַנדלער איז אַ שוסטער אַף לאָשנקוידעש, פאַרשטייסט? איז דו ביסט אַראָפּ פון אונדזער וועג, ביסט שוין ניט דער עמעסער סאַנדלער. און איך בין דער עמעסער פראַים סאַנדלער! פאַרשטייסט?

— זאָג מיר נאָר, — האָט זיך אַרײַנגעמישט די מומע, — וואָס וועסטו זײַן, אַז דו וועסט ענדיקן דײַן ניווערסיטעט? אַ דאָקטער, צי אַן אַדוואָקאַט?

— איך שטודיר מאַטעמאַטיק, מומע.

— מאַטעמאַטיק? — האָט ניט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין די מומע. — איז וואָס וועסטו ווערן?

— צוויי מאָל צוויי איז פיר. דאָס איז די גאַנצע כאָכמע! — האָט זיך צעהירזשעט דער שוסטער־יונג.

— מאַטעמאַטיק — דאָס איז אַ וויסנשאַפט, — האָט זיך עסטערקע אָנגענומען פאַר איר שוועסטערקינד. — מע לערנט עס אין די אוניווערסיטעטן און דאַן ווערט מען אַ געלערנטער.

— זע נאָר, זע, — האָט די מומע פילאָסאָפירט מיט איר דינינקן קעלכל. — ווי דער גורל שפּילט עס מיט אַ מענטשן. אויב דער ראָשע־מערושע ניקאָלײַ ניקאָלײַעוויטש וואָלט אונדז ניט אַרויסגעיאָגט פון שטעטל, וואָלסטו ניט געוווּסט פון קיינע ניווערסיטעטן און וואָלסט געווען אַ מענטש, ווי אַלע מענטשן. דײַן טאַטע מיט דער מאַמען האָבן זיך שוין דאָ געליובעט...

— און וואָס פעלט אים אזוי? א געלערנטער איז ניט קיין שוסטער־יונג, — האָט עסטערקע העלדיש פאַרטיידיקט דעם גאַסט, פאַרדינענדיק דערבײַ א בייזן בליק פון ברודער.

עסטערקע האָט באַוויזן צו פאַרענדיקן דרײַ קלאַסן פון דער אָנפאַנג־שול, בייס איר פאָטער איז געשטאָרבן. אז דער ברודער איז געוואָרן דער שפּײַזער פון דער מישפּאָכע, האָט ער מער ניט געלאָזט עסטערקען גיין אין שול — פאַר א מיידל איז דרײַ קלאַסן איבערגענוג. ניט קוקנדיק אָף דעם, איז עסטערקע געווען א גאַנץ אַנטוויקלט מיידל. אויסער דעם ביסל לאַשנקוידעש, וואָס זי האָט אַרויסגעטראָגן פון דער טאַרבוס־שול, האָט זי געקענט א ביסל ליטוויש און האָט איבערגעלייענט א היפּש ביסל ביכער אָף ייִדיש.

פרויקע האָט גאַנצע טעג געאַרבעט. אין די אָוונטן פלעגט ער ערגעץ פאַרשווינדן. „שפּילן אין קאָרטן", — האָט מיט פאַרדראָס דערקלערט עסטערקע. קומען פלעגט ער אַן אָופּגערודערטער, און דאַן פלעגט ער ברומען זײַן באַליבט לידל:

איך בין ניט קיין לאָשעק, איך בין ניט קיין פערדל,
איך בין שוין א גרויסער, מיר וואַקסט שוין א בערדל!

אָפּפאָרנדיק פון דעם שטעטל צוריק צו זיך אַהיים, האָט דער סטודענט פון מאָסקווע, עפראַיִם סאַנדלער, געמאַכט דעם סאַכאַקל: מאַלאַדיעץ ניקאָלײַ ניקאָלײַעוויטש, וואָס האָט זיך אַרײַנגעמישט אין זײַן גוירל! דערבײַ האָט ער אויך צוגעגעבן: מאַלאַדיעץ אויך דער טאַטע און מאַלאַדיעץ אויך די מאַמע, וואָס האָבן זיך ניט אָפּגעשראָקן פאַר די שווערקײַטן פון בירגערקריג און פאַרבליבן אין רוסלאַנד, קעדייי צו געניסן פון די פרוכט פון אָקטיאַבער.

2

דאָס אַלץ האָט זיך דערמאָנט דעם פּופּציקיאַריקן עפראַיִם מאָיסייעוויטש סאַנדלערן, דעם דאָקטאָר פון מאַטעמאַטישע וויסנשאַפטן, אין זײַן האָטעל־צימער אין ווילנע. ער איז הײַנט אינדערפרי געקומען אין א קאָמאַנדירונג קיין ווילנע, גלײַך אַוועק אָפן זאַוואָד פון רעכןמאַשינעס, ווו ער האָט געהאַט אָן אָנגעפּיקעוועטן אַרבעטסטאָג: בײַגעווען אָף א באַראַטונג פון דער זאַוואָד־אָנפירונג, געהאָלפן לייזן א פאַרפּלאָנטערטע טעכנאָלאָגישע פראַגע און געגעבן אינסטרוקציעס אָפ ווײַטער. ער וועט דאָרטן זײַן פאַרנומען נאָך עטלעכע טעג, נאָר איצטער, נאָך דעם אַרבעטסטאָג, האָט ער בעדייע זיך צו פאַרנעמען מיט א ריין־פּערזענלעכן איניען: ער דאַרף אופזוכן זײַן שוועסטערקינד פון דעם קליינעם ליטווישן שטעטל.

לאַנגע יאָרן נאָך דער מילכאָמע האָט ער גאָרניט געוווּסט פון זײַנע קרויווים, געמיינט אפילע, אז זיי האָבן געטיילט דעם גוירל פון דעם ראָוו ליטווישע ייִדן, וואָס זײַנען אַרונטערגעפאַלן אונטער דעם דײַטש. ערשט ניט לאַנג, ריידנדיק אין מאָסקווע מיט איינעם א ייִדן פון ווילנע, וואָס האָט געדינט אין דער ליטווישער דיוויזיע, האָט ער זיך דערוווּסט, אז פּראָיִקע דער שוסטער האָט אויך געדינט דאָרטן, דורכגעמאַכט די גאַנצע מילכאָמע, געווען עטלעכע מאָל פאַרווונדעט, זיך אומגעקערט פון דער מילכאָמע און לעבט איצטער אין ווילנע. וויבאַלד אזוי, דאַרף ער אים אופזוכן. דעם אַדרעס האָט ער שוין דערקאַזשעט אינדערפרי דורך דער אַדרעס־ביוראָ.

די טאַקסי איז אין איין אָטעם דורכגעפלויגן די שלאַנקע אײַזנבעטאָן־בריק איבער דער ווילינע, און דער שאָפער האָט פאַרלאַנגזאַמט דעם גאַנג.

— דאָ פאָרן מיר אַרײַן אין אונדזער נײַעם ראַיאָן, — האָט דער טאַקסיסט פּײַערלעך געמאָלדן. — איר זײַט דאָך ניט קיין היגער, יאָ? דאַרפט איר אַלץ גוט באַקוקן. מיר האָבן אָקאָרשט געקראָגן פאַר דעם ראַיאָן די אַלפאַרבאַנדישע מעלוכע־פּרעמיע פאַר אַרכיטעקטור!

ער האָט עס געזאָגט מיט אזא שטאָלץ, ווי ער אליין וואָלט געבויט דעם ראַיאָן און ער וואָלט געקראָגן די פּרעמיע.

— עמעס, עמעס, כ'האָב טאַקע געהערט דערפון, — האָט זיך אָפּגערופן סאַנדלער א פאַרינטערעסירטער.

— וויבאַלד אזוי, וועלן מיר אַרומקרײַזן דעם ראַיאָן, איידער איך פיר אײַך צו צום נײַטיקן הויז.

„אַרומקרײַזן" — איז טאַקע געווען דער ריכטיקער אויסדרוק, וואָרעם קיין גאַסן אין אייגנטלעכן זין פון וואָרט זײַנען דאָרט ניט געווען. א ברייטער אַספאַלטענער גאַרטל האָט אַרומגעכאַפּט דעם ראַיאָן און אינווייניק האָבן אַספאַלטירטע וועגן זיך געשלענגלט פרײַ לויט דער פאַנטאַזיע פונעם אַרכיטעקטאָר. די הײַזער זײַנען געווען צעוואָרפן אין קלוימערשטער

אומאַרדענונג. נאָר די דאָזיקע „אומאַרדענונג" האָט געבילדעט אַן אויסטערליש־בילדערישע פּאַנאָראַמע. און אַלץ איז געווען אײַנגעטונקען אין גרינס. אין געוויסע ערטער האָבן די אַרכיטעקטאָרן דאָ אַפילו איבערגעלאָזט אינדזלען פון דעם אורוואַלד, וואָס איז קענטיק דאָ פריִער געווען.

— אַלע הײַזער, — האָט מיט ענטוזיאַזם גערעדט דער טאַקסיסט, — זײַנען אַרויס פונעם זאַוואָדישן קאָנווייער, און נאָר דערפאַר איז עס מעגלעך געווען אופצובויען דעם ראַיאָן אין אַזאַ קורצער צײַט. אָבער זעט, ווי פאַרשיידנאַרטיק, ווי בילדעריש זיי זײַנען! יעדעס הויז האָט זײַן אייגן פּנים!

די אויגן פונעם טאַקסיסט האָבן געבלישטשעט. בעפּייִרעש, ער איז געווען איינער פון די שעפער פון דעם אַרכיטעקטור־אַנסאַמבל...

סאָפּקאַלסאָף האָט זיך די טאַקסי אָפּגעשטעלט פאַר אַ פילשטאָקיקער געבײַדע, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פון דעם גרינס, אַזוי ווי זי וואָלט אַליין געווען אַ שטיק נאַטור.

דער ליפט האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן אַכטן שטאָק, און עפראַיִם סאַנדלער האָט ניט אָן האַרצקלאַפּעניש אָנגעדריקט די קנאָפּקע.

די טיר האָט געעפנט דער באַלעבאָס אַליין. עפראַיִם סאַנדלער איז אַריבערגעטראָטן די שוועל און אַ שמייכלענדיקער געקוקט אויף זײַן „ליטווישן וואַריאַנט".

— אַ, דער סטודענט פון מאָסקווע! — האָט אויסגעשריִען דער באַלעבאָס, זיך גאָרניט פאַרכידעשט.

זיי האָבן זיך אַרומגענומען, צעקושט.

אַרײַנגעגאַנגען אין צימער, זײַנען זיי אַ ווײַלע געשטאַנען און, ווי צוויי העגער, זיך אָנגעקוקט. ביידע מיטלוווקסיקע, געפּאַקטע, זײַנען זיי איצטער געווען שטאַרק ענלעך איינס צום אַנדערן, מער, ווי מיט דרײַסיק יאָר צוריק.

— די האָר דײַנע, די האָר, — האָט געזאָגט דער ווילנער עפראַיִם. — האָסט דאָך געהאַט אַמאָל אַ פּרעכטיקע טשופּרינע.

— געלאָזט אין די אַקאָפּעס. און דו... ביסט דאָך געווען אַ דאַרער יונג. און איצטער גראָב געוואָרן, אָנגעגאָסן.

— ניט גרעבער פון דיר, פּעמפּיק אײנער! — דער ווילנער עפראַיִם האָט אַ שטורך געטאָן דעם מאָסקווער אין בויך, און ביידע האָבן זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

אַפּן טומל איז אַרײַן די באַלעבאָסטע.

— צילע, דאָס איז מײַן שוועסטערקינד פון מאָסקווע. געדענקסט, איך האָב דיר דערציילט. סטודענט פון מאַטעמאַטיק... וואָס ביסטו איצטער?

— לייטער פון אָפּטיילונג אין אַ וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט... דאָקטאָר פון מאַטעמאַטישע וויסנשאַפטן.

— דאָקטער! הערסט, צילע? אַ דאָקטער, וואָס פאַרשטייט קיין קרענק ניט! — ער האָט זיך הילכיק צעלאַכט, און דאָס איז טאַקע געווען דאָס הירזשען פונעם אַמאָליקן פּראַיקע דעם שוסטער־יונג. אַ געלעכטער מיט אַ רוישיקן סאָפּען, וואָס איז גיכער ענלעך אויף אַ פּלאַנכען.

צילע איז געווען קליינוווקסיק און קײַלעכדיק. איר פּולבלעכן קערפּער האָט זי אָבער געטראָגן לײַכט, און אירע באַוועגונגען זײַנען געווען אַפילו גראַציעז. איר קײַלעכדיק פּאָנעם מיט אַ נעזל, ווי אַ קליינע בולבעטשקע, האָט געעטעמט מיט פריילעכקײַט און אומויסשעפּלעכער געמיטלעכקײַט. זי איז געווען אַ סאַך ייִנגער פון איר מאַן. געאַרבעט האָט זי אַלס בוכהאַלטער, און דער גאַסט האָט גלײַך נאָך די ערשטע ווערטער אירע געקאָנט מיט באַפרידיקונג פעסטשטעלן, אַז זײַן שוועסטערקינד פאַרמאָגט אַ גאַנץ אינטעלעגענטע, געמיטלעכע פרוי. ער האָט זיך דערפילט היימיש, און ס'איז אַוועק אַ לעבעדיקער געשפּרעך.

פונעם געשפּרעך איז קלאָר געוואָרן, אַז דאָס איז שוין עפראַיִמס דעם שוסטערס צווייטע פרוי. די ערשטע, מיט וועלכער ער האָט כאַסענע געהאַט האַרט פאַר דער מילכאָמע, איז אומגעקומען בײַס דער דײַטשישער אָקופּאַציע. ער גופע האָט געקעמפט אין דער ליטווישער דיוויזיע, געווען עטלעכע מאָל פאַרווונדעט, נאָך דער מילכאָמע זיך באַזעצט אין ווילנע. איצט איז ער הויפּט־מײַסטער אויף אַ שוך־פאַבריק. זיי האָבן אַ זון איזי, אים איז צוואַנציק יאָר, ער איז אַ סטודענט פון דער טעכנישער הויכשול.

— און עסטערקע? — פרעגט דער מאָסקווער עפראַיִם, און דאָס האַרץ גיט אים אַ טיאָכקע.

— זי איז אויך אין ווילנע. כאַסענע געהאַט. אַ מאַמע פון צוויי קינדער.

— לעבט! — עפראַיִם פילט, ווי אַ שטיין וואָלט זיך אים אַראָפּגעקײַקלט פון האַרצן.

— יאָ, ווי דען. זי איז דאָך יענע אַקשנטע! גלײַך ווי מיר זײַנען געוואָרן סאָוועטיש, זײַנען זיי דאָך אַלע מעשוגע געוואָרן: יעדער באָכערל דאַרף ווערן ניט אַנדערש, ווי אַן אינזשעניער,

יעדע מיידל — א דאָקטער. דיפּלאָמען גיב זיי, אַנדערש קענען זיי זיך ניט אויסדרייען. איבער־הויפּט נאָך דײַן אוועקפאָרן זײַנען איר אַרײַן די פליגן אין נאָז. האָט זי זיך אײַנגעשפּאַרט און אוועקגעפאָרן אויף עפּעס קורסן קיין ווילנע.

— נו, און?

— ווייסט, פּראָים, ווען ניט די מילכאָמע, וואָלט זי עפּעשער געוואָרן א דאָקטער. זי איז דאָך יענע אקשנטע. נאָר סיווויי האָבן די קורסן איר אָפּגעראַטעוועט דאָס לעבן. זיי האָבן זיך באַוויזן צו עוואַקוירן, די קורסן. איצטער איז זי אין עלטערע מעד־שוועסטער. מע האַלט שטאַרק פון איר אין איר באָלניצע. אָט זי פאַרשטייט טאַקע א קרענק. ניט ווי דו, דער דאָקטער! — דער שוסטער האָט זיך ווידער הילכיק פאַנאַנדערגעלאַכט.

צילע האָט באַמערקט, ווי טיף ס׳איז פאַרינטערעסירט דער גאַסט, האָט זי זיך אַרײַנגעמישט:

— מע וואָלט איר געקאָנט אָנקלינגען, נאָר הײַנט אַרבעט זי אין דער נאַכט־סמענע. מאָרגן וועל איך שוין אָרגאַניזירן, איר זאָלט זיך טרעפן. זי איז איצטער פאַרדרייט מיטן רעמאָנט פון דער דירע. ביידע סטודענטן אירע זײַנען אוועקגעפאָרן, דער מאַן אויף אורלויב אין אַן אָפּרו־הויז, האָט זי זיך פאַרנומען מיטן רעמאָנט, נאָר, דאַכט זיך, זי ענדיקט שוין.

— עפּעס א לײַטישער מאַן בא איר?

— א מרוקי! — האָט אָפּגעשניטן עפּראָים. — פאַרקעט זיך אין די אײַזערנע געדערימס און וויל פון קיין זאַך ניט וויסן.

— וואָס רעדסטו, עפּראָים? — האָט צילע ווייך פאַרגעוואָרפן איר מאַן. — געווען א פּאָשע־טער שלאָסער, איצטער איז ער דער גאַנצער מעכאַניקער אויף זײַן זאַוואָד.

— נאָר א מענטשיש וואָרט וועסט פון אים ניט אַרויסקריגן. אָבער, נישקאָשע, בא איר איז ער א קאַטינקע.

די אינווייניקסטע טיר האָט זיך געעפנט, און אין צימער איז אַרײַן א יונג, א דאַרער און א הויכער, ווי א דראָנג. מע באַקענט זיך, און דער גאַסט קוקט אויפן באָכער מיט פאַרכידעשטע אויגן: גאָט מײַנער, ווי דער באָכער האָט עס אַרויסגעשאָסן! בא א מיטלוווקסיקן טאַטן און א בידעריקער מאַמען...

— אַקצעלעראַנט! — רעקאָמענדירט זיך אויף דער יונג. קענטיק, ער איז געוווינט, מע זאָל זיך וווּנדערן אויף זײַן וווּקס. — איר ווייסט דאָך, איצט איז די עפּאָכע פון אַקצעלעראַציע. בין איך א פּראָדוקט פון דער עפּאָכע.

— דו, פּראָדוקט, זאָלסט כאָטש הײַנט אָוונט ניט אַנטלויפן! זעסט דאָך, מיר האָבן א גאַסט.

— פּאַפּאַ, איך קאָן ניט, — ער וואַרפט א בליק אויפן זייגער, וואָס איז פאַרוקט בא אים אויף דער אינווייניקסטער זײַט פון האַנט. — פּאַראַן א וויכטיקע סיבע! — ער זאָגט עס מיט א טיפן ערנסט, נאָר די פלוטעוואַטע אויגן בלאָנדזשען אין א זײַט.

— און די „סיבע" טראָגט א מיני־קליידל ביז אהער־אָ? ביזן פּופּיק, האָ?

— נו, גיי, — קריגט די מאַמע ראַכמאָנעס אויפן יונג. — נאָר פאַרגעס ניט, אַז דו האָסט נאָך אַן עקזאַמען.

— צום עקזאַמען איז דאָ דער טאָג. מאָרגן גאַנצפרי. שוין אָפּגערעדט.

דער יונג געזעגנט זיך מיטן גאַסט. ער גיט דערבײַ עפּעס א מורמל, אַז מ׳וועט זיך נאָך זען, און אָט שעמערירט שוין זײַן פאַנטאַסטיש אויסגעמאָלטע קאָוובאָיקע אין דער טיר.

— הײַנטיקע קינדער... — זיפצט דער פאָטער, נאָר דער זיפץ איז א געמאַכטער: קענטיק, ער איז צופרידן מיטן זון.

די באַלעבאָסטע פאַרנעמט זיך מיטן קיבעד, און דאָ מעלדעט פלוצעם דער באַלעבאָס מיט א פײַערלעכן טאָן:

— פאַר אַזאַ גאַסט... קאַווע וועל איך מאַכן אַליין. לויט מײַן באַזונדערן רעצעפּט!

הערסט א מײַסע: פּראַיקע, דער געוועזענער שוסטער־יונג, מאַכט קאַווע „לויט זײַן באַזונדערן רעצעפּט"... און דאָ דערמאָנט זיך דער מאָסקווער עפּראָים, אַז ער האָט שוין איינמאָל געטרונקען קאַווע „לויט א באַזונדערן רעצעפּט".

דאָס איז געווען טאַקע דעמלט אין יענעם שטעטל. אין דעם דאָזיקן שטעטל האָט געלעבט אַן אינטעליגענט, דער זון פון עם דאָרטיקן אײַזנקרעמער. ער האָט זיך עטלעכע יאָר אַרומגעדרייט אין אויסלאַנד, עפּעס וואָס שטודירט. צי ער האָט וואָס אויסגעשטודירט דאָרטן, איז געווען ניט קלאָר, נאָר אומגעקערט זיך אין שטעטל האָט ער מײַסע אינטעליגענט, וואָס איז דערגאַנגען די סיסרײי־טוירע פון דער מײַרעוו־אייראָפּעיִשער קולטור. איינמאָל האָט ער אַרײַנגערופן דעם מאָסקווער סטודענט אויף א גלעזל קאַווע. געפירט נעפּלהאַפטע רייד וועגן שפּענג־

לערן, וועגן בערגסאָנען, געגעבן אָנצוהערעניש, אַז דער פילאָסאָפישער געדאַנק אויפן מײַרעוו—צווישן אונדז, אינטעלעגענטן, זאָל עס זײַן געזאָגט — שטייט פיל העכער פאַר דעם גראָב־מאַטעריאַליסטישן געדאַנק אויפן מיזרעך. צום סאָף האָט ער מעכאַבעד געווען דעם גאַסט מיט אַ טעפּל קאַווע, „לויט מײַן אייגענעם רעצעפּט, — האָט ער פילבאַדײַטנדיק צוגעגעבן. — אַזוינס האָט איר דאָרטן, אין אײַער מאָסקווע, ניט געטרונקען". עפראַ:ים סאַנדלער האָט געטרונקען די קאַווע, גאָרניט ניט געפילט, נאָר קעדיי ניט צו באַליידיקן דעם באַלעבאָס.

ער האָט פאַרגלאָצט די אויגן און געזאָגט, אַז ס׳איז גאָר־גאָר פּרימאַ. און איצטער פּראָ:יקע דער שוסטער מיט „זײַן באַזונדערן רעצעפּט"...

— עפ־ראַ־:ים אי־סאַ־קאָ־וויטש, — האָט ער פריילעך אויסגעסקאַנדירט, — ווי קומט צו דיר אַן אייגענער רעצעפּט?

— פון שטעטל טאַקע. געווען באַ אונדז אַזאַ „הינטעלעגענט". אַז ס׳איז געקומען די סאָוועטן־מאַכט, האָבן זיך די פּניי אָנגעהויבן צו כאַנפענען צו אונדז, די פּראָסטע לײַט. האָט ער מיך איינמאָל פאַרופן אויף אַ גלעזל קאַווע. דו ביסט דאָך אויך געווען. נאָר דו ביסט אַ יאָלד... ווייסט, ווי מע האָט דיך גערופן אין שטעטל? פּראָיקע־יאָלד! און מיך האָט מען גערופן פּראָיקע־קאָלבויניק! האָב איך זיך טאַקע צוגעקוקט, ווי ער מאַכט, און אַרויסגעקריגן פון אים דעם גאַנצן סאָד. וואַרט, וועסט באַלד זען.

ער האָט לאַנג געקישעפט אין קיך, און אָט איז שוין געשטאַנען פאַרן גאַסט אַ טעפּעלע קאַווע, פון וועלכער ס׳האָט געשלאָגן אַ מעכײַעדיקע פּאַרע.

— נו? — האָט עפראַ:ים זיך אײַנגעגעסן אין די אויגן פונעם גאַסט, נאָכדעם ווי יענער האָט פאַרזוכט די קאַווע.

ווייסט עס דער טײַוול, צי זײַן געשמאַק איז מער ראַפינירט געוואָרן פאַר די פאַרגאַנגענע יאָרן, צי פּרויקע־קאָלבויניק האָט צוגעגעבן עפּעס אייגנס צו יענעמס רעצעפּט, נאָר די קאַווע האָט טאַקע דעם טאַם פון גאַניידן.

— גוט! — האָט געזאָגט דער גאַסט. — בעעמעס גוט!

אוועקשטעלנדיק דאָס אויסגעליידיקטע טעפּעלע, האָט דער מאָסקווער גאַסט זיך אַרומגעקוקט. אַ פײַנע דירע, מאָדערנע מעבל, אַ באַגלאָזטע ביכער־שאַפע, אָנגעפּראָפּט מיט ביכער און זשורנאַלן, און די ביידע מענטשן, מיט וועלכע ער פירט אַ געמיטלעכן שמועס, — הײַנטצײַטיקע, גרויסשטאָטיש־געשליפענע מענטשן. פון דעם פריערדיקן פּראָיקע שוסטער־יונג זײַנען עפּשער פאַרבליבן בלויז גראָבלעכע ווערטער, וואָס ער האַקט אַרײַן פון מאָל צו מאָל אין געשפּרעך. אָבער אויך די גראָבע רייד זאָגט ער מיט אַזאַ גוטמוטיקן טאָן, אַז מע קען עס אָפּטראָגן גיכער אויפן כעזשבן פון הומאָר.

לײַטיש, גאָר לײַטיש.

לאָזט זיך אויס, אַז קעדיי זיך אויסצומענטשלען, דאַרף מען האָבן ניט דאַפקע ניקאָלײַ־ניקאָלײַעוויטשן, יִמאַך שמוי וועזיכרוי...

3

סאַראַ דינע וועלטלעך אין די הײַנטיקע דירעס, מע הערט דעם מינדסטן שאָרך פונעם שכיינעסדיקן צימער.

עפראַ:ים סאַנדלער האָט זיך געלאָזט איבעריידן און איז פון האָטעל אַריבער אויף די עטלעכע געבליבענע טעג צום שוועסטערקינד. נעכטן האָט ער געהאַט אַ שווערן טאָג אויפן זאַוואָד, און דערצו נאָך האָט ער אין אָוונט געהאַלטן אַן אינסטרוקטיוון פאָרטראָג פאַר די זאַוואָדישע אינזשעניערן. דער אָוונט מיט די צאָלרײַכע פראַגן האָט זיך פאַרצויגן שפּעט. הײַנט האָט ער געוואָלט זיך גוט אויסשלאָפן, נאָר גיי שלאָף, אַז פון שכיינעסדיקן צימער דערטראָגט זיך אַ מאַנאָטאָנער מורמל. ס׳איז די שטים פון איזין, נאָר פון צײַט צו צײַט מישט זיך אַרײַן אַ מיידלשע שטים, וואָס פרעגט עפּעס איבער, דיסקוטירט. מיילע, איז דאָס נאָך אַ האַלבע צאָרע, נאָר אָט רײַסן זיך איבער די שטימען און עס אַנטשטייט אַ פאַרטײַעטע, פילבאַדײַטנדיקע שטילקײַט...

דער טײַוול, ווי זיי קושן זיך עס געשמאַק. עפראַ:ים סאַנדלער גראָבט אײַן דעם קאָפּ אין קישן, קעדיי ניט צו הערן די שטילקײַט. ענדלעך דערוואַרט ער זיך, עס הייבט זיך ווידער אָן דאָס מאָנאָטאָנע מורמלען. נאָר ניט אויף לאַנג. ווידער די שטילקײַט, וואָס קערט אויס די נעשאָמע.

וואָס רעגסטו זיך אַזוי אויף? דערמאָן זיך, דו האָסט אויך אַמאָל זיך געגרייט צו עקזאַמענעס אויף אַזאַ אויפן. עמעס, ער איז דעמלט געווען עלטער (שוין נאָכן פראָנט). דער רעזול־

טאַט איז געווען: פֿאַרלאָרן די סטיפּענדיע אַף אַ האַלב יאָר און געקראָגן אַ ווײַב אױפֿן גאַנצן לעבן.

ס׳איז אַן אײביקער פֿילם, אָן אַן אָנהײב און אָן אַ סאָף. אַלץ איז שוין אין פֿילם באַוווּסט, נאָר יעדן אײנעם איז באַשערט אים איבערצולעבן פֿונדאָסנײַ. ער האָט שוין זײַנס אָפּגעפֿילמט, באַ זײ איז דער פֿילם אין סאַמע בלײַענדיקן אָנהײב. און מיט וואָס ער זאָל זיך ניט ענדיקן, וועט ער אַלצײַנס פֿאַרבלײַבן אַלס העלער זון־פֿלעק אין זײער לעבן.

ווידער אַ מורמלען, און דאַן ווידער אַ פֿאַרטײַעטע שטילקײַט. נײן, ער וועט שוין ניט אײַנשלאָפֿן. ער שטײט אױף, גײט אין וואַנע־צימער און וואַשט זיך אײַן. דאַן קומט ער צוריק אין צימער און טוט זיך אָן. דאָס אַלץ מאַכט ער שטיל, קעדײ ניט שטערן יענע, וואָס זײַנען „פֿאַרנומען״. די באַלעבאַטים זײַנען ניטאָ אין שטוב, זײ זײַנען אַף דער אַרבעט. נאָר אין קיך שטײט דער טיש אַ געגרײטער צום פֿרישטיק. ער וואַרעמט אָן אַף דער גאַז־פּליטע דעם טשײַניק און נעמט זיך צום פֿרישטיק.

ווען ער האַלט שוין באַם ענדיקן, קומט אין קיך אַרײַן איזי.

— זעט, דיאַדיאַ, איר זײַט שוין אױפֿגעשטאַנען. אַבי מע האָט מיר אָנגעזאָגט, איך זאָל אײַך סערווירן דעם פֿרישטיק.

— איך האָב ניט געוואָלט דיר שטערן. ביסט דאָך פֿאַרנומען, האַ?

— יאָ. אַן עקזאַמען.

— ניט עקזאַמען, נאָר איבערעקזאַמענירונג. מע דאַרף יעדע זאַך אָנרופֿן באַם ריכטיקן נאָמען, — זאָגט טרוקן עפֿראַיִם סאַנדלער.

— אַ גרויסע מײַסע... ניט אָפּגעגעבן צום סאָף פֿונעם לערניאָר, וועל איך אָפּגעבן צום אָנהײב. איך בין סײַווי אַריבער אױפֿן דריטן קורס.

— ניט „סײַווי״, נאָר באַדינגלעך. אױב דו וועסט אָפּגעבן דעם עקזאַמען.

— פֿאָרמאַליטעט. דעם עקזאַמען וועל איך אָפּגעבן.

— האַלעווײַ. נאָר דײַן מעטאָד פֿון גרײטן זיך צו אַן עקזאַמען קאָן ניט רעקאָמענדירט ווערן. („ביסט אַ גוטער צוויאַק, דו, דאָקטאָר פֿון מאַטעמאַטישע וויסנשאַפֿטן״).

— מיר האָבן אײַך אױפֿגעוועקט? — פֿרעגט אומשולדיק דער יונג און ווערט אַפֿילע ניט רויט. — נו, וועלן מיר שטילער זײַן.

— ס׳מאַכט ניט אױס. כ׳האָב סײַווי שוין געדאַרפֿט אױפֿשטײן. — גײט דערקלער דעם יונג, אַז ניט דאָס מורמלען האָט אים געשטערט, נאָר דאַפֿקע די שטילקײַט. — אַזאַ מעטאָד, — זעצט פֿאָר דער דאָקטאָר פֿון מאַטעמאַטישע וויסנשאַפֿטן, און איצטער איז ער שוין פֿולשטענדיק איבערצײַגט, אַז ער איז אַי אַ קרעטין, אַי אַ צוויאַק, — איז דער בעסטער מעטאָד צו פֿאַרלירן די סטיפּענדיע!

— אױך אַ דײַגע, — גיט זאַרגלאָז אַ פֿײַף דער יונג.

פּראַיקע קאַלבוניקס זון... און ער, דער יאָלד, האָט געטראָפֿן מיט וואָס אים צו סטראַשענען. אַז דער יונג וועט פֿאַרלירן די סטיפּענדיע, וועט ער ניט האָבן וואָס צו עסן־טרינקען? און טאָמער וועט זיך אים פֿאַרוועלן אַ נײַע אימפּאָרטנע קורטקע, וועט די מאַמע ניט קױפֿן אים?

— איזי, ווײסט, ווי מע האָט אַמאָל גערופֿן דײַן טאַטן? פּראַיקע קאַלבוניק!

— ווי, ווי? — פֿאַרינטערעסירט זיך דער יונג.

אַ שײנע מײַסע, דער מאָסקווער גאַסט דאַרף דערקלערן דעם ווילנער פּלעמעניק, וואָס איז אַזוינס קאַלבוניק. ער דערקלערט עס אים, ווי ער קאָן, און זעט, אַז דעם באָכער איז שטאַרק געפֿעלן, וואָס דער טאַטע איז אַמאָל געווען אַ קאַלבוניק.

— און מיך האָט מען גערופֿן פּראַיקע יאָלד, — גיט טרויעריק צו עפֿראַיִם סאַנדלער. דאָס באַצאָלט ער זיך פֿאַרן קרעטין און פֿאַרן צוויאַק. — נו, איך וועל גײן. גיב איבער דײַנע עלטערן, אַז הײַנט אָוונט וועל איך ניט קומען אַהער. איך האָב אָפּגערעדט מיט עסטערן, מיט דײַן מומען, אַז איך וועל קומען צו איר. עפּשער וועלן זײ אױך קומען אַהין?

— הײַנט? דאָנערשטיק? נײן. דאָנערשטיק איז באַ מײַן פֿאָטער אַ הײליקער טאָג. ער שפּילט פּרעפֿעראַנס. עס קומט דער דירעקטאָר, דער הױפּט־אינזשעניער און נאָך אַזעלכע געהױבענע לײַט. און איר? איר שפּילט פּרעפֿעראַנס?

— נײן, — בורטשעט אַרויס דער דאָקטאָר פֿון מאַטעמאַטישע וויסנשאַפֿטן.

עפֿראַיִם סאַנדלער קען שווערן, אַז דער יונג קוקט אַף אים אַראָפּ פֿון זײַן מעלעך־האַבאַשנדיקער הײך מיט איראָניע און מיטלײַד.

עפראָים סאנדלערס ארבעט אפן זאוואָד גייט שוין צו ענדע. מאָרגן דארף ער אריַינגיין אף א פאָר שאָ אין צענטראַלן עלעקטראָנעם בארעכן־צענטער, און אין אָוונט פאָרט ער אָפ אהיים. נאָר היַינט אָוונט דארף ער זיך טרעפן מיט עסטערקען, וועלכע האָט שוין אָפגערעמאָנטירט איר דירע און ווארט אף אים.

עסטערקע וווינט אין אלט־שטאָט. דער אדרעס פירט אים אריַין אינעם געפלאָנטער פון שמאָלע, ווי שטיינערנע קאָרידאָרן, געסלעך, אָנגעפיקעוועטע מיט גרויסע גראָב־ביַיכיקע היַיזער, ווו־ניט־ווו דורכגעלעכערטע מיט פינצטערע טויערן. אמאָל, קענטיק, זיַינען די טויערן געווען פארשלאָסענע און אָפגעהיטע יעדער איינער פון זיַין באַלעבאָס. היַינט שטייען זיי אָפענע און זיַינען ענלעך אף אָנצייִנערדיקע מיַילער, וואָס עמעצער האָט געעפנט אין א קאָנוולסיוון געגעץ און פארגעסן צו פארמאכן.

עפראָים סאנדלער גייט דורך די ענגע געסלעך און קלערט וועגן עסטערקען.

ער האָט זיך דעמלט שטארק, גאָר שטארק באפריַינדעט מיט איר. „דרייסטע אקשנטע”, — האָט ער זיך גערייצט מיט איר, בייס זי האָט יעדע מינוט געפאָדערט פון אים, ער זאָל זי לערנען רוסיש. אינדערעמעסן האָט ער פארשטאנען, אז די זשעדנעקיַיט, מיט וועלכער זי כאַזערט די רוסישע ווערטער, איז מער ווי אקשאָנעס. דאָס איז געווען א שטרעבן זיך אריַינצוטאָן אין ניַיעם בעסערן לעבן. א שטרעבן, וועלכן ס׳האָט אופגעוועקט עפשער טאקע ער, דאָס מאָסקווער שוועסטערקינד. דאָס יונגע פרישע מיידל איז געווען א פליַיסיקע שילערן. אפילע באַגינען, בייס זי פלעגט א באָרוועסע ארויסלויפן אין גאָרטן צו זאמלען גרינס פארן פרישטיק, פלעגט ער מיטגיין מיט איר. זי האָט מיט א שטיפערישער כיינעוודיקיַיט געקליבן די אוגערקעס, געצויגן פון דר׳ערד די מערן, געריסן פון די קוסטעס די אגרעסן, די טריסקאָווקעס און געמאָנט פון אים: „און דאָס ווי הייסט אף רוסיש? און דאָס?”. אָן אָנגעשטעקטער פון איר פריילעכקיַיט, האָט ער געטיַיטלט אף אירע באָרוועסע, מיט מאָרגנטוי באשפריצטע, פיס, אף אירע קני, אף אירע היפטן, אף איר שטיַיף ארומגעכאפטע מיט א ציצן־קלייד ברוסט און געכאזערט איר, ווי מ׳רופט עס אף רוסיש. ס׳איז געווען א מעכיַיעדיק לערנען.

די מומע האָט געקוועלט פון נאכעס. „אייגן בלוט”, — האָט זי געמורמלט, שטריקנדיק א זאָק און קוקנדיק, ווי די ביידע טוליען זיך איינס צום אנדערן.

דער סטודענט האָט אינערלעך געשמייכלט. דאָס „אייגן בלוט” האָט דאפקע אים אָפגעהאַלטן, גערופן צו באדאכטקיַיט. אין די מאָסקווער באדינגונגען, מיט א מאָסקווער מיידל וואָלט א צענטכיילעק פון דעם געפיל, וואָס האָט זיי ביידן באהערשט, געקלעקט, ס׳זאָל אופלאקערן א פיַיער. אין דעם קליינעם ליטווישן שטעטל איז עס געווען אנדערש. דאָ, אונטער די סטרעכעס פון די אלטע בוידעמער, אין די שפאַלטן פון די פארשווארצטע בערווענעס זיַינען געלעגן די שאָטנס פון צנועסדיקע באָבעס און עלטער־באָבעס, וואָס האָבן וואָרענענדיק געהויבן זייערע ביינערדיקע פינגער און געזאָגט: שא, קינדער, פארגעסט זיך ניט! אז די הייסע נאָענטקיַיט איז שוין געווען ניט מער אריבערצוטראָגן, פלעגט דער סטודענט זיך אָפרוקן פונעם מיידל און מיט א פלוצעם הייזעריק געוואָרענער שטים זאָגן:

— נו, געבוג, עסטערקע. ס׳וועט דיר זיך שוין אלץ פלאָנטערן אין קאָפ. זינג בעסער עפּעס.

עסטערקע האָט געהאט א גוטע שטים און געקענט א סאך ייִדישע לידער. דער מאָסקווער גאסט האָט ליב געהאט זי צו הערן, און בייס זי האָט שטיפעריש־פריילעך געזונגען וועגן דעם מיידל, וואָס זוכט מארגאריטקעס אין וואלד, האָט זיך אים געדוכט, אז דאָס האָט ער, דער מאָסקווער סטודענט, געפונען „די ווילדע מארגאריטקע אין וואלד”. די דאָזיקע ליד האָט נאָך שפּעטער, אין מאָסקווע, געקלונגען אין זיַינע אויערן, וועקנדיק א זיסע בענקשאפט. פארן אָפפאָרן האָט ער אָפגערעדט מיט איר, אז זיי וועלן זיך איבערשריַיבן און ער וועט פרווון זי ארויסשלעפן קיין מאָסקווע, זי זאָל זיך דערשלאָגן צו עפּעס א טאכלעס. ווער ווייסט, ווי וואָלטן זיך אנטוויקלט זייערע באציִונגען, ווען ניט די מילכאָמע.

די טיר האָט געעפנט עסטערקע. אין שטוב האָט געשמעקט מיט פארב און פרישן קאלך. ס׳איז געווען א ליכטיקע, געראמע דירע. לויט די פינצטערע טרעפּ האָט עפראָים סאנדלער גאָרניט געריכט זיך, אז די דירע וועט זיַין אזא זויבערע און געמיטלעכע.

— ביסט א ביסל צו פרי געקומען. זעסט, כ׳האָב נאָך ניט אינגאנצן פארענדיקט אופראַמען, — האָט זי געזאָגט נאָך די ערשטע „אכן” און „אָכן” פון דער באגעגעניש.

— ס׳מאכט ניט אויס, ס׳מאכט ניט אויס... לאָמיר דיך אָקאָרשט באקוקן.

זי האָט אראָפּגעריסן דאָס טיכל, מיט וועלכן זי האָט געהאט פארבונדן דעם קאָפּ, אראָפּגעוואָרפן דאָס שמוציקע כאלאט און דערשינען פאר אים א שיַינענדיקע, א פולבלעך גע־

וואַרענע, מיטן זעלבן כיינעוודיקן פּאָנעם און די אויגן אויך די זעלבע — פּריילעך־דרייסטע און ארויסרופעריש.

— פײַן, פײַן, גאָר פײַן, — האָט ער געזאָגט, סטאַרענדיק זיך ניט צו באַמערקן די דינע קנייטשעלעך אַפן פּאָנעם און דעם ערשטן זילבער, וואָס האָט דורכגעפלאָכטן אין די גלאַטע שוואַרצע האָר. — די עמעסע עסטער־האַמאַלקע. כ׳האָב דאָך דעמלט אזוי דיך גערופן, געדענקסטו? נאָר דעמלט ביסטו געווען א קאַנדידאַטקע אַף עסטער־האַמאַלקע, איצטער ביסטו די עמעסע עסטער־האַמאַלקע.

— גיי שוין, גיי... אָן אַלטע ייִדענע. — אירע צוויי שוואַרצע ברעמען האָבן זיך אויסגעגלײַכט אין איין שטרענגער ליניע און איר פּאָנעם איז געוואָרן ערנסט. מיט אזא פּאָנעם, מיסטאַמע, באַרויִקט זי די קאַפּריזנע קראַנקע אין איר פּאַלאַטע. — טיי? קאַווע? וואָס טרינקסטו?

— מע דאַרף קיין זאַך ניט. דערצייל וועגן זיך.

— פונדעסטוועגן וועל איך וואָס צושטעלן. דערציילן וועגן זיך? אוודאי וועל איך דערציילן. ביסט דאָך דער „מאָסקווער סטודענט". מײַן ערשטער לערער פונעם נײַעם אַלעפבייס. מיינסט, איך געדענק ניט? — איר געלעכטער איז געווען קלינגענדיק, ווי אַמאָל.

מיט איין פוס אין קיך, מיט איין פוס אין צימער, האָט זי אים אַלץ דערציילט. זי האָט א מאַן, צוויי קינדער, א ייִנגל און א מיידל. דער זון ענדיקט איבעראַיאָר דעם בוי־אינסטיטוט, איצטער איז ער אַף פּראַקטיק. דאָס מיידל איז אַפן צווייטן קורס פון מעדיצין־אינסטיטוט, זי איז אוועקגעפאָרן מיט אירע מיטשילער אַף אַן עקסקורסיע.ביידע געראָטענע קינדער, האַלעווײַ אַף אַלע מאַמעס געזאָגט געוואָרן... זי רעדט מיט באַגײַסטערונג וועגן די קינדער. דאַכט זיך, זי וועט קיינמאָל ניט מיד ווערן צו ריידן וועגן זיי.

— נו, און דער מאַן? — פרעגט פּאַרזיכטיק דער גאַסט.

איצטער איז איר טאָן מער אײַנגעהאַלטן. דער מאַן איז א האָרעפּאַשניק, דורכגעמאַכט א שווער לעבן, געווען אי אין געטאָ אי אין דײַטשישן לאַגער. ער איז א פּאַשעטער שלאָסער, נאָר ער האָט זיך ארופגעארבעט, פאַרנעמט איצטער די שטעלע פון הויפּט־מעכאַניקער אַף זײַן זאַוואָד, א טיכטיקער ארבעטסזאַמער מענטש, א טרײַער פאָטער און מאַן. איצט איז ער אין אורלויב, האָט זי טאַקע אויסגענוצט עס און געמאַכט רעמאָנט. דער מאַן דאַרף ניט וויסן פון אַזעלכע זאַכן, ער האָרעוועט גענוג שווער. אַז ער וועט קומען, וועט שוין אַלץ זײַן פּאַרטיק.

עסטערקע פאַרענדיקט איר דערציילונג מיט א לײַכטן שמייכל אַף די ליפּן און נעמט זיך אָנגיסן טיי. איר פּאָנעם איז צערוויטלט, אין די שוואַרצע אויגן — א רויִק פלעמעלע.

זי האָט געענדיקט דערציילן, נאָר עפראַיִם סאַנדלערן דאַכט זיך, אַז עפּעס וואָס פעלט, נאָר וואָס עס פעלט, ווייסט ער אַליין ניט.

— עסטערקע, ביסט גליקלעך? — פרעגט ער סאָפּקאָלסאָף.

עסטערקעס אויגן ציטערן אוף אַף א ווײַלע, ווי עס ציטערט אוף דאָס גלאַטע וואַסער, ווען עס טראָגט זיך אַדורך א פּריש ווינטל. נאָר אַז זי ענטפערט, זײַנען זיי שוין ווידער רויִק און די ברעמען ציִען זיך אויס אין א גלײַכער ליניע.

— וואָס איז גליק? דאָס איז אַזוי ווי געזונט. אַז מע שפּירט עס ניט, איז א סימען, אַז ס׳איז דאָ.

— עפּעס צו טרוקן. צו... ליטוויש. — ער דערמאָנט זיך די באָבעס און עלטער־באָבעס, וואָס האָבן אַמאָל, אין ליטווישן שטעטל, זיי געדראָעט מיט זייערע ביינערדיקע פינגער. וואָלט זי דעמלט אויך אַזוי דעפינירט דאָס וואָרט „גליק"?

— וואָס? ניט מאָדערן? קליינשטעטלדיק? ווייסט, ווי מ׳האָט דיך אַמאָל גערופן בא אונדז אין שטעטל? — מערקווירדיק, וואָס אירע געדאַנקען זײַנען אויך אריבערגעשפּרונגען צום קליינעם שטעטל. — מ׳האָט דיך גערופן „ניקאָלײַ ניקאָלײַעוויטשעס מאַמזער".

— אָט האָסטו דיר א מײַסע! אַזוי האָט מען מיך פּײַנט געהאַט?

— אַזוי האָט דיך אָנגערופן אַבראַשע. געדענקסט אים? ער איז געווען א ביסל אין מיר... נו, ווי זאָגט מען עס?

— א ביסל אין דיר... נו, ווי זאָגט מען עס... בין איך אויך געווען.

— פאַ־לאַ־זשים, — ציט אויס עסטערקע, און אירע אויגן קוקן פרעך אַף עפראַיִם סאַנדלערן. — דו ביסט געווען ניט א ביסל, נאָר א ס־א־ך.

— נו, נאָך דרײַסיק יאָר קען מען זיך מוידע זײַן אין א פאַרברעכן, — שמייכלט עפראַיִם סאַנדלער.

א דינער טרויער, ווי א דורכזיכטיקער נעפּל אַפן טײַך נאָך א הייסן זומער־טאָג, כאַפּט פלוצעם ארום עפראַיִם סאַנדלערן. אַזוינס מיסטאַמע פילט יעדער מענטש, ווען ער טרעפט זיך אַף דער עלטער מיט א ניט־פאַרווירקלעכטן טרוים פון דער יוגנט.

— נו, דערצייל וועגן זיך. — עסטערקע האָט מאשמאָעס אופגעכאַפּט דעם ניואַנס אין זײַן שטימונג, און עפראַיִם סאנדלער איז איר דאנקבאַר, וואָס זי רײַסט אים אָפּ פון יענע געדאנקען.

ער דערציילט וועגן זיך, וועגן זײַן ארבעט, וועגן זײַן פרוי און די צוויי טעכטער, וואָס ער האָט. וועגן די טעכטער רעדט ער אויספירלעך און מיט האַנאָע. ביידע שוין געענדיקטע, איינע א ביִאָלאָג, די אנדערע א פיזיקער. די עלטערע האָט פאַראיאָרן כאַסענע געהאַט און לעבט באַזונדער.

— ווייסט, עסטערקע, — פאַרענדיקט ער מיט א שעמעוודיקן שמייכל, — זי קלײַבט זיך מיך מאכן פאָר א זיידן. אָט־אָט דאַרף עס געשען. דערפאַר ציט עס מיך שוין אַזוי אהיים.

— מײַן וויקטאָר וועט מיך אויך ניט לאָזן לאַנג וואַרטן. ער איז אַוועקגעפאָרן אַף פּראַקטיק מיט זײַן ליובינקען. — אין איר שטים קלינגט א נאָטקע פון טרויער, נאָר זי פאַרענדיקט מיט א פריילעכן רייצן זיך: — און דו, נאַרעלע, פרעגסט וועגן גליק...

יאָ, א נאַרישע פראַגע. עפראַיִם סאנדלער הייבט זיך אוף און גייט צו צום אָפענעם פענצ־טער, קעדיי צו כאַפּן א ביסל פרישע לופט. דאָס פענצטער גייט ארויס אַף אַן ענגן הויף, פּאַרפלאַסטערט און באַבויט מיט סקלאַדן און סקלאַדלעך. דער טאָג איז געווען א הייסער, און די אָנגעגליטע שטיינער פונעם ענגן הויף גיבן איצטער אָפּ די היץ. ס'איז דושנע, און אין דער דירע שטייט נאָך אויכעט דער רייעך פון רעמאָנט.

— ווייסט, עסטערקע, וואָלסט דאָ ניט געדאַרפט נעכטיקן הײַנט. ס'איז דאָ צו דושנע די לופט.

— איך קלער אויך אַזוי. איך וועל הײַנט נעכטיקן באַם ברודער. דו נעכטיקסט דאָך אויך דאָרט. וועלן מיר ביידע גיין צוזאַמען.

אַפן אנדערן טאָג איז שוין עפראַיִם סאנדלער געזעסן אין מאָסקווער צוג. אָקאָרשט האָט ער זיך אַפן פעראָן געזעגנט מיט זײַנע קרויווים. געזעגנט זיך וואַרעם און האַרציק, צוגע־זאָגט זיך איבערשרײַבן, באַזוכן. איצטער קלערט ער וועגן מאָסקווע. יעדער קלאַפּ פון די רעדער דערנעענטערט אים צו זײַן היים, צו זײַן ארבעט. און פּלוצעם גיט אים א קלאַפּ אין קאָפּ דאָס, וואָס ער האָט נעכטן געהערט פון עסטערקען: „ניקאָלײַ ניקאָלײַעוויטשעס מאַמ־זער". א שמייכל פון פאַרשטענדעניש באַוויזט זיך אַף זײַנע ליפּן. דעמלט, אין דעם שטעטל, וואָס האָט ערשט געהאַלטן אין אופכאַפּן זיך פון זײַן דוירעסלאַנגן שלאָף, איז ער ווירקלעך געווען א „וויסע וואָראָנע". הײַנט זײַנען די, מיט וועמען ער האָט זיך אָקאָרשט געזעגנט אַפן פעראָן, אויך „ווײַסע וואָראָנעס". מאַמזיירים? ניין. קינדער פון דער נײַער עפּאָכע, פון נײַעם לעבן.

ביכער־גראַפיק

אין דער היימשטאָט

בלעטלער פון א טאָגבוך

30 אויגוסט 1960.

צו טעוויע גענס בוך „אונדזערע צײַטן". קינסטלער ג. פערקעל

צו ריווקע רובינס בוך „עס שפּינט זיך א פאָדעם". צייכענונג פון מ. אַק־סעלראָד

בוזי מילער

אין וואַגאָן

אין וואַגאָן זײַנען זיי אַרײַנגעגאַנגען אַף דער סטאַנציע טאָמילינאָ. זי האָט פּאַרנומען דאָס פּרײַע אָרט לעבן מיר, ער — אַנטקעגן. באַם פענצטער קעגן מיר האָט געדרעמלט מיט פאַרמאַכטע אויגן אַ מיידל, און לעבן איר האָט זיך פאַרטיפט אין אַ ביכל אַן עלטערע פרוי.

ווי נאָר דער צוג האָט גערירט, האָבן די אַרײַנגעקומענע זיך דורכגעוואָרפן מיט עטלעכע ווערטער, און ס׳איז באַלד קלאָר געוואָרן, אַז זיי זײַנען מאַן־און־ווײַב. פון די עטלעכע ווערטער, געזאָגטע אַף רוסיש, איז מיר אויך קלאָר געוואָרן, אַז ער איז אַ ייִד. פאַראַן אַזעלכע — אַ גאַנץ לעבן האָט מען אָפּגעלעבט אין מאָסקווע, צי הינטער מאָסקווע, אַף דער אַרבעט, מיט די שכנים, מיט די שטוביקע רעדט מען אַ גאַנץ לעבן רוסיש, און בלויז רוסיש, נאָר די אינטאָנאַציעס, דעם נוסעך פון בערדיטשעווער אָדער זוועניגאָראָדקער ייִדיש האָט מען ניט אָנגעווווירן. געגוג עטלעכע ווערטער פון אַזאַ איינעם, און ס׳איז קלאָר, פונוואַנעט ער שטאַמט.

מע האָט געזען — דער מענטש האָט שוין אַריבערגעשפּאַנט די שישים, כאָטש די האָר אַפן קאָפּ זײַנען נאָך געווען גענוג געדיכט און שוואַרץ — בלויז באַ די שלייפן עטוואָס צוגעגרויט, און אין זײַן גאַנצער געזעצטער פיגור, אין די ברייטלעכע אַקסלען האָט ער נאָך פאַרמאָגט גענוג ניט אויסגעשעפּטן קויעך. די פרוי זײַנע, אַ הויכע, שוין היפּש פולבלעך, אָבער נאָך גענוג שטאַלטנע, מיט אַ ניט גרויסער, עטוואָס אַרויף־צו פאַריסענער נאָז, האָט געהאַט דעם אויסזען פון אַן עכט רוסישער דאַמע, זי האָט גערעדט אַ פײַנעם רוסיש מיטן קוועטש אַפן „אַ“, ווי אַ געבוירענע מאָסקווער. אין די הענט האָט זי געהאַלטן אַ לעדערן קוישל, פון די, וואָס אַ גוטע באַלעבאָסטע האָט מיט זיך אומעטום, וווהין זי זאָל ניט גיין אָדער פאָרן.

דער מאַן איז אַ לענגערע ווײַלע געזעסן שטיל, דערנאָך אַ קוק געטאָן אַף די מענטשן אין וואַגאָן, און אים איז, קענטיק, געוואָרן לאַנגווײַליק. מיט אַ מאָנענדיקן זשעסט האָט ער דער פרוי אַ ווײַז געטאָן אַף איר קוישל, און דאָ איז צווישן מאַן־און־ווײַב פאָרגעקומען אַ שטומער דיִאַלאָג, וועלכן איך האָב, ניט ווילנדיק, פון אַ זײַט צוגעזען. ער האָט געבעטן פון קוישל אים עפּעס דערלאַנגען. אירע העל־גרויע אויגן האָבן מיט אַ שטומען בליק געפרעגט: „עפּשער ניט קעדײַ?“ „עס מאַכט ניט, דערלאַנג!“ — האָט ער מיט זײַנע אויגן, גרויסע, בלאָוולעך־שוואַרצע, ווי צוויי פאַרטיקע פלוימען, געמאָנט.

אירע אויגן, די העל־גרויע: „און עפּשער וועסטו זיך באַגיין?“

זײַנע, די שוואַרצע: „מאַך ניט קיין שיִעס, דערלאַנג!“

אָן איבעריקן כיישעק האָט די פרוי געעפנט דאָס קוישל, זיך אַ גריבל געטאָן אין דעם, אַרויסגענומען אַ זאָרגזאַם אײַנגעוויקלטן אין גרינע פּאָליִעטילען־טאָוולען היפּשלעכן בוך און איבערגעגעבן דעם מאַן. יענער האָט דעם בוך אַ כאַפּ געטאָן, ווי מוירע האָבנדיק, זי זאָל ניט כאַראָטע האָבן, מיט קענטיקן פאַרגעניגן אים פאַנאַנדערגעעפנט, אומגעדולדיק אַ בלעטער געטאָן, געפונען דאָס אָרט, וווּ ער האָט פריִער זיך אָפּגעשטעלט, און זיך פאַרטיפט אין לייענען.

איך האָב געקוקט אין פענצטער. די פאַרבײַיאָגנדיקע נאָענטע לאָנקעס, די ווײַטלעכע וועלדלעך, די סעדער אַרום די דאַטשעס — אַלץ האָט שעמערירט מיט דער ערשטער פרישער, נאַרוואָס אויסגעפּיקטער גרינקײַט. אָט דאָ, אָט דאָרט, אַף די פעלדער און גערטענער האָבן זיך געשלענגלט שמאָלע סטעזשקעס און פאַרלוירן גַעגאַנגען ערגעץ אין דער ווײַט. וווּ־ניט־וווּ האָט קעגן דער זון פון צווישן דורכויסיקער גרינקײַט אַרויסגעבליאַסקעט אַ ריטשקע, אַ טײַכל...

אָנגעזאַפּט דאָס אויג מיטן פרילינגדיקן דרויסן, האָב איך ווידער אַ קוק געטאָן אין וואַגאָן. דאָס מיידל אַנטקעגן מיר האָט נאָך אַלץ געהאַלטן די אויגן צוגעמאַכט. אַ פאַרוויגטע מיטן ריטמישן גאַנג פונעם וואַגאָן, איז זי פאַשעט געשלאָפן, און איר גאַנצער אויסזען האָט

געהאט צו זאָגן: איר קאָנט קוקן אַף מיר, אויב איר ווילט, איר קאָנט ניט קוקן, אָבער לאָזט מיך צורו, איך וויל שלאָפֿן... אירע פֿאַרמאַכטע אויגן־לעפֿלעך זײַנען געווען בלוילעך צוגע־פֿאַרבט, די געשלאָסענע וויִעס — לאַנג און שוואַרץ. די בלאָנד געפֿאַרבטע האָר מיט א שרונט אינמיטן זײַנען פֿון ביידע זײַטן איר געפֿאַלן איבער די אַקסל. דאָס לײַכטע מיני־קלייד האָט אַנטבלויזט אירע פֿיס, שטאַלטנע, זוניק אָפּגעברוינטע העכער פֿון די קני, און דער טיפֿער אויסשניט האָט אַנטפּלעקט פֿון פֿאָרנט דעם גאַנצן אייבערשטן טייל פֿונעם הויכן האַלדז ביז דער אײדעלער פֿאַרטיפֿונג באַם אָנהייב פֿון די ברוסט. קוקנדיק אַף אָט דער שלאָפֿנדיקער שיינהײַט, האָב איך געטראַכט, אַז אַזאַ, ווי זי, מעג טראָגן מיני, ווײַל, מעגלעך, איינע פֿון די גרעסטע אוויירעס אַף דער וועלט איז אויסבאַהאַלטן עכטע שיינקײַט.

דער ייִד אַנטקעגן האָט גאָרניט געזען. ער האָט גיך געפֿירט מיט די אויגן איבער די שורעס, און זײַנע גראָבלעכע ליפּן זײַנען דערבײַ די גאַנצע צײַט געווען שמייכלענדיק פֿאַר־באַנדערגעצויגן. אָט ווערט ער ניט אַף א ווײַלע, דער שמייכל, די ליפּן ציִען זיך מיט אַן ערנסטער מינע צונויף, ווי אַף צו זאָגן: „אײַ־אײַ־אײַ״. און אָט צעציִען זיי זיך ווידער נאָך ברייטער, ווי פֿריִער. ער האָט האַסטיק אופֿגעמישט יעדער נײַ זײַטל, ווי וועלנדיק גיכער דערוויסן זיך, וואָס עס וועט זײַן ווײַטער.

מיר האָט פֿאַרשאַפֿן האַנאָע צוצוזען דעם פֿאַרגעניגן פֿון דעם דאָזיקן מענטשן. מיטאַמאָל האָט זיך מיר געוואָרפֿן אין די אויגן — צוערשט האָב איך עס ניט באַמערקט, — אַז לייענענ־דיק, פֿירט ער מיט די אויגן פֿון רעכטס אַף לינקס. בייס ער האָט איבערגעמישט א נײַ בלעטל, האָב איך זיך איבערצײַגט — ער לייענט א ייִדישן בוך. מיר האָט זיך, נאַטירלעך, גלײַך פֿאַרוואָלט וויסן — וואָס איז דאָס פֿאַר א בוך, וועמעס. א פֿרעג טאָן? נאָר ווי שלאָגט מען איבער א מענטשן דאָס לייענען? און ווי ווענדט מען עס זיך פּלוצעם אומבאַקענטערהייט? מאַלע וואָס א מענטש לייענט. איבעריקנס, האָב איך א טראַכט געטאָן, ביז דער צוג וועט קומען אַפֿן אָרט, וועל איך נאָך באַווײַזן ווי־ניט־איז צו דערוויסן זיך.

כ׳האָב זיך ווידער פֿאַרקוקט אין פֿענצטער. די גאַנצע צײַט האָב איך שוין אָבער גע־טראַכט: וואָס זשע פֿונדעסטוועגן פֿאַר א בוך לייענט עס אַזוי געשמאַק אָט דער טאָמילינער ייִד? וועמען פֿון מײַנע פֿען־כאַווײרים, ייִדישע שרײַבער, דאַרף איך דערוף מעקאַנע זײַן? עפּשער שמועל גאָרדאָנען? זייער מעגלעך. זײַנע דערציילונגען וועגן די ייִדישע שטעטלעך, ווי זיי זעען אויס נאָך דער מילכאָמע, קענען האָבן אַן אינטערעס פֿאַר אָט דעם ייִדן. געוויס שטאַמט ער פֿון א דעראַזשנע צי פֿון א מעדזשיבאָזש, ניט געווען שוין דאָרט די פֿײַנע עט־לעכע צענדליק יאָר, זינט ער איז אַוועקגעפֿאָרן פֿון דאָרט, און אים איז ציקאַווע צו וויסן, וויִאַזוי זעט אויס זײַן שטעטעלע הײַנט. און עפּשער איז עס אַן אַנדערער פֿון די ייִדישע שרײַבער, וואָס זייערע ביכער זײַנען דערשינען דאָ ניט לאַנג.

מיט יעדער נײַער סטאַנציע איז דער וואַגאָן געוואָרן פֿולער. ווו צו זעצן זיך איז שוין ניט געווען, און מע איז געשטאַנען ענג צונויפֿגעשפּאַרט אין דורכגאַנג. א הויכע, ניט זייער יונגע שוואַרצכיינעוודיקע פֿרוי האָט מען צוגעשפּאַרט צום סאַמע ראַנד פֿון דער באַנק, אַף וועלכער דער ייִד פֿון טאָמילינאָ האָט אַזוי געשמאַק געלייענט. זי האָט איבער זײַן קאָפּ אַראָפּגעלאָזט א גלײַכגילטיקן בליק אַף די בלעטלעך פֿונעם בוך, און מיטאַמאָל האָט אין אירע לענגלעך־שוואַרצע אויגן זיך אָנגעצונדן א באַזונדער מין אינטערעס. זי האָט אַפֿילע זיך צוגעבויגן, באַטראַכטנדיק דעם שריפֿט, וועלכער האָט איר, קענטיק, עפּעס דערמאָנט. שפּעטער האָט זיך באַפֿרײַט דאָס עקסטע אָרט אַף אונדזער באַנק לעבן דער פֿרוי פֿונעם ייִדן, די הויכע האָט דאָס אָרט פֿאַרנומען. זי האָט מיט אינטערעס א קוק געטאָן אַפֿן לייענער און זיך וועגן עפּעס פֿאַרטראַכט.

איך האָב געוואַרט, דער ייִד זאָל כאָטשבי אַף א ווײַלע איבעררײַסן דאָס לייענען, וואָלט איך באַ אים א פֿרעג געטאָן, וואָס האָט אים אַזוי פֿאַרכאַפּט. ער האָט אָבער געמישט א בלעטל נאָך א בלעטל, ווי מוירע האָבנדיק, מע זאָל אים ניט שטערן צו פֿאַרענדיקן. די פֿרוי זײַנע האָט פֿון מאָל צו מאָל געוואָרפֿן אַף אים א שמייכלענדיקן בליק. „זע, ווי ער האָט זיך עס צוגעכאַפּט א ביסל!״. ענדלעך האָט דער מאַן אירער פֿאַרענדיקט לייענען. מיט קענטיקן באַדויערן האָט ער פֿאַרמאַכט די גרינע פּאָליִעטילען־טאָוולען, זיי פֿון ביידע זײַטן א גלעט געטאָן און דערלאַנגט דער פֿרוי. „נאַ!״ — האָט ער איר א זאָג געטאָן מיט אַזאַ מינע, ווי ער זאָל איר איבערגעבן אַן אוצער.

אין פֿענצטער האָבן שוין אַרײַנגעקוקט די געבײַען פֿונעם קאַזאַנער וואָקזאַל. דער עולעם האָט זיך אופֿגעהויבן, גענומען רוקן זיך צום אַרויסגאַנג. אויך די אופֿגעוואַכטע שיינהײַט, וואָס איז אַנטקעגן מיר געשמאַק אָפּגעשלאָפֿן דעם גאַנצן וועג, האָט זיך אופֿגעהויבן און דורכגעגאַנגען פֿאָרויס. אַף אונדזערע צוויי בענק זײַנען מיר פֿאַרבליבן אײַנדרײַען — איך,

דער טאָמילינער ייִד און זײַן פרוי. מיר האָבן זיך ניט געײַלט. צו וואָס די שטופּעניש? מע וועט באַוויזן.

— זײַט מוחל, — האָב איך זיך אָנגערופן צום ייִדן, — זאָגט מיר, איך בעט אײַך, וואָס האָט איר מיט אַזאַ אינטערעס געלייענט?

זײַנע אויגן, גרויסע, בלאָוולעך־שוואַרצע, ווי פּאַרטיקע פלוימען, האָבן מיט כידעש זיך אָנגעשטעלט אַף מיר. פונוואַנעט האָב איך זיך פלוצעם גענומען? פּאַרטיפט אין לייענען, האָט ער מיך פריִער, ווײַזט אויס, אינגאַנצן ניט באַמערקט. און דאָ נאָך אָט די פראַגע אַף מאַמע־לאָשן. נאָר אין די אויגן באַ אים האָט באַלד זיך באַוויזן אַ פרײַנטלעכער שמייכל.

— שאָלעם־אַלייכעם! — האָט ער אַ זאָג געטאָן.

— אַלייכעם שאָלעם! — האָב איך געענטפערט און איבערגעכאַזערט מײַן פראַגע: — מיך אינטערעסירט צו וויסן, וואָס האָט איר דעם גאַנצן וועג אַזוי געשמאַק געלייענט.

איר האָט דען געזען?

— ווי זשע.

— זאָג איך דאָך אײַך — שאָלעם־אַלייכעם.

ערשט איצט איז צו מיר דערגאַנגען.

— האָט איר, הייסט עס, געלייענט שאָלעם־אַלייכעמען?

— נו, יאָ.

— וואָס?

— דעם „פאַרקישעפטן שנײַדער".

— און ווי?

— איר פרעגט נאָך! מע קאָן דאָך פּלאַצן פון געלעכטער...

ניט אומזיסט זײַנען די ליפּן באַ אים די גאַנצע צײַט געווען אַזוי נאַכעסדיק צעצויגן.

— איר האָט עס געלייענט צום ערשטן מאָל?

— צום ערשטן? שוין אוואָדע צום צוואַנציקסטן? נאָר וויפל מע לייענט אים ניט, ווילט זיך לייענען נאָך!

דעם ייִדנס פרוי — זי איז געשטאַנען פון פאַרנט, — האָט, דערהערט אונדזער שמועס, זיך אַ קער געגעבן און אַ פרעג געטאָן:

— זע נאָר, ווי־אַזוי האָט איר אָבער איינס דאָס אַנדערע דערקענט?

— שאָלעם־אַלייכעם האָט געהאָלפן, — האָט געענטפערט איר מאַן.

דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט. די שפּאַרעניש אין דורכגאַנג איז געוואָרן שטאַרקער. איבערוואַרטנדיק זי, האָבן מיר פאַרגעזעצט דעם שמועס.

— אין מאָסקווע איז דאָ ניט לאַנג געשטאָרבן אַן אַלטער ייִד, אונדזערער אַ פרײַנט, — האָט דערציילט מײַן נײַער באַקאַנטער, — זײַנען באַ אים פאַרבליבן אַ סאַך ייִדישע ביכער.

— הײַנטיקע אויך?

— וואָס הייסט — הײַנטיקע?

— כ'מיין פון הײַנטיקע ייִדישע שרײַבער?

— דאַכט זיך, עפּעס יאָ, — האָט געענטפערט מײַן מיטשפּרעכער, — נאָר איך האָב גענו־מען שאָלעם־אַלייכעמען.

און פון די הײַנטיקע האָט איר אויך עמעצן געלייענט?

— דעם עמעס זאָגן, ניט.

— פאַרוואָס?

— ס'האָט זיך ניט געמאַכט.

— און „סאָוועטיש היימלאַנד" לייענט איר?

די דאָזיקע פראַגע האָב איך פאַרגעבן מיט אַ באַזונדער מיין. ערשטנס, געוואָלט וויסן טאַקע, צי לייענט דער ייִד דעם זשורנאַל. צווייטנס, האָב איך באַשלאָסן: אויב ער לייענט, וועל איך אים אַ פרעג טאָן, וואָס עס איז אים דאָרט מער געפעלן? און טאָמער, ווי אַ זאַך מאַכט זיך, ער וועט אָנרופן עפּעס מײַנס אויך, וועל איך פאַר אים זיך פאָרשטעלן: „דאָס בין איך דער מעכאַבער, לאָמיר זײַן באַקאַנט!" דאָס אַלץ איז מיר אָבער ניט אויסגעקומען צו זאָגן, ווײַל אַף מײַן פראַגע האָט דער ייִד געענטפערט אויך מיט אַ פראַגע:

— „סאָוועטיש היימלאַנד"? וואָס איז עס?

— אַ זשורנאַל. אַ ייִדישער ליטעראַרישער זשורנאַל.

— האַ, עפּעס האָב איך געהערט...

— בלויז געהערט?

— ניין, כ'דערמאָן זיך, אַ פּאָר נומערן אַפילע אַמאָל געהאַלטן אין האַנט.

— נו?

— וואָס „נו״? צו שאָלעם־אַלייכעמען קומט עס ניט!

אין דורכגאַנג איז שוין געוואָרן פּרײַער, און מיר זײַנען אויך אַהין אַרויס — די פרוי פון פּאַרנט, איך און איר מאַן הינטער איר. זאָגן, אַז פון זײַנע רייד איז מיר געוואָרן לײַכט אַפן האַרצן, קאָן איך ניט. נאָר איבעריקנס, קיין פאַריבל האָב איך אַף אים ניט געהאַט. מיר איז באַקאַנט אַט די קאַטעגאָריע לייענער — די געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר זיי אַף שאָלעם־אַלייכעמען. אייגנטלעך, באַשטייט זי פאַר זיי בלויז טאַקע פון איין שאָלעם־אַלייכעמען. וואָס ביז, וואָס נאָך אים, ווייסן זיי ניט און ווילן ניט וויסן, עס גייט זיי פּאַשעט ניט אָן. א גאַנץ לעבן פאַרטאָן, פאַרהאָרעוועט יעדערער אַף זײַן אָרט — אין אַנשטאַלט, אַף דער אונטערנעמונג צי אין א וויסנשאַפטלעכער לאַבאָראַטאָריע, זײַנען די דאָזיקע מענטשן ווײַט פון ליטעראַטור ביכלאַל, און אויך פון דער ייִדישער, עס קלעקט זיי ניט דערויף ניט קיין צײַט, ניט קיין אינטערעס. און נאָר שאָלעם־אַלייכעם, וואָס מיט זײַן שאַפונג האָט ער, ווי א ריזיקער יאַם, אַריבערגעפּליצט אַלע ברעגן, האָט דערפּליסקעט מיט זײַן לעבעדיקער כוואַליע אויך צו זיי.

און נאָך אַלעמען, האָב איך געטראַכט, איז דער ייִד גערעכט אויך. „צו שאָלעם־אַלייכעמען, זאָגט ער, קומט עס ניט״. און צי קענען דען, מיר, די הײַנטיקע, באַהויפּטן, אַז מיט דעם, וואָס מיר האָבן לעסאָטע געשאַפן, האָבן מיר דערגרייכט שאָלעם־אַלייכעמס מאַדרייגע פון אַרײַנדרינגען אינעם פאָלקס־לעבן, פון אַרויסבערענגען אַט דאָס לעבן אין אַזעלכע ווערק, אַז דאָס פאָלק זאָל זיך אין זיי מיט אַלע פּישטשעווקעס דערקענען, אָפּכאַפּן זיי, ווי זײַנס, אייגנס, און צונויפגעוואַקסן ווערן מיט זיי אַף דאָר־דוירעס, ניט אָפּצורײַסן...

העכער א האַלבן יאָרהונדערט, האָב איך ווײַטער געטראַכט, איז שאָלעם־אַלייכעם ניטאָ. און ס'איז שוין שיר ניט אויסגעראָטן געוואָרן דאָס פאָלק, וואָס האָט געגעבן דער וועלט שאָלעם־אַלייכעמען. און דאָך זיצט אָט א ייִד אין עלעקטראָצוג און לייענט צום צוואַנציקסטן מאָל דעם „פאַרקישעפטן שנײַדער״... קישעף, עמעסער קישעף!..

עמעס, האָב איך געקלערט, גייענדיק צום אַרויסגאַנג, שאָלעם־אַלייכעם אַליין זאָגט: האָדל האָט געלעבט אין האָדלס צײַטן, ביילקע — אין ביילקעס. מיר לעבן אין אַן אַנדער צײַט. איז וואָס זשע? — האָב איך זיך אַליין איבערגעשלאָגן מיט אַן אַנדער געדאַנק. — דאַרפן מיר ווערן די שאָלעם־אַלייכעמס פון אונדזער צײַט, אויב מיר ווילן, מע זאָל אונדז לייענען אַזוי געשמאַק אונטערוועגנס און ניט זאָגן אַף אונדז: „צו שאָלעם־אַלייכעמען קומט עס ניט״. עס דאַרף קומען!

פון וואַגאָן זײַנען מיר אַרויס די לעצטע. דער גאַנצער פּעראָן איז געווען פאַרפּליצט מיט זון, מיט א בונטקאָליריקן, באַוועגלעכן געמיש פון מאַנצבלען, פרויען, קינדער, וואָס האָבן זיך אַרויסגעשאָטן פון אונדזער צוג און פון א צווייטן, אַן אַנטקעגנדיקן.

— פונוואַנעט איז א ייִד? — האָט, אָפּשטעלנדיק זיך אַף א ווײַלע, מיך א פרעג געטאָן מײַן נײַער באַקאַנטער.

— דעם זומער לעב איך אין מאַלאַכאָווקע.

— אין מאַלאַכאָווקע? — האָט ער זיך פאַרכידעשט. — איך קום אַהין אָפּט. פאַרוואָס האָב איך אײַך ניט געזען?

— איך וווין דאָרט ניט לאַנג, — האָב איך געזאָגט און פון מײַן זײַט א פרעג געטאָן: — איר האָט געוויס איניאָנים אין מאָסקווע?

— וואָס פאַר איניאָנים, — האָט ער געענטפערט, — אַז מע איז שוין אַף פּענסיע. מיר האָבן דאָ א טאָכטער, זאָל לעבן, א פײַנעם איידעם און צוויי ווילע אייניקלעך. דאָס פאָרן מיר צו זיי צוגאַסט.

מיר האָבן זיך געזעגנט, און דאָס טאָמילינער פּאָרפאָלק איז באַלד פאַרשוווּנדן אינעם בונטקאָליריקן מענטשן־שטראָם, וואָס האָט האַסטיק געפּליײַצט צום קאַזאַנער וואָקזאַל, צום אַרײַנגאַנג אין דער מעטראָ.

לעמײַ זאָל איך זאָגן, כ'בין מעקאַנע געווען שאָלעם־אַלייכעמען...

כאַים מעלאַמוד

מײַן גאָלדענער כאָלעם

דאָס הילצערנע איינשטאָקיקע הויז, מיט גרין־געפארבטע ווענט און מיט רויט־געפארבטע לאָדן, האָט געלעבט אף דער וועלט דעם לעצטן פרילינג. ס׳האָט געלעבט, דארף מען זאָגן, ניט שלעכט, אָן סימאָנים פון זקיינישער כולעשדיקײַט. די איַנווייניקסטע ווענט זײַנען געווען גוט אויסגעווײַסט, די דילן פריש אָפּגעפארבט, און דאָס וואסער האָט זיך געגאָסן פונעם צאפּן מיט א פעסטן שטראָם, נאָר סײַווי... די צײַט האָט שוין אָפּגעטאָן אירס, און קיין שום זאך האָט ניט געקאָנט ענדערן דעם גוירל פונעם נאָך פעסטן הויז. די פרי׳ערדיקע אײַנוווינער, די עמעסדיקע טוישווים, וואָס האָבן דאָ אָפּגעלעבט ווער ווייסט וויפל צײַט, האָבן נאָך מיט א יאָר צוריק זיך אריבערגעקליבן אין א נײַעם פילשטאָקיקן מויער דערנעבן, און איצט האָט דאָ צײַטווײַליק געווינט מײַן זון, א מיטגליד פון א בוי־קאָאָפּעראטיוו פון נאָך א נײַערן מויער. די בויונג איז געגאנגען טאקע בישכיינעס, און מיר האָבן דורך די פענצטער צוגעקוקט, ווי פון טאָג צו טאָג וואקסן די ווענט פון א נײַעם שטאָק.

אונטער איינעם א פענצטער פון דער אלטער שטוב איז געוואקסן אַן עפּלבוים. ניט פון יענע געווײנלעכע עפּלביימער מיט די נידעריקע שטאמען און ברייט־צעשפּרייטע צווײַגן, נאָר פון גאָר אַן אנדער מין. געווען איז דער בוים הויך און שטאלטנע, די צווײַגן ווי אָפּגעטאָקט, און דער שפּיץ פונעם בוים האָט אויסגעזען ווי אַן עמעסדיקע קרוין, פול מיט גאָלדענע כרעמזעלעך. אף אזא בוים וואקסן קליינינקע עפּלעך מיט רויטע בעקלעך, וואָס פארמאָגן אין זיך א זיסלעכע טערפּקײַט און, איך ווייס ניט פארוואָס, מע רופט זיי — גאנײדן־עפּלעך. איך ווייס נאָר, אז אמאָל זײַנען דאָס געווען די סאמע וואָלוולסטע עפּל, און מײַן מאמע, געדענק איך, האָט מערסטנס געבראכט פונעם מארק גראָד זיי, די קליינינקע, רויטלעכע און זיסלעך־טערפּקע גאנײדן־עפּלעך, דאן, ווען איך האָב מיט איין ביס צעקײַט א גאנצן עפּל, האָט זיך מיר געדוכט, אז אין זײַן טאם איז טאקע פאראן עפּעס גאנײדנדיקס. איצט פארשטיי איך, אז די זאך איז ניט אין די עפּלעך, נאָר אין דעם בוים אליין, אין זײַן הייך, אין זײַן שטאלטנעקײַט, אין דער געטאָקטקײַט פון זײַנע צווײַגן און אין זײַן קרוין, אף וועלכער מע וואָלט געדארפט אוועקשטעלן און אָנצינדן א ליכטל.

אין איינעם א באגינען... צי דער פרילינג איז געווען אזא אימפּעטפולער, מיט יענעם מעכטיקן דראנג, וואָס גייט סײַ פונויבן, פון די בלענדנדיקע שטראלן, סײַ פון די פארבאָרגענע טיפענישן פון דער אופגעוואכטער ערד, צי עפּשער איז אין יענער נאכט געשען אזוינס, וואָס באצויבערט אונדז שטענדיק מיט עפּעס א מין אומבאגרײַפלעכקײַט; אזוי צי אזוי, נאָר פאר איין נאכט איז דער בוים געוואָרן אינגאנצן ווײַס, באדעקט פון אונטן ביז ארוף מיט טויזנטער קווייטעלעך, וועלכע האָבן געבלענדט מיט זייער אייגענער ווײַסקײַט און מיט די שטראלן, וואָס האָבן ארומגעטאנצט ארום יעדער קווייטעלע, ווי לעבעדיקע ברי׳עס: ווי פארשיקערטע פלאַטערלעך, ווי אויסגעהונגערטע בינען. און טאקע די בינען אליין אויך... ווי׳אזוי האָבן זיי זיך דערוווּסט וועגן אָט דעם נעס, וואָס זיי זײַנען אזוי פרי אָנגעפלויגן?

מיר זײַנען געשטאנען ארום דעם בוים פארגאפטע, פארקישעפטע... ס׳האָט בא אלעמען פארכאפּט דער אָטעם פון אָט דער דופטיקײַט, וואָס האָט פארפולט דעם ארום, פון אָט דער ווײַסער, שעמערינדיקער יאָמטעוודיקײַט, וואָס האָט מיטאמאָל, ווי געענדערט, איבערגעשטאלטיקט דאָס פּיצעלע שטיקעלע ערד אונטערן פענצטער, אָנגעפילט עס מיט עפּעס מײַסעדיקס, פון וועלכן בא יעדערן, צי ער איז שוין אלט, צי נאָך גאָר א קינד, הייבן אָן גלאנצן די אויגן און עס גיט א טיאָכקע דאָס הארץ. עפּשער איז דאָס געקומען דערפון, וואָס בא יעדערן איז

דערבײַ דורכגעלאָפֿן א געדאנק, אז דאָס זעט ער צום לעצטן מאָל אָט די בליִונג, און דעם בוים אליין אויך... און מעגלעך, אז דורך עפּעס אן אומ־באגרײַפֿלעכן פֿאַרגעפּיל, וואָס א געוויקס קאָן פֿארמאָגן, האָט דער בוים זיך אזוי געײַלט זיך צעבליִען און ער סטארעט זיך מיט אלע קויכעס, אז קיין איין קנאָספּעלע זאָל ניט בלײַבן ניט צעעפֿנט. מעגלעך, אז פֿון אָט דעם ניט קלאָרן געדאנק האָב איך דערפֿילט, ווי מיך האָט דורכ־גענומען א שנײַדנדיקע קעלט, און דער בוים האָט א שײַן געטאָן פֿאר מיר מיט גאָר אן אנ־דער ווײַסקײַט. גלײַך א שנייעלע וואָלט אים באדעקט, אָדער א ווײַס פּרעסטעלע האָט ארומ־געזוימט זײַנע צווײַגן...

האָט שוין דאָס ווײַטערדיקע אויך געדאַרפֿט אויסזען, ווי א פֿאָרזעצונג פֿון א מײַסעלע... דאָס מיידעלע אין ווײַסן... זי איז צוגעקומען צום בוים און געבליבן שטיין נעבן אים, ווי פֿארגליווערט, ווי אומיסטן צוליב דעם, מיר זאָלן זי קאָנען באקוקן, דאָס ווײַסע קליידעלע מיט די קורצע ארבעלעך, די ווײַסע שיכעלעך אָף די באָרוועסע פֿיס, די בלאָנדע צעפּעלעך מיט בלויע סטענגעלעך, און די אויגן... דעם קאָ־ליר פֿון די אויגן איז שווער געווען באשטימען, ווײַל די שטראלן, וואָס האָבן געשפּילט אין זיי, האָבן איבערגעמישט דאָס ערדישע מיטן הימלשן. דערצו האָט פֿון זיי ארויסגעגלאנצט אזוינס, וואָס האָט פֿאָשעט פֿארבלענדט. ווי דער בוים מיט זײַן שעמערירנדיקן צוויט.

זי איז געבליבן שטיין נעבן בוים, ווי אײַנ־געטוקט דאָס פּאָנעם אין זײַן צוויט, ווי צוגע־וואקסן צו אים, און ס'האָט זיך געדוכט, אז זיי עטעמען ביידע מיט איין אָטעם און פֿלאטערן מיט איין פֿלאטער — דאָס מיידעלע און דער בוים. און אז ביידע איינינעם פֿארפֿילן זיי דעם ארום מיט פֿארשיקערנדיקער דופּטיקײַט און מיט אומפֿארשטענדלעכן אומעט.

דאָס מיידעלע האָט א שפּאָן געטאָן אָף צוריק, ווי אָפּגעטיילט זיך פֿונעם בוים, און ארויסגע־רעדט אויך מיט יענער רעגעוודיקער פֿלאטער־ניש:

— איר ווינט אין דער שטוב?

— יאָ, — האָט געענטפֿערט מײַן זון. — צײַט־ווײַליק.

— און אינגיכן וועט מען די שטוב צעוואַל־גערן?

— געוויס. זעסט דאָך... — און דער זון האָט א ווײַז געטאָן מיט דער האנט אָפֿן נײַעם מויער און אָפֿן הויב־קראַן, וואָס איז געהאנגען איבער אים.

— איך ווייס, איך ווייס, — האָט דאָס מיידע־לע ארויסגעזיפֿצט. — מיר ווינען אויך דאָ ניט ווײַט. אָט, אין יענעם נײַעם מויער, נאָר אין דער שטוב בין איך געבוירן געוואָרן און אויס־געוואקסן...

— אזוי גאָר? — האָט דער זון זיך פֿארכי־דעשט, כאָטש כידעשן זיך איז ניט געווען פֿון וואָס.

— האָב איך צו אײַך א ביטע. ווען מע וועט וואלגערן די שטוב, איר וועט דאָך געוויס זײַן

דערבײַ, זעט, עס זאָל דעם בוים ניט פֿארשאטן, זאָל ער וואקסן...

עפּעס איז געשען מיטן מיידעלע אין דער מינוט אזוינס, וואָס האָט זי געמאכט אָף א פּאָר יאָר עלטער, מעגלעך, אז איבער דער שטים, וועלכע האָט א קלונג געטאָן מיט פֿיל בעטנ־דיקס און מיט נאָך מערער כליפּענדיקס, און עפּשער איבער די אויגן. דאָס הימלשע איז פֿארשוווּנדן, און פֿון זייער ריינעם גלאנץ האָבן שעמעוודיק ארויסגעקוקט... געוויינלעכע טרערן. דאָס, אפּאָנעם, האָט גוירעם געווען דערצו, אז מײַן זון האָט אָנגעהויבן זי צו „אירצן".

— בא אײַך... בא אײַך איז עפּעס פֿארבונדן מיט אָט דעם בוים?

דאָס מיידעלע האָט זיך פֿארויטלט, און דאָס האָט גלײַך איבערגערוקט איר עלטער אָף א פּאָר יאָר צוריק.

— אזוי זיך... א גאָלדענער כאָלעם...

ארויסגערעדט און געלאָזט זיך גיין. אוועק אין אײַלעניש, ווי מוירע געהאט, מע זאָל ניט באמערקן די אראָפּגערונענע טרערן און ניט איבערלייענען אָף איר פּאָנעם עפּעס אזוינס... וואָס געווען און וואָס ניט געווען...

אין דער וואָך, וואָס מיר זײַנען געווען אין סאראטאָוו, אין דער וואָך, וואָס דער בוים איז געשטאנען, א פֿארפּוצטער אין זײַן בליִ, איז דאָס מיידעלע מערער ניט צוגעקומען. מעגלעך, אז זי איז געשטאנען נעבן דעם בוים ניט איין מאָל, אָבער דאן, ווען קיינער איז ניט געווען דערבײַ, און איר גאָלדענער כאָלעם איז פֿאר־בליבן פֿאר מיר א סאָד. צי האָט מען דעם בוים פֿארפּלאנצט, ווען זי איז געבוירן געוואָרן און ער איז געוואקסן, האָט געבליט איינינעם מיט איר, צי עפּשער האָט זי דאָ, אונטערן בוים, פֿארבראכט אירע שענסטע אָוונטן, געהערט צום ערשטן מאָל ווערטער וועגן ליבע... סײַווי, ווען איך זאָל זי געווען זען נאָכאמאָל, וואָלט איך ניט געוואגט זי פֿרעגן וועגן דעם. איז פֿארבליבן דאָס איינציקע:

— א גאָלדענער כאָלעם...

דער פֿרילינג איז געווען א וווּנדערבארער. מיט א יונגער און מילדער, ניט הייסער זון, מיט ניט קיין שטארקע און ניט קיין דויערנדי־קע רעגנדלעך, מיט א סאך צוויט און מיט א סאך גראָז, האָט זיך מיט פֿארגעניגן שפּאצירט איבער דער שטאָט, איבער אירע לאנגע גאסן, ברייטע פּראָספּעקטן און גרינע סקווערן, אין וועלכע דער פֿרילינג האָט געפּראוועט זײַנע ראשיקע סימכעס.

אָף יעדער גאס, דאָ און דאָרט, צווישן אָנ־וואלגער פֿון ציגלברוך און גערויש פֿון בולדאָ־זערן, צווישן שפּאָגל־נײַע פֿילשטאָקיקע מויערן, נאָרוואָס פֿון דער נאָדל ארויס, מויערן, וואָס שמעקן נאָך מיט פֿרישן קאלך און מיט פֿרישע פֿארבן, זײַנען געשטאנען הײַזער־זקיינים — איינשטאָקיקע, צוויישטאָקיקע און אפֿילו דרײַ־שטאָקיקע. און ניט אזוי דער עלטער זייערער, ווי זייער פֿולע אויסגעהוילטקײַט, אָן טירן און אָן פֿענצטער, אָן א לעבעדיקן נעפֿעש. זיי זײַנען נאָך געשטאנען אָף זייערע ערטער, ס'האָט גע־

קאָנט הייסן, אז זיי פארנעמען נאָך פּלאץ צווישן די לעבעדיקע, נאָר זיי זייַנען שוין געווען איבעריק. די פארטונקלטע, פינצטערע פּוסטקייַט, וואָס האָט ארויסגעקוקט דורך די בלינדע טירן און פענצטער, האָט געעטעמט מיט עפּעס בעסוילעמדיקס, פארשטייט זיך, אז נאָר א מענטשן מיט אן אומנאָרמאלן קויעד־האדימיען קאָנען קומען אפן געדאנק אזעלכע מאָדנע פארגלייַכונגען. אינדערעמעסן איז די זאַך גאָר אנדערש, א סאַך פּראָסטער און פיל פריילעכער. דער אלטער, הילצערנער סאראַטאָוו ווערט ביסלעכווייַז פארשווונדן, און עס וואקסט אויס א יונגע שטאָט מיט ברייטע גאסן, פול מיט זון און מיט גרינס. און אין די סקווערן, וואָס ציִען זיך אַף ווערסטן, וואקסן ביימער מיקאָל האמינים, וואָס עס לינדערט די שטארקע היצן, די דושנעקייַט, שוואכט א ביסל אָפּ יענע טרוקענע ווינטן, די סוכאָוויען, וועלכע גיבן אמאָל א בלאָז פון יענער זייַט וואָלגע.

אלץ איז ריכטיק, און דער איקער באשטייט טאקע אין דעם, נאָר אלע מאָל, ווען איך האָב געזען אזא אויסגעהוילטע, שוין ניט לעבעדיקע שטוב, איז מיר געקומען פאר די אויגן דער צעצוויטעטער עפּלבוים און דאָס מיידעלע אין ווייַסן און איר פארשעמט, פארויטלט פּאָנים, ווען זי האָט ארויסגערעדט:

— עט... א גאָלדענער כאָלעם...

ווען מיר זייַנען געקומען צוגאסט דעם צווייטן פרילינג, האָט מייַן זון שוין געווינט אינעם נייַעם נייַנשטאָקיקן מויער, און די הילצערנע שטוב מיט די גרינע ווענט און רויטע לאָדן איז שוין ניט געווען. דער עפּלבוים אויך ניט. ער איז געוואקסן צו נאָענט צו דער שטוב, זייַנע צווייַגן האָבן מאמעש געטוליעט זיך צו דער וואנט, און דער בולדאָזער האָט אים ניט געקאָנט אויסמייַדן. האָט ער געמוזט אוועק פון דער וועלט אינייינעם מיט דער שטוב. פון דעם אלעמען איז געבליבן א הויכע קופּע מיסט, א געמיש פון ערד און איבערגעפוילט הילצווארג, פון איבערגעברענטע ציגל און פארזשאווערטע שטיקלעך אייַזן.

איך האָב קיינעם קיין קאשעס ניט געפרעגט, סייַווי וואָלט זיי קיינער ניט פארענטפערט, אלץ איז געווען קלאָר, נאָר אין איינעם א גאנצפרי... איך בין געשטאנען מיטן זון אפן באלקאָן, באקוקט דעם פארענדערטן ארום, און יעדערער פון אונדז האָט געוויס געטראכט וועגן זייַנע איניאָנים. נעכטן האָט דער זון געמאכט זייער א שווערע נייראָכירורגישע אָפּעראציע, און מיט אלע זייַנע געדאנקען, מיטן גאנצן וועזן איז ער געווען אין דער קליניק, באם כוילע. פלוצלינג האָט ער זיך אָנגערופן:

— ווען מע וועט אָפּרייניקן דעם הויף פונעם מיסט, וועלן מיר פארפלאנצן א סקווער, מיר האָבן שוין אלץ אויספלאנירט.

אָנגעשטויסן זיך וועגן וואָס איך טראכט, וועגן וואָס איך האָב געקאָנט דערמאָנען זיך, האָט ער צוגעגעבן:

— און מיר וועלן פארזעצן א פּאָר עפּלביימער אויך. טאקע פון יענעם מין, פון די גאניידן־עפּעלעך...

איך האָב פארשטאנען זייַנע גוטע קאוואָנעס און דערבייַ א טראכט געטאָן, אז דאָס איז אן איבעריקע זאַך. דאָס מיידעלע האָט מיסטאמע שוין באוויינט דעם בוים, איר גאָלדענעם כאָלעם, און וויפל נייַע ביימער מע זאָל ניט פארפלאנצן, וועלן זיי זייַן פאר איר גאָר אנדערע. נאָר אויב מענטשן פארזעצן ביימער אין אָנדענק פון אן אנדערן, אומגעקומענעם בוים, איז פאראן אין דעם עכט מענטשלעכס. דאָס איז דאָך אליין דער מענטשלעכער זיקאָרן, דאָס, וואָס האָט געמאכט דעם מענטשן פאר מענטשן.

אין א פּאָר טעג ארום האָט אונדז אלעמען אויפגעוועקט א גרילצעניש מיט א טראסקעניש אַף פארטויבט צו ווערן. צום בארג מיסט זייַנען צוגעפאָרן א פּאָר מאשינעס. גרויסע מעכאנישע לאָפּעטעס האָבן אָנגענומען פולע הויפנס מיט אלץ, וואָס האָט זיך געמאכט, און געשלייַדערט עס אין די קוזאָווס. כעוורעניקעס זייַנען זיך צונויפגעלאָפן אהער פון אלע הייַזער און מיט דער דורשטיקייַט און נייַגעריקייַט פון עמעסדיקע ארכעאָלאָגן אונטערגעקליבן דאָס, וואָס איז ארויסבאקומען געוואָרן פון די טיפע איינגעווייִדן פון דער קופּע מיסט — פארשיידענע קעסטעלעך און פּושקעלעך, קעמעלעך און שפּיגעלעך, ליימענע שיסל און הילצערנע לעפל, אָפּצווענגלעך, העמערלעך און אנדער געצייַג, לויט וועלכן מע וואָלט געקאָנט שאפן א באשטימט בילד וועגן לעבן, קולטור און מינהאָגים פון די פארשיידענע דוירעס, וואָס האָבן געווינט אין דער ניט לאנג צעוואלגערטער שטוב.

מייַן אייניקל דימע, א צעניאָריק יינגעלע מיט א קייַלעכיק בלייך פּענעמל און מיט צוויי גרויסע ליכטיקע אויגן, איז אויך געווען צווישן די אויצער־זוכער. אלע מאָל האָט ער ארופגעבראכט אן אנדער פארזשאווערט קעסטעלע און געסטארעט זיך איבעראשן אונדז מיט זייַנע געפינסן. אָפּגעהאָרעוועט א גוטע פּאָר שאָ, פון קאָפּ ביז די פיס אין שטויב, איז ער ווידער ארייַן אין שטוב ביז גאָר א פארסאָפּעטער, די אויגן האָבן געגלאנצט פון זיכערקייַט, אז דאָס מאָל האָט ער געפונען טאקע עפּעס רעכטס.

— זיידע, טו אומיסטן א קוק!

דאָס איז טאקע געווען גאָר עפּעס אנדערס. כאָטש... וואָס? טאָוולען פון פארשיידענע נומערן פונעם רוסישן זשורנאל „ניווא” פארן טויזנט נייַן הונדערט זיבעטן יאָר, און דאָך... טויזנט נייַן הונדערט זיבן! דאָס יאָר, ווען איך בין ערשט געבוירן געוואָרן!

די טאָוולען זייַנען געווען פון דינעם פּאפּיר, אייניקע ליכטיק־גרינע, אנדערע ליכטיק־געלע, און אלע היפּש ארומגעפליקטע, איבערגעטריקנטע. זיי האָבן געטרישטשעט צווישן די פינגער, ווי געוואָרנט — פאָרזיכטיקער!

מייַנע הענט האָבן געציטערט, און די אויגן האָבן ארומגעיאָגט צווישן די קלייניקע אויסיעלעך פון קאָלערליי מעלדונגען, רעקלאמעס, מאָדנע געמעלן. און כאָטש דאָס זייַנען ניט גע־

ווען פון יענע פארמעטן פון טויזנטיאָריקן עלטער, נאָר דאָך א וועלט, וואָס האָט שוין לאנג אָפּגעלעבט, איז לאנג פארשוווּנדן, נאָך מיט זיבעציק יאָר צוריק... ווי האָט זי געלעבט, יענע וועלט, וואָס האָט זי געלייענט, מיט וואָס זיך אינטערעסירט?

„קויפט טאבלעטקעס „פּעני"— דאָס בעסטע מיטל קעגן בלוט־אָרעמקייט!"

„די בעסטע זייגערס אין דער וועלט מאכט די פירמע „יאָנער"!

„איך פארקויף הינט פון גרעסטן ייִכעס פאר צוגעגנגלעכע פרייַזן!"

„לעקציעס, וויאַזוי צו פארדינען דרייַ הונדערט רובל א כוידעש!"

„די בעסטע מיטלען קעגן מערידן, אסטמע און רעוומאטיזם!"

„קרעם „מעטאמאָרפאָזא" — דער בעסטער קרעם אין דער וועלט!"

טאבלעטקעס, קרעמען, ייִכעסדיקע הינט, מיטלען קעגן מערידן און לעקציעס, וויאַזוי גיך רייַך ווערן... יענע אלטע און ווייַטע וועלט! נאָר אָט... גאָר אנדערע מעלדונגען, וועגן אומזיסטע צוגאָבן צום זשורנאל.

אלע ווערק פונעם גראף אלעקסיי טאָלסטאָי.

פולע זאמלונג פון די ווערק פון א. נ. לעסקאָוו.

סטאניוקאָוויטשעס צוויי און פופציק ביכער.

א צוגעגנגלעכע אויסגאבע פון אלע ווערק פון נ. וו. גאָגאָל.

יאָ, צוליב דעם וואָלט איך אליין זיך א גריבל געטאָן אין די געדערים פון דער צעוואלגערטער שטוב.

די הענט ציטערן, און די אויגן יאָגן ארום. אייניקע אויסיעס זייַנען א ביסל אָפּגעריבן, אנדערע מיט עפּעס פארשמירט, נאָר מע קאָן איבערלייענען.

אינהאלט פונעם זשורנאל „ניווא" נומער צוויי פארן טויזנט נייַן הונדערט זיבעטן יאָר. צווישן א ריי דערציילונגען און לידער פון באוווּסטע און אומבאוווּסטע אווטאָרס — אַזוינס:

„גאָלדענע כאלוימעס". דערציילונג פון ל. אווילאָווא.

גאָלדענע כאלוימעס, גאָלדענע כאלוימעס... גיי ווייס, אז פון אָט דעם ארומגעפּליקטן בייגעלע פּאפּיר וועט מיטאמאָל א שמעק טאָן, ווי פון יענעם צעצוויטעטן עפּלבוים, און איך וועל אַזוי באשייַמפּערלעך דערזען יענץ מיידעלע אין ווייַסן. און איך וועל אַזוי קלאָר דערהערן איר שטים:

— עט... א גאָלדענער כאָלעם.

אין וואָס איז באשטאנען דער גאָלדענער כאָלעם פון יענעם מיידעלע? אין וואָס איז באשטאנען דער גאָלדענער כאָלעם פון דער אומבאוווּסטער שרייַבערן ל. אווילאָווא, וועלכע האָט איר דערציילונג געשריבן אין די שטורמישע יאָרן פון דער ערשטער רוסישער רעוואָליוציע? באמערקט, ווי איך האָב זיך אייַנגעקלאמערט מיט די אויגן אין די האלבצעפּליקטע בייגעלעך, האָט דאָס אייניקל געפרעגט.

— וואָס האָסטו דאָרט אַזוינס דערזען?

— כאלוימעס, גאָלדענע כאלוימעס...

— וועלכע כאלוימעס? — האָט דימע ניט פארשטאנען.

— אָט, לייען איבער. און לויף נאָכאמאָל ארויס, טו א זוך, עפּשער וועסטו געפינען א פּאָר אינוויייניקסטע זייַטלעך.

דימע איז אוועק, נאָר אינגיכן זיך אומגעקערט.

— ניטאָ, זיידע. ס'איז געווען א ביסל אויף דער מאשין, נאָר ביז איך בין צוגעלאָפן, איז זי שוין אָפּגעפאָרן.

ער האָט זיך ווי געפילט שולדיק, וואָס דער גאָלדענער כאָלעם איז אַזוי אוועקגעפלויגן. אין אים האָט געברויזט דער פארדראָס פון א דערוואקסענעם, וועלכער איז געשטאנען אויפן ראנד פון א וויכטיקער אנטדעקונג און מיט די אייגענע הענט דאָס ארויסגעלאָזט.

— און אָן יענע זייַטלעך, — האָט ער ווי געבעטן זיך, — אָן יענע זייַטלעך איז אומעגלעך?

— פארוואָס אומעגלעך? זיי זייַנען דאָך ערגעץ דאָ, יענע זייַטלעך. און אויב דו וועסט שטארק וועלן... כאָטש יעדערער האָט זיך זייַן אייגענעם גאָלדענעם כאָלעם. און ווער ווייסט...

אָט אַזוי אומגעריכט איז אויפגעקומען מייַן אייגענער גאָלדענער כאָלעם. א כאָלעם, וואָס האָט א גאנץ באשטימטן נאָמען. ער הייסט — „סאָוועטיש היימלאנד".

אונדזער בעניאָכידל איז ניט לאנג געוואָרן באר־מיצווע, און איצט איז ער שוין גאָר א דערוואקסענער. פופצן יאָר. פופצן יאָר „סאָוועטיש היימלאנד"!

אוואדע וואָלט איצט געדארפט קומען אַזא ליטעראטור־טעאָרעטיקער, וואָס זאָל געהעריק אָפּשאצן דעם באדייַט פונעם זשורנאל, זייַן ליטעראריש, היסטאָרישע און קולטור־ווערט, זייַן אוניווערסאלקייַט און ענציקלאָפּעדישקייַט, אלץ, מיט וואָס דער זשורנאל האָט געפונען א וועג צום ברייטן לייענער, געעפנט פאר זיך די טירן פון טויזנטער הייַזער בא אונדז אין לאנד און דורכגעשלאָגן פאר זיך א וועג צו פיל לענדער אין אלע קאָנטינענטן. עס וואָלט הייַנט געקאָנט געזאָגט ווערן וועגן דעם הויכן קינסטלערישן און אידייִשן ניוואָ פון די ווערק פון די לעבעדיקע שרייַבער — די שעפער פונעם זשורנאל, און וועגן די דרייסטע פּרוּוון פון דער רעדאקציע דערנעענטערן דעם לייענער צו די אורקוואלן, צו די שיישעס־יעמיי־בערייִשיס פון דער ייִדישער ליטעראטור און קולטור — אויף העברעיִש און אראמעיִש, אויף אראביש און שפּאניש, אויף ייִדיש און רוסיש.

אָבער דאָס איקערדיקע זייַנען טאקע מיר אליין. אונדזער אייגענער באזונדערער הייַנט און אונדזערע אייגענע ווערק — די פּראָזע און פּאָעזיע, קריטיק און פּובליציסטיק — א הייַנט, וואָס איז ניט איין טאָג און ניט איין יאָר, א הייַנט, וואָס כאפּט ארום דעם גאנצן פּעריאָד פון אונדזער נייַעם זייַן, פון אונדזער נייַעם גוירל, דעם פּעריאָד פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור, דעם מעכטיקן בוים, דעם פּרעכטיקן סאָד, וועלכע ס'האָבן פארפלאנצט

אַשער שוואַרצמאַן און דאַוויד האָפּשטיין, איציק פעפער און דאַוויד בערגעלסאָן, פּערעץ מאַרקיש און איזי כאַריק, שמואל האַלקין און אַרן קושניראָוו, מוישע קולבאַק און דער ניסטער און פיל אַנדערע אומפאַרגעסלעכע נעמען, אַף וועמענס ווערק עס זײַנען דערצויגן געוואָרן די נײַע דורות לייענער און נײַע דורות שרײַבער, און וועמען ס׳איז אַלע מאָל אָפּגעגעבן דער סאַמע אויבנאָן אַף די זײַטלעך פון „סאָוועטיש היימלאַנד״, און אויב אַ קוק טאָן אַ ביסעלע ברייטער, דאַרפן מיר אַרײַנעמען אַהער אויך אונדזערע קלאַסיקער — מענדעלען, פּערעצן, שאָלעם־אַלייכעמען, וועלכע זײַנען אַפּסנײַ אַנטפּלעקט געוואָרן פאַרן לייענער און אַפּסנײַ אָפּגעשאַצט געוואָרן אין די פּילצאָליקע קריטישע ווערק אַף די זײַטלעך פון אונדזער זשורנאַל.

און ווידער טאַקע... דער איצטיקער דאָר סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער מיט זייערע ווערק, וואָס האָבן דערזען די שײַן צוערשט אַף די זײַטלעך פונעם זשורנאַל און דערנאָך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ביכער. צענדליקער ביכער אַף ייִדיש און רוסיש, פאַרשפּרייט איבערן לאַנד אין פיל טויזנטער עקזעמפּליאַרן, ווערק, אין וועלכע ס׳איז אָפּגעשפּיגלט אונדזער ברויזנדיקע צײַט און וועלכע טראָגן אין זיך אונדזערע טרוימען, אונדזער דראַנג און אונדזער קאַמף, ווערק, וואָס רעגן דעם לייענער הײַנט און האָבן וואָס צו זאָגן אויך דעם קומענדיקן לייענער, אונדזערע קינדער, אייניקלעך און אוראייניקלעך. זיי זײַנען געווענדעט אויך צו די לייענער, וואָס וועלן קומען אין פופציק יאָר אַרום, אין הונדערט יאָר אַרום. יעדעס עכט ליטעראַריש ווערק, אומאָפּהענגיק, אַף וועלכער שפּראַך עס איז געשריבן, טראָגט דאָך אין זיך דעם אָטעם, דעם רייעך פון דער צײַט און בלײַבט אין זיקאָרן פון די מענטשן.

מײַן גאָלדענער כאָלעם!

עס טרוימט זיך פאַרשיידן... אָט האָט דאָס אייניקל פון מײַן אייניקל געזוכט עפּעס אָפּן בוידעם, צי אין קעלער, און אָנגעטראָפן אַף אַ פּעקל זשורנאַלן. געכאַפּט איין נומער, אַ צווייטן און אַרײַנגעלאָפן מיט זיי אין שטוב אַרײַן.

— זיידע, טו אומיסטן אַ קוק. זשורנאַלן! פאַרן טויזנט נײַן הונדערט זעקס־און־זיבעציקסטן. און זע נאָר, אונדזער פאַמיליע דאָרטן!

עס טרוימט זיך... אין פיל יאָרן אַרום, אין קומענדיקן יאָרהונדערט וועט אַ יונגער, צי ניט יונגער לייענער, אַרויסבאַקומען עטלעכע נומערן „סאָוועטיש היימלאַנד״ און אָנהייבן בלעטערן אַ זײַטל נאָך אַ זײַטל. און ער וועט אָנהייבן לייענען... עפּעס אַ דערציילונג, עפּעס אַ ליד, עפּעס אַן אַרטיקל... און ער וועט דערפילן דעם הייסן אָטעם פון אונדזער גרויסער און אומרויִקער צײַט, פון אונדזערע שטרײַטן און געראַנגלען, פון אונדזערע פריידן און ליידן, פון אונדזערע הייסע טרוימען, פון אונדזערע אופטוען. און... פון אונדזערע גאָלדענע כאָלוימעס...

— — — — — — — — — — — — —

ווידער יענער צעבליטער עפּלבוים און נעבן אים דאָס מיידעלע אין ווײַסן. זי שטייט באַם בוים, ווי אײַנגעטוקט אין זײַן צוויט, ווי צוגעוואַקסן צו אים, און פון אירע ליכטיקע אויגן רינט שעמעוודיק אַראָפּ אַ פּאַשעטע טרער. מיסטאַמע האָט זי געפילט, אַז דאָס זעען זיי זיך צום לעצטן מאָל.

אונדזער בוים איז פון אַן אַנדער מין. און אונדזער גאָלדענער כאָלעם — אויך אַן אַנדערער.

ביכער־גראַפיק

צו אַוורהם גאָנטאַרס לידער־זאַמלונג „טויבן אַפן דאַך״. קינסטלער יע. קאַגאַן

הירש בלאָשטיין

הײַנטצײַטיקייט און אַקטועלקייט

אנומלטן האָט אײנער א לייענער, א קוואַליפיצירטער לייענער, א מענטש א געזעצטער און באַיאָרטער, מיך געפרעגט, צי איז „טעוויע דער מילכיקער" הײַנטצײַטיק און צי זײַנען הײַנטצײַטיק „קריג און פרידן", „האמלעט", „דאָן קיכאָט" און אנדערע „עלטערע ווערק"? און וואָס טראַכט איך וועגן „יעווגעני אָניעגין", „פּאָלטאווע", „ווײַנשל־סאָד" און „פּעטער וואַניע"? מע דארף שוין דאָס אלץ אראָפּנעמען פון די פּאָליצעס?

מײַן פרײַנט איז א ביסעלע ארויסגעשלאָגן געוואָרן פון זײַן נאָרמאלער לייענער־קאָליע. אים האָט פארפירט אין א זײַט דאָס, וואָס לעצטנס ווערט אין דער ליטעראַרישער פּרעסע באַזונדערס, און אויך אין דער פּרעסע ביכלאַל, א סאך גערעדט און דיסקוטירט וועגן דער פּראָבלעם פון הײַנטצײַטיקייט אין דער ליטעראַטור און אין קונסט. ס'איז ניט דערגאַנגען צו אים, אז דאָ גייט די רייד דעריקער וועגן מער פארשארפן דאָס אויג פונעם שרײַבער, עס זאָל ארײַנדרינגען טיפער אין דער זייער רײַכער און זייער קאָמפּליצירטער אינערלעכער געפילן־ און געדאַנקען־וועלט פון אונדזער סאָוועטישן מענטשן, פונעם ארבעטער און ארבעטס־מענטש אין ברייטן זין פונעם דאָזיקן באַגריף. עס רעדט זיך, ווי איך זע, וועגן דער מײַסטערשאַפט פונעם שרײַבער.

די גרויסע, די עכטע ליטעראַטור איז שטענדיק געווען הײַנטצײַטיק, אפילו דער היסטאָרישער ראָמאַן און דאָס מײַסעלע, שוין אָפּגערעדט פון דער דיכטונג, ווײַל דאָס אלץ איז דורכגעגאַנגען דורך דער פּריזמע פונעם שרײַבער, און גענומען האָט ער עס פון זײַנע מיטצײַטלער. עס זײַנען געווען אָפּווײַכונגען, אָן דעם קען דאָך ניט זײַן: מע האָט געזוכט נײַע פאָרמען, וויאַזוי בעסער צו דערטראָגן צום לייענער דאָס נײַע אין דער געזעלשאַפט. איך זאָג „אָפּווײַכונגען" און ניט „פּרוּוון", ווײַל דאָסראָוו זײַנען די נײַע פאָרמען ניט ארײַן, זיך ניט אײַנגעהאלטן. דער לייענער האָט דאָך געזאָגט, אז ס'געפעלן אים מער די „אלטע" פאָרמען פון פּושקינען, טאָלסטאָיען, טשעכאָוון.

דער רוקנביין פון יעדן ליטעראַרישן ווערק איז דער כאַראַקטער פונעם העלד, פונעם טיפּ. דער שרײַבער דארף מער ארײַן אין כאַראַקטער, ניט שווימען פון אויבן, נאָר זיך אראָפּלאָזן אין דער טיף; וואָס טיפער, אלץ העכער וועט ווערן דאָס ווערק.

גרויסע טיפע ווערק פארלירן קײנמאָל ניט זייער הײַנטצײַטיקייט, ווײַל אין זיי לעבן די אייביקע געפילן פונעם מענטשן ביכלאַל. די אייביקע געפילן און לײַדנשאַפטן, מיט וועלכע דער מענטש קומט אַף דער וועלט: ליבע, ליבשאַפט, אייפערזיכט, פרײַנטשאַפט, טרײַהײַט און אזוי ווײַטער. די אײַנגעבוירענע זאָרג וועגן פאָרזעצן דעם דאָר, די שטאַרקסטע ליבע אין דער וועלט — די ליבע פון דער מאַמען צו איר קינד... אָט די געפילן זײַנען אייביק, און אייביק זײַנען זיי הײַנטצײַטיק. יעדע נײַע וועלט־אָרדענונג טראָגט אין זיי ארײַן אירע קאָרעקטיוון, אָבער דער גרונט בלײַבט.

דער גרויסער ייִדישער פאָלקס־דיכטער אווראָם רייזען האָט נאָך אין די יונגע יאָרן זײַנע אָנגעשריבן פאָלגנדע אכט־שורעדיקע ליד:

דײַנע אויגן לײַכטן, פינקלען,
ווען דו רעדסט פון נײַע צײַטן:
אלע מענטשן זאַט און גליקלעך —
ווען די אָרדענונג וועט זיך בײַטן.
און איך גלויב אין דײַן נעווּיעס,
דאָך אין אויג מײַנס שטייען טרערן:
בא דער בעסטער אָרדענונג, ליבסטע,
וועסטו אלץ ניט מיר געהערן.

דאָס איז איין קליינער בײַשפּיל פון א סאך, פיל גרעסערע,ליידן און לײַדנשאַפטן.

הײַנטצײַטיקייט און אַקטועלקייט. אַקטועל איז דאָס, וואָס איז וויכטיק פארן איצטיקן מאָמענט; הײַנטצײַטיקייט — די ווירקלעכקייט און דער אָטעם פון דער עפּאָכע, דאָס, וואָס איז אַף דער הייך פונעם יאָרהונדערט.

מיט אַקטועלקייט פארנעמט זיך דעריקער די צײַטונג. אונדזער סאָוועטישע צײַטונג. אָבער וויפל ציגל טראָגט זי צו אויך צו דעם גרויסן בנין פון דער הײַנטצײַטיקייט אין דער ליטעראַטור, וויפל פּרעכטיקע, בעעמעס קינסטלערישע פארצייכענונגען, עסייען וועגן מענטשן אונדזערע, וועגן זייערע כאַראַקטערס געפינט איר אין די סאָוועטישע צײַטונגען, — כאָטש נעם און טראָג זיי גלײַך איבער אין דער ליטעראַטור! דערפאַר טאַקע זײַנען זיי דאָך אונדזערע, סאָוועטישע צײַטונגען! אויך די אַקטועלקײַט זייערע איז גרויס און פארטיפט.

דער הײַנטצײַטיקער מענטש איז באַרײַכערט מיטן בעסטן און פײַנסטן, וואָס ער האָט באַקומען פון די פריִערדיקע דורות, ער לאָזט דורך אָט די גרויסע גײַסטיקע ירושה דורך דער

פריזמע פון זײַן צײַט, פון זײַן עפּאָכע, און טראָגט זי ווײַטער.

אונדזער „סאָוועטיש היימלאַנד" איז בעעמעס הײַנטצײַטיק, סײַ לויט דער טעמאַטיק, סײַ לויט דער מײַסטערשאַפט פון די ווערק, וואָס ער פאַרעפנטלעכט.

צוגלײַך און באַנאַנד מיט דעם איז דער זשורנאַל אויך אַקטועל, הייס־קעמפעריש אַפּן פראָנט פון די קלאַסן־שלאַכטן און אַף די פרידלעכע פראָנטן פון בויען די קאָמוניסטישע געזעלשאַפט.

פאַראַן אין דער געשיכטע פון יעדער ליטעראַטור טעמעס, וואָס זײַנען אַוועק אין אַרכיוו. די צײַט איז שוין אַוועק ווײַטער. אַף אָט דער טעמע, דוכט זיך, איז שוין אַלץ געזאָגט געוואָרן. און פּלוצעם ווערט די זעלבע טעמע אַקטועל און שטעלט זיך צוריק אַף דער טאָגאָרדענונג.

ווער פון אונדז האָט ניט געלייענט קאָראָלענקאָס „אָן אַ לאַשן"? דער גרויסער הומאַניסט האָט רירנדיק דערציילט די טראַגעדיע פון אַ מענטשן, וואָס די נויט, דער הונגער האָט אים געצוווּנגען פאַרלאָזן זײַן היימלאַנד, עמיגרירן אין אַ לאַנד, וואָס איז אים אינגאַנצן פרעמד, ווו אַפילע זיך צונויפריידן מיט די דאָרטיקע קען ער ניט. ער איז אומבאַהאָלפן, אומגליקלעך.

צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע גרוילן און צאָרעס האָט די עמיגראַציע־טראַגעדיע פאַרסאַמט דאָס לעבן פונעם אַרבעטער, פון דעם אָרעם־פּויער און קליינהענדלער, וועלכער האָט געזען און געפילט, ווי ער גייט אונטער. די ייִדישע נאַציאָנאַלע מינדערהײַט האָט עס באַזונדערס געפילט, זי האָט געלעבט דעריקער אינעם שטעטל, וואָס איז געוואָרן אַלץ פּוסטער און טרויעריקער.

די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט אונדז פון דעם אומגליק אויסגעלייזט. מיר לייענען הײַנט שאָלעם־אַליכעמען, זײַנע שעדעוורען וועגן דער צײַט פון דער עמיגראַציע־בעהאָלע, מיר לייענען — און טוליען זיך שטאַרקער צו אונדזער מוטער־היימלאַנד.

די טעמע עמיגראַציע איז שוין לאַנג־לאַנג אַוועק אין ביטערן אַמאָל. און פּלוצעם... — די טעמע ווערט אַקטועל בא אונדז! ווידער אַ געשיכטע מיט עמיגראַציע. נאָר ניט פון נויט, אָדער פון רעדיפעס כאַלילע, נאָר — אַ ווּיסטע אַנטיסאָוועטישע קאַמפּאַניע, צוגעגרייט אין די שמוציק־בלוטיקע קיכן בא די פאַרביסענע סאָנים פון אונדזער ראַטנלאַנד, די גאָלדע מעירס, בעגינס, ראַבינס. זיי האָבן געוואָרפן דעם רוף:

— ייִדן, עס רופט אײַך דאָס לאַנד פון אײַערע אָוועס! — און צוגעזאָגט אַלע גליקן.

האָט דער ייִדישער סאָוועטישער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" טייקעף רעאַגירט.

— דאָס לאַנד פון אונדזערע אָוועס איז דאָס סאָוועטישע היימלאַנד. לאָזט זיך ניט פאַרפירן!

„סאָוועטיש היימלאַנד" האָט געענטפערט אַף דער ציִעניסטישער פּראָפּאַגאַנדע אויך מיט ווערק פון די ייִדישע שרײַבער.

אין יאָר 1975 איז אין זשורנאַל פאַרעפנטלעכט געוואָרן (אין די נומערן 7, 8, 9) כאַיִם מעלאַמודס ראָמאַן „צווישן דניעסטער און פּרוט", אין זעלביקן יאָר, אין נומ. 12, האָט אַרן ווערגעליס פאַרענדיקט זײַן ראָמאַן „די צײַט". דאָס זײַנען געווען די ערשטע גרעסערע ווערק, וואָס האָבן פאַרנומען וויכטיקע פּאָזיציעס, פון וועלכע זיי האָבן באַשאָסן דעם סוינע און דעם סוינעס אונטערשטופּער אין די היימישע ערטער.

איך קלײַב מיך דאָ ניט צו געבן אַן אָפּהאַנדלונג פון די דאָזיקע ראָמאַנען. איך שטעל מיך דאָ אָפּ אַף זיי בלויז צוליב זייער גאָר פרישינקער הײַנטצײַטיקײַט. אויב די ראָמאַנען פון פאַליקמאַנען, פּאַליאַנקערן און אַנדערע, געווידמעט דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע, האָבן שוין געהאַט פריִער, פאַרן געשאַפן ווערן, אַ ביסל צײַט, דעם מאַטעריאַל אָפּצוקילן, די מילכאָמע איז שוין געבליבן ווײַטלעך פונעם שרײַבטיש, זײַנען מעלאַמודס און ווערגעליסעס ווערק געשאַפן געוואָרן פּאַשעט אַפּן פראָנט פון די שלאַכטן קעגן די נײַ־אָנגרײַפנדיקע סאָנים. איך וויל דאָ אויך אָנווײַזן אַף דעם, ווי דער נעכטן העלפט דעם הײַנט אין זײַן הײַנטצײַטיקײַט.

פאַראַן אין מעלאַמודס ראָמאַן אַ קאַפּיטל, וואָס רירט מיך, ווי אַ גוטע לירישע פּאָעמע. דאָס איז דאָס קאַפּיטל אַכט, ווו דער זיידע דאַוויד פירט זײַן איינעקל ציפּעלע איבער דער גאַס, וואָס טראָגט נאָך פון אַמאָל דעם נאָמען „ייִדישע גאַס", כאָטש שטענדיק האָבן דאָ געלעבט ניט בלויז ייִדן, נאָר אויך אוקראַיִנער, מאָלדאַוואַנער, ציגײַנער. אַלע האָבן זיי געלעבט ברידערלעך, געווען ווי איין גרויסע מישפּאָכע, ווו יעדער איינער איז גרייט פאַרן צווייטן גיין אין פײַער און אין וואַסער. עס האָט זיי אַלעמען פאַרברידערט די רעוואָליוציאָנערע אַרבעט זייערע אין די גרעסטע געפאַרן.

דער זיידע האָט גענומען זײַן איינעקל ציפּעלען אַף אַ שפּאַציר איבער אָט דער היסטאָרישער גאַס, ווו יעדע שטוב האָט איר גרויסע, שיינע, העראָישע פאַרגאַנגענהײַט. ציפּעלען האָט דער באָכער, וועמען זי האָט ליב, — טאָליק, פאַרפּלאָנטערט אין דער ייִסראָעל־נעץ. ער פּאָרט, און זי טראַכט אויך פון פאָרן מיט אים. דער שפּאַציר אירער מיטן זיידן דויערט לאַנג. דער שרײַבער כאַיִם מעלאַמוד, וואָס קען אויסגעצייכנט זײַנע העלדן, פירט אונדז מיט זיי צוזאַמען איבער אַ שטיק געשיכטע פונעם שטעטל, מיט אַן אומעטיק שמייכעלע דערציילט ער אונדז, ניט געײַלט, וועגן דעם נעכטן פון דער „ייִדישער גאַס", וואָס ציפּעלע האָט ביז איצט ניט געוווּסט. די קלוגע, האַרציקע ציפּעלע האַלט ניט אויס און — צעוויינט זיך: פאַרוואָס האָט זי דאָס ביז איצט ניט געוווּסט! און ס'טוט איר וויי, וואָס זי האָט זיך ניט געקענט באַטייליקן אין אָט דער מעסירעסנעפּעשדיקער אַרבעט...

איצט ווייסט שוין ציפּעלע, ווו עס איז דאָס עמעסע לאַנד פון אירע אָוועס. ניין, זי וועט זיך ניט אָפּזאָגן פון איר גרויסן ייִכעס.

אף הייסן, נאָך גלײַענדיקן מאַטעריאַל אַרבעט ער אַן ווערגעליס. אין דער טעמע און איר ציל־געווענדטקײַט גייט ער זיך צונויף גאָר נאָענט מיט מעלאַמודן. איך לייען אים בכלל מיט גרויס אינטערעס. ער איז פֿילזײַטיק אינעם זשאַנער. לויט דער פּאָעמע „דאָס גאָלדענע פינגערל" („סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 9, 1975), און לויט אַ סאַך אַנדערע לידער איז ער, ווי איך מיין, אַ ליריקער, און זייער אַן אָריגינעלער. אין זײַנע לידער צום זינגען איז ער פֿאָלקסטימלעך און דורכגעדרונגען מיט ייִדישער נעגינע. אין זײַנע אַקטועלע לידער איז ער פּובליציסטיש, סאַטיריש, שלאָגט אויסלאַכנדיק. און שטענדיק זוכט ער נײַע פֿאָרמען פֿאַר זײַן אויסדרוק. ער איז נאָוואַטאָריש. און שטענדיק— הײַנטצײַטיק. אַן אויסגעצייכנטער פּאָלעמיסט.

אַגעוו, מע קען ניט זײַן עכט הײַנטצײַטיק, אויב מע ווייסט ניט דעם נעכטן. אין דעם פּראַט מוז איך זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן אונדזער ליטעראַטור־קריטיקער און ליטעראַטור־פֿאָרשער הערש רעמעניק. אין אַ באַדײַטנדיקן טייל פֿון זײַן שאַפֿן לאָזט ער זיך אַראָפּ אין יאַם פֿון אונדזער קלאַסיק און הייבט זיך אויף פֿון דאָרט מיט פּערל, וועלכע פֿאַרלירן קיינמאָל ניט זייער גלאַנץ און ווערט. ער זוכט אויך אָפּ אין אָקעאַן פֿון דער רוסישער ליטעראַטור די שרײַבער — סײַ ייִדישע, סײַ רוסישע, — וועלכע האָבן געשריבן אף טעמעס פֿון ייִדישן לעבן אין אַמאָליקן רוסלאַנד (זע די סעריע אַרטיקלען אונטערן אַלגעמיינעם נאָמען „קולטור־היסטאָרישע און ליטעראַרישע באַטראַכטונגען").

דער הײַנט דאַרף קענען זײַן נעכטן. הײַנטצײַטיקײַט איז אוניווערסאַל.

אַ לעבהאַפֿטער שמועס אין רעדאַקציע

מוישע אלטמאַן

ווי מע דאַרף זײַן פאָרזיכטיק מיט מאכן א שפּאַס

(פון די זקיינישע נאָטיצן)

ר... עב מוישע —

דעם דאָזיקן בריוו, וואָס איך נעם איצט שרײַבן, האָב איך ניט געהאט בעדייע צו שרײַבן, ווײַל נאָך אײַער שווײַגעניש אזא צײַט, און ניט אפילע געפונען פאר נייטיק צו באַשטעטיקן דאָס דערהאלטן מײַנע צוויי בריוו צו אײַך, האָב איך געהאט געזאָגט צו זיך: אד קאָן? אויס! איך שרײַב אײַך ניט מער. אָבער וואָס זאָל איך טאָן מיט מײַן „ייִדענע"? זי פארלאנגט. און ענערגיש. און איר קענט זי דאָך. און אייגנטלעך איז זי דאָך אײַער ייִדענע, דאָס האָט איר זי דאָך געקרוינט פאר אזעלכער, און אויסגיין גייט עס אויס צו מײַן קאָפּ, כאָטש איך האָב צו אײַך, כאָלילע, ניט קיין טײַנעס און אייפּערזיכטיק בין איך אויך ניט, נישטאָ פאַרוואָס.

בעקיצער, זי איז איצט צוגעשטאנען און הייסט: שרײַב. און ניט סטאם שרײַבן, נאָר פעסט אײַנלאַדן אײַך צו אונדז צו זײַן אונדזער גאסט, כאָטשבי אף א כוידעש.

וואָס פלוצעם, וועט איר פרעגן. קוידעם, איז עס ניט צום ערשטן מאָל, וואָס מיר לאַדן אײַך אײַן צו אונדז צוגאסט. נאָר דאָס איצטיקע מאָל איז עס פארבונדן מיט א ציקאווע זאך, איר וועט אפילע זיך ניט אָנשטויסן.

הערט א מײַסע. ווי געוויינלעך, פאר די לעצטע יאָרן, לייען איך פאָר פאר מײַן — אײַערער ייִדענע דאָס, וואָס איך געפין אין אונדזער זשורנאל. דאָס הייסט: איך איבערזעץ פאר איר אף איר שפראך — אף רוסיש. און ספּעציעל מוז איך עס טאָן, ווען עס איז פאראן עפּעס פון אײַך. איז פארבײַ א היפּש ביסל כאָדאָשים, איר זײַנט נישטאָ, און זי פרעגט מיך... ביז איינמאָל זאָגט זי צו מיר: „דײַן כאווער איז, ווײַזט אויס, קראנק". און דאָ קריג איך דעם נומער 4 מיט אײַערע נאָטיצן און מיט אן אלטער פּאָעמע. מיר לייענען די נאָטיצן, און — מיר לאכן און וויינען. וויינען וויינט זי. פון דער געשיכטע מיט אײַער טאטנס ניט אָפּגעשיקט קאָרטל. און זי זאָגט צו מיר:

— איך האָב געפילט, אז ער איז קראנק...

אייגנטלעך, האָב איך דאָס אייגענע געפילט, אָבער זיך צוריקגעהאלטן, ניט גערעדט דערפון. דאָס איצטיקע מאָל האָט זי מיך געטראָפן פונקט אין מײַן טראכטן.

און זי הייסט מיר נאָכאמאָל אײַך שרײַבן. לויט איר מיינונג, נייטיקט איר זיך אין א געוויסער ענדערונג פון דער סוויווע, אין וועלכער איר לעבט. און דאָס בעסטע פאר אײַך וואָלט געווען: פארברענגען א פאָר כאָדאָשים בא אונדז אין פּאָדמאָסקאָוויע. איר וועט זײַן נאָענט צו דער רעדאקציע, און נאָך און נאָך. און איך פיל, אז זי איז גערעכט.

נאָר ניט דאָס אליין בין איך אויסן מיט מײַן איצטיקן בריוו. איך מוז זיך מיט אײַך צערעכענען פאר אײַער כאָכמאטשעסטווע, פאר אײַער כאלאס צו מאכן א וויץ, ניט טראכטנדיק, אז דער וויץ קאָן עמעצן פארשאפן ניט־אָנגענעמלעכקײַטן. פרעג איך:

וואָס פאר א בייזער רועך האָט אײַך אײַנגערעדט צו זאָגן מײַן פרוי, אז זי איז א ניט־געמאלעטע ייִדענע?

מיילע, עס איז א וויץ, זי, א קינד פון דוירעס רוסישע עלטערן און פאָרעלטערן, פארמאָגט אין איר כאראקטער עפּעס ספּעציפישעס ייִדישפרויישס, דעם נעשאָמעדיקן כיין פון דער קלאַסישער ייִדישער פאָלקס־פרוי. עס איז עמעס. אָבער דאָס באגעגנט זיך ניט גאָר זעלטן בא רוסישע פרויען פון אלטע מישפּאָכעס. איך שרײַב דאָס צו דעם אײַנפלוס פונעם אלטן סייפער, פון דער ביבל. אָבער צו וואָס פלוצעם דער ארײַנמיש: „ניט־געמאלעטע"?

דאָס איז אײַער כאלאס, דער נייג צו אָריגינעלער אפאָריסטיק, צו שלימאזלדיקן אייגנארט, וועלכע האָט, אייגנטלעך, געבילדעט דעם שלימאזל פון אײַער גאנץ לעבן, וואָס איך קען.

איך אויך — מיילע. אָבער די צאָרע איז די, וואָס מײַן „ניט־געמאלעטער ייִדענע" איז עס אזוי געפעלן, אז זי דערמאָנט זיך אָפּט און קײַכט פאר געלעכטער. צי וויל איך יאָ, צי וויל

איך ניט, איך ווער אַ ביסל אײפּערזיכטיק. נאָר דאָס איז נאָך גאָרנישט, הערט ווײַטער.

איר דערמאָנט זיך עפּשער אײַער ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט איר. צוריק מיט עלף יאָר. מע האָט אין דער רעדאַקציע געפּראַוועט די פינף־און־זיבעציק אײַערע און די פינף־און־זיבעציק פון אײַער ווײַט־אָפּגעשיידטן כאַוועך. איך בין געקומען מיט איר, ווערנדיק זי באַקענען מיט אײַך, מײַן כאַוועך פון אַ שווערער צײַט. מיר האָבן עס געמאַכט דיסקרעט, מיט קיינעם, כּוץ אײַך, זי ניט באַקענט. דערנאָך זײַנט איר אַ פּאָר מאָל געווען בײַ אונדז.

וואָס מיך האָט געוווּנדערט, איז דאָס, וואָס זי, ניט קענענדיק קיין ייִדיש, האָט אויפֿגעכאַפּט פון אײַערע רייד אייניקע מאָמענטן גאָר אינטערעסאַנטע, מעגלעך, אַז איר קענען דײַטש האָט בײַגעטראָגן. און איר אַליין זײַנט אויך געווען מאַמעש איבעראַשט, הערנדיק אירע באַמערקונגען וועגן אײַער אויפֿשריפֿט, און פֿאַר גרויס שׂימחה זי מעכאַבעד געווען מיט דעם קאָמפּלימענט, אַז זי איז אַ ניט־געמאַלעטע ייִדענע. מיר איז עס ניט געווען אָנגענעם. גיי ווייס, אַז איר וועט עס גראָד שטאַרק געפֿעלן.

בקיצור, זי האָט פֿאַרלאַנגט, און איך האָב געמוזט פֿאָלגן — זיך אַבאָנירט אויפֿן זשורנאַל...

און דעמלט האָט זיך עס אָנגעהויבן. קומט אָן אַ נומער, זוכט זי שוין אין די נעמען פון די באַטייליקטע שרײַבער אײַער נאָמען... אָבער נאָך עפּעס: זי וויל זיך באַקענען און גוט באַקענען מיט דער ייִדישער ליטעראַטור. האָב איך שוין אַן אַרבעט. מיילע, די אויף רוסיש איבערגעזעצטע ווערק קריגט זי זיך אַליין. אָבער איך מוז איר איבערזעצן פונעם זשורנאַל דאָס, וואָס זי ווילט אויס... און שטעלט אײַך פֿאָר, זי טרעפֿט, לויט אינטויִציע, ווײַזט אויס, דאָס, וואָס איז בעצעמעס ווערטפֿול. און אַז עפּעס אײַערס איז דאָ, דעמלט איז יאָמטעוו. זײַנט איר אָבער זעלטן דאָ. און זי רעדט דערפֿון און זאָגט אָפּט:

— ער איז ניט דאָרט, וווּ ער וואָלט באַדאַרפֿט זײַן. ער וואָלט באַדאַרפֿט זײַן אין צענטער, אין מאָסקווע.

און איך בין מאַסקים מיט איר. אָבער איצט איז שוין צו שפּעט צו ריידן דערפֿון. דאָס האָט מען באַדאַרפֿט באַזאָרגן צוריק מיט אַ צוואַנציק יאָר.

איז זי אויך מיט מיר מאַסקים.

ווייס איך ניט בעפּײרעש פֿאַרוואָס, נאָר כ'האָב פּלוצעם אויפֿגעהערט אַבאָנירן דעם זשורנאַל. וואָס דען יאָ? איך גיי אין מײַן באַקאַנטן קיִאָסק, וווּ איך טרעף דעם זשורנאַל אין איינצל־פֿאַרקויף, און קלײַב אויס לויטן אינהאַלט. קויף איך דעם זשורנאַל, ברענג אַהיים און לייען איר פֿאָר דאָס, וואָס מיר געפֿעלט. פֿאַרשטענדלעך, אַז די — לײדער, ניט אָפּטע — נומערן, וווּ איר זײַנט באַטייליקט, קומען אויפֿן ערשטן פּלאַן.

און איצט הערט, וואָס מײַן „ניט־געמאַלעטער" ייִדענע פּאַלט אײַן מיר אָפּצוטאָן.

עס איז געווען סאָף יאָר, דעקאַבער פֿאַראַיאָרן. איך ברענג אַהיים דעם זשורנאַל, נעמט זי און מאַכט צו מיר גאָר שאַרף:

— עס איז דאָס לעצטע מאָל, מער זאָלסטו דעם זשורנאַל ניט ברענגען.

איך בין דערשטוינט:

— וואָס הייסט? פֿאַרוואָס?

מאַכט זי שטרענג:

— אָן פֿאַרוואָסן! מער זאָלסטו דעם זשורנאַל צו אונדז אין שטוב ניט ברענגען!

איך שווײַג. אַ ברייגע האָב איך.

און יאַנוואַר ברענגט מיר די פּאָטשט דעם נומער. אַבאָנעמענט... איך קוק אויף איר פֿרעגנדיק. און זי מאַכט זיך ניט ווויסנדיק. פֿרעג איך שוין:

— ניט־געמאַלעטע ייִדענע מײַנע, דאָס איז דײַן אַרבעט?

הערט דעם ענטפֿער:

— איך בין אַ ניט־געמאַלעטע ייִדענע. און וואָס ביסטו?

— אַדרבה, לאָמיך הערן.

— דו ביסט אַ ניט־דערבאַקענער פּורים־קוילעטש!

מע האָט באַדאַרפֿט הערן, ווי זי האָט עס געזאָגט. נאַטירלעך, אויף רוסיש...

איך האָב געוווּסט, אַז אירע עלטערן האָבן געוווינט ביז פֿערציק אין אַ שטאָט, אַ געדיכט באַזעצטער פֿון ייִדן. בישכיינעס מיט ייִדן, זיך פֿרײַנטלעך אײַנגעלעבט. זי האָט אירע קינדער־און יונגע מיידל־יאָרן פֿאַרבראַכט מיט ייִדישע כאַווערטעס און געווען באָקי אין אַלע ייִדישע פֿאָלקס־יאָמטויוום. געוווּסט פֿון כאַמישאָסער, פֿון כאַנעקע־געלט, פֿון פּורים און פּורים־קוילעטשן. אָבער אַז איך זאָל ווערן אַ ניט־דערבאַקענער פּורים־קוילעטש, דערויף זיך ניט גערעכט. מיינט איר, אַז איר זײַנט פּאַרטיק? ערשט אָן אָנהייב. עס איז אַוועק אַ פּײרעש, יענער פּײרעש. די עמעסע לעקציע. זי האָט מיך געדעקט גלענצנד.

איך האָב פֿון איר אָפּגעלייזט פֿאַרן אויפֿהערן אַבאָנירן דעם זשורנאַל, איינמאָל אָפּגעלייזט.

— ווי שעמסטו זיך ניט? מיט דײַן פֿאָלק און זײַן קולטור איז געשען אַ מוירעדיקע קאַטאַסטראָפֿע. אויף דער מילכאָמע, אין קאַמף קעגן די ראָצכים האָבן מיליאָנען מענטשן געאָפּפֿערט זייער לעבן. אַדאַנק די קאָרבאָנעס איז דײַן פֿאָלק געבליבן. און אין מאָסקווע, אין דער הויפּטשטאָט פֿון אַלע פּראָגרעסיווע מענטשן, פֿון דער גאַנצער פּראָגרעסיווער מענטשהײַט, דערשײַנט אַ כוידעש־זשורנאַל אויף דער שפּראַך

פון דײַן פאָלק. און דו קענסט די שפּראַך, געוואַקסן אַף איר, און אַנשטאָט צו לויפן זיך אַבאָנירן, גייסטו און קלײַבסט דיר אויס, גלײַך דו פאַרקויפסט פיש... האָב איך דיר געגעבן אַ לעקציע.

קומען אָן נומער איינס, צוויי, דרײַ, זי בלעטערט די ערשטע זײַטלעך, קוקט דעם אינהאַלט, לייגט אַוועק און שווײַגט.

און דאָ קומט אָן דער אַפּרעל־נומער, זי טוט אַ קוק און אַ געשריי:

— Есть! — איר זײַנט דאָ, הייסט עס.

מיר האָבן געלייענט: איך האָב פאַרטײַטשט אַף רוסיש, אַף איר שפּראַך, וועלכע איז דאָך אויך מײַנע, און מיר האָבן געלאַכט און געוויינט.

געלאַכט בײַ דער ערשטער נאָטיץ, ווי איר שאַרט זיך נעבעך צו צום בינטל ווײַבער.

און אַז כ'האָב איר געלייענט די צווייטע נאָטיץ — אײַער טאַטנס ניט אָפּגעשיקט קאַרטל, איז געווען אַן אָרט, וווּ זי האָט זיך אַוועקגעדרייט פון מיר, איך זאָל ניט זען די טרערן אין אירע אויגן.

און איך בין געווען צופרידן, קעדיי זי זאָל ניט זען די טרערן אין מײַנע אויגן.

דער פאָרשלאָג איז געקומען פון איר: אָנשרײַבן אַ בריוו און אײַך אײַנלאַדן קומען צו אונדז צוגאַסט, אויב איר זײַנט אימשטאַנד. מיר וואָלטן אײַך זייער געוואָלט זען. ענטפערט!

דער בריוו איז געבליבן אַ טאָג בײַ אונדז. הײַנט שיקן מיר אים און מיט אַ מאַטאָנע:

Томас Манн. Письма.

אַן אויסוואַל פון טאָמאַס מאַנס בריוו.

דאָס האָט זי פאַר אײַך געקויפט. איך האָב באַוויזן נאָר צו בלעטערן. און אָנגעטראָפן אַף איין בריוו — נומער (איך געדענק ניט. איר וועט אים אַליין אויסזוכן).

דער בריוו וועט אײַך ברענגען אַן ענטפער אַף אײַער פראַגע: „וווּ האָט טאָמאַס מאַן געקראָגן דעם פאָלקלאָריסטישן שטאָף פאַר זײַן „יאָזעף אונד זײַנע ברידער”?” דער שטאָף איז צעוואָרפן איבערן טאַלמוד און די מעדראָשים!

און אַז איך האַלט דערבײַ, שיק איך אײַך אונדזער ביידנס דאַנק, ווײַל אַדאַנק אײַער אָנרעגן אונדז, האָבן מיר געלייענט דאָס ווערק טאָמאַס מאַנס און געהאַט גאָר גרויסע האַנאָע.

זײַט געזונט! און ענטפערט!

P.S. אין דעם בריוו, אין וועלכן טאָמאַס מאַן רופט אָן די ווערק, וועלכע האָבן אים געדינט אַלס קוועלן פאַר זײַן יאָזעף, דערמאָנט ער דעם נאָמען מיכה־יוסף בן גוריון הכּוהן. איז עס ניט אַ פּסעוודאָנים פון מיכה־יוסף באַרדיטשעווסקי?

מאַרק ראַזומני

עלטער און ייִנגער

אין די אַנאַלן פון דער ייִדיש־סאָוועטישער ליטעראַטור־געשיכטע איז פאַרשריבן, אַז „סאָוועטיש היימלאַנד” איז געבוירן געוואָרן מיט 15 יאָר צוריק.

דאָס איז אַ פאַקט. און פאַקטן, ווי באַוווּסט, זײַנען דאָך אומבאַשטרײַטבאַר. פונדעסטוועגן איז מיר, בײַם בלעטערן די יאָרגענג פונעם זשורנאַל, אויפגעקומען אַן אַפּיקאָרסישער געדאַנק, אַז די דאַטע „פופצן יאָר” איז פאַר אים ניט צוגעפאַסט: דער זשורנאַל איז פיל עלטער און גלײַכצײַטיק אָבער אויך פיל ייִנגער.

עלטער — ווײַל עס איז דען מעגלעך אין אַזאַ קורצן צײַט־אָפּשניט צונויפזאַמלען אַזויפיל קינסטלערישע און פובליציסטישע, ליטעראַטור־וויסנשאַפטלעכע אויצרעס און באַווײַזן דורכצופירן די קאָלאָסאַלע אַרבעט פון פאַרזעצן און באַנײַען די דורעסדיקע טראַדיציעס פון ייִדישער שעפערישקײַט?

ייִנגער — ווײַל יעדער נומער „סאָוועטיש היימלאַנד” אָטעמט מיט יוגנטלעכער ענערגיע און טעמפּעראַמענט, מיט ברוזיקער הײַנטצײַטיקייט און פירט אַרײַן דעם לייענער אין אַ וועלט פון שיינקייט און קונסט, אין דער וועלט, וואָס איז אייביק יונג און צו וועלכער עס געהערט אונדזער שטראַלנדיקע סאָוועטישע צוקונפט.

אָט די נאָבעלע אויפגאַבע פון אַריבערוואַרפן אַ בריק צווישן די בעסטע טראַדיציעס פון אונדזער ייִדיש־קולטורעלער פאַרגאַנגענהײַט און דער יונגער, שטורמישער און פרעכטיקער קעגנוואַרט האָט „סאָוועטיש היימלאַנד” זיך געשטעלט פון זײַנע ערשטע טריט און זעצט פאָר זי אויסצופילן ביז הײַנטיקן טאָג מיט גרויס איבערגעגעבנקײַט און ווירדע.

דער לייענער און די ליטעראַטור שאַצן טאַקע ווי געהעריק אָפּ אָט די איידעלע שעפערישע מי.

הערשל פּאָליאַנקער

די סאָקאָנע איז אַדורך

מײַן לאַנגיאָריקער שאָכן און גוטער באַ־קאַנטער לײזער פּאָטאָצקי האָט, כאַלילע, ניט געהאַט קײן שײַכעס מיט יענעם אַמאָליקן באַ־רימטן גראַף פּאָטאָצקי, וואָס קאַטאָרע... זאָל גאָט היטן!

ער האָט אַפילע, קען מען זאָגן, קײנמאָל ניט געהערט פון אים.

לײזער פּאָטאָצקי איז געווען און איז ביז הײַ־טיקן טאָג א באַשײדענער בוכהאַלטער אין א בעקאַוועדיקער קאָנטאָר, ער האָט צו טאָן מיט כעזשבוינעס, ציפערן, דעבעט־קרעדיט...

אין קאָנטאָר אַרבעט ער א שײן ביסל יאָרן, און זײַנע נאַטשאַלניקעס פּילן זיך מיט אים ווי הינטער אַן אײַזערנער וואַנט. וויפל קאָמיסיעס און רעוויזיעס עס רעווידירן ניט, איז אין דער בוכהאַלטעריע פּינקטלעך, ווי אין אַן אַפּטײק... קײן אײן באַמערקונג, ניט קײן אײן אויסרײד ניט!

אײביק פאַרטאָן אין זײַנע כעזשבוינעס, האָט לײזער קײן פרײַע מינוט ניט, אײביק פאַרדײַ־געט, און דערצו איז ער נאָך אַן אײַזערנער שווײַגער. א רענדל א וואָרט.

אָבער וואָס זשע? אַז איר הײבט אָן רײדן מיט אים וועגן ליטעראַטור און דעריקער וועגן פּאָע־זיע, ווערט ער אַן אַנדער מענטש. דאָס לענג־לעכע, שטענדיק אַנגעשטרענגטע פּאָנעם ווערט לעבעדיקער, די בלאָוולעכע אויגן אונטער די גראָבע גלעזלעך פון זײַן אַלטמאָדישער פּענסנע בעמען גלאַנצן. דאַן עפנט ער פאַר אײַך א גרויסן סאָד: א בוכהאַלטער איז ער געוואָרן צופעליק. זײַן עמעסער באַרוף איז פּאָעזיע! ער זאָגט, אַז אָנשרײַבן א ליד אָדער אַפילע א פּאָעמע, לאַנג, ווי דער גאָלעס, איז גרינג. די שורעס, זאָגט ער, שיטן זיך בא אים ווי פון א זאַק, און שרײַבן שרײַבט ער א סאַך... דאָס הײסט, פריִער האָט ער געשריבן...

אײנמאָל האָט ער צונויפגענומען דאָס גאַנצע פּעקל שירים און אַוועקגעשיקט אין דער רע־דאַקציע פון א זשורנאַל. מע האָט דעם פּאַק דאָרטן אָפּגעהאַלטן שײנע עטלעכע כאָדאָשים און אומגעקערט אַף צוריק, אַפילע ניט אָפּגע־דרוקט, איר זאָלט זאָגן, אַף א מויצע צווײ שו־רעס!

זינט יענער צײַט האָט ער א מאַך געטאָן מיט דער האַנט אַף דער פּאָעזיע, ער וויל פון איר ניט הערן. עמעס, בישטיקע שרײַבט ער. אין דער וואַנטצײַטונג פון קאָנטאָר „דרוקט ער" אַמאָל אָפּ א ליד צו א יאָמטעוו. זײַנע קאָלעגן לויבן אים דאַן אין טאָג אַרײַן.

מיט א יאָר פופצן צוריק, ווען לײזער האָט זיך דערוווּסט, אַז עס הײבט אָן דערשײַנען אין מאָסקווע א יידישער זשורנאַל, האָט ער מיך אָפּגעשטעלט אין גאַס און געפרעגט:

— נו, געהערט?

— וואָס געהערט?

— א זשורנאַל לאָזט מען אַרויס...

— איז דאָך זײער גוט, רעב לײזער, וואָס זשע זײַנט איר עפּעס פאַרומערט?

— גלאַט אַזוי... א קלײנע געדולע...

— פאַרוואָס, רעב לײזער?

— עט!.. לויט מײַן כעזשבון וועט זיך גאָרנישט ניט באַקומען...

— דערקלערט מיר, פאַרוואָס מײנט איר אַזוי?

— ווער וועט שרײַבן? — האָט ער געענטפערט מיט א פראַגע אַף א פראַגע.

— וואָס הײסט — ווער? שרײַבער וועלן שרײַבן, און לײענער וועלן לײענען...

— עט! — האָט ער אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט. — וויפל זײַנען געבליבן שרײַבער און וויפל לײענער?

— מיט אײַך, צי אָן אײַך?..

— איר לאַכט? איר מײנט, אַז איך האָב אַמאָל ניט געקענט מאַכן קײן גראַם, אונטערזוכן א ריפמע? ווען איך לאָז זיך ניט אַרײַן אין די בוכהאַלטערישע ביכער, וואָלט איך געשריבן פּאָעטישע ביכער, עס וואָלט אַזש געגאַנגען א רויך. נאָר מײלע, די רעדאַקציעס דאַרפן מיך ניט, דאַרף איך זײ ניט, און מיר זײַנען קוויט. איך האָב שוין געמאַכט א פּינקטלעכן כעזשבון... האַ־לעווײַ זאָל סטײַען מאַטעריאַל אַף אײנעם, צווײ נומערן!

— פאַרוואָס זײַט איר אַזוי סקעפּטיש גע־שטימט? — האָב איך זיך פאַרווּנדערט.

— ווײַל ס'איז געבליבן ווײניק...

— וואָס זשע, ווײסט איר דען ניט דעם קלאַל

פון די מאטראָסן: מיר זײַנען װײניק, נאָר אין די „טעלניאַשקעס"...

— אײַ, מיט אײַך ריידן... — האָט ער זיך פארקרימט. — איך רעד מיט אײַך ערנסט, און איר קומט מיט אײַערע כאָכמעס.

— װאָס איז דאָ שײַעך כאָכמעס, רעב לייזער, אַזוי איז דאָך עס...

— עט, מיט אײַך זיך אויסברײַען! אַזוי האָב איך אויסגעכעזשבנט, און אַזוי װעט זײַן! איך װייס, װאָס איך רעד. איר װעט אַמאָל מײַנע װערטער דערמאָנען...

די צײַט איז געגאַנגען, אַף דער ליכטיקער װעלט האָט זיך באַװיזן איין נומער, א צװײ־טער, א דריטער... איר נעמט דעם זשורנאַל „סאָװעטיש היימלאַנד" מיט פאַרגעניגן אין די הענט, איר לייענט דורך א פײַנע דערציילונג, א נאָװעלע, א ראָמאַן, אַן אַרטיקל און לידער, פּאָעמעס!

עס טרעפט זיך, געװיינלעך, אויך צעצויגענע, שװאַכע זאַכן, האַלעמײַ זאָלן מיר זיך שעמען און ניט אַרויסזאָגן דעם עמעס? אייניקע אױ־טאָרן פאַרגעסן אַמאָל א װיכטיקן קלאַל, באַזונ־דערס האָט עס א שײַכעס צו דער פּראָזע: מע פאַרגעסט װעגן די „טאָרמאָזן", א קװעטש טאָן אַפן פּעדאַל און זיך אָפּשטעלן. ס'איז אַװעק א מאָדע אַף ראָמאַנען...

סטײַטש, גאַזלאָנים, װוּ איז יוישער? — כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ דער לייענער. — װאָס פאַר א סטאָליער װעט זיך נעמען מאַכן א שאַפע, א דיװאַן, אויב ער האָט זיך נאָך ניט אויסגעלערנט האַלטן דעם הובל, די סטאַמעסקעס, דאָס הע־מערל אין דער האַנט, אויב ער װייסט נאָך ניט, װי־אַזוי מע קלאַפּט צונויף א פּאָשעטע טאַבו־רעטקע...

עס איז פאַראַן מאַטעריאַל האַלעװײַ אַף א דערציילונג, אַף א פאַרצייכענונג, איז מען ניט פֿויל, מע זעצט זיך אַװעק און מע שטוקעװעט צונויף א לאַנגן ראָמאַן מיט פּאַרזעצונגען...

האָט איר אַמאָל געלייענט בא די גרויסע שרײַבער „סקוטשנע" זאַכן? װעט איר בא זיי געפינען, כאָטש אַף א רעפּוע, איין נודנע גע־שיכטע?

פרעגט זיך א קאַשע — פאַרװאָס פאַרגעסן עס אָפּט אייניקע הײַנטיקע שרײַבער, װען זיי קו־מען אַרײַן אין זשורנאַל?

מיר לעבן אין א שטורמישער צײַט. דאָס לאַנד אונדזערס, דאָס סאָװעטישע פאָלק, דער־לייזט גרויסע פּראָבלעמען. מיר האָבן װוּנדער־לעכע העלדן. און אייניקע שרײַבער גריבלען זיך אָפּט אין אַזעלכע װינקעלעך, װאָס געפינען זיך אין א זײַט פון די גרויסע ליטעראַטור־מאַ־גיסטראַלן, מע װענדט זיך צו טעמעס, צו העלדן, װאָס זײַנען שוין לאַנג־לאַנג באַװיזן געװאָרן אין אונדזער ליטעראַטור. דאַרף מען דאָך, ברײ־דערלעך, האָבן גאָט אין האַרצן!

װאָס איז שײַעך פּאָעזיע, לידער, דאָ האָט מײַן אַלטיטשקער שאָכן לייזער פּאָטאָצקי זיך ניט אַרויסגעװיזן פאַר קיין נאָװי אַף קיין האָר ניט!

דער זשורנאַל האָט גוטע, טאַלאַנטפולע דיכ־טער. זייער שטים קלינגט פעסט אינעם אַל־געמיינעם כאָר פון אונדזער פילנאַציאָנאַלער סאָװעטישער דיכטונג. מיט אַזאַ דיכטונג, מיט אַזאַ געזאַנג װעלן מיר ניט פאַרשעמט װערן אַף די גרעסטע פעסטיװאַלן און פּאָעזיע־יאָמטױ־װים.

און דאָס איז גוט. און דאָס פרייט אונדז זייער שטאַרק.

נאָר װאָס װעלן מיר לייקענען, עס טרעפן צומאָל גאַנץ האַמעטנע לידער. לייענסט און טראַכסט: איך קען שװערן, אַז דאָס האָב איך שוין ניט איין מאָל געלייענט, אַזעלכע מאָטיװן האָב איך שוין פון לאַנג געהערט...

...אוי, דאַכט זיך, מיר האָבן זיך א ביסל אָפּ־געװענדט פון אונדזער לייזער פּאָטאָצקין...

יאָ, עס האָט שוין געהאַלטן באַם צענטן נומער פונעם זשורנאַל, און מײַן שאָכן האָט נאָך עפּעס אַלץ זיך ניט געלאָזט הערן. איך האָב שוין אָנגעהויבן זיך צו באַאומרויִקן: װאָס איז מיט אים? צי איז ער, כאָלילע, ניט קראַנק, װאָס מע זעט אים ניט? און עפּשער איז ער אַריבערגע־פאָרן אין א נײַער דירע, ערגעץ אין די קיִעװער טשעריאָמושקעס?

לאָזט זיך אויס, אַז ער איז געזונט און שטאַרק און װוינט נאָך אין זײַן אַלטער דירע. נאָר װאָס זשע, ער איז געװאָרן הויפּט־בוכהאַל־טער, און איצט האָט ער שוין אװאַדע ניט קיין פרײַע מינוט.

ניט לאַנג צוריק האָב איך אים באַגעגנט, האָט ער מיט א שמעװודיק שמייכעלע געזאָגט:

— איך האָב צו אײַך א באַקאָשע, צי קאָנט איר מיר ניט אַנטלײַען די ערשטע עטלעכע נומערן פונעם זשורנאַל?

— איר האָט דאָך אַמאָל געזאָגט, — האָב איך אים דערמאָנט, — אַז איר װעט דעם זשורנאַל אין די הענט ניט נעמען, אַז עס װעט סטײַען מאַטעריאַל אַף א פּאָר נומערן...

— מאַלע װאָס איך האָב אַמאָל געזאָגט! װאָס זשע מיינט איר, א בוכהאַלטער איז א קישעפ־מאַכער? ער האָט קיינמאָל ניט קיין טאָעס אין כעזשבן?.. איך האָב, עמעס, שפּעטלעך אָנגע־הויבן אויסשרײַבן און לייענען דעם זשורנאַל... איך בין זיך מודע, אַז ניט איך, נאָר איר זײַנט דעמלט געװען גערעכט. װען איך באַקום איצט א נײַעם נומער, לייען איך אים פון אַלעף ביז טאָף. קיין איבעריקע צײַט, װי איר װייסט, האָב איך ניט, נאָר מע גיט זיך אַן אייצע. אפילע

אין ארבעטס־קאבינעט בא זיך כאַפּ איך און לייען דורך א ליד, א דערציילונג. און איך דאַרף אײַך זאָגן, אז ס׳האָט מיך ארײַנגעשלעפּט אין א שטיקל הויצאָע — איך האָב שוין געקויפט נאָך צוויי פּאָליצעס, עס זאָל זײַן ווו אוועקשטעלן די זשורנאלן...

אנומלטן בין איך דורכגעגאנגען דורך דעם סעדל, וואָס אנטקעגן אונדזער הויז, און דערזען דאָרט מײַן שאָכן זיצן מיט נאָך אן עלטערן מענטשן.

— וואָס זשע, רעב ניסן, — האָט צו אים געטײַנעט לייזער פּאָטאָצקי, — עס איז דען א מוז, איר זאָלט אלץ לייענען, וואָס עס דרוקט זיך אין זשורנאל? אויב איר קענט ניט לייענען קיין לאנגע ראָמאנען, לייענט קורצע דערציילונגען, לידער. און אויב איר וועט בלויז איבערלייענען די כראָניק, וואָס עס טוט זיך אין דער וועלט, וועט עס אײַך אויך ניט שטערן. יעדער איינער קען אין זשורנאל געפינען זײַנס, דאָס, וואָס אים איז ליב. דעריקער, לייענט, איר וועט ניט כאראָטע האָבן!.. איך האָב אויך אמאָל געמיינט, אז עס איז העפקער פּעטרישקע, אלץ האָט זיך שוין געענדיקט. נאָר מיר פארמאָגן דאנקען דעם אייבערשטן, אין די שטעט פון אונדזער לאנד אזא בראנזשע שריפטשטעלער, וואָס אנדערע לענדער וואָלטן זיך נאָך געמעגט ווינטשן! און פאר די יאָרן האָבן זיי אָנגעשריבן א שיין ביסל גוטע זאכן, מיט וועלכע מע קען דערקוויקן די נעשאָמע...

איך בין געשטאנען בא דער זײַט, זיך צוגעקוקט צו מײַן לייזערן, זיך אײַנגעהערט אין זײַנע רייד און זיך געוווּנדערט. ווי א מענטש קאָן זיך ענדערן! און עפשער האָט זיך מיר דעמלט, דאָס ערשטע מאָל בלויז אויסגעוויזן, אז איך האָב צו טאָן מיט א גוואלדאָוונעם מאָרעשכוירעניק?

אָט דאָ ניט לאנג, גאנצפרי, ווען איך בין נאָך געשלאָפן, האָט זיך צעהילכט אפן טיש בא מיר דער טעלעפאָן.

„וואָס איז דאָס פאר אן אָנשיקעניש גאנצפרי מיט דער ראָשטשינע?״ — האָב איך א טראכט געטאָן און אופגעהויבן דאָס טרײַבל.

— גוטמאָרגן, איך האָב אײַך ניט אופגעוועקט? — האָב איך גלײַך דערקענט דעם שאָכנס שטים. — איר זאָלט מיר פארצײַען, וואָס איך קלינג אײַך אזוי פרי, — האָט געזאָגט לייזער פּאָטאָצקי. — עס איז עמעס, וואָס איך האָב געהערט זאָגן נעכטן אין סעדל? מע זאָגט, אז דער זשורנאל ווערט א באל־יויוול, פּופּצן יאָר איז ער שוין, קיין אײַנהאָרע, געוואָרן. דאָס איז עמעס?..

— יאָ, עמעס. אזוי ווי געוועזן דערבײַ! אקעגן וואָס פרעגט איר?

— אקעגן דעם, וואָס איך וויל אים צושיקן א באגריסונג פון זיך און פון אנדערע לייענער. נאָר איך ווייס ניט, וויאזוי אָנשרײַבן: אין פּראָזע, צי א שיר, דאָס הייסט א ליד. ווי איר זעט מיך א לעבעדיקן, האָב איך זיך נאָך ניט אָפּגעווינט מאכן גראמען...

דאָ האָב איך זיך שטארק פארטראכט, ניט ווּיסנדיק, וואָס אים צו ענטפערן. נאָר מײַן שאָכן האָט געווארט אף אן ענטפער, און איך האָב אים געזאָגט:

— איך מיין, אז די באגריסונג דעם באַל־יויוול, דאָס הייסט דעם זשורנאל צו זײַן פּופּצניאָריקן יובילײַ, דאַרפט איר אָנשרײַבן אין פּראָזע, ניט אין גראמען...

און ווי זשע אנדערש האָב איך אים געקענט ענטפערן? אויב ער וועט צושיקן זײַנע גראמען אין זשורנאל, קאָנען זיי דאָרט, כאָלילע, ניט געפעלן ווערן, און דער שאָכן מײַנער קאָן, גאָט באהיט, זיך צעבייזערן און אופהערן לייענען. וואָס זשע דארפן מיר פארלירן א געטרײַען לייענער?

מיט אים, מיט לייזער פּאָטאָצקין, טאָר מען ניט שפּאסן! ער פארשטייט ניט קיין כאָכמעס און קאָן אפסנײַ א טאָעס האָבן אין כעזשבן.

מיר דאכט זיך, אז ער האָט מיך געפאָלגט, לייזער, און די באגריסונג דעם זשורנאל האָט ער געשיקט אין פּראָזע.

די סאקאָנע איז אדורך.

הערש רעמעניק

דער „רונדער טיש" פון אונדזער ליטעראטור

ביז דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע איז אין יידיש קימאט ניט געווען קיין „דיקער" כויד־דעשלעכער זשורנאל פאר ליטעראטור און קרי־טיק.

אין סאָף 19־טן יאָרהונדערט האָבן אָנגעהויבן דערשײַנען די ערשטע יידישע פּעריאָדישע אויסגאבעס: מאָרדכע ספּעקטאָרס „דער הויז־פרײַנד", שאָלעם־אלייכעמס „די יודישע פאָלקס־ביבליאָטעק", י.־ל. פּערעצעס „יידישע ביבליאָ־טעק", „די יאָמטעוו־בלעטלעך". דאָס זײַנען אָבער נאָך ניט געווען קיין סיסטעמאטישע רע־גולערע פּעריאָדישע אויסגאבעס, קיין כוידעש־לעכע זשורנאלן, נאָר יאָרביכער, וועלכע האָבן עקזיסטירט א קורצע צײַט. אָט די אויסגאבעס האָבן געהאט א וויכטיקע ליטעראטור־היסטאָ־רישע באַדײַטונג אין דער אנטוויקלונג פון דער נײַער יידישער ליטעראטור. מיט שאָלעם־אליי־כעמס „יודישער פאָלקס־ביבליאָטעק" און פּע־רעצעס „יאָמטעוו־בלעטלעך" האָט די יידישע ליטעראטור אָנגעהויבן אינטענסיוו זיך פאר־בינדן מיטן געזעלשאפטלעכן לעבן.

א יאָרבוך איז אָבער ניט קיין כוידעשלעכער זשורנאל. א יאָרבוך קאָן ניט גאָר אקטיוו און דרינגענדיק זיך ארײַנמישן אין ליטעראַרישן פּראָצעס, טייקעף רעאגירן אף די לויפנדיקע דערשײַנונגען. דער יאָרבוך, דער אלמאנאך, אפילע ער גייט ארויס סיסטעמאטיש, קאָן ניט אונטערהאלטן אן ענגע סיסטעמאטישע פאַרבינדונג מיטן שרײַבער, מיטן לייענער, ער קאָן ניט צו דער צײַט רעאגירן אף די נײַע טענ־דענצן אין שעפערישן פּראָצעס און אזויארום סיסטעמאטיש ווירקן אף דער ליטעראטור, ריכטן איר אנטוויקלונג.

דער „דיקער" כוידעשלעכער זשורנאל איז פונעם 19־טן יאָרהונדערט אָן געוואָרן אין די ציוויליזירטע לענדער די באוועגנדיקע קראפט פון דער ליטעראטור, דער אָרגאניזאטאָר פון די ליטעראַרישע קויכעס, דער צענטער פון דער ליטעראַרישער אנטוויקלונג. אין דער רוסישער ליטעראטור איז באוווּסט, אז פּושקין האָט אף זיך גענומען די וויכטיקע פליכט פון אופווירקן אפן שעפערישן פּראָצעס, און ער איז געווען דער גרינדער פונעם זשורנאל „סאָווּרעמעניק" (1836). דעם דיכטער האָבן די מאכטהאָבער און די רעאקציאָנערן גיך אומגעבראכט. דער „סאָ־ווּרעמעניק" איז געוואָרן א ווירקנדיקער קויעך ערשט שפּעטער, אין די זעכציקער יאָרן, אונ־טער נעקראסאָווס אָנפירונג. די וויכטיקסטע דערשײַנונגען פון דער ליטעראטור זײַנען פאר־קערפּערט אין די רוסישע „דיקע" כוידעשלעכע זשורנאלן „אָטעטשעסטווענ:ע זאפּיסקי", „רוסקי וועסטניק", „רוסקאָיע סלאָוואָ", „רוסקאָיע באָ־גאטסטוואָ" און אנד.

אין דער יידישער ליטעראטור האָבן נאָך שאָלעם־אלייכעמס און פּערעצעס יאָרביכער און אלמאנאכן געהאט א באַדײַטונג די „ליטעראַ־רישע מאָנאטשריפטן" (1908—1909) און די „יו־דישע וועלט" (1912 — 1915). אידייִש זײַנען זיי געווען באגרענעצט מיטן גײַסט פון יידישן עסטעטיזם און מאָדערניזם. אָבער זיי האָבן גע־מוזט דרוקן אויך די ווערק פון שרײַבער־רעא־ליסטן. עס האָבן דאָרט זיך געדרוקט ניט בלויז דער ניסטער און א. ווײַטער, נאָר אויך די נײַע רעאליסטישע קויכעס פון דער יידישער ליטע־ראטור.

נאָך דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע, אין די יאָרן פון בירגער־קריג, זײַנען אופגעקומען די אלמאנאכן און זשורנאלן „קונסט־רינג" (1917, 1919), „אייגנס" (1918, 1920), „באגינען" (1919), „אויפגאנג" (1919). צוליב פארשיידענע סיבעס האָבן אָט די פּעריאָדישע אויסגאבעס ניט גע־האט קיין לאנגן קיִעם. מער דויערנדיק איז גע־ווען די עקזיסטענץ פון „שטראָם" (1922—1924), וועלכער האָט אָפּגעשפּילט א באזונדערע ראָל אין דער געשיכטע פון דער יידישער סאָ־וועטישער ליטעראטור. ניט געקוקט דערויף, וואָס די ליטעראַרישע קויכעס זײַנען געווען דעמלט צעשפּליטערט, האָבן אין „שטראָם" אנטפּלעקט זייערע שטארקע שעפערישע מעג־לעכקײַטן די דיכטער ארן קושניראָוו, שמועל האלקין, עזראָ פינינבערג, ליפּע רעזניק, מוישע כאשטשעוואצקי, שמועל ראָסין; עס האָבן זיך

אנטפּלעקט די פּראָזע־מײַסטערס איציק קיפּניס, שמואל גאָדינער, מ. דאניִעל (ד. מייעראָוויטש); דעביוטירט האָבן ד. כאָראָל, מ. שאַפּיראָ, ד. וואָלקענשטיין, א. שויכעט, א. וועלעדניצקי אאַ.; אין „שטראָם" האָבן געדרוקט זייערע ווערק די פאָרשטייער פונעם מער עלטערן דאָר שרײַבער — דאָוויד בערגעלסאָן, דער ניסטער, דאָוויד האָפשטיין, לייב קוויטקאָ, פּערעץ מארקיש; עס זײַנען ארויסגעטראָטן אין אָט דעם זשורנאל איציק פעפער און איזי כאריק.

א ברייט פארצווײַגטן כאראקטער האָט די ליטעראטור באקומען אין דער צווייטער העלפט פון די צוואנציקער און אין די דרײַסיקער יאָרן. אין דער צײַט קומען אויף די ליטעראַרישע זשורנאלן „די רויטע וועלט" (1924 — 1933), „דער שטערן" (1925 — 1941), „פּראָליט" (1928 — 1932), „פארמעסט" (1933 — 1937), „סאָוועטישע ליטעראטור" (1938 — 1941). באַנאנד דערמיט דערשײַנען די אלמאנאכן „אוקראַיִנע" (1926), „סאָוועטיש" (1934 — 1941), די וויסנשאפטלעכע ליטערארישֿ־פאָרשערישע אויסגאבעס „וויסנשאפט און רעוואָליוציע" (1934—1936), „וויסנשאפטלעכע יאָרביכער" (1929), „צײַטשריפט" (1926—1931) און אנד.

נאָך דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע איז די טריבונע פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור געווען דער אלמאנאך „היימלאנד" (1947—1948), וועלכער האָט א באזונדערע באדײַטונג. דער אלמאנאך האָט אָפּגעשפּיגלט די שווערע און קאָמפּליצירטע לאגע פון דער ייִדישער ליטעראטור נאָך די גרויסע פארלוסטן בײַס דער מילכאָמע, ווען די דײַטשישע פאשיסטן האָבן פארניכטעט די ייִדישע באפעלקערונג, רויִנירט די ייִשוּווים, ווו ייִדן האָבן געוווינט אין פארלויף פון יאָרהונדערטער, כאָרעוו געמאכט די צענטערס פון דער ייִדישער קולטור, נאָכדעם, ווי עס זײַנען העלדיש אומגעקומען אף די שלאכט־פעלדער פיר צענדליק ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער — קימאט א דריטל פון די שעפער פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור אין יענער צײַט. צווישן די אומגעקומענע זײַנען געווען אזעלכע באוווסטע שרײַבער, ווי ראָסין, גאָדינער, ווינער, גורשטיין, אָלעווסקי, הארצמאן, און יונגע אָנפאנגער, וועלכע האָבן געשטעלט זייערע ערשטע טריט און זײַנען געווען די האָפענונג פון דער ליטעראטור — ש. אײַזנווארג, וו. רעדקאָ, ס. לעלטשוק, ז. בארסוק.

פון דעם, וואָס איז אויבן געזאָגט, זעען מיר, אז דער זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד" האָט א רײַכע פארגאנגענהײַט, א שטארקע טראדיציע, אף וועלכער ער האָט פון זײַן ערשטן נומער אָן זיך אָנגעשפּארט. באנאנד דערמיט האָט דער זשורנאל געהאט גרויסע שוועריקײַטן, עס זײַנען פאר אים געשטאנען קאָמפּליצירטע אופגאבעס. וועלכע האָבן געפאָדערט זייער לייזונג.

דער זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד" האָט פאר דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור א היסטאָרישע באדײַטונג. מיט זײַן דערשײַנען איז געלייגט געוואָרן א וויכטיקער אָנהייב פון א נײַעם עטאפּ אין דער אנטוויקלונג פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור. קיין איין ייִדישער זשורנאל פאר די יאָרן פון דער ראטנמאכט האָט ניט געהאט אזא באדײַטונג, ווי דער זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד". דער נײַער זשורנאל האָט א טיראזש, וועלכן עס האָבן ניט געהאט אלע ייִדישע סאָוועטישע זשורנאלן צוזאמענגענומען. „סאָוועטיש היימלאנד" האָט א פארשפּרייטונג אין אלע לענדער, ווו עס וווינען ייִדן. וועגן אזא גרויסער לייענער־אודיטאָריע האָבן ניט געוווּסט די ייִדישע סאָוועטישע זשורנאלן ביז „סאָוועטיש היימלאנד".

„סאָוועטיש היימלאנד" איז מער ווי א זשורנאל. דאָס איז שוין איצט העכער אָנדערהאלבן הונדערט נומערן, וועלכע שליסן אײַן אין זיך 37 ראָמאנען, מער פון א האלבן טויזנט דערציילונגען און נאָוועלן, זיבן פּיעסן, פינף און דרײַסיק פּאָעמעס, העכער צוויי מיט א האלבן טויזנט לידער, מער פון הונדערט מיט פופציק פארצייכענונגען, בא א זיבן הונדערט ליטעראטור־קריטישע, ליטעראטור־היסטאָרישע און ליטעראטור־פאָרשערישע ארבעטן איבער די סאמע פארשיידענע פּראָבלעמעס פון דער הײַנטצײַטיקער ליטעראטור און פון דער ליטעראטור פון דער פארגאנגענהײַט, פילצאָליקע ביבליִאָגראפישע איבערזיכטן און רעצענזיעס, זיכרוינעס און אנדערע ליטערארישע מאַטעריאלן. דערבײַ האָבן מיר אינזינען, מאכנדיק אָט דעם כעזשבן, בלויז די פּראָזע, פּאָעזיע, דראַמאטורגיע און קריטיק פון די איצט שאפנדיקע און טעטיקע שרײַבער און ניט די פילצאָליקע מאטעריאלן און פובליקאציעס פון דער קלאסישער ליטעראטור ביז דער רעוואָליוציע, פון די עלטערע שרײַבערישע דוירעס נאָך דער רעוואָליוציע; מיר רעכענען ניט ארײַן אהער די פובליקירטע אין זשורנאל פילצאָליקע ווערק פון די סאָוועטישע שוועסטער־ליטעראטורן: פון דער רוסישער, אוקראַיִנישער, ווײַסרוסישער, מאָלדאווישער, גרוזינישער, אוזבעקישער, קירגיזישער, קאזאכישער און אנדערע; אהער זײַנען אויך ניט ארײַן די ווערק פון ייִדישע שרײַבער פון ייִסראָעל, פארייניקטע שטאטן פון אמעריקע, ארגענטינע, אורוגווײַ, פּוילן, פראנקרײַך און אנדערע לענדער, וואָס דער זשורנאל האָט פארעפנטלעכט אין אָט די יאָרן.

בא זײַן אנטשטיין האָט דער זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד" געהאט פאר זיך א ריי ניט קיין לײַכטע, אפילע קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען, וועלכע ער האָט געמוזט לייזן. מיט דער פּראָבלעם פון דער קלאסישער יערושע איז אונדזער ליטעראטור־וויסנשאפט פארנומען גאנץ ערנסט. עטלעכע צענדליק ארבעטן זײַנען אין זשורנאל געווידמעט די קלאסיקער מענדעלען, שאָלעם־אלייכעמען, פּערעצן. ס'איז אײַנגעפירט א שטענדיקער אָפּטייל פון דער קלאסישער ליטעראטור, ווו עס ווערן געדרוקט פאָרשונגען און פובליקאציעס. איך נעם אף זיך די פולע פאראנטוואָרטלעכקײַט צו דערקלערן, אז פונעם אידייִשן און וויסנשאפטלעכן שטאנדפּונקט זײַ־

נען די מאטעריאלן אף א הויכן ניוואָ, האגאם, זעלבסטפארשטענדלעך, ניט אלע זײַנען גלײַכווערטיק. וויכטיק איז דער פאקט גופא, וואָס דער זשורנאל האָט אָנגעווענדעט דעם וויסנשאפטלעכן מארקסיסטישן היסטאָרישן מעטאָד אין באצוג צו אונדזער יערושע, אויסמײַדנדיק דערבײַ סײַ דעם ניהיליסטישן, סײַ דעם אפּאָלאָגעטישן צוגאנג צו די ליטערארישע דערשײַנונגען פון דער פארגאנגענהײַט. אין אלגעמיין שטעלן מיט זיך פאָר די פארעפנטלעכטע מאטעריאלן א באשטימטן בײַטראָג אין דער פאָרשונג פון דער קלאסישער ליטעראטור אפן איצטיקן עטאפּ.

א צווייטע פּראָבלעם, וועלכע איז געשטאנען פארן זשורנאל, איז די אָפּשאצונג פון דער יערושע פון דעם ערשטן דאָר סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער. דאָ האָט זיך געהאנדלט ניט בלויז וועגן א פאָרמעלער באציִונג, נאָר וועגן דערלערנען, פּאָפּולאריזירן פארן לייענער און יארשענען די ווערט פון אָט דער טײַערער פאר אונדז אלעמען יערושע. און מע קאָן זאָגן, אז עס איז ניטאָ קיין איין סאָוועטישער ייִדישער שרײַבער פון די, וועלכע זײַנען געשטאָרבן אָדער אומגעקומען, און זײַן נאָמען און זײַן שאפן זאָלן ניט זײַן אָפּגעמערקט אזוי אָדער אנדערש אין „סאָוועטיש היימלאנד". דאָוויד בערגעלסאָן, דער ניסטער, אָשער שווארצמאן, דאָוויד האָפּשטיין, לייב קוויטקאָ, פּערעץ מארקיש, מוישע קולבאק, שמועל האלקין, ארן קושניראָוו, איציק פעפער, איזי כאריק, מוישע ליטוואקאָוו, מייער ווינער, שמועל גאָדינער, מ. דאניִעל, ארן גורשטיין, נויעך לוריע, שמועל ראָסין, יאשע זעלדין, מוישע כאשטשעוואצקי, יעכעזקל דאָברושין, זעליק אקסעלראָד, בוזי אָליעווסקי, מוישע טייף, מאָטל גרוביאן, איציק קיפּניס, שיקע דריז,—צענדליקער און צענדליקער בויער פון אונדזער ליטעראטור, וואָס לעבן שוין ניט, זײַנען אין זשורנאל ניט פארגעסן, ניט פארבײַגעגאנגען. דער זשורנאל האָט פּובליקירט זייערע ווערק, וועגן זיי געשריבן, דערמאָנט וועגן זיי דעם לייענער און גערופן אים געדענקען זייער שאפונג און זייערע פארדינסטן פאר דער ייִדישער ליטעראטור. „סאָוועטיש היימלאנד" געדענקט וועגן די רומפולע טראדיציעס פון דער קלאסישער ליטעראטור ביז דער רעוואָליוציע און וועגן די העלדישע טראדיציעס פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור נאָך דער רעוואָליוציע.

פונעם ערשטן טאָג פון זײַן עקזיסטענץ האָט דער זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד" געדענקט און קיינמאָל ניט פארגעסן וועגן אינטערנאציאָנאליזם און ברידערלעכער פארבינדונג מיט דער גאנצער סאָוועטישער ליטעראטור, וואָס איינער פון אירע אָטריאדן איז די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראטור. קיינמאָל זײַנען נאָך די פארבינדונגען פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור מיט דער ליטעראטור פון די פעלקער אין אונדזער לאנד, און באזונדערס מיט דער רוסישער ליטעראטור, ניט געווען אזוי ענג, ווי איצט. דער זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד", אלס אָרגאן פונעם שרײַבער־פארבאנד פון פּססר, לעבט מיטן לעבן פון דער פילנאציאָנאלער סאָוועטישער ליטעראטור, שטעלט די זעלבע פּראָבלעמען, פּאָפּולאריזירט די וויכטיקסטע סאָוועטישע שרײַבער און זייערע ווערק, און אונטערן צייכן פון די אלגעמיינע אופגאבעס, וואָס די קאָמוניסטישע פּארטיי שטעלט פאר דער ליטעראטור, לייזט ער די אופגאבן פון דער ייִדישער ליטעראטור.

„סאָוועטיש היימלאנד" האָט ניט פארגעסן די טראגעדיע פונעם ייִדישן פאָלק אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע אונטער דעם יאָך פון דעם קאניבאליסטישן היטלעריזם. די ייִדישע ליטעראטור אין ראטנפארבאנד פילט אויס סײַ איר אינטערנאציאָנאלע, סײַ איר נאציאָנאלע אופגאבע מיט דער מאָס פון הויכער פאראנטוואָרטלעכקײַט.

ענדלעך, וועלן מיר בארירן די פראגע וועגן פארבינדונג מיט דער ייִדישער ליטעראטור אין אויסלאנד. „סאָוועטיש היימלאנד" האָט אײַנגעשטעלט די סאמע פרײַנטלעכע באציִונגען מיט דער ייִדישער ליטעראטור פון פּוילן, רומעניע און מיט דער פאָרגעשריטענער ייִדישער ליטעראטור פון די קאפּיטאליסטישע לענדער: פראנקרײַך, ייִסראָעל, פארייניקטע שטאטן פון אמעריקע און אנדערע. אָבער אויך מיט די מער אָרנטלעכע און געוויסנהאפטע באגאבטע בירגערלעכע שרײַבער, וועמענס שאפן עס שטעלט פאָר אן אלגעמיינעם אינטערעס פאר דער אנטוויקלונג פון דער ייִדישער ליטעראטור, האָט „סאָוועטיש היימלאנד" אײַנגעשטעלט באשטימטע קאָנטאקטן. זעלבסטפארשטענדלעך, אונדזער זשורנאל וועט ניט אָפּטרעטן פון די פּרינציפּן פון דער סאָוועטישער ליטעראטור. מיר פארשטייען אָבער אויך די שווערע לאגע פונעם ייִדישן שרײַבער אין בורזשואזן אויסלאנד, דעם מאטעריעלן און גײַסטיקן דרוק אף אים מיצאד דעם פארלעגער, דעם רעדאקטאָר, דער פּרעסע, וואָס ברענגט אים אָפט ארײַן אין פארצווייפלונג.

די ייִדישע ליטעראטור אין דעם נײַעם עטאפּ פון איר אנטוויקלונג האָט געוווּסט אויך פון א ניט פאָרויסגעזעענעם אידייִשן קאמף. א גרופּע דיכטער און פּראָזאיִקער האָט אין פארלויף פון א ריי יאָרן געפירט א פּרינציפּלאָזן קאמף קעגן „סאָוועטיש היימלאנד" און, ווי שטענדיק, האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דער פּרינציפּלאָזער קאמף איז געווען באזירט אף באשטימטע פּאָליטישע „פּרינציפּן". נאָך דער אזויגערופענער „זעקסטאָגיקער" מילכאָמע, ווען דער זשורנאל האָט פארשטארקט דעם קאמף קעגן ציִעניזם, האָט די דאָזיקע גרופּע דעזערטירט פון דער סאָוועטישער ליטעראטור און עמיגרירט קיין ייִסראָעל. אייניקע פון זיי פירן דאָרט א געוויסנלאָזן קאמף קעגן דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור און קעגן דעם ראטנפארבאנד ביכלאל.

בא הײַנטיקן טאָג זײַנען אלע ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער פאראייניקט ארום דעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד". עס איז ניטאָ בא

אונדז קיין איין שרײַבער, וואָס זאָל זיך ניט דרוקן אין זשורנאַל. „סאָוועטיש היימלאַנד״ האָט ניט אָפּגעשטויסן קיין איין אויטאָר. ער איז דערפאַר אַנערקענט, ווײַל אַלע עכטע שעפער פון דער הײַנטצײַטיקער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור האָבן אַרײַנגעטראָגן און טראָגן אַרײַן אין אים זייערע ווערק, זייערע שעפערישע אופטוען, זייער באַגאַבונג און טאַלאַנט.

דער קויעך פונעם זשורנאַל איז אין זײַן אידיישער שעפערישער און קינסטלערישער קאַנסעקווענטקײַט, אין זײַן באַוווּסטזיניקער פּרינציפּיעלער טרײַהײַט די אידעאַלן פון דער פּילנאַציאָנאַלער סאָוועטישער ליטעראַטור. „סאָוועטיש היימלאַנד״ פירט די גאַנצע צײַט פון זײַן עקזיסטענץ אַ קאַמף פאַר הויך קינסטלערישער שאַפונג, וואָס שפּיגלט אָפּ דאָס לעבן פונעם סאָוועטישן פאָלק, די אופטוען פון די סאָוועטישע מענטשן אין אונדזער עפּאָכע. דער זשורנאַל פירט אַ קאַמף קעגן נאַציאָנאַליזם, ציוניזם און איינזײַטיקייט קעגן פאַרפלאַכן, וווּלגאַריזירן דעם דאָזיקן קאַמף.

אַז מע לייענט איצט די דערשינענע בענדער „סאָוועטיש היימלאַנד״ פאַר פופצן יאָר, שטייט אויף פאַר די אויגן אַ ברייט בילד פון אַ גאַנצער עפּאָכע אינעם לעבן פון אונדזער לאַנד, אין דעם לעבן פון דער ייִדישער באַפעלקערונג.

נאַטירלעך, פאַראַן ניט ווייניק בלויזן אין „סאָוועטיש היימלאַנד״. זיי זײַנען אומפאַרמײַדלעך אין יעדער אַרבעט, ווײַל די אַרבעט טוען לעבעדיקע מענטשן, ס׳איז אָבער קלאָר פאַר אַלעמען: די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער, יעדערער לויט זײַנע מעגלעכקײַטן, לויט זײַן טאַלאַנט, גיבן אָפּ דאָס בעסטע, וואָס זיי פאַרמאָגן, פאַר זייער זשורנאַל.

די לידער, די פּאָעמעס, די ראָמאַנען, די דערציילונגען, נאָוועלן, פּיעסן, די ליטעראַריש־קריטישע אַרטיקלען, פאַרשונגען, וואָס ווערן געדרוקט אין „סאָוועטיש היימלאַנד״, זײַנען פון פאַרשיידענעם ווערט און קוואַליטעט. אַ ליטעראַטור באַשטייט ניט בלויז פון גאוינים. זי ווערט געשאַפן פון אַלע שרײַבער. די ליטעראַטור איז אַ „רונדער טיש״, אַרום וועלכן עס פאַרנעמען אַן אָרט אַלע שעפער אירע. דער „רונדער טיש״ פון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור איז „סאָוועטיש היימלאַנד״. דורך קריטיק, דורך איבערזיכטן, באַהאַנדלונגען, בריוו פון לייענער האַלט דער זשורנאַל די האַנט אויפן פּולס פון דער ליטעראַטור.

די קריטיק אין זשורנאַל דאַרף נאָכשפּירן, ווי אַזוי עס ווערט געבויט די געבײַדע פון דער ליטעראַטור, ריכטן און פירן פאָרויס דעם פּראָצעס, פעסטשטעלן דאָס אָרט פונעם שרײַבער, זײַן „דירע״ אין דער ליטעראַטור, אונטערשיידן אַן עכטן שעפער פון אַ טומלער.

אין דער געשיכטע פון דער ליטעראַטור זײַנען באַוווּסט פאַלן, ווען, לעמאָשל, פאַדיי בולגאַרין האָט ניט בלויז געשריבן מעסירעס אויף פּושקינען, נאָר אים גערוידעפט; ווען שאָמער האָט אַרויסגעגעבן זײַנע „שפּאַנענדיקע״ ראָמאַנען אין צענדליקער טויזנטער עקזעמפּלאַרן, בייס מענדעלע האָט זײַנע ווערק געדאַרפט אַליין טראָגן צו די לייענער. איצט איז אַן אַנדער צײַט. ליטעראַטור איז בײַ אונדז אַ מעלוכע־איניען, אַ פאָלקס־אופטו. דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד״ איז אַן אָרגאַן פונעם סאָוועטישן שרײַבער־פאַרבאַנד. אין זשורנאַל ווערן אָפּגעהיט די הויכע קריטעריען פון דער גאַנצער פאַרבאַנדישער ליטעראַטור. הויך־קינסטלערישע ווערק וועגן דעם לעבן פונעם פאָלק — בלויז דאָס באַשטימט די ווערט פון ליטעראַטור און פון שרײַבער.

ביכער־גראַפיק



צו שמועל גאָרדאָנס בוך „פרילינג״. קינסטלער וו. לעווינסאָן

שמועל גאָרדאָן

דער טאָך...

קיין איין יובילײ, ווי באוווּסט, באגייט זיך ניט אָן זיכרוינעס. אומעטום איז דאָרט דער הויפּט־מעכוטן דער זיקאָרן. ווער עס זאָל זיך ניט ווענדן צום יובילאַר, הייבט ער אָן זײַן באגריסונג געוויינלעך מיט דעם, אז, ווי אים „געדענקט זיך", אָדער ווי אים „דערמאָנט זיך"... און קוים באוואָרנט זיך דער רעדנער מיטן דאָזיקן שפּרוך, האָט ער שוין פאר זיך אָן אָפענעם וועג, ווו יעדער קער און ווענד איז אים היימיש באקאנט: דער זיקאָרן פירט אים נאָך זיך, ווי איבער אָן אײַזערנער בריק.

עטוואָס ענלעכס קומט טיילווײַז אויך פאָר אין אונדזער הײַנטצײַטיקער יידישער ליטעראַטור. צי „זינדיקן" מיר ניט צופיל מיטן לאָזן באלעבאטעווען איבער זיך דעם זיקאָרן, וועלכער קאָן אונדז דעריקערשט דינען ווי א וועגווײַזער באם באשרײַבן די פארגאנגענהײַט, באם באלײַכטן דאָס, וואָס איז שוין געווען. די נאטור אָבער האָט דאָך אונדז באשאָנקען מיט נאָך איינער א וווּנדערלעכער צויבער־קראפט, — מיטן קויעך־האדימיען, וועלכער שיידט זיך אונטער פונעם זיקאָרן, מיט וועמען ער איז געקניפּט און געבונדן, דערמיט, וואָס ער איז ניט באגרענעצט אין צײַט און אין רוים, האָט ניט צו טאָן מיט דעם, וואָס איז זיך שוין פארלאָפן און מיר ווייסן עס שוין, נאָר מיט דעם, וואָס וועט זיך, צי קאָן זיך פארלויפן און מיר ווייסן עס נאָך ניט.

דאָס אריבערטראָגן זיך מיטן קויעך־האדימיען אין אָן אנדער וועלט, אינעם ווײַטן מאָרגן, איז געווען פאר אזעלכע, ווי מענאכעם־מענדל, אשטייגער, א מאָקעם־מיקלעט אף אויסצובאהאלטן זיך פונעם גרויען הײַנט, כאָטש אף א ווײַלע זיך אויסבאהאלטן אין די הימלשע לופטשלעסער פון דער ערדישער באָדנלאָזיקײַט און אויסזיכטלאָזיקײַט. אונדזער יידישע סאָוועטישע ליטעראַטור האָט שוין עטלעכע צענדליק יאָר ניט צו טאָן מיט באָדנלאָזע מענאכעם־מענדלס. בא אונדזערע העלדן איז דער הײַנט לאכלוטן אָן אנדערער און דער טרוים לאכלוטן אָן אנדערער. דאָס אריבערטראָגן זיך מיטן קויעך־האדימיען פונעם הײַנטצײַטיקן סאָוועטישן מענטשן פון דער קעגנוואַרט אין דער צוקונפט איז ניט פארבונדן מיט אויסבויען פאר זיך לופטשלעסער, נאָר מיטן דערזען פאר זיך דעם אויסגעטרוימטן רעאלן מאָרגנדיקן טאָג, און דערפאר איז אזוי גרויס דער צופלוס פון פאנטאסטישע ווערק אין דער פילנאציאָנאלער סאָוועטישער ליטעראַטור. אין דער פאנטאסטיק ווערט, באדינגלעך, פארשטייט זיך, באלויכטן דער מאָרגנדיקער טאָג, וועלכער איז, אין א געוויסן זין, שוין א טייל פונעם הײַנט. צי ניט אין דעם, וואָס מיר האָבן אָנגעהויבן צופיל „זינדיקן" מיטן זיקאָרן, דערקלערט זיך, וואָס אין דער הײַנטצײַטיקער יידישער ליטעראַטור איז ביז איצט נאָך ניט געשאַפן געוואָרן קיין איין פאנטאסטיש ווערק. און אויך קיין איין דעטעקטיוו ווערק. איעקאָ? ווו איז ער, דער קויעך־האדימיען אונדזערער, — ווילט זיך מיר ווענדן צו מײַנע קאָלעגן שרײַבער (ווי איך האָב זיך געהאט געווענדעט מיט יאָרן צוריק צו אונדזער קריטיק אין מײַן וואָרט וועגן דער הײַנטצײַטיקײַט פון אונדזער ליטעראַטור. „ווו איז די קריטיק?" אזוי האָט געהייסן מײַן דעמלטיק וואָרט „איעקאָ!?").

לאָזן מער באלעבאטעווען אין אונדזער שאַפונג דעם קויעך־האדימיען, ארײַנקוקן אָפטער און טיפער אינעם מאָרגן, הייסט ניט, פארשטייט זיך, אופהערן „זינדיקן" מיטן זיקאָרן, אופהערן דערציילן וועגן דעם נעכטן, נאָר אלץ דארף זײַן מיט א מאָס: דער נעכטן זאָל ניט פארשטעלן מיט זיך אין אונדזער ליטעראַטור דעם הײַנט און דעם מאָרגן. אָבער ביכלאל קעגן דעם זיקאָרן האָב איך כאָלילע גאָרניט. און ווי קאָן איך האָבן עפּעס קעגן אים, אויב ער, און ניט קיין אנדערער, האלט מיר די גאנצע צײַט אין איין אונטערזאָגן, כ'זאָל, הייסט עס, ניט פארגעסן אין דער באגריסונג מײַנער, וואָס איך שרײַב, צוווינטשן אונדזער יובילאַר דעם טראַדיציאָנעל־יידישן „דערלעבן ביז הונדערט און צוואנציק יאָר".

קיינער דארף מיר ניט אונטערזאָגן. כ'ווייס אליין זייער גוט, אז צו הונדערט און צוואנציק פעלט אויס אונדזער באל־יויוול נאָך גאנצע הונדערט מיט פינף יאָר, און פאר די הונדערט מיט פינף יאָר קאָן אינעם לעבן פונעם יובילאַר פאָרקומען אזוינס, וואָס קיין איין קויעך־האדימיען איז ניט אימשטאנד עס פאָרויסצוזען...

נאָר אויב דער קויעך־האדימיען קאָן מיר ניט אף אזויפיל באהילפיק זײַן, אז איך זאָל זיך בוילעט קלאָר פאָרשטעלן, וויאזוי וועט אין יענער ווײַטער צײַט אויסזען אונדזער יובילאַר, איז ער אָבער אימשטאנד מיר אויסמאָלן די געשטאלט פון א וויסנשאפטלעכן ליטעראַטורפאָרשער, צי גלאט פון א לייענער, וועלכער וועט אינעם צוויי טויזנט איין־און־אכציקסטן

יאָר זיך פאַרנעמען מיט דורכבלעטערן בלעטל נאָך בלעטל אַלע הונדערט מיט זעכציק נומערן פון אונדזער זשורנאַל, וואָס זײַנען דערשינען פאַר די אָנדערהאַלבן צענדליק יאָר אינעם דריטן פערטל פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

און אַז אינעם צווייטן טויזנט איין־און־אַכציקסטן יאָר, ווי אויך שפּעטער, וועט מען אין דער מאָסקווער לענין־ביבליאָטעק, אין דער לענינגראַדער סאַלטיקאָוו־שטשעדרין־ביבליאָטעק און אין אַנדערע גרויסע ביבליאָטעקן און ניט נאָר בא אונדז אין לאַנד אָנטרעפן אַזעלכע לייענער, איז זיכער ניטאָ וואָס צו סאָפּעקן. איך האָב אין די דאָזיקע און ענלעכע ביבליאָטעקן באַגעגנט לייענער, וואָס האָבן געבלעטערט פּע־ריאָדישע אויסגאַבעס ניט נאָר פון מיט הונדערט און צוואַנציק יאָר צוריק, נאָר פון פיל פריִער־דיקע צײַטן.

שײַעך, אַוואַדע ווילט זיך מיר איצט שוין וויסן, מיר, דעם ייִדישן סאָוועטישן שרײַבער, וואָס עס וועט טראַכטן וועגן אונדזער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור פון די זעכציקער און זיבעציקער יאָרן דער לייענער און ליטעראַטור־פאָרשער פון די אַכציקער יאָרן פונעם איין־און־צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. ווענדע איך זיך צו דעם קויעך־האַדימיען מײַנעם, און ער גיט מיך אַ טראָג אַריבער פונעם הײַנט אין יענער ווײַטער נאָך ניט אָנגעקומענער צײַט און שטעלט מיך דאָרט פאָר ווי אַ מענטשן, וואָס וועט פּרוּוון ענטפערן אַף אייניקע טײַנעס צי פראַגן, וועלכע וועלן בײַסן לייענען דעם זשור־נאַל זיכער אויפקומען, און אין קיין שום פאַל ניט ווי אַ שאַליִעך, וואָס איז געקומען זיך באַ־רעכטיקן, פאַרענטפערן.

אַז מע וועט דעמלט הויך אָפּשאַצן די גרויסע מײַסטערשאַפט פון דער מערהײַט פאַרעפנט־לעכטע ווערק, אין דעם איז לעבאַטכילע ניט געווען וואָס צו קווענקלען, כאָטש דער ליטע־ראַטור־פאָרשער האָט אָנגעווענדט באַם אָפּשאַצן די מײַסטערשאַפט שוין אַ סאַך אַ העכערע מאָס, איידער די, וועלכע מיר באַנוצן איצט.

אויסהערנדיק די הויכע אָפּשאַצונג וועגן דער מײַסטערשאַפט פון דער מערהײַט אונדזערע ווערק, האָב איך זיך פונדעסטוועגן אַרײַנגע־שטעלט מיט אַ וואָרט, ניט אויסבאַהאַלטן, אַז ניט שטענדיק האָט מען אין אונדזערע טעג ריכ־טיק אָפּגעשאַצט דאָס אָדער יענץ ווערק, — אייניקע האָט מען איבערגעשאַצט, אייניקע ניט דערשאַצט. טיילמאָל האָט זיך עס גענומען פון אַ זײַטיקן, ריין פּערזענלעכן צוגאַנג צו דער שאַפונג פון אייניקע שרײַבער... און וועגן דער נײַער מאָס פון אָפּשאַצן די נאָוואַטאָרישקײַט פון אַ ווערק, וועלכע עמעצער פון אונדזערע ליטעראַטור־פאָרשער האָט לעצטנס פּלוצעם דערפונדן, האָב איך אויך וואָס צו זאָגן. שטעלט מיך אָבער דער ליטעראַטור־פאָרשער פונעם איין־און־צוואַנציקסטן יאָרהונדערט גלײַך אָפּ: דער העכסטער און עמעסדיקסטער ריכטער איז די צײַט! און זי האָט שוין אָפּגעשאַצט. ער פירט מיך צו צו דעם גרויסן גלעזערנעם שראַנק, און איך דערזע פאַר זיך פּרעכטיק אַרויסגעגעבענע ווערק פון די, וועלכע זײַנען ביזן דערשײַנען אין אַ בוכפאָרם געווען פאַרעפנטלעכט אין „סאָ־וועטיש היימלאַנד”. ער איז דערמיט אויסן, ווי איך זע, ניט בלויז צו באַווײַזן מיר, אַז צווישן די אַרויסגעשטעלטע ביכער אין שראַנק פעלן אויס אייניקע ווערק פון די, וועלכע די קריטיק אין איר צײַט האָט פאַרלויבט, און אַז אַ טייל ווערק פון די, וואָס די קריטיק האָט ניט דער־שאַצט, פאַרנעמען אינעם זעלבן שראַנק אַ גאַנץ בעקאָוועדיק אָרט. ער וויל אָן איבעריקס מאָל מיר דערמאָנען, וואָס פאַר אַ היסטאָרישע באַ־דײַטונג עס האָט געהאַט דער זשורנאַל פאַר דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור, פאַר איר נײַעם גרויסן אָנהייב. און דאָס איז דער טאָך, וואָס וועגט אַלץ אַריבער!

— אָבער, — זעצט פאָר דער ליטעראַטור־פאָרשער פון די אַכציקער יאָרן פונעם איין־און־צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, — איך האָב אויך טײַנעס. ניט צוליב ריין עסטעטישן גענוס, וואָס עס פאַרשאַפט הויכע מײַסטערשאַפט, בלעטער איך דאָך בלעטל נאָך בלעטל דעם „סאָוועטיש היימלאַנד”. מיר, דעם לייענער און ליטעראַטור־פאָרשער פונעם 21־טן יאָרהונדערט, ווילט זיך וויסן, וויאַזוי האָבן געלעבט די סאָוועטישע ייִדן אין יענער ווײַט־פאַרגאַנגענער צײַט, און וועגן דעם קאָן קיינער אַזוי פּולקאָם און ביל־דעריש־אָנשוילעך ניט דערציילן, ווי די קינסט־לערישע ליטעראַטור, דער שפּיגל פונעם לעבן. אָבער ניט פון אַלע ווערק, פאַרעפנטלעכטע אין זשורנאַל, קאָן מען זיך וועגן דעם דערוויסן... כ'האָב געמיינט, אַז ער ווייסט ניט, וואָס פאַר אַ נײַע אומגעבונג עס איז אין די נאָכמילכאָ־מעדיקע יאָרן אויפגעקומען פאַרן ייִדישן סאָ־וועטישן שרײַבער, ווען ער האָט שוין ניט גע־האַט פאַר זיך דאָס ייִדישע שטעטל, דאָס ייִדי־שע דאָרף, די ייִדישע גאַסן און געסלעך... לאָזט זיך אויס, אַז ער ווייסט עס אַלץ, ער האָט ניט איין מאָל געלייענט וועגן דעם אין די דורכ־געבלעטערטע נומערן פונעם זשורנאַל.

— אָבער קיינער פון אײַך, ווער עס האָט וועגן דעם געשריבן, — זעצט ער ווידער פאָר, — האָט דאָך דערבײַ ניט געזאָגט, אַז אויס, ניטאָ שוין מער קיין ייִדיש לעבן, קיין ייִדיש סאָ־וועטיש לעבן. ווען דאָס זאָל געווען זײַן אַזוי, וואָלט איר דאָך דעמלט אַלע געשריבן נאָר וועגן דעם אַמאָל, זיך איבערגעגעבן אינגאַנצן אין רעשוס פונעם זיקאָרן און זיך געלאָזט פון אים אָוועקפירן אין דער ווײַטער פאַרגאַנגענ־הײַט. זע איך אָבער פאַר זיך אינעם ביכער־שראַנק אַ היפּש ביסל ווערק, וווּ דער שרײַבער דערציילט וועגן זײַנע מיטצײַטלער... אָט האָב איך די טעג געלייענט אַ וווּנדערלעכן בוך פון אַ רוסישן סאָוועטישן שרײַבער ב. וואַסיליעוו. אין זײַן בוך „די קאַיאָרן זײַנען דאָ שטילע” דערציילט וואַסיליעוו אויך וועגן אַ ייִדיש מיידל, אַ רויטאַרמייערן. ווי וואָלטן מיר, אַשטייגער, אויפגענומען דאָס זעלבע ווערק, ווען עס שרײַבט אָן אַ ייִדישער שרײַבער, נאָר ער טראָגט דער־בײַ אַרײַן איין ענדערונג: אַלע מיידלעך פון דער מיליטערישער אָפּטיילונג צוזאַמען מיט זייער

קאָמאַנדיר ווערן פאַרגעשטעלט ווי ייִדישע. בלויז איינע פון זיי איז ניט קיין ייִדישע. ווי מיסטעריש דאָס ווערק זאָל ניט געווען זײַן אָנגעשריבן, וואָלטן מיר עס אופגענומען ווי א פאַרקריפּלטע אָפּשפּיגלונג פון דער ווירקלעכקײַט. פון דעם דרינגט ניט, אַז אַ ייִדישער שרײַבער קאָן ניט און דאַרף ניט אָנשרײַבן א ווערק וועגן צען צי צוואַנציק מיידלעך רויט־אַרמייער, צווישן וועלכע בלויז איינע איז א ייִדישע. נאָר דאַן דאַרף ער דאָס ייִדישע מיידל באַשרײַבן שוין גאָר אַנדערש, באַשרײַבן אַזוי, אַז מע זאָל דורך דעם דערזען א טייל פונעם ייִדישן סאָוועטישן לעבן. און אַזוי האָט געדאַרפט ווערן באַשריבן דער ייִדישער אַרבעטער, דער ייִדישער קאָלווירטניק, דער ייִדישער וויסנשאַפטלער און קונסט־טוער. אָט דער דאָזיקער ברייטער פאַרנעם, מע זאָל דורך דעם ייִדישן געשטאַלט דערזען דאָס ייִדישע סאָוועטישע לעבן — פעלט אויס אין אייניקע ווערק, כאָטש זיי זײַנען געווידמעט דעם דעמלטיקן הײַנט.

— און וואָס נאָך וואָלט איר אונדז געראָטן, ווען איר וואָלט געווען אונדזערער א מיטצײַטלער?

— איר ווייסט, — ענטפערט ער מיר דערויף, — ניטאָ קיין לײַכטערע זאַך ווי געבן אייצעס, ביפראַט פאַרשפּעטיקטע אייצעס, און וועמען? שרײַבער!

— דאָך...

— ווײַבאַלד איר באַשטייט, איך זאָל אײַך פונדעסטוועגן עס זאָגן, איז הערט: ווען איך זאָל געווען לעבן אין אײַערע צײַטן און געווען זײַן א שרײַבער, וואָלט איך זיך באַמיט אויסגעפינען פאַר מײַנע ווערק אַזעלכע ייִדישע געשטאַלטן, דורך וועלכע איך זאָל קאָנען געבן א ברייט פאַראַלגעמיינערט בילד פונעם לעבן פון די ייִדן בא אונדז אין לאַנד. פאַראַן אַזעלכע געשטאַלטן. מע דאַרף זיי נאָר קאָנען געפינען. און דער, וואָס זוכט, דער געפינט. אויב ניט באַשרײַבן דאָס ייִדישע סאָוועטישע לעבן, ווערט די ליטעראַטור אויס ייִדישע, סאָוועטישע...

און צולעצט:

— ווען מע זיצט באַם שרײַבטיש, דאַרף מען שטענדיק האָבן פאַר זיך ניט נאָר דעם מיטצײַטלער, דעם הײַנטיקן לייענער, נאָר אויך דעם צוקינפטיקן לייענער פונעם ווײַטן מאָרגנדיקן און איבערמאָרגנדיקן טאָג...

אָף דעם האָט זיך פאַרענדיקט דער געשפּרעך צווישן מיר, דעם ייִדישן סאָוועטישן שרײַבער אין די סאָף זיבעציקער יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט, מיטן ייִדישן לייענער און ליטעראַטור־פאָרשער אין די אכציקער יאָרן פונעם איין־און־צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, מיט וועמען ס׳האָט מיך צונויפגעפירט אין די דאָזיקע טעג דער קויעך־האַדימיען...

■ ■ ■

שירע גאָרשמאַן

א ביטערע קרײַטעכץ — די קונסט

אַזוי ווי איך קען זיך אַליין בעסער פון אַלעמען, וועל איך רעדן וועגן דעם, וואָס מיך מאַטערט און מיך פרייט.

לויט מיר, מעג זײַן קנאַפּער געטאָקט, ווינציקער געפּײַלט, אבי מערער אָנגעגליט...

פאַרשטייט זיך, ס׳איז שווער צו געפינען אַזאַ כאָכעם, וואָס זאָל אָפּלייקענען מײַסטערשאַפט. אָבער אָפט קומט מיר אויס זי צו באַדויערן, ווײַל דאָס עסט אוף די זאַפטיקײַט, נאָגט אויס דעם געמאָגלאָבין.

„סאָוועטיש היימלאַנד" איז אַן ערנסטער, א קרעפּטיקער, א גוט צוגעקליבענער זשורנאַל. ניט איין גוטע ליד האָב איך געלייענט אָף די זײַטן פון „סאָוועטיש היימלאַנד", ניט איין גוטע דערציילונג האָט מיר פאַרשאַפט פרייד. פונדעסטוועגן, דאַרף זיך דער שרײַבער לערנען און לערנען, זיך ניט בלעזלען, ווי גריקענע קאַשע, ווײַל די האַצלאָכע כאַפּט זיך אַרײַן ניט אַלעמאָל.

שטענדיק, ווען איך לייען גאָר גרויסע דיכטער, פאַרגעדענק איך זייערע שורעס. אָט, צום בײַשפּיל: „יא וואַס ליוביל טאַק איסקרענאָ, טאַק ניעזשנאָ, קאַק דײַ וואַם באָג ליובימאָי ביט דרוגים". דאָ איז ניטאָ קיין בירגערלעכקײַט, קיין מוטיקײַט, קיין געוואַגטקײַט. אָבער די דאָזיקע שורעס אָטעמען מיט אַזאַ אומיטלבאַרקײַט, מיט אַזאַ אופריכטיקײַט, אין זיי איז אַרײַנגעגאָסן אַזאַ גינציקײַט, אַז עס ווילט זיך ניט גלייבן, אַז די ליבע איז אין דער פאַרגאַנגענהײַט. דאָס געפיל איז אַזוי בײַוועזנד, אַז עס פאַרקוועטשט אַזש דאָס האַרץ.

קאָן זײַן, אַז ציטירן די געוינים איז ריזיקאַל, אָבער בא וועמען דען זאָל איך זיך לערנען? באַגאַבונג איז ניט קיין פּריוואַט אייגנטום, דעריבער טאָר זי ניט וויסן פון קיין צופרידנקײַט, דאַרף זיך קיינמאָל ניט פּאַטשן אין בײַכל. עס איז דאָ א ווערטל, אַז א קו טרינקט וואַסער און גיט מילך. מיר, שרײַבער, דאַרפן געבן האָניק און מילך.

כ׳דאַרף זײַן שטענדיק אומצופרידן פון דעם, וואָס איך האָב שוין באַוויזן אופצוטאָן.

די גרעסטע מי לייג איך אוועק, קעדיי ניט איבערצוכאַזערן קיינעם, קעדיי זײַן אופריכטיק, אומיטלבאַר און עמעסדיק.

א סאַך מי פאָדערט זיך, קעדיי קיינער זאָל אין מײַן אַרבעט ניט באַמערקן, אַז איך בין נאַרישער, ווי איך בין. אָפט לייען איך זײַטלעך בא אייניקע מעכאַברים, וועלכע דערמאָנען מיר אין דעם, וואָס כ׳האָב שוין געלייענט און געוווּסט...

מיר זײַנען געבליבן ניט קיין סאַך, דעריבער מוזן מיר זײַן אופמערקזאַם איינער צום אַנדערן. כ׳באַמי זיך מיט אַלע קויכעס צו זײַן פליכטגרייט. כ׳וואָלט וועלן, און, מיר דאַכט, אַז עס וואָלט געווען געווונטשן, מיר זאָלן זײַן ניט פאַרשווענדעריש צווישן זיך. איך בין שטענדיק גרייט זיך לערנען בא די גרויסע, איך באַמי זיך אַרײַנטראָגן „האָניק און מילך", קעדיי „סאָוועטיש היימלאַנד" זאָל אין דער צוקונפט ווערן אַלץ אינהאַלטסרײַכער, טיפער, באַלערעוודיקער.

יעכיעל טשיטשעלניצקי

מיט דער מאָס פון אונדזערע פּינפּיאָרן

„סאָוועטיש היימלאַנד" אַרבעט שוין אין מעשעך פון דרײַ פּינפּיאָרן. עס איז בעפּיירעש געזעצמעסיק און באַרעכטיקט אָנצוווענדן בע־נעגייע אונדזער זשורנאַל און זײַנע אופטועון יענע צײַט־מאָס, וועלכע איז אַרײַן אין בלוט און פלייש פון די סאָוועטישע מענטשן און מיט וועלכער עס ווערט געמאָסטן די גוורע פון אונדזער פאָלק.

אין די „פּיאַטילעטקעס" — אין די פּינפּיאָר־פּלענער — ווערן פאַרקערפּערט יעדעס מאָל נײַע גרויסע אידייען. די דאָזיקע אידייען ווערן דער־נאָך מאַטעריאַליזירט אין הידראָעלעקטראָסטאַנ־ציעס מיט מעכטיקײַטן, וואָס איבעראַשן די וועלט, אין אויטאָמאַטישע קאָסמישע אַפּאַראַטן, וועלכע פליִען דורך פאַנטאַסטישע שטרעקעס, שטײַגן אַראָפּ אויף אַנדערע פּלאַנעטן און ברענ־גען אַהין ווימפּעלען מיטן הערב פונעם סאָוועטנ־פאַרבאַנד.

לויט אָט די פּלענער וואַקסן אויס נײַע שטעט, ווערן אויפגעבויט הונדערטער און טויזנטער, מיט דער מאָדערנסטער טעכניק אויסגעשטאַטע, פאַבריקן און זאַוואָדן.

און דאָס אַלץ האָט זיך פאַר זיך איין ציל: הע־כערן נאָכאַנאַנד דעם מאַטעריעלן וווילזײַן פו־נעם סאָוועטישן מענטשן, רײַכער מאַכן זײַן גײַסטיק לעבן.

שטעלט דען ניט אונטער „סאָוועטיש היימ־לאַנד" זײַן פּלייצע, טראָגט דען ניט אַרײַן אונד־זער זשורנאַל זײַן בײַטראָג אין די אופטועון פו־נעם סאָוועטישן פאָלק? אָט פאַרוואָס עס ווילט זיך אויך זײַן דורכגעמאַכטן וועג, אויך זײַנע באַמיונגען מעסטן מיט דער צײַט־מאָס פון די סאָוועטישע „פּיאַטילעטקעס".

אַלזאָ, דרײַ „פּיאַטילעטקעס" — דרײַ פּינפּיאָרן פון די נײַן, וואָס דעם סאַכאַקל זייערן האָט אונ־טערגעפירט דער XXV פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר.

ווי געמיין און נישטיק עס זעען איצט אויס די ציוניסטישע און אַנדערע אַנטיסאָוועטישע קאָרטן־טרעפערס מיט זייער נעוויִעס־זאָגן וועגן דעם קיִעם פונעם זשורנאַל.

— אַ יידישער זשורנאַל אין סאָוועטנרוס־לאַנד, — האָבן געקאַרקעט די שוואַרצע ראָבן, — איז דורכויסיקע פּראָפּאַגאַנדע. און אויב אפילע אַזאַ זשורנאַל האָט אָנגעהויבן צו דערשײַנען, וועט ער לאַנג ניט אויסהאַלטן, ווײַל אין סאָ־וועטנפאַרבאַנד איז ליקווידירט די יידישע קול־טור און ליטעראַטור...

נאָר די צײַט, זעען מיר, האָט געשטעלט צו שפּאָט און צו שאַנד די דאָזיקע לײַט. „סאָווע־טיש היימלאַנד" האָט דורכגעמאַכט וווּנדערלע־כע פופצן יאָר און הייבט אָן זײַן פערטע „פּיא־טילעטקע".

מע האָט מיר אין רעדאַקציע דערציילט, אַז אין אָנפאַנג — דער זשורנאַל האָט צווערשט גע־האַט אַכט בויגן און איז דערשינען איין מאָל אין צוויי כאָדאָשים — איז געוועזן ניט גרינג זיך אָפּדרוקן אין אים. דער שטראָם פון ליטעראַ־רישע ווערק איז געווען אַזאַ געדיכטער, דער רעדאַקציע־פּאָרטפעל — אַזוי געפּאַקט, אַז ס'איז אויסגעקומען „אײַנשטעלן אַ ריי" פאַר אויטאָרן.

אײַנגיכן אָבער איז געוואָרן אַ ביסל געראַ־מער. די סאָוועטישע מעלוכע איז געקומען צו־הילף, דער זשורנאַל, אין אַ פאַרנעם פון צען דרוקבויגן, האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין כוידעש־לעך. עס איז צוליב דעם אויסגעטיילט געוואָרן צוגאָבלעך פּאַפּיר, באַדײַטנדיק איז פאַרגרע־סערט געוואָרן דער האָנאָראַר־פאָנד און אַנ־דערע געלט־מיטלען אויף הויצאָעס, וואָס זײַנען נייטיק, קעדיי אָפּטער אַרויסלאָזן דעם זשורנאַל.

נאָר דאָס מערקווירדיקע באַשטייט אין דעם, וואָס אויך הײַנט — אין פופצן יאָר אַרום, ווען דער זשורנאַל פאַרמאָגט שוין צוועלף דרוק־בויגן, רופט ער אַליין אַרויס אַזאַ אַקטיווקײַט אין דער ליטעראַרישער סוויווע, אַז דער רע־דאַקציע־פּאָרטפעל איז שטענדיק פול און ס'איז פאַראַן אַ מעגלעכקײַט צו מאַכן אַן אויסוואַל פון מאַטעריאַלן באַם צונויפשטעלן דעם אָרדנט־לעכן נומער, נעמענדיק אין באַטראַכט די אויס־געוואַקסענע באַדערפענישן און פאָדערונגען פו־נעם לייענער.

ס'איז קעדײַ דאָ צו דערמאָנען, אַז ווען די רעדאַקאָלעגיע פונעם זשורנאַל האָט געהאַלטן פאַר צוועקמעסיק צו פאַרברייטערן די רובריקע „פּובליציסטיק", נאָר אַזוי, ס'זאָל ניט שאַטן דער קינסטלערישער ליטעראַטור, האָט דער שרײַ־בער־פאַרבאַנד אָנגענומען אַ באַשלוס צו פאַר־גרעסערן „סאָוועטיש היימלאַנד" נאָך אויף צוויי דרוקבויגן, אויסטיילנדיק ווידער די נייטיקע מאַטעריעל־טעכנישע מיטלען.

דער אדרעס פון „סאָוועטיש היימלאנד״ — מאָסקווע, קיראָוו־גאַס, 17, איז פּאָפּולער אין פיל לענדער פון דער וועלט, און מענטשן, קלײַבנדיק זיך אין א טוריסטן־רײַזע קיין סאָוועטנפארבאנד, פארשרײַבן דעם דאָזיקן אדרעס אין זייערע רײַזע־בלאָקנאָטן.

עס קומען געסט אין רעדאקציע קימאט א קײַלעכיק יאָר, נאָר דערהויפּט זומער־צײַט, בייסן טוריסטן־סעזאָן. מע קומט גרופּעסווײַז און אייַנציקווײַז, פון ווײַטע און נאָענטע לענדער — מענטשן פון פארשיידענעם עלטער, פון קאָלערליי סאָציאַלע שיכטן און באשעפטיקונגען, און אויך פארשיידענע לויט דער וועלט־אופאסונג.

דער דיאַלאָג מיט די אויסלענדישע געסט איז שטענדיק אן אָפנהארציקער, א פּרינציפּיעלער, טיילמאָל — א פּאָלעמיש־פארשארפטער. מיט דעם טאקע זײַנען די באזוכן אינטערעסאנט און נוצלעך.

אין פארלויף פון אלע פופצן יאָר האָבן די מיטארבעטער פון „סאָוועטיש היימלאנד״ ניט געקארגט קיין צײַט אף באגעגענישן מיט געסט פון אויסלאנד. די רעדאקציע האָט עס געטאָן און טוט עס, אָפּגעבנדיק זיך א כעזשבן, ווי וויכטיק עס זײַנען די קאָנטאקטן, וועלכע זײַנען אין טאָך גענומען א באשיידן טיילעכל פון די ברייטמאסשטאביקע מאָסמיטלען, וואָס עס פארווירקלעכט אונדזער סאָציאַליסטישע מעלוכע אף צו פעסטיקן די פרײַנטשאפט צווישן די פעלקער.

דערפאר איז אזוי אָנגענעם צו זען, באם געזעגענען זיך, ווי עס לײַכטן די פּענעמער בא די געסט פון אויסלאנד, גלײַך זיי וואָלטן אָקאָרשט אנטפּלעקט פאר זיך עפּעס ביז גאָר באלערעוודיקס.

אונדזער היימלאנד איז איצט צוגעטראָטן צו פארווירקלעכן דעם צענטן פינפיאָריקן פּלאַן. „סאָוועטיש היימלאנד״ שטייט אף דער שוועל פון זײַן פערטן פינפיאָר.

די לייענער, די פרײַנט פונעם זשורנאל, אלע די, וואָס זײַנען באקאנט מיט זײַן אקטיוון, שעפעריש־אומרויִקן ארבעטס־סטיל, זײַנען זיכער, אז פּונקט ווי אין די פארגאנגענע פופצן יאָר, וועט ער אויך אין זײַן נײַער „פיאַטילעטקע״ שטענדיק זוכן און אָפּזוכן פאר זיך א ווירדיק אָרט אין די אלפאָלקישע באמיִונגען.

דאָרט, ווו „סאָוועטיש היימלאנד״ ווערט געדרוקט. באם לינאָטיפּ.

ריווע באַליאַסנע

וויפל דאנקבארע טעמעס פאַראַן

איך האָב ליב מענטשן. מײַן גאַנץ לעבן בין איך ארומגערינגלט מיט פרײַנט. די ערגסטע שטראָף פאר מיר וואָלט געווען אײנזאמקײַט. און דאָך, ווען איך טראכט וועגן מײַנע פרײַנט, כאַפּ איך זיך בא איין געדאנק: ליב האָבנדיק, קאָן איך אויך ניט זײַן אַף אזויפיל בלינד, איך זאָל בא דעם סאמע נאָענטסטן ניט זען, כוץ מײַלעס, אויך די כעסרוינעס זײַנע. עס ווילט זיך, אז מענטשן זאָלן זיך וואָס גיכער באפרײַען פון די פלעקן פון דער פארגאנגענהײַט: קינע, צורפאסלערײַ, ניט־אופריכטיקײַט.

איך וואָלט מיט גרויס פארגעניגן געלייענט א בוך פון א סאלטיקאָוו־שטשעדרין פון אונדזער צײַט. געוויינלעך, ער וואָלט זיך טיף אונטערגעשיידט פון יענעם געניִאלן סאטיריקער — די פערסאָנאזשן ניט ענלעך, די ארומיקע סוויווע גאָר אן אנדערע, — אָבער די דערציִערישע פונקציע וואָלט געבליבן די זעלבע.

אונדזער ליטעראטור און קונסט האָבן ניט ווייניק ווערק געווידמעט דער טעמע פון מאָראל און דערציִונג פון דעם נײַעם מענטשן. וועגן דעם האָט גערעדט אַפן XXV פארטיי־צוזאמענפאָר דער גענעראל־סעקרעטאר פונעם צענטראל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פארטיי פונעם סאָוועטנפארבאנד דער כאווער ל. אי. ברעזשניעוו.

א דירעקטע שײַכעס האָט עס אויך צו דער ייִדישער ליטעראטור און צו „סאָוועטיש היימלאנד״, וועלכער אקומולירט דאָס בעסטע, וואָס עס שאפן די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער. אונדזער זשורנאל האָט פיל פארדינסטן, דערגרייכונגען. אָבער וויפל דאנקבארע טעמעס זײַנען נאָך געבליבן ניט באלויכטן! וויפל העלדן ווארטן נאָך אַף קינסטלערישער פארקערפערונג! מיר באגעגענען זיי אומעטום — אין ביראָבידזשאן און אַפן באם, אין די וויסנשאפטלעך־פאָרשערישע אינסטיטוטן, אין דער אינדוסטריע און אין דער לאנדווירטשאפט. דאָס לעבן רופט, און מיר טאָרן ניט אָפּשטיין.

יעשועַ ליובאָמירסקי

וואָס איז פאר מיר פערזענלעך וויכטיק אין „סאָוועטיש היימלאנד״

ס׳איז א גרויסע פרייד, וואָס אונדזער זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד״ האָט שוין הינטער זײַנע פלייצעס גאנצע פופצן יאָר.

מיר, ייִדישע שרײַבער, האָבן אזוי געטרוימט... וואָס זאָג איך — געטרוימט? מאמעש געכאלעשט, אז ס׳זאָל אָנהייבן דערשײַנען אזא ברייטפארנעמיקער, דרייסטער לויטן געדאנקען־אויסדרוק, טיכטיקער און ציכטיקער זשורנאל.

אין אָט דער געשעעניש איז דאָס אינטערעסאנטסטע: דער זשורנאל האָט געהאָלפן דער אנטפלעקונג פון גרויסע באגאבונגען, דעם אופבלי פון טאלאנטן, וואָס ערשט ווען זיי האָבן גענומען זיך רעאליזירן אין „סאָוועטיש היימלאנד״, זײַנען זיי ניסגאלע געוואָרן, ווי גרויסע שרײַבער.

איך האלט זיך בעקיוון אָפּ פון אָנרופן נעמען, ס׳איז פאראן א לאטײַניש שפּריכוואָרט: Nomina sunt odiosa. אין ייִדיש: וועסט אָנרופן נעמען — וועסטו זיך אָנפרעגן סאָנים...

צוריק שמועסנדיק, פארשפּאָר איך אָט די שעפערישע פערזענלעכקײַטן אָנרופן בא די נעמען: יעדערער, ווער עס לייענט די גאנצע צײַט דעם זשורנאל, וועט זיך אָנשטויסן, וועמען מע מיינט...

דער זשורנאל האָט אויך געפּאָקט און געמאָזלט. צום גליק, האָט זיך דאָס דאָזיקע קינד ארויסגעוויזן פאר אזא קרעפטיקס און לעבנספעיִקס, אז עס האָט גיוווער געווען פארשיידענע אָנשיקעכצן, און דאָס איז געשען דערפאר, וואָס ארום אים, ארום אונדזער זשורנאל, האָבן זיך געזאמלט זאפטן, וועלכע האָבן אים גוט געפּילנעוועט.

די רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימלאנד״ האָט ארום זיך צונויפגעזאמלט א באדײַטנדיקע פלעיאדע שרײַבער, וועלכע האָבן געהאט כיישעק צו ארבעטן, ארבעטן און ארבעטן. מע איז קוידעמקאָל געווען אָנגעשפּירט צו אופשטעלן דאָס בילד פונעם הײַנטצײַטיקן לעבן פון די ייִדן אין סאָוועטנפארבאנד. נאטירלעך, האָט מען באדארפט קאָמאנדירן שרײַבער אין פארשיידענע ווינקעלעך פונעם לאנד, ווו עס געפינען זיך באדײַטנדיקע ייִדישע קיבוצים, קעדיי געוווירע ווערן, וועלכע ענדערונגען זײַנען פאָרגעקומען אינעם לעבן פון די סאָוועטישע ייִדישע מאסן.

דער אָטשערקיסט פון „סאָוועטיש היימלאַנד“, ווען ער האָט זיך אוועקגעלאָזט אין זײַן רײַזע צו באַטראַכטן דאָס נײַע לעבן פון די ייִדן אין פאַרשיידענע ראַיאָנען, האָט שוין מיט זיך ניט געפירט אַ טאָרבעלע בענקעניש אין סטיל, לאָמיר זאָגן, פון אָנויכיס „רעב אבע“, ניט געקעכלט רעמיניסצענצן, לעמאָשל, וועגן קאַסרילעוקער רעב יויזעפלעך. אינעם מויעך פונעם שאַליעך האָבן זיך שוין געבאָמבלט גאָר אַנדערע סוואָרעס, דעהײַנע: צי איז בײַ ייִדן שוין אינגאַנצן, גאָט צו דאַנקען, אַטראָפירט דער כיישעק צו „ספּעציפישע“ פּאַרנאָסעס, צי גייען די נײַע העלדן פון אונדזער ליטעראַטור געגנוג גיריק צום סטאַנאָק, צום טראַקטאָר, צום קאָמבײַן.

אַ גרויסן אינטערעס האָבן בײַ די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ דערוועקט די דערציילונגען, עסייען, אָטשערקן פון די פריִער זעכציקער יאָרן וועגן דער בויונג אין פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך, וווּ די ייִדן, וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע, האָבן אימפּעטפול זיך אַ נעם געטאָן — האַנט בײַ האַנט מיט די האָרעפּאַשניקעס פון אַנדערע פעלקער פון ראַטנפאַרבאַנד — אופשטעלן דאָס, וואָס די פאַשיסטישע האָרדעס האָבן כאָרעוו געמאַכט, אָדער לעגאַמרע פאַרניכטעט.

צווישן די אָטשערקן, וואָס האָבן פאַר אונדז פאַנאַנדערגעוויקלט בילדער פונעם לעבן פון די ייִדישע האָרעפּאַשניקעס אין פאַרשיידענע מעקוימעס פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, זײַנען אַלעמאָל געווען אינטערעסאַנט די, וווּ עס איז געשילדערט געוואָרן דאָס לעבן און שאַפן פון די איבערוואַנדערער, וועלכע געפינען זיך אין ביראָבידזשאַן. אונדז האָבן אינטערעסירט פאַרשיידענע אַספּעקטן: דער עקאָנאָמישער, סאָציאַלער און קולטורעלער. ניט איין מאָל האָבן מיר אין „סאָוועטיש היימלאַנד“ געלייענט גוטע בסורעס וועגן אָט דעם ייִשעוו, וווּ עס האָבן פעסט זיך אײַנגעאָרדנט די איבערוואַנדערער, וועלכע האָבן געגלייבט אין דער פּילצואָגנדיקער צוקונפט פון דעם רײַכן קאַנט.

אין די לעצטע יאָרן האָט די רובריקע אָטשערקן גאָר באַדײַטנדיק זיך באַרײַכערט אַדאַנק דעם, וואָס די רעדאַקציע דרוקט קימאַט אין יעדן נומער פונעם זשורנאַל בריוו פון לייענער. די בריוו זײַנען קוידעמקאָל וויכטיק דערמיט, וואָס זייערע אווטאָרן פאַרינטערעסירן אונדז מיט אַ שלאַל יעדיִעס מיקויעך פאַקטן און געשעענישן, וועגן וועלכע מיר האָבן געהאַט ניט קיין פולע פאָרשטעלונג. פון די קאָרעספּאָנדענצן ווערן מיר געווירע וועגן דער טעטיקײַט פון בעעמעס נאָבעלע מענטשן, וואָס פאַרדינען, אַז זייערע נעמען זאָלן באַקאַנט ווערן. די בריוו פאַרמאָגן נאָך איין מערקווירדיקע אייגנטימלעכקײַט: אייניקע פון זייערע אווטאָרן זײַנען פּאָטענציִעלע שטענדיקע מיטאַרבעטער פון „סאָוועטיש היימלאַנד“: מע קאָן האָפן, אַז גופע די דאָזיקע קאָרעספּאָנדענצן וועלן זיי אַרײַנציִען אין ליטעראַריש־שעפערישער אַרבעט...

און נאָך איין מײַלע פון אַזעלכע בריוו: עס ווערן אין זיי אַרײַנגעטראָגן נוצלעכע פאָרשלאָגן. איך האָב געלייענט אַ בריוו, וווּ מע לייגט פאָר אײַנפירן אינעם זשורנאַל אַ זײַטל אָדער צוויי פאַר קליינע קינדער, עס זאָלן געדרוקט ווערן מײַסעלעך, מעשאָלים, לידער, רעטענישן, שפּריכווערטער פאַרן יונגן דאָר. מיר געפעלט אַזאַ פאָרשלאָג.

אַ געזעלשאַפטלעכער פאַרדינסט סײַ מיצאַד דער רעדאַקציע, סײַ מיצאַד די שרײַבער־מיטאַרבעטער זײַנען די פאַרעפנטלעכטע מאַטעריאַלן — ראָמאַנען, עסייען, פּאָעמעס — וועגן דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. דאָס איז פאַרשטענדלעך: יעדערער פון אונדז האָט אַזוי אָדער אַנדערש איבערגעלעבט די דאָזיקע געשעענישן. מע טאָר זיי קיינמאָל ניט פאַרגעסן!

באַזונדערס רירנדיק זײַנען די דאָקומענטאַלע שילדערונגען אין דער רובריקע „אויף די שפּורן פון געשעענעם“. אין אַ סאַך פון אָט די מאַטעריאַלן באַקאַנען מיר זיך מיט איבערלעבונגען פון מענטשן, וועלכע זײַנען אַלפּי־נעס ניצל געוואָרן פונעם פאַשיסטישן געהענעם. זיי זײַנען פולווערטיקע איידעס וועגן די שוידערלעכע אַכזאָריעסן, וואָס די בעסטיִאַלע פאַרדאַרבער האָבן אָפּגעטאָן. די איידעס זײַנען באַרופן אויספירלעך צו דערציילן וועגן אָט די פּאַסירונגען אונדזערע קינדער און קינדס־קינדער, קעדיי די יוגנט זאָל געדענקען, וואָס פאַר אַ גרויסער אויספּרוּוו עס איז אויסגעפאַלן אויפן גוירל פונעם ייִדישן פאָלק, ווי פון אַנדערע ברידערלעכע סאָוועטישע פעלקער. און זאָל אונדזער יוגנט שטאָלצירן, וואָס דאָס ייִדישע פאָלק איז ניט אַרײַנגעפאַלן אין ייִעש און נעמט אַ טיכטיקן אָנטייל אינעם אופבוי. זאָל די יוגנט ניט פאַרגעסן, ווי איבערגעגעבן און געטרײַ האָט די סאָוועטישע רעגירונג געטאָן אַלץ, וואָס ס׳איז מעגלעך געווען, קעדיי צו ראַטעווען די שייריסהאַפּליִטע פונעם ייִדישן פאָלק...

ס׳איז ניט שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז דער קאָנטינגענט פון די לייענער פון אונדזער זשורנאַל באַשטייט אין זײַן מערהײַט פון מענטשן, וועלכע זײַנען ניט ייִנגער פון פופציק יאָר. געוויס לייענען זיי גערן די אָטשערקן, וווּ עס ווערט באַלויכטן דאָס לעבן און די מי פון הײַנטצײַטיקע אַרבעטער, קאָלווירטניקעס, פאָרשטייער פון דער טעכנישער אינטעליגענץ.

און דאָך זײַנען אינעם עלטערן דאָר פאַראַן געגנוג ליבהאָבער פונעם געדרוקטן ייִדישן וואָרט, וואָס זיי איז געשמאַק צו לייענען זיכרוינעס, מאַכמעס אין זיי שפּיגלען זיך אָפּ מאָמענטן, וועלכע זײַנען די באַיאָרטע מענטשן ליב און טײַער. דעריבער רעכן איך, אַז די רעדאַקציע פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“ דאַרף שטענדיק מיט אינטערעס זיך באַציִען צו אַזאַ מאַטעריאַל. פאַרשטייט זיך, ביטנײַ, אויב אָט די שריפטן זײַנען באַלערעוודיקע, נוצלעכע.

אין דעם פּראַט האָט „סאָוועטיש היימלאַנד״ ביז איצט פיל אופגעטאָן. גענוג צו דערמאָנען די זיכרוינעס פונעם פאַרדינסטפולן אַקטיאָר און רעזשיסער בּיניאָמין שווארצער וועגן זײַן לעבן און שאַפן — א בלאט געשיכטע פונעם יידישן טעאַטער אין רוסלאַנד און אינעם סאָוועטנפאַר־באַנד. ניט ווייניק פּלאַץ איז אינעם זשורנאַל אָפּגעגעבן געוואָרן די מאַטעריאַלן וועגן אַזעלכע קינסטלער און געזעלשאַפטלעכע טוער, ווי שאַץ־אַניק, לייב פּולווער, יוסף קאַלין אאַ. זייער גוט, וואָס „סאָוועטיש היימלאַנד״ פאַרגעסט ניט אין דער ליטעראַרישער ירושע. לעצטנס איז אײַנגעפירט געוואָרן א ביז גאָר נוצלעכע רובריקע „געדענק־דאַטעס״. ס׳איז בא מיר קיין שום ספק ניט, אז די דאָזיקע טראַדיציע וועט די רעדאַקציע אויך אַף ווײַטער פאַרזעצן פּונקט אַזוי סיסטעמאַטיש, ווי ביז איצט.

פון די פּובליציסטישע רובריקעס געפעלן מיר באַזונדערס די „קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע״. דאָס זײַנען טעמפּעראַמענטפולע, טרעפלעכע קאָנטראַטאַקעס פון דער רעדאַקציע, דאָרט, ווו ס׳איז נייטיק צו פאַרטיידיקן דעם קאָוועד פון אונדזער אידעאָלאָגיע קעגן פײַנטלעכע אָנפאַלן; זייער ציל איז אַרײַנטראָגן קלאָרקײַט אין וויכטיקע איניאָנים, וואָס אין דער אויסלענדישער יידישער פּרעסע זײַנען זיי ביבכינאַס פּלאָנטער. אַף אַזעלכע ווירדיקע קאָנטראַטאַקעס וואַרט דער ערנסטער לייענער מיט אינטערעס.

אז מיר טרעטן צו צו דער אָפּשאַצונג פון א פּעריאָדישער אויסגאַבע, מוזן מיר ערנסט באַטראַכטן די שפּראַך אירע. ס׳איז בעעמעס פרייִדיק, וואָס „סאָוועטיש היימלאַנד״ שטייט אייפערדיק אַף דער וואַך פון דער ריינקײַט פון דער ליטעראַרישער יידישער שפּראַך.

א סאַך ווערק, וואָס זײַנען אָפּגעדרוקט אין אונדזער זשורנאַל, זײַנען אָנגעשריבן אין א פאָלקסטימלעכן נוסעך. עמעס, מיר געפינען דאָרט ניט ווייניק נײַע ווערטער, וואָס מיט זיי איז באַרײַכערט געוואָרן די לעקסיק פון אלע שפּראַכן פונעם ראַטנפאַרבאַנד אינעם נאָכאָקטיאַבערישן צײַט־אָפּשניט. מיר קאָנען אָבער ניט באַשולדיקן די אווטאָרן פונעם זשורנאַל אין מיסברויכן מיטן באַנוץ פון אינטערנאַציאָנאַלע טערמינען — זיי ווערן באַנוצט דעמלט, ווען עס איז צוועקמעסיק.

אין מעשעך פון א סאַך יאָרן, וועדליק איך געדענק, קומען פאָר צווישן די יידישע שפּראַךקענער דיסקוסיעס בענגייע אויסנוצן העברעיִזמען און סלאַוויזמען אין דער יידישער ליטעראַטור. מײַן דערפאַרונג זאָגט מיר אונטער, אז דער ריכטיקער שטאַנדפּונקט איז אַזאַ: דערלויבן זיך אַרײַנטראָגן העברעיִזמען אין א ליטעראַריש ווערק איז דערלאָזבער בלויז דעמלט, ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַזעלכע, וואָס האָבן זיך אײַנגעוואָרצלט אין דער יידישער פאָלקסשפּראַך און זיי פאַרבײַטן מיט „דײַטשישע״ איז זינלאָז (צום בײַשפּיל: מילכאָמע, שאָלעם, באַלעבאָס, באַלעגאָלע, יאָמטעוו, ניצאָכן, טאַכלעס, גאַנעוו, גאַזלען, צאָרע, נעקאָמע, דײַגע, דאַלעס, רעכילעס, גזיירע, שוווע, מאַזל, האַצלאָכע, האַנאָע, מעכוטן, כעזשבן, גוויר, קאַפּצן, קײַסן, דירע, מעסירע, מיצווע). דער זעלבער קלאַל באַדאַרף אונדז דינען, ווי אַן אָריִענטיר, בעשאַס מיר נוצן סלאַוויזמען און א סאַך זעלטענער — אַנגליציזמען.

אָט מיר, לעמאָשל, איז שווער זיך אָפּזאָגן פון אַזעלכע רוסישע ווערטער, ווי דאָקוטשען, ביידעווען, סאַמאָוואָלעץ, מאָלאָדיעץ, פון אַזעלכע אוקראַיִניזמען, ווי הוליאַנקע, ריטשקעלע, קרענעצע, פידפּאָלעק, טשאָבאָטעס. פון אַזעלכע פּאָלאָניזמען, ווי פּאָסטעמקעס, פּאָראָנדקעס, שאַנעוועס. פון אַזעלכע אַנגליציזמען, ווי בּיזנעס, אָלרײַטניק.

די געדאַנקען, וועלכע איך האָב דאָ אַרויסגעזאָגט, זײַנען אַן ענטפער אַף דער פראַגע: וואָס פאַר מיר פערזענלעך איז וויכטיק אינעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד״?

ביכער־גראַפיק

די שריפט־קאָמפּאָזיציע אַפן שמוץ־טיטל אין שיפרע כאַלאַדענקאָס לידער־זאַמלונג „דאָס וואָרט״.
קינסטלער וו. לעווינסאָן.

אווראָם גאָנטאר

די ליד, וואָס באַגלייט אונדז

די לירישע ליד באַגלייט אונדז דאָס גאַנצע לעבן — פונעם וויגל און ביזן לעצטן וועג.

אין דער פריִער קינדהייַט זויגן מיר אייַן די קישעפדיקע קלאַנגען צוזאַמען מיט דער מאַמעס מילך, אין דער יוגנט באַגלייט די ליד אונדזער ערשטע ליבע, די ליבע צום היימלאַנד, אין די שענסטע יאָמטויווים, באַם געדעקטן טיש, פאַרנעמט זי דעם אויבנאָן. אויך אין לעצטן וועג באַגלייט דעם מענטשן די טרויער־ליד, וואָס איז אין דער זעלבער צייַט א הימן פאַר דעם, וואָס האָט דורכגעמאַכט א ווירדיק לעבן.

און ניט נאָר דעם דיכטער באַגלייט די ליד דאָס גאַנצע לעבן — בא אַלעמען נעסטעט זי זיך אין האַרצן.

קינדווייַז האָבן מיר אין די פּאַרנאַכטן זיך אייַנגעהערט אין די סומנע פאַרטראַכטע ניגונים, וואָס האָבן זיך דערטראָגן פון די הינטערגעסלעך, ווו עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן דאָס דאָרף. מיר פלעגן זיך אָפּשטעלן הינטער די פענצטער, ווו די נייטערנס האָבן גענייט זייער גענייי און אויסגעזונגען די ביטערע דאָליע. נאָר ניט בלויז דעמלט, אויך אין אונדזער צייַט איז די לירישע ליד א שטיק פון דער פאָלקס־נעשאָמע.

די וועלט פונעם דיכטערס אידייען און געפילן, זייַנע איבערלעבונגען, וועלכע ליגן אין גרונט פון זייַן שאַפונג, שפיגלען שטענדיק אָפּ די ווירקלעכקייַט, וואָס רינגלט אים אַרום. די רעאַלע וואָר באַשטימט דעם כאַראַקטער פון זייַן אינערלעכער וועלט, דעריבער איז עכטע דיכטונג הייַנטצייַטיק, אַקטועל און אויך פאָלקסטימלעך.

איך וועל געוויס שטענדיק געדענקען מאַיאַקאָווסקיס אָן אויסדרוק, דעם זאָג זייַנעם, אַז פּאָעזיע איז ענלעך צום אַרויסבאַקומען ראַדי. אַף א גראַם מעטאַל א יאָר מי.

פאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע מי דאַרף אַרייַנגעלייגט ווערן אין דער טיף פונעם ווערק, און ניט געפּאַטערט ווערן אַף צונויפלעכטן די סטראָפע. די טענדענץ אַף צו זאָגן אַזוי, ווי עס לאָזט זיך, איז ניט דערלאָזבאַר אין דיכטונג. די ווילדע אינווערסיע איז, ווי א הויפן שאַרפע גלאָז־שפּליטערס, אַף וועלכע דער לייענער איז געצוווּנגען צו קלעטערן; די אָפּוועזנהייַט פון אינערלעכער האַרמאָניע, ריטם און מעלאָדישקייַט זייַנען ניט קיין סימאָנים פון נאָוואַטאָרישקייַט, נאָר גיכער סימאָנים פון א טעמפּן אויער, אָפּוועזנהייַט פון געשמאַק און אומבאַהאָלפנקייַט.

דער סאָוועטישער יידישער ליטעראַטור האָט אָפּגעגליקט מיט דער לירישער דיכטונג. אָשער שוואַרצמאַן איז געווען אין דעם פּראַט דער טאָנגעבער. זייַנע ווונדערלעכע לידער וועגן נאַטור און ליבע זייַנען גלייַך געוואָרן כרעסטאָמאַטישע. די ליריק פון דאָוויד האָפשטיין, איציק פעפער, איזי כאַריק ליגט אין גרונט פון דער שאַפונג פון אָט די דיכטער. אַפילע פּערעץ מאַרקיש, דער שעפער פון די גרעסטע עפּישע לייַוונטן אין אונדזער פּאָעזיע, איז ניט ווייניקער גרויס אין זייַן ליריק.

א באַזונדער אָרט פאַרנעמט דאָ שמועל האַלקין. ער האָט דערהויבן די לירישע ליד צו א הייך, וואָס עס וועט זי ניט גרינג זייַן איבערצושטייַגן.

האַלקינס לירישער העלד ווערט אַנטפּלעקט ניט דורך טאַטן און געשעענישן, נאָר דורך דעם גייַסטיקן צושטאַנד, דורך א באַשטימטער לעבנס־סיטואַציע אין דעם געגעבענעם מאָמענט. דאָס געשטאַלט פון זייַן לירישן העלד גייט דורך אין זייַן גאַנצער שאַפונג, קימאַט יעדע ליד איז א דערגאַנצונג, נאָך א שטריך. ס'איז נייטיק צו דערמאָנען, אַז עס טאָר ניט געשטעלט ווערן קיין גלייַכצייכן צווישן לירישן העלד מיט דער פּערזענלעכקייַט פונעם דיכטער, כאָטש עס עקזיסטירט אַן אייניקייַט צווישן דעם דיכטערס שאַפן מיט זייַנע עסטעטישע באַגריפן און לעבנס־פּאָזיציעס.

האַלקינס ליד איז שטענדיק הייַנטצייַטיק, שטענדיק נייַ.

אין איינער א ליד, ווו דער דיכטער פאַרטראַכט זיך איבער דער פּראָבלעם פון הייַנטצייַטיקייַט, ווערט געזאָגט אַזוי:

און אויב ניט הייַנט, איז מיט א מאָרגן ווייַטער,
ווען ס'וועט דער טאָג זייַן הויך און
אויסגעלייַטערט, —
וועט אויך מייַן ליד זיך אָנזען אומגעריכט
מיט שאַרפן צייַט־צייכן אַפן געזיכט.

ווײַל ווי אין טונקלקײַט אויך טאָג־ליכט דאָ איז,
אַזוי איז אין מײַן ליד די צײַט פאַרמישט.

פאַר די אַנדערהאַלבן צענדליק יאָר האָט דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" אויסגעכאַוועט אַ גרויסע גרופּע לירישע דיכטער.

מוישע טײַף, וועלכער האָט אָנגעהויבן זײַן וועג נאָך מיט אַ סאַך יאָרן פאַר „סאָוועטיש היימלאַנד", האָט זיך פאַקטיש אויסגעפורעמט אויף די זײַטן פון אונדזער זשורנאַל, און דאַפקע מיט זײַנע פּרעכטיקע אַזויגערופענע „שטילע" לידער, וואָס זײַנען געווידמעט עסטערלען, מיט די לידער „אַנאַ פראַנק", „קיכעלעך און זעמעלעך".

אויף די זײַטן פון זשורנאַל איז אויסגעוואַקסן מאָטל גרוביאַן. טאַקע אין די לעצטע פופצן יאָר האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט זײַן באַזונדערער גאַנג, זײַן וואָרט, „וואָס האָט אַנדערש געזאָגט דאָס, וואָס איך האָב געמיינט..." יאָ, ער האָט אַלעמאָל געזאָגט אַנדערש, אויף זײַן אופן, דאָס, וואָס מיר האָבן געמיינט.

צווישן אַלעמענס לידער וועט דער געניטער לייענער גלײַך דערקענען, ווער עס האָט אָנגעשריבן, לעמאָשל, אַזעלכע שורות:

שטייט דער רעגנבויגן פונקט איבערן דאַך —
איין העלפט האָב איך —
ווען אַ צווייטן — כ'וואָלט אַ רייף געמאַכט,
אים געקײַקלט מיט אַ שטעקן איבער גאָר
דער וועלט;
ווו ס'איז פינצטער אין אַ פענצטער,
דאָרט וואָלט איך זיך אָפּגעשטעלט...

אַמאָל קאָן זיך דאַכטן, אַז מאָטל גרוביאַן האָט ניט געבויט די סטראָפע לויט די אָנגענומענע קלאַלים. דאָס דאַכט זיך אָבער בלויז! לייענט אופמערקזאַם זײַנע לידער „צו מײַן אַקטריסע", „דער אַלעפבייס", „מײַן טיפּאָגראַפיע" — אַלע זײַנע לידער, וועט איר זען, ווי געזעצמעסיק עס איז דער געבוי זייערער. די סטיכיישקײַט פון גרוביאַנס ליריק, די אומדערוואַרטקײַט אירע איז נאָוואַטאָריש.

אויך שיקע דריז איז געוואָרן דאָס, וואָס ער איז, אויף די שפּאַלטן פון „סאָוועטיש היימלאַנד". זײַנע לידער פאַר דערוואַקסענע און פאַר קינדער האָבן באַקומען פליגל ערשט אין די לעצטע קאַרגע אַנדערהאַלבן צענדליק יאָר. אָנגעהויבן האָט ער מיט לידער, וואָס האָבן זיך ווייניק אויסגעטיילט אינעם גרויסן כאָר פון דער סאָוועטישער פּאָעזיע. אָבער אין די לעצטע יאָרן האָבן זײַנע קינדער־לידער איבערגעשפּאַנט די גרענעצן פון דער נאַציאָנאַלער ייִדישער פּאָעזיע און געוואָרן אַ דערשײַנונג אין דער אַלגעמיינער סאָוועטישער ליטעראַטור, פונקט אַזוי, ווי דאָס איז מיט פיל יאָרן צוריק געשען מיט לייב קוויטקאָס קינדער־לידער.

איטשע באָרוכאָוויטש, דאָרע כײַקינע, ריווע באַליאַסנע — דאָס זײַנען דיכטער מיט אייגענע שטימען. באָרוכאָוויטשעס לעצטע זאַמלונג „באַם שײַטער פון יאָרן" איז אַ סאַכאַקל פון זײַן שאַפן, אין איר איז אײַנגעשלאָסן געוואָרן דאָס בעסטע, וואָס דער יונג־פאַרשטאָרבענער דיכטער האָט געשאַפן, — אַלע אַפאָריסטישע מיניאַטיורן, וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט אין „סאָוועטיש היימלאַנד". די לידער וועגן קריג, וועלכע זײַנען דורכגעדרונגען מיט „ווײ און מוט", רופן זיך איבער מיט צאַרטע געזאַנגען וועגן ליבע צום היימלאַנד.

מיר גלייבן מיטן גאַנצן האַרצן דעם דיכטער, ווען ער זאָגט:

איך ווייס גענוי: עס וועט מיר קלעקן מוט
אַרויס אַנטקעגן נײַעם בליץ פון פײַער...
מענטשהײַט, כ'האָב דיך ליב!
דו ביסט מיר טײַער,
נאָך טײַערער פון אייגן לײַב און בלוט.

די לידער פון דאָרע כײַקינעס נײַעם בוך „פון אַלע מײַנע וועגן", וואָס איז דערשינען אין סאָף פון פאַריקן יאָר, זײַנען קימאַט אַלע געווען פאַרעפנטלעכט אין אונדזער זשורנאַל. דאָס זײַנען לירישע לידער, פול מיט אומרו און באַדאַכטקײַט, פול מיט ליבע און מוטערשאַפט.

אין „סאָוועטיש היימלאַנד" זײַנען אויך פאַרעפנטלעכט געוואָרן צענדליקער לידער־ציקלען פון ריווע באַליאַסנע, וואָס טיילן זיך אויס מיט זייער טעמפּעראַמענט, די האַרציק־היימישע, גוטע לידער פון שיפרע כאַלאַדענקאָ, מאָטל טאַלאַליעווסקיס לידער און פּאָעמעס, וועלכע זײַנען אָנגעזעטיקט מיט בירגערלעכן פּאַטאָס, די לידער פון כאַים ביידער, פיניע קירזשאַנסקי, מישע מאַגילעוויטש און אַנדערע.

עס וואָלט געווען ריכטיק צו באַהויפּטן, אַז דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" איז פון אָנהייב פון זײַן עקזיסטענץ דער אַקומוליאַטאָר פון דיכטערישער ענערגיע. דאָ זײַנען פאַרפעסטיקט געוואָרן און זיך אויסגעקריסטאַליזירט די, וואָס רעפּרעזענטירן אַצינד די ייִדישע סאָוועטישע פּאָעזיע.

עס דאַרף באַקומען איר אָפּשאַצונג די לירישע שאַפונג פון אַרן ווערגעליס. דער דאָזיקער דיכטער איז אַלצײַנס שטאַרק און אייגנאַרטיק סײַ אין זײַן ליריק, סײַ אין דער פּובליציסטישער און סאַטירישער ליד. ס'איז באַוווּסט מאַיאַקאָווסקיס זאָג, אַז די סאַטירע איז דער בעסטער באַווײַז פון אונדזער ריינקײַט. ווערגעליסעס סאַטיריש וואָרט איז אין דער ערשטער ריי געווענדט קעגן דער בורזשואַזער מאָראַל. אין די לעצטע יאָרן זײַנען די פײַלן זײַנע געצילט אין ציִוניזם, אין די הערצער פון די פאַרפירער און פאַרדאַרבער.

אָבער איצט ווילט זיך זאָגן וועגן ווערגעליסעס ליריק.

נאָך אין דער ערשטער העלפט פון די דרײַסיקער יאָרן האָט דער דיכטער געמאָלדן:

ווילסט ליכט און וואַרעמקײַט — צינד אָן
אליין א שײַטער,
און ווילסטו היימלעכקײַט, איז בוי אליין
דײַן היים!

בײַם דער מילכאָמע האָט ער געזונגען עכטע לירישע לידער וועגן דער הארבער צײַט פון קריג, וועגן דעם שלאכטמאן, וואָס וואָלט לויט דער לאָגיק געדארפט פארגעסן אין הארציקײַט. ניין, ווערגעליסעס לירישער העלד בלײַבט צארט און מענטשלעך אין די שווערסטע אומשטענדן.

ווען פלאמען בושעווען אף ברענענדיקן פעלד,
עס דוכט, אז כאָרעוו ווערט א האלבע וועלט,
דײַן אייגן לעבן כאָרעוו ווערט,
נאָר אָט דערטראָגן זיך פון די גראָזן א
געזאנג,
און בא דעם וואָרצל פון אן אָפּגעברענטן
זאנג
די מורעשקע נאָך האָרעוועט.

אין אן אנדער ליד:

די שטוב און דעם סאָד האָט א פײַער
פארברענט,
דיביימער פארקוילט און די פויגל פארטריבן,
נאָר איינער אליין, ווי ס'וואָלט גאָרניט געשען,
אין כורבן, אין בראָך א פאָנטאַן איז געבליבן...

דאַפקע דורך די פרידלעכע דעטאלן, וואָס ווערן קעגנגעשטעלט דער גרויזאמקײַט פון קריג, פון כורבן און צאָרן, דערגייט אין דער פולער מאָס דאָס, וואָס איז פאָרגעקומען. ווערגעליס האָט עס פארשטאנען און אויסגענוצט אין זײַן ליד, וועלכע איז דערמיט געוואָרן טאַקע נאָר זײַנע. דער, וואָס האָט עס געטאָן נאָך אים, איז שוין געווען עפּיגאָניש, האָט שוין נאָכגעמאכט.

די קראַפט פון ארן ווערגעליסעס ליד באַשטייט אין דעם, וואָס זי גייט שטענדיק מיט אן אייגענעם סטעזשקעלע און עס שרעקט ניט דעם דיכטער, אויב דאָס סטעזשקעלע שלענגלט זיך אף א געפערלעכער הייך, אָפּגעווײַטערט פונעם אויסגעטראָטענעם וועג.

...ס'וועט ניט העלפן, דיר, מענטש, ניט דײַן מי,
ניט דײַן קלאָלע,
האָסט געפאטערט אומזיסט סײַ דעם קוי'ך, סײַ
די טעג.
גיי אראָפּ פונעם וועג, גיי אראָפּ פון דער
קאָליע,
נעם אף רעכטס, ציי אף לינקס — קלאַפּ אליין
דורך א וועג.

אין די לידער פון זײַן „ליבע־ציקל", וועלכע ווערן פון צײַט־צו־צײַט פארעפנטלעכט אין „סאָוועטיש היימלאנד", בלײַבט ארן ווערגעליס געטרײַ דעם זעלבן געבאָט — אויך צו זײַן ליבע גייט ער מיט אייגענע וועגן און שטעגן.

איך מיין, אז די קריטיק אונדזערע איז נאָך ביז איצט געבליבן א באַלכויוו דער דיכטונג, און באַזונדערס דער לירישער. די קורצע רעצענזיעס אף די דערשינענע ביכער, וואָס ווערן פארעפנטלעכט אין „סאָוועטיש היימלאנד", זײַנען ניט גענוג סײַ פאר דעם פּאָעט, וועלכער דארף עפּעס אָפּלערנען פון דער קריטיק, סײַ פאר די לייענער, וואָס דארפן ריכטיק אָריענטירט ווערן.

פארשטייט זיך, אז מיר וואָלטן געקאָנט אָנווײַזן אף א ריי כעסרוינעס אין אונדזער ליריק, אָבער הײַנט איז יאָמטעוו...

יעכיעל שרײַבמאַן

אונדזער זשורנאַל

פּופּצן יאָר איז ניט גאָר קיין סאך. זיי זײַנען, דאכט זיך, אפילע גאָר גיך איבערגעפלויגן.

פאר א יידישן זשורנאַל אָבער אין אונדזער צײַט, פאר א זשורנאל א ליטעראַרישן אף יידיש, וואָס איז ארויסגעגאנגען כוידעש בא כוידעש אָן אָפּשטעל, יעדן כוידעש בא צוויי הונדערט אָנגעפּיקעוועטע זײַטן, אין קיין איין כוידעש אף קיין איין טאָג, קאָן מען זאָגן, ניט פארשפּעטיקט, איז פופצן יאָר גאָר־גאָר ניט ווייניק.

איך טראַכט איצט וועגן אונדזער זשורנאל

מיט מײַן גאַנצער ערנסטקײַט און אַכרײַעסדיקײַט. די דאָזיקע פופצן יאָר קײפּלען זיך, ווערן מערער, לענגער. וואָס וואָלט געשען, ווען דער זשורנאַל איז, כאָלילע, אין זיי נישטאָ? וואָלטן זיך אָנגעזאַמלט די ווערטער, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט? וואָלט נאָך געקאָנט גיין אַ רייד וועגן אונדזערער אַ גאַנצער, לעבעדיקער ליטעראַטור?

דאָס לעצטע איז, פאַרשטייט זיך, אַ קאַפּעלע איבערגעטריבן. נאָר בלויז דורך אַזאַ ביסעלע איבערגעטריבנקײַט און פאַרגרעסערטקײַט, אויב מע וויל אַ טראַכט טאָן כּעזשבנהאַנעפעשדיק און ערלעך, קאָן מען זיך דערגרונטעווען צום עמעסן זין און טאַכלעס, צום גרויסן באַדײַט פון אונדזער זשורנאַל, וואָס גייט שוין אָט גאַנצע פופצן יאָר אַרויס אָן אָפּשטעל, כּוידעש באַ כוידעש, פּינקטלעך און געווײנלעך, מיט גרויסע ווערק און קלענערע ווערק, מיט מײַלעס און, שאַדט ניט, אַפילע מיט כעסרוינעס, היימיש, נאַטירלעך, שוין שטײגעריש, וואָלט איך געזאָגט, אײַנגעפונדעוועט אין אונדזער לעבן.

ס'איז מײַן זשורנאַל, און ער איז מיר ליב און טײַער, איבער דער סאַמע־סאַמע פּאַשעטסטער זאַך: איך לייען אים און דרוק זיך אין אים פונעם ערשטן טאָג אָן, ווען ער איז געבוירן געוואָרן. איך האָב צו אים דאָס שטאַרקע, קײַשעפדיק־בענקענדיקע געפיל פון אייגנקײַט, אײַנגעבאַקנקײַט, ליב־און־טײַערקײַט, ווי צו „מײַן שטאָט", „מײַן גאַס", „מײַן היים".

ס'איז אונדזער זשורנאַל איבער נאָך פּאַשעטערס: דאָס, וואָס איך האָב נאַרוואָס געזאָגט, קאָנען מיר זאָגן אַלע:

אי מיר, ייִדישע שרײַבער, וואָס זײַנען מיט אונדזערע ווערק אין זשורנאַל אַרײַנגעוואַקסן, באַ וועמען דער זשורנאַל האָט נײַע ווערק אַרויסגערופן, צי מיר האָבן זיך וועגן דעם יאָ אָפּגעגעבן אַ כעזשבן, צי ניט אָפּגעגעבן קיין כעזשבן;

אי אַלע ייִדישע לייענער, וואָס לייענען אונדזערע ווערק, צי עמעצער געפעלט זיי אַמאָל מער, צי עמעצער געפעלט זיי אַמאָל ווייניקער, און זיי קוקן אַרויס אַפן זשורנאַל יעדן סאָף כוידעש, יאָר־באַ־יאָר.

א בוך קאָן איין לייענער מער זײַן צום האַרצן און קאָן אַ צווייטן לייענער ווייניקער זײַן צום האַרצן. אַ זשורנאַל איז ניט קיין בוך. אַ זשורנאַל איז צענדליקער ביכער. אַ ליטעראַרישער דיקער זשורנאַל, ווי אונדזערער, וואָס פאַרמאָגט שוין הינטער זיך פופצן אָפּגעהאַרעוועטע יאָר און האָט שוין אַריסגעציילט הונדערט מיט זעכציק נומערן, איז אַ גאַנצער אַלמער מיט ביכער. ספּאָרים קאָלערלייַיקע. דיקערע און לײַכטערע, גרעסערע און קלענערע. נעם דיר אַרויס פונעם אַלמער דאָס סייפערל, צו וועלכן די האַנט דײַנע ציט זיך. אַ קלוגער לייענער, וואָס דאַרף ליטעראַטור און האָט ליב ליטעראַטור, פאַרשטייט די דאָזיקע זאַך. ניט אַלע ביכער אַף די פּאָליצעס זײַנען גלײַך. נאָר דער אַלמער אינגאַנצן, מיט זײַן פולקײַט, טאַקע מיט זײַן קאָלערלייפאַרביקײַט און קאָלערליימאָסיקײַט, באַשיינט און באַקרוינט.

אונדזער פּאָפּוליאַריקער „סאָוועטיש היימלאַנד" איז די גאַנצע נײַסטע ייִדיש־סאָוועטישע ליטעראַטור אונדזערע, וועלכע האָט זיך, אַגעוו, כּידעשדיק צעוואַקסן אין די אַלע יאָרן און קאָלערלייפאַרביק, קאָלערליימאָסיק.

פון, זאָגן מיר, דעם עפּאָפּייע־ראָמאַן ביז דער קלענסטער נאָוועלעטע. פון דער עפּיש־דראַמאַטישער פּאָעמע ביז דער ליריש־פילאָסאָפישער פיר־שורעדיקער מיניאַטור־ליד.

כּידעשדיק — איך דערפאַר, ווײַל געווײנלעך. ווי אַ געוויינלעך־לעבעדיקע ליטעראַטור קאָן זיך צעוואַקסן.

די לייענער־לאַגע אונדזערע, גאָר אַ באַזונדערע, טאָר מען, פאַרשטייט זיך, ניט זען ראָזעווע־איבערגעטריבן. ס'איז אָבער ניט עמעסדיק, און אַפילע זינדיק, אַ טראַכט צו טאָן וועגן איר שוואַרצזעעריש. אונדזער גוטער און געטרײַער לייענער, ניט געקוקט אַף זײַן צאָל און עלטער, איז נאָך, דאַכט זיך, מער, ווי גלאַט אַ לייענער. ער איז אונדזער ליטעראַטורס אַ נאָענטער פרײַנט, אַ קאָרעוו. ניט צופעליק, אַפּאָנעם, קאָן מען זאָגן, כאַזערט זיך לעצטנס אָפטמאָל איבער אין זשורנאַל די רובריק „ווערק פון אונדזערע לייענער". לייענער, וואָס הייבן אַזש אָן שאַפן. שעדעווערס, ניט שעדעווערס — ווערק. פון אונדזער ליטעראַטור, מעגלעך, אָנגערעגטע. אונדזער ליטעראַטורס אָפּשײַן. עפּעס זאָגט, מיין איך, פונדעסטוועגן דער דאָזיקער פאַקט. אַלקאָלפּאָנעם — דעם, וואָס קאָן זיך אין עפּעס אײַנהערן.

אין די לעצטע יאָרן איז מיר עטלעכע מאָל אויסגעקומען פאַרברענגען אין שטוב באַ לייענער אין פאַרשיידענע עקן לאַנד. באַ גאָר געווײנלעכע לייענער. סײַ אין דער ווײַט־סיבירער שטאָט קורגאַן (זע מײַן נאָוועלע „צווי קורגאַנער ייִדיש־לייענער"), סײַ אין מעטאַלורגיש־צענטער ליפּעצק, סײַ, אַנומלטן, אין מײַן בעסאַראַבער ראַיאָן־שטעטל פלאָרעשט האָבן מיר גאָר פאַרשיידענע מענטשן אַ ווײַז געטאָן אַף זייער ביכער־אַלמערל מיט איין־און־דער־זעלבער איבערגענומענקײַט אַף די פענעמער און מיט איין־און־דעם־זעלבן שטאָלצן זאָג:

— אָט שטייען זיי אויבנאָן אַף די פּאָליצעס. אַלע זשורנאַלן. פונעם ערשטן נומער אָן!

זאָגט אײַך וואָס איר ווילט, עס קאָן גאָר ניט געמאָלט זײַן, אַז אַזעלכע־אָ אַלמערלעך, באַצירטע מיט די יאָרגענג פון אונדזער זשורנאַל, אין פאַרשיידענע עקן לאַנד, זאָלן ניט האָבן קיין כײַלעק אי אינעם „וויפל", אי אינעם „וויאַזוי" מיר אַלע, פון גרויס ביז קליין, האָבן אין די אַלע יאָרן געשאַפן.

עס איז דאָ אין אונדזער לאָשן אַ ביטער וואָרט: קיצווע.

ניט ווייניק ייִדישע שרײַבער אַף דער וועלט האָבן אין אַלע צײַטן גוט געפילט, און פילן נאָך

גוט ערגעץ הײַנט, אין אונדזער צײַט, די ביטערקײַט פֿון אַזאַ טראַגישן און דערנידעריקנדיקן שרײַבער־גורל און שטײגער. אַפֿילו אויב דאָס דאָזיקע וואָרט איז ניט פּינקטלעך אַזוי אַרויסגערעדט געוואָרן.

כ׳געדענק גוט, ווי אַזוי ייִדישע שרײַבער האָבן אין יענער צײַט, ווען איך האָב נאָך געוווינט אין בוקאַרעשט און נאָך געהייסן אַן אָנהייבער, אַרויסגעגעבן ביכער. מעכאַברים, מיט אַ געבויגענעם רוקן אַף די שוועלן פֿון געלט־האָבער, נאַדוונס. אַ פּריִער, קעדיי קענען אַ ווערק זייערס אַרויסגעבן, אַ דערנאָך, מיטן אַרויסגעגעבענעם ווערק אונטערן אָרעם, קעדיי קענען ווי־ניט־איז אויסקומען, ווײַטער אויסלעבן זיך ווי מעכאַברים. אין קליינעם ייִדיש־ליטעראַרישן צענטער בוקאַרעשט, פּונקט ווי אין דעמאָלט גרויסן צענטער וואַרשע און אין נאָך גרעסערן ניו־יאָרק. כ׳געדענק גוט, ווי איך אַליין האָב אין איינעם אַ טאָג דורכשפּאַצירט זיך מיט מײַנע ערשט־אַרויסגעגעבענע „העפֿטן" לויט אַ פּאָר אַדרעסן, וואָס אַן עלטערער שרײַבער האָט מיר אַרויסגעשריבן פֿון זײַן ביכעלע. ס׳האָט געקרעכצט אין האַלדז, ווען איין נאַדוון האָט אַ נעם געטאָן מײַנע העפֿטן מיטן קאָפּ אַראָפּ און אַ צווייטער נאַדוון האָט, שאַרנדיק מיט צוויי פֿינגער אין זײַן בײַטעלע, מיך אָפּגעשייגעצט, פֿאַרוואָס איך שרײַב „שאַבעס" מיט אַ סאַמעך. אַ שוואַרצער טאָג. אַזוי יונג, ווי איך בין געווען, האָב איך דעמאָלט דערפֿילט, וואָס דאָס דאָזיקע קלוימערשט שיינע וואָרט „מעצענאַטסטווע" איז די טײַטש אַף פּראָסט ייִדיש.

און ס׳איז דאָ נאָך אַ וואָרט אין אונדזער לאָשן: ווירדע.

כ׳געדענק גוט, ווי דאָס דאָזיקע געפֿיל איז אופֿגעקומען אין מיר אין יענע טעג, ווען כ׳האָב צום ערשטן מאָל אַריבערגעטראָטן די שוועל פֿונעם מאָסקווער „עמעס"־פֿאַרלאַג. אין יענע רעגעס, ווען כ׳פֿלעג זיך אַמאָל אַראָפּכאַפּן אין טיפּאָגראַפֿיע, אוועקשטעלן זיך אין אַ זײַט און קוקן, ווי מע דרוקט, מע וויאָרסטעוועט, מע בינדט אײַן, מע פּאַקט שוין צונויף אין פּעקלעך מײַנע „דרײַ זומערס". ווען מ׳האָט מיר אין דער בוכהאַלטעריע אויסגעשריבן דעם ערשטן האָנאָראַר פֿאַר מײַן שרײַבערישער אַווידע. ווען כ׳האָב דאָס ערשטע ייִדיש־סאָוועטישע ביכל מײַנס געשענקט כאַווייריִם, קאָלעגן, פֿרײַנט, אייגענע.

דאָס דאָזיקע געפֿיל גייט אויף אין מיר אויך איצט, ווען איך שרײַב די יובילײ־שורעס וועגן מײַן ייִדיש־סאָוועטישן זשורנאַל, וואָס האָט מיך, ווי אַ שרײַבער, פּופּצן יאָר באַדינט, גוירעם געווען, מײַנע ווערק זאָלן האָבן אַרום זיך איין שטייגערישן אָל: ווערן אָנגעשריבן.

פֿאַרן ייִדיש־סאָוועטישן שרײַבער איז אַזאַ שטייגער־לעבן אַ נאַטירלעכע זאַך. שוין אַפֿילו ניט צו מאַכן דערפֿון קיין שום וועזן. אונדזערע ייִדישע שרײַבער זײַנען הײַנט, קאָן מען זאָגן, ווי עס זאָל ניט זײַן, דער איינציקער ייִדישער שרײַבער־קאָלעקטיוו אין דער וועלט, וואָס באַשטייט אינגאַנצן פֿון פּראָפֿעסיאָנעלע שרײַבער. מיר לעבן זיך אַלע אויס באַם שרײַבטיש. לעבן פֿונעם שרײַבטיש. טוען באַם שרײַבטיש, טאָג־באַ־טאָג, אונדזער איין־און־איינציקע אַווידע: שאַפֿן.

אַף דער וועלט האָט אַפֿילו אַזאַ איציק מאַנגער, אין די לעצטע טעג זײַנע, איראָניש־בײַסיק אַ זאָג געטאָן אין אַ ליד, אַז ער האָט זיך ביז איצטער געוואַלגערט אין דער פֿרעמד און איז איצטער געקומען אַהיים — זיך וואַלגערן.

אַ וואָרט: וואַלגערן זיך.

איינער פֿון די גרעסטע ייִדישע דיכטער אַף דער וועלט.

וואָס קענען דאָרט זאָגן קלענערע? מע רעדט שוין ניט פֿון גאָר קליינע. און אַוואַדע ניט פֿון אַזוינע, וואָס האָבן אין זיך אַליין אַרײַנגעשפּיגן, פֿאַרשפּיגן אייגענע ווירדע, פֿאַרביטן זי אַפֿן מיִעס־דערנידעריקסטן וואָרט קיצווע.

אויב אַפֿילו דאָס דאָזיקע וואָרט ווערט ניט פּינקטלעך אַזוי אַרויסגערעדט.

אונדזער זשורנאַל — לאַנגע לעבעדיקע יאָר! די ביכער־אַלמערלעך זאָלן ווערן פֿולער און פֿר־לער, ווײַטער באַצירן און באַקרוינען ייִדישע היימען. אונדזערע לייענער — האַנאָע, פֿרייד, דערהויבנקײַט, נאַכעס.

די טראַדיציאָנעלסטע, היימיש־פּאַשעטסטע, מענטשלעכסטע ווינטשעוואַניעס.

ווי מיר שיקן איינער דעם אַנדערן, פֿון טיפֿן האַרצן, אַף אונדזערע טראַדיציאָנעלע יאָמטעווקאַרטלעך.

מאָטל טאַלאַלאַיעווסקי

באַווײַזן דעם נײַעם מענטשן

אין מאָטל גרוביאַנס א ליד, וועלכע ס'האָט נאָכן טויט פונעם באַוווּסטן דיכטער פאַרעפנטלעכט דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", זײַנען פאַראַן אַזעלכע שורעס:

מײַן רײַכטום, מײַן לעבן איך בענטש.
טויזנטער יאָר גערופן מע האָט מיך
פאַרשאָלטענער קנעכט,
מײַן עמעסער נאָמען איז — מענטש.

טאַקע וועגן דעם מענטש, דעם נײַעם מענטש, דעם שעפער פון דער נײַער וועלט, איז אונדזער כּיוון צו שאַפן רעאַליסטישע ווערק. מיר זײַנען מעכוּיעוו צו באַווײַזן דער וועלט, אין וועלכער עס איז נאָך פאַראַנען געניוג קנעכטשאַפט, דאָס שענסטע און דאָס בעסטע, וואָס עס האָט דעם מענטשן געבראַכט דער גרויסער אָקטיאַבער.

איך מיין, עס איז איבעריק צו איבערכאַזערן דעם באַוווּסטן פאַקט, אַז די סאָוועטישע פּאָעזיע איז די אַמערסטן רעוואָליוציאָנערע אין דער וועלט. און אַז בא איר, בא אירע באַרימטע שעפער, לערנט זיך דער נײַער דאָר וואָרט־מײַסטערס, וועלכער איז באַרופן ניט נאָר צו באַזינגען דעם הײַנטיקן הערויִשן טאָג, נאָר אויך איבערלאָזן פאַר דער צוקונפט א פולבלוטיק געשטאַלט פונעם מענטשן, דעם בויער און שעפער, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין די הייסע שלאַכטן פאַר דער פרײַהײַט און גערעכטיקײַט — פאַרן קאָמוניזם.

טאַקע וועגן אים, וועגן דעם מענטשן, האָט אונדזער דיכטונג געשאַפן אומשטערבלעכע ווערק. אונדזער דיכטונג איז געווען אָרגאַניש רעוואָליוציאָנער און האָט קיין שום שײַכעס ניט געהאַט צו דער פאַרכאָלעמטקײַט, צו געזעלשאַפטלעכער פּאַסיווקײַט. דער מענטש, און נאָכאַמאָל דער מענטש, איז געווען — אָט ווער עס איז געווען און פאַרבליבן אין צענטער פונעם דיכטערישן דענקען. ס'וואָלט געווען א טאָעס צו טראַכטן, אַז די אויבנדערמאָנטע אָנהייבער פון דער סאָוועטישער פּאָעזיע געהערן שוין דער געשיכטע. די ווערק פון שוואַרצמאַן און מאַרקיש, האַלקין און פעפער רופן אַרויס אַן אינטערעס אויך בא דעם הײַנטצײַטיקן לייענער. קוויטקאָס „אַלעפבייס", וואָס דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט איצט אָפּגעדרוקט, מאַכט אַן אײַנדרוק, ווי ער וואָלט ערשט הײַנט פאַרפאַסט געוואָרן. אין וואָס באַשטייט דער סאָד פון אָט דער דויערנדיקער פרישקײַט און אַקטועלקײַט פון דער שאַפונג פון דער אַלטער גוואַרדיע? ער באַשטייט אין דעם הויכן גראַד פון בירגערלעכער, פאָלקישער, פּאַרטייִשער אָנלאָדונג, אין דער פינקטלעכער, גענויער ציל־אָנגעווענדטקײַט, אינעם געפיל פון אַכרײַעס פאַרן פאָלק.

אין אָט די קורצע נאָטיצן שטעל איך זיך ניט קיין ציל צו אַנאַליזירן דאָס, וואָס עס האָט געשאַפן אונדזער דיכטערישער צעך פאַר די לעצטע אָנדערהאַלבן צענדליק יאָר. דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט באַקאַנט דעם לייענער מיטן בעסטן, וואָס די דיכטער האָבן געשאַפן. די נעגינע, ווי עס האָט טרעפלעך אָנגערופן זײַן שאַפונג דער דיכטער אַווראָם גאָנטאַר, איז בא אונדז א פילזשאַנרעווע, א פּאָליפאָניסטישע... די האָריזאָנטן פון דער פּאָעזיע זײַנען ווירקלעך ברייטע און דערפרייענדיקע. מיר קאָנען מיט רעכט זאָגן, אַז אונדזער ייִדישע דיכטונג שטייט ניט אָפּ פונעם אַלגעמיינעם וווּקס פון דער סאָוועטישער פילנאַציאָנאַלער פּאָעזיע.

אין איינער א ליד וועגן א פידלער, וועלכן די פאַשיסטישע מערדער האָבן אומגעבראַכט, שרײַבט אַווראָם גאָנטאַר:

שוועבט אין וואָלקנס אום דער ניגן
פון דײַן צויבערדיקן פידל,
און די פינקלדיקע שטערן
דײַן נעגינע פאַרכטיק הערן...

צו דער נעגינע הערן זיך צו ניט בלויז די שטערן, נאָר די לעבן־געבליבענע מענטשן, די געראַטעוועטע פון טויט. זיי זײַנען דאַנקבאַר דעם פידלער פאַרן ניגן, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך. דאָס דיכטערישע וואָרט איז אַלעמאָל נייטיק און נוצלעך דעם מענטשן, אויב עס דריקט אויס די געפילן־וועלט פון דעם פאָלק.

הײַנטצײַטיקײַט איז פון שטענדיק אָן דער באַראָמעטער פון דער קינסטלערישער ליטעראַטור.

א גאָר וויכטיקער זשאַנער אין אונדזער פּאָעזיע איז די פּאָעמע. זי איז טאָמיד געווען א צענטראַלע פּאָזיציע אין אונדזער דיכטונג. מאַרקיש, כאַריק, פעפער, כאַשטשעוואַצקי, פיניבערג האָבן אונדז איבערגעלאָזט מוסטערן פון דער גרעסערער פּאָעטישער פאָרם. אין פעריאָד

פון „סאָוועטיש היימלאַנד" האָבן זיך באַוויזן אין דעם געביט ווייניקער כאַווירים (טייף, ווערגעליס, ליפשיץ), און ס'איז קיין ספק ניט, אַז די באַמיִונגען אויף ווײַטער אַנטוויקלען די פּאָעמע דאַרפֿן פאַרגעזעצט ווערן.

אייניקע דערפאָלגן אינעם דערציילערישן דיכטערישן זשאַנער האָבן מיר געהאַט אין דער סאַמע לעצטער צײַט. מיר פאַרזענלעך איז זייער געפעלן געוואָרן די אויטאָביִאָגראַפישע פּאָעמע פון מענדל ליפשיץ, דער דיכטערישער רעפּאָרטאַזש פון כאַיִם ביידער „אין סיביר", בוזי מילערס „מײַן האָרץ — אַ לעבעדיקער בריק".

שוואַכער איז בײַ אונדז פאַרגעשטעלט דער באַלאַדע־זשאַנער. דערפאַר אָבער דרוקט דער זשורנאַל אַ סך לירישע מיניִאַטיורן, אָפטמאָל דעמאָנסטרירן זיי דעם וווּקס פון דער דיכטערישער מײַסטערשאַפט. ניט שטענדיק, צום באַדויערן, זײַנען זיי אָנגעזעטיקט מיט הײַנטצײַטיקן אינהאַלט, מיט דעם נײַעם לעבן.

דער דיכטער דאָוויד בראָמבערג ווענדעט זיך אין איינער פון זײַנע מיניִאַטיורן צו אַ שרײַבער, ער זאָל זיך צוהערן, וויִאַזוי עס סקריפּעט די פּען, וויִאַזוי איר איז, נעבעך, שווער:

א קליינינקײַט — בײַ איר אויפן שפּיץ
ליגט אַ וועלט מיט איר קעלט און מיט איר היץ...

מע וואָלט געקאָנט עפּשער אַרויסזאָגן דעם געדאַנק אָריגינעלער, נאָר אין טאָך איז דער דיכטער גערעכט: מע דאַרף זיך צוהערן צו דעם ריטם פון דער צײַט און, ווי עס זאָגט זיך, ניט אומזיסט סקריפּען מיט דער פּען.

אַ היפּשע צאָל לירישע לידער ווערן איצט געשריבן אַזוי, אַז עס דוכט זיך: זייערע אויטאָרן זײַנען אָפּגעריסן פון דער לעבעדיקער, שפּרודלדיקער ווירקלעכקײַט. די אין־זיך־ישע טעמאַטיק פון אַזאַ „ליריק" האָט טאַקע אַ קליינע ווערט אין פאַרגלײַך מיט דער טעמאַטיק פון די לידער, וואָס זײַנען אַרויסגערופן געוואָרן פון גרויסן ווייטעק, פון מיטגעפיל און אינטערעס צו דעם גורל פונעם מענטשן.

אייגנטלעך גערעדט, איז אין אַ היפּשער צאָל מיניִאַטיורן פון אַ ריי דיכטער ניט צו דערקענען, אין וואָס פאַר אַ צײַט זיי זײַנען געשריבן געוואָרן. די מעכאַברים האָבן, זעט אויס, ניט געשטעלט פאַר זיך קיין ערנסטע אויפגאַבן. און דאָ גלוסט זיך מיר דערמאָנען די אַרויסזאָגונג פונעם באַוווּסטן סאָוועטישן שרײַבער ווסעוואָלאָד ווישנעווסקי: „איך ווייס, אַז כ'שטעל אַרויס גרויסע פאָדערונגען. נו, און ווען זײַנען נייטיק ניט קיין גרויסע פאָדערונגען?..

די רעדאַקציע פון אונדזער זשורנאַל איז צומאָל ניט זייער איבערקלײַבעריש באַם אויסוואַל פון מאַטעריאַל גראַדע אינעם זשאַנער פון די מיניִאַטיורן. דעריבער טרעפן מיר אָפט באַנאַלע שורעס, אַלטמאָדיש געגראַמטע עמעסן, וואָס באַרײַכערן ניט די דיכטונג. באַזונדערס האָט עס אַ שײַכעס צו די אַזויגערופענע ליבע־לידער, וועלכע עס פעלט צומאָל אַ געדאַנק, אַ עמעסער הייסער געפיל. עס בלײַבט נאָר אָנפאַנגערישע ווערסיפיקאַציע מיט אָפּגעבליאַקעוועטער בילדערישקײַט. און דאָס איז שוין גראַדע ניט פון די בעסטע טראַדיציעס פון אונדזער ייִדישער סאָוועטישער פּאָעזיע.

און אויב עס גייט שוין אַ רייד וועגן ווערסיפיקאַציע, וועגן דיכטערישער פאָרם ביכלאַל, ווילט זיך, אַגעוו־אורכע, באַמערקן, אַז בײַ אַ ריי דיכטער איז ביז גאָר שוואַך דער גראַם, וועלכער גייט איבער פון איין ליד אין אַ צווייטער. די ייִדישע סאָוועטישע פּאָעזיע האָט באַוויזן, צו וואָס פאַר אַ הייכן אין דעם פראַט עס האָבן דערגרייכט מאַרקיש און האָפשטיין, האַלקין און קושניראָוו. מיר האָבן אויך גענוג מוסטערן פונעם אַזויגערופענעם ווײַסן פערז. געגראַמטע לידער זײַנען ניט שטענדיק מער דיכטונג, איידער ניט געגראַמטע. אָבער די נאַכלעסיקײַט פון אייניקע דיכטער צום גראַם, דאָס ניט באַמיִען זיך זוכן און געפינען נײַע אויסדריק־מיטלען, נײַע פאָרמען, נײַע, ניט קיין אויסגעריבענע, טראַפאַרעטע אויסדרוקן, — דאָס איז ניט קיין צווייטראַנגיקע פראַגע!

מיר האָבן געהאַט גרויסע פאַרלוסטן. עס זײַנען פאַר דער צײַט אוועק אויף אייביק, אַנשוויגן געוואָרן הובערמאַן און טייף, כאַנע לעווין און שיקע דריז, גרוביאַן און באַרוכאָוויטש, שלוימע טשערניאַווסקי און שיפרע כאָלאָדענקאָ... דער קרײַז איז געוואָרן ענגער, נאָר די דיכטונג זעצט פאָר איר ווײַטערדיקן גאַנג.

די פּובליקאַציע פון דער דיכטערישער ירושע פון אַזעלכע קרעפטיקע טאַלאַנטן, ווי מאָטל גרוביאַן, שיקע דריז, מוישע טייף, איטשע באַרוכאָוויטש, פאַרגרעסערט די גרעטענישן פון אונדזער פּאָעזיע.

עס דערמאָנט זיך מיר איינע אַ ליד פון אונדזער טאַלאַנטפולן ליריקער שלוימע טשערניאַווסקי. אין איר זײַנען פאַראַן אַזוינע שורעס:

כ'בין געקומען לעשן טרערן
און דעם טויט פון דר'ערד פאַרטרײַבן!

טשערניאַווסקי האָט מיט דער ליד אויסגעדריקט די געזעלשאַפטלעכע פליכט פון אַ סאָוועטישן שרײַבער, און ער איז אַוואַדע גערעכט. דער זינגער פונעם פאָלק מוז וועקן, רופן, פירן פאָרויס, און ניט זיך באַגרענעצן מיט דער רויִקער באַאָבאַכטערישקײַט און מיטן פּוסטן גריבלען זיך אין אָן אָפטמאָל באַגרעניצטער נעשאָמע...

באַווײַזן דעם נײַעם מענטש אין די נײַע אומשטענדן איז דער כויוו פון אונדזער ליטעראַטור, וועלכע האָט ניט מוירע, מע זאָל זי כוישעד זײַן אין דעם, אַז זי איז פּובליציסטיש, אָנגרײַפעריש, פּאַרטייִש.

לאָמיר ווערט זײַן צו רופן זיך דיכטער פון דעם גרויסן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

■ ■ ■

אַרן ראַסקין

די הײַנטצײַטיקע ייִדישע סאָוועטישע נאָוועלע

צווישן די פּאַרשײדענע זשאַנרען פון דער הײַנטצײַטיקער ליטעראַטור פאַרנעמט די נאָוועלע אַן אָנגעזעען אָרט. פאַר פופצן יאָר „סאָוועטיש הײמלאַנד" זײַנען אויף זײַנע שפּאַלטן אָפּגע־דרוקט העכער 500 נאָוועלן. אַלע אונדזערע פּראָזאיקער, ווער מער און ווער ווייניקער, האָבן אָפּגעגעבן זייער גאָב דעם דאָזיקן זשאַנער. מערקווירדיק איז די פּילאַרטיקײַט, וואָס דער זשאַנער האָט לעצטנס באַקומען: ס'זײַנען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אויטאָביאָגראַפישע, היס־טאָרישע, פילאָסאָפישע, פּסיכאָלאָגישע, שטייגערישע, סאַטירישע, הומאָריסטישע נאָוועלן, נאָוועלעטן, הומאָרעסקעס אאַז״וו.

בײַם דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע און אַ קורצע צײַט נאָך איר האָט די נאָוועלע פאַרנומען אַ צענטראַל אָרט אין דער ליטעראַטור, זי האָט צײַטווײַליק פאַרביטן אַלע אַנדערע פּראָזע־זשאַנרען. און ס'איז נאַטירלעך. די דאָזיקע פאָרם האָט אַדאַנק אַ ריי אירע ספּעציפישע אײגנשאַפטן געגעבן אַ מעגלעכקײַט דעם שרײַבער, דעם אָנטײלנעמער פון די געשעענישן, טיקעע, אָפּן אָרט, אויסלאָדן די קינסטלערישע ענערגיע, וואָס האָט זיך באַ אים אָנגעזאַמלט אונטער דעם פרישן אײַנדרוק פונעם געשעענעם און איבערגעלעבטן. אויך נאָך דעם, ווען די מילכאָמע האָט שוין צײַט ניט אויפגעהערט צו זײַן אַ וויכטיקער לעבן ליטעראַרישער זשאַנער, וועלכער האָט בײַגע־שטײַערט דער פאָרמירונג פון דער קינסטלערישער געשיכטע פונעם לעבן.

אין דער נאָוועלע האָט אונדזער ליטעראַטור געהאַט אַ גאַנץ רײַכע און פּרוכטבאַרע טראַדיציע. שאָלעם־אַלייכעמס גרעסטע קינסטלערישע דערגרייכונגען געהערן, ווי באַוווסט, דער נאָוועלע. י.־ל. פּערעץ איז געווען און פאַרבליבן אַ גרויסער מײַסטער פון דער קורצער נאָוועלע. די נאָוועלע האָט געקראָגן אַ ביז גאָר אינטענסיווע אַנטוויקלונג אינעם שאַפן פון אַ. רייזען, ד. פּינסקי, ה.־ד. נאָמבערג, י.־מ. ווײַסנבערג, ש. אַש אאַ. אַ גוואַלדיקן שריט פאָר־רויס האָט זי געמאַכט אינעם שאַפן פון ד. בערגעלסאָן, דעם ניסטער. די טראַדיציע פון זייערע פאָרגייער האָבן ווײַטער אַנטוויקלט מ. דאַניעל, ש. גאָדינער און אַ ריי אַנדערע שרײַבער, וועלכע האָבן אַרײַנגעטראָגן אין דער נאָוועלע דעם גײַסט פון דער נײַער צײַט, פאַרברייטערט אירע מעגלעכקײַטן און באַרײַכערט אירע אויסדרוק־מיטלען.

די הײַנטצײַטיקע נאָוועלע איז אַזוי־אַרום געהאַט פאַר זיך אַ גוט דורכגעאַקערטן באָדן, אַ יאָרנלאַנגע טראַדיציע, וועלכע זי איז געווען באַרופן צו יאַרשענען און אַנטוויקלען ווײַטער, באַרײַכערן מיט דער נײַער לעבנס־דערפאַ־רונג, מיט נײַע קינסטלערישע מיטלען אין אײַנקלאַנג מיט די נײַע עסטעטישע פאָדערונגען. די הײַנטצײַטיקע נאָוועלע איז אין איר גרעסטן טייל אַקטועל, אָנגעלאָדן מיטן גלי־ענדיקן אָטעם פון דער צײַט, זי צייכנט זיך אויס מיט איר פּסיכאָלאָגישער טיפקייט, פילאָסאָפישער באַדאַכטקײַט און איז אין פיל פּראַטים אָריגינעל און נאָוואַטאָריש.

איינע פון די צענטראַלע טעמעס פון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער נאָוועליסטיק איז די גרויסע פאָלקס־קאַטאַסטראָפע בײַם דער צווייטער וועלט־מילכאָמע. אַ באַזונדערס שטאַרקע קינסטלערישע אָפּשפּיגלונג האָט זי געפונען אין דער אויטאָביאָגראַפישער פאָרם.

די באַזונדערע נייגונג צום אויטאָביאָגראַפישן לאָזט זיך דערקלערן, ווי אונדז דאַכט, מיט דעם, וואָס די מערהײַט אונדזערע שרײַבער געהערט צו דעם דאָר, אויף וועמענס גורל

ס׳איז אויסגעפאַלן צו לעבן אין אַן עפּאָכע, וואָס איז געווען רײַך מיט אופטרייסלונגען און קאַטאַסטראָפעס, מילכאָמעס און רעוואָליוציעס. זייער רײַכע אייגענע לעבנס־דערפאַרונג איז געווען אָנגעזעטיקט מיט אַזויפיל דראַמאַטיזם, אַז ס׳איז גענוג געווען זיך אַ גריבל טאָן אין דער אייגענער ביִאָגראַפיע, עס זאָל אופגעשטעלט ווערן די קינסטלערישע ביִאָגראַפיע פון דער עפּאָכע. די מערהײַט אונדזערע נאָוועליסטן זײַנען געווען אָנטיילנעמער פון דער רעוואָליוציִאָנערער באַוועגונג, פונעם בירגערקריג, פון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע, זיי זײַנען צוזאַמען מיטן ראַטנלאַנד אויסגעשטאַנען אַלע ניסיוינעס אין זײַן געראַנגל פאַרן קיִעם.

דער אוטאָביִאָגראַפיזם העלפט מיט צו פאַרשטאַרקן די וואָרהאַפטיקײַט פונעם געשילדערטן. די שילדערונג באַקומט זיך איבערצײַגעוודיקער, עמפינדלעכער, אָנשוילעכער.

אוטאָביִאָגראַפיע טראָגט מיט זיך אַ שטראָם פון לירישקײַט, וואָס פאַרשטאַרקט די עמאָציִאָנעלע אופווירקונגס־קראַפט פונעם קינסטלערישן וואָרט און בילד, גיט אַ מעגלעכקײַט דעם שרײַבער דערטראָגן צום לייענער אין זײַן אומיטלבאַרער פרישקײַט דעם גאַנצן קאָמפּלעקס איבערלעבונגען. דער ליריזם צווינגט דעם לייענער איבערלעבן דאָס אַלץ, וועגן וואָס ס׳ווערט אינטים־האַרציק דערציילט.

איבער דעם שעפער פון אוטאָביִאָגראַפישן זשאַנער לויערט אָבער די געפאַר זיך צו פאַרשפּאַרן אין די דאַלעדאַמעס פונעם אייגענעם „איך״, זיך אַראָפּקײַקלען אַף שמאָלע אינדיווידואַליסטישע פּאָזיציעס. אונדזער אוטאָביִאָגראַפישער נאָוועלע האָט זיך אין דער מערהײַט פאַלן אײַנגעגעבן אויסצומײַדן די דאָזיקע געפאַר, אין אירע בעסערע מוסטערן שטעלט זי מיט זיך פאָר אַ זשאַנער פון הויך־קינסטלערישער פּראָזע, וואָס איז רײַך מיט לעבעדיקע מענטשלעכע כאַראַקטערן, פּסיכאָלאָגישע קאָליזיעס און דראַמאַטישע קאָנפליקטן. עפּיזאָדן פון פּערזענלעכן לעבן בילדן בײַ אונדזערע בעסערע שרײַבער דעם יעסאָד פאַר קינסטלערישער פּאַראַלגעמיינערונג, סינטעטישער טיפּיזירונג. זייער סוביעקטיווקײַט געהער צו יענעם מין „טיפער, אַלץ אַרומכאַפּנדיקער און הומאַנישער סוביעקטיווקײַט, וועלכע דערלאָזט ניט דעם קינסטלער צו זײַן מיט אַפּאַטישער גלײַכגילט פרעמד דער וועלט, וועלכע ער מאָלט, נאָר צווינגט אים דורכפירן די דערשײַנונגען פון אַרומיקן לעבן דורך זײַן לעבעדיקער נעשאָמע און אַדאַנק דעם אַרײַנעטעמען אין זיי אַ לעבעדיקע נעשאָמע״ (וו. ג. בעלינסקי)[1].

אונדזערע שרײַבער „שלעפּן דורך, — ווי עס באַמערקט י. שרײַבמאַן, — אַלע שורעס דורך זיך, דורך זײַנע אָדערן, דורך זײַן אייגענעם האַרץ״[2]. די שעפער פון דער אוטאָביִאָגראַפישער נאָוועלע האָבן דעריבער שטאַרק ליב די „איך״־פאָרם, וועלכע געפעלט זיי, ווי עס באַמערקט י. שרײַבמאַן, „צוליב איר אומיטלבאַרקײַט, אינטים־היימישקײַט, טאַקע צוליב איר לירישקײַט״. ניט ווייניקער ליריש און סוביעקטיוו איז די אוטאָביִאָגראַפישע נאָוועלע, אין וועלכער דער שרײַבער טוט אַף זיך אָן, אַזוי צו זאָגן, אַ „מאַסקע״, ער רעדט ניט פון זײַן אייגענעם נאָמען, פאַר אים רעדט זײַן לירישער העלד. שירע גאָרשמאַן, צום בײַשפּיל, אַנטפּלעקט אָפּט אירע אינטימע איבערלעבונגען מיט דער הילף פון איר לירישן העלד.

די הײַנטצײַטיקע אוטאָביִאָגראַפישע נאָוועלע איז טיף פאַרוואָרצלט אינעם הײַנט און לעבט מיט זײַן פּראָבלעמאַטיק, זי באַמיט זיך נאָכפאָלגן אַלע וויכטיקסטע פּראָצעסן, וואָס צעוויקלען זיך אין דערווירקלעכקײַט. די ניט־ווײַטע פאַרגאַנגענהײַט, די מילכאָמע־גרוילן, הערן ניט אוף צו רעגן אונדזערע נאָוועליסטן, אָבער זיי ווענדן זיי ניט אָפּ פון די אַקטועלע פּראָבלעמען פונעם הײַנטיקן טאָג. פאַרקערט, די טרויעריקע רעמיניסצענצן לעגאַבע דעם נעכטן מאַכן עמפינדלעכער די פריידיקע ריטמען פון דעם פרידלעכן הײַנט. דער איבערפלעכט פון מאַזשאָרע און מינאָרע טענער, פון פרייד און טרויער, פון פּאַטעטיק און עלעגיע גיט צו דער נאָוועליסטיק אַ באַזונדערן דראַמאַטיזם. דער ניט־ווײַטער אָוואַר ווערט קינסטלעריש רעפּראָדוצירט אין שײַן פונעם הײַנטיקן טאָג.

די טראַקטירונג פון דער מילכאָמע־טעמע אין אונדזער ליטעראַטור איז פּרינציפּיעל אַן אַנדערע, איידער אין דער מײַרעוו־ליטעראַטור. אין זײַן דערציילונג „אין דער היימשטאָט״ האָט ט. גען טרעפלעך כאַראַקטעריזירט דעם אונטערשייד צווישן די דאָזיקע צוויי פאַרשיידענע צוגאַנגען צו דער מילכאָמע־טעמע. אָפּשטעלנדיק זיך פאַרבײַגייענדיק אַף רעמאַרקס נאָכמילכאָמעדיקן ראָמאַן „צײַט צו לעבן און צו שטאַרבן״, אין וועלכן ס׳ווערט, ווי אין אַ ריי אַנדערע נאָכמילכאָמע־ווערק אין די מײַרעוו־לענדער, געשילדערט דער אַזויגערופענער

[1] В. Г. Белинский. Полное собрание сочинений, изд. АН СССР, М., 1936 г., т. 6, стр. 217—218.

[2] „סאָוועטיש היימלאַנד״, נום. 3, 1973, ז. 79.

„פאַרלאָרענער דאָר", וואָס פילט זיך דעזאָריענטירט, אַנטוישט און דעמאָראַליזירט נאָך דעם מילכאָמע־גורל און פאַשיזם. באַמערקט דער סאָוועטישער שרײַבער:

„די העלדן זוכן, וואַרפן זיך, שטרעבן, און סאַפאַקאַלאָסאַף שטאַרבן זיי אַף אַן אומזיניקן אופן, איבערלאָזנדיק נאָך זיך פאַרצווייפלונג און פוסטקייט. באַ דעם דאָזיקן שרײַבער נעמט דער טויט שטענדיק דעם אויבנאָן איבערן לעבן. צי איז עס טאַקע אַזוי אין דערווירקלעכקייט? אינעם אייביקן גוראַנגאַל צווישן טויט און לעבן זיגט דאָס לעבן!"[1]

עס הייסט קלאָל ניט, אַז אונדזערע שרײַבער פּרוּוון זיך פאַרמײַדן דעם טראַגיזם, פאַרגלעטן די גרויסע ווונדן, מעוואַטער זײַן אַף די פאַרלוסטן, וואָס די מילכאָמע האָט גורעם געווען דעם סאָוועטישן לאַנד ביכלאַל און דעם יידישן פאָלק ביפראַט. אונדזער גרויסער קינסטלערישער „ייזקער" איז אָנגעזאַפּט מיט טראַגיזם, מיט ווייטעק — אַלמענטשלעכן און נאַציאָנאַלן (גענוג צו דערמאָנען אַזעלכע ווערק, ווי אי. קיפּניסעס נאָוועלע „באַבי יאַר", ש. גאָרשמאַנס „פון שטוב צו שטוב", נויעך לוריעס „אַ באַגעגעניש", י. פאַליקמאַנס „אַכט און דרײַסיק" און זײַנע ראָמאַנען „די שײַן קומט פון מיזרעך" און „דער שוואַרצער ווינט"). נאָר שילדערנדיק דעם טראַגישן גורל פון די הונדערטער טויזנטער פאַרטיליקטע צום אומקום אין די פאַשיסטישע געטאָס און טויט־לאַגערן, פאַלן די שרײַבער ניט אַרײַן אין אויסזיכטלאָזן פעסימיזם. זיי באַווײַזן, אַז די סאָוועטישע מענטשן האָבן בײַס די סאַמע שווערסטע ניסיינעס ניט פאַרלאָרן דעם גלויבן אין דער צוקונפט און די האָפענונג, אַז דער זיג וועט קומען. דאָס האָט זיי געגעבן מוט אַרויסצווײַזן ווידערשטאַנד אין מינוטן פון גרעסטער פאַרצווייפלונג.

די אַלטיטשקע באָבע מאַלקע, וואָס האָט געהאָלפן מיט אירע פלינקע הענט צו ברענגען אַף דער וועלט הונדערטער יונגע לעבנס, געפינט אין זיך מוט אין דער לעצטער מינוט זיך נויקעם זײַן אינעם פאַשיסטישן באַנדיט, דעם סטאַראָסטע וולאַדאַס, זי קערט אַף אים איבער אַ טשוהון מיט זודיקן וואַסער (ש. גאָרשמאַן „די באָבע מאַלקע").

פּײַוויש־בערל, וואָס פאַרנעמט זיך מיט שוסטערײַ אין דאָרף, פאַרלירט זיך ניט, ווען ער דערזעט, ווי צווײ פאַשיסטן איזדעקעווען זיך איבער זײַן ברודער זאַלמענען, צווינגענדיק אים צו פויזען אַף אַלע פיר. ער פלעט די מעכאַבלים די קעפּ, ראַטעוועט אַרויס דעם ברודער, און ביידע גייען זיי אַוועק אין וואַלד צו די פאַרטיזאַנער (אי. קיפּניס „ברידער").

אַ גרויסע ראָל האָט אין דעם אַלעמען געשפּילט די ברידערלעכקײַט און פרײַנטשאַפט צווישן די פעלקער אין סאָוועטישן לאַנד.

געוויס זײַנען געווען אויסוואורפן, וועלכע האָבן פאַראַטן דאָס אייגענע פאָלק און צוגעלייגט אַ האַנט צו דער פאַשיסטישער שוואַרצער אַרבעט פון אויסראָטן די יידישע באַפעלקערונג אין די אָקופּירטע געגנטן. די מערהײַט אָבער פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג האָט אַרויסגעוויזן טיפן מיטלײַד צו די פאַרורטיילטע צום אומקום יידישע מאַסן. עס זײַנען באַוווּסט זייער אַ סאַך פאַלן, ווען רוסן, אוקראַיִנער, ווײַסרוסן, ליטווינער, לעטן, פאַליאַקן און פאַרשטייער פון אַנדערע פעלקער האָבן, ריזיקירנדיק מיטן אייגענעם לעבן, געראַטעוועט פון זיכערן טויט יידישע מענער און פרויען, דעריקער קינדער.

דער מאָטיוו פון פעלקער־פרײַנטשאַפט פאַרנעמט טאַקע אַ היפּש אָרט אין אונדזער נאָכמילכאָמעדיקער נאָוועלע.

אַ רוסישע פרוי, מאַריִע סטעפּאַנאָוונע, — ווערט דערציילט אין נויעך לוריעס פּסיכאָלאָגיש־פאַרטיפטער נאָוועלע „אַ געוויינלעכע, פּאַשעטע פרוי", — באַהאַלט אויס אין קעלער־שטוב פון איר הויז אַ צופעליק געטראָפענעם אַף דער גאַס יידישן רויטאַרמייער, וואָס איז אַנטלאָפן פונעם דײַטשישן שפּיטאָל, ווו ער האָט זיך אויסגעגעבן אַלס קאַראַיִמער. דער נאַטירלעכער ווילן באַשיצן אים אין מינוט פון געפאַר... געבן צו פילן, אַז אינמיטן דעם יאַם סינע, אַכזאָריעס, כײַשקײַט, וואָס האָט פאַרפלייצט די וועלט, האָט זיך אָפּגעהיט אַ מענטשלעכע האַרץ — אָזאַ איז דער מאָטיוו, וואָס האָט באַוועגט די רוסישע פרוי זיך אַנטשליסן אַף איר דרייסטן און ריזיקאַלישן שריט.

מאַריִע סטעפּאַנאָוונע באַציט זיך צום געראַטעוועטן, ווי צו אַן אייגן קינד. לאַנגע טעג און נעכט היט זי אים אָפּ פון אַ פרעמד אויג, ריזיקירנדיק יעדע מינוט מיט איר אייגענעם לעבן.

ביסלעכווײַז וואַקסט איבער איר הומאַניש געפיל אין אַ גרויסער ליבע, אין אַ גרויס פּערזענלעך גליק, פון וועלכן די פרוי האָט פריִער ניט געוווּסט.

אין נויעך לוריעס אַ צווייטן מאָנאָלאָג „אויס כאָוער", געשריבן אין אַן אַנדערער, אַ זעלטענער באַ דעם דאָזיקן שרײַבער, שאָלעם־אַלייכעמישער טאָנאַלקײַט, דערציילט אַ יידי־

[1] „סאָוועטיש היימלאַנד", נומ. 1, 1961, ז. 40.

שער דאָרפס־שוסטער, ווי די אײַנווינער פונעם דאָרף, די רוסישע פויערים, האָבן אים אויסבאַהאַלטן, און אַדאַנק פֿאַרשיידענע שפּיצלעך, אָפּנאַרנדיק די פאַשיסטן און זייערע באַהעלפער, אים אַרויסגעראַטעוועט פון טויט. דאָס געפיל, אַז דו ביסט ניט אַליין, אַז מע שטרעקט דיר אויס אַ וואַרעמע ברידערלעכע האַנט, האָט אים געהאָלפן אויסצושטיין אַלע ניסיוינעס.

דער דאָזיקער מאָטיוו גייט דורך אין אַ גאַנצער ריי נאָוועלן: באַ ה. דאָבינען („איר שוועסטער"), ש. גאָרשמאַן („געפונען און פאַרלאָרן" און „וויגדער שרײַבט בריוו"), באַ י. שרײַבמאַנען („צוויי כאַסענעס"), י. ראַבינען („וואָס וועט זאָגן מײַע?"), ע. קאַנצעדיק („אַ מאַמע") און אַנדערע.

אייניקע אויטאָרן באַווײַזן, אַז אויך אין די שווערע באַדינגונגען פון עוואַקואַציע האָט פיל געהאָלפן די פאַרוואָגלטע יידישע פאַמיליעס די גאַסטפרײַנטלעכקײַט, מיט וועלכער זיי זײַנען אופגענומען געוואָרן אין די נײַע ערטער (ש. גאָרשמאַן „אַ טאָטעריש האַרץ", „שטייַנערנע הערצער", „אין טיפן הינטערלאַנד"; ס. ווערױטע „קינדער, קינדער" אאַ.).

דעם גוירל פון די לעבנגעבליבענע נאָך דער גרויסער קאַטאַסטראָפע זײַנען אין אונדזער ליטעראַטור געווידמעט צענדליקער נאָוועלן. פאַר אַ סאַך האָט דער צוריקקער אַהיים באַטײַט „פאָרן אַף קײווער־אָוועס". אָנשטאָט אַ היים האָבן זיי געטראָפן רויִנען, אָנשטאָט אַ פאַמיליע — גרויליקע „מאַצייוועס אין האַרצן". ס'איז שווער געווען זיך ווידער באַזעצן אַף דער ערד, ווו יעדער שטיין דערמאָנט אין די אומגעקומענע. פסיכאָלאָגיש באַרעכטיקט זײַנען די טיף דראַמאַטישע קאָליזיעס, וואָס האָבן זיך אַף דעם באָדן צעוויקלט.

שווער קומט אָן די מענטשן אָנצוהייבן דאָס לעבן פונדאָסנײַ. די טרויעריקע דערמאָנונגען, די שווערע פאַרלוסטן סאַמען אָפּ יעדע מעגלעכע פרייד, פאַראַליזירן דעם ווילן צו לעבן. עס גייט אַ שווערער געראַנגל צווישן טויט און לעבן, ייִעש און האָפענונג. אינעם געראַנגל זיגט דאָס לעבן, די האָפענונג, די פרייד. און דאָס געשעט דערפאַר, וואָס די דאָזיקע מענטשן פילן זיך ניט איזאָלירט, נאָר, פאַרקערט, זיי זײַנען אַרומגערינגלט מיט ליבע און מיטגעפיל. דאָס געפיל פון אָנגעהעריקײַט צו איין גרויסער ברידערלעכער מישפּאָכע העלפט גויווער צו זײַן די פערזענלעכע ווייטעקן, דעם עלנט און דעם ייִעש. ביסלעכווײַז ציט מען זיך אַרײַן אינעם ריטם פון לעבן (ש. גאָרדאָן „אַ כאַסענע אין קריזשאָפּאָל", „צוריק אַהיים"; י. שרײַבמאַן „צוויי כאַסענעס", „מעלאָכע — מעלוכע"; שירע גאָרשמאַן „דער טאַטע מיט דער מאַמען", „זאָל פעלן אַ האָר"; י. ראַבין „די שטוב"; א. ליזען „דער צווילינג" און פיל אַנדערע).

עס הייסט אָבער ניט, אַז די לעבעדיקע פאַרגעסן אין די טויטע. די פּראָבלעם איז זייער אַ קאָמפּליצירטע און ווערט אין דער מערהײַט נאָוועלן באַהאַנדלט און געלייזט מיט קינסטלערישן טאַקט. אַזעלכע נאָוועלן דעקן אוף די טיפע שראַמען, וואָס די קאַטאַסטראָפע האָט איבערגעלאָזט אין די הערצער פון די לעבן־געבליבענע. זיי וואָרענען: דאָס קאָן מען ניט, דאָס טאָר מען ניט פאַרגעסן. אָבער די לעבעדיקע דאַרפן לעבן, און דאָס לעבן דאַרף גיין ווײַטער.

שירע גאָרשמאַן דערציילט מיט טיפן צאַר אין דער נאָוועלע „פּאַרב נעם באַ מיר", ווי די ווייטעקפולע דערמאָנונגען לאָזן ניט צורו, פּײַניקן, דערפירן צו פסיכישע אופטרייסלונגען. „פאַרגעסן און געדענקען" — אַזוי האָט נויעך לוריע אָנגערופן איינע פון זײַנע אַמערסטן רירנדיקע נאָוועלן.

די מילכאָמע־ווערק פון אָט דעם זשאַנער זײַנען דורכגעדרונגען מיט סינע און פאַראַכטונג צום פאַשיזם, צו מאָרד און מילכאָמע, זיי זײַנען אָנגעפילט מיט פּראָטעסט קעגן ווילדן ראַסן־ און פעלקער־האַס. איינציײַטיק דערמיט קאָן מען זאָגן, אַז דער אַנטימילכאָמע־מאָטיוו איז נאָך בוילעטער אויסגעדריקט דאַפקע אין יענע נאָוועלן, וועלכע שילדערן דאָס הײַנטיקע פרידלעכע לעבן. איך וויל אַלס בײַשפּיל ברענגען ש. גאָרשמאַנס מיניאַטיור „די ערשטע באָד". די דאָזיקע קורצינקע נאָוועלע איז פול מיט זון, מיט ליכט, מיט לעבנספרייד. יונגע טאַטע־מאַמע באָדן ס'ערשטע מאָל אַן אייפעלע, וואָס האָט ערשט מיט צען טעג צוריק דערזען די ליכטיקע וועלט. די זאָרגזאַמקײַט און דער נאַכעס פון די יונגע עלטערן, די אופירונג פונעם קינד באַם באָדן זיך, זײַן צוכאַפּן זיך צו דער מאַמעס ברוסט — דאָס אַלץ איז געצייכנט פּלאַסטיש, עמאָציאָנעל, קרעפטיק. דער איקער אָבער שטעקט אינעם פינאַל: „טאַטע־מאַמע האָבן געהערט, געקוקט, ווי דאָס פּיצל האָרעוועט, און שווײַגנדיק געטראַכט: „עס זאָל נאָר קיינמאָל פון מילכאָמע ניט וויסן..." דאָס קינד האָט אַלץ געשלונגען, געשלונגען, איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און ווײַטער געשלונגען, זיך אָנגענומען באַ דער מאַמען קרעפטן צו קוועלן, צו וואַקסן, צום לעבן..."

אין אייניקע נאָוועלן ווענדן די אוטאָרן די אופמערקזאַמקייט אף באַשטימטע גרויזאַמע סימפּטאָמען פון פאַשיסטיש־מיליטאַריסטישע טענדענצן אין די מיזרעך־לענדער. באַם לייענער ווערט דערוועקט דאָס אכרײַעס־געפיל לעגאַבע דער צוקונפט פון דער מענטשהײַט.

אין דער נאָוועלע „האָטעל אינטוריסט" דערציילט ט. גען וועגן דעם, וועלכע „שווערע בלוטיקע דערמאָנונגען" און פײַנפולע מאַכשאָוועס האָט ארויסגערופן בא דעם אינזשעניער זכאַריע דאַווידאָוויטש לעווינסקי, וועמענס מישפּאָכע די דײַטשישע פאַשיסטן האָבן אומגע־בראַכט בייס דער מילכאָמע, דאָס צופעליקע געפינען זיך אין איין נומער פון האָטעל מיט א יונגן סטאַזשאָר פון דײַטשלאַנד. אים האָט געפײַניקט דער געדאַנק: „צי האָבן די זין באַנומען די גאַנצע שולד פון זייערע פאָטערס, וואָס האָבן געטראָטן אונדזער לאַנד, געמאָר־דעט, פאַרגאָסן טײַכן בלוט?".

אָבער די עטלעכע טעג צוזאַמענזײַן מיטן סטאַזשאָר איבערצײַגן לעווינסקין, אז יאָ, „די זין האָבן באַנומען די גאַנצע שולד פון זייערע פאָטערס", אז פאַר דעם יונגן באַכער פון דער דײַטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק און פאַר אים, דעם ייִד, דעם אינזשעניער פון ראַטנפאַרבאַנד, שטייען די זעלבע אופגאַבן, אףביידן ליגט די זעלבע אכרײַעס: ניט דער־לאָזן, אז דאָס געשעענע זאָל זיך ווידער איבערכאַזערן.

די דאָזיקע אַקטועלע פּראָבלעמאַטיק ווערט מיט א באַזונדערער לײַדנשאַפטלעכקײַט פילאָ־סאָפיש באַזיניקט אין די נאָוועלן פון איינעם פון די עלטסטע ייִדישע שרײַבער, מוישע אַלט־מאַן.

מ. אַלטמאַנס נאָוועלן זײַנען ביז גאָר אייגנאַרטיק. אין זיי טרעפן מיר א וווּנדערלעכן איבערפלעכט פון ליריק און געדאַנקלעכקײַט, אומיטלבאַרער מײַסעדיקײַט און ראַפינירטער דערציילערישקײַט, פון שטייגערישער שילדערונג און פילאָסאָפישער באַטראַכטונג. זײַנע נאָוועלן זײַנען מערסטנטייל אויטאָביִאָגראַפיש, און דעריבער זײַנען זיי דורכגעזאַפּט מיט ליריזם, און דאָך פּרעוואַלירט אין זיי דאָס לאָגיש, אינטעלעקטועלע, געדאַנקלעכע. אַלטמאַן איז אין טאָך א פּראָבלעמען־שרײַבער.

פאַר זײַנע נאָוועלן קלײַבט אויס מ. אַלטמאַן אין דער מערהײַט פאַלן די פאָרם פון א פילאָסאָפישן דיִאַלאָג אָדער, ריכטיקער, פילאָסאָפישן וויקועך. די דאָזיקע פאָרם האָט א רײַכע טראַדיציע אין דער וועלט־ליטעראַטור. מיר טרעפן זי אין די ווערק פון דער אַנטישער עפּאָכע, אין די אַלט־העברעיִשע ליטעראַרישע דענקמעלער, נאָר באַזונדערס איז זי געווען פאַרשפּרייט אין דער ליטעראַטור פון 18־טן יאָרהונדערט, בא די פראַנצויזישע אופקלערער.

בא אַלטמאַנען גייט דער וויקועך צווישן צוויי פאַרשיידענע פילאָסאָפישע צוגאַנגען צום לעבן, צו דער פּראָבלעמאַטיק פון אונדזער צײַט: איינער — א סקעפּטיש־פּעסימיסטישער (אים זאָגט ארויס אַמאָל אַן אַלטער אַרטיסט, אַמאָל א פּסיכיאַטער), דער צווייטער — א האָפער־דיק־אָפּטימיסטישער (אים זאָגט ארויס דער שרײַבער אַליין). פאַר ביידן אָבער, סײַ פאַר דעם סקעפּטיקער, סײַ פאַר דעם אָפּטימיסט, איז כאַראַקטעריסטיש א טיפע דערשיטערונג פון די איבערגעלעבטע מילכאָמע־קאַשמאַרן און שטאַרקע זאָרג פאַר דער צוקונפט פון דער מענטש־הײַט.ביידע אַפּעלירן זיי צום מענטשלעכן געוויסן.

אין די דאָזיקע נאָוועלן באַקומט דעם בולעטסטן אויסדרוק מ. אַלטמאַנס הומאַניסטישע קאָנצעפּציע, זײַנע זאָרגן וועגן דעם גורל פון דער מענטשהײַט און זײַן גלויבן אינעם זיג פונעם מענטשלעכן סייכל.

„איך וואָלט געוואָלט דערמאָנען מענטשן, — זאָגט דער אַלטער אַרטיסט אין דער נאָוועלע „א געשיכטע מיט ליבע", — אז אַלץ, וואָס לעבט, איז שטערבלעך, ניט קעדיי צו פאַרומערן דאָס לעבן... פאַרקערט, קעדיי צו צווינגען טיפער עס צו שעצן, האָבן מער אָפּשײַ פאַרן לעבן, פאַר יעדנס לעבן..." אונדזער עפּאָכע, די עפּאָכע פון גוואַלדיקע טעכנישע דערגריי־כונגען, איז מעסוגל ברענגען דער מענטשהײַט די גרעסטע פרייד און דאָס גרעסטע גליק, גלײַכצײַטיק אָבער אויך — די גרעסטע אומגליקן, טויט און פאַרניכטונג. די דאָזיקע אַלטער־נאַטיוו באַאומרוִקט טאַקע דעם שרײַבערס פּאַרטנער לויטן וויקועך, דעם פּסיכיאַטער („אין דער טיף פון שפּיגל", „ווו קויפט מען קינדערשע סוויטערס?"). די געשפּענסטער פון „אַש־ווענטשים, כיראָסימאַ, וויעטנאַם" פאַרפאָלגן אים, לאָזן אים ניט צורו. ווו איז די גאַראַנטיע, אז דאָס אַלץ וועט זיך נאָכאַמאָל ניט איבערכאַזערן?

די לײַדנשאַפטלעכקײַט, מיט וועלכער די דיִאַלאָגן זײַנען געשריבן, זאָגן איידעס, אז זייער מעכאַבער האָט ניט נאָר „א טראַכט געטאָן", נאָר ער האָט די אַלע שײַלעס, זאָרגן, ספּייקעס אויסגעקרענקט און אויסגעוויטעקט. ער האָט אף זיי אַן ענטפער. דער ענטפער שטאַמט פון זײַן גלויבן. מ. אַלטמאַן גלייבט אינעם מענטשן, אינעם קויעך פונעם אַרבעטס־

מענטש, ווען מען ס׳וועט געהערן דאָס לעצטע וואָרט, און דערמיט וועט זײַן געזיכערט דער זיג פֿונעם מענטשלעכן פֿאַרנונפֿט, פֿון פֿרידן און גערעכטיקייט.

— מע טאָר ניט צווייפֿלען אינעם מענטשן! — וואָרנט ער זײַן פּאַרטנער. — מע טאָר ניט!.. ווער האָט נאָך געהאַט אַזויפֿיל מאָטיוון אַרײַנצופֿאַלן אין פֿאַרצווייפֿלונג, ווי דאָס ייִדישע פֿאָלק? האָט עס אויסגעדיכטעט אַ לעגענדע וועגן זעקס און דרײַסיק פֿאַרבאָרגענע צדיקים, וואָס אין זייער זכות ווערט די וועלט ניט כּאָרעוו. דאָס סאַמע מערקווירדיקע דערבײַ: די דאָזיקע צדיקים, וואָס אין זייער זכות בלײַבט די וועלט אַ וועלט, זײַנען ניט קיין לאַמדאָנים, ניט קיין ראַביים, נאָר גאָר פּאַשעטע מענטשן, האָרעפּאַשניקעס. אַ וואַסערטרעגער, אַ קירזשנער, אַ שנײַדער... דער אויסלייזער איז פֿאַראַן — דער מענטש פֿון מיר" („ווו קויפֿט מען סוויטערס?").

אינעם פֿילאָסאָפֿישן דיאַלאָג „די שפּיל ארום אַ שטעקן", אין וועלכן דער שרײַבער אָפּערירט מײַסטעריש מיט „מײַסעלעך פֿון כּומעש", רופֿט ער צו פֿרײַנטשאַפֿט און פֿאַרשטענדעניש צווישן די פֿעלקער. „ליבשאַפֿט וואַרעמט. סינע איז קעלט", „ס׳איז פֿאַראַן פֿײַער אויף דער ערד, ס׳זײַנען פֿאַראַן מענטשן און מענטשלעכקייט" — ווערט געזאָגט אין דער „אַלטער באַלאַדע אָן גראַמען" — אַ מײַסטערישע באַאַרבעטונג פֿון אַ מאָלדאַווישער פֿאָלקס־מײַסע.

אייניקע אַלטמאַנס נאָוועלן זײַנען אַ ביסל צו אינטעלעקטואַליש, איבערגעלאָדן מיט ליטעראַרישע, געשיכטלעכע, פֿילאָסאָפֿישע אַסאָציאַציעס, פּאַראַלעלן, אָפּווײַכונגען, וואָס עס צעשטערט טיילמאָל די קינסטלערישע שליימעס. פֿון דעם אָבער ווערט ניט געמינערט זייער גוואַלדיקע עמאָציאָנעלע אָפּווירקונגס־קראַפֿט.

מ. אַלטמאַן געהערט צו דער גרופּע שרײַבער, וועלכע האָבן זיך אײַנגעבירגערט אין אונדזער סאָוועטישער סוויווע ערעוו דער גרויסער פּאַטריאָטישער מילכאָמע, בײַס די בײַבאַלטישע געגנטן, מײַרעוו־אוקראַינע, מײַרעוו־ווײַסרוסלאַנד און בעסאַראַביע האָבן זיך אײַנגעשלאָסן אין פֿאַרבאַנד פֿון די סאָוועטישע רעפּובליקן. די דאָזיקע שרײַבער האָבן אַרײַנגעטראָגן אַ וואָגיקן צושטײַער אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור, און זיי פֿאַרדינען אַ באַזונדערע אויפֿמערקזאַמקייט.

די געגנטן, וועלכע האָבן דירעקט געגרענעצט מיט דעם פֿאַשיסטישן דײַטשלאַנד, האָבן, נאַטירלעך, אַמערסטן געליטן פֿונעם אומדערוואַרטן אָנפֿאַל פֿון די נאַציסטישע באַנדעס. אין אָט די קאַנטן האָט זיך די קאַטאַסטראָפֿע אויסגעווירקט באַזונדערס טראַגיש. פֿונדאַנען די פֿאַרשטאַרקטע פֿילבאַרקייט פֿון די דאָרטיקע שרײַבער צו די גרוילן פֿונעם קאַטאַקליזם. דאָס איז צו זען אין די נאָוועלן פֿון מ. אַלטמאַן, י. שרײַבמאַן, י. בורג, א. ליזען אאַ.

אָבער מיט דעם האָט זיך דער בײַטראָג פֿון די דאָזיקע שרײַבער אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור ניט באַגרענעצט. אין זייערע ווערק איז דערשינען אַ נײַער, אונדז פֿריִער ניט באַקאַנטער, טיפּאַזש, ס׳איז אַרײַן אַהער דער, בעסאַראַבער, בוקאָווינער, ליטווישער, לעטלענדישער קאָלאָריט, עס האָט אַ שעמעריר געטאָן מיט ניט באַקאַנטע נאַטורבילדער (צום בײַשפּיל, דער פּייזאַזש פֿון די קאַרפּאַטן־בערג בא י. בורגן). די שרײַבער פֿון די סאָוועטיש געוואָרענע געביטן האָבן געבראַכט מיט זיך זייערע טעמעס, זייער אַקטועלע פּראָבלעמאַטיק (די אונטערערדישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, פּראָבלעמען פֿון גרענעץ צווישן אַלטן און נײַעם שטייגער, צווישן די קויכעס פֿון רעאַקציע און פּראָגרעס אאַ.)

אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך אין דער שרײַבערישער מאַניר פֿון די דאָזיקע שעפֿער איז די אָרגאַנישע צונויפֿגיסונג פֿון דער באַגײַסטערט־פּאַטעטישער שילדערונג פֿונעם איצטיקן לעבן מיט דער ליריש־עלעגישער רעמיניסצענץ לעגאַבע דעם פֿאַרגאַנגענעם. דער פּרעוואַלירנדיקער קאָמפּאָזיציאָנעלער פּרינציפּ פֿון דער מערהײַט נאָוועלן איז די פּאַראַלעל צווישן הײַנט און אַמאָל (באַזונדערס איז עס קענטיק בא י. בורגן, נאָר גאַנץ דײַטלעך אויך בא י. שרײַבמאַנען, מ. אַלטמאַנען, ב. האַלפּערנען). די אײַנדרוקן פֿונעם נײַעם, סאָוועטישן לעבן ווערן שטאַרקער און עמפּפֿינדלעכער אויפֿגעפֿאַסט און אונטערגעטראָגן אויף דעם קאָנטראַסטפֿולן פֿאָן פֿונעם פֿריִערדיקן, לעגאַמרע אַנדערשדיקן, לעבן.

האַגאַם די רעמיניסצענצן לעגאַבע דער פֿאַרגאַנגענהײַט זײַנען אָפֿט פֿאַרבונדן מיט עקסקורסן אין דער קינדהײַט און אין דער יוגנט — עטאַפּן אינעם מענטשלעכן לעבן, וועלכע סטימולירן בעדערעך קלאַל צו ליריש־סענטימענטאַלער ראָמאַנטיזירונג, — איז די שילדערונג פֿונעם אָוואַר אין די ווערק פֿון די דאָזיקע שרײַבער ווײַט פֿון אידעאַליזאַציע. פֿאַרקערט, אין שײַן פֿונעם נײַעם לעבן אין דער סאָוועטישערווירקלעכקייט זען אויס באַזונדערס עקלהאַפֿט די רעשטלעך פֿון דעם מיטלאַלטער, וועלכע האָבן זיך נאָך שטאַרק געלאָזט פֿילן אין די ייִדישע ייִשוּווים פֿון דער ביזסאָוועטישער ליטע, לעטלאַנד אָדער בוקאָווינע, בעסאַ־

ראביע. די שרײַבער שילדערן זאַפטיקע, סאַטירישע, אינעם מענדעלע־נוסעך, בילדער פונעם אַלטערטימלעכן שטעטלדיקן שטייגער, דעקן אויף דעם שווערן געראַנגל צווישן אַלט און נײַ, צווישן פאַרשיידענע קלאַסן, פּאַרטייען, מאָלן געשטאַלטן פון רעוואָליוציאָנערע טוער, בילדער פון רעוואָליוציאָנערן קאַמף (מ. אַלטמאַן „אַמאָל איז געווען"; י. שרײַבמאַן „אַ קאַפּיטל ראַשקעווו", „וויגדער, ניסל און ניוקע", „כּײַע ליפשיצעס כאַווערטע"; י. בורג „צוריק אַהיים", „נעכטיקע טעג" אאַ.).

דער סאָוועטישער מענטש, דער מענטש מיט אַ נײַער פּסיכאָלאָגיע, נײַעם קוק אויפן לעבן, נײַער מאָראַל, ווערט אָפּט אין די ווערק פון די דאָזיקע שרײַבער קעגנגעשטעלט דעם מענטשן פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט מיט זײַן אייגנטימערישער פּסיכאָלאָגיע און מאָראַל.

אין דער נאָוועלע „גיי דערקלער אַ טומטום" שילדערט ב. האַלפּערן אַ באַגעגעניש פון צוויי געוועזענע יוגנט־כאַווײרים אין זייער ביידנס געבוירן־שטאָט ריגע. איינער האָט דאָרט אָפּגעלעבט אַלע יאָרן, דער צווייטער איז יונגערהייט אַוועקגעפאָרן קיין מאָסקווע. צוויי געוועזענע כאַווײרים, צוויי ניט אַלצײַנע לעבנס־וועגן, צוויי פאַרשיידענע וועלט־אָנשויונגען. איינער האָט געלעבט נאָר צוליב זיך: „זיך אויסגעקנאָטן אַ געמיטלעך לעבן, מיט אַ קאָקעטיש הײַזל, קלומבעס פון רויזן, אַ געהאָרכזאַם ווײַב". דער צווייטער האָט זײַן גאַנצע ענערגיע, זײַן גאַנצן לעבנס־אימפּעט אָפּגעגעבן דער געזעלשאַפט, דעם קאַמף פאַר אַ בעסערער וועלט. אונטערפּירנדיק אַ שטיקל סאַכאַקל, קען ער טאַקע מיט צופרידנקײַט פאַרצייכענען, אַז ער האָט איבערגעלאָזט אַ שפּור אויף דער ערד און זײַן גאַנץ לעבן האָט געהאַט אַ זין.

דער „מאַן אין גרויען" אין האַלפּערנס נאָוועלע מיט דעם זעלבן נאָמען, דער טוריסט פון אַרגענטינע, פאַרגלײַכנדיק דעם לעבנסוועג, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט, מיט דעם לעבנסוועג פון זײַן סאָוועטישן יוגנט־פרײַנט, איז געצוווּנגען צו אָנערקענען, אַז „בויען אַ נײַ לעבן איז אַ ביסל שווערער און קאָמפּליצירטער, ווי באַגאַנוווענען איטאַליענערקעס און האַנדלען מיט שמייכלען פון מיידלעך אין גרינע עלעגאַנטע אוניפאָרמעס". עס ווערט אים קלאָר, אַז ער האָט, אייגנטלעך, אַ גאַנץ לעבן „באַגאַנוועט זיך אַליין".

ב. האַלפּערנס נאָוועלן זײַנען סאָציאַל און פּאָליטיש פאַרשאַרפט. אָפּט באַווײַזן זיך אין זיי פּובליציסטישע ווענדונגען.

ענלעך לויטן כאַראַקטער זײַנען די נאָוועלן פון ג. קאָסאָי. זײַן באַליבטע נאָוועלע־פאָרם איז דער מאָנאָלאָג.

ג. קאָסאָי האָט געלעבט אין אַמעריקע, און ער האָט געהאַט די מעגלעכקײַט זיך געניט צו באַקאַנען מיט די „מײַלעס־טויוועס" פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. אינעם גרעסערן מאָנאָלאָג „די פּרײַז פון אַ דירע" ווערט צעוויקלט איינע פון פיל לעבנס־דראַמען, וואָס שפּילן זיך אָפּ יעדן טאָג אין דער געזעלשאַפט, ווו דער הערשנדיקער פּרינציפּ איז „אַ מענטש צו אַ צווייטן מענטשן איז אַ וואָלף".

אין אַ גאָר אַנדערער טאָנאַלקײַט זײַנען געשריבן ג. קאָסאָיס נאָוועלן, אין וועלכע ער ווענדט זיך צו דער הײַנטצײַטיקער סאָוועטישער ווירקלעכקײַט. אָנשטאָט סאַטירע און סאַרקאַזם קומט אַ ווייכער, גוטמוטיקער, וואַרעמער הומאָר. אַזאַ איז דער הומאָריסטישער מאָנאָלאָג „דער קלוב פון געלעכטער", פון וועלכן סע שפּרודלט מאַמעש מיט פאָלקס־כאָכמע און שאַרפזין.

דער שילדערונג פונעם נײַעם סאָוועטישן לעבן, דעריקער אין די בעסאַראַבער שטעט און שטעטלעך, ווידמעט פיל קינסטלערישע ענערגיע יעכיעל שרײַבמאַן.

י. שרײַבמאַן איז טאַקע אַ נאָוועליסט, אַזוי צו זאָגן, לויטן באַרוף. ער איז קאָל־יאָמאָוו טרײַ דעם דאָזיקן זשאַנער, מע קען אַפילע זאָגן, ער איז ניט נאָר אַ „פּראַקטיקער" פון דער נאָוועלע, נאָר אויך איר „טעאָרעטיקער" (אין די „מיניאַטורן", ווו ער באַהאַנדלט דעם דאָזיקן זשאַנער). ער שעצט די נאָוועלע אַלס זשאַנער פאַר איר געפּרעסטקײַט. זײַן דעוויז איז: „קורץ איז דאָס, וואָס קען ניט זײַן קירצער" און „צופיל זאָגן איז פּונקט אַזוי, ווי גאָרנישט זאָגן".

שוין אין שרײַבמאַנס מיניאַטור־נאָוועלן, מיט וועלכע עס האָט זיך געעפנט דער ערשטער נומער פון „סאָוועטיש היימלאַנד", האָט זיך גלײַך געלאָזט שפּירן דעם שרײַבערס לעבנס־פרײדיקע מוזע. די מיניאַטור „גראָז", צום בײַשפּיל, וואָלט געקאָנט, דאַכט אונדז, דינען אַלס מאָטאָ צו י. שרײַבמאַנס שאַפן אינגאַנצן גענומען.

אויף אַ קנאַפּ דריטל פון אַ זײַטל ווערט דערציילט, וויאַזוי דאָס קליינינקע ייִנגל האָט פאַרכידעשט און פאַרכושט זיך אײַנגעגראָבן אין דעם פרישן גראָז, וואָס האָט פאַר אַ נאַכט אַרויסגעשפּראָצט אין אַ ווינקל פון אַ גרויסשטאָטישן אויסברוקירטן הויף...

אז מע לייענט י. שרײַבמאַנס נאָוועלן, שטייט פאַר די אויגן אָט דער קלײנינקער סעניע, וואָס איז אַזוי פול מיט כידעש און באַגײַסטערונג פון דער צאַרטער גרינקײַט פון פריש אויסגעשפּראָצטן יונגן גראָז.

דעם לייטמאָטיוו פון י. שרײַבמאַנס נאָוועליסטיק וואָלט מען געקענט דעפינירן אַזוי: „דאָס לעבן — איז גוט!". דער שרײַבער פאַרמאָגט די זעלטענע פעיִקייט אויסצוגעפינען דאָס יאָמטעוודיקע אינעם וואָכעדיקן און טאָגטעגלעכן, ער איז באַשאַנקען מיט אַ באַזונדערן כוש פאַר אַלדאָס שיינס און דערהויבנס.

בײַ שרײַבמאַנען רופט אַרויס באַגײַסטערונג יוגנטלעכע שיינקײַט, וועגן וועלכער ער רעדט נאָך, ווען אויסערלעכע שיינקײַט ווערט באַגלייט מיט אינערלעכער, מאָראַלישער. אַן אַפּאָטעאָז דער יוגנטלעכער נעשאָמע־שיינקײַט איז די נאָוועלע „דאָס מיידל פון שעפּעטאָווקע".

אין דער „סאַנאַטאָרישער לײַדיקגייערישער זאַרגלאָזיקײַט", דערציילט אונדז דער שרײַבער, האָט דאָס מיידל פון שעפּעטאָווקע אַרויסגערופן „זינדיקע מאַכשאָוועס". אַף וויפל זי האָט זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט און פלעגט אַף אַ צײַט ערגעצווו פאַרפאַלן ווערן, האָט זיך בײַ אייניקע מאַנצבלען געשאַפן אַ כשאַד, אַז זי פירט זיך לײַכט אויף. „מער פון אַלץ האָט געשוינדעוועט איינער אַ כאָרמייסטער", אַ מענטש, וואָס האָט איבערגעלעבט אַ פאַמיליען־דראַמע און האָט „זיך געהיילט אין סאַנאַטאָריע מיט אַנעקדאָטן, מיט וויצן, מיט לײַכטער שפּיל". טאַקע ער האָט זיך געשטעלט דעם ציל „אַראָפּרײַסן" פון דעם דאָזיקן מיידל די מאַסקע פון צניִעס. נאָר ער נאַרט זיך, נעבעך, מיִעס אָפּ. דאָס מיידל, נאָך וועלכער ער שפּירט אַ צײַט נאָך, דערשײַנט פאַר זײַנע אויגן אין איר גאַנצער אינערלעכער, מאָראַלישער שיינקײַט. זי „ווערט פאַרפאַלן", ווײַזט זיך אַרויס, אינעם צימער פון אַ געוועזענעם פּאָד־פּאָלקאָווניק, וואָס האָט בײַס דער מילכאָמע פאַרלאָרן די ריִע, זי העלפט אים גרייטן זיך צו די לעצטע עקזאַמענעס אין הינטער־אויגיקן היסטאָרישן פאַקולטעט, וועלכן ער האָלט בײַ פאַרענדיקן.

י. שרײַבמאַנס נאָוועלן לאָזן נאָך זיך איבער שטימונג, זיי שטעקן אָן דעם לייענער מיט פרייד, באַוווּנדערונג, בענקשאַפט. פיל העלפט דערצו דאָס פּראָסטע, נאָר וואַרעמע פאָלקס־טימלעכע וואָרט, די נייטיקע פאַרב, דאָס צוגענגלעכע, נאָענטע צו דער פאָלקס־אויפאַסונג בילד.

דעם זשאַנער פון דער מיניאַטיור־נאָוועלע קולטיווירט מיט גרויסער ליבע מאַרק ראַזומני. זײַנע מיניאַטיורן זײַנען ניט קיין לירישע, ווי בײַ שרײַבמאַנען, נאָר פילאָסאָפישע. ער באַטיטלט זיי מיט אַ נײַעם נאָמען — „נאָוועלעטן".

ראַזומניס נאָוועלעטן באַזירן זיך אַף רעאַלע פאַקטן, וועלכע דער שרײַבער באַמערקט אַף יעדן טריט און שריט. דער עיקער איז אָבער אינעם געדאַנק, אין דער פילאָסאָפישער באַזיניקונג, אין דעם מוסערהאַסקל.

דער גרונט־טאָן פון מ. ראַזומניס „נאָוועלעטן" איז אַן אָפּטימיסטישער. דאָס לעבן צווי־בערט מיט פילאַרטיקײַט, פילאָסאָפישער פּראָסטקײַט און טיפקײַט. מע דאַרף נאָר קענען באַזײַטיקן דאָס שלעכטע, דאָס אָפּגעלעבטע, דאָס שעדלעכע; מע דאַרף קענען שעצן און אויסטיילן דאָס שיינע, געזונטע און פאַרנונפטיקע, לערנען זיך פון דעם.

אַ טיף הומאַנישער געפיל דריינגט דורך אָט די מיניאַטיורן. דער שרײַבער וויל אויפ־ריכטיק און פון האַרצן, אַז דעם מענטשן זאָל „דאָס האַרץ ניט ווײ טאָן", ער זאָל זיך פילן גליקלעך און צופרידן אַף דער ערד. מ. ראַזומני שטעלט הויכע מאָראַלישע פאָדערונ־גען צו דעם מענטשן. ער פאַרהערלעכט אינעם מענטשן אַזוינע אייגנשאַפטן, ווי ליבע, גע־טרײַשאַפט, ערלעכקײַט, באַשיידנקײַט, מענטשלעכקײַט; פאַרורטיילט פאַלשקײַט, פּוסטע באַ־רימערײַ, גײַציקייט, כאַניפע, מענטשן־סינע אדג. („פון אויבן אַראָפּ", „פאַרביקער שניי", „פאַרבײַגייער", „אַ פּאַשעטע סטעאַרין־ליכטל", „ערלעכקײַט", „ער איז אַלט, אָבער ניט פאַרעלטערט", „פרײַנטשאַפט", „געפּוצטע שיך", „גלײַכגילט", „אײַלט זיך טאָן גוטס" אאַ.).

אין ראַזומניס „נאָוועלעטן" פיגורירן ניט בלויז מענטשן, נאָר אויך באַלעכאַיִם, פייגל, פלאַנצן, טויטע קעגנשטאַנדן, נאָר זיי אַלע ווערן באַלעבט, פּערזאָניפיצירט, זיי טראַכטן, דענקען, ריידן זיך איבער, מיט זייער הילף זאָגט דער שרײַבער אַרויס זײַנע איבערלעבונ־גען, זײַן „דאָס בין איך אַליין". די דאָזיקע נאָוועלעטן זײַנען ענלעך צו מעשאָלים און טראָגן אַן אויסגעשפּראָכן דידאַקטישן כאַראַקטער.

אין דער פילאָסאָפישער באַזיניקונג פון די עטישע פּראָבלעמען פון אונדזער לעבן שטעקט די קראַפט פון מ. ראַזומניס שאַפן, און דאָס איז זײַן בײַטראָג אין דער הײַנטצײַטיקער נאָ־וועליסטישער פּראָזע.

װעלכער דאַרף זײַן דער נײַער מענטש, דער בויער פון דער נײַער געזעלשאַפט, זײַן גײַסטיקער אָנבליק, װעלכע דאַרפן זײַן זײַנע מאָראַלישע פּרינציפּן — דאָס איז אײנע פון די צענטראַלע פּראָבלעמען, װאָס רעגט די שעפער פון דער הײַנטצײַטיקער נאָװעלע.

א גרויסן צושטײַער אין דער לײזונג פון דער דאָזיקער פּראָבלעם, דער פּראָבלעם פונעם פּאָזיטיװן העלד אין אונדזער הײַנטצײַטיקער ליטעראַטור, האָט אַרײַנגעטראָגן די גרופּע בירָאבידזשאַנער שרײַבער. ב. מילער, ל. װאַסערמאַן, ה. ראַבינקאָװ, ס. באָרזשעס — יעדערער פון זײ האָט אױף זײַן אופן, לויט זײַנע מעגלעכקײַטן, אַרײַנגעטראָגן זײַן גאָב אין דער קינסטלערישער געשטאַלטונג פונעם פּאָזיטיװן העלד, דעם אַקטיװן בויער פונעם נײַעם לעבן.

פאַר אַלע בירָאבידזשאַנער שרײַבער איז כאַראַקטעריסטיש א פאַרשאַרפט פּאַטריאָטיש געפיל לעגאַבע דעם סאָװעטישן הײמלאַנד און דירעקט לעגאַבע דער ייִדישער אװטאָנאָמער געגנט, מיט װעלכער ס׳איז ענג פאַרבונדן דער לעבנס־גורל און דאָס ליטעראַרישע שאַפן פון יעדן פון זײ. די דאָזיקע שרײַבער האָבן צוזאַמען מיט דער געגנט איבערגעלעבט אַלע אירע שװערע געבורט־לײדן. זײ האָבן מיט זײערע אויגן געזען, װי די װילדע טײַגע איז פאַרװאַנדלט געװאָרן אין א בליִענדיקן קאַנט, זײ זײַנען געװען צװישן די ערשטע בויער פון דער שטאָט בירָאבידזשאַן, מיטגעהאָלפן איר צעבליִונג און אַנטװיקלונג. „מיר אַלע, — שרײַבט ב. מילער, — די אײַנװױנער פון דער נאָך גאָר ניט אַלטער און בעמײלע ניט זײער גרויסער שטאָט, װעלכע האָט אַנטליִען די נעמען פון צװײ װײַטמיזרעכדיקע טײַכן פאַר איר אײגענעם נאָמען, זײַנען ניט געקומען אהער אױף גרײטן. אַלע האָבן מיר אונדזער כײלעק אין אַלץ — אין אָט די מויערן, סקװערן, פאַבריקן, בױונגען“ („מענטשן גײען אינדערפרי צו דער אַרבעט“). טאַקע אָט דער געפיל, װאָס שטאַמט פון דעם, װאָס „מע איז ניט געקומען אױף גרײטן“, בילדעט דעם יעסאָד פאַר דעם פּאַטריאָטיזם פון די בירָאבידזשאַנצעס, פאַר זײ׳ער מאַמעש אינטימער צוגעבונדנקײַט צו דער ייִדישער אװטאָנאָמער געגנט. די שרײַבער זײַנען אױף אַזױפיל פאַרליבט אין זײער געגנט, אַז עס װאָלט זײ ניט דערעסן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל צו דערצײלן װעגן די דאָרטיקע מענטשן, װעגן זײער גרויסן אופטו, װעגן דעם, װי זײ האָבן איבערגעשטאַלטעט די נאַטור, אופגעלעבט די אוראַלטע װילדקײַט, אויסגעבויט מאָדערנע שטעט. דערמיט דערקלערן זיך באַשטימטע איבערכאַזערונגען, װעלכע מיר טרעפן בא די דאָזיקע שרײַבער אין דער שילדערונג פון דער געגנט, איבערכאַזערונגען, װאָס װאַרפן זיך אין די אויגן בא יעדן פון זײ און נעמען אַמאָל אָן דעם כאַראַקטער פון א געװיסן שטאַמפ.

מיט א באַזונדערער „לויטערקײַט“ צײכענען זיך אויס די נאָװעלן פון בוזי מילער. זײַנע העלדן זײַנען מיטצײַטלער, פאָרשטײער פון פאַרשײדענע פעלקער, בויער פונעם נײַעם לעבן אין סאָװעטישן לאַנד. ער געפינט פאַר יעדן פון זײ די נײטיקע פאַרב, זײ כאַזערן ניט איבער אײנס די צװײטע. יעדערער מיט זײַן גורל, מיט זײַן כאַראַקטער, מיט זײַנע טרוימען און אידעאַלן, מיט זײַנע פרײדן און לײדן, אָבער אַלע געהערן זײ צו אײן גרויסער גליקלעכער מישפּאָכע. דער שרײַבער איז שטענדיק צװישן זײַנע פּערסאָנאַזשן, ער איז אײנער פון זײ, ער איז צוזאַמען מיט זײ אונטערװעגס, אין באַן, אין סאַלאָן פון עראָפּלאַן, אױף די גאַסן פון זײַן הײמשטאָט. ער באַאָבאַכטעט זײַנע מיטגײער אָדער מיטפאָרער, קוקט זיך צו זײ צו, באַטראַכט זײ, פּרוּװט זיך טרעפן, װעגן װאָס זײ טראַכטן, מיט װאָס זײ באַשעפטיקן זיך. ער פאַרפירט מיט זײ א געמיטלעכן שמועס אָדער א װיקועך, מאַכט זיך לוסטיק מיט זײ צוזאַמען. פונדאַנען — די װאַרעמע, לירישע, הײמיש־אינטימע אַטמאָספער, װאָס הערשט קימאַט אין אַלע מילערס נאָװעלן („אין א האַרבסטיקן טאָג“, „א פרילינגדיקער עסקיז“, „א מוזיקאַלע נאָװעלע“, „אונטערװעגס“, „דער שװאַרצער קאָטער“, „אין צװײטן סאַלאָן“ אאַ.).

עס װילט זיך באַזונדערס אויסטײלן אײנע פון בוזי מילערס שענסטע נאָװעלן — „מענטשן גײען אינדערפרי צו דער אַרבעט“. דאָס איז א געזאַנג אין פּראָזע, א ליבגעזאַנג דעם מענטשן, זײַן שעפערישער מי, א הימן דעם לעבן, דער לויטערקײַט פונעם פרידלעכן פרימאָרגן, א הימן דער שײנקײַט.

אויך ה. ראַבינקאָװ פילט זיך הײמיש, װי אַן אײגענער מענטש, צװישן די העלדן פון זײַנע בירָאבידזשאַנער נאָװעלן. ער איז דאָ אַן אַלטער טוישעװ, אים איז קענטלעך און טײַער יעדעס װינקעלע. אומעטום טרעפט ער דאָ באַקאַנטע: אױף דער בױונג, אױפן זאַװאָד, אין דער שול, אױף די גאַסן פון דער שטאָט.

זײַנע העלדן זײַנען דאָסראָװ „װעטעראַנען“, פאָרשטײער פונעם עלטערן דאָר, װעלכער האָט געלײגט דעם פונדאַמענט פון דער ייִדישער אװטאָנאָמער געגנט, מיט די אײגענע הענט געבויט די ערשטע הײַזער, אופגעשטעלט די ערשטע זאַװאָדן. די װעטעראַנען האָבן װאָס צו דערמאָנען, זײ האָבן מיט װאָס צו שטאָלצירן. אַלס געשטאַלטן זײַנען זײ אינדיװידואַלי־

זירט און פאַרמאָגן א באַזונדערע פּסיכאָלאָגישע כאַראַקטעריסטיק („דאָס הויז“, „וועטעראַנען“, „אין יאָרן ארום“, „מאַיאָרטשיק“ און אנד.).

ה. ראַבינקאָוו מאָלט אויך פאָרשטייער פונעם ייִנגערן דאָר, וועלכע נעמען איבער די עסטאַפעטע פון די, וואָס האָבן געקעמפט פאַרן זיג פון דער סאָוועטנמאַכט אפֿן ווײַטן מיזרעך, זיי זעצן פאָר די אַרבעט פון זייערע עלטערן, וואָס האָבן פאַרוואַנדלט די טײַגע אין א בלײַענדיקן קאַנט, רעקאָנסטרויִרן די אופגעבויטע שטעט, בויען נײַע ראַיאָנען („א דאָר אזא“, „פון א נײַער הייך“).

מיט א באַזונדערער ליבע מאָלט ה. ראַבינקאָוו די קינדער, די צוקונפט פון דער יונגער אווטאָנאָמער געגנט. פאַר די ייִדישע קינדער קלינגען ווי א מעשונע־ווילדער אַנאַכראָניזם אַזוינע ווערטער, ווי „טכום“ אָדער „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ“ („קינדער“, „אומפאַרשטענדלעכע ווערטער“ אא.).

ברייט איז דער טעמאַטישער דיִאַפּאַזאָן אין ליובע וואַסערמאַנס שאַפונג. די שרײַבערן האָט דורכגעמאַכט א גאָר שווערן לעבנסוועג, א וועג פון נויט און רעוואָליוציאָנערן קאַמף — פריִער אין פּוילן, שפּעטער אין פּאַלעסטינע. דעריבער טרעפן מיר בא איר, כוץ די ביראָבידזשאַנער נאָוועלן, אין צענטער פון וועלכע עס שטייט דאָס פּאָזיטיווע געשטאַלט פונעם סאָוועטישן מענטשן, אויך א ריי נאָוועלן, ווו זי בלעטערט אוף זיכרוינעס פון דער פאַרגאַנגענהײַט, פון דער קינדהײַט, פון דער אונטערערדישער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג („גאָלדענע שטיינער“, „גאַלעך“ אא.).

אופשטעלנדיק דאָס געשטאַלט פונעם פּאָזיטיוון העלד פון אונדזער צײַט, ווידמען די שרײַבער די גרעסטע אופמערקזאַמקײַט זײַן מאָראַלישן אָנבליק. די וויכטיקסטע עטישע פּאָדערונגען צו אים זײַנען: ליבע צום סאָציִאַליסטישן היימלאַנד, אופריכטיקײַט, ערלעכקײַט, טיפע מענטשלעכקײַט, גרייטקײַט מעוואַטער זײַן אף דעם פּערזענלעכן אינטערעס לעגאַבע די אינטערעסן פונעם קלאַל. די בונטע גאַלעריי פּאָזיטיווע געשטאַלטן אין אונדזער נאָוועליסטיק אַנטשפּרעכט די דאָזיקע פּאָדערונגען (ל. וואַסערמאַן „אייגן בלוט“, שירע גאָרשמאַן „ס'וועט זײַן גוט“, „א פאָרפאָלק אין דיוונאָגאָרסק“, „ווו נעמט מען?“; ש. גאָרדאָן „דער סאַניטאַר“; י. שרײַבמאַן „דאָס מיידל פון שעפּעטאָווקע“; י. ראַבין „ראָכל און אירע קינדער“; ט. גען „סקולפּטורן אפֿן זאַמד“; מ. קאָבריאַנסקי „א גוטע נאַכט, גוטערברודער“; ס. באָרזשעס „די היטער פונעם סאָד“ און פיל אַנדערע).

באַנאַנד דערמיט ווערן אויסגעלאַכט דערשײַנונגען פון אַמאָראַלישער אופירונג, צופּאַסלערײַ, צווייפּנעמדיקײַט, כאַניפע, צוויִעס, אייגנליבע, קולט פון דער אייגענער פּערזאָן, אָפּנאַרערײַ, וואָס האָבן נאָך אַן אָרט אין אונדזער געזעלשאַפט (ש. גאָרדאָן „דער פּעטשאָרער שערער“, כ. זילבערמאַן „דער באַלעבאָס“ און „דער טײַטש פון זעלבסטווירדע“ אא.). באַזונדערס שטרענג ווערן אָנגעגריפן די רעשטלעך פון אייגנטימערישער פּסיכאָלאָגיע אינעם באַוווּסטזײַן פון אייניקע מענטשן, אינדיווידואַליסטישע און עגאָיִסטישע טענדענצן, אומאָנשטענדיקע האַלטונג אין דער פאַמיליע, אינעם שטייגער, אין דער געזעלשאַפט. אין א ריי סאַטירישע נאָוועלן קריטיקירט ש. גאָרשמאַן יענע סאָוועטישע מענטשן, וועלכע האָבן אין צײַט פון מילכאָמע זיך געזאָרגט בלויז וועגן אייגענעם ווילזײַן און זיך באַצויגן גלײַכגילטיק צו די נויטן און ליידן פון די אַרומיקע („נינאָ“, „א קניפּל מיט א סימען“). שאַרף טאַדלט די שרײַבערן יענע מענטשן, וואָס זײַנען געוואָרן שקלאַפן פון זאַכן, זיך פאַרוואַנדלט אין קנעכט פון דער אייגענער גיריקײַט נאָך לוקסוס און באַרײַכערונג. זי באַווײַזט, ווי אונטערן דרוק פון אייגננוץ און עגאָיִסטישער זעלבסטצופרידנקײַט גייט פאַרלאָרן אַלדאָס מענטשלעכע אינעם מענטשן, ער ווערט אויסגעליידיקט פונעם מאָראַלישן און דערהויבענעם („גייענדיק פון מאַרק“, „מע זאָל באַהיט ווערן“, „א מיידל פון פּראָווינץ“ אא.).

אין ה. פאָליאַנקערס הומאָריסטישע נאָוועלן לאָזט זיך שפּירן א גאָר נאָענטע פאַרבינדונג מיט דער שאָלעם־אַלייכעם־טראַדיציע. פאָליאַנקער לאַכט אויס אייניקע פּסיכאָלאָגיש־שטייגערישע אַנאָמאַליעס אין אונדזער לעבן, באַשטימטע אינדיווידואַליסטישע נייגונגען אין דער פּסיכאָלאָגיע און אופירונג פון אייניקע מענטשן („א מײַסע מיט אַן אַקשן“, „צוויי כאַסענעס מיט א געט“, „א געשיכטע מיט א דאַטשע“), אונטערלעקערײַ און כאַניפע („די ווײַסע וואָראָנע“); די קליינבירגערלעך־באַלעבעסלדיקע שוואַכקײַט צו אַלץ, וואָס קומט פון אויסלאַנד („געסט פון אויסלאַנד“, „א גאַסט אין שטעטל“), אדג. דער שרײַבער איז געשטימט געמיטלעך, ער איז ניט אויסן צו שטראָפן מיט זײַן געלעכטער, ער איז איבערצײַגט, אַז די דאָזיקע רודימענטן אין אונדזער שטייגער און אין דער פּסיכאָלאָגיע פון באַזונדערע מענטשן זײַנען איבערגייענדיקע דערשײַנונגען און זיי וועלן מיט דער צײַט אליין פון זיך אָפּפאַלן. די דאָ־

זיקע איבערצײַגונג שטאמט פֿונעם שרײַבערס גלױבן אין דער מאָראַלישער געזונטקײט פֿון דעם ארבעטס־מענטש.

א טייל פֿון פֿאַליאַנקערס נאָוועלן, וועלכע ווערן דאָסראָוו פֿאַשעט אָנגערופֿן מײַסעס, מאכמעס זייער פֿאָלקלאָריסטישן טאָך און נוסעך, איז באזירט אַף קאָמישע, קימאַט אַנעקדאָ־טישע סיטואַציעס („א מײַסע מיט א כאַסענע", „באַשערט אַן אומגליק", „א מײַסע מיט א קליפּע", „א מײַסע מיט א װאָלף און מיט א יעגער" אאַ.). מיט די דאָזיקע מײַסעס איז דער שרײַבער פֿאַשעט אויסן צו פֿאַרווײַלן דעם לייענער, אים לוסטיק מאכן, עס זאָל זײַן פֿריילעך אַפֿן הארצן.

ה. פֿאַליאַנקער קען גוט די פֿאָלקס־סוויווע, אים געלינגט איבערצוגעבן די פּסיכאָלאָגיע, די גענג, דעם שטייגער, דאָס לאָשן פֿון זײַנע פֿאָלקס־פּאַרשוינען. אדאַנק דעם זײַנען זײַנע נאָוועלן אָנגעזאַפּט מיט פֿאָלקס־הומאָר. עמעס, אין געוויסע נאָך קאָמישע עפֿעקטן גיט זיך פֿאַליאַנקערן ניט שטענדיק אײַן צו כאַפּן די מאָס. עס טרעפֿט בא אים, אַז ער איז צופּיל מעגאַזעם, און וואָס „צו" איז, ווי באַוווּסט, איבעריק. א הומאָריסט קען זיך, נאַטירלעך, דערלויבן געוויסע באַדינגלעכקײַט, היפּערבאָלישקײַט, אָן דעם איז אפֿילע ניט דענקבאַר דאָס קאָמישע. אָבער צו יעדער גוזמע איז דאָ א גרענעץ. זייער טרעפֿלעך ווערט, צום בײַשפּיל, אין דער נאָוועלע „א גאַסט אין שטעטל" אויסגעלאַכט דער אמעריקאַנער גאַסט, וואָס קען בעשום־אויפֿן ניט פֿאַרשטיין, ווי קומט עס, וואָס אין כמעלניק הײלט מען אומזיסט און ס'זײַנען דאָרט ניט פֿאַראַן קיין „וואסער־קאָרפּאָריישנס", וואָס וואָלטן געקענט אַף די ראָ־דאָנער וואַנעס מאכן ביזנעס, „שאַרן מאַמעש גאָלד מיט לאָפּעטעס". עס לייגט זיך אַפֿן סייכל דער ווילן פֿונעם גאַסט זיך איבערצײַגן, ווי מע זאָגט, „אַף דער פּראַקטיק" אין דעם, אַז מע הײלט דאָ אומזיסט, און טאַקע געניסן פֿון דער דאָזיקער פּריווילעגיע, וואָס מענטשן נוצן זיך מיט איר בלויז אין דער סאָציאַליסטישער מעדינע. ס'איז גאַנץ נאַטירלעך, וואָס ליגנדיק, „ווי א קייסער אין דער ווײַס־ציכטיקער וואַנע", כעזשבנט דער „פּרעזידענט", וויפֿל עס וואָלט אים דער דאָזיקער ווילטיק אָפּגעקאָסט אין אמעריקע אָדער קאַרלסבאַד. אָבער ווען ער לייגט זיך אַוועק א פֿרישער און געזונטער לעשעם געניסן פֿון אומזיסטער היילונג אונטער דעם כירורגישן מעסער, מע זאָל אים אָפּערירן פֿון אַן אויסגעטראַכטן אַפּענדיציט, הייסט עס טאַקע, אַז דער שרײַבער האָט איבערגעכאַפּט די מאָס...

אַמאָל ווערט אויך פֿאַרלאָרן די מאָס לעגאַבע דעם לאָשן פֿון די פֿאָלקס־מענטשן. דאָס מײַנעלאָשן פֿון דער יידענע אין „א מײַסע מיט א קליפּע", לעמאָשל, איז שוין צופּיל אינעם נוסעך פֿון דער יידענע אין שאָלעם־עליכעמס „דאָס טעפּל" און פֿון אַנדערע אזוינע קאָס־רילעווקער פּערסאָנאַזשן, פּונקט ווי פֿון שאָלעם־עליכעמס צײַטן וואָלט זיך קאַסרילעווקע גאָר ניט געריירט פֿון אָרט...

נאָר דאָס זײַנען קליינע, ווי מע זאָגט „פּראָדוציר־פֿאַרלוסטן", וואָס נעמען זיך פֿון דער שטרעבונג לוסטיק צו מאכן דעם לייענער. עס שטערט ניט ה. פֿאַליאַנקערן אויספֿילן זײַן הויפּט־אויפֿגאַבע: אָנשטעקן דעם לייענער מיט דעם אָפּטימיסטישן גײַסט פֿון די פֿאָלקס־מאַסן, מיט זייער געזונטער לעבנסלוסט און לעבנספֿרייד.

די שאָלעם־עליכעמישע טראַדיציע איז, קאָן מען זאָגן, אָרגאַניש אַרײַן אין דעם שעפֿע־רישן בלוט און פֿלייש פֿון דעם אוטאָר פֿון א ריי הומאָרעסקעס י. רוביאַן. עמעס, ס'טרעפֿט, אַז די דאָזיקע אָרגאַנישקײַט רופֿט זיך אָפּ מיט שוואַכקײַטן. די מידעס, האַוויַעס, דאָס אַרט דענקען און דאָס אַרט ריידן פֿון די יידן און יידענעס אין באַזונדערע רוביאַנס מאָנאָלאָגן איז אַף אַזויפֿיל „אַלפּי־שאָלעם־עליכעם", אַז, לייענענדיק זיי, הייבט זיך אונדז אָן צומאָל דאַכטן, אַז מיר געפֿינען זיך אין קאַסרילעווקע, צווישן די „קליינע מענטשעלעך מיט די קליינע האַסאָגעס"...

י. רוביאַן פֿאַרמאָגט א פֿײַנע, זאַפּטיקע, פֿאָלקסטימלעכע שפּראַך. אין אייניקע זײַנע הומאָרעסקעס לאָזט זיך פֿילן א וואַרעמער לירישער שטראָם („דאָס שוואַרצע ביקל", „בלו־מען"), אַנדערע זײַנען געבויט אַף אַנעקדאָטישע סיטואַציעס, און ס'איז אין זיי דאָ פֿיל פֿאָלקס־כאָכמע און שאַרפֿזין („פֿיש", „אויך מיר א שידעך", „צוגאַסט", „א קאַלע אין הויזן", „אָן איבערלויף", „אין אײַלעניש", „זײַט זשע מיר מויכל" אאַ.).

מיר האָבן דאָ גערעדט וועגן א גאַנצן זשאַנער אין דער פּראָזע פֿון „סאָוועטיש היימ־לאַנד". פֿאַרשטייט זיך, די טעמע איז בלויז אָנגעצייכנט געוואָרן. עס ווילט זיך אָבער, אַז פֿון אונדזער איבערזיכט זאָל קלאָר ווערן דאָס וויכטיקסטע: די הײַנטצײַטיקע יידישע סאָוועטישע נאָוועלע שטייט אַף דער הייך פֿון די פֿאָדערונגען פֿון אונדזער צײַט, פֿאַרנעמט אַן אָנגעזעען אָרט אין דער סאָוועטישער יידישער פּראָזע.

ישׂראל סערעבריאַני

לעבנס־מאַטעריאַל „פון דער ערשטער האַנט"

אָפּשטעלן זיך אַף אַלץ, וואָס דער זשורנאַל האָט ביז אהער אַרײַנגעטראָגן אין דער אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער ליטעראַטור — פאַר דרײַ פינפיאָרן, — וואָלט פאַרנומען זייער אַ סאַך אָרט. עס איז שווער זיך פאָרצושטעלן דעם ליטעראַרישן פּראָצעס פון די לעצטע אָנדערהאַלבן צענדליק יאָר אָן דעם זשורנאַל, וואָס איז פאַר דער צײַט געוואָרן ניט בלויז אַ ליטעראַריש־קינסטלערישע טריבונע פאַרן ייִדישן שרײַבער און קינסטלער, נאָר אויך אין אַ געוויסער מאָס אַ ליטעראַריש־וויסנשאַפטלעכע, ביבליאָגראַפיש־היסטאָרישע, אַלזײַטיקע קולטורעלע אינסטיטוציע, וווהין דער ייִדישער שרײַבער, וויסנשאַפטלער און לייענער האָבן זיך אָפט געווענדעט מיט פאַרשיידענע אַקטועלע פראַגן פון דער הײַנטצײַטיקײַט.

דעריבער וועל איך זיך דאָ באַגרענעצן בלויז מיט איין „ווינקעלע", דערמאָנען אַ כאַראַקטעריסטישן עפּיזאָד, וואָס באַווײַזט באַשײַמפּערלעך, אַלנפאַלס פאַר מיר פּערזענלעך, ווי ווײַט מיר זײַנען אַוועק פון יענע ערשטע האַסאָגעס וועגן די מעגלעכקײַטן פון אונדזער ליטעראַטור ערעוו דעם דערשײַנען פונעם ערשטן נומער פון דעם דאַן צווייכאָדאָשימדיקן זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", אין יול — אווגוסט 1961.

איך געדענק, אַז פאַרן ערשטן נומער האָט מען בא מיר באַשטעלט אַן אַרטיקל וועגן די ביראָבידזשאַנער ייִדישע שרײַבער. דאָס איז פאַר מיר געווען אומגעריכט. איך האָב אַ טראַכט געטאָן און בין געקומען צום באַשלוס, אַז עס איז „נאָך צו פריי", לאָמיר עפּשער צוּוואַרטן אַ ביסל. מיר האָט זיך געדוכט, אַז קעדיי ריידן וועגן דעם דאָזיקן איניען, דאַרף מען קומען מיט עפּעס מער מאַמאָשעסדיקס, אַפילע אויסערגעוויינלעכס, ווײַל דאָ רעדט זיך דאָך ניט בלויז וועגן ליטעראַטור און שרײַבער ביכלאַל, נאָר וועגן דעם פּרעסטיזש פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט.

איצט זע איך, אַז איך בין געווען ניט גערעכט. מע דאַרף אַלעמאָל קוקן פאָרויס — „דעם טאָג אַנטקעגן"!

ווען מע גיט אַ בלעטער די נומערן פון „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַר די 15 יאָר, זעט מען בוילעט, וואָס דער זשורנאַל איז געוואָרן פאַר דער גרופּע ביראָבידזשאַנער ייִדישע שרײַבער: איטלעכער פון זיי, ניט געקוקט אַף זײַן טאָגטעגלעכער פאַרנומענקײַט אין דער אָרטיקער פּרעסע, האָט אַרויסגעוויזן אַלץ מער און מער שעפערישע אַקטיוויקײַט, פּובליקירט נײַע ווערק, אייניקע גאַנץ באַדײַטנדיקע, וואָס וועלן פאַרבלײַבן אינעם אַקטיוו פון דער ליטעראַטור. אַדאַנק דעם זשורנאַל האָט זיך אויך בעסער געאַרבעט אין ביראָבידזשאַן גופע — אין דער אָרטיקער פּרעסע. דער דאָזיקער שעפערישער אופבראָיז האַלט איצט אין איין וואַקסן. עס זײַנען דערשינען באַזונדערע ביכער פון די דאָרטיקע שרײַבער אין ייִדיש און רוסיש. אין פאַרשיידענע ייִדישע און רוסישע זאַמלונגען פון מאָסקווע, כאַבאַראָווסק, ביראָבידזשאַן איז ניט שווער צו דערקענען ווערק, וואָס האָבן זיך פריִער געדרוקט אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד". נאָך מער דערפרייענדיק איז דאָס, וואָס אין ביראָבידזשאַן האָט זיך באַוויזן אַן עכטע ליטעראַרישע יוגנט — אַ נאַטירלעכער ווידערוווּקס, — וואָס האָט שוין פּובליקירט אייניקע ווערטפולע מאַטעריאַלן אין די לעצטע נומערן פונעם זשורנאַל און אין דער ביראָבידזשאַנער און כאַבאַראָווסקער פּרעסע.

דאָס איז שוין ניט קיין נעוויִעס. דאָס איז אַ פאַקט. און פאַקטן, ווי מע זאָגט, זײַנען גרויסע אַקשאָנים...

דער סאַמע שעפעריש־אַקטיווער פון די ביראָבידזשאַנצעס איז אין די פאַרגאַנגענע יאָרן געווען בוזי מילער, נאָר ניט ווייניק האָבן אויך געגעבן העשל ראַבינקאָוו, ליובע וואַסערמאַן, איציק בראָנפמאַן, סאַלוואַדאָר באָרזשעס, נאָכעם פרידמאַן, מאַקס ריִאַנט. פון די ייִנגערע האָבן זיך אָנגעהויבן דרוקן לעאָניד שקאָלניק, ראָמאַן שויכעט, זוסיע ווייצמאַן, יויסעף טאַבאַקמאַכער, דער זשורנאַליסט נאָכעם אײַזמאַן.

ביראָבידזשאַן באַווײַזט זיך, אַזויאַרום, אינעם זשורנאַל ניט בלויז מיט דער „אַלטער גוואַרדיע", וואָס לעבט איצט איבער אַ „צווייטע יוגנט", נאָר, ווי געזאָגט, אויך מיט צוגעקומענע קויכעס, געבוירענע און אופגעהאָדעוועטע אין דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט.

ביראָבידזשאַן ווערט וואָס ווײַטער אַן עכטער אינדוסטריִעלער, לאַנדווירטשאַפטלעכער און קולטורעלער צענטער, באַזונדערס, ווען ער האָט איצט אַרום זיך אַזאַ מין שאָכן, ווי די בײַקאַל־אַמורער מאַגיסטראַל (באַם). די ביראָבידזשאַנער פאַבריקן און זאַוואָדן אַרבעטן הײַנט „קײַלעכדיקע וואָכן" פאַר דעם דאָזיקן כאָשעווון שאָכן. עס קומען אַפילע אוף נײַע אונטערנעמונגען, וועלכע דאַרפן באַזאָרגן מיט פאַרטיקע הײַזער די יונגע בויער פונעם באַם. די ביראָבידזשאַנער שרײַבער, שוין אָפּגערעדט

פון זשורנאליסטן, זיַינען איצט אָפטע געסט אַף דער מעכטיקער בויונג. דאָס לאָזט זיך שוין פילן אויך אינעם זשורנאל.

איך האָב אייניקע באַמאָוועס באַגעגנט אויך אין ביראָבידזשאַן גופע, ווען איך בין דאָרט געוועזן מיט א יאָר צוריק. זיי גייען ארום גרופּעסוויַיז, טיילן זיך אויס ניט בלויז מיט זייערע ספּעציִעלע קליידער און עמבלעמעס, נאָר דעריקער, מיט זייערע באַגיַיסטערטע פּנעמער. ווו נעמט מען אהער אַשער שווארצמאַנען! יוגנט, יוגנט! זיי האָבן ניט געזען ניט קיין בירגערקריג, ניט די פאַטערלענדישע מילכאָמע, נאָר דאָך זעען זיי אויס ווי יונגע „שורעס מוירדים", וואָס קעמפן איצט מיט דער „ווילדער נאַטור". פון זיי עטעמט אויך מיטן ראָמאַנטישן „דאַיאָש!". און וואָס איז איצט פאַר זיי שוועריקייַטן, ווען הינטער די פּלייצעס שטייט דאָס גאַנצע מעכטיקע לאַנד, און ניט בלויז אונדזער לאַנד, נאָר אויך די יונגע סאָציאַליסטישע לענדער, וועמענס שעלוכים איר קענט באַגעגענען אַפן באַם גאַנץ אָפט.

אין זשורנאל באַוויַיזן זיך אַלץ אָפטער ביראָבידזשאַנער מאַטעריאַלן, „לעבעדיקער שטאָף". און דאָס איז ניט קיין ווונדער. אויסער דעם, וואָס דאָרט איז א „נייַ לעבן פארפלאנצט" (פּעפּער), זיַינען איצט אין פיל ערטער פונעם לאַנד טעטיק מענטשן פון ביראָבידזשאַן. ניט לאַנג צוריק איז אָנגעקומען ארבעטן אין רעדאַקציע־אַפּאַראַט פון „סאָוועטיש היימלאַנד" איינער פון די פּיִאָנערן פון ביראָבידזשאַן, יאשע טשערניס. מיר האָבן פון אים ניט געוווּסט, ווי פון א שריַיבער, האָט ער „פּלוצלינג" פארעפנטלעכט אין זשורנאל קימאַט א דזשעק לאַנדאָנישע דאָקומענטאַלע דערציילונג וועגן דעם בערייִשיס פון ביראָבידזשאַן („דער וועג קיין קוקאַן"). דער דיכטער כאַיִםביידער, וועלכער האָט בעסאַכאַקל געלעבט א פּאָר יאָר אין ביראָבידזשאַן, איז איצט קעסיידער „טראַגעדיק" מיט טעמעס און מאָטיוון, וואָס וואָרצלען זיך אין סיביר און אַפן וויַיטן מיזרעך.

די וויַיטערדיקע אַנטוויקלונג פון אונדזער זשורנאל וועט זיך זיכער אָריענטירן אַף דער נייַער צייַט, ניט ארויסלאָזנדיק פון אויג די הערלעכע אידיייִש־קינסטלערישע טראַדיציעס. ביראָבידזשאַן און די ביראָבידזשאַנצעס וועלן אַלעמאָל פארנעמען אין „סאָוועטיש היימלאַנד" א כאָשעווו אָרט.

טעוויע גען

יאָר נאָך יאָר

וועגן א פינפיאָריקן קינד זאָגט מען אָפּטמאָל אין א שפּאַס, אַז עס איז שוין א גאַנצער פּאַרשוין. וועגן א צעניאָריקן יִינגל, אַז ס'איז א „פאָלנע מענטש". נו, און וועגן א פופצניאָריקן געזונטן באָכערצל רעדט מען שוין אָן שום כאָכמעס: א הייב זיך געטאָן, אויסגעוואַקסן, אַ?

דער זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד" איז קיין קינד ניט געווען, אויך ניט קיין יִינגל, אפילע ניט קיין באָכערל — ער האָט פונעם ערשטן נומער ארופגענומען אַף זיך די פרוכטבארע לאַסט פון טראַדיציע, פון יערושע, ער האָט ניט אָנגעהויבן אַפּסניַי, נאָר אין א נייַער צייַט, אין נייַע באַדינגונגען און מעגלעכקייַטן פאָרגעזעצט שאַפן און אַנטוויקלען די יִידישע סאָוועטישע ליטעראַטור.

אין לאַנד גייט איצט דער צענטער פינפיאָר. יאָר נאָך יאָר, פינפיאָר נאָך פינפיאָר זיַינען די יִידישע שריַיבער געגאַנגען האַנט בא האַנט מיט זייערע העלדן, געווען צוזאַמען מיט זיי אין ביראָבידזשאַן, אין מאַגניטאָגאָרסק, אין דאָנבאַס. ווען ס'איז געקומען די צייַט פון העכסטן ניסאָיִען, זיַינען די שריַיבער געווען אַפן פראָנט, אין די פארטיזאַנישע אָטריאַדן. זיי איז דערנאָך ניט אויסגעקומען צו זויגן פונעם פינגער, אויסטראַכטן שלאַכט־עפּיזאָדן, קריגסאָפּעראַציעס.

„סאָוועטיש היימלאנד" האָט טיף אופגעאַקערט די מילכאָמע־טעמע, אופגעהויבן פּלאַסטן פון נאָכמילכאָמעדיקן און איצטיקן לעבן. דער זשורנאל איז אָבער קיינמאָל ניט געווען דאָגמאַטיש, ניט געהאַלטן זיך בא דער מיינונג, אַז היַינטצייַטיק איז נאָר דאָס, וואָס עס איז געווידמעט דעם לעצטן צענדליק אָדער פאָר צענדליק יאָר. ווען ס'האָט זיך באַוויזן א גוטער ראָמאַן וועגן א וויַיטער עפּאָכע — פון צוועלפטן יאָרהונדערט אפילע, — האָט ער אים מיט פארגעניגן געדרוקט.

אונדזער דאָר שריַיבער, וואָס האָט אינעם ערשטן פינפיאָר געשטעלט די ערשטע טריט אין דער ליטעראַטור, איז איצט שוין דער עלטערער דאָר. ווען מע טוט א מיש איבער אין דער מאָסקווער לענין־ביבליאָטעק דעם יִידישן קאַטאַלאָג, זעט מען, וויִאַזוי אין מעשעך פון די דורכגעגאַנגענע אָנדערהאַלבן צענדליק יאָר האָט זיך באַרייַכערט דער פאָנד, וויפל עס זיַינען צוגעקומען ווערטפולע ביכער, וואָס האָבן צוערשט זיך געדרוקט אין זשורנאל „סאָוועטיש היימלאַנד".

עס איז געוויס פאַראַן מיט וואָס זיך צו באַרימען, אָבער קיין באַרימער זיַינען מיר ניט. מיר געדענקען, אַז דער איצטיקער פינפיאָר איז א פינפיאָר פון קוואַליטעט; און וועלכער שריַיבער וויל דאָס ניט אָנשריַיבן א ווערק, וואָס זאָל זיַין בעסער פון אַלע זיַינע פריִערדיקע?..

אירמע דרוקער

פאַר נײַע רינגען אין דער גאָלדענער קייט

פאַראַן אַן אַלטע ייִדישע לעגענדע, אַז אַלע פרײַטיק אָפּדערנאַכט באַגלייטן ייִדן פון שול אַהיים צוויי מאַלאָכים, אַ גוטער און שלעכטער. ווען זיי קומען אַרײַן אין שטוב און ס'איז שאַלעמבאַיִסדיק, ציכטיק, ליכטיק און פריילעך, ווינטשעוועט דער גוטער מאַלעך, אַז אין קומענדיקן פרײַטיק אָפּדערנאַכט זאָל אויך זײַן אַזוי, און דער שלעכטער מאַלעך מוז נעבעך באַל קאַרכוי, מיט גוואַלד, ניט ווילנדיק ענטפערן אָמיין.

און אויב כאַס־כאַלילע פאַרקערט, ווינטשעוועט דער שלעכטער מאַלעך, אַז דער קומענדיקער פרײַטיק אָפּדערנאַכט זאָל זײַן מיט אַלץ ענלעך אָפּן הײַנטיקן, און דער גוטער מאַלעך מוז נעבעך באַל קאַרכוי, מיט גוואַלד, ניט ווילנדיק ענטפערן אָמיין.

דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט אין גאָר דער וועלט זייער אַ סאַך פרײַנט און ניט ווייניק פײַנט. דער פאַרשטייער פון די סאָנים — דער שלעכטער מאַלעך האָט אַ סאַך בייז גערעדט אָפּן זשורנאַל — ס'איז ניט קיין ייִדישער זשורנאַל, נאָר אַ סאָוועטישער, ער ווייסט ניט פון קיין שום היסטאָרישן קיבעדאָו, פאַרמאָגט ניט דעם מינדסטן היסטאָרישן זיקאָרן, ווײַטער פון אַנשל זשאַליאַזניק, וועמענס גרעפּץ ס'דערגייט צום קיסיי־האַקאַוועד, קאָנען די סאָוועטיש־ייִדישע שרײַבער זיך ניט אָפּהייבן. דער צענזאָר, וואָס ליגט אײַנגעבאַקן בא יעדן איינעם פון זיי אין האַרצן און אין מויעך, איז ווי אַ שטיין אָף די פליגל.

יעדער נײַ־דערשינענער נומער „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט מיט זײַנע געדרוקטע ווערק אַלץ מער און מער אָפּגעלייקנט די אַלע בייזוויליקע באַשולדיקונגען. דער גוטער מאַלעך האָט מיט דער צײַט געוונען די איבערהאַנט איבערן שלעכטן, וואָס איז נעבעך געצוווּנגען געוועזן שוין צו אָפּט באַל קאַרכוי, מיט גוואַלד, ניט ווילנדיק אויסשטאַמלען פון זיך דעם אָמיין.

פופצן יאָר „סאָוועטיש היימלאַנד" איז אַ נײַער און וויכטיקער עטאַפּ אין דער סאָוועטיש־ייִדישער ליטעראַטור, אַ רײַכער, ביז גאָר רײַכער סאַכאַקל.

ווען מ'קוקט זיך אַרום אָפּן היפּשן דורכגעגאַנגענעם מעהאַלעך, לעבט מען איבער דעם זעלבן געפיל, ווי דאַן, ווען מע געפינט זיך אָף אַן אָפּשווימענדיקער שיף. וואָס ווײַטער די שיף דערווײַטערט זיך פון ברעג, אַלץ בוילעטער, אַלץ העכער און שענער זעען אויס די מויערן, זיי גיסן זיך צונויף און פאַרייניקן זיך מיט זייער פאַרשיידנאַרטיקײַט אין איין אייניהײַטלעכן מעכטיקן ביניען. וואָס ווײַטער, אַלץ שענער, אַלץ נעענטער און ליבער ווערט דער ביניען.

לייוויק האָט אין 1925 באַזוכט דעם ראַטנפאַרבאַנד. אין זײַנע אײַנדרוקן „אָפּן ראַנד פון אָנהייב" האָט ער זיך געלאָזט פאַרפירן פון די געוועזענע לינקאַטשישע ווידערקוילעס וועגן „אַראָפּוואַרפן פּושקינען פון דער הײַנטצײַטיקײַט־שיף", וועגן אָפּגעבן דעם אויבנאָן דער הוילער נאַקעטקײַט — „איך, דער הוילער וועל רעגירן" (קוויטקאָ), און ער איז געקומען צום טרויעריקן אויספיר וועגן דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס הייבט, קלוימערשט, אָן איר ברייִשיס פון זיך אַליין, אָן דעם נעכטן און אָן דעם אייערנעכטן, אָן די זיידעס און עלטער־זיידעס.

די האַשפּאָע פון די ייִדישע קלאַסיקער אָף די שעפער פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור, אין פאַרשיידענע צײַטן, די קריטיש־פאָרשערישע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן וועגן אונדזערע רישוינים האָבן קלאָר און דײַטלעך באַוויזן, אַז לייוויקס שרעק איז געוועזן אַן אויסגעדוכטע, ניט קיין באַגרינדעטע, גראַדע זיי, די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער, וועמען לייוויק האָט דערקלערט אַלס „היסטאָרישע מאַמזיירים", זײַנען געוועזן און געבליבן די סאַמע ווירדיקסטע יאָרשים.

יאָרשענען, — האָט לענין געלערנט, — הייסט נעמען און ניט נעמען, נעמען דאָס וויכטיקסטע, דאָס פּראָגרעסיוו־דעמאָקראַטישע, דאָס פאָלקישע, וואָס קאָן מיטהעלפן אין ווײַטערדיקן גאַנג, קאָן באַפרוכפּערן, אַרײַנגיסן זיך אין לויפנדיקן לעבנס־שטראָם.

כלאַם און שימל — פאַר די פאַרשימלטע, וואָס געהערן צום כלאַם פון דער געשיכטע.

וואָלט לייוויק דערלעבט ביז צו אונדזער

צײַט און וואָלט ער געקאָנט אַ בלעטער טאָן דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" פֿונעם ערשטן ביזן לעצטן נומער, וואָלט ער דערזען, ווי אונדזערע קלאַסיקער פֿאַרנעמען אין דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור דעם אויבנאָן. אין זייער זכות ווערן אין זשורנאַל אויך ניט פֿאַרגעסן זייערע פֿאַרגייער, אַלע די, וואָס האָבן אַרײַנגעטראָגן זייער כּיילעק אין אונדזער היסטאָריש־ליטעראַרישן קולטור־פֿאַרמעגן.

אַליין לייוויק איז אַ שרײַבער פֿון אַ ביז גאָר גרויסן פֿאַרנעם, אַ דיכטער פֿון אַ געטע־שניט, און דער זשורנאַל טרעט פֿאַר אים אָפּ דאָס בעקאָוועדיקע אָרט, וואָס ער פֿאַרדינט.

יערושע — דאָס איז זיקאָרן, און וועגן זיקאָרן דערמאָנט אונדז דאַוויד האָפשטיין:

ווער זאָגט עס,
אַז מײַן פֿאָלק
האָט שוין פֿאַרלאָרן
זײַן מעכטיקן זיקאָרן?
מײַן פֿאָלק געדענקט,
ס'איז אַלץ פֿאַרהיט,
געטרײַ און גלײַביק
אין זײַן געמיט
אַף אייביק.

דאָס עכטע, וואָס בלײַבט פֿאַר דורות, דער זיקאָרן, וואָס געדענקט און פֿאַרהיט אַלץ, פֿאַרנעמט אַ ביז גאָר באַדײַטנדיק אָרט אין אונדזער זשורנאַל.

אין דעם פּראָגראַם־אַרטיקל פֿונעם ערשטן נומער ווערט דרייסט און זיכער געזאָגט, אַז די גאָלדענע קייט וועט אָפּגענומען ווערן ווי אַ דורעסדיק־לאַנגע קייט, אָנהייבנדיק פֿון אירע ערשטע רינגען, פֿון די פֿאָלקס־זינגער, שפּילמאַנס פֿון עליאָהו באָכער, „שמועל־בוך", „מײַסע־בוך" און „צענע־אורענע", עס וועלן פֿעסט אײַנגעשלאָסן ווערן אין איר די רינגען אַקסענפֿעלד, עטינגער, גאָטלאָבער, גאָלדפֿאַדן, דיק, לינעצקי.

באַ פֿאַרשיידענע געלעגנהײַטן האָט דער זשורנאַל פֿאַרגעזעצט אַנטוויקלען זײַנע פּראָגראַמאַטישע אײַנשטעלונגען. מיר האָבן זײַנערצײַט אָפּגענומען מיט באַגײַסטיקונג דאָס געזאָגטע אין זשורנאַל:

„ווען „סאָוועטיש היימלאַנד" דרוקט אַ נײַע איבערדיכטונג פֿון „שיר השירים" באַנאַנד מיט לידער און דערציילונגען וועגן הײַנטצײַטיקע אַקטועלקייטן, הייסט עס בלויז, אַז מיט דעם ווערט אָפּגעשפּיגלט אַ לעבעדיקער ליטעראַרישער פּראָצעס"...

די פּראָגראַמאַטישע אײַנשטעלונגען זײַנען ניט קיין ווערטער, געוואָרפֿן אין ווינט, זיי ווערן פֿאַרווירקלעכט, און טאַקע דערפֿאַר איז דער סאַכאַקל אַ פֿריידיקער.

„טוט אַ קוק אַף דער גאָלדענער קייט מיט רינגען, איינע שענער פֿון דער אַנדערער. דאָס איז די דורעסדיקע קייט פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. לאָמיר זי ציִען ווײַטער"...

קעדיי די גאָלדענע קייט זאָל זיך ציִען ווײַטער, באַדאַרף אומבאַדינגט געפֿירט ווערן אַ ראַציאָנעלע ווירטשאַפֿט, און דאָס איז געטאָן געוואָרן און ווערט געטאָן אומדערמידלעך פֿון אונדזער גאַנצן קאָלעקטיוו ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור־שעפֿער. עס ווערט געטאָן, אָנהייבנדיק פֿון אַ קורצער רעצענזיע, פֿון אַ קריטיש אַרטיקל וועגן דעם שאַפֿן פֿון מיטצײַטלער, ביז דער באַלויכטונג פֿון וויכטיקע ליטעראַרישע, קולטור־היסטאָרישע פּראָבלעמען, ביזן זאָגן אַ נײַ וואָרט וועגן אונדזערע קלאַסיקער, אָוועקשטעלן אָפּ ריכטיקן אָרט די פּעריאָדיזאַציע, אויפֿהייבן די פּראָבלעמען פֿון דעם נאַציאָנאַלן און אינטערנאַציאָנאַלן, פֿון טראַדיציע און נאָוואַטאָרישקייט.

איך האָב איבערגעבלעטערט דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" פֿאַר אַלע פֿופֿצן יאָר פֿונעם ערשטן ביזן לעצטן נומער, איך האָב אַלץ אָפּגעפּרישט אין זיקאָרן. ס'איז אַ שווער שטיקל אַרבעט, איך האָב אָבער קיין כאַראָטע ניט, ס'איז קעדײַ געווען.

קפּיצאַס האַדערעך, צוליב דעם, אַז נײַע וועגן זאָלן דיר גיין אַנטקעגן, מוז מען ווי אַ דורכלאָז־שײַן פֿאַנאַנדערוויקלען די קאַרטע פֿון די דורכגעמאַכטע מאַרשרוטן.

„סאָוועטיש היימלאַנד" האָט אין פֿאַרשיידענע זשאַנרען פֿאַרפֿעסטיקט די אַקטועל־הײַנטצײַטיקע טעמע, אָפּגעגעבן דעם אויבנאָן דעם בויער פֿון דער נײַער וועלט. אונדזער לעבן אָבער אײַלט מיט אַזעלכע געשווינדיקע טעמפּן, מיט אַזעלכע קימאַט אומגלויבלעכע ענדערונגען, אַז יעדער הײַנט איז רײַכער פֿונעם נעכטן און יעדער מאָרגן שטײַגט אַריבער דעם הײַנט. אַזוי, אַז עס שאַפֿט זיך באַ אונדז איינצײַטיק אַ מין היסטאָרישע הײַנטצײַטיקייט.

אין פֿאָלק זאָגט מען — קאַלזמאַן די עלטערן לעבן נאָך און מע קאָן אַרויסברענגען די הייליקסטע ווערטער מאַמע און טאַטע, דאַן, ווי אַלט מע זאָל ניט זײַן, איז מען נאָך יונג, איז מען נאָך אַ קינד, ווײַל אינדערעמעסן, וועלכע זיידעס און באָבעס האַלטן זיך ניט איינצײַטיק ווי טאַטעס און מאַמעס, וואָס רופֿן אָן זייערע פֿופֿציק־ און זעכציקיאָריקע זין און טעכטער — קינד מײַנס!

קאַלזמאַן עס לעבן די אָנטיילנעמער פֿון דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע, פֿון בירגער־קריג, פֿון דער גרויסער פֿאַטערלענדישער מילכאָמע, איז זייער טעמע יונג און הײַנטצײַטיק.

אין דעם אַרײַנפֿיר צו „כאַוועלע געפֿען"

שרײַבט ראַבין: „דער ווילנער קאָמיוג איז שוין א זיידע” און דער זיידע בעט זיך בא דער יוגנט — „פארגיב דו מיר מײַן עלטער, יוגנט מײַנע”.

דאָס זעלבע קאָן מען זאָגן וועגן אונדזערע שלאכטלײַט — שרײַבער, פאר וועלכע די מילכאָמע־טעמע איז אן אייביק פרישער קוואַל: וואָס מער מ׳שעפּט פון אים, אלץ מער קומט צו.

בא יעכיעל פאַליקמאַן איז „דורכויס מילכאָמע” באַם שרײַבטיש, באַטאָג, באַנאכט, אין כאָלעם אפילע. ער באַנוגנט זיך ניט מיט דער טרילאָגיע און זעצט פאָר שפּאַנען פון פראָנט צו פראָנט. יעכיעל פאַליקמאַן וועט אזוי לאַנג מילכאָמע האלטן, ביז אַף גאָר דער וועלט וועט שוין אומעטום הערשן שאָלעם. לעצטנס, איז זיך מעיאשעוו הערשל פּאָליאנקער און טוט אָן שמײַע גאזלען, זײַן סאמע נאָענט און באַליבט געשטאַלט, א שינעל, גיט אים א ביקס אין האַנט און פירט אים אוועק אין פײַער פון די שלאכטן, ווו יענער פארלירט ניט זײַן הומאָר און פאָלקישקײַט.

די גרויסע פּאַטערלענדישע מילכאָמע איז אומויסשעפּלעך ניט בלויז פאר אונדזער דאָר, נאָר זי וועט אויך בלײַבן אומויסשעפּלעך פאר א סאך קומענדיקע דוירעס.

שמועל גאָרדאָן איז ארומגעפאָרן פון שטעטל צו שטעטל און פון שטאָט צו שטאָט, זיך באַקאַנט מיט די לעבן־פארבליבענע ייִדן נאָך דער שרעקלעכער היטלער־פארטיליקונג.

דער שרײַבער פרייט זיך, וואָס „אין א סאך שטעטלעך איז געבליבן א קאָרען, טיפע וואָרצלען, און דאָס קאָן מען מיט דער האַנט ניט אוועקמאכן... וועלן זײַן זאוואָדן מיט פאבריקן, מיט ווארשטאַטן — וועט זײַן א יוגנט, און דאָרט, ווו ס׳איז דאָ יוגנט, דאָרט איז פאראַן א לעבן”.

שמועל גאָרדאָן קלײַבט נאַכעס, וואָס די נײַע שטייגער־שטריכן דרינגען דורך אין שטעטל ווי זונען־שטראַלן. די שטעטלדיקע זײַנען שוין מער ניט קליינשטעטלדיק, זיי לעבן מיט די אלגעמיינע אינטערעסן פונעם לאַנד. דער ייִדישער שרײַבער פארבייגט זײַן קאָפּ פארן שטעטל, וואָס האָט מיט אזויפיל אשירעסן באַרײַכערט די ייִדישע שפּראַך, ארויסגעגעבן אזויפיל שרײַבער און זיי אלע גענערט מיט רייכעס און זאַפטן, מיט פרילינגן און הארבסטן, מיט כאָכמע און וויצן, מיט וויי און ביטאָכן. דער אומרויִקער רײַזנדער שטייט בא דער רעשימע פון די אווטאָבוסן, ווי פאר א דענקמאָל. עפּעס א קלייניקײַט, אין דער רעשימע זײַנען דאָך פארצייכנט די רייסן צו די שטעטלעך, פונוואַנען עס קומען ארויס אונדזערע קלאסיקער, אונדזערע סאָוועטיש־ייִדישע שרײַבער. קאַמענעץ־פּאָדאָלסק איז פארבונדן מיטן זיידן מענדעלע. איז ווי זשע באַטרעט מען ניט די ערד, אַף וועלכער עס איז געטראָטן דער זיידע? אלט־קאָנסטאַנטינאָוו — מיט אווראָם גאָלדפאַדן, אָכרימאָוו — מיט בערגעלסאָנען, בערדיטשעוו — מיט דעם ניסטער, קאָראָסטישעוו — מיט דאָוויד האָפשטיינען, פּאָלאָנע — מיט פּערעץ מארקישן, שפּאָלע — מיט איציק פעפערן. איז צו וועמען פריִער?..

שמועל גאָרדאָנס רײַכע באשרײַבונגען וועגן די שטעטלעך זײַנען ווארעם אופגענומען געוואָרן פון דעם לייענער, יעדער איינער האָט זיך דערמאָנט, אז ער האָט געהאַט די היים פון זײַן קינדהײַט און יוגנט.

דאָס, וועגן וואָס איך האָב דאָ, אין מײַנע נאָטיצן, דערמאָנט, באַווײַזט, אז מיר האָבן וואָרצלען, און ס׳איז דאָ א ייִכעסדיקײַט סײַ אין דעם לעבנס־גאַנג, סײַ אין דער ליטעראַטור.

לאָמיר מיט געמיינזאַמע קויכעס פארגרעסערן די צאָל רינגען אין אונדזער גאָלדענער קייט!

לאָמיר אויספילן די צאַוואָע פון אונדזער גרויסן פּערעצן — דערזאָגן דאָס ניט דערזאָגטע, דערשרײַבן דאָס ניט דערשריבענע, דערזינגען דאָס ניט דערזונגענע!

געזאַנג פון די ברידערלעכע סאָוועטישע ליטעראַטורן

אויסגעווילטע איבערזעצונגען פאַר 15 יאָר „סאָוועטיש היימלאַנד“

פון רוסיש

ניקאָלײַ פּאַלעטײַעוו

לעניִן

ס'איז זײַן פּאָרטרעט נאָך ניט פאַרענדיקט:
קיין ענלעכן אַף לענינען מע זעט.
די צײַט וועט שוין דערמאָלן, קענטיק,
דעם ניט פאַרענדיקטן פּאָרטרעט.
ווער קאָן פון פּענדזל, פון דער פּען דען
פאָדערן
ארומכאַפּן די גאַנצע וועלט,
וואָס ברויזט און שלאָגט אין אָט די אָדערן,
וואָס זידט אין אָט דעם קאָפּ און העלט.
דאָס אויג און דער געדאַנק זײַנען געייניקט,
מיט כאָכמע ווער איז נאָך אַזוי באַגליקט,
אַף איבערגעבן אַלץ, וואָס איז פאַראייניקט
אין אָט דעם דורכדרינגלעכן בליק.

ייִדיש — א. גאָנטאַר

נוֹמ. 12, 1969

אַנדריי וואָזנעסענסקי

דער רוף פון דער אָזערע

...פּעווזנער 1903, סערגייעוו 1934,
לעבעדיעוו 1916, בירמאַן 1936,
בירמאַן 1941, דראַבאַט 1907...

ווי דער פראָסט וואָלט בייז און האַזעדיק
צוגעשמידט אונדז אומדערוואַרט.
טיף אין אָזערע, טיף אין אָזערע
ליגט א געטאָ — דרײַ העקטאַר.
זעט! —
א מענטש, וואָס קוקט אַף אײַך
פאַרדעכטיק-עקלדיק,
קלײַבט זיך כאַפּן דאָ די פּעטע פיש.
פון זײַן וועגטקע, פון דעם שאַרפן העקעלע,
טריפט דאָס בלוט!
נאָך וואַרעם-פריש...
„ניין! — שרײַט אויס וואָלאָדקע. —
כ'קען ניט...
כ'קען ניט... כ'וויל דאָס ניט פאַרשטיין.
ס'איז א מענטש דען?
ס'איז א כײַע!
מ'דאַרף אים אויסהאַקן די ציין.
ס'איז דען וואַסער?
מים חיים![1]

1 מאָים כאַים — קוועליק וואַסער.

7*

כ׳טונק די דלאָניעס אין זײַן רווישן
און איך פיל אַף מײַנע ליפן...
כ׳פיל דעם אָטעם
מאשעס...
מוישעס...
ביין, ניט לאָז זיך מיט א שיפל,
טו א טאפּ נאָר מיט די הענט —
וואָלסט גלייבן, ווען מע זאָגט דיר:
וואסער ברענט!

עפשער אויך דאָס הארץ דאָס אָפענע —
ביט קיין פרעמדס, נאָר פון מײַן פרוי,
און איר ווארטן און איר האָפענונג
וואָלט פארשווונדן אויך אזוי.

אירע ליפן, אויגן ווארעמע,
די פארגליווערטע פון שרעק,
אלץ, וואָס מיך געקושט, געווארעמט האָט,
וואָלט געפויקט פון טיפן דעק.

ביין, איך קען ניט... —
שרײַט וואָלאָדקע. —
אייביק וועל איך זען דאָס בילד:
פונקט ווי פיש אַף סקאָוואָראָדקעס,
טאנצן פרויען פלאמיק־ווילד...״

קאָגאן 1933... מע האָט זיי געטריבן
צום שטיילן בארג מיט עסעסישע קאָלבעס...
לעווין 1917...
קאָסטראָוו טרינקט...
ער טרינקט די דריטע נאכט.

פון שטיילן בארג

ער רופט צו זיך זײַן ליבע די געשענדטע.
און אָט:
עס שווימט צום ברעג, אים דאכט,
האלב־פיש, האלב־פרוי
פון אוראלטע לעגענדעס.

„א פיש.
אין אויגן —
דער צאָרן פון בלייכע מאָדאָנעס,
מיט פליגל שניי־ווײַסע,
ווי ס׳פײַפן די לאָקאָמאָטיוון,
א פיש,
גאָלדענע ריוועלע־פיש,
צי ריווקעלע־פיש,
ריוועלע,
ריווע,
צי עפשער אויך אנדערש דײַן נאָמען...
מײַן טרויער, מײַן ווייטעק
א פיש.
זײַ מויכל, פארשילט מיך,
נאָר זאָג כאָטש א וואָרט...״

שטיל.
שווײַגט די נאכט — א פיש א שטומער,
נאָר לעם ברעג א סאָסנע־בוים
היט דעם ווונדערלעכן אויצער
פונעם לעבן,
וואָלקן,
רוים...

ייִדיש — מ. טייף

נומ. 4, 1967

אלעקסאנדער טווארדאָווסקי

סיביר

פון דער פאָעמע „ווײַט־נאָך־ווײַט״

...סיביר! עס בײַטן זיך מעסלעסן,
לענגויס דעם וועג — סיביר, סיביר...
פארטיפט אין דרימל און פארגעסן —
די ווילדע וועלדער אָן א שיר...

לענגויס דעם שנעלצוג, ווי א וויכער,
עס טראָגט דער אוראלט זיך אדורך.
דער צוג צערוקט דעם וואלד ניט זיכער,
און ס׳גלאנצט אין ווילדעניש זײַן שפור.

אין דער טײַגא — ניט צום געברויכן —
די ערד מיט אויצרעס פולגעפאקט,
און ניט קיין סטעזשקע, ניט קיין רויכל,
און ניט קיין סימען פון קיין האק.

סיביר! פארהויבן הויך זײַן קאָפּ איז,
דער ראכוועס שפאנט וואלד־אויס, וואלד־אײַן.
אהער עס וואָלטן פינף אייראָפּעס
מיט גאנצן קלאָפּערגעצײַג ארײַן.

מעסלעסן בײַטן זיך. און ווידער —
סיביר! עס פײַפט דער ווינט: סיביר...
דאָס וואָרט פלעג אָנוואָרפן א ציטער,
און איצט צו ווארעמקײַט עס פירט.

באנאכט. א צוג. די רעדער הילכן.
איך קוק: ס׳איז טרוים, צי עס איז וואָר? —
די ליכט די ערדישע — א מילכוועג
לענגויס דעם וועג, מיט וועלכן כ׳פאָר...

אין יענע העל־באשײַנטע ווײַטן
דערזע איך בוילעט און דערפּיל:
ס׳איז דאָ געמיטלעך, ווי בא לײַטן.
ס׳איז היים. ס׳איז ווארעם. עס איז שטיל.

אין אָט דער וועלט פון פּראָסטע גליקן
איז יענע היימלעכקײַט באטאמט,—
וואָס מיט דעם ערשטן שמאָלן וויגל
זיך מאָסטעט צו בא הוילער וואנט...

סיביר — דער קאנט, וואָס האָט ניט איין מאָל
מיט רום געקלונגען איבעראל,
דער צעך, דער שפּײַכלער פונעם היימלאנד,
זײַן שאכטע און זײַן ארסענאל,

די שוועסטער פון אוראל.
אַף גרינע,
אַף בערג־און־פליינען, פול מיט ליכט,
עס שטייט אין מיט פון דער מעדינע,
מיט ברייטע ראכוועסן סיביר!

כ׳האָב ליב זײַן ראכוועס, זײַנע רוימען,
איך בין א זון דאָ פון מײַן לאנד.
באהויכט מיט ווונדערלעכע טרוימען,
צו אויסגעווייילטער הייך איך שפּאן.

מײַן זעל, זי איז הײַנט א באוווסטע
מיט קוואלן פרישע אָן א שיר:
מיט קוי׳ך מיט דײַנעם, ראטן־רוסלאנד,
מיט דײַנע ראכוועסן, סיביר!

ייִדיש — א. ווערגעלים

נומ. 1, 1961

לעאָניד מארטינאָוו

בלעטער

זיי זײַנען געלעגן אפן טראָטואר
האלב דאר, האלב קוואר.
און פּלוצעם —
דער שעד אין זיי ארײַן,
און בײַטנדיק פון פארב די שײַן,
געלאָזט זיך אין א טאנץ פון צויבערער.
איך האָב א געשריי געטאָן:
— ווער זײַט איר, שטויבערער?
— מיר זײַנען בלעטער,
בלעטער, בלעטער, בלעטער! —
האָבן זיי אלס ענטפער זיך צעבלעטערט. —

מיר האָבן נאָך א פּייזאזשיסט געבענקט,
געגלוסט.
זיך אויסגעקוקט די אויגן,
נאָר די הענט,
וואָס פון זיי איז דאָס מאָלן געווענדט,
זיי האָבן פון ליבע צו אונדז ניט געוווסט.
איז זײַנען מיר אוועקגעפלויגן.
אוועקגעפלויגן!

ייִדיש — י. שטערנבערג

נומ. 9, 1968

לעאָנידווישעסלאווסקי

דער שעף=קאָנסטרוקטאָר

ווען ס׳קומט די שאָ און ס׳עפנט זיך א טיר
פון זײַנע ווונדערלעכע קאבינעטן,
ווו זײַן געדאנק טוט אומגלייבלעך א פיר
לעוואָנעס נײַע, קינסטלעכע פּלאנעטן, —
איך קלער: ער לעבט, דוכט זיך, באנאנד
מיט מיר
מיט זײַנע שטערנבונגען, מיט יעדן ריר.
די זעלבע האנט, וואָס האלט איצט די
ראקעטקע,
די זעלבע האנט שאפט אויך ראקעטן!

קעדיי אין נײַע וועלטן פליִען אין דער טיף,
ער האָט פון מארך זײַנעם געבויט א שיף.
און אלץ איז אין דער שיף אי שטרענג,
אי פּרעקטיק.
פאר מענטשן שטערן־וועגן אויסגעבעט,
מיט גאָט אין שטערן־שאפונג זיך פארוועט —
ס׳א פּראגע, ווער פון זיי איז מער אלמעכטיק.

ייִדיש — וו. האפּשטיין

נומ. 2, 1965

פון אוקראַיִניש

מאַקסים רילסקי

א פרימאָרגן אין אונדזער היימלאַנד

וואָלקנדלעך שניי־ווײַסע, פעדערלעך גרינגע אין הימל,
טויען אַף גראָזן — א דרויסן א שייבער וועט זײַן.
איבערן טאָל, איבער בארג עמעץ קרײַזט, ווי אין דרימל —
עפשער אַן אָדלער, צי עפשער א פליִער, קאָן זײַן...

רויכן געפרענדזלטע, גרויע, און ראָזע, און בלויע
קומען פון קוימענס, פון הויכע, ווי טורעמס, ארויס,
יול האָט מיט ליבע דאָס נײַפעלד דערוואַרעמט דאָס רויע,
קילער פאַרטאָג — און די ארבעט אין גאַנג איז, אין ברויז!

סעדער, ערשט פריש פונעם שלאָף. אין די סטעפּן די ווייצן
כוואַליענדיק וויגן זיך דאָרט אין דער ווײַט,
שטאָלענע רעלסן מיט פינקלענדע זונעלעך רייצן,
ס׳יאָגן וואַגאָנעס — מיט וויסטעניש פירט מען א שטרײַט.

פלאַטערט א פייגעלע אויבן מיט פליגעלעך, ציט׳ריק צעשפּרייטע,
יונגע קאָלווירטניצעס זינגען צוזאַמען א ליד,
איינע הייבט אָן, און די רעגע עס העלפט שוין א צווייטע,
ווערט אַף די ראַכוועסן ברייטע דער ניגן צעבליט:

אויס מיט מילכאָמע! א סאָף שוין זאָל ווערן צו סאָנים!
הערשן זאָל שאָלעם! מער פרײַהײַט פאַר פרידלעכע ווערק!
איבער דעם מאָסקווע־טײַך שײַנען קרעמלשע פאָנען,
בלוילעכע שאָטנס זיך ציִען פון לענינשע בערג.

יידיש — וו. האָפּשטיין

נומ. 2, 1961

איוואַן כאַמענקאָ

די ייִדישקע

פון שווארצע ברעגן זיך געשלעפּט
באָרוועס, פאַרבלוטיקט, קריִע־בליִע,
דער ווינט צעוויכערט די צעפּ,
די זאָווייע ניט אופגעהערט האָט בריִען.

אין שטעכיקן פעלד, אין טיפן יאר
דער פראָסט האָט די באָרוועסע פיס געצונדן,
ווּהין גייט זי, ווּהין טראָגט זי איר צאַר?
ווער וועט איבערבינדן איר די ווּנדן?

דורך דער נאַכט, וועלכע דראָ׳ט און לויערט דאָ,
קוים דערקראָכן צו א שטיבל א וויסט.
אַן אַלטע פויערטע עפנט די טיר:
— מענטש, זאָג, ווער דו ביסט!

— כ׳האָב געזען דאָס פּאָנעם פון טויט,
מענטשן — קעפּ אַף קעפּ — און פאַרפאַלן...
אונטער דעם פײַער פון אווטאָמאַט
בין איך אין גרוב געפאַלן.

און ווען די ערד האָט אַלעמען צוגעדעקט,
די שיסערײַ איז געוואָרן אַנשוויגן, —
האָב איך מיט די הענט געגראַבלט די שרעק,
דער ווינט מיך גענומען האָט אַף די פליגל...—

זי שווײַגט, קיינעם מער גאָרניט פאַרטרויט.
דאָס שטיבל אין שרעק איז געשלאָפן...
— — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — —

דערשראָקן, פאַרכלינעט מיט טויט,
דורך סטעפּ און דורך בערג דער קאַט איז געלאָפן.

סנאַריאַדן האָבן געביסן די ווײַט,
אַף רויטאַרמייִשע שלעמען דער טאָג האָט געגינט.

אַרויסגעפירט האָט זי די פויערטע
פון פײַכטן קעלער אינגאַנצן בלינד.
די אַלטע איז געפאַלן די סאָלדאַטן צו די פיס,
געקושט זייער הייליק געווער.
זיי האָבן געפרעגט:
— איר מאַמע דו ביסט?
— אַ ייִדישע מאַמע איז זײַן מיר באַשערט...

ייִדיש — מ. גרוביאַן

נומ. 10, 1966

פון ווײַסרוסיש

ריגאָר באָראָדולין

פידלער

ווידער אין טשעכאָל די זעג,
מע טראָגט זי אונטער דער פּאַכווע,
אַזוי ווי אין קעסטל אַ פידל.
טו באַ אונדז אין דערפל אַ פרעג:
ווער שפּילט ביז באַנאַכט דאָ? —
די קלעזמער — די פידלער.
מע וויכערט, ס׳פּאַלט אָן אַזש אַ שרעק,
פון זעגעכץ אַ וויוגע אַ ווײַסע,
געקאַנטעוועט לייגט אַ קלאָץ זיך אַוועק,
באַפרײַט פון די וואָרצלען די גרײַזע.
און אַזוי פון פרי ביז שפּעט —
די פריילעכע, סקריפּענדע קאַפּעלע,
די בעריאָזע אירע כאַלוימעס וועבט,
די אָסינע — די וויינערן, און די יעלן.
צימבאַלעס שניץ פון דער סאָסנע,
זינג וואַלד־ניגונים, פייגל־לידער,
דייזשקעלעך שניץ פאַר באַלעבאָסטעס,
קלינג מיט דעמב אַף די יאַרידים.
שניץ פון דער בעריאָזע אַ שליטן,
וואָס זאָל ניט זינקען אין די שנייען,
אַוועק וועלן די פּרעסט די
פײַער־צעגליטע,
די געפרווירענע נעכט וועלן צעגיי׳ן.
מיט נײַע שטיבער באַפּוצט מײַן קאַנט,
כיין און ליד באַ אַלע שוועלן איצט —
אונטער דער פידלערישער האַנט
שמיציקעס פון ווינט און פון מעטעליצעס.

ייִדיש — מ. גרוביאַן

נומ. 5, 1967

מאקסים טאנק

א טאָסט פאַר פרײַנטשאַפט

ווי נאָר מיר פאַרוואַרפן אין דער הייך
די הענט —
געלהוויטיקע,
שוואַרצע,
ווײַסע,
קענען מיר אופהייבן אפילע די זון,
וואָס פון יענער זײַט באַרג־שפּיץ ברענט,
די געדיכטע וואָלקנס צערײַסן!

ווי נאָר מיר שליסן צונויף די הענט,
קען א פעלדז ווערן צעשמעטערט!
אונדזער לעבעדיקער קראַנץ פון הענט —
געלהוויטיקע,
שוואַרצע,
ווײַסע,
נעמט ארום די גאַנצע פּלאַנעטע!

ווען מיר זאָלן אופהייבן דעם פּויסט
פון מיליאָנען הענט —
געלהוויטיקע,
שוואַרצע,
ווײַסע,
פאַר אונדזער וועג דעם גערעכטן,
פליט די לעצטע רינג פון דער קייט ארויס,
פּלאַצט די קנעכטשאַפט!

הייבט, ברידער, אוף די קויסעס
מיט ווײַן און לידער פון הארצן
פאַר ליכטיקער פרײַנטשאַפט פון הענט —
געלהוויטיקע,
ווײַסע,
שוואַרצע!

ייִדיש — מ. גרוביאַן

נומ. 2, 1961

פון מאָלדאַוויש

פּאַוועל באָצו

ערד

אָן דיר, מײַן ערד מײַן גוטע,
וואָס וואָלט מיט אונדז געוואָרן,
מיט די זינד מיט אונדזערע,
וואָס שטעכן, ווי דער פראָסט?

וואָס וואָלטן מיר געטאָן
מיט אלע שווערע יאָרן,
וואָס האָבן פּײַן און ווונדן,
וואָס האָבן בלוט געקאָסט.

פאַר דיר, פאַר דיר, געטרײַע,
איך קלײַב, ווי פּערל, ווערטער,
ווײַל דיר האָב איך פאַרטרויט
מײַן גורל און מײַן זײַן.

קיינמאָל וועט ניט שפּעט זײַן
נאָכאַמאָל און ווידער
דערקלערן זיך אין ליבע
צו דער, וואָס ברענגט מיר שײַן.

ייִדיש — א. גאָנטאַר

נומ. 3, 1966

עמיליאַן בוקאָוו

א וואָרט צו א מילכאָמע=אונטערצינדער

דו ביסט א טאַטע פון קינדער,
דו האָסט דאָך קינדער געוויס,
נו, און א ווײַב, פאַרשטייט זיך,
א ווײַב און קרוּווים.
דו זיצסט אין דײַן פינצטער וועלטל,
צופרידן דו ביסט,
מיינסט, אז מיט דעם, וואָס דו לעבסט נאָר,
טוסטו דער וועלט א טױווע.
איז לעב דיר, לעב אין דײַן וועלטל,
איך גיי ניט צו דיר מיט קיין שטיין, —
נאָר זאָג מיר, ווי קומט עס, זאָלסט דראָען
דײַן אייגן געזינד מיטן אַטאָם.
דו ביסט דען א מענטש,
ווען דו קריצסט ווי א וואָלף מיט
די ציין?
דו ביסט פאַר דײַן ווײַב דען א מאַן?
דו ביסט פאַר דײַן קינד דען א טאַטע?
ווען דאָס פײַער דו נעמסט צעבלאָזן,
מיינסטו: אף פרעמדע קעפּ
וועלן די באָמבעס זיך רײַסן,
די סרייפע — „פון דאָרטן און ביסקל",
צו דיר אין געפּאַנצערטן פּאַלעץ
וועלן פירן געפּאַנצערטע טרעפּ,
און דו וועסט דאָרט רויִק זיצן
און זויפן וויסקי.
ניין, גוטערברודער,
ס'א טאָעס.

דו זעסט ניט, דו זעסט ניט, בלינדער,
אז ווען וועסט אַרויסלאָזן
דעם מאַלכאַמאָוועס,
וועט ער קומען
צו דײַנע קינדער.
און דו אַליין
וועסט באַהאַלטן זיך ווו?
עפּשער אין סייף
צווישן ווענטלעך שטײַפע?
מיינסט, אז דעם סייף
וועט דער אַטאָם לאָזן צורו,
אז דער סייף וועט ניט פליִען
אין אַטאָמישן אויסברוך
צום טײַוול?
דו ביסט א טאַטע פון קינדער,
דו האָסט דאָך קינדער געוויס.
נו, און א ווײַב, פאַרשטייט זיך,
און דאָס אייגענע לעבן איז טײַער.
איז זיך אין דײַן פינצטער וועלטל
און זײַ זיך אזא ווי דו ביסט,
און שפּיל זיך ניט
מיט פײַער.

ייִדיש — א. לייבוש

יוני 3, 1966

פעטרו זאַדניפּרו

א ליבע=געזאַנג דעם ערשטן טראַקטאָר

כ'זע דעם טראַקטאָר, וואָס געוונומען
האָט די זון אף זײַנע פּאַרעס,
ווי צו אונדז ער איז געקומען
קיין כירטאָפּול סענגנאַארי.
ווי עס וואָלט געוועזן אַט ערשט־אַ,

פריש עס איז נאָך אין מײַן זינען:
נאָך דער באַראַזנע דער ערשטער
כ'לויף אין טויזקן באַגינען.
דעם מאָטאָר איך הער — געוואַגטער
שלאָגט דאָס האַרץ דער זון אנטקעגן.

רוסלאַנד האָט דעם ערשטן טראַקטאָר
אונדז געשענקט, ווי א פּאַרמעגן.
און ביז איצט, ווען כ'זע פונוויַיטן
ערגעץ־ווּ א טראַקטאָר פאָרן,
איך דערמאָן זיך יענע צײַטן,
אײַנגעקאַרבטע אין זיקאָרן.
אונדזער דאָרף — א וועלט אָן פלאַקער,
א פאַרוואָרפנס, וויַיט פון וועגן,
אופגעבראַוזט האָסט מיט דײַן אַקער,
ערשטער טראַקטאָר, אונדזער לעבן!
ערשטער טראַקטאָר! קויכעס וויפל
האָסט אין מיר אליין געבוירן:
לויט די שפּורן דײַנע טיפע
זוכן כ'בין אוועק מײַן גורל.

ניט געוווּסט, ווּ ס'וועט מיך יאָגן,
וועלכע וועגן אף מיר וואַרטן, —
ס'האָט א צוג אוועקגעטראָגן
מיך, דעם יאַט דעם אײַנגעשפּאַרטן.
אָ, ווי וויַיט געיאָגט אף שפּאַלעס!
נאָר ביז איצט דאָס האַרץ טוט בענקען
נאָך דער ערד מיט ווייץ, ווי כוואַליעס,
נאָך די סטעפּיש־ברייטע לענגען.
כ'זע: ער גייט, א שווערער, פעסטער,
מיט דער זון אין ביידע פאַרעס —
יענער טראַקטאָר פון דניעסטער,
אין כירטאָפּול סענגנאָארי...

ייִדיש — כ. ביידער

נוֹמ. 12, 1972

פון ליטוויש

אנטאנאס ווענצלאָווא

דער לעצטער פאַרלאַנג

איך ווייס ניט, צי לאַנג נאָך באַשערט מיר
אף מאָכיקע סטעזשקעס צו טרעטן,
די זאַנגען, געשטריַיפטע פון זון,
מיט די דלאָניעס באַרירן,
איך ווייס אָבער זיכער, אַוועלכן
פאַרלאַנג אַף־צו־לעצטן כ'וועל האָבן.
כ'וויל,
אַז ווען זיַין וועל איך מער ניט, —
די פייגל אין סאָד זאָלן שריַיען;
די זון זאָל מיט ברען
טאָן איר אַרבעט
ביז אָוונט, ווען ס'וועט זי איר שוועסטער —
די שיַין פון עלעקטרע —
פאַרביַיטן;
ס'זאָל רעדן דער טאָל סאָלאָווייִש,
און רעדן מײַן פאָלק זאָל אף ליטוויש
אין ליכטיקן קאַנט פון דער באַלטיק;
איך וויל, אַז די אייניקלעך מײַנע —
זיי זאָלן געדענקען די לידער,
וואָס מיר פאַר דעם היימלאַנד פאַרפאַסן.
אָ, לעבן! דו ווייסט ניט קיין אָפּשטעל,
א קורצינקע ווײַלע טראָגט יעדער
זיך אָפּ אף א טריטעלע וויַיטער,
און דאָן, אין מײַן אייביקער רעגע,
און דאָרט, ווּ איך האַלט דיך אין טראָגן, —
איך האָב אין רעשוס דיך אין מײַנעם,
איך בין באַלעבאָס! און העֶנגסט אָפּ דאָן
פון מיר.
וויל איך, לעבן, זאָלסט היטן
מײַן לעצטן פאַרלאַנג, וואָס כ'פאַרטרוי דיר.

ייִדיש — א. לייבוש

נוֹמ. 12, 1972

עדוּאַרדאַס מעזשעלײַטיס

מײַן מאַמע איז די ערד

מײַן מאַמעס לײַב — פון שטיין, מײַן מאַמעס האַרץ — פון שוים.
מײַן מאַמע איז די ערד. און איך — דער מענטש, דאָס ווען,
וואָס אָט בין איך א דעמב, און אָט בין איך א גרעזל,
און אָט בין איך א וואַלד, און אָט בין איך א בוים.

פון שנייעלע אַרויס,
צי פון א קווייט,
צי פון א שווערער פּילניצע אין אָסיען,
צי אויסגעפּיקט זיך פון א זעמדעלע, שוין גאַנצערהייט,
צי אויסגעקנאָספּעט זיך פון קנאָספּן פּראָסטע.

אין פעלד אין רײַפן אופגעגאַן אינײַנעם מיטן זאַנג,
קאָן זײַן, אז אין דעם גערשטן גיי איך אוף דעריקער,
און אויב איר ווילט, בין איך פון גראָז אַרויס שוין לאַנג,
צי פון דעם כמעל, וואָס מונטערט און פאַרשיקערט.

צערײַבן אָף דער האַנט א הויפן ערד, און דאָרט
ניט שווער איז אויך מײַן טונקל מענטשן־לײַב געפינען.
אַרויסגעצויגן האָב איך פון דער ערד מײַן זינען,
אַרויסגעצויגן האָב איך פון דער ערד מײַן וואָרט.

ייִדיש — א. ווערגעליס

נום. 5, 1968

פון גרוזיניש

רעוואַז מאַרגיִאַני

ווי איך זאָל ניט זײַן

האַסט די וועלט פאַר מיר, הימלאַנד,
צעעפנט,
אומעטום אויך דײַן ווינט
איך דערשפּיר.
יאָ, איך ווייס, אין דעם הימל כ׳וועל
טרעפן
דײַנע שטערן, וואָס שײַנען פאַר מיר.

מיט א שמייכל, וואָס קאָן נאָר באַגליקן,
מיט א שמייכל גרוזינישן כ׳שפּאַן.
אַלע קינדער איך שענק מילדע בליקן.
וויפל ברידער בא מיר אין פאַראַן!

וויפל פרײַנט אָף דער ערד האָב איך גוטע,
ס׳איז מײַן וואָרט זיי פאַרשטענדלעך און קלאָר.
ס׳איז דײַן מוטער מיר אויכעט א מוטער,
זי איז ליב מיר און טײַער ביז גאָר.

וויפל אויצרעס בא דיר כ׳האָב געקליבן,
כ׳טראָג זיי שטענדיק אין האַרצן בא זיך.
לענדער אַנדערע וואָלט איך ניט ליבן,
ווען ניט ליבן כ׳וואָלט, גרוזיע, דיך.

ייִדיש — ש. טשערניאַווסקי

נום. 9, 1966

יאָסיף נאָנעשווילי

קומט צו פאָרן קיין גרוזיע

באָרוכהאבאַ! — ברייט צעשפּרייט זײַנע אָרעמס,
עס רופט אײַך צוגאַסט יעדער גרוזינער.
— צו אונדז קומט צו פאָרן אין זוניקן דאָרעם,
אין לופטיקער בונטקייט פון ראַכוועסן גרינע.

ס׳דערגרייכן צום הימל די שנייִקע שפּיצן
פון בערג, וואָס באַהיטן די וועלט פון פאַרצײַטן.
קרישטאָלענע שטראָמען דאָ שײַנען, ווי בליצן,
אין באַרגיקער געגנט דורך אַרבעט באַנײַטער.

און סעדער מאַראַנצענע וואַרטן קאָלכידער,
און ס׳וואַרטן כעוסורן בא אָפּגרונט פון וועלטן,
און יאַרשים פון פשאַווע, ווי אייגענע ברידער,
באַם הויז פון וואַזשאַ, וואָס געריימט איז זײַן עלטער.

עס וואַרטן די הירשן, די אָדלערס די פרײַע,
וואָס לעבן אין אונדזערע בערג, ווי אין קישעף.
באַגעגענען וועט אײַך, ווי פרײַנט ווי געטרײַע,
די יוגנט פון אונדזער גאַסטפרײַנטלעכן יישעוו.

איר זעט, ווי עס שטייען שוין גרייט אַלע טישן,
איר הערט, ווי עס הילכן די צויבערע טענער,
און „מראַוואַלזשאַמע״ — דאָס געזאַנג —
זאָלט איר וויסן,
פון יאָר צו יאָר קלינגט שענער און שענער!

יידיש — מ. טאַלאַלאַיעווסקי

נומ. 9, 1966

פון אַרמעניש

סאַגעטעל אַרוטיוניאַן

איך שטאַם פון אַראַראַטער טאָל

איך בין אַן עמעסער אַרמענער.
דער אַראַראַט האָט אונדז געפּאַלגט:
געגומען —
ניין, ביט אָף די הערנער,
נאָר אָפּן רוקן אונדזער פאָלק.

די קינדער מײַנע, קיין אײַנהאָרע,
יערושע היטן מיט פאַרשטאַנד.
די זקיינים שלאָפן אין די קוואָרים
אין דעם יערושע-טאָל פון קאַנט.

מיט שפּראַכן אַנדערע צוזאַמען
כ׳האָב ליב מײַן זינגענדיקע שפּראַך,
באַם הארצן היט איך דעם פערגאַמענט,
וואָס ס׳האָט דער אָוואַר מיר געבראַכט.

ווען פון סאסון די יאַטן טאַנצן,
ארמעניש שטעלנדיק דעם פוס, —
אין זיי געראָטן כ׳בין אינגאַנצן,
ווי אינעם בוים — דער שטייפער נוס.

כ׳בין אַן ארמענער. נאָר געזונגען
מיט גרויס פארשטאַנד כ׳האָב דאָס געזאַנג,
וואָס א צײלאָנערן א יונגע
געבראַכט צו אונדז האָט גאָר ניט לאַנג.

פון אונדזער גאַסט איך האָב ניט ערגער
געטאַנצט, ווען ס׳איז אַזוי געשען,
אַז ס׳האָט פון קובע־לאַנד א נעגער
גאַנץ ערעוואַן מיט זיך פארבלענדט.

עס כידעשט אײַך, וואָס כ׳בין
א קענער
פון טענץ און לידער אָן א צאָל? —
איך בין אַן עמעסער ארמענער,
איך שטאַם פון אַראַראַטער טאָל!

ייִדיש — א. לײבוש
נום. 12, 1972

פון עסטאָניש

עלען ניוט

געשיקט זיך

געשיקט זיך, עס וועלן א שפּריץ טאָן
מיט שטעכיקע הילכיקע שפּליטערס
די פענצטער די בלאָע פון שטוב, —
א שפּריץ טאָן אין פּאָנעם
דער גאַס?

געשיקט זיך, ס׳וועט ווידער א שווערער,
אַן אײַזערנער שטיוול אַף כורוועס
צעטרעטן, ווי ס׳גלאָז אָט דאָס רײנע,
די טרוימען די בלויע,
וואָס זײַערע פליגל צעברעכן
עס וועט די מילכאָמע?

געשיקט זיך, די הענט, וועלכע האָבן
גערודערט די שיף צו דעם מאָרגן, —
פון פּאַכעד (געשיקט זיך!) זיי וועלן
פארשטעלן די אויגן מיט ציטער,
די אויגן, וואָס קוקן אַצינדער
דורך פענצטער, מיט בלויקייט געגלאָזטע!
כ׳גלייב ניט!

צי דען אין די אָדערן פליסט ניט
בא מענטשן בא אַלע,
ווי זון־אופגאַנג — רויט,
ווי ווײַמפּערלעך — רויט,
ווי מאָן־בליטן — רויט
דאָס בלוט?

און ווייניק פאַראַן דען
געדאַנק אין דער וועלט,
און ווייניק דען הענט
אַף צעברעכן די שויבן אָט יענע,
דורך וועלכע עס קוקן אַרויס מעשוגאָים
און זעען בלויז סרייפעס און קריג?

דרײַ טויזנט 500 מיליאָנען
פאָר הענט
בא דער מענטשהײַט.

ייִדיש — א. לײבוש
נום. 12, 1972

פון לעטיש

אנדריס וועיאן

מײַן הײם

דער שאַרך פון שטײַפן זאַנג
געבירט אזויפיל קלאַנגען!
די דאַוגאַווע רוישט
און שפּילט אַנטקעגן זון.
שטעל אָן, פּאָעט, דעם אויער
און שעפּ זײ, די געזאַנגען, —
זײ בליִען אינעם פעלד,
זײ וואַקסן אומעטום.

די פעלדער זײַנען העל,
און דורכזיכטיק — די ווײַטן,
דאָ זינגט זיך גרינג
און ס'עטעמט זיך דאָ פרײַ.
די מי פאַרייניקט אונדז
שוין לאַנגע צײַטן.
פאַרליבטע, דינען מיר
דעם לעבן טרײַ.

יידיש — א. זינגער

נומ. 12, 1972

פון אזערבײַדזשאַניש

דזשאַפאַר דזשאַבאַרלי

לאַנד מײַנס

גרויסאַרטיק זײַנען בערג,
וואָס גרייכן הימל־הייכן,
די העכסטע בערג
זײַנען בא דיר, מײַן קאַנט,
פאַראַן.

ווי זײַד ווי דינער,
זײַנען גראָזן ווייכע,
זײ כוואַליען זיך,
פונקט ווי א גרינער יאַם.

בא מײַנע פיס
די קאַספּיע שפּילט מיט וועלן.
באַקו — די הויפּטשטאָט —
איז באַרימט מיט נאַפט.
מיט יעדן טאָג
וועסט מער מיר נאָך געפעלן,
מײַן הײם, מײַן רום,
דו לעבסט, דו ברויזסט, דו שאַפסט.

יידיש — א. זינגער

נומ. 12, 1972

פון קירגיזיש

טאָלען שאַמשיעוו

אַטוז־אַדיר

אַטוז־אַדיר — מײַן הײם, מײַן קאַנט,
פון קינדװײַז ביסטו מיר באַקאַנט.
געװען כ׳בין לאַנג צעשײדט מיט דיר,
פאָטערלאַנד אַטוז־אַדיר.

מײַן טרוקענער, מײַן שטילער טאָל —
זאָל כאָטש אַ רעגן טאָן אַמאָל!
באַם הימל האָסטו לאַנג געבעטן,
אַ טראָפּן פײַכטקײט זאָל דיך רעטן.

אין דורשט געלעגן איז די ערד,
ס׳האָט גאָט דײַן טפילע ניט געהערט,
און ס׳האָט געטײַטשט דער מולא,
אַז ס׳איז פון גאָט די שטראָף אַזאַ:

„אױב האָבן װעט איר מיך אין זינען,
דאַן װעט פון פעלד דער שעד אַנטרינען...
פאַרגעסט ניט דעם מולא און דעם קאָראַן.
און װאַסער איז אַף יענער־װעלט פאַראַן״.

ייִדיש — א. זינגער

נױמ. 12, 1972

פון אװאַריש

ראַסול גאַמזאַטאָװ

פײגל

יעדעס מאָל, װען איך קום נאָר אַרײַן אין דעם װאַלד,
מיט אַ ליד — אַ געזאַנג איר באַגעגנט מיך באַלד.
װען די זון טוט אַ בליץ אַף די בערג אינדערפֿרי —
מיך װעקט אױף פון דעם שלאָף אײַער ליד: טשיר־טשי...
כ׳װיל אײַך, פײגעלעך, פרעגן פון לאַנג שױן, פון לאַנג:
װאָס באַטײַט „טשיר־טשי״, װאָס באַטײַט דאָס געזאַנג?
זאָל עס הײסן: אין ליבע איר שװערט זיך אַזױ,
צי אַ װיגליד גײט אױף פון די בעכערלעך טױ?
צי פון פרײד אַ געזאַנג, װי אַ פלײט, זיך צעקלינגט?
גײ, פאַרשטײ, װאָס איר װילט, װאָס איר זינגט...
„טשיר־טשי״ — און עס רױשט שױן דער קװאַל,
„טשיר־טשי״ — װערט די ערד אױסגעגײט מיט אַ שטראַל.
אױ, איר טײַערע פײגעלעך, כ׳פרעג אײַך פון לאַנג:

ס'איז א וואָרט? צי א שפּרוך? א געוויינלעכער קלאַנג?
אַלע פֿרײַנט מײַנע זאָגן מיט שמייכל צו מיר:
צופֿיל קווייטן און פֿייגעלעך זינגען בא דיר...
איך פֿאַרטרײַבן פֿון לידן? אָ, ניין! ס'איז א שפּאַס,
פֿול און פֿיל איז מיט אײַך מײַן געבענטשטער קאַווקאַז.
זאָל דעם פֿויגלס געזאַנג, אָט דעם ציכטיקן קלאַנג
אויך דערהערן די הויפּטשטאָט, דאָס גאַנצענע לאַנד.
אַף דער רויִקער ערד, אַלע טאָג, אײַנדערפֿרי —
זינגט, פֿייגעלעך, זינגט:
טשיוו־טשי...
טשיוו־טשי...

ייִדיש — מ. גרוביאַן

נומ. 2, 1961

פֿון קאַלמיקיש

דאַוויד קוגולטינאָוו

הינטישע וועלף

הארגעט, מענטשן, די הינטישע וועלף!

ווען מיר האָבן פֿאַרלאָזט די היימען,
האָבן קאַלמיקישע הינט מיט איימע
ווילד געוואָיעט, נאָך אונדז געבענקט
און דעם סטעפּ זיך אוועקגעשענקט...

הארגעט, מענטשן, די הינטישע וועלף!

וועלף, וואָס ווילן דאָס פֿײַער ניט מײַדן,
הינט, וואָס קאָנען א מענטש ניט פֿאַרלײַדן
(פֿריִער געהאַלטן פֿון אים — א וועלט...),
הינט, וועלכע זײַנען וועלף געוואָרן! —
ווילד געוואָרן
פֿון צײַט און צאָרן...

הארגעט, מענטשן, די הינטישע וועלף.

ייִדיש — א. ווערגעליס

נומ. 1, 1971

פון טשוואַשיש

מישע סעספּעל

דאָס אַקער=פעלד פונעם נײַעם טאָג

דער אַקער איז געמאַכט פון הימל־בלוי,
אין אים איז אײַנגעשפּאַנט די זון,
זי קוועלט,
אַליין דער נײַער טאָג, באַפרישט מיט טוי,
וועט באַם טשוואַש צעאַקערן דאָס פעלד.

דער לעמעך איז אַ רויטער, ווי צעגליט,
ער נעמט אַרום די באָראָזנע מיט שײַן.
די גרוילן פונעם נעכטן ער פאַרשיט,
די ליידן פון טשוואַשיע שטילט אײַן.

ס׳דערזעט דער נײַער טאָג: עס איז שוין
גרייט
די ערד אַרום דעם אַקער צום פּאַרזיי,
דאָ אַף די פעלדער ריזלט שוין מיט פרייד
דאָס קוואַל־וואַסער, וואָס שווענקט אַראָפּ
דעם שניי.

ייִדיש — א. לייבוש

נומ. 3, 1970

פון יאַקוטיש

סעמיאָן דאַנילאָוו

ספינקס

ספינקס, זאָג מיר, דו דאַרפסט עס
דאָך וויסן,

ווײַל דו האָסט געזען און געהערט,
ווי דער לעדערנער קנוט האָט געשמיסן
די הוילע לײַבער פון קנעכט.

מיר דאַכט זיך, איך הער, ווי
זיי וויינען,
צעפּאַסעוועט איז זייער הויט,

זאָג, ספינקס, וויפל ליגן דאָ ביינער
פון די, וואָס דיך האָבן געבויט.

פאַרצאַרנט, גלײַך עמעצער דראָ׳ט אים,
אין גרויזאַמען שווײַגן פאַרשמידט,
דער שוימער פון פאַרעס געבאָטן,
די נעכטיקע סוידעס ער היט.

ייִדיש — א. הובערמאַן

נומ. 3, 1962

אוראַן גוראַלניק

סוביעקטיווע נאָטיצן

אין מײַן היימישער ביבליאָטעק, ווו עס געפינען זיך בלויז די ביכער, וועלכע איך דארף האָבן פאר דער ארבעט, פארנעמען א היפּש אָרט די יאָר־קאָמפּלעקטן פון „סאָוועטיש היימלאנד“.

מײַנע רוסישע קאָלעגן לויט דער ליטעראריש־וויסנשאפטלעכער ארבעט, ווען זיי קומען צו מיר צוגאסט, באקענען זיך מיט פארגעניגן מיט אונדזער זשורנאל. עס טרעפט, אז גלײַך פונעם זײַטל לייען איך פאר זיי, לויט זייער באקאָשע, פראגמענטן פון פּראָזע אָדער פּערזן פון לידער אין מײַן איבערזעצונג אָף רוסיש.

זײַענדיק א שטענדיקער און פלײַסיקער לייענער פון „סאָוועטיש היימלאנד“, אָנהייבנדיק פון זײַן ערשטן נומער, בין איך אליין אזוי ארײַנגעצויגן געוואָרן אין זײַן אינטערעסן־קרײַז, אז כ׳האָב אוועקגעלייגט אין א זײַט אנדערע ביז גאָר וויכטיקע ארבעטן און גענומען שרײַבן רעגולער פארן „ליטערארישן טאָג־בוך“ פונעם זשורנאל.

אונדזער סאָציאליסטישע פילנאציאָנאלע קולטור איז שטארק מיט איר אינערלעכער איינהײַטלעכקײַט, מיט איר מאָנאליטקײַט, מיט דער געמיינשאפטלעכקײַט פון אירע ענדגילטיקע צילן. און איך בין אינגאנצן זיכער, אז אויב נעמען אפילע בלויז מײַן „פּריוואטן פאל“, דרינגט דערפון ארויס, אז די איבערגעגעבנקײַט די אידעאלן פון דער גרויסער רוסישער ליטעראטור העלפן מיר טיפער צו באזיניקן דעם אידייִש־עסטעטישן אינהאלט, די הומאניסטישע נאטור פון דער ייִדישער קלאסישער און סאָוועטישער ליטעראטור, פּונקט ווי דער אופריכטיקער אינטערעס צו דעם גורל און צו דער בויונג פון דער ייִדישער קינסטלערישער קולטור אין פססר באַרײַכערט גײַסטיק דעם פאָרשער פון אנדערע נאציאָנאלע קולטורן.

אזא איז, אויב איר ווילט, די אָביעקטיווע זײַט פון דער פראגע. אָבער באנאנד מיט אָביעקטיווע זײַנען פאראן אויך סוביעקטיווע סיבעס. זיי באשטימען אין א ניט קלענערער מאָס מײַנע סימפּאטיעס צו „סאָוועטיש היימלאנד“, מײַן פארינטערעסירטקײַט אינעם דערפאָלג פון דער שעפערישער טעטיקײַט פון א מעסירעס־נעפעשדיק איבערגעגעבענעם קאָלעקטיוו ליטעראטן — פּראָזאיקער, פּאָעטן, פּובליציסטן, — וועלכע גיבן אָפּ אָט דער אוניקאלער אויסגאבע אזויפיל ענערגיע, סייכל, באגײַסטערונג, פײַער פון דער נעשאָמע.

אָף אָט דער פראגע האָב איך טיילווײַז געגעבן אן ענטפער אין מײַנע אויטאָביאָגראפישע נאָטיצן „נעכטן, הײַנט, מאָרגן“, וועלכע זײַנען געווען פּובליקירט אין אונדזער זשורנאל אין סאָף 1973 און אין אָנהייב 1974. איך האָב שוין „צעביטן“, ווי מע זאָגט, דאָס זעקסטע יאָרצענדליק און געהער, הייסט עס, צו יענעם דאָר, וואָס געדענקט נאָך דעם אסקעטיש־שטרענגן אויסזען פון דעם ערשטן „דיקן“ סאָוועטישן כוידעש־זשורנאל אָף ייִדיש „די רויטע וועלט“ און דעם פארבן־אראָמאט פון די פרישע נומערן פון „פּראָליט“. שילער פון די עלטערע קלאסן, האָבן מיר מיט ענטוזיאזם געלייענט דעם קאָמיוגישן „יונגוואלד“. אין די סטודענטישע יאָרן, לערנענדיק זיך אָפן פאקולטעט פון רוסישער שפּראך און ליטעראטור, האָב איך מיט א פארכאפּטן אָטעם געבלעטערט די סאָלידע בענדער פונעם אלמאנאך „סאָוועטיש“.

אין „סאָוועטיש היימלאנד“, גלײַך ווי ס׳איז אוועק א רייד וועגן זײַן דערשײַנען, האָט זיך געוואָלט זען א ווירדיקע פאָרזעצונג פון די בעסערע טראדיציעס פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור. און דער זשורנאל, לויט מײַן מיינונג, האָט באערכטיקט אָט די האָפענונגען. זעלבסטפארשטענדלעך, ניט אלץ איז דאָ גלײַכווערטיק. ס׳איז ביכלאל ניט געווען אין דער זשורנאליסטיק קיין אויסגאבע, וואָס זאָל פון בוך צו בוך, אין פארלויף פון יאָרן, געבן דעם לייענער בלויז שעדעווערן. וויכטיק איז די ליניע פונעם זשורנאל, זײַן דאָמינירנדיקער פּאפאָס, זײַן צילגעווענדטקײַט, זײַן פּאָנעם.

אין באדינגונגען, ווען דער גורל פון די סאָוועטישע ייִדן ווערט אָפט אין אויסלאנד אן אָביעקט פון אומפארשעמטע פּראָוואָקאציעס מיצאד אומגעבעטענע „פארטיידיקער“, ווען די ציוניסטישע אידעאָלאָגן פּרוּוון מיט אלע קויכעס טרײַבן רעכילעס און ארויסרופן א נייטיקע פאר זיי רעאקציע בא דער אלוועלטלעכער געזעלשאפטלעכקײַט, — איז די ערלעכע, אָפענע, פּרינציפּיעלע פּאָזיציע פון „סאָוועטיש היימלאנד“ ביז גאָר וויכטיק. ס׳איז שווער איבערצושאצן די ראָל פונעם זשורנאל אין פּראָפּאגאנדירן די אידייען פון פּראָלעטארישן אינטערנאציאָנאליזם, פעלקער־פרײַנטשאפט, אין

פעסטשטעלן די נאַציאָנאַלע ווירדע פון די סאָוועטישע ייִדן.

די ייִדן — בירגער פון פססר — זײַנען האָרעפּשאַניקעס, וואָס זייער צושטײַער אין דער בויונג פון דער געזעלשאַפט פונעם אַנטוויקלטן סאָציאַליזם איז א וואָגיקער. מיר האָבן רעכט צו שטאָלצירן מיט דער ייִדישער ליטעראַטור. וועגן איר לעבנספעיִקייט, טראָץ די זיפצן פון די קליינמוטיקע ליקווידאַטאָרס, זאָגן איידעס די הונדערט זעכציק בענדער „סאָוועטיש היימלאַנד", וועלכע זײַנען דערשינען פאַר די ערשטע פופצן יאָר פון זײַן עקזיסטענץ. אינגאַנצן גענומען, איז דאָס א פילפאַרביקע פּאַנאָראַמע פונעם פאָלקס־לעבן.

א יובילײ־דאַטע, נאַטירלעך, רופט אַרויס פײַערלעכקייט. ס'איז דאָך עפּעס א יאָמטעוו! אָבער אָפּמערקן א יוביל לעניניש הייסט זאַכלעך, שטרענג אונטערפירן סאַכאַקלען און ניכטער אָפּשאַצן די פּערספּעקטיוו, קאָנצענטרירן די אויפמערקזאַמקייט אויף די אויפגאַבן, וועלכע מע דאַרף לייזן.

און אָנהייבן דאַרף מען, ווײַזט אויס, פון קריטעריעס פאַר דער אָפּשאַצונג. „סאָוועטיש היימלאַנד" איז באַרופן צו פאַרקערפּערן די וויכטיקסטע שטריכן פונעם ייִדישן סאָוועטישן נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, וואָס האָט זיך אויסגעבילדעט פאַר קנאַפּע זעקס צענדליק יאָר נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע. דער מאַרקסיסטיש־לענינישער וועלט־אָנשויונג איז פרעמד נאַציאָנאַלער ניהיליזם, אומאַכטונג צו פּראָגרעסיווע נאַציאָנאַלע טראַדיציעס, צו דער געשיכטע פונעם אַרבעטס־פאָלק. צוזאַמען דערמיט דאַרף מען שטענדיק געדענקען וועגן די פירנדיקע טענדענצן און וועגן דער דיאַלעקטיק פון דער אַנטוויקלונג: די סאָוועטישע ייִדן זײַנען אַן אומאָפּטיילבאַרער באַשטאַנד־טייל פונעם פילנאַציאָנאַלן סאָוועטישן פאָלק, וואָס איז א נײַע היסטאָרישע מענטשן־געמיינשאַפט. דאָס איז א געמיינשאַפט, וואָס איז געבוירן געוואָרן דורך דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, זי האָט אויסגעהאַלטן די גרויזאַמע ניסיוינעס פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע, זיך פאַרהאַרטעוועט אין די יאָרן פון בויען און פון שאַפן.

אָט די דיאַלעקטיק פונעם „אַלגעמיינעם" און „באַזונדערן" איז, אַלס קלאַל, גענוג אויסגעשפּראָכן און קאָנסעקווענט דורכגעפירט אין „סאָוועטיש היימלאַנד". דערמיט איז באַשטימט דער גײַסט פונעם זשורנאַל. אין דעם איז זײַן קויעך און זײַן באַדײַטונג אַלס דערציִער פון סאָוועטישן פּאַטריאָטיזם.

אַמערסטן דערפאָלגרײַך ווערט, ווי מיר דאַכט, געלייזט אָט די אויפגאַבע אין דער פּובליציסטיק. זי איז שאַרף אָנגעצילט אויף היינטצײַטיקייט. זי איז פאַרשיידנאַרטיק און דערפינדעריש. דער לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט זיכער אויף לאַנג פאַרגעדענקט די בעסערע פאַרצייכענונגען און רעפּאָרטאַזשן: אין זיי אַנטפּלעקט זיך די גרויסקײַט פון אונדזער סאָוועטיש היימלאַנד, די אומענדלעכע ראַכוועסן, די גראַנדיעזקײַט פון די היסטאָרישע ענדערונגען. אָבער דעריקער איז דער מענטש. אָט פאַרוואָס עס זײַנען אַזוי אײַנדרוקספול די פּאָרטרעטן־צייכענונגען פון אונדזערע אַרבעטער, אינזשעניער־טעכנישע טוער, געלערנטע, קולטור־מײַסטערס. די קינסטלערישע פּובליציסטיק פון „סאָוועטיש היימלאַנד", אין אירע בעסטע מוסטערן, האַלט זיך אויפן אַנאַליז פון טיפּישע דערשײַנונגען פון אונדזער היינטצײַטיקער ווירקלעכקײַט.

מע וואָלט געקאָנט אָנרופן א סאַך נעמען און ווערק. איך וועל דאָ דערמאָנען בלויז יענע פאַרצייכענונגען, רײַזע־נאָטיצן, רעפּאָרטאַזשן, וואָס זײַנען פּובליקירט געוועזן אין זשורנאַל פאַר די לעצטע דרײַ־פיר יאָר און האָבן איבערגעלאָזט אין מײַן זיקאָרן א טיפן שפּור. דאָס איז יעכיעל שרײַבמאַנס פאַרצייכענונג „ווײַנטרויבן, שטאָל און היימישע מענטשן" — וועגן ליפּעצקער מעטאַלורגן, וועגן אַבע האָכבערג, דעם אָנפירער פון קאָטאָווסקער סאָווירט־פאַרייניקונג. דאָס איז נאָטע לוריעס „יאַם און הימל" — וועגן דעם יאַם־קאַפּיטאַן פון ווײַטע מאַרשרוטן לעאָניד וויניצקי. דאָס איז כאַיִם ביידערס „לענינגראַדער מאָטיוון" און זײַן פּאָעטישער רעפּאָרטאַזש „אין סיביר". דאָס איז ייִסראָעל סערעבריאַניס אַרבעט „מענטשן פון בירָאָבידזשאַן". דאָס זײַנען די דאָקומענטאַלע פאַרצייכענונגען און רעפּאָרטאַזשן פון ש. גאָרשמאַן, מ. גאָלדמאַן, ב. מילער, ב. האַלפּערן, יאַ. רובענטשיק, ה. רעלעס און אַנדערע וועגן אוקראַיִנע און מאָלדאַוויע, וועגן די נײַקײַטן אין אַלטן לעמבערג, וועגן דעם היינטיקן מינסק, וועגן ווילנע, טאַשקענט...

עס איז קעדײַ צו דערמאָנען, אַז „סאָוועטיש היימלאַנד" איז צווישן די ערשטע סאָוועטישע זשורנאַלן, וואָס האָבן זיך אָפּגערופן אויף דער בויונג פונעם באַם (בײַקאַל־אַמורער מאַגיסטראַל), און די דאָזיקע טעמע ווערט ביז איצט פאָרגעזעצט אויף זײַנע שפּאַלטן (לאָמיר אין צוזאַמענהאַנג דערמיט דערמאָנען ל. שקאָלניקס רעפּאָרטאַזש „מאַגיסטראַל פון פרײַנטשאַפט").

מיט די פאַרצייכענונגען וועגן היינטצײַטיקייט זײַנען אַלס קלאַל אָרגאַניש פאַרבונדן די מעמוארן־מאַטעריאַלן וועגן אַמאָל. אַזעלכע מאַטעריאַלן דרוקן זיך אין „סאָוועטיש היימלאַנד" גאָר פיל, אַמאָל דאַכט זיך מיר — צו פיל. אָבער דער גרעסטער טייל זייערער איז באַרעכטיקט: קעדיי ווירדיק אָפּשאַצן דעם היינט, דאַרף מען ניט פאַרגעסן דעם אַמאָל. די דערפאַרונג פון דער פאָלקס־געשיכטע איז טײַער. מע דאַרף געדענקען אי דאָס גוטע, אי דאָס טראַגישע, קעדיי דאָס טראַגישע און דאָס שלעכטע זאָל זיך ניט איבערכאַזערן.

עס איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס אין די זיכרוינעס פון די פאָרשטייער פונעם עלטערן דאָר, וועלכע זײַנען אָפּטימיסטישע לויט זייער טאָך, ווערט אויף קיין האָר ניט אידעאַליזירט דאָס אַלטע ייִדישע שטעטל, עס ווערן ניט פּאָעטיזירט די אָפּגעלעבטע זיטן, עס ווערן ניט ראַ־

מאנטיזירט די אמאָליקע מינהאָגים און געוווינהײַטן. די בורזשואזע נאציאָנאליסטן פון אלערליי קאָלירן פּרוּוון דאָך גאלוואניזירן די „שטעטלשע" פּסיכאָלאָגיע, אויפלעבן די „פילאָזאָפיע" פון נאציאָנאלער באגרענעצטקײַט.

„סאָוועטיש היימלאנד", ווי אלע סאָוועטישע זשורנאלן, טוט א סאך אַף צו פארייביקן דעם אופטו פונעם סאָוועטישן פאָלק אין די יאָרן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. מיר, אלס געוועזענעם פראָנטאָוויק, איז באזונדערס טײַער דער מײַ־נומער פון אונדזער זשורנאל אין 1975 יאָר. ער איז געווידמעט דעם דרײַסיקסטן יאָרטאָג פונעם ניצאָכן איבערן היטלעריזם. טראָץ די מיינונגען פון די ציִעניסטישע היסטאָריקער, וואָס זײַנען גענייגט צו אקצענטירן די אופמערקזאמקײַט פריִער פאר אלץ און דעריקער אַף דער טראגעדיע פון די ייִדן, באווײַזן דעריקער די אווטאָרן פון „סאָוועטיש היימלאנד" אונדזער קאמפס־רום. זיי דערציילן וועגן העלדישקײַט, וואָס אונדזער פאָלק האָט ארויסגעוויזן אין קאמף קעגן דעם אומבעראכמאָנעסדיקן און שטארקן, גרויזאמען און אכזאָריעסדיקן דײַטשישן פאשיזם. גאָר אקטועל האָט א קלונג געטאָן איצט אין דעם נומער פונעם זשורנאל די פּובליציסטיק פון דאָוויד בערגעלסאָן אין די מילכאָמע־יאָרן, די שלאכט־ליריק פון די בעסטע ייִדישע דיכטער, די פראָנט־נאָטיצן פון כ. מעלאמוד, ש. פערסאָוו, ה. פּאָליאנקער, ש. ראבינאָוויטש, נ. זאבארע, אי. דרוקער, ש. גאָרדאָן און אנדערע שרײַבער, וועלכע האָבן געקעמפט מיט די דײַטשישע פאשיסטן ניט בלויז מיט דער פּען, נאָר אויך „מיט ביקס אין האנט, מיט ווארעם בלוט אין הארצן".

אזויווי איך האָב שוין אָנגעהויבן א שמועס וועגן פּובליציסטיק, וועל איך פארייגס באמערקן, אז אין „סאָוועטיש היימלאנד", באזונדערס אין די זיבעציקער יאָרן, זײַנען פּובליקירט געווען אויסגעצייכנטע פּובליציסטישע מאטעריאלן וועגן קאמף קעגן נאציאָנאליסטישע פאָרורטיילן אין די הײַנטצײַטיקע באדינגונגען, וועגן ציִעניזם און וועגן זײַן אנטיפאָלקישן טאָך, וועגן קריגערישן קלעריקאליזם אין ייִסראָעל, וועגן דער אויפלעבונג פון נעאָפאשיסטישער אידעאָלאָגיע פון נאציאָנאלער אטאָבעכארטאָנו. לאָמיר דאָ דערמאָנען די ארטיקלען פון אי. שרײַבער „די באנקראָטירטע דאָקטרינע", ל. דאדיִאני „די „לינקע" ציִעניסטן צו דינסט דער רעאקציע", אי. בראגינסקי „מיר זײַנען אינטערנאציאָנאליסטן", מאטעריאלן וועגן דער לאגע פון די ייִדן אין ייִסראָעל און פשא. די דאָזיקע מאטעריאלן זײַנען געבויט אַף א ברייטן פאקטישן מאטעריאל. באזיניקט מיט דער קאָמוניסטישער פארטייִשקײַט, איבערצײַגן זיי, אז אלע פּרוּוון צו שטעלן זיך קעגן דעם געזעלשאפטלעכן פּראָגרעס, צו דרייען אַף צוריק די ראָד פון דער געשיכטע זײַנען האָפענונגסלאָז.

באקומענדיק א נײַעם נומער פונעם זשורנאל, נעם איך זיך, דעם עמעס געזאָגט, פריִער פאר אלץ פאר די „קאָמענטארן פון רעדאקציע", פאר דער כראָניק, פאר די בריוו פון לייענער. אין אונדזער צײַט, ווען אינפאָרמאציע ווערט געשאצט גאָר הויך, ציִען אָט די אָפּטיילן אין „סאָוועטיש היימלאנד", נאטירלעך, צו די הויפּט־אופמערקזאמקײַט. מיר געפעלט די זיכערקײַט, און צוזאמען דערמיט די בייגעוודיקײַט, ווײַטזיכטיקײַט, וואָס די רעדאקציע ווײַזט ארויס אין פּאָלעמיק. מע בינדט מיר ניט אָן קיין לייזונגען, קיין קאָנצעפּציעס, קיין אויספירן: די שרײַבער, וואָס שאפן „סאָוועטיש היימלאנד", גלייבן אין די אינטעלעקטועלע מעגלעכקײַטן פונעם לייענער, אין זײַנע פעיִקײַטן אליין זיך צו פאנאנדערקלײַבן אין דער נאטור פון די דערשײַנונגען, ווי פארוויקלט זיי זאָלן ניט אויסזען פונעם ערשטן קוק.

אָבער, נאטירלעך, אלס פּראָפעסיִאָנעלער ליטעראטאָר, בין איך באזונדערס אופמערקזאם צו דער אידייִש־קינסטלערישער קוואליטעט פון דער פּראָזע און פּאָעזיע אין „סאָוועטיש היימלאנד", צו די מאטעריאלן פון דער קריטיק. דאָס פּאָנעם פון יעדן ליטערארישן זשורנאל — און „סאָוועטיש היימלאנד" איז ניט קיין אויסנאם פונעם אלגעמיינעם קלאל — באשטימען זיי — די ראָמאנען, דערציילונגען, לידער, פּאָעמעס. מיר איז שוין אויסגעקומען אין מײַנע איבערזיכטן צו שרײַבן וועגן אייניקע טיפּאָלאָגישע דערשײַנונגען אין דער אנטוויקלונג פון דער ייִדישער הײַנטצײַטיקער פּראָזע און פּאָעזיע, וועגן נאָוואטאָרישע זוכונגען אין געביט פון אינהאלט און פאָרם, וועגן ניט אויסגעלעבטע רעצידיוון פון קאָנסערוואטיזם, וואָס אַנטפּלעקט זיך אמאָל אין דער טעמאטיק און אין דער פּאָעטיק פון אייניקע שאפונגען.

זעלבסטפארשטענדלעך, מײַנע באאָבאכטונגען האלט איך ניט פאר אלעמען גילטיק און אומבאשטרײַטבאר. דעריבער האָב איך טאקע אָנגערופן אָט די נאָטיצן „סוביעקטיווע". איך מיין אָבער, אז אין מײַנע באטראכטונגען איז פאראן אויך ניט ווייניק פון אָביעקטיוון.

אין א בריוו, דאכט זיך, פון גאָרקי, האָט מײַנער א לייענער זיך אויסגעדריקט אן ערעך אזוי, אז איך בין צו שטרענג אין מײַנע פאָדערונגען צו דער אידייִש־עסטעטישער קוואליטעט פון די פּובליקאציעס אין „סאָוועטיש היימלאנד". איבערפראזירנדיק סאמויִל מארשאקן, וואָלט איך געענטפערט מײַן כאָשעוון קאָרעספּאָנדענט, אז פאר „סאָוועטיש היימלאנד" דארף מען שרײַבן אזוי גוט, ווי פאר אנדערע זשורנאלן, און נאָך בעסער...

אין צוזאמענהאנג דערמיט וויל איך מאכן א פּאָר באמערקונגען וועגן דער קריטיק אין „סאָוועטיש היימלאנד". דער ניוואָ פון דער ליטעראטור־קריטיק אַנטשפּרעכט געוויינלעך דעם ניוואָ פון דער קינסטלערישער ליטעראטור, זײַענדיק איר אָפּשפּילונג. אין אלגעמיין איז דער אָפּטייל פון קריטיק אין זשורנאל, אַף וויפל איך קאָן אורטיילן, גאנץ פּראָפעסיִאָנעל, אינטערעסאנט, — עס טרעפן זיך גוטע רעצענזיעס, אינהאלטספולע ליטעראטור־היסטאָרישע

ארטיקלען, געווידמעט דער קלאסישער יערושע. גאנץ לאנג איז מיר אָבער ניט אויסגעקומען צו לייענען אין „סאָוועטיש היימלאנד" אזעלכע פאָרשונגען, ווי „צו דער פראגע וועגן דעם נאציאָנאלן כאראקטער פון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער ליטעראטור" („ס. ה." נום. 1, 1964) אָדער „מיט וואָס איז לעבעדיק די ייִדישע ליטעראטור?" („סאָוועטיש היימלאנד", נום. 2, 1967). פאר די לעצטע יאָרן טרעט ארויס עפשער בלויז ה. רעמעניק, — אן אקטיווער קריטיקער און ליטעראטור־פאָרשער, — מיט מאסשטאבארטיקע פּובליקאציעס. לאָמיר דאָ דערמאָנען זײַנע ארטיקלען פון דער סעריע „פּראָבלעמען פון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער ליטעראטור": „גרונט־עטאפּן פון דער נײַער ייִדישער ליטעראטור"; „טראדיציעס. ווירקונגען. נאָוואטאָרישקייט"; „די אנטוויקלונג פון מעטאָדן און סטילן. רעאליזם"; „די אנטוויקלונג פון מעטאָדן און סטילן. ראָמאנטיזם". אָבער דאָס איז נאָך ווייניק. עס זײַנען זייער נייטיק פאָרשונגען וועגן קעגנזײַטיקע ווירקונגען פון דער ייִדישער ליטעראטור מיט די נאציאָנאלע ליטעראטורן פון די ברידערלעכע פעלקער, אנאליזן פון די איבערזעצונגען פון ייִדיש אף די שפּראכן פון די פעלקער פון פססר; עס זײַנען נייטיק סאָציאָלאָגישע פאָרשונגען וועגן אונדזער לייענער און וועגן זײַנע פאָדערונגען.

די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראטור אנטוויקלט זיך ווי אן אָרגאנישער טייל פון דעם אלפארבאנדישן ליטערארישן פּראָצעס. געדענקענדיק וועגן דער נאציאָנאלער אייגנארטיקייט און וועגן דער ספּעציפיק פון יעדער ליטעראטור, דארפן מיר אלע ליטעראטורן אָפּשאצן מיט אלציינע קריטעריעס. די ייִדישע שרײַבער, וואָס זייערע ווערק שטעלן פאָר מיט זיך דעם אינהאלט פונעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד", נייטיקן זיך ניט אין קיין „סקידקעס".

הײַנטצײַטיקייט איז די נעשאָמע פון דער ליטעראטור. ס'איז נאטירלעך, וואָס באנאנד מיט גרויסע היסטאָרישע לײַוונטן (ווי, לאָמיר זאָגן, נ. זאבארעס ראָמאנען פון דער עפּאָפּיי „גלגל החוזר" אָדער י. פאליקמאנס ראָמאנען פון דער עפּאָפּיי וועגן דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע) פּובליקירט „סאָוועטיש היימלאנד" א גרויסע צאָל ראָמאנען, דערציילונגען און נאָוועלן אף הײַנטצײַטיקע טעמעס.

אָבער, צי איז דען ניט עמעס, אז פון דער שעפערישער אופמערקזאמקייט פון אונדזערע באדײַטנדיקסטע פּראָזאיקער פאלן ארויס א סאך וויכטיקע דערשײַנונגען, וואָס כאראקטעריזירן פּונקט די הײַנטיקע ווירקלעכקייט אונדזערע, די לאָגיק פון איר אנטוויקלונג, אירע לעבנס־קאָנפליקטן?

דאָס האָט א שײַכעס אויך צו דער „צווישנפעלקערלעכער טעמע" אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור. אָט די טעמע אנטהאלט דאָך אן אומויסשעפּלעכן קוואל פון אידייען, געשטאלטן, קאָנפליקטן. עס איז גענוג אופמערקזאם דורכצולייענען ארן ווערגעליסעס רײַזע־רעפּאָרטאזשן, זײַנע דערציילערישע עסייען וועגן די געשעענישן אף דער „ייִדישער גאס" אין מײַרעוו־אייראָפּע און אין אמעריקע, קעדיי צו פארשטיין, וואָס פאר א דאנקבארער מאטעריאל דאָס איז פאר א הײַנטיקן קינסטלער.

און, צום סאָף, א פּאָר ווערטער וועגן דער „פּראָדוציר"־טעמע. די ייִדישע ליטעראטור אין די צוואנציקער און דרײַסיקער יאָרן, אין איינקלאנג מיט דעם שטורמישן לעבן, האָט דרייסט פארקערפּערט די געשטאלטן פון ייִדן־בויער, ייִדן־בארג־ארבעטער, פּויערים. דער „פּראָדוציר־ראָמאן" איז דעמלט געווען שיר ניט דער סאמע פארשפּרייטער דערציילערישער זשאנער. און אויך די פּאָעזיע און דראמאטורגיע האָבן זיך געסטארעט ניט אָפּשטיין פון דער גרויסער פּראָזע. אין אונדזערע שילער־יאָרן האָבן מיר זיך אָנגעלייענט אף ייִדיש מיט ביכער, ווו די העלדן זײַנען געווען דניעפּראָגעסבויער און קוילנגרעבער פון דאָנבאס, די ערשטע בויער פון ביראָבידזשאן, קאָלווירטניקעס, וואָס האָבן פאראקערט רויערד אין די סטעפּעס פון אוקראַיִנע.

די סאָציאלע און דעמאָגראפישע ענדערונגען, וועלכע זײַנען פאָרגעקומען אין דער נאָכמילכאָמע־עפּאָכע, פילן זיך, נאטירלעך, אין דער קויכעס־צעשטעלונג פון די ליטערארישע העלדן. מענטשן האָבן זיך געביטן. אָבער צי דען ניט מיט די הענט פון די קינדער פון יענע העלדן פון די ערשטע פינפיאָרן ווערן הײַנט דערגרייכט קאָפּשווינדלדיקע הייכן אין אלע געביטן פון עקאָנאָמיק און קולטור? גאָר זעלטן, צום באדויערן, טרעפן מיר אין „סאָוועטיש היימלאנד" גרויסע פּראָזאִישע ווערק וועגן דעם הײַנטצײַטיקן סאָוועטישן לעבן, ווערק, וואָס זאָלן אנטשפּרעכן לויט דער רײַכקייט פון באאָבאכטונגען און לויט דער ברייטקייט פונעם לעבנס־דיאפּאזאָן אונדזער ווירקלעכקייט, ווי דאָס איז געווען אין די בעסטע ווערק ביז דער מילכאָמע.

וועגן דעם אלעמען האלט איך פאר מײַן כויוו איצט צו ריידן. איך גלייב פעסט אין די גרויסע מעגלעכקייטן פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור. די דאָזיקע גרויסע מעגלעכקייטן דעמאָנסטרירט דער זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד".

פון די קינסטלערישע בײַלאַגעס אין „סאָוועטיש היימלאַנד"

ראָבערט פאַלק. **א פרוי אין ווײַסן**

טאנכום קאפלאן. **די קאלע**



אלעקסאנדער טישלער. **פרוי און שטאָט**

נאטאן אלטמאן. **אויטאָפּאָרטרעט**

זעליק אקסעלראָד. **דער רויטער אָבאָז**

1. מענדל גאָרשמאַן. **א קאָלווירטניק פון מאָלדאַוויע**

2. שלוימע גערשאָוו. **צירק**

3. אלעקסאַנדער גלוסקין. **זעגל־שיפלעך באַם ברעג**

1

2

3



הערש אינגער. **אילוסטראַציע צו שאָלעם־אַלייכעמס דערציילונג „יוסעף״**

יוסעף טשײַקאָוו. **א קלעזמער**

איסאַק איטקינד. **א יידישע מעלאָדיע**

הערשל ראַבינקאָוו
נאַכעם פרידמאַן

א שול פון הײַנטצײַטיקן ייִדיש

אונדז, ליטעראַטן, וועלכע זײַנען אין מעשעך פון א סאך יאָרן פאַרבונדן מיט דער ייִדישער פרעסע, ווילט זיך אונטערשטרײַכן די ראָל פון „סאָוועטיש היימלאַנד" אלס שול פונעם עכטן הײַנטצײַטיקן ייִדיש, — א קוואַל, פון וועלכן עס שעפן סײַ די שרײַבער, סײַ די זשורנאַליסטן.

די האשפּאָע פון דער שפּראַך־קולטור פון „סאָוועטיש היימלאַנד" לאָזט זיך אַלץ מער פילן אויך אַף די שפּאַלטן פונעם „ביראָבידזשאַנער שטערן" און אין די טראַנסלירונגען, וועלכע עס פירט טאָגטעגלעך די ראַדיאָ פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט.

טראַכטנדיק וועגן דעם, פאַרוואָס אונדז איז נאָענט די „סאָוועטיש־היימלאַנד"־שפּראַך, מיט וואָס זי נעמט אויס באַם ברייטן לייענער סײַ באַ אונדז, סײַ אין די פּראָגרעסיווע אויסלענדישע קרײַזן, קומען מיר צום אויספיר, אַז דער סאָד דערפון איז דער אָרגאַנישער צונויפשמעלץ פון די צוויי גרונט־מעקוירים — דעם קלאַסישן און דעם הײַנטצײַטיקן. מענדעלע, פּערעץ, שאָלעם־אַלייכעם זײַנען געווען און פאַרבלײַבן די גרונטלייגער, די שעפער פונעם ליטעראַרישן ייִדיש. אָבער מיר, ווי אַלע ברידערלעכע ליטעראַטורן פונעם לאַנד, האָבן שוין אויך א רײַכע סאָוועטישע קלאַסיק.

די שפּראַך פון „סאָוועטיש היימלאַנד" איז דער יורעש און פאַרזעצער קוידעמקאָל פון דעם פאָלקס־קוואַל. מיר הערן אין אָט דער שפּראַך די נײַע קלאַנגען פון דער אײַנגעוואָרצלטער לעקסיק אין די ווערק פון דאָוויד בערגעלסאָן, דעם ניסטער, דאָוויד האָפשטיין, פּערעץ מאַרקיש, לייב קוויטקאָ, איזי כאַריק און פון אַנדערע מערקווירדיקע מײַסטערס פונעם נאָכאָקטיאַבער־פּעריאָד. אונדזערע שרײַבער־מיטצײַטלער, אונדזער פּרעסע, אין דער ערשטער ריי „סאָוועטיש היימלאַנד", באַשטעטיקן: דאָס דאָזיקע וואָרט איז מעסוגל אויסצודריקן, איבערצוגעבן אַלע ניואַנסן פונעם מענטשלעכן געדאַנק און געפיל, ווי אויך אַלדאָס נײַע, וואָס קומט אוף אין אונדזער שטורמישער ווירקלעכקײַט.

אין גאַנג פון זײַן אַנטוויקלונג האָט ייִדיש, ווי באַוווּסט, אין זיך אַרײַנגענומען און אָרגאַנישׁ איבערגעקאָכט א סאַך ווערטער פון סלאַווישן און העברעיִשן אָפּשטאַם. דער דאָזיקער פּראָצעס דויערט, און עס איז וויכטיק אַף דעם אָדער יענעם אופן אים ריכטן, רעגולירן. די ראָל פון „סאָוועטיש היימלאַנד" אין דעם זין איז אויסשליסלעך גרויס. אין אַלע זײַנע מאַטעריאַלן — אין דער פּראָזע, דיכטונג, פּובליציסטיק — ווערט אָפּגעהיט יענע שפּראַך־ליניע, וועלכע איז ווײַט סײַ פון פּוריזם, סײַ פון געשמאַקלאָזן מישמאַש. עס איז איבעריק צו דערווײַזן, וואָס פאַר א באַדײַטונג דאָס האָט פאַר דער פאָרמירונג פון דער שפּראַך־קולטור באַ די מענטשן, וועלכע לייענען און שרײַבן אַף ייִדיש.

געווען מיספאַרשטייענישן אַרום די העברעיִזמען אין דער ייִדישער שפּראַך. און ניט בלויז מאַכמעס באַשטימטע איבערבייגונגען. א היפּשע צאָל ווערטער פון העברעיִשן וואָרצל זײַנען דעם ייִנגערן דאָר שרײַבער, זשורנאַליסטן און לייענער געווען ווייניקער באַקאַנט, און מע קאָן מיט זיכערקײַט זאָגן, אַז דורך „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט אָט די לעקסיק, וואָס איז פאַר ייִדיש אָרגאַניש, באַקומען א נײַעם טיקן.

וועגן וואָס פאַר א קאָמפּאָנענט פון ייִדיש עס זאָל ניט גיין קיין רייד, איז די אַטמאָספער, ווו דאָס געזונטע ווערט פאַרייניקט און צונויפגעשמאָלצן, — די פאָלקסטימלעכקײַט. טאַקע זי גיט צו א באַזונדערן כיין פיל מאַטעריאַלן פון „סאָוועטיש היימלאַנד".

וואָס פאַר א ווונטש וואָלט זיך וועלן אַרויסזאָגן דעם זשורנאַל?

א וויכטיקער צוגאָב צו די לעקציעס פון ייִדיש, וועלכע „סאָוועטיש היימלאַנד" דרוקט שוין עטלעכע יאָר, וואָלטן געווען שמועסן אַף שפּראַך־טעמעס, דערונטער, נאַטירלעך, וועגן הײַנטצײַטיקע פּראָבלעמען פון ייִדיש. עס שײַנט, אַז אַף אָט די טעמעס וואָלטן זיך געקאָנט אַרויסזאָגן ניט בלויז לינגוויסטן, נאָר אויך „שפּראַך־פּראַקטיקער" — שרײַבער, זשורנאַליסטן, קולטור־טוער.

■ ■ ■

אלעקסאנדער ליזען

צו די העכסטע שטאָקן

קלערנדיק וועגן פופצן יאָר „סאָוועטיש היימלאנד”, האָב איך זיך דערמאָנט, איך ווייס אליין ניט פארוואָס, וועגן פופצן שטאָקן פון אן אינדוסטריעלן קאָמבינאט הינטער ראָוונע.

דער קאָרפּוס פונעם צעך, וואָס פּראָדוצירט סעליטרע, איז פון אָריגינעלער ארכיטעקטור. ער איז רונד און הויך ווי א טורעם. אינווייניק קומט פאָר אָן אופהער, טאָג און נאכט, א קאָמפּליצירטער פארוואנדלונגס־פּראָצעס פון נעם ערשטיקן מאטעריאל אין דעם שטאָף, וועלכן מע רופט ליבלעך „פרוכטבארקייט־גראנולן”.

מע זעט ניט, וואָס עס קומט פאָר דאָרטן, אין די סוידעספולע טורעם־אינגעווייַדן, און איך בעט זיך באַם אומבייַט־מייַסטער, בא אורבאַנאָוויטשן:

— עפשער וואָלט איך געקאָנט כאַפּן א קוק? כאָטש דורך א שפּארונקעלע?

צעשמייכלט זיך דער מייַסטער און פירט מיך צו צו א קלייניק טונקל פענצטערל אין דער סאמע מיט פונעם טורעם:

— פּרוווט א קוק טאָן...

צוערשט האָב איך גאָרנישט ניט געזען. עפּעס א מין בעריישעסדיקער טויהו־וואָוויהו אין א רונדער שטייַג. ערשט דערנאָך, ווען כ'האָב זיך גענומען אייַנקוקן, האָב איך דערזען א געזאָד. א קליינע אויסטערלישע „אָזערע” האָט געשפּרודלט, געזאָדן, געשוימט, געברויזט. ווייַסלעכע שפּריצן זייַנען געפלויגן אין דער הייך און אראָפּגעפאלן. אן אומפארגעסלעך בילד!

נאָכדעם האָבן מיר שווער ארופגעקלעטערט דורך אייַזערנע טרעפּ אפן העכסטן שטאָק, אורבאַנאָוויטש און איך, און טאקע נישקאָשעדיק פארסאָפּעטע, זייַנען מיר ארויס אף א זייַטיקן קליינעם פּלאַץ. פון דאָרט האָט זיך געעפנט פאר מייַנע אויגן א ברייטע פּאנאָראמע פון צעך־קאָרפּוסן, גאזהאָלדערס, רויטלעכע מע־שונפאָרמעדיקע גראדירניעס (זיי קילן אָפּ דאָס אָפּגעארבעטע וואסער, קעדיי אויסנוצן עס ווידעראמאָל), און ווייַטער, אפן עקסטן ראנד פון דער טעריטאָריע פונעם קאָמבינאט, זייַנען געשטאנען אף בלישטשענדיקע רעלסן לאנגע עשעלאָנען, אָנגעלאָדענע מיט צענדליקער טויזנטער זעק, אין וועלכע ס'זייַנען געוועזן אייַנגעפּאקט זויבער־ווייַסע גראנולן־גרייַפּעלעך.

באַם סאמע הימל־ראנד האָבן פלוצעם ארויסגעטויכט פון א שיטערער בלויקייַט ברייטע פעלדער.

צוויי לאנדשאפטן, אן אינדוסטריעלער און א לאנדווירטשאפטלעכער, האָבן זיך צונויפגעגאָסן.

איך האָב זיך דערמאָנט אין א לאָזונג, וואָס איז געווען אָנגעשריבן מיט גרויסע אויסיעס אין דער וואנטצייַטונג פונעם צעך: „די גערעטעניש הייבט זיך אָן בא אונדז אין צעך”...

דאָס איז דער מאָשל.

און דער נימשל?

וואָס האָט דאָ צו טאָן דער פופצניאָריקער יובילײַ פון אונדזער זשורנאל?

פארשפּאָרט איר פארגעבן מיר די דאָזיקע שייַלע, וואָרעם כ'האָב זי אליין זיך פארגעבן. און געפּרוווט אפילע פארענטפערן. כ'ווייס ניט, צי עס וועט מיר געלינגען. איך גלייב אָבער, אז אויב אזא אסאָציאציע האָט פלוצעם דורכגעבליצט אינעם קאָפּ און דורכן הארץ, הייסט עס, אז ניט אומזיסט.

פופצן שטאָקן — פופצן יאָר. א יאָר — א גאָרן, און וואָס העכער, ווערט ברייטער און העלער די פּאנאָראם. גייט מען, קלעטערט מען אייַנגעשפּארט אלץ העכער און העכער, א שטאָק נאָך א שטאָק, און יעדער שטאָק — אָנגעפילט מיט פרוכטבארקייַט־גראנולן: ליטעראטור, קונסט, מוזיק, טעאטער, געשיכטע...

יעכיעל פאַליקמאַן

אַ טויער צו מענטשן

מײַנע ערשטע ליטעראַרישע טריט האָב איך געשטעלט אין זשורנאַל „די רויטע וועלט“, און איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן דעם רייעך פון זײַנע געדיכט געדרוקטע זײַטלעך, ווו יעדע שורע איז געווען ווי אויסגעלייגט פון גאָלד.

דאָס, וואָס עס איז דערגרייכט געוואָרן אין די ערשטע סאָוועטישע ייִדישע זשורנאַלן, האָט אײַנגעזאַפּט אין זיך, דערוועקט צו אַ נײַעם קיום „סאָוועטיש היימלאַנד“. באַנאַנד מיט דעם איז „סאָוועטיש היימלאַנד“ געבויט געוואָרן, דיסקאָנטירנדיק דאָס בעסטע, וואָס עס האָבן פאַרמאָגט צום מאָמענט פון זײַן דערשײַנען (און אַזוי איז עס אויך ביז הײַנט) די נאַציאָנאַלע ליטעראַרישע אויסגאַבעס בײַ די ברידער־פעלקער פון אונדזער גרויסן לאַנד. דערפון קומט זײַן אַלזײַטיקײַט, פאַרביקײַט, לעבעדיקײַט.

די גרונט־שטריכן פון „סאָוועטיש היימלאַנד“, וועלכע ווערן פון יאָר צו יאָר אַלץ בוילעטער: אַ שטרענגער אָפּקלײַב פון מאַטעריאַלן, טיפע אַכטונג צום שרײַבערס סטיל, צו זײַן שעפערישער מאַניר, ערנסטע, זאָרגזאַמע שפּראַך־לײַטערונג. אָבער דאָס סאַמע איקערדיקע: אַלץ, וואָס עס ווערט געדרוקט, איז פּאַטריאָטיש, סאָוועטיש אָנגעלאָדן, עס קוקט פון די זשורנאַל־זײַטלעך אַראָפּ דער נײַער סאָוועטישער מענטש — מיט זײַן מוטיקײַט, קלוגשאַפט, ערנסטקײַט, אידייִשער באַגײַסטערטקײַט, מיטן גלויבן אין גרויסן מענטשלעכן גליק און אין דעם עמעס אויף דער ערד. און נאָך: אינטערנאַציאָנאַלע מאָטיוון באַשײַנען דאָס בעסטע און דאָס שענסטע, וואָס דער זשורנאַל דרוקט.

מיט דער פולער זיכערקײַט קאָן געזאָגט ווערן: אַלע שרײַבער, וועלכע באַטייליקן זיך אין „סאָוועטיש היימלאַנד“, זײַנען פאַר די פופצן יאָר שעפעריש ניט נאָר אַקטיוויזירט געוואָרן, נאָר אויסגעוואַקסן.

דער זשורנאַל איז אַ מין טויער צו מענטשן — צו מענטשן פון אונדזער סאָוועטיש לאַנד און צו מענטשן פּראָגרעסיווע, שאָלעם־ליבנדיקע פון אַנדערע לענדער.

יויסעף בורג

מיר זײַנען ניט די לעצטע

דאָ ניט לאַנג האָב איך צופעליק אָנגעטראָפן אין אַ שטוב פון אַ ליבהאָבער פון ייִדישן וואָרט — געמיינט בײַ אים קריגן אַ מאַטעריאַל צו דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור. אין אַ קליין ציכטיק אויפגעראַמט צימערל איז געשטאַנען אַן אַלמער מיט אַלטע ספאָרים אין טונקעלע, שווערע לעדערנע אײַנבונדן, און אַנטקעגן, אין אַ באַזונדער שאַפקעלע — אַלע נומערן פון „סאָוועטיש היימלאַנד“, וועלכע האָבן אַ שפּיל געטאָן מיט קאָלערלייַ פאַרבן און קאָלירן.

אויסהערנדיק מײַן באַקאָשע, האָט מײַן פרײַנט אַ קוק געטאָן אויף מיר מיט אַ היימיש שמייכעלע:

— וואָס דאַרפט איר לאַנג בריַיען? נעמט דעם זשורנאַל — ס'איז דאָך אַן עמעסע ענציקלאָפּעדיע, איר וועט דאָ געפינען אַלץ: ייִדיעס וועגן שרײַבער, אָפּהאַנדלונגען וועגן ליטעראַרישע ווערק, וועגן מאָלערײַ, מוזיק...

ער האָט געמאַכט אַ שפּאַן פאָרויס, מיר אונטערגעטראָגן אַ שטול און איז גרייט געווען צו נעמען זיך גריבלען אין די אויסגעשטעלטע נומערן. האָב איך אים געזאָגט, אַז די זשורנאַלן זײַנען אויך בײַ מיר פאַראַן.

— אַזוי? און איך האָב געמיינט... — האָט ער זיך נאָכאַמאָל צעשמייכלט און אָנגעהויבן רעדן וועגן די ווערק, וועלכע האָבן זיך געדרוקט אין „סאָוועטיש היימלאַנד“. גערעדט האָט ער ערנסט, מיט גרויס וויסן.

ניין, ער האָט ניט נאָר שוואָכים געזונגען:

— פאַראַן אויך שוואַכע זאַכן, ניט־דערטראָגענע...

גערעדט האָט ער אויף אַ זאַפּטיקן בוקאָווינער ייִדיש, און מיר, זײַן לאַנדסמאַן, איז אָנגענעם געווען אים צו הערן:

— נאָך מיט צענדליקער יאָרן צוריק האָבן זיך שוין געפונען נעווייִם, וועלכע האָבן געטומלט: „מיר זײַנען די לעצטע!..“ איז לאָמיר טאַקע מיט אײַך אַ בלעטער טאָן „סאָוועטיש היימלאַנד“...

מוניע גלייזער

אַלע גוטע ווונטשן

איך דערמאָן זיך.

מוישע טייף, איינער פון די ערשטע בויער פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", האָט מיט צען יאָר צוריק געשריבן וועגן קאָנקרעטע פאָרשלאָגן, וואָס דאַרפן, לויט זײַן מיינונג, „מאַכן דעם זשורנאַל נאָך אינטערעסאַנטער". ער האָט גערעדט וועגן אונדזער ירושה און פאָרגעלייגט וואָס אָפטער דערמאָנען די פּערל, וועלכע זײַנען אין איר געשאַפן געוואָרן.

אָט דער ווונטש איז אויסגעפּילט געוואָרן. מיט גרויס אינטערעס לייענען מיר אינעם זשורנאַל די מאַטעריאַלן, וואָס דרוקן זיך אין דער רובריק „פונעם ליטעראַטור־אוצר".

א צווייטער פאָרשלאָג איז געווען — אײַנפירן א רובריק: „מענטשן, שטעט און רעפּובליקן", און אויך ער איז פאַרווירקלעכט געוואָרן. אָף די שפּאַלטן פון „סאָוועטיש היימלאַנד" ווערן סיסטעמאַטיש געדרוקט מאַטעריאַלן, וואָס ווערן באַטיטלט „אָף די שפּורן פון געשעענעם", „אונדזערע מיטצײַטלער", „מענטשן — זייער צײַט און זייער גורל".

מוישע טייף האָט פאָרגעלייגט שאַפן א לעקסיקאָן פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור. מיר באַקומען איצט אזא לעקסיקאָן אָף די שלוס־זײַטן פון יעדן נומער פון אונדזער זשורנאַל.

גערעדט האָט מוישע טייף וועגן א רובריק, וואָס ער האָט באַדינגלעך אָנגערופן — „שמייכלען". געמיינט האָט ער: אויסטיילן איין זײַטל אָדער צוויי זײַטלעך פאַר אונדזער רײַכן פאָלקלאָר (וויצן, גלײַכווערטלעך, מײַסעלעך, אאַז.). אין אָט דעם געביט איז, עמעס, שוין פאַראַן אן אָנהייב, אָבער ניט ווייניק דאַרף דאָ נאָך געטאָן ווערן...

עס ווילט זיך, אַז אַלע גוטע ווונטשן זאָלן אָף ווײַטער מעקוים ווערן.

דאָרע כײַקינע

אונטער איין דאַך

עס איז קיין סאָד ניט, אַז יעדער שרײַבער, ווען ער פאַרענדיקט א ווערק, טרוימט ער וועגן דעם, אַז דאָס ווערק זאָל פון דעם שרײַבטיש בעשאָלעם איבערגעגעבן ווערן אין די הענט פונעם לייענער. יעדערער פון אונדז גיט ארויס זײַנע ביכער אין אָריגינאַל און אין איבערזעצונגען אָף אַנדערע שפּראַכן.

דאָס דערשײַנען פון א באַזונדער בוך איז פאַר דעם שרײַבער ביז גאָר פריידיק. אָבער וואָס פאַר א פאַרגעניגן איז פאַר אים די באַגעגעניש מיט זײַנע קאָלעגן אין א געמיינזאַמען זשורנאַל! „סאָוועטיש היימלאַנד" איז געוואָרן פאַר אונדז טאַקע א געמיטלעכע היים, ווו מיר קומען זיך צונויף, קעדיי זיך טיילן איינער מיטן אַנדערן און מיט דער לייענער־וועלט מיט דעם בעסטן און שענסטן, מיט די פריידן און ליידן, מיט אַלץ, וואָס מיר טראָגן אין זיך און צו וואָס מיר קאָנען ניט זײַן גלײַכגילטיק.

און אַזעלכע באַגעגענישן קומען פאָר אין „סאָוועטיש היימלאַנד" זייער אָפט. מיר, לעמאָשל, איז שטענדיק אָנגענעם צו טרעפן זיך מיט די פרויען־דיכטערנס. א גאָר ברייטע באַגעגעניש פון דעם מין האָט דער זשורנאַל אײַנגעאָרדנט אין איינעם פון זײַנע נומערן אין צוזאַמענהאַנג מיטן צווישנפעלקערלעכן פרויען־יאָר. עס האָבן גערעדט מיטן לייענער סײַ די ייִדישע דיכטערנס, וועלכע זײַנען שוין ניטאָ צווישן אונדז, סײַ די, וואָס זײַנען שעפעריש אַקטיוו ביז הײַנט. איך האָב זיך ווי נאָכאַמאָל באַקאַנט מיט דער ביראָבידזשאַנער פּאָעטעסע ליובע וואַסערמאַן און מיט שיפרע כאַלאַדענקאָ, וועלכע זײַנען ערשט ניט לאַנג אַוועק אין דער אייביקײַט, מיט אַניוטע פּיאַטיגאָרסקע — זי איז אומגעקומען אין לענינגראַד בייס דער בלאָקאַדע, מיט דער אַרבעטער־דיכטערן סאָניע טור־טשינסקי. עס האָבן מיט א הויך קאָל געזונגען די ייִדישע סאָוועטישע דיכטערנס פון אונדזער צײַט.

דער קוואַל פון אונדזער ליטעראַטור איז בעעמעס אומויסשעפּלעך.

גערשן קראַווצאָוו

די קינסטלערישע אויספֿאָרעמונג — א וויכטיקע פּאָזיציע

די מאָלערײַ־קונסט אין „סאָוועטיש היימלאַנד" טרעט ארויס אין צוויי מינים. ערשטנס, זײַנען דאָס עלעמענטן, וואָס פֿאָרמירן אויס דעם זשורנאַל, זיי ווערן געמאַכט לויט די באַשטעלונגען פֿון דער רעדאַקציע. מיר האָבן דאָ אין זינען דעם מאַקעט פֿונעם נומער, די טיפּאָגראַפֿישע מיטלען (זאַץ, שריפֿט, קלישע, דרוק), די גראַפֿישע מיטלען פֿון אויספֿאָרמירן (איליוסטראַציעס צום טעקסט אין זשורנאַל, געצייכנטע קעפּלעך, וויניעטקעס, בוקוויצעס אאַז.), ווי אויך נאָטן־גראַפֿיק, פֿאָטאָגראַפֿיעס. צווייטנס, פּובליקירט דער זשורנאַל אַלערליי קונסט־ווערק ניט לויט דער באַשטעלונג פֿון דער רעדאַקציע. דאָס איז מאָלערײַ, סקולפּטור און גראַפֿיק. די פּובליקאַציעס ווערן פֿאַרווירקלעכט לויטן אינטערנאַציאָנאַלן פּרינציפּ. עס געפֿינען דאָ אָן אָרט די בעסערע שאַפֿונגען פֿונעם פֿילנאַציאָנאַלן סאָוועטישן פֿאָלק. די אַרבעטן זײַנען פֿון פֿאַרשיידענער מאַניר, פֿון דער קלאַסיק און פֿון הײַנטצײַטיקע מײַסטערס. ס'ווערן אויך פּובליקירט ווערק פֿון אויסשטעלונגען און אַזעלכע, וואָס געפֿינען זיך בײַ די קינסטלער אין די אַטעליע.

די בײַלאַגע מיט די רעפּראָדוקציעס זײַנען אין „סאָוועטיש היימלאַנד" פֿילפֿאַרביק און פֿון א גוטן ניוואָ. זיי באַרײַכערן דעם לייענער, אַנטוויקלען זײַן געשמאַק, פֿאַרברייטערן זײַן קולטור.

דער זשורנאַל פּובליקירט אויך אייניקע קונסט־פֿאָרשערישע מאַטעריאַלן און אָפּהאַנדלונגען וועגן דער שאַפֿונג פֿון באַזונדערע מײַסטערס.

דער מאַקעט פֿונעם זשורנאַל איז א קאָמפּליצירטער. צונויפֿקאָמפּאַנירן אין יעדן נומער מאַטעריאַלן פֿון אַלערליי זשאַנרען — פֿון עצעם קינסטלערישער ליטעראַטור און ליטעראַטור־פֿאָרשונג, פּובליציסטיק, אינפֿאָרמאַציע, און דאָס זאָל זײַן וויזועל־אייניהײַטלעך, זאָל צוגעבן אָן אָנשוילעכע אינטאָנאַציע די טעקסטן, ס'זאָל אויך בײַזײַן דער געהעריקער ריטם, — איז א שווערע און קאָמפּליצירטע אויפֿגאַבע. אין גרונט גענומען, ווערט זי געלייזט געראָטן.

עס האָט זיך אײַנגעשטעלט א געוויסער טיפּ מאַקעט, אין וועלכן אַלץ איז לאָגיש. דאָס רופֿט ארויס א געפֿיל פֿון קלאָרקײַט. עס טיילן זיך אין דעם פּראַט אויס די יובילײַ־נומערן. זיי זײַנען רײַך דעקאָרירט, און זייער ניוואָ איז גוט אויסגעפֿילט פּאָליגראַפֿיש. עס קומט אפֿן זינען, אז אין ברייטע פּראָזאַישע לײַוונטן (ראָמאַנען, גרויסע דערציילונגען) הערשט א מאָנאָטאָנקײַט פֿון די דורכויסיקע טעקסט־זײַטן. דאָ וואָלטן געקאָנט ארויסהעלפֿן קאָלאָן־טיטולן אָדער גראַפֿישע אקצידענציעס (ווי אין דער טעמע „צען יאָר „סאָוועטיש היימלאַנד" אין נום. 7 פֿאַרן 1971 יאָר, אָדער „ייִדישע פּראָפֿעסיעס אין ביראָבידזשאַן" אין נום. 9 פֿאַרן 1972, ווו די קאָלאָן־טיטולן האָבן אופֿגעלעבט דעם דורכויסיקן טעקסט פֿון צענדליקער זײַטן).

מע דאַרף אָפּמערקן, אז צווייפֿאַרביקער דרוק ווערט אויסגענוצט ניט נאָר אין די נומערן פֿון א גאַנץ יאָר.

אין נום. 3 פֿאַרן 1974 יאָר, אף דער 181 זײַט איז פּובליקירט א מאַטעריאַל וועגן דעם 500־יאָריקן יובילײַ פֿונעם ייִדישן דרוק־בוך. די טעמע איז געגעבן געוואָרן ווי א וואָכעדיקע אינפֿאָרמאַציע צווישן אַלטעגלעכע פּובליקאַציעס. און שטעלט זיך פֿאָר, אז דאָס איז ניט געזעצמעסיק. לאָמיר זיך דערמאָנען, ווי ס'איז אָפּגעמערקט געוואָרן 400 יאָר פֿונעם רוסישן בוך־דרוק. אַזא דאַטע איז א היסטאָרישע געשעעניש, און ניט קיין אַלטעגלעכער צופֿאַל. ווער רעדט נאָך, אז „סאָוועטיש היימלאַנד" איז אַן אָרגאַן פֿון קינסטלערישער ליטעראַטור. אונדז ווײַזט זיך אויס, אז אפֿילע איצט איז ניט שפּעט צוגעבן מער כשיוועס דער דאָזיקער דאַטע אף די זײַטן פֿונעם זשורנאַל.

עס טרעפֿט, אז דער זאַץ־שריפֿט פֿון די קעפּלעך איז איבער דער מאָס גרויס. זיי מאַכן האַמעטנע דעם אַלגעמיינעם כאַראַקטער פֿונעם מאַקעט (זע נום. 9 פֿאַרן 1971, ז. 106).

אין דער זאַץ־ווירטשאַפֿט פֿונעם זשורנאַל איז דאָ צוויי מינים שריפֿט. איינער איז געוויינלעך טראַדיציאָנעל. דער צווייטער זעט אויס ווי הײַנטצײַטיק. ער איז סטיליזירט און

ליכטיק געהאקט. אָט דער ליכטיק־געהאקטער זאַץ־שריפט איז זייער אומגעראָטן. ערשטנס, האָט ער דעם אָנבליק פון ארמענישן שריפט. ער איז אומנאטירלעך, ווײַל דער ייִדישער שריפט גייט פון דינער קאליגראפיע. די נאטירלעכע באוועגונג פון דער האנט בילדעט דעם איבערגאנג פון דער דיקער ליניע צו דער דינער. אזויארום ווערט געשאפן א סיסטעם פון קאָנטראסטארטיקע פאָרמען און דער שריפט פלעכט זיך צונויף אין איין ריטם מיט בוילעט־פארשיידענע צייכנס פון צונויפקלאנג און אַלגעמיין־גראפישער געבונדנקײַט, וואָס דעקאָרירט די זײַטן פונעם זשורנאל. דער סטיליזירטער שריפט, וועגן וועלכן מיר האָבן אויבן גערעדט, באשטייט פון אויסגעטראכטע, באדינגלעכע צייכנדלעך, וואָס זײַנען ווי געמאכט פון דרעטלעך (ווי די קאנצעליארישע סקרעפקעס), געבויגענע ווי א געאָמעטרישע סכעמע. דער דאָזיקער סטיליזירטער שריפט גייט ניט פון פײַנעם געשריבענעם, ניט פון דער פלאסטישער צייכענונג, נײַערט פון אן אווטאָמאטישער גלײַכגילטיקער פאָרם. דריטנס, לייענט ער זיך זייער שווער. פערטנס, מאכט ער דעם אײַנדרוק, ווי ער וואָלט געווען א צווייטער פלאן אין טעקסט (זע נומ. 3 פארן 1972 יאָר, ז. 190), ווו די גרונט־אינפאָרמאציע איז בלייך, פאלט זיך פאנאנדער און די קאָמענטארן לייענען זיך מאָדנע. בלויז אין די פאלן, ווען א פארענדיקטער, ניט קיין גרויסער טעקסט — אן ארטיקל אָדער א פארצייכענונג — איז אויסגעזעצט מיט דעם סטיליזירט־געהאקטן שריפט, בלויז אין אזעלכע פאלן איז דאָס אָנעמבאר. ס׳איז געקומען די צײַט מיט דער גאנצער אנטשלאָסנקײַט צו שטעלן די פראגע וועגן שאפן א סאָוועטיש־ייִדישן קאָמפלעקט פון זאַץ־שריפט. דאָס וועט פאָדערן א יאָר אכט, אן ערעך אזויפיל צײַט, וויפל מע דארף פארן פינף־און־צוואנציקיאָריקן יובילײ־נומער, וועלכער וועט אויסגעזעצט ווערן מיט דעם געגארטן סאָוועטיש־ייִדישן שריפט־קאָמפלעקט.

פאר די לעצטע יאָרן האָבן מיר פארלאָרן קאָריפייען פון דער סאָוועטישער ייִדישער מאָלערישער קונסט (נאטאן אלטמאן, מייער אקסעלראָד, מענדל גאָרשמאן). פאר די יאָרן זײַנען אנטשטאנען נײַע נעמען: וויקטאָר עלקאָנין, מיכאיִל עלצופען, גריגאָרי פערקעל, איטעלא מאסטבוים, אנאטאָלי סלעפישעוו, יעווגעני גאָר. אייניקע פון זיי זײַנען זייער יונגע. ס׳האָט זיך ביז גאָר אנטוויקלט הערש אינגערס באַגאבונג. לויט דער קוואליטעט און לויט דער צאָל זײַנען אינגערס ארבעטן אָפעראטיוו־זשורנאליסטיש אין גוטן זין פון וואָרט, און זיי קלינגען איבערצײַגעוודיק. זײַנע צייכענונגען מײַדן באוווסטזיניק אויס טענדענציעזקײַט. זיי זײַנען אָביעקטיוו, רעאל, און כאָטש עס טרעפן זיך אומפינקטלעכקײַטן, פרעוואלירט די עכטע געשטאלטיקײַט, וועלכע אנטשפרעכט די באוועגונגען פונעם פערסאָנאזש, די מימיק, די זשעסטיקוליאציע. דער כאראקטעריסטישער טיפאזש און די טיפיזירטע כאראקטערן זײַנען פארשיידנארטיק סײַ מיט דער פסיכאָלאָגיע, סײַ מיט דער אויסערלעכקײַט. זיי זײַנען זאפטיק, טאקטיש, געמאָלט מיט געשמאק.

אינגער דארף אָבער זײַן מער פארשיידנארטיק, אנטשפרעכנדיק דעם אינהאלט פונעם אווטאָרס טעקסט — באם אויסמאָלן די סוויווע, אין וועלכער עס קומט פאָר די אקציע, די צײַט פון יאָר און מעסלעס, די אלגעמיינע שטימונג, די טאָנארטיקײַט, דעם אלגעמיינעם קאָליר. דערווײַל פעלט נאָך אין אינגערס ארבעט פארשיידנארטיקײַט. דאָס סוזשעטיש־באשרײַבערישע נעמט די אויבערהאנט. צווישן די איליוסטראציעס קאָן מען באגעגענען אומפארשטענדלעכע קאָמפאָזיציעס. צום בײַשפיל, אינעם נומ. 11 פון 1975 יאָר (ז. 92) באוועגן זיך קליינינקע פיגורלעך ארום א ריזיק גרויסן קאָפ. דאָס איבעריקע איז געמאכט אין שטייגערישן פלאן, אזוי אז די פאנטאסטישע פיגורלעך ווערן ניט אופגענומען, זיי זײַנען ניט בארעכטיקט. אין נומ. 4 פארן 1973 יאָר (ז. 45 און 66) און נומ. 8 פארן 1974 יאָר (ז. 47 און 95) זײַנען אָפגעדרוקט סוזשעטישע קאָמפאָזיציעס, וועלכע זײַנען מער ענלעך אף א מיטעלן אייראָפעיִשן, איידער אף א ייִדישן פערסאָנאזש. אויסער דעם, שטרעבט דער קינסטלער, אז די ליניע זאָל זײַן געמאכט מיט דער „פעסטער האנט”. דעריבער ווערט אנטרונען דאָס פאָעטישע.

אָנהייבנדיק פונעם 11־טן נומער פון 1973 יאָר איז אנטשטאנען דער הומאָר־אָפטייל, וועלכן עס איליוסטרירט אינגער. די איליוסטראציעס זײַנען פרײַ און גרינג געצייכנט, זיי זײַנען אפאנעמעסן איראָניש, אָפט אפילע סארקאסטיש. דורכגעדרונגען מיט הארציקן הומאָר, קאָנען זיי בעשום־אופן ניט אָנגערופן ווערן קאריקאטורן. אין זיי איז ניט פאראן די דעפאָרמאציע פון שטריכן בא די פערסאָנאזשן. דער הומאָר איז אן אינווייניק־דינער און א נאציאָנאלער.

די פאָטאָ־ארבעטן אין „סאָוועטיש היימלאנד” האָבן זיך באדײַטנדיק פארבעסערט אין די לעצטע יאָרן, און כאָטש עס טרעפן זיך נאָך שוואכע פאָטאָס, וועלכע זײַנען ווי ארויסגענומען פון אלטע פאפקעס, זײַנען אָבער אויך פאראן דאָ אויסגעצייכנטע.

צום שלוס ווילט זיך מאכן אייניקע פראָטימדיקע באמערקונגען צו דער קריטיק און פאָרשונג אין געביט פון מאָלערײַ, וואָס איז פון שטענדיק אָן א סטאבילער זשאנער אין „סאָוועטיש היימלאנד”.

דער לייענער פונעם זשורנאל איז ניט קיין ספעציאַליסט אין קונסט־פראגן, דעריבער דארפן די מאטעריאלן פון דעם מין זײַן פאָשעט און קלאָר אָנגעשריבן. באזונדערס זײַנען ניט דערלאָזבאר פוסטע, שרײַענדיקע פראזעס, פלאָנטערנישן. אין אלגעמיין זײַנען אין אונדזער זשורנאל די ארטיקלען וועגן מאָלערײַ־קונסט אָנגעשריבן פאכמענעריש, צוגענגלעך, אין א זאפטיקן ייִדיש. אָבער עס טרעפט אויך...

אין נומ. 10 פארן 1975 איז פארעפנטלעכט אן ארטיקל וועגן י. אינגערס שאפונג־וועג.

דער מעכאבער שרײַבט: „... דעם קינסטלערס ארבעטן פאר די לעצטע יאָרן זײַנען געוואָרן שארפער און גראָטעסקארטיקער... צום בײַשפּיל, אין „פארקישעפטן שנײַדער”, וועלכער שטעלט מיט זיך פאָר א קאָמפּליצירטן צונויפגוס פון שטייגערישע באזונדערקײַטן, ווי בורפאָנאדע, איראָנישע סטיליזאציע און דראמאטיזם. אינגער אקצענטירט ניט דעם שטייגער, נאָר די פאנטאסמאגאָריע...”

גראָטעסק — דאָס פארקריפּלטע קאָמישע.
בופאָנאדע — האמעטנער קאָמיזם.
פאנטאסמאגאָריע — זינלאָזע זעונגען.

סטיליזאציע — דאָס נאָכמאכן א געוויסן סטיל פון פארגאנגענע צײַטן.

דעם דאָזיקן באטײַט פון די ווערטער קאָנט איר געפינען אין ענציקלאָפּעדישן ווערטערבוך. אויב שוין יאָ איראָנישע סטיליזאציע, דערמאָנט זי דאָ אונדז דעם שפּרוך „א מאָשל פון א טאָרבע פלעקער”. דאָס איז ניט מער ווי אן עפעקטיווע מיספארשטייעניש, וואָס ווערט געשאפן אין געיעג נאָך שיינריידערײַ. בופאָנאדע — דאָס איז דער קאָמיזם, ווען איין קלאָון פליוכעט אפן צווייטן קלאָון וואסער אָדער טיילט אים אײַן פּעטש, אָדער זיי שלעפן איינער דעם אנדערן איבער דער צירק־ארענע פאר די פיס. דאָס איז, אייגנטלעך, דער סאמע פרימיטיווער ארט קאָמיזם, וואָס איז אויסגערעכנט אף נידעריקע אינסטינקטן. זאָגן וועגן שאָלעם־אלייכעמען (אָדער וועגן גאָגאָלן), אז דאָס איז בופאָנאדע — איז א כילעל־האשעם! בופאָנאדע, פאנטאסמאגאָריע, ווי גראָטעסק און סטיליזאציע, זײַנען ניט פאראן בא שאָלעם־אלייכעמען. בא אינגערן — אויך ניט. עס איז דאָ דער דינער נאציִאָנאלער וויץ, זעלבסט־איראָניע, הומאָר, סארקאזם, סאטירע, ס'איז דאָ פעסטער רעאליזם, א דורכגעזאפּטער מיט ליבע און מיטגעפיל צו דעם ייִדן־האָרעפּאשניק.

עטלעכע מאָל באגעגענען מיר אינעם ארטיקל די ווערטער ראָמאנטיזם, ראָמאנטיק. זאָל עפּעס וואָס געזאָגט ווערן וועגן רעאליזם, הערט מען ניט. דאָ דארף מען באמערקן, אז ס'איז פאראן רעאקציִאָנערער ראָמאנטיזם, פּראָגרעסיווער ראָמאנטיזם, ווי עס איז פאראן עלעמענטן ראָמאנטישע אין די מעטאָדן פונעם סאָציִאליסטישן רעאליזם.

דאָס ארטיקל וועגן דער שאפונג פון כאַיִם סוטין (נומ. 2, 1972) איז גרויס לויטן פארנעם. אויב אָפּוואַרפן די סענסאציע וועגן דעם, אז דער אָרעמער קינסטלער איז אין פאריזש, וווּהין ער איז אוועקגעפאָרן אין 1912, אומדערווארט רײַך געוואָרן, און ציטאטעס וועגן דעם, וואָס פּיקאסאָ אָדער בארט האָבן געזאָגט וועגן סוטינען, אויב איבערלאָזן די שטעלן, וועלכע האָבן א שײַכעס צו סוטינס שאפונג גופע, ווערט זיך באקומען פאָלגנדעס:

ערשטנס, סוטין האלט, אז מאָלן דארף מען נאָר פון דער נאטור. קיין שום באלײַכטונג פון דער פראגע וועגן סוטינס באציִונג צום רעאליזם, צו די מאָדערניסטן. פאריזש איז אין ארטיקל ניטאָ, עס שאפט זיך אן אײַנדרוק, אז דאָס איז רוסיש־ייִדישע קונסט, כאָטש דאָס ארטיקל שטעלט פעסט, אז סוטינס שאפונג איז פראנצויזיש לויטן סטיל. די פראגע, וויאזוי סוטין האָט זיך באצויגן צו דער סאָוועטישער קונסט, בלײַבט אויך ניט פארענטפערט.

צווייטנס — „עס דוכט זיך אמאָל, אז אייניקע ווערק סוטינס האָט אָנגעשריבן א פסיכיש־קראנקער מענטש (עס דערמאָנט זיך דאָס געשטאלט פון זײַן ערשטן לערער, דעם גײַסטיק־קראנקן וואן־גאָג)”.

וואן־גאָג איז ארײַנגעגאנגען אין דער געשיכטע פון דער קונסט מיט די שאפונגען, וועלכע ער האָט געמאכט ביז זײַן קראנקײַט (ווי וורובעל און אנדערע). דאָס, וואָס וואן־גאָג האָט געשאפן בייס דער קרענק, אינטערעסירט די פסיכיִאטערס און די „אוואנגארדיסטן”, וועלכע שטעלן פעסט (ס'זײַנען פאראן אזוינע אויך), אז די שאפונג פון פסיכאָפּאטן איז דאָס סאמע פאָרגעשריטענע: זי איז ניט סאָציִאל, „אבסאָליוט פרײַ”, פול מיט אומדערווארטן און בעמיילע דערפאר פולשטענדיק נײַ.

אף וואָס דארף דאָס דער מעכאבער פונעם ארטיקל?

ווי ס'ווײַזט אויס, פאָדערט זיך צו רעצענזירן קונסט־פאָרשערישע מאנוסקריפּטן, איידער מע גיט זיי אָפּ אין זאץ, און עס איז קלאָר, אז די רעדאקציע דארף שטרענגער פאָדערן פון די אווטאָרס, וועלכע שרײַבן ארטיקלען וועגן קונסט. אלץ, וואָס איך האָב דאָ אָנגעוויזן, האָט א שײַכעס צום אינהאלט פון די ארטיקלען און ניט צו דעם עצעם שאפן פון די קינסטלער, וועגן וועלכע עס ווערט געשריבן.

די „שאָטן־זײַטן”, וועגן וועלכע איך זאָג זיך דאָ ארויס, זע איך בא דער ליכטיקער שײַן פון די וויכטיקע אופטועס פונעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד” אין אופקלערן פראגן פון קונסט, אין דער עסטעטישער דערציִונג פונעם ייִדישן לייענער.

■ ■ ■

יויסעף שוסטער

ווי א ברייט=צעצווײַגטער בוים

אין סאמע אָנהייב איז געווען די ווענדונג פון דער רעדאקציע:

„טײַערער לייענער, מיר גיבן איבער אין דײַנע הענט דעם ערשטן נומער „סאָוועטיש היימלאנד". דו וועסט דאָ דערפילן דעם אָטעם פון אונדזער צײַט, וועסט אָפּנעמען א גרוס וועגן דעם ליטעראַרישן לעבן, הערן די שטים פון דער פילנאַציאָנאַלער סאָוועטישער ליטעראַטור. זײַענדיק א טייל פון דער דאָזיקער ליטעראַטור, גלייבן מיר צוזאמען מיט דיר, אז אונדזער זשורנאל וועט מיט ווירדע טראָגן דעם נאָמען, וואָס איז אָנגעצייכנט אף זײַן טאָוול".

לויט די ווערק, וואָס „סאָוועטיש היימלאנד" האָט פארעפנטלעכט אין די ערשטע זשורנאל־נומערן — טעוויע גענס „אין דער היימשטאָט", נאָטע לוריעס „דער לעצטער", הירש בלאָשטיינס „מיטן ברייטן שליאך", ליובע וואסערמאנס „אייגן בלוט", יעכיעל שרײַבמאנס מיניאַטיורן, מוישע טייפס פּאָעמע „דאָס געזאנג וועגן ברידער", לידער־ציקלען פון שמועל האלקין, מאָטל גרוביאן, ארן ווערגעליס, אווראָם גאָנטאר און א ריי אנדערע ווערק, — איז צו זען, וויאזוי עס איז פון אָנהייב אָן גענומען געוואָרן דער קורס אף היַינטצײַטיקייַט.

קעדיי פולער אופכאפּן דעם אָטעם פון דער צײַט, איז אײַנגעפירט געוואָרן דער אָפּטייל „טריבונע פון לעבן". די רעדאקציע האָט געעפנט ברייט די טירן פאר דער קינסטלערישער פארצייכענונג און פאר דער דאָקומענטאלער דערציילונג. עס שווימען איצט אוף אין זיקאָרן די ערשטע געלונגענע שאַפונגען אין די דאָזיקע זשאנערן — אלעקסאנדער גובניצקיס „דער וועג אף סטאלינגראד" און „א טאָג אין בראטסק", יאנקעוו כאַדאָסעס „נאָטיצן פון א דאָרפישן קאָמוניסט", כאַים מעלאמודס „צורגאסט באם בריגאדיר", שמועל גאָרדאָנס „צעלינא"...

אין איינקלאנג מיט דער צײַט זײַנען געווען אין ערשטן נומער, אינעם אָפּטייל „ליטעראַטור און קונסט" (שפּעטער איז דער אָפּטייל אָנגערופן געוואָרן „ליטעראַטור־קריטיק. ביבליאָגראַפיע. פראגן פון קונסט"), די ערשטע ליטעראַטור־פאָרשערישע ארטיקלען און רעצענזיעס: ס. פרײַס „דער וועג צום קאָסמאָס" וועגן יורי גאגארינס בוך אונטער דעם זעלבן נאָמען און ה. רעמעניקס ארטיקל צום 150־טן געבורטסטאָג פון וויסאריאָן בעלינסקי, אין וועלכן מיר האָבן געלייענט:

„מע וואָלט געקאָנט ברענגען אָן א שיר ציטאטעס פון ייִדישע שרײַבער און קריטיקער, וואָס באווײַזן, ווי גרויס ס'איז געווען בעלינסקיס אידייִשע ווירקונג אף דער ייִדישער דעמאָקראַטישער ליטעראַטור, וועלכע איז געגאנגען מיט די וועגן און האָט זיך אנטוויקלט אין דער ריכטונג, וואָס בעלינסקי האָט אָנגעמערקט. דאָס איז געווען דער וועג און די ריכטונג פון רעאליזם און פאָלקסטימלעכקײַט. די פּראָבלעם פונעם „קליינעם מענטשעלע", פון די אונטערדריקטע און באליידיקטע, וואָס בעלינסקי האָט געשטעלט פאר דער רוסישער ליטעראַטור, האָט אין דער ייִדישער פּאָרגעשריטענער פאָלקס־ליטעראַטור באקומען איר פולע פארקערפּערונג..."

אינטערעסאנט איז איצט צו דערמאָנען, אז אינעם ערשטן נומער „סאָוועטיש היימלאנד" איז אונטער דער רובריק „טריבונע פון שרײַבער" ארויסגעטראָטן מיט דער עסיי „יוגנט — אונדזער אויצער" דער עלטסטער ייִדישער שרײַבער ז. ווענדראָף, וועלכער איז דעמלט אלט געווען 84 יאָר. מיט דעם אייגנטימלעכן פאר אים הומאָר און גוטהארציקײַט האָט ווענדראָף זיך אָפּגערופן וועגן דער הײַנטיקער יוגנט, ווי וועגן זײַנע נאָענטע מיטצײַטלער:

„ביכלאל געהער איך ניט צו יעניקע, וועלכע זעען אין דער יוגנט בלויז כעסרוינעס. פארקערט, איך געפין, אז די איצטיקע יוגנט איז אנטוויקלטער, ענערגישער, טעטיקער, דרייסטער, מוטיקער און אונטערנעמערישער, ווי מיר זײַנען געווען אין אונדזער יוגנט. פאר דער איצטיקער יוגנט ווערן קעסיידער געשטעלט גרויסע, פאראַנטוואָרטלעכע אופגאבן, און זי פילט זיי אויס מיט ערע און ענטוזיאזם. די יוגנט איז שטענדיק און אומעטום אפן ערשטן אָרט. די יוגנט איז אין די ערשטע רייען, ווען עס קומט צו באשיצן דאָס סאָציאליסטישע היימלאנד; די יוגנט בויט שטעט און דערפער, פאבריקן און זאוואָדן, דאַמבעס און עלעקטראָסטאנציעס. די יוגנט האָט אופגעהויבן הונדערטער טויזנטער העקטארן נײַערד און גיט דעם לאנד מיליאָנען טאָן שטאָל. די יוגנט בויט שאָסייען און לייגט דורך הונדערטמײַליקע קאַנאלן, באוואסערט מידבאָריעס, פארוואנדלט זיי אין בליענדיקער ערד...

יורי גאגארין און גערמאן טיטאָוו, די ערשטע קאָסמאָנאווטן אין דער וועלט, וועמעס נעמען עס וועלן לעבן אין דורעס, ווי א סימבאָל פון געוואגטקײַט און העלדנמוט, — געהערן צו דער סאָוועטישער הײַנטצײַטיקער יוגנט.

ניין, איך האָב צו דער יוגנט קיין טײַנעס ניט. מיך פארדריסט בלויז, וואָס איך בין ניט איינער פון איר".

מיט יעדן יאָר שטײַגט אלץ מער דער אינטערעס צום זשורנאַל מיצאַד די מאסן לייענער. אין בריוו און אף די זײַטן פונעם זשורנאל גופע דריקן זיי אויס זייער פארלאַנג, אז עס זאָלן באַלויכטן ווערן פאַרשיידנסטע פראגן און פּראָבלעמען, און דאָס האָט ארויסגערופן די נויטווענדיקײַט אויסצוברייטערן די טעמאטיק פון „סאָוועטיש היימלאנד" דורך אײַנפירן א ריי נײַע רובריקעס. אזויארום איז געשאפן געוואָרן דער סטאבילער אָפּטייל „פּובליציסטיק".

אויב מע זאָל אופמערקזאם א בלעטער טאָן די זשורנאל־נומערן פאר די לעצטע יאָרן, קאָן מען דאָרט אָנציילן ניט ווייניקער ווי א פּאָר צענדליק גראפיש־איליוסטרירטע רובריקעס, וועלכע האָבן באקומען א שטענדיקן טיקן. „אונדזערע מיטצײַטלער", „מענטשן — זייער צײַט און זייער גורל", „די פּאָטשט פון „סאָוועטיש היימלאנד", „וואָס דערוויסן מיר זיך פון נײַע פּובליקאציעס", „ווערק פון אונדזערע לייענער", „קאָמענטארן פון רעדאקציע", „מיר ענטפערן אף פראגעס פון אונדזערע לייענער", „פונעם ליטעראטור־אויצער", „אף די שפּורן פון געשעענעם", „פון אונדזער פּאָטאָ־ארכיוו", „לאָמיר זינגען נײַע לידער" און א ריי אנדערע רובריקעס פארנעמען אין זשורנאל א שטענדיק אָרט און פארמאָגן א באַשטימטן טעמאטישן אָנלאָד.

א צענטראלע פּאָזיציע פארנעמט אין זשורנאל דער אָפּטייל „פּובליציסטיק", אין וועלכן עס האָבן פאר די לעצטע פינף יאָר זיך באוויזן ניט ווייניק ביז גאָר וויכטיקע פּובליקאציעס, פּאָליטישע איבערזיכטן, ארטיקלען וועגן דעם אידעאָלאָגישן קאמף קעגן ציוניזם און רעאקציע, קעגן די איבערבלײַבעכצן פונעם נאציאָנאליזם, פּראָבלעם־ארטיקלען וועגן דעם שווערן אויסוועגלאָזן מאצעוו אין מעדינאס יִשׂראָעל אין שײַכעס מיטן פארצויגענעם מילכאָמע־צושטאנד און מיט דער אזויגערופענער אלִיע. צו דעם דארף מען אויך צוגעבן א היפּשע צאָל ארטיקלען אף פּאָליטיש־געזעלשאפטלעכע טעמעס, וועלכע ווערן פארעפנטלעכט אין די רובריקעס „מיר אינפאָרמירן אונדזערע לייענער" און „וואָס דערוויסן מיר זיך פון נײַע פּובליקאציעס", וועלכע ווערן אָפּטמאָל באגלייט מיט דאָקומענטאלע פּאָטאָ־איליוסטראציעס.

עס וועט עפּשער זײַן דאָ צום אָרט צו באמערקן, אז סײַ טעמאטיש און סײַ לויט די פּראָבלעמען, וואָס ווערן דאָרט געשטעלט, רופן זיך איבער די אויבנדערמאָנטע מאטעריאלן מיט די פּראָבלעמען אין א ריי קינסטלערישע ווערק, פארעפנטלעכטע אין „סאָוועטיש היימלאנד".

די פארצייכענונגען אין דער רובריק „אונדזערע מיטצײַטלער" און טיילווײַז אויך אין דער רובריק „מענטשן — זייער צײַט און זייער גורל" זײַנען רײַך מיט אקטועלע שילדערונגען פון אונדזער הײַנט (קינסטלערישע רעפּאָרטאזשן פון די נײַ־בויונגען, אינטערוויוען, פּאָרטרעטן פון כאַשעווע מענטשן). די מערהײַט קינסטלערישע פארצייכענונגען זײַנען פון א הויכן ליטעראריש־פּראָפעסיאָנעלן ניוואָ. אלס בײַשפּיל קאָן מען ברענגען לעאָניד שקאָלניקס רעפּאָרטאזש פונעם באם „דער וועג פון יאָרהונדערט", דעם ציקל דאָקומענטאלע פארצייכענונגען „און אזוי ליב געוואָרן איז מיר מײַן דאָנבאס" — וועגן ייִדן ארבעטער און אינזשענירן, וואָס האָבן פארבונדן זייער לעבן און זייער מי מיטן שאכטע־קאנט; לידיִע ליבעדינסקאיאס „א באגעגעניש מיט דער יוגנט" (פון איר רײַזע קיין בירָאָבידזשאן), נאָטע לוריעס פארצייכענונג „יאם און הימל, הימל און יאם" — וועגן דעם קאפּיטאן פון ווײַטע יאם־רייסן לעאָניד וויניצקי אא.

א באזונדער אָרט פארנעמט אין זשורנאל די רובריק „אונדזערע מיטיילונגען", וועלכע שליסט אײַן א רײַכע אינפאָרמאציע וועגן נײַ־אנטדעקטע דאָקומענטן, וועגן די אויצרעס פון דער ליטעראטור און קונסט אדג.

אינעם הײַנטיקן נומער „סאָוועטיש היימלאנד" ווערט געגעבן אן אייגנארטיקער איבערזיכט פון ייִדישע זשורנאלן און אלמאנאכן, וועלכע זײַנען דערשינען נאָכן זיג פון דער גרויסער אָקטיאבער־רעוואָליוציע („אייגנס", 1918; „אויפגאנג", 1919; „כוואליעס", 1920 און פיל אנדערע פּעריאָדישע אויסגאבעס, וואָס זײַנען געשטאנען באם אָנהייב פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור). דאָס זײַנען געווען די פּאָרגייער פון „סאָוועטיש היימלאנד", וועלכער אקומולירט איצט, אין די נײַע באדינגונגען, די טראדיציעס פון יעדן פון זיי. דער דאָזיקער איבערוף איז פּראָדוקטיוו און ווערטפול פאר דער הײַנטיקער צײַט.

אינעם ערשטן נומער פונעם זאמלבוך „אויפגאנג" באגעגענען מיר צווישן די מאטעריאלן וועגן קונסט אן ארבעט פון י. ריבאק און ב. אראָנסאָן — „די וועגן פון ייִדישער מאָלערײַ". וועגן איינעם פון די אוטאָרן, דעם באוווּסטן ייִדישן מאָלער יִשׂאָסכער־בער ריבאק ווערט דערציילט אין „סאָוועטיש היימלאנד" (נום. 12, 1974) אין שײַכעס מיט דער פּובליקאציע פון זײַנע בילדער (זע דאָס ארטיקל פונעם היסטאָריקער און געזעלשאפטלעכן טוער יויסעף ברעגמאן). אין זשורנאל „שטראָם" (נום. 1, 1922) געפינען מיר אן ארטיקל פונעם יונגן מארק שאגאל וועגן דעם כאראקטער פון דער ייִדישער מאָלערײַ־קונסט (אגעוו, שאגאל, דער אווטאָר פון דער הילע פונעם זשורנאל, איז דעמלט געווען איינער פון זײַנע מיטארבעטער), און איצט (נום. 6, 1965) פארעפנטלעכט „סאָוועטיש היימלאנד" מארק שאגאלס אן ארטיקל „מײַן ערשטער לערער", מיט רעפּראָדוקציעס פון די בילדער פונעם סאָוועטישן ייִדישן קינסטלער יעהודע פּען.

בעעמעס, פּונקט ווי די גאנצע סאָוועטישע ייִדישע ליטעראטור, איז דאָס קאָלעקטיווע ווערק פון אונדזער שרײַבער־קאָלעקטיוו, דער זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד" געגליכן צו א ברייט־צעצווײַגטן בוים מיט א פעסטן שטאם און טיפע וואָרצלען.

מאָטל פּאָליאַנסקי

די נײַע ייִדישע זינגליד

פון די ערשטע נומערן און ביז הײַנט האָט „סאָוועטיש היימלאַנד“, כוץ דער גרויסער צאָל ווערק אין אַלע ליטעראַרישע זשאַנרען, כוץ די אַנצאָליקע פּובליקאַציעס אַף געזעלשאַפטלעכע און סאָציאַל־פּאָליטישע טעמעס, פאַרעפנטלעכט סיסטעמאַטיש אויך אַ היפּשע צאָל זינג־לידער פון הײַנטצײַטיקע סאָוועטישע קאָמפּאָזיטאָרן און דיכטער. דער זשורנאַל שליסט אויך אײַן מאַטעריאַלן וועגן פראַגן פון מוזיק, מאָלערײַ, טעאַטער. פון דעם אַלעמען איז צו זען, אַז „סאָוועטיש היימלאַנד“ איז פון סאַמע אָנהייב געווען פאַרטראַכט ווי אַ ברייטע טריבונע פאַר די ייִדישע שעפער פון קימאַט אַלע קונסט־צווײַגן, ווי אַ זשורנאַל, וואָס זאָל אין דעם דאָזיקן אַספּעקט זײַן אַ יאָכיד־בעמינוי.

וועגן דער זינג־ליד אין „סאָוועטיש היימלאַנד“ און איר געזעלשאַפטלעך־קינסטלערישער באַדײַטונג, וועגן די אינדיווידועל־שעפערישע אייגנשאַפטן פון אירע אויטאָרן, ווי אויך וועגן דעם וויכטיקן אופטו פונעם זשורנאַל אַרײַנצוברענגען די ליד אין אונדזער הויז, פּאָפּוליאַריזירן זי און ביכלאַל בײַטראָגן צו דער אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער סאָוועטישער מוזיק, וואָלט געדאַרפט זײַן געווידמעט אַ גרעסערע און אויספירלעכע אַרבעט. אין די ראַמען פון אַ קורצן איבערזיכט וועלן מיר זיך באַגרענעצן מיט אַ פּאָר אַלגעמיינע באַטראַכטונגען.

די רובריק פאַר די זינג־לידער אינעם זשורנאַל הייסט, ווי באַוווּסט, „לאָמיר זינגען נײַע לידער“, און אַזאַ נאָמען איז געוויס ניט צופעליק. מיטן לייגן דעם טראָפּ אַפן וואָרט „נײַע לידער“ האָט דער זשורנאַל, ווי סע זעט אויס, אין זינען געהאַט אָנצוצייכענען אַ געוויסע פּראָגראַם, אַ שעפערישע ריכטונג, אַן אָריענטאַציע פאַר דער הײַנטצײַטיקער, סאָוועטישער ייִדישער זינג־ליד. „נײַע ליד“ מיינט ניט בלויז אַ פרישע, אַ נאָרוואָס אָנגעשריבענע, עס מיינט, פאַר אַלעמען, אַ ליד פון אַ נײַעם שטייגער, אַ ליד מיט נײַעם אינהאַלט און קינסטלערישער אופאַסונג, מיט נײַע אויסדרוק־מיטלען און עמאָציאָנעלער ווירקונגס־קראַפט, נײַ — לויט דער אידייִשער און עסטעטישדערציִערישער ראָל. מיט איין וואָרט — אין דער נײַער ליד דאַרף פּולסירן, באַגלײַך מיטן ריין־מוזיקאַלישן ריטם, אויך דער ריטם פון דער צײַט.

די דאָזיקע פּראָגראַם, דער דאָזיקער צוגאַנג, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז נאָענט די שעפער פון אונדזער זינג־ליד און איז טאַקע געקומען צום אויסדרוק אין אַ גאַנצער ריי וואָקאַלע ווערק, וואָס „סאָוועטיש היימלאַנד“ האָט זיי געבראַכט פאַר דער עפנטלעכקײַט.

פונעם געזאָגטן דרינגט אָבער ניט, אַז אונדזער נײַע זינג־ליד, ווי יעדע אַנדערע קינסטלערישע שאַפונג, האָט זיך אָנגעהויבן מיטן דערשײַנען פון אונדזער זשורנאַל און איז ניט פאַרבונדן מיט קיין היסטאָרישן שוירעש, מיט טראַדיציעס. פאַרקערט, אונדזערע בעסטע קאָמפּאָזיטאָרן האָבן זיך דאַפקע אָנגעשפּאַרט אין זייער שאַפן אַף אַזאַ שוירעש, האָבן זיך באַנײַפלוסט פונעם סאַמע ריינסטן און עכטן, וואָס איז פאַראַן אינעם פאָלקס־אוצער.

אָבער בלויז דאָס באַנוצן זיך מיטן מוזיקאַלישן עלעמענט פון אונדזער פאָלקס־ליד, מיט דעם אַזויגערופענעם ייִדישן נוסעך, וועלכן, אַגעוו, די מערהײַט ייִדישע קאָמפּאָזיטאָרן האָבן אײַנגעזאַפּט אין זיך און אים געטראָגן פון דער פרישסטער קינדהײַט, — קאָן נאָך ווײַט ניט באַשטימען די נאַציאָנאַלע כאַראַקטעריסטיק פון אַ מוזיקאַלישער שאַפונג (ווי באַוווּסט, זײַנען, לעמאָשל, די וואַריִאַציעס, וואָס בעטהאָווען האָט געשאַפן אַף רוסישע טעמעס, ניט באַטראַכט ווי רוסיש־נאַציאָנאַלע שאַפונג). דאָס איינע בלויז אַרײַנפירן אין אַ ווערק דעם ייִדיש־נאַציאָנאַלן מעלאָס און ריטמישן „קנייטש“, די כאַראַקטעריסטישע אינטאָנאַציעס, דערצו נאָך אין אורצושטאַנד, איז ווייניק, אַז מע זאָל קאָנען ריידן וועגן אַ נײַ־געזאָגט וואָרט אינעם דאָזיקן זשאַנער. באַגרענעצן זיך מיט אַזאַ שעפערישן מעטאָד וואָלט באַטײַט פאָרמעל זיך באַציִען צו טראַדיציע, צו יערושע, וואָלט געהייסן זיך פאַרנעמען מיט איבערכאַזערן און באַנאַליזירן דאָס, וואָס איז אַנטשטאַנען ווי עכטע פאָלקס־קונסט, און אין אייניקע פאַלן וואָלט דאָס דערמאָנט אין אַ טענדענץ צו קוויקן זיך מיטן אַמאָל, צו אידעאַליזירן דאָס פאַרגאַנגענע און אַרויסרופן באַם הײַנטצײַטיקן צוהערער בענקשאַפט צו די נעכטיקע טעג, מיט אַלע זייערע פריידן אוןליידן.

אַ גאַנץ אַנדער וועג איז פאָרגעשטאַנען אונדזערע קאָמפּאָזיטאָרן, אַ מער טיפערער און שעפערישער צוגאַנג צו דער יערושע, וועלכע האָט געדאַרפט באַטראַכט ווערן אי ווי אַן אייביק ניט־אויסשעפּנדיקער קוואַל פאַר אינספּיראַציע, אי ווי געשיכטלעכע דאָקומענטאַציע, מאַכמעס, ווי באַוווּסט, זײַנען אין דער פאָלקס־שאַפונג, באַזונדערס אין דער פאָלקס־ליד, פאַרפיקסירט די איבערלעבענישן און שטרעבונגען פון די מאַסן, זייערע פריידן און ליידן, זייער באַציִונג צו וויכטיקע צײַט־געשעענישן, זייער

באַטייליקן זיך אין זיי אין די פאַרשיידענע צײַט-אָפּשניטן פון אונדזער געשיכטע.

דער פּרינציפּ אָפּצוהיטן, פאַרצוזעצן און ווײַטער אַנטוויקלען די טראַדיציע פון דער פאָלקס-ליד, דאָס הייסט אָפּשפּיגלען אין דער נײַער ליד די הײַנטצײַטיקייט מיט אַלע אירע ניואַנסירונגען, — דאָס האָט געזאָלט זײַן דאָס נײַע, מיט וואָס די פּראָפעסיאָנעלע ליד האָט געדאַרפט קומען הײַנט. אויך אונדזער נאַציאָנאַלער מעלאָס איז זיך ניט באַגאַנגען אָן אַן אַנטוויקלונגס-פּראָצעס. עס זײַנען צוגעקומען נײַע אינטאָנאַציעס און אַנדערע מוזיקאַלישע עלעמענטן — אײַנפלוסן פון דער אַרומיקער רעאַלער ווירקלעכקײַט. און אַנדערש האָט עס אויך ניט געקאָנט זײַן. מיט דעם אַלעם האָבן זיך אונדזערע קאָמפּאָזיטאָרן נישט געקאָנט ניט רעכענען. מע האָט אַלץ געדאַרפט אויפכאַפּן, פאַרפיקסירן, ברענגען עס צו קינסטלערישער רעאַליזירונג. ניט קיין גרינגער פּראָצעס! אָבער ניט ווייניק איז אין דער ריכטונג געטאָן געוואָרן. און מע דאַרף דאָ אונטערשטרײַכן די אָרגאַניזירנדיקע ראָל פון „סאָוועטיש היימלאַנד". מיט סיסטעמאַטיש דרוקן זינג-לידער, מיט גרופּירן אַרום זיך אַ צאָל ייִדישע קאָמפּאָזיטאָרן, מיט דערמעגלעכן אַ מער ענגערן קאָנטאַקט צווישן די קאָמפּאָזיטאָרן און דיכטער אין די ראַמען פונעם זשורנאַל האָט „סאָוועטיש היימלאַנד" ניט נאָר סטימולירט צו שעפערישער אַקטיוויטעט, נאָר אויך באַווירקט אויפצוהייבן די זינג-ליד צו אַ העכערער מאַדרייגע. אין רעזולטאַט זײַנען אויפגעקומען שאַפונגען, אַ גוטער טייל פון וועלכע עס האָבן פאַרנומען אַן אָרט אין קאָנצערט-פּראָגראַמען, און זיי קאָנען מיט רעכט פאַרנעמען אויך אַ געהעריקן פּלאַץ אין אונדזער קולטור-פאָנד, שאַפונגען, וואָס באַ גינסטיקע באַדינגונגען וועלן זיי אויף לאַנג בלײַבן לעבן ניט נאָר אין נאָטן-צייכנס, נאָר אין לעבעדיקע קלאַנגען.

די זינג-לידער אין „סאָוועטיש היימלאַנד" זײַנען, פאַרשטייט זיך, ניט פון איין און דעם זעלבן קינסטלערישן און פּראָפעסיאָנעלן באַדײַט, געשריבן ניט אין איין און דער זעלבער מאַניר. פאַרשיידן זײַנען די שעפערישע אינדיווידואַליטעטן פון זייערע אויטאָרן. אַלע אָבער פאַרמאָגן זיי אין זיך איין אַלגעמיינס: דעם אָפּקלאַנג פון די צײַט-געשעענישן און פון די דערשײַנונגען אין אונדזער לעבן. ס'איז גענוג נאָר אַ בלעטער טאָן דעם זשורנאַל, מע זאָל דערזען, אַז די לידער כאַפּן אַרום אַ ברייטן געזעלשאַפטלעכן דיאַפּאַזאָן. מיר באַגעגענען דאָ שטייגערישע און לירישע מאָטיוון, לידער וועגן דער פאָטערלענדישער מילכאָמע, וועגן היטלער-כורבן און נאַציאָנאַלער גוורע, וועגן בויונג און קאַמף פאַר שאָלעם. אויך אין דער פאָרם און טעכנאָלאָגיע, אין דער מוזיקאַלישער שפּראַך און פאַקטורע זײַנען זיי פאַרשיידן, אָבער אין קימאַט אַלע איז פאַראַן די בוילעטע שטרעבונג צו באַפרײַען די נײַע ליד פונעם אָנגעוואָקסענעם באַלאַסט, וועלכן אין מעשעך פון צײַטן האָט אויף דער ייִדישער געזאַנג-ליד אַרופגעלייגט דער שונד-טעאַטער, אָפּצורייניקן די פאַרמיסטיקונג פון לאַקריץ-זיסע, סענטימענטאַל-קיצלדיקע „שליאַגערן", וועלכע האָבן זיך דאָ און דאָרט, ווי די זלידנע פליגן, אָנגעטשעפּעט אין דער ייִדישער ליד. אויסרײַסן דאָס דאָזיקע ווילדגראַז — דאָס איז אויך איינע פון די וויכטיקע אויפטוען פון אונדזערע קאָמפּאָזיטאָרן. מיט דעם האָבן זיי די ייִדישע סאָוועטישע זינג-ליד צוגעפירט צו די בעסערע מוסטערן פון דער ערנסטער קאָנצערט-ליד.

מע דאַרף זאָגן, אַז די קאָמפּאָזיטאָרן, סײַ די פונעם עלטערן דאָר, סײַ די מער ייִנגערע האָבן מיט היסלײַוועס זיך איבערגעגעבן דעם פּראָצעס פון ווידעראויפבוי פון אונדזער ליד. אָן אומדערמידלעכע טעטיקייט האָבן אַרויסגעוויזן אַזעלכע קאָמפּאָזיטאָרן, ווי ל. פּולווער, ל. יאַמפּאָלסקי, ז. קאָמפּאַנייעץ, אַטיליע ליכטענשטיין, ל. בירנאַוו, ש. סענדערײ, ר. באָיאַרסקאַיאַ. אַ סאַך פון זייערע לידער, די פאַרעפנטלעכטע אין „סאָוועטיש היימלאַנד", האָבן זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג צום ברייטן אוילעם און זײַנען געוואָרן פּאָפּולער ניט נאָר באַ אונדז אין לאַנד. מיר וועלן דאָ זיך באַנוגענען מיט דערמאָנען נאָר עטלעכע פון זיי: ל. פּולווערס „אַ נײַע וויג-ליד", ל. יאַמפּאָלסקיס „כאַנוקאַס-האַבאַיִס", „דער בוים", „שיר-האַשירים", „נעמט אוועק די קינדער", „שטיי אויף, מײַן שטעטעלע", „ייִדישע טעכטער", ז. קאָמפּאַנייעצעס „ייִדישער וואַלס", „זאָג ניט קאַדיש נאָך מײַן שטעטל", ל. בירנאַווס „שפּיל, סאָלאָווײטשיקל", „שוואַרצע אויגן", אַט. ליכטענשטיינס „די טענצערן פון געטאָ".

באַזונדערס האָבן די לידער וועגן היטלער-כורבן טיף דערשיטערט די הערצער פון די צושויער. אין די דאָזיקע לידער הערט זיך ניט סתם אַ באַוויינען, ניט סתם אַ פאַרגיסן „טײַכן טרערן" אויף איבערגעלעבטן פאָלקס-אומגליק, נאָר דער אויסגוס פון ווײ און צאָרן, פון גוואַלדיקן פּראָטעסט, די הייליקע שוווע: „קיינמאָל ניט צו פאַרגעסן, אייביק דערמאָנען, וואָרענען, זײַן אויף דער וואַך!"

יעדער קאָמפּאָזיטאָר האָט אויף זײַן אייגענעם אופן, מיט זײַן טאַלאַנט און שעפערישע אייגנשאַפטן געוווּנען דעם צושויערס אַנערקענונג און ליבשאַפט. ל. פּולווער, ל. יאַמפּאָלסקי, ר. באָיאַרסקאַיאַ — מיט מעלאָדישקײַט און לירישער ווייכקײַט; אויף זייער שאַפונג ליגט דער כויסעם פון פאָלקסטימלעכער פּאַשטעס. און דאָס איז באַ זיי דערגרייכט מיט קאַרגע און שפּאָרזאַמע מיטלען, אָן יעדן סימען פון אויסערלעכן עפעקט, פון הײַנטמאָדיקע איבערגעפּעפּערטע כיינדלעך. אייניקע לידער פון די דאָזיקע אויטאָרן ווערן אַפילע צומאָל פאַררעכנט פאַר פאָלקס-לידער (אָנהייבנדיק פון יאַמפּאָלסקיס „רומטשי"), באַ יאַמפּאָלסקין זײַנען אָפּט אַרײַנגעפירט וואָקאַליזן („די ליד פון אַ שנײַדער", „אַ ניגנדל" און אַנד.), וועלכע דערנעענטערן די ליד צום סטיל פון עכטן פאָלקס-געזאַנג.

פאַר די שאַפונגען פון די אַנדערע קאָמפּאָזיטאָרן (אַט. ליכטענשטיין, ז. קאָמפּאַנייעץ,

ל. בירנאָוו, ש. סענדעריי) איז כאַראַקטעריסטיש היכער פּראָפעסיאָנאַליזם, אייגנאַרטיקע מעלאָדיק, פאַרביקע האַרמאָנישע באַגלייטונג, קינסטלערישער טעמפּעראַמענט, ווי אויך טיפער פאַרשטאַנד און אָפּשיי פאַר דעם ליטעראַרישן טעקסט.

א גאַר נייַע און אינטערעסאַנטע דערשיינונג זיינען די לידער אין „סאָוועטיש היימלאַנד" פונעם יונגן קאָמפּאָזיטאָר ס. טשעבאָטאַריאָוו. דאָס איז א גאַנצער ציקל, וואָס פאַרדינט א באַזונדערע אופמערקזאַמקייַט. דעם דיכטערס פּאָעטישע וויזיע, די עקספּראָמטע דערפינדעריִשקייַט זיינע, די פייַקייַט איבערצוגעבן טיפע עמאָציעס און וויכטיקע באָאַבאַכטונגען מיט, אַפן ערשטן בליק, פּאָשעטע אויסדרוקן, אין ניט געוויינלעכע ריטמען — באַגעגענען טרעפלעכע אינטערפּרעטאַציע. פאַרשטייט זיך, אַז דער דורכשניטלעכער קאָנצערט-באַזוכער, דער מוזיקאַליש ווייניק-געשולטער, איז נאָך ניט געוווינט צו אזא קאָנצעפּציע, צום גאַנצן אָריגינאַל פון די מאָדערנסטע מוזיקאַליש-טעכנאָלאָגישע מיטלען, וואָס טשעבאָטאַריאָוו ווענדט אָן, האַגאַם אַזעלכע פּרווון אַרייַנצוברענגען קאָמפּליצירטקייַטן אין דער יידישער מוזיק זיינען שוין געווען (גענוג זיך צו דערמאָנען קריינס באַאַרבעטונג פון יידישע פאָלקס-לידער אין זיין מוזיק צו י.-ל. פּערעצעס „באַנאַכט אַפן אַלטן מאַרק"), אָבער דאָס איז געווען אין א צייַט, ווען ס'איז ביכלאַל אָנגעגאַנגען א געיעג נאָך נייַע פאָרמען, נאָך נאָוואַטאָרישקייַט. דער ציקל לידער פון סערגיי טשעבאָטאַריאָוו, וואָס איז סיַווי ניט אויסגערעכנט, דאַכט זיך, אַף פּאָפּולערע עסטראַדע-קאָנצערטן, שטעלט מיט זיך פאָר, דאַרף מען קלערן, א נייַעם און גוטן פּרווו אַרייַנצופירן יידישע דיכטונג אויך אין גאַנץ אַנדערע מוזיקאַלישע ספערן.

די דערמאָנטע דערגרייכונגען פון אונדזער זינג-ליד זיינען, פאַרשטייט זיך, אין א גרויסער מאָס צו פאַרדאַנקען אויך אונדזערע יידישע פּאָעטן. א גוטע פּאָעטישע ליד, ניט נאָר זי רעגט אָן, אינספּירירט צו שאַפן גוטע, גלייכווערטיקע מוזיק, נאָר זי רופט אַרויס באַם קאָמפּאָזיטאָר א באַזונדער מין געפיל פון אַכרייַעס. זי האַלט אים פעסט אין געוויסע ראַמען, דערלאָזט ניט צו קיין צעפלאָסנקייַט, צו קיין אַבסטראַקטקייַט. ניט זעלטן כאַפן זיך אונדזערע קאָמפּאָזיטאָרן צו א דיכטערישער ליד טייקעף נאָך איר באַווייַזן זיך אינעם זשורנאַל. עס טרעפט, אַז צו איין און דעם זעלבן טעקסט שאַפן לידער פאַרשיידענע קאָמפּאָזיטאָרן.

מע קאָן באַהויפּטן, אַז די ענגע צוזאַמענאַרבעט פון די קאָמפּאָזיטאָרן מיט די דיכטער אין די ראַמען פונעם זשורנאַל האָט געגעבן א היפּשע צאָל לידער, וועלכע באַזיצן איינע פון די וויכטיקסטע מעלעס — נאַטירלעכע צוזאַמענגיסונג פון דער מוזיק מיטן טעקסט, זייער „שאָלעם-באַיִס", זייער האַרמאָנישע גאַנצקייַט. אין דער מוזיק פון אַזעלכע זינג-לידער איז געפונען געוואָרן, ווי דאָס געשעט אין א טאַלאַנטפולער איבערזעצונג פון א ליטעראַריש ווערק, דער ריכטיקער מוזיקאַלישער אַדעקוואַט פון אַלעם דעם, וואָס איז אַרייַנגעלייגט אין פּאָעטישן טעקסט.

אַגעוו, קומט אונדזערע דיכטער אויך א דאַנק פאַר די איבערזעצונגען פון די רוסישע טעקסטן צו אַלטע רעוואָליוציאָנערע און צו הייַנטצייַטיקע לידער. דאָס דרוקן אין זשורנאַל די נאָטן מיט די אין יידיש איבערגעזעצטע טעקסטן פון באַוווּסטע און פון אַלעמען באַליבטע לידער פאַרדינט צו ווערן אָפּגעמערקט.

ריידנדיק וועגן פּאָזיטיווע מאָמענטן, וועגן דעם, אַז די מערהייַט פון די זינג-לידער, אָפּגעדרוקטע ביז הייַנט אין „סאָוועטיש היימלאַנד", זיינען שאַפונגען פון ריינער אינספּיראַציע, געשריבן פון קוואַליפיצירטע מייַסטערס, וואָלט געווען נישט ריכטיק ניט צו דערמאָנען אין דער זעלבער צייַט, אַז עס האָבן זיך אויך צומאָל באַוויזן לידער, וועלכע מע וואָלט געקאָנט באַצייכענען אַלס באַלמעלאָכיש-טרוקענע, געשריבענע אָן שעפערישן גלי, אָן עמעסן רועך-האַקוידעש. עס טרעפט, אַז אין א זינג-ליד, וואָס איז אַדרעסירט דעם ברייטן עוילעם, פעלט מעלאָדישקייַט, אָדער ווען די מעלאָדיע אין איר איז א טראַפאַרעט-צוגעטראַכטע. און גראָד די מעלאָדיע איז דאָך דער וויכטיקסטער קאָמפּאָנענט אין א זינג-ליד, איר נעשאָמע, דאָס איז (לויט איסאַקאָווסקין) — די פליגל, וואָס דאַרפן דערטראָגן דאָס דיכטערישע וואָרט צום הערער. און ס'איז פאַרדריסלעך, ווען א ליד פאַרמאָגט ניט די דאָזיקע פליגל, אָדער זיי זיינען צו שוואַכע. יעדער פּרווו פונעם קאָמפּאָזיטאָר דאָס צו קאָמפּענסירן מיט קאָמפּליצירטער טעכניק, מיט איבערגעלאָדענע האַרמאָנישע קאָמבינאַציעס קאָן ווייניק אַרויסהעלפן. ניט געוווּנטשן איז אויך דאָס פאַרקערטע, ווען געזונטע, פולבלוטיקע פליגל האָבן ניט וואָס צו טראָגן אַף זיך, ווען דער ליטעראַרישער טעקסט איז פון א צו שוואַכער קוואַליטעט און לעבט צומאָל נאָר אין זכות פון דער געלונגענער מוזיק, ער לעבט, הייסט עס, קינסטלעך.

ס'איז צו גלייבן, אַז אַזעלכע נעגאַטיווע דערשיינונגען אין אונדזער זינג-ליד וועט זיין גרינג אויסצומיידן.

■ ■ ■

מאניע לאנדמאן

ערשטע טריט

דער זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד” הייבט זיך אָן פאר די לייענער אין יול — אווגוסט 1961, ווען ס׳איז ארויס דער ערשטער נומער. און איך — די מאשיניסטקע פון דער רעדאקציע — האָב פארגעדענקט דעם ערשטן שמועס מיט מיר וועגן דעם, אז עס קלײַבט זיך צונויף א קאָלעקטיוו מענטשן, וועלכע וועלן זײַן דער „שטאב” פון א נײַער ייִדישער פעריאָדישער אויסגאבע, און די פראגע, וואָס איז מיר פארגעבן געוואָרן, צי איך וועל גיין ארבעטן אין רעדאקציע אלס מאשיניסטקע. די רעדאקציע, האָב איך זיך דערוווּסט, וועט דערווײַל זיך געפינען אין דער געבײַדע פון דער „ליטעראַטורנאיא גאזעטא”.

איך בין גלײַך אוועק אָפּזוכן דאָס הויז, וואָס מע האָט מיר אָנגערופן. דאָס איז געווען אפן צוועטנאָי בולוואר. אינוויייניק אין צימער — אָן ארומגעשטעלטן מיט באשיידן מעבל — האָבן זיך געפונען דרײַ מענטשן: ארן ווערגעליס, אורואָם גאָנטאר און מישע לעוו. איך האָב בלויז באוויזן זיך באגריסן מיט זיי, ווי עס איז ארײַנגעקומען נאָכעם אויסלענדער און נאָך אים מוישע טייף, סיאָמע ראבינאָוויטש און נאָך כאַווײרים. כ׳האָב זיך עפּעס ווי פארלוירן, עס איז בא מיר געווען אויסגעמישט אי פרייד אי א גרויסער ווילן, אז עס זאָל וואָס גיכער דערשײַנען דער זשורנאל.

איך האָב מאמעש געגאפט, צוהערנדיק, וויאַזוי די אָקאָרשט געשאפענע רעדאקציע זוכט אונטער א נאָמען פאר דער צײַטשריפט. אייניקע האָבן פאָרגעלייגט, דער זשורנאל זאָל הייסן „סאָוועטיש”, אזוי ווי אזא אויסגאבע איז שוין געווען אין די דרײַסיקער — פערציקער יאָרן. אנדערע האָבן אָנגערופן דעם נאָמען „היימלאנד” — אויך אין זכוס פון א לעצטן פאָרגייער. נאָכעם אויסלענדער האָט דאַן זיך אָפּגערופן, אז דער נײַער זשורנאל זאָל הייסן „סאָוועטיש היימלאנד”,ביידע נעמענער איניינעם, און אזוי האָט מען באשטימט.

מײַן ערשטע ארבעט אין רעדאקציע איז געווען — אָפּדרוקן אף דער שרײַב־מאשין א בריוו צו אלע ייִדישע שרײַבער, די קומענדיקע אוטאָרן פון „סאָוועטיש היימלאנד”. איך האָב זיך אונטערגענומען, אז דער בריוו זאָל זײַן פארטיק וואָס גיכער, און טאקע שיין אָפּגעדרוקט. עמעס, קיין פירמענע בלאנקן זײַנען נאָך נישטאָ, אָבער אלצדינג וועט זײַן! אומבאדינגט!

אפן אנדערן טאָג איז די ארבעט געווען פארטיק. אין דער פּאָטשט־עקספּעדיציע פון דער „ליטעראַטורנאיא גאזעטא” איז אָפּגעגעבן געוואָרן אף צעשיקן לויט די אדרעסן א פּאַק פון 120 קאָנווערטן מיטן אײַנלאדונגס־בריוו אָנטיילצונעמען אינעם נײַעם זשורנאל, וועלכן יעדער שרײַבער האָט באקומען אף א בלאנק פונעם שרײַבער־פאריין פון פססר.

נאָך ביז עס זײַנען אָנגעקומען ענטפערס אף די בריוו, האָבן אין רעדאקציע־צימער אָנגעהויבן ארײַנקומען די מאָסקווער ייִדישע שרײַבער. טעוויע גען האָט מיר געבראכט פיר גרינע העפטעלעך מיט דערציילונגען, געשריבן מיט א ניט גאָר דײַטלעכן האנטשריפט. אז איך האָב אים געפרעגט, צי כ׳וועל קאָנען כאָטש עפּעס איבערלייענען, האָט ער מיר געענטפערט: „דאָרט, ווו ס׳איז ניט קלאָר, האָב איך אָנגעצייכנט ווײַזערלעך, אזוי אז דו וועסט געפינען דורך זיי דעם וועג צו יעדער וואָרט”.

ס׳איז אויך פון קיִעוו געקומען צו פאָרן ע. שעכטמאַן. דער נאָמען פונעם מאנוסקריפּט, וואָס ער האָט געבראכט, האָט א קלונג געטאָן מיר ווי עפּעס באקאנט — „ערעוו”, פּונקט ווי בא טורגעניעוון „נאקאנוניע”. איך האָב איבערגעדרוקט דעם ראָמאן און צו זיך אליין א זאָג געטאָן: אָט איז שוין דאָ דער ערעוו, מיט דער צײַט וועט נאָך קומען דער איצט. צום באדויערן, האָט זיך שפּעטער ארויסגעוויזן, אז שעכטמאַן האָט שוין דאַן אָפּגענאַרט, איך און אזעלכע, ווי איך, האָבן געהאט א גרויסן טאָעס אין דער אופריכטיקײַט פון זײַן שרײַבן...

ארבעט איז אין יענע טעג געווען אָן א שיר, מאטעריאלן זײַנען אָנגעקומען אין רעדאקציע, געשריבן פון דער האנט. און כאָטש פרײַע צײַט איז געווען זייער ווייניק, פלעגן אָפּט זיך מאכן אויך אנדערע דײַגעס, פארשטייט זיך אזעלכע, וואָס זײַנען מיר געווען צום הארצן. אין איינעם א טאָג מאכט צו מיר נאָכעם אויסלענדער מיט גרויס ציטער־פרייד: אין צענטראלן ליטעראַרישן מעלוכע־ארכיוו („צגאלי”) האָט זיך אָפּגעזוכט שאָלעם־אלייכעמס א קסאווויאד — „דער מיסטייק”, און אויסלענדער רופט אויס מיט טעמפּעראמענט, ווי געוויינלעך, ווען ער האָט עפּעס שטארק איבערגעלעבט: „ס׳וועט אײַך זײַן זייער אינטערעסאנט צו זען, וויאַזוי שאָלעם־אלייכעם האָט אליין געשריבן! נישט פון א מאשינקע איז דער מאנוסקריפּט, נאָר מיט שאָלעם־אלייכעמס אייגענער האנט, איר פארשטייט, מאניעלע?” יאָ, איך האָב גוט פארשטאנען, וואָס פאר א גליקלעכער צופאל דאָס איז. מע האָט באדארפט גיין מיט דער מאשינקע אין דעם ארכיוו, ווײַל קעדיי עס זאָל ניט קאליע ווערן דער מאנוסקריפּט, האלט מען אים בא א ספּעציִעלן רעזשים. דאָרט, אין

„צגאַלי", איז אײַנגעפירט אַזוי: ווען מע באַקומט אַרויס אַ זײַטל, דאַרף מען עס זייער שנעל איבערדרוקן און באַלד אומקערן אַף אַן אָרט; דאָס באַוואָרנט, אַז סײַ דאָס פּאַפּיר, סײַ דער קסאָוו וועלן ניט קאַליע ווערן. נאָכעם אויסלענדער האָט וועגן אָט דער פּראָצעדור געוווּסט, און מיר האָבן צווישן זיך אָפּגערעדט, אַז ער פּאָרט מיט מיר, און מירן ביידע אַרבעטן.

אַפן אַנדערן טאָג באַגעגענען מיר זיך אַף דער גאָרקי־גאַס. אויסלענדערן האָב איך מאָמעש ניט דערקענט, ער איז געווען אָנגעטאָן, ווי אין אַ יאָמטעוו. פרעג איך אים: „כאָווער אויסלענדער, מיר פאָרן דאָך אַרבעטן, איז וואָס האָט איר, זיך אַזוי אויסגעפּוצט?" גיט ער אַ שמייכל און ענטפערט מיר: „מיר גייען אַף אַ ראַנדעוווּ מיט שאָלעם־אַלייכעמען, מיט אים אַליין..." דערווײַל טוט ער אופמערקזאַם אַ קוק אַף מיר: „איך זע, אַז אויך איר האָט זיך אויסגעפּוצט"...

איבערדרוקן דעם „מיסטייק" פאַר איין טאָג האָב איך, פאַרשטייט זיך, ניט באַוויזן, ווײַל דאָס איז דאָך אַ גאַנצער ראָמאַן. די אַרבעט איז אָבער געווען אַזוי פריידיק, אַז ביז איצט לעבט אין מיר די דערמאָנונג וועגן אָט דער באַגעגעניש מיט שאָלעם־אַלייכעמען.

אַף מײַן לעבן האָב איך שוין איבערגעדרוקט אַזויפיל מאַנוסקריפּטן, אַז איבערציילן זיי איז ניט מעגלעך. און אַלץ — מיט פאַרשיידענע האַנטשריפטן. אָבער אַזאַ האַנטשריפט, ווי בא שאָלעם־אַלייכעמען, האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געזען. די אַקוראַטקײַט, דאָס ריכטיקע שרײַבן, אָן איין גראַמאַטישן פעלער, כאַלילע, — אַף אָן אָרט די פּונקטן, די קאָמעס (דאָרט, וווּ ער האָט, ווי עס ווײַזט אויס, אין עפּעס געצווייפלט, האָט ער פאַר זיך ערגעץ אין אַ ווינקעלע פונעם זײַטל אָנגעמערקט אַליין דרײַ־פיר אַנדערע וואַריאַנטן). אַף יעדער זײַטל, אין דער רעכטער האַנט, אַ ווײַסער ראַנד („פאָליאַ") פון אַ 8—10 סאַנטימעטער די ברייט. מיט אַ פאַרביקן בלײַער אונטערגעשטראָכן די ווערטער, וועלכע דער אַווטאָר וויל באַטאָנען. די נעמענער פון די העלדן אויסגעטיילט — אָדער מיט גרויסע אויסיעס, אָדער אונטערגעשטראָכן מיט אַ בלײַער.

אין עטלעכע טעג אַרום איז דער „מיסטייק" שוין געווען אין רעדאַקציע. די דאָזיקע געשעעניש האָט געמאַכט יאָמטעוו. דער פּאָעטישער אָפּטייל איז געווען מעקאַנע דעם פּראָזע־אָפּטייל. מוישע טײַף, אַליין דער „פּאַרוואַלטער פון דער דיכטונג", האָט זיך אַוועקגעשטעלט מיר דיקטירן זײַן פּאָעמע „דאָס געזאַנג וועגן ברידער", זאָגנדיק דערבײַ, אַז צום אַלטן ראָמאַן וועט „סאָוועטיש היימלאַנד" צוגעבן נײַע געזאַנגען...

אָט אַזוי, אומגעפער, געדענק איך, ווי מיר האָבן געגרייט דעם ערשטן נומער פון „סאָוועטיש היימלאַנד", און איך בין גליקלעך, וואָס איך האָב געקאָנט מיט מײַן באַשיידענער אַרבעט אָנטיילנעמען אין אָט דעם אָנהייב.

סעמיאָן גרוזבערג

דער ענערגישער פּולס פונעם לעבן

דאָס לעבן, די אַקטועלע פּראָבלעמען פון אונדזער ברויזנדיקער צײַט שטעלן אַרויס פאַר דער ליטעראַטור אַלץ נײַע און נײַע פאָדערונגען, קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען, און דאָס פילט זיך אין יעדן נומער פון אונדזער זשורנאַל. איצט איז שוין שווער זיך פאָרצושטעלן „סאָוועטיש היימלאַנד" אָן דער פּאַרטייִשער, לײַדנשאַפטלעכער פּובליציסטיק, אָן אַזעלכע אויסגעצייכנטע רובריקעס, ווי „אַף די שפּורן פון געשעענעס", „אונדזערע מיטצײַטלער", „לעבעדיקע גרוסן", „מענטשן — זייער צײַט און זייער גורל", „קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע", „מיר אינפאָרמירן אונדזערע לייענער" אדג.

דאָס אײַנפירן אַ פּובליציסטישן אָפּטייל האָט פאַרברייטערט דעם שעפערישן דיאַפּאַזאָן, פיל אַקטיווער, קעמפערישער און אַנטשיידענער געמאַכט די טעמאַטיק. דער רעפּאָרטאַזש, ווי אַ נײַער זשאַנער, ווי אַ סיסטעמאַטישע דערשײַנונג אין דער לעבעדיקער יידישער ליטעראַטור, פאַרנעמט אַ היפּש אָרט אין „סאָוועטיש היימלאַנד", און דאָס איז קיין כידעש ניט, ווײַל דאָקומענטאַלע קינסטלערישע פּראָזע גיט אַ מעגלעכקײַט טיפער און ברייטער, מער אָפּעראַטיוו זיך אָפּרופן אַף די אָנגעווייטיקטע פּראָבלעמען פון דער צײַט.

אויך די פאַקט־אינפאָרמאַציעס זײַנען אַ ווירקיקע דערגאַנצונג פונעם ליטעראַרישן מאַטעריאַל, זיי גיבן אים צו דאָקומענטאַלקײַט, וואָראַהאַפטיקײַט.

ווי גוט איז
צו וויסן:
עס האָט זיך
דער ליבסטיקער
פֿאָדעם
ניט איבערגעריסן...

פֿאַרעפֿנטלעכט אין אַלמאַנאַך

אשער שווארצמאַן

פרילינג

איך גיי הײַנט ארויס אין א טאָג א באַנײַטן:
אף פרילינג־באַפרײַטן
און הארץ־ווייכן הימל
גייט קרײַז. —
פון אלע פיר זײַטן
שוין צײַען זיך פלאַפלענדיק אומרייִנע שטראָמען
און נישטערן, זוכן, ווי הינטעלעך בלינדע,
דעם פײַכט־שווארצן בויך פון דער ערד.
און ערגעץ פונווײַטן,
אין בלויען פארקלערט,
ווארט אָפּ שוין א וואָלקן א מילדער, א ווייכער...
און ווען ס'וועט פון נאכט־פרעסטלעך זײַן שוין קיין זייכער,
און זײַן וועט דער הימל אויך רייִנער און העכער,
אין גאָרטן שוין ווייך און צעגראָבן די ערד, —
דאַן קומט בלויער וואָלקן אף גאָלדענע פערד.

נומ. 2, 1922

דאַוויד האָפשטיין

דאָרט ערגעץ זוימען זיך שוין ווײַטן
מיט שווערן שלעפּ פון טונקלען גרוי.
נאָר דאָ איז העל אזוי,
נאָר דאָ איז אזוי לויטער!

נומ. 2, 1920

פּערעץ מאַרקיש

אזוי וועל איך דאָ, פעלד, א נאכט א גאנצע ליגן
און קושן דײַנע טויטע ברוסטן,
איך וועל דיך מונטערן און וויגן,
ביז דער פארטאָג דער גאָלדענער וועט מיך א ריס טאָן...

נומ. 1, 1918

לייב קוויטקאָ

יוגנט האָב איך.
די יוגנט איז מײַן גרויסער, גרויסער אויצער.
טרוימען דאָרט און דימענטן און שטראַלן,
צײַען, צײַען זונען־סטרונעס אויס,
שפילט מיט צארטע פינגערלעך אף זיי
מײַן יוגנט־פרייד...

נומ. 1, 1918

די מאַטעריאַלן, וועלכע זײַנען גענומען פון די סאָוועטישע יידישע זשורנאַלן, ווערן דאָ ערטערווײַז געבראַכט מיט קירצונגען.

פאַרצייכנט אין זשורנאַל

קונסט־כראָניק

ליטעראַטור

אין אלוקראַיִנישן ליטעראַרישן קאָמיטעט

(ליטקאָם)

אין ליטקאָם איז נאָך ניט אָרגאַניזירט קיין פאַרייניקטע ייִדישע סעקציע, וואָס זאָל ארומנעמען אַלע צווײַגן פון דער ארבעט. אין דער קאָלעגיע פון דרײַ, וואָס פירט אָן מיט אַלע אָפּטיילונגען פון ליטקאָם, גייט ארײַן דער כאַווער ליטוואַקאָוו. פאַרוואַלטער איבער דער ייִדישער סעקציע פון דער ליטעראַריש־פאַרלעגערישער ביוראָ איז א. ליטוואַק. פאַרוואַלטער איבער דער ייִדישער סעקציע פון דער פּראָפּאַגאַנדע־ביוראָ איז כ׳ נויעך לוריע. די אַקאַדעמיע־ביוראָ האַלט זיך נאָך ערשט אין אָרגאַניזירן. די צוגרייטונגס־טריט ווערן געמאַכט פון כ׳ ליטוואַקאָוו. די דערמאָנטע דרײַ כאַווײרים האָבן געמיינזאַמע באַראַטונגען וועגן זייער טעטיקײַט, וואָס האַגאַם זי איז צעטיילט אין דרײַ צווײַגן, האָט זי דאָך איין געביט — די ייִדישע ליטעראַטור. זיי קומט אויך אויס צו האָבן באַראַטונגען מיט די כאַווײרים בערגמאַן, ראַשקעס און לויטער פון דער ייִדישער סעקציע אין אַלוקראַיִנישן טעאַטער־קאָמיטעט, ווײַל דער טעאַטער איז דאָך ענג פאַרבונדן מיט דער ליטעראַטור.

די ייִדישע סעקציע פון דער ליטעראַריש־פאַרלעגערישער ביוראָ גרייט צום ארויסגעבן פאָלגנדיקע ביכער:

1) אַנטאָלאָגיע פון דער ייִדישער סאָציאַלער ליריק, צונויפגעשטעלט פון י. דאָברושין. 2) אַנטאָלאָגיע פון דער אייראָפּעיִשער ליריק. 3) דער רויטער שטערן. 4) טעאָריע פון וואָרט־קונסט, פאַר ארבעטער־סטודיעס. 5) א קורצע געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור, פאַר ארבעטער־סטודיעס. 6) א זאַמלבוך פון סאָציאַלע דערציילונגען און נאָוועלן, איבערזעצט פון פאַרשיידענע אייראָפּעיִשע שפּראַכן. 7) גאָרקיס מײַסעלעך — איבערזעצט פון כ. קאָל.

דער זשורנאַל „באַגינען" ווערט ארויסגעגעבן פון דער ייִדישער סעקציע פון דער ליטעראַריש־פאַרלעגערישער ביוראָ באַם ליטקאָם. נאָר אַזוי ווי די איבעריקע קאָמיטעטן פון דער אַלוקראַיִנישער קונסט־אָפּטיילונג האָבן דערווײַל ניט קיין אייגענע אָרגאַנען, וועט דער „באַגינען" באַדינען אויך יענע קאָמיטעטן (סצענע, מוזיק, פּלאַסטישע קונסט) און זייערע פאָרשטייער וועלן נעמען אָנטייל אין דער רעדאַקציע.

דער פאָלקס־פאַרלאַג האָט לעצטנס ארויסגעגעבן א לידער־זאַמלונג פון מאַרקיש — „שוועלן". פאַר די לעצטע מאָנאַטן זײַנען אין דעם פאַרלאַג ארויס בערגעלסאָנס „ארום וואָקזאַל", „נאָך אַלעמען" און „אין א פאַרגרעבטער שטאָט".

אין קיִעווער פאַרלאַג זײַנען ארויס: „טריט" — לידער־זאַמלונג פון קוויטקאָ און „בײַ וועגן" — לידער־זאַמלונג פון האָפשטיין.

צום פאָרשטייענדיקן קינדער־יאָמטעוו גיט דער אָרגאַניזאַציאָנס־קאָמיטעט ארויס א ביכעלע פאַר ייִדישע קינדער מיט לידער פון כ. לילין, פיכמאַן, מאַני לייב און קוויטקאָ. דאָס ביכעלע האָט פײַן איליוסטרירט דער מיטגליד פון דער ייִדישער קינסטלער־סטודיע א. טישלער.

פּלאַסטישע קונסט

פון דריטן יול אָן איז די קינסטלער־סטודיע קולטור־ליגע געשטעלט געוואָרן אונטער דער האַזשגאָכע פון דעם אַלוקראַיִנישן קאָמיטעט פאַר פּלאַסטישער קונסט און וועט פון אים ויסגעהאַלטן ווערן.

מוזיק

די מוזיק־סעקציע פון דער קולטור־ליגע האָט פאַר די לעצטע כאָדאָשים דורכגעפירט 8 קאָנצערטן פאַר ארבעטער אין פאַרשיידענע ראַיאָנען, ווי אויך די קאָנצערט־אָפּטיילונגען אָפּ די אָוונטן, געווידמעט די יאָרצײַטן פון פּערעץ און שאָלעם־אַלייכעם.



...„איז מען מיט די באָלשעוויקעס, האַלט מען פאַר דער ראַטנמאַכט, דאַרף מען קאָנען אומקומען פאַר איר".

אשער שווארצמאַן

פאַרעפנטלעכט אין אַלמאַנאַך

אָפּגעגעבן דאָס לעבן פאַר דער רעוואָלוציע

...שווארצמאַן איז געווען איינער פון די בעסטע סאָלדאַטן אין זײַן פּאָלק: באַקומען אונטעראָפיצער און צוויי געאָרגיעס. אין 1917 איז ער פאַרוווּנדעט געוואָרן, אָפּגעווען צוויי כאַדאָשים אין מאָסקווע, אַ כוידעש אין טאַמבאָוו און ווידער אַוועק אויפן פראָנט. געפאַלן אין שלאַכט אונטער קאָראָסטען.

...ווידער אַ לויטערער פרימאָרגן אָנהייב האַרבסט. ווי פאַראַיאָרן, ווי פאַר צען יאָרן פאַלן העלע בלעטער, און די ליכטיקע קילע לופט מונטערט די הונדערטער לעבנס, וואָס ווימלען אַף די ברייטע גאַסן. הילכיק קלינגט די קלאַפּערײַ פון אײַזערנע טלאָען אַפן גלאַטן ברוק: און ער איז שוין ניטאָ. און קיין שום קויעך אין דער וועלט קאָן אים ניט אומקערן...

ווי פאַראַיאָרן, ווי פאַר צען יאָרן פאַלן בלעטער. אָט די שווארצע, פעסטע קאַשטאַנען־ביימער בא דעם אײַזערנעם פאַרקן זײַנען דעמלט פיל דינער געווען. איצט זײַנען זיי צו פולער קראַפט געקומען. זיי וועלן די גאַנצע גאַס באַשיטן מיט בלעטער... און מיט רײַפע פײַן־געפּאָלירטע קאַשטאַנען... אייניקע וועלן קינדער אופקלײַבן און אייניקע... וועלן אונטער אײַזערנע טלאָען ארונטער, אונטער שווערע רעדער פון אַ מאַסע־וואָגן...

סאַרא וואַטראַנעס, סאַרא אומפארשטענדלעכע וואַטראַנעס הערשט אַרום און אַרום! און מיר, מענטשן, זײַנען דאָך אויך ווי קליינע זעמדעלעך אין אָט דער וואַטראַנעסדיקער האַנט, וואָס שיט און פּלייצט... נאָר דאָס הארץ איז קינדערש גלויביק און וויל פון גאָר־ניט וויסן. אַפן שווּעל פון כורוועס, בא אָפענע קוואָרים, בא שטער־רונגען און אומזיניקע פאַרשווּנדונגען טוט עס ווייי און טרײַבט קנוילן פון פאַרצווייפלטן קלאַנג ביזן האַלדז, ביזן גומען... ער איז ניטאָ, און קיין קויעך אין דער וועלט קאָן אים ניט אומקערן...

און די צען יאָר פון זײַן באַוווּסטזיניק לעבן זײַנען איצט פאַר מיר ווי איין פּלוצעמדיקע אימפּעטעפּלע רעגע — איך האָב שטיל געשפּאַנט אין אַ לויטערן האַרבסטיקן פרימאָרגן, און אַ יונגער ריטער אַף אַ ברענענדיק פערד האָט מיך אָנגעיאָגט און אַ וואָרף געטאָן אַ פאַר הייסע ווערטער:

יוגנט, יוגנט...
צעקלאַפּט דעם קאָפּ מיר אַף אַ שטיין,
איך דאַרף ניט מיין!

און איצט... פון דאָרט, פון ווײַט, פון הינטער די האַרייי כוישעך, ווו ער איז פאַרשווּנדן געוואָרן, שאַלט, ווי אַ נעפּלדיקער אָפּקלאַנג, זײַן ווײַטעקדיקע ווענדונג:
איך ווייס ניט, צי איז מײַן ליד אַף וואָגשאָל פון די וועלטן!..

ד. האָפּשטיין.

קיִעוו, 1919

מאַקסים גאָרקי

דער זייגער

פראַגמענט

טיק־טאַק, טיק־טאַק!

ס׳איז ניטאָ אַף דער וועלט נאָך אַזאַ גלייַכגילטיקע זאַך, ווי דער זייגער: ער שלאָגט פּונקט אַזוי רעגלמעסיק אין דעם מאָמענט פון אייַער געבורט, ווי אין דער צייַט, ווען איר רייַסט יעיצערהאָרעדיק די בלומען פון אייַערע יוגנט־כאַלוימעס. פון דעם ערשטן טאָג אָן פון זייַן געבורט, איז מיט יעדן טאָג דערנעענט זיך דער מענטש צום טויט. און ווען איר וועט כאָרכלען באַ דער גסיסע, — וועט דער זייגער טרוקן און רויִק ציילן זייַנע סעקונדן. אין זייַן קאַלטן כעזשבן, — הערט זיך אייַן, הערט זיך עפּעס אָן אַנגעפּראַקטיקירטקייַט און אַ מאַטיקייט פון דער צו גרויסער אָנגעפּראַקטיקירטקייַט. קיין זאַך רירט אים ניט אָן באַ דער נעשאָמע און קיין זאַך איז אים ניט שווער. ער איז גלייַכגילטיק, און מיר מוזן, אויב מיר ווילן לעבן, זיך באַשאַפן אַן אַנדער זייגער, וואָס איז פול מיט דערשפּירענישן און געדאַנקען, אָנגעפּאַקט מיט טאַטן, ביכדיי צו פאַרבייַטן אָט דעם דאָזיקן נודנעם, גלייַכמעסיק קלאַפּנדיקן זייגער, וואָס קוילעט אָפּ אונדזער נעשאָמע מיט זייַן קאַלטן פאַריבל־קלאַנג.

טיק־טאַק, טיק־טאַק!

ס׳איז אַ כויזעק... דאָס מענטשלעכע לעבן איז קורץ. ווי זאָל מען לעבן? אייניקע מייַדן אויס דאָס לעבן מיט אַ האַרטער אַקשאָנעס; אַנדערע ווידער גיבן זיך אים אָפּ מיט לייַב און זעלע. די ערשטע וועלן אַף דער עלטער זייַן אָרעם אין גייַסט, ווי אין דערינערונגען; די צווייטע וועלן זייַן רייַך אי אין דעם, אי אין יענעם. די, ווי יענע, וועלן שטאַרבן און פון קיינעם וועט גאָרנישט איבערבלייַבן, ווען קיינער פון זיי וועט ניט אָפּגעבן דעם לעבן זייַן מויִעך און זייַן האַרץ אָן אייגננוץ, לישמאָ... און ווען איר וועט שטאַרבן, וועט דער זייגער קאַלטבלוטיק ציילן די סעקונדן פון אייַער גסיסע, טיק־טאַק! און אין דער אייגענער סעקונדע וועלן געבוירן ווערן פרישע מענטשן, צו טעלעכע אין אַ סעקונדע, און פון אייַך וועט שוין קיין זייכער ניט זייַן!

טיק־טאַק, טיק־טאַק!

אַ לאַמנאַצייעך צו די שטאַרקע אין גייַסט, צו די מענערפעסטע לייַט, צו די, וואָס טוען דינען צו עמעס, יוישער און שיינקייט! מיר קאָנען זיי ניט, ווייַל זיי זייַנען שטאָלץ און פאַרלאַנגען ניט קיין מאַטאָנעס; מיר זעען ניט, מיט וואָס פאַר אַ סימכע זיי פאַרברענען זייערע הערצער. באַלייַכטנדיק דאָס לעבן מיט אַ פלאַקערנדיקן ליכט, מאַכן זיי אַפילע די בלינדע זעענדיק. אָ, ס׳איז נייטיק, אַז די בלינדע, וואָס זייַנען פאַראַן אַזוי פיל, זאָלן זעענדיק ווערן; אָ, ס׳איז נייטיק, אַז אַלע מענטשן זאָלן מיט עקל דערזען, ווי גראָב, ניט־גערעכט און מיִעס ס׳איז זייער לעבן. אַ לאַמנאַצייעך דעם מענטשן, דעם האַר פון זייַנע ווונטשן! די גאַנצע וועלט איז אין זייַן האַרצן; דער גאַנצער ווייטעק פון דער וועלט, אַלע פּייַן פון די מענטשן זייַנען אין זייַן נעשאָמע. דאָס שלעכטס און די אומצוכט פונעם לעבן, דאָס שעקער און די אַכזאָריעס — זייַנען זייַנע פּייַנט.

די שאָען פון אונדזער קיִעם זייַנען פּוסט און לאַנגווייליק; טאָ לאָמיר זיי פול מאַכן מיט שיינע העלדנטאַטן, ניט שאַנעווענדיק זיך. און דעמלט וועלן מיר דורכלעבן גרויסאַרטיקע שטונדן, וואָס וועלן פול זייַן מיט פרייִלעכן ציטער, מיט זודיקער גייווע. אַ לאַמנאַצייעך דעם מענטשן, וואָס ווייסט ניט, ווי מע שאַנעוועט זיך!

איבערזעצט — א. ע.

אָנמערקונג פון דער רעדאַקציע

„דער זייגער" פון מ. גאָרקי איז צום ערשטן מאָל דערשינען אין 1906 אין „נישעגאָראָדסקי ראַבאָטניק", אין דער צייַט פון דער 1־טער רוסישער רעוואָליוציע. כאָטש דאָס קליינע ווערק פון מ. גאָרקי קאָן ניט געבן קיין האַסאָגע דעם לעזער פון מ. גאָרקיס גרויסן קינסטלערישן טאַלאַנט, פונדעסטוועגן האָבן מיר צוליב צוויי טײַמים געפונען פאַר צוועקמעסיק צו קומען צום יידישן לעזער גראָד איצט מיט דעם ווערק פון גרויסן יוביליאַר. ערשטנס, צוליב דעם, וואָס עס דריקט אַמבעסטן אויס די רעוואָליוציאָנערע איבערלעבונגען פון איצטיקער צייַט, און, צווייטנס, דעריבער, וואָס אין דעם קליינעם ווערק פון מ. גאָרקי האָט זיך אויסגעדריקט זייַן טיפסטער „אני מאמין" (זייַן קרעדאָ), פון וועלכן ער איז ניט אָפּגעטראָטן אין זייַן גאַנצער שאַפונגס־צייַט.

נום. 1־2, 1919



איזי זעמבין[1]

אונטער רויטע פאַנען

אונטער רויטע פאַנען
גאסן גיי איך איבער,
בין איך ווי פאַרשיקערט
פונעם פלאַמען־פיבער.

אונטער רויטע פאַנען,
אַף די רויטע גאסן —
מיט די זעכציק טויזנט,
מיט די פרייַע מאסן!

פלעצער... רויטע גאסן...
דעכער און באַלקאָנען...
בין איך איינגעשלאָסן
אין די מיליאָנען.

פאַלן גרויזאַם העלדן,
בלוטיקן די פליטן,
קוקן מיר ניט אום זיך,
האַלטן ניט די טריט איַין.

שטעלן מיר ניט אָפּ זיך —
פעסט איז אונדזער גלויבן,
שטרעקן מיר די פויסטן
צו דעם קאַלטן אויבן...

איבער קעפּ די פאַנען
פלאַטערן און פאָכן,
ריידן זיי און וואַכן,
רוישן פון ניצאָכן.

---

[1] איזי זעמבין איז געווען דער פסעוודאָנים פון איזי כאַריקן (רעד. „סאָוועטיש היימלאַנד").

ד. ראַנין

דער וואַנדערער

די רויטע אַרמיי האָט פאַרנומען דאָס שטעטל ב...., וואָס איז עטלעכע כאָדאָשים געווען אין די פּוילישע הענט. אונדזער אָנגריף איז געווען אַזוי האַסטיק, אַז די פּוילישע טייל האָט קוים באַוויזן צו אַנטלויפן.

צו דער נאַכט האָט מען מיך אַף דער וואַך אוועקגעשטעלט באַם סאַמע עק שטאָט. שטיל איז געווען אַרום, פעלדער האָבן פונדערווייטן מאָדנע אַזוי גערוישט. אַ ווינטל האָט עפּעס אין די אויערן געמורמלט. שטייענדיק אַזוי, אָפּן ביקס אָנגעשפּאַרט, האָב איך זיך פאַרטראַכט — וועגן אַלע נאָענטע, ליבע, כאַווײרים.

ווו זיַינען זיי? און וואָס איז מיט זיי געוואָרן?

פלוצעם זע איך: עמעצער גייט אָפּן וועג פון פעלד, גליַיך צו מיר אַנטקעגן. ווער קאָן דאָס זיַין? פון די פּוילן? ס'איז אומנאַטירלעך, דאַן וואָלט ער אָפּן ניט געגאַנגען. יעדנפאַלס האָב איך זיך צוגעגרייט.

דער מענטש האָט זיך דערנעענטערט, און אין דער פינצטערניש האָב איך קוים געזען זיַינע באַוועגונגען.

— ווער גייט? — האָב איך הויך אויסגעשריַען אַף רוסיש.

— אַ ייִד! — האָט מיר אַ פאַרטויבט קאָל געענטפערט, אויך אַף רוסיש.

— וואָס דאַרפסטו דאָ, זשידע? — האָב איך שוין אַף ייִדיש געפרעגט, — מ'טאָר דאָ ניט אַרומשפּאַצירן.

דער מענטש איז צוגעגאַנגען גאָר נאָענט. דאָס איז געווען אַן אַלטער ייִד, שוואַרץ אָנגע־טאָן, מיט אַ שטעקן אין האַנט.

— וואָס שרײַסטו אַזוי, באָכערל? — האָט ער מיך רויִק אַ פֿרעג געטאָן, באַטראַכטנדיק מיך מיט שטראַלנדיקע אויגן. — דער וועג איז ווײַט און ברייט, און די וועלט איז פֿאַר אַלעמען אָפֿן.

— מיר זײַנען אָף מילכאָמע, זיידע, — האָב איך געזאָגט אין פֿאַרלעגנהייט.

דער אַלטער האָט אַ שמייכל געטאָן.

— מעגסט דאָס מיר ניט דערציילן. איך ווייס דאָס צו גוט אַפֿילע. דערפֿאַר גיי איך טאַקע אַרום פֿון לאַנד צו לאַנד, פֿון שטעטל צו שטעטל, טאָג און נאַכט אָן אופֿהער. און אַלץ, וואָס איך זע, פֿאַרשרײַב איך אין סייפֿער־האַזיכרוינעס מיט בלוט־רויטע אויסיעס.

אַ ציטער האָט מיך דורכגענומען.

— וואָס זשע זעסטו, זיידע?

— פֿאַרשיידענע זאַכן זע איך אַרום זיך, באָכערל. כורוועס און מייסים, שטעט און שטעטלעך, לאָנקעס און פֿעלדער, ברייטע, גאָלדענע, פֿון גאָט געבענטשטע, מיט בלוט פֿאַר־גאָסענע. איך הער זיך צו: האַרמאַטן דונערן, קוילעס שרײַען, מע וויינט און מע יאָמערט. און איך וועב דאָס אַלץ אײַן אין מײַן זיקאָרן — די פֿאַרבן און שאָטנס און קלאַנגען. יעדן טראָפּן בלוט און איטלעכע טרער באַהאַלט איך אין האַרצן, ווי אַ פּערל, אָף אייביק.

ער האָט אופֿגעהויבן זײַן שטעקן און אויסגעשטרעקט אים אין נאַכט־כוישעך.

— אָט פֿון דאָרטן קומען זיי נאָכאַנאַנד, מאַכנעסווײַז, און גייען ווײַטער אין נאַכט אַרײַן. און וויפֿל שוידערלעכע און אומפֿאַרגעסלעכע מײַסעס דערציילן זיי מיט די בלייכע ליפּן. מוז דאָך כאָטש איינער זײַן, וואָס זאָל זיך צו זייער שעפּטשען צוהערן, וואָס זאָל זייערע מײַסעס פֿאַרשרײַבן, וואָס זאָל נאָכדעם דער גאַנצער וועלט וועגן זיי אָפֿן קאָל דערציילן. און דעריבער גיי איך אַרום מיט מײַן שטעקן אין האַנט און מיט אַ סייפֿער־האַזיכרוינעס אין בוזעם, און קוק, און האָרך, און פֿאַרשרײַב.

ער האָט נעוויִזש אויסגעשריִען:

— הער זיך אײַן! מיר שטייען אָפֿן גוול פֿון צוויי וועלטן, פֿון צוויי טקופֿעס. אָט דאָ פֿאַר דײַנע אויגן ליגט דער דאָזיקער גרענעץ, וואָס די אויסגעמוטשעטע, אויסגעמאַטערטע מענטשן דאַרפֿן אַריבערגיין. זיי גייען, נאָר ווי שווער איז זייער וועג. יונגע און דרייסטע גייען פֿאָרויס, און בעשאַס זיי פֿאַלן, זינגען זיי זייער קאַמפֿס־געזאַנג. נאָר די אַלטע, שוואַכע און פֿאַרוועלקטע שלעפּן זיך קוים־קוים און פֿאַלן קרעכצנדיק. ווו זאָלן זיי נעמען קויכעס? די איינציקע האָפֿענונג איז אָף אײַך — יונגע, שטאָלצע, מוטערע. איר וועט אונדז ברענגען צום ווײַטן ברעג, ווו די מענטשהײַט וועט פֿײַערן איר אייביקן יאָמטעוו. און דעמלט וועל איך ברענגען צו טראָגן דאָס ביכעלע פֿון מײַנע זיכרוינעס, וואָס פֿון זײַנע בלעטלעך וועט אײַך קלינגען די געשיכטע פֿון דער פֿאַרגאַנגענער צײַט.

— זיידע, ווער ביסטו? — האָב איך אויסגעשריִען מיט אַ ציטעריקער שטים.

נאָר דער אַלטער האָט געשוויגן. זײַן פּאָנעם האָט אין כוישעך מאָדנע געשטראַלט מיט די סוידעסדיקע אויגן.

און ער איז פֿאַרשוווּנדן.

מ. יודאָווין

* * *

איך בין דער ערשטער, וואָס האָט אופֿגעהויבן הויך
די פֿרײַהייטס־פֿאָן פֿון אופֿשטאַנד און נעקאָמע,
און האָב דורך רעגן, ווינטן, שטויב און רויך,
מיט פֿלאַמען אין נעשאָמע,
געטראָגן זי אין שלאַכט,
דערטראָגן — און געבראַכט
ביז צו דעם העכסטן שפּיץ פֿון שטאָלצן
פֿעלדזן־גליד —
און ניט געוואָרן מיד...

די רעדאַקציע פֿון זשורנאַל „כוואַ־ליעס“ ווענדט זיך מיט אַ כאַווערישן אופֿרוף צו אַלע יידישע יונגע אַרבע־טער אין אַלע אָרגאַניזאַציעס פֿון קאָמיוג און בעט צושיקן דערציילונ־גען, לידער, אַרטיקלען, קאָרעספּאָנ־דענצן און אַנדערע מאַטעריאַלן פֿו־נעם לעבן פֿון דער יונגער יידישער אַרבעטערשאַפֿט.

פֿון דער יוגנט אַליין הענגט אָפּ, אַז אונדזער זשורנאַל זאָל בעעמעס אָפּשפּיגלען דאָס לעבן פֿונעם יונגן יידישן אַרבעטער.

פאַרעפנטלעכט אין זשורנאַל



אלע קויכעס דער רויטער ארמיי

כאווײרים!
די צווייטע אלרוסלענדישע קאָנפערענץ פון די יידישע קאָמוניסטישע סעקציעס האָט באשטימט, אז „אלע אונדזערע בעסטע קויכעס און די גאנצע ענערגיע אונדזערע, אין וואָס פאר א פאָרם דאָס זאָל ניט געפאָדערט ווערן, — מוזן אָפּגעגעבן ווערן דער רויטער ארמיי".

עליע אבראמאָוויטש[1]

מיר גייען

געווידמעט דער רויטער ארמיי

עס פינקלען די שווערדן, עס בליצן די שפיזן —
מיר זײַנען די פרײַהײַטס־באגײַסטערטע ריזן.
מיר טויטן די הערשער און ברעכן די טראָנען,
מיר גייען, מיר גייען מיט בלוט־רויטע פאָנען.

מיר ציגדן מיט פאקעלן רויטע די נאכט,
און ווו נאָר מיר קומען, צעברענט זיך א
שלאכט,
און ס'צווייפלען די סאָנים אין שרעק און
אין ציטער
פאר אונדזערע פרײַהײַטס־באגײַסטערטע
ריטער.

מיר גייען, מיר גייען דורך פײַער און טויט.
וואָס מער אונדזער וועג איז מיט דערנער
פארשפרייט —
אלץ שטארקער דער ווילן צום זיג ווערט
צעפלאמט,
דער וועג אף צוריק איז אף אייביק פארצאמט!

נומ. 5, 1919

[1] דער מעכאבער פון דער דאָזיקער ליד איז ערשט אלט 15 יאָר און איז איינער פון די טיכטיקסטע מיטגלידער פונעם טאמבאָווער קאָמוניסטישן יוגנט־פארבאנד. — רעד.

כאַים גילדין

אין פאבריק

בא שטיצער, בא טיגל, בא ריזן־מאשינען,
אנטבלויזן די ברוסט און די ארבל פארשארצט,
עס יאָגן זיך אײַליק געשטאלטן, געשטאלטן,
פון שטויב און פון סאזשע פארכוישעכט,
פארשווארצט.

צעשווינדלט עס פײַפן די אײַזערנע וואלן,
עס וויגן זיך קערפּערס, עס פלאטערן הענט.
עס קעניגט דער אימפּעט אף מוסקול און
האמער,
און פיבערט די שויבן, און פיבערט די ווענט.

אף שקיוון געצויגן די לעדערנע סטרונעס
אין טאקט פון מאָטאָרן — א גרויליקע ליד,
צעקלונגען, צעזונגען עס טאנצן די האמערס
און רעגענען פונקען פון אײַזן־געשמיד.

עס זינגען מאשינען, די האמער, די שטיצער,
עס הוילט און עס זומט מאָנאָטאָן דער מאָטאָר,
פון כאאָס געגאָסן, געשאפן פון שטרײַטן,
עס שאלן הארמאָניש אין גינען פון צײַטן,
טריומפן־געזאנג פון א מעכטיקן כאָר.

נומ. 6—7, 1919

וויפּערס פּראָצעס

דעם 18־19־טן סענטיאבער איז אין מאָסקווע פאָרגעקומען דער מישפּעט איבער וויפּערן, וואָס איז באם צארישן רעזשים אײַנגעגאנגען אף צו באשולדיקן בײליסן אין אלילאס־דאם.

אלס באשולדיקער איז ארויסגעטראָטן כ' קרילענקאָ און אלס פארטיידיקער — כ' בלאגאָוועשטשענסקי.

וויפּער אליין האָט געטײַנעט, אז ער איז ניט מער, ווי אן ערלעכער באאמטער, וואָס ערפילט די היסכײַוועסן, וועלכע די מאכט לייגט אף אים ארוף, און אזא מין באאמטער איז ער גרייט צו זײַן בא יעטווידן רעזשים.

דער געריכט האָט אנערקענט, אז וויפּער איז א געפערלעכער מענטש פאר דער ראטנמאכט, און דעריבער מוז ער בלײַבן ארעסטירט, קאָלזמאָן ס'וועט ניט פולשטענדיק אײַנגעשטעלט ווערן די קאָמוניסטישע אָרדענונג.

נומ. 6—7, 1919





ארן קושניראָוו

ראַסייא

פראגמענט

פון ווײַסן אופגאנג־לאַנד ביז גרינע מײַרעוו־געגנטן,
ווו ס׳גליוועוועט נאָך דײַן רוף אין רוימען ניט דערוועקטע,
אָ, וויפל, וויפל גאָטספאָרכטיקע וועגן
ציילעמען די ברייט פון דײַנע שטרעקעס.
אלע, אלע וועגן ציִען זיך אזעלכע לאנגע
און א בענקשאפט שטייט ניט אָפּ פון זיי קיין טראָט ניט,
גרויע בענקנדיקע קינדער דײַנע זײַנען דאָרט געגאנגען
און זיי האָבן זייער מידן קלאנג צעשאָטן...
ניט דערוואַרט און ניט דערהערט פון דײַנע שטורעם־פערד
דאָס טאָפּן,
ניט דערפילט אין פרייד, אז מער שוין גאָרניט ווילט זיך ניט...
דו האָסט אין פעלד זיי אלע אויסגעלייגט אף אָפּרו
און זיי געשטעלט צוקאָפּן ציילעמס הילצערנע.
גאנאָווים־ווינטן נישטערן איבער פעלדער
אין שטילער טיף פון קאָרנס און פון ווייצן...
נאָר גרויע ווינטמיל וואכט באוואכט זיי פונעם בערגל,
ווי א סאָלדאט מיט ביקס אף פלייצע.

נומ. 2, 1922

יעכעזקל דאָברושין

אונדזער ליטעראטור

אויסצוג

די אָקטיאבער־רעוואָליוציע אין רוסלאַנד האָט ווונדערלעך צעשמעטערט די קייטן פון דער דוירעס־דיקער ייִדישער בלאָקירטער אויסקומעניש. דער ייִדישער „גאָלעס־צושטאנד" האָט זיך איצט אָקאָרשט אף אונדזערע אויגן אינגאנצן און מיט אלעמען פארענדיקט. און ווי אמאָל, בייס געטע האָט, ארומ־קוקנדיק זיך אפן פארשווונדענעם מיטלאלטער, פאר־שטאנען, אז די אייראָפּעיִשע ליטעראטור מוז און וועט אָנהייבן פארווירקלעכן איר אינטערנאציאָנאלן מעהוס — דארף און מוז די ייִדישע ליטעראטור אויך ארויס איצט פון איר אָרגאנישן ביז אהער „אינוויי־ניק" און אריבערטראָגן איר קינסטלערישן באוווסט־זײַן אף יענעם צענטראלן פינטל, ווו ס׳גייען זיך צונויף די לעבנס־שטראלן פונעם אינטערנאציאָנאלן אויסקומעניש.

פאר דער ייִדישער ליטעראטור דארף „דאָס נאַ־ציאָנאלע" ווערן אויס סוביעקט, ס׳דארף ווערן אן אָביעקט. די פּראָבלעם, די אָביעקטיווע וועלט־פּראָ־בלעם, וועט בעמיילע ווערן דעמלט דער טאָך פון דער ייִדישער ליטעראטור, ווײַל בעמיילע וועט די ייִדישע ליטעראטור ארײַנגיין אין גרויסן קרײַז פון וועלט־אינטערעסן און מיט די שוין אָנגעוואקסענע אויסדרוק־מיטלען פון נײַעם ייִדישן וואָרט־מאטעריאל באשאפן דעם קינסטלערישן בוך פון דער טקופע.

און נאָך.

דער שעפערישער מענטשן־געדאנק גייט אפן וועג פון פארווירקלעכן דעם סאָציאליזם. סאָציאליזם איז ווויסנשאפט, ס׳איז די באוווסטזיניקע אָרגאניזי־רונג פון נאטור־קרעפטן, דאָס מאטעריאליזירן, אזוי צו זאָגן, פון דער לעבנס־ענערגיע. און די קינסט־לערישע ליטעראטור פון דער סאָציאליסטישער וועלט־אופבויונג דארף, ווי די סקולפטור, האקן אירע וואָרט־ווערטן פון פארטיקע, דורכן געזעל־שאפטלעכן באוווסטזײַן אָרגאניזירטע, לעבנס־פלאסטן. דער שרײַבער דארף אופהערן באשרײַבן, ער דארף אָנהייבן בויען און, ווי יעדער בויער, מוז ער געניי באקאנט זײַן מיטן דורכויס מאטעריאליזירטן לעבן.

דאָס קאָנסטרוקטיווע, דאָס בויערישע — ס׳איז דער סטיל און כאראקטער פון דער צײַט, ס׳איז דאָס קינסטלערישע נײַס, דער כידעש פון פּראָלע־טארישער געזעלשאפטלעכקײַט, וואָס הייבט זיך אָן שמידן אף אונדזערע אויגן.

און אָנשטאָט דער אינטים־מישפּאָכעדיקער טעג־לעכקײַט פון דעם ביזאהעריקן בירגערלעכן שטיי־גער מיטן שטיל־לעבן פון דער שטימונגס־דיכטונג, אָנשטאָט דעם פארכאָלעמטן סטיליזירטן אײַנדרוק מוז קומען די אופגערודערטע עקספּרעסיווע שורע, מוז קומען די פולע און בונטע אויסדריקלעכקײַט פון אימפּעטדיקן שלאָג־וואָרט, וואָס דארף מוירעד זײַן אין אלטע רויִקע געבאָטן און טראָגן אין זיך דעם בויעריש־ראשיקן קויעך פון דער ארבעטס־געזעלשאפטלעכקײַט.

אָנשטאָט דער שרײַבערשער פּערזענלעכקײַט, וואָס וויקלט פאנאנדער אינטראָספּעקטיוו דעם קנויל פון בלויזע נעשאָמעדיקע „וואָס־געהערט־וואָס־געז־זען־איבערלעבונגען", דארף קומען דער שרײַבער, וואָס ארבעט איבער אָביעקטיווע קעגנשטאנדן, דער שרײַבער, וואָס באהעפט די אויסגעכעזשבנטע וועלט־דערפארונג מיט דיכטערישע זעונגען, סינטעזירנדיק אף אזא אויפן דעם סייכל מיטן געפיל, אָדער, אנ־דערש געזאָגט: די ניכטערע ערודיציע מיט דער טרוימערישער אינטויִציע.

איז אָט. דער ייִדישער שרײַבער דארף אויך פון איצטערט אָן זײַן ניט נאָר א שעפער, נאָר אויך א בויער.

נומ. 1, 1922

פֿאַרעפֿנטלעכט פֿון זשורנאַל

דער ניסטער

מאָסקווע

גייט אַרויס און טוט איצט אַף מאָסקווע אַ קוק. דערמאָנט זיך אין צוריק מיט איין נאָר צענדליק יאָר, ווי זי האָט דעמלט אויסגעזען, אין וואָס פאַר אַ שטאַנד דער פריִערדיקער, אוועקגייענדיקער באַלעבאָס האָט זי דעם איצטיקן, געקומענעם געלאָזט, און טוט אַ קוק, וואָס דער איצטיקער האָט פאַר אַזאַ קליינעם צײַט־פּעריאָד דאָ אָפּן סאָציִאַל־עקאָנאָמישן קולטור־שטייגערישן — מעדיציניש, סאַניטאַריש, קאָמונאַל־ווירטשאַפטלעכן געביט און אַף אַלע אַנדערע געביטן שוין אויפגעטאָן.

גייט איצט אַרויס אין מאָסקווע אַף די הויפּט־גאַסן, אין די הינטער־גאַסן, אַף אַלע עקן און אין די ווײַטסטע פאַרשטעט, און זעט די נײַ־אויסגעוואַקסענע געבײַען, די איינצלנע, ווי גרופּעס, גאַנצענע קוואַרטאַלן און שטאָט־טיילן.

איר דאַרפט אַרײַנגיין אין אַ ליאַדע סאָוועט פון אַ ליאַדע ראַיאָן, כאַפּן אַ קוק אין פאַרזאַמלונג־זאַל; זען, ווער עס זיצט און באַהאַנדלט שטאָט־איניאַנים, און בעמיילע שוין מעלוכע־איניאַנים; אַ קוק טאָן אַף די פּרויען אין די טיכלעך און שאַלן, ווי מע הערט און ווי מע איז פאַרכאַפּט. און דאָס זײַנען דאָך די, וואָס זײַנען מיט יאָרן צוריק אַמעראַצים געווען, און — ווי אויסגעוואַקסן, וואָס פאַר אַ פאַרשריט אָט די אָפּגעשטאַנענע און אין אַמעראַצעס פאַרבאַקענע עלעמענטן האָבן פאַר אָט דער קליינער צײַט דאָ דורכגעמאַכט, וויפל אַרויסגערוקטע, וויפל פאַרנעמען שוין הויכע פּאָסטנס, און וויפל גרייטן זיך מאָרגן זיי צו פאַרנעמען.

דאָס איז, פון איין זײַט, דאָס פריִער־אָפּגעשטאַנענע פאָלק, הײַנט, פון דער צווייטער זײַט, די אינטעליגענץ: לערערס, לעקטאָרן, דאָקטוירים, יוריסטן, אַגראָנאָמען, ווירטשאַפטלער, טעכניקער, אינזשעניערן, פּראָפעסאָרן, קינסטלער און שריפטשטעלער, און יעדער נאָר, וואָס האָט פון פריִער אָדער שוין פון איצט פון אַרבעטער־פאָלקס מער אַרבעט, מער וויסן און גײַסטיקן מערוועדט באַקומען, ווי זיי דינען אַף זייער מער־באַקומענעם, ווי מע ציט די קליי פון די ביינער, מע האָרעוועט שווער און אָפּט איבער די קויכעס, מע זעט, דאָס פאָלק צו זיך אַרופציִען און דאָס אָפּגעשטאַנענע אַף זייער אינטעליגענטן־שטאַל צו שטעלן.

איר דאַרפט דאָס זען, קעדיי זיך איבערצײַגן און צו זאָגן, אַז שוין: מיטן אַנאַלפאַבעטיזם באַ אונדז איז באַלד אויס, צו דער אַמעראַצעס אַן עק, און אַז דאָס פאָלק איז שוין ניט אַזוינס...

מ. דאַניעל

אַ ליטעראַרישער אָוונט

אַ קלוב ווי אַלע קלובן אין די שטעטלעך: אַ הילצערנע געבײַדע מיט אַ נידעריקער סטעליע, אַן ענגע טריבונע, אַ פּרעזידיום־טיש, געדעקט מיט רויטן טוך. באַם טיש יידישע אַרבעטער פון גלאָזפאַבריק. זיי זײַנען געקומען אַהער גלײַך פון דער הוטע, און ווען זיי ריידן, דאַכט זיך מיר, אַז זיי בלאָזן נאָך אַלץ אין פײַערדיקע רערלעך, פורעמען אויס אַ נײַ לעבן, אַ נײַעם שטייגער.

אַף דער טריבונע קומט אַרוף אַ נידעריקער, געזעצטער אַרבעטער. ער שטייט מיט דער פּלייצע צום אוילעם, מיטן פּאָנעם צו מיר. ער רעדט שטאַרק לאַנגזאַם:

— אָט וואָס, כאַווער, איך וועל אײַך זאָגן דעם גאַנצן עמעס, איר רעדט, כאַווער, וועגן קולטור, ליטעראַטור. זייער גוט. דער אַרבעטער דאַרף עס אַלץ האָבן, ווײַל ער איז דער באַלעבאָס אין לאַנד און דאַרף וויסן, וואָס ס׳טוט זיך אין יעדער ווינקעלע.

ס׳טוישן זיך אַרבעטער אַף דער טריבונע: יונגע, אַלטע, פרויען און מיידלעך.

איך וואַרף אַרויס אַפן טיש עטלעכע ביכער, די ביכער גייען אום פון האַנט צו האַנט.

גראָוועע בערד, צעקנייטשטע פּנעמער, אויסגעבלאָזענע לונגען דערציילן שטום פון טפיסעס, שטרײַקן, בונטן, הונגער, רעוואָליוציע.

פון אַ ווינקלדיקער באַנק הייבט זיך אויף אַן אַלטער הוטניק און גייט פּאַמעלעך צו דער טריבונע. פיר הונדערט פּאָר אויגן גייען אים נאָך. ער בלײַבט שטיין אַף דער טריבונע, דערלאַנגט מיר אַ ברייטע האַנט און הייבט אָן ריידן:

— איך בין אַליין אַ קאַמענעבראָדער אַרבעטער.
— מיר האָבן שוין דאָס געהערט, פּײַוויש, — רײַסט איבער אַ שטים פון זאַל.

— דו האָסט עס געהערט, און דער כ׳ דאַניעל ווייסט ניט דערפון. ווײַל אַ קאַמענעבראָדער הוטניק איז ניט קיין באַראַוואָוקער. ווײַטער וויל איך אײַך

געבן צו פאַרשטיין, אַז אײַער אַרטיקל, ווו איר באַשרײַבט, וויאַזוי די פּאָפּלאָווער האָבן זיך געשלאָגן מיט די פּאָליאַקן, איז זייער א נייטיקע זאַך, ווײַל אונדזערע יונגע כעוורע מיינען, אַז אַלץ איז פון הימל אַראָפּגעפאַלן. מע דאַרף זיי דרײַ מאָל א טאָג דערמאָנען, אַז די פרײַהײַט האָט געקאָסט בלוט...

— פּײַוויש, רעדט וועגן ליטעראַטור!

— פּײַוויש, ס׳איז דאָך א ליטעראַרישער אָוונט!

— א, וואָס? — וווּנדערט זיך פּײַוויש. — איך בין עטוואָס אַראָפּ פון וועג?

— ניין, ניין, רעדט ווײַטער, — בעט איך בא אים.

אָבער פּײַוויש האָט שוין פאַרלוירן דעם פאָדעם פון זײַנע געדאַנקען, שטייט א ווײַלע א פאַרשעמטער אויף דער טריבונע, דרייט זיך אויס מיטן רוקן צום אוילעם און בעט ערנסט:

— כאַווער דאַניעל, איך האָב עטלעכע מאָל באַגעגנט אײַער נאָמען אין די צײַטונגען, איז אָט, דרוקט אָפּ, אַז פּײַוויש דער קאַמענעבראָדער — אַזוי זאָלט איר טאַקע אָנשרײַבן, ווײַל אין באַראַנאָווקע איז דאָ א צווייטער פּײַוויש, א געוועזענער הענדלער, אַרבעט ער איצט בא אונדז אויף דער פאַבריק. ער איר אַפילע הײַנט אויפן אָוונט ניט געקומען, מוז אַרײַנכאַפּן בישטיקע א מײַרעוו, ווייל איך ניט, מע זאָל מיך מיט אים פאַרבײַטן. יע, איז דרוקט אָפּ, אַז איך טראָג אַרײַן א פאָרשלאָג, עס זאָלן זיך פאַרמעסטן גלײַכע פאַבריקן. די טעכניק זאָל זײַן אין זיי די זעלבע...

דער אָוונט איז געענדיקט.

מיר גייען אַהיים. דרײַ שאַרפע פּאַסן ליכט יאָגן אונדז נאָך פון די קלוב־פענצטער, באַלײַכטן אונדז דעם וועג. די שטעטלדיקע הײַזלעך זעען אין דער פינצטערניש אויס נאָך נידעריקער. זיי שלאָפן שווער און פאַרהאָרעוועט, און בלויז א סריפּע קאָן זיי פון שווערן שלאָף אויפוועקן. אין דער ווײַט שרײַט דער פאַבריק־קוימען. די האַרבסטיקע נאַכט האָט פאַרגעסן עטלעכע שטערן אין הימל, זיצן זיי דאָרט, ווי פאַרשפעטיקטע פּאַסאַזשירן אויף א וואָקזאַלעכל, און וואַרטן אויפן פרימאָרגן. איך גיי אין באַגלייטונג פון יונגע הוטניקעס, איך גיי פאַרפלאָכטן אין א פעסטן געוועב פון אַרבעטער־הענט.

אין די הינטערשטע רייען האָט מען עמעצן געקרוינט מיטן נאָמען „נאַפּטאַלי אָקס", אין די פאָדערשטע רייען וויצלט מען זיך אויף „לייזער דעם שנײַדער, וואָס קאָן קיין קעשענעס ניט מאַכן".

צוויי אַרבעטערנס האָבן שטיל פאַרצויגן א ליד. די איבעריקע האָבן אונטערגעכאַפּט. זינגען די אַרבעטער, זינגט די נאַכט, זינגען די הײַזלעך, זינג איך.

נומ. 3, 1930

אײַזיק זאַרעצקי

„בא אונדז ייִדן". זאַמלבוך פאַר פאָלקלאָר און פילאָלאָגיע. רעדאַגירט פון מ. וואַנווילד. פאַרלאַג פינקאַס גראַובאַרד. וואַרשע, 1923, ז. 623.

אַן אינהאַלטסרײַכער בוך. פאָלקס־לידער, ווערטלעך, מײַסעס אאוו. — פון גאַנאָווים, אַרעסטאַנטן, גאַסן־פּרויען, רעקרוטן און סאָלדאַטן, קינדער; ייִדישע זשאַרגאָנען (פּראָפעסיאָנעלע לעשוינעס — פון גאַנאָווים, קלעזמער, באַלעגאָלעס), פאַרשיידענע שפּראַכלעכע אויספאָרשונגען. אַכוצן אַלגעמיינעם אינטערעס, וואָס די זאַמלונג שטעלט פאָר פאַרן ייִדיש־פאָרשער און פאָלקלאָריסט, קאָן דער אָפּטייל „די קינדער־וועלט" זײַן באַזונדערס אינטערעסאַנט פאַר פּעדאַגאָגן.

מיר קאָנען ניט מאַסקים זײַן מיטן רעדאַקטאָרס באַציִונג צו פאָלקלאָר, אין וועלכן ער זעט אײַן אַן אויסדרוק נאָר פונעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, בייס דער מאַטעריאַל גופע פון דער זאַמלונג (גאַנאָווים־לידער, קלעזמער־לאָשן אאַ.) ווײַזט אַרויס א בוילעטע פּראָפעסיאָנעלע אָפּפאַרבונג. אָבער מיר זײַנען אינגאַנצן מאַסקים מיטן רעדאַקטאָר, ווען ער טרעט אַרויס קעגן דער ביטל־באַציִונג פון דער ייִדישער געזעלשאַפט צו פאָלקלאָר־זאַמלונג. „ווייס איך וואָס — א קו איז געפלויגן איבערן דאַך — פאָלקלאָר. עט; אַן אייסעק פאַר ליידיקגייער, פּוסטעפּאַסניקעס, גרינגע קעפּ". אַזאַ באַציִונג איז שעדלעך.

אין דעם זאַמלבוך איז אַרײַנגעלייגט א מאַסע אַרבעט, וויכטיקע און נייטיקע אַרבעט. טאַקע פון דעם בוך דערוויסן מיר זיך וועגן יענער עמעס־קאָסאַלער זאַמל־אַרבעט, וואָס ווערט אויסגעפירט

דער מאָסקווער „עמעס" און דער כאַרקאָווער „שטערן" פלעגן אַרויסלאָזן אין די ייִדישע קאָלווירטן אַרויספאָר־צײַטונגען. אויפן בילד — א מאָנטאַזש פון אילוסטראַציעס צו די מאַטעריאַלן אין די דאָזיקע צײַטונגען.

פון עטלעכע, אף די פינגער איבערצוציילן, ליבהאָבערס פון ייִדישן פאָלקלאָר, און וועגן יענע קאָלאָסאַלע שוין אָנגעזאמלטע אויצרעס, וואָס ווארטן יאָרנלאַנג אף פובליקירונג און ווערן גאָר אמאָל א קאָרבן פון אויסערלעכע קאטאסטראָפעס. אין דער מילכאָמע־צײַט איז פארברענט געוואָרן א גרויסע פאָלקלאָר־זאמלונג פון פינכעס גראובארד. בא שמועל לעמאן געפינט זיך 20.000 שפריכווערטער, 5000 ליבע־לידער, 500 פאָלק־מעלאָדיעס אאוו.

„בא אונדז ייִדן" איז, ווי געזאָגט, א רײַכער און אינטערעסאנטער בוך. ער קאָן רעקאָמענדירט ווערן פאר ביבליאָטעקן און אויך פאר יעדערן, ווער ס׳שטייט נאָענט צו דער ייִדישער שפראך. כ׳וועל זיך ניט אָפשטעלן אף כעסרוינעס פון דער וויסנשאפטלעכער זײַט, דעהײַנע אף פאלשע דערקלערונגען פון אייניקע ווערטער. דאָ איז פאר אונדז סאָפקאָלסאָף וויכטיק ניט די באארבעטונג פון מאטעריאל, נאָר די אופזאמלונג.

נום. 1, 1926

ס. באָראָוואָי. „סקיצן פון דער געשיכטע פונעם ייִדישן בוך אין אוקראַינע". 1. (דאָס ייִדישע בוך אין אוקראַינע אין דער טקופע פון כאסידיזם). קיִעוו, 1925, ז. 14.

„די ייִדישע ביבליאָפילן האָבן ביז איצט געלייגט ווייניק אכט אף די פראָדוקטן פון די אוקראַינער דרוקערײַען. צעבאלעוועט פון דער צוציִענדיקער שיינקײַט פון די איטאליענישע אויסגאבן, פון די ווונדערשיינע שריפטן פון אמסטערדאם, פון די גראווירטע שארבלעטער פון פראָג און פירסט, פון דער עקזאָטישקײַט פון קאָנסטאנטינאָפּאָלער, סאלאָניקער און סמירנע־דרוק — האָבן זיי פארבײַגעלאָזן די אָרעמינקע, אמאָל מיט נאיִווער בידנעקײַט, צוגעפוצטע ביכער.

און דאָך זײַנען אָט די ביכער ערשט די איינציקע, וואָס האָבן פארהיט די רעשטלעך פון א פארגאנגענער וועלט, ריכטיקע און אייביק לעבעדיקע איידעס פון א קאמף, וואָס איז שוין אנשוויגן געוואָרן"...

אזוי ענדיקט דער אווטאָר די בראָשור. דער אינהאלט פון די עלף מיט א האלבן זײַטלעך איז — עטלעכע פאקטן פון דער געשיכטע פון ייִדישע דרוקערײַען אין אוקראַינע, א פאָר ווערטער וועגן צענזור אף ייִדישע ביכער און פאָטאָגראפיעס פון די שארבלעטער פון זיבן אלטע העברעיִשע ספאָרים.

די בראָשור איז באצייכנט מיט דער ציפער 1 — עפשער וועלן די ווײַטערדיקע נומערן באפרידיקן דעם אינטערעס, וועלכן ס׳דערוועקט דער נאָמען פונעם ביכל.

א. ז.

נום. 1, 1926

א. גורשטיין

צו דער פאָרשונג פון די ייִדישע קלאַסיקער

ז. שנייער: 1. פון דעם „זיידנס" קוואל. 2. שאָלעם־אַלייכעמס אָנדענקען. „קלאל־פארלאג", בערלין, 1922. זײַטן 60—64. („קלאל־ביבליאָטעק", 21—22 און 23—24).

דער מעמוארן־שרײַבער איז שטענדיק אין א גרעסערער אָדער קלענערער מאָס א דערציילער וועגן זיך זעלבסט, אזוי צו זאָגן אן אווטאָביאָגראף. און עס איז אזוי אויסגעקומען, אז ז. שנייערס צוויי ביכעלעך, וואָס דארפן דערציילן וועגן מאָנומענטאלע דערשײַנונגען פון אונדזער קלאסישן פעריאָד — מענדעלע און שאָלעם־אַלייכעם, זײַנען פארוואנדלט געוואָרן אין א דערציילונג וועגן א ייִדישן אינטעליגענטישן באלעבעסל, וועלכער איז די מאָנומענטאלע דערשײַנונגען בײַגעווען.

„מיר, ייִדן, מעגן געוויס דאנקבאר זײַן דעם גליקלעכן צופאל, וואָס האָט אונדז געשענקט שאָלעם־אַלייכעמען", זאָגט שנייער אין זײַן ביכעלע (ז. 43). און אָט דער באלעבאטישער „מיר־ייִדן"־טאָן לייגט אוועק זײַן שטעמפל אף אלע שנייערס באטראכטונגען און באהויפטונגען.

די פאקטן, וואָס ז. שנייער ברענגט פון שאָלעם־אַלייכעמס לעבן, זײַנען אָדער ניט באוווּסט אָדער זיי האָבן ניט קיין איבעריקע באדײַטונג. דערבײַ רעדט דעם מעכאַבערס באנאליטעט אָפטמאָל שיין, נאָר פראנק און פרײַ: די פרוי איז געוועזן אין שאָלעם־אַלייכעמען — „שטערבלעך פארליבט" (24) אאוו. עס איז אויך צו באוווּנדערן די עכט־סאָכרישע שפראך פונעם ביכל: „שאָלעם־אַלייכעם האָט זיך אָפגעשטעלט אף זײַן... סאמע שלעכטן געשעפט — ליטעראטור" (34). „יעדער געוווּנענער רובל אף דער בירזשע קאָסט דערנאָך א סאך רובלס רעבעגעלט" (27), די „ווערק האָבן... געגעבן זייער פארפאסער א שיינעם רעווער" (49).

דאָס ביכעלע וועגן מענדעלען („פון דעם „זיידנס" קוואל") פארמאָגט שוין יאָ א געוויסן אינטערעס. עס אנטהאלט מענדעלעס „ווערטלעך", און אין דעם פראט איז דאָס ביכעלע אין א געוויסן זינען א פאָרזעצונג פון בען־אמיס ארטיקל „רעב מענדעלע שעבעאל־פע" (זע קלעצקינס „פינקעס". ווילנע, 1913). די ביידע מעכאברים, בען־אמי און שנייער, יעדער אף זײַן אויפן, האָבן, פארשטייט זיך, „סטיליזירט" מענדעלעס „געשפרעכן". איז עס, אפאָנעם, דעם מעכאבער צו פארדאנקען, ווען דער עפעקט פון די „ווערטלעך" איז ניט אלעמאָל לעטויוועס מענדעלען.

ניט געקוקט אָבער אף דעם אלעמען, גיט שנייערס ביכעלע, כוץ אייניקע קלייניקײַטן, וואָס כאראקטעריזירן מענדעלעס ארט שרײַבן, א ריי דעטאלן פון מענדעלען „אין זײַן געוואנטענעם האלבצילינדער הוט" (29).

וואָס אָנבאלאנגט שנייערס לידער, וואָס זײַנען געבראכט אין די ביידע ביכלעך, שפראָצט אין זיי יענע ייִדישלעכקײַט, וואָס מענדעלע און שאָלעם־אַלייכעם האָבן אין זייער שאפונג קינסטלעריש סטיליזירט.

נום. 4, 1924



נאַכעם אויסלענדער

דער נײַער ליטעראַרישער עטאַפּ

מיר ווייסן:

א ליטעראַטור, וואָס האַלט אין דער רעכטער מיט פון איר אַנטוויקלונג, פאַרמאָגט פרײַער פאַר אַלץ פילפאַכיקײַט. אַזאַ ליטעראַטור אָבער, וואָס הייבט ערשט אָן אויסבילדן זיך, האָט, אין פלוג, נאָר איין פאַך: זוכן איר אייגענעם ווירקונגס־קרײַז און אירע אייגענע ווירקונגס־קרעפטן.

און דאָס איז געווען דער פאַל מיט דער ייִדישער ליטעראַטור פון ראַטן־רוסלאַנד.

אָנצוהייבן די ליטעראַטור־אויסבילדונג פון אָנהייב — דאָס איז געוואָרן אומפאַרמײַדלעך נאָך אין די ערשטע רעוואָליוציע־יאָרן.

די רעוואָליוציע האָט אופגעהויבן פון אומבאַקאַנטקײַט און אומבאַדײַטנדיקײַט א נײַעם שיכט, דעם אָקטיאַבער־שיכט.

פון איינצלנע דערשײַנונגען, אין וועלכע עס איז נאָך שווער געווען אָנצוטאַפּן דאָס טאָנגעבנדיקע און ווינטיקסטע, האָט זיך געשאַפן דער נײַער לעבנס־אינהאַלט.

אין דעם דאָזיקן ווידעראַנאַנד האָט די ליטעראַטור געזוכט איר נײַע קינסטלערישע אָרײַענטאַציע, איר אידייִישן צענטער, אַרום וועלכן די נײַע קינסטלערישע אַטמאָספער זאָל געשאַפן ווערן.

איר טרײַב־קראַפט איז געווען דער גלויבן אין דער רעוואָליוציע, דער שאַפונגס־ווילן, וואָס איז אין דער רעוואָליוציע געבאָרן.

— אונדזער נײַע קינסטלערישע סוויווע איז אָקאָרשט באַשאַפן געוואָרן, — אַזוי האָט מען געקענט זאָגן ערשט נעכטן, אפילו הײַנט.

— אונדזער ליטעראַטור האַלט ערשט אין אויסבילדן זיך, — אַזוי האָט זיך געהערט סײַ נעכטן, סײַ הײַנט.

און מאָרגן?

גלייבט זיך, אַז מיט דעם פאָרמירונגס־פּעריאָד, מיט אַלע אומפאַרמײַדלעכע צווישן־שטופן האָט אונדזער ליטעראַטור פאַרענדיקט איינמאָל און פאַר אַלע מאָל.

גלייבט זיך אויך, אַז די, וועלכע האָבן צוריק מיט עטלעכע יאָר אונדזער איצטיקע ליטעראַטור אָנגעהויבן שאַפן, וועלן אין גאַנג פון דעם נײַעם ליטעראַרישן עטאַפּ אַרויסטרעטן שוין ווי רײַף־געוואָרענע שעפער, ווי אויסגעוואַקסענע קינסטלערישע פּערזענלעכקײַטן. דעמלט וועט אויך באַטראַכט ווערן יענער ווײַטצײַענדיקער פּראָבלעמען־וועג, וועלכער איז ביז איצט נאָר קוים אָנגעמערקט געוואָרן בא אונדז. אָבער די זעלבע קינסטלער, נאָך דעם, ווי זיי האָבן איבערגעלעבט די פילבאַדײַטנדיקע באַגעגעניש פון אונדזער טיף־געוואָרצלטן פּרימיטיוו מיט דער אָנגעזאַמלטער ליטעראַרישער קולטור, וועלן די דאָזיקע באַגעגעניש ווי געהעריק אָפּשאַצן. זיי וועלן אויך אָף ווײַטער טראָגן דעם באַוווסטזײַן, אַז נאָר אין עם סינטעז פון אָט די עלעמענטן ליגט די צוקונפט פון דער רעוואָליוציע־ליטעראַטור.

דער קאָנקרעטער רעוואָליוציאָנערער לעבנס־אינהאַלט פאַרבלײַבט און וועט פאַרבלײַבן דער יעסאָד פון אונדזער ווײַטערדיקער ליטעראַטור־אַנטוויקלונג.

שמועל האַלקין

לייגט אַוועק די העמערלעך

לייגט אַוועק די זעגעלעך
און לייגט אַוועק די האַק —
לויפט אַהיים זיך זעגענען,
מיר פאָרן אין אַרבפּאַק...
גיך פאַרבײַ דער זומער איז
מיט זומערדיקן טשאַד —
ווער סע פאָרט קיין מאָסקווע
און ווער אין לענינגראַד...
געקומען — דאָ געהאָרעוועט,
געהאָרעוועט גענוג —
פאַרזייט אָף גאַסן כאָרעווע
א לידל פון קאָמיוג:
געטער פון די הימלען הויך
הערשער פון דער ערד —
אײַך אַלעמען פאַרשימלטע
מיט בעזעמער פאַרקערט.

זעליק אַקסעלראָד

בא שײַן פון פּרי

בא שײַן פון פּרי איז פריש אַזוי מײַן לײַב,
און קאַלטע וואַסער איז גוט אָף זיך צו גיסן...
בא שײַן פון פּרי, ווען קאַלטע בלויקײַט שווײַגט,
טראָג איך דער ערשטער אָף גאַסן גריסן...

אָף שטילע שפּיצן שפּילט דער האָריזאָנט,
און זון גייט אויף אָף זיי אין רויטן שטײַגן...
אַלעמען אַצינד וואָלט איך צעקושט פון נאָענט,
אַלעמען געהייסן מער ניט שווײַגן.

נאַכט איז טיף — נאַכט איז שוין אַוועק,
און פרײַע גאַסן זײַנען ליכטיק אַלע.
טראָגט מיך אום, א לויטערן, דער וועג
אין פרײַער שײַן, וואָס איז אָף שטאָט געפאַלן.

איציק פעפער

ס'איז דאָ א ליד

ס'איז דאָ א ליד, וואָס איז נאָך ניט געבאָרן,
זי שטראָמט אין אונדז, ווי ריטשקעס שטראָמען אין א טאָל.
די שאָ די הײַנטיקע איז ניט ווי פאראיאָרן,
די ליד די הײַנטיקע איז אויך ניט ווי אמאָל.

מײַן ברוסט איז פול מיט שורעס און מיט טומל,
איך ווייס, אז טומל איז פון קינדווײַז מיר באשערט.
ווײַל אלץ, וואָס נעכטן איז געהאנגען אפן הימל —
איז הײַנט צעשלײַדערט שיקער אף דער ערד.

דערפאר איז גרינג אף מײַנע שליאכן שפאנען
און וואַרטן אף דער קומענדיקער שאָ.
נאָר וויפל דיכטער זײַנען שוין פאראַנען —
און קיין לידער זײַנען נאָך ניטאָ.

ס'איז שאָטן דאָ אין אלע קלאָרסטע קלאָרן,
און צארטקײַט איז פאראַן אין טיף פון הארטסטן שטאָל.
ס'איז דאָ א ליד, וואָס איז נאָך ניט געבאָרן,
זי שטראָמט אין אונדז, ווי ריטשקעס שטראָמען אין א טאָל.

נום. 1, 1926

נויעך לוריע

זאַוול „די פּיס”

פראגמענט

אף דער סטאנציע באם פראָנט האָבן זיך אויסגעלאָדן עשעלאָנען מיט יונגוואַרג, געשיקט אהער פון רויטע צאָפּן־שטעט, — פעקלעך יונגוואַרג, ערשט אראָפּגענומענע פון פאבריקן, פריילעך־פּארכאַ־ווערטע, מיט שוטפישע קעסעלעך, מיט שפּילנדיקע קערפּערס, מיט הילכיקע שארף־געזאלצענע רייד, רייד, איבערגעוואָרפענע פון בינטל צו בינטל, ווי פּילקעס אינדערלופטן.

א מעסלעס זײַנען זיי געשטאנען, און אפן צווייטן — מיט ייִנגלשן טראָט אוועק אין פעלד ארײַן.

אין פעלד האָט געזאָטן די שלאכט.

און ס'איז געווען אזא קינדערשער פּאכעד און אזוי שיקערלעך גרינג ארײַנצוטרעטן צום ערשטן מאָל אין יענע פעלדישע רוימען, וואָס זײַנען פול מיט ביטערן רויך, מיט פארביסענעם פײַף, און נאָך איידער זיך ארומגעזען און צו־זיך געקומען, שוין ווארפן די לײַבער פאָרויס, באמערקן מיט כידעש, וויאזוי באם כאווער, בא דער זײַט מיט דיר, פארענדערט זיך מיטאמאָל דאָס פּאָנעם, ער טוט זיך א שאָקל און פאלט.

אין שטאָט האָט מען דאָס שרײַען ניט געהערט, ניט קיין מענטש, ניט קיין שאָטן פון מענטש ניט געזען, מע האָט געהערט קלעפּ אין דער ערד, און באנאכט האָט מען געזען, ווי סע בליצן די הימלען.

נאָר רויטארמייער זײַנען ארום שטאָט געווען, מיט ביין און פלייש, — אין ריוועס, אין נאסן שניי, אין פײַער און געפײַף. דאָרט איז אויך קיווע געווען, און נאָך א סאך באקאנטע און נאָענטע. דאָס מיידל האָט געקוקט פון דער הייך אף די פארנאכטיקע פעלדער. און כאָטש די פעלדער, ווי ווײַט דאָס אויג דערלאנגט, זײַנען געווען וויסט און הויל, האָט זי זיי פונדעסטוועגן געזען, די ברידער, דאָרט באם פארוואָלקנטן זוים האָריזאָנט, ווי זיי פויזען, שארן זיך אין וואסערדיקן שניי אף די בײַכער — צו דער שטאָט, צו דער שטאָט.

רויטארמייִשע פּאָלקן האָבן זיך פארמאָסטן אף דער שטאָט מיט ברייטן און זיכערן מאנעווער.

נום. 1, 1926

עזרא פינינבערג

פון „לאנד און ליבשאפט”

און מיר זײַנען דאָך אין קרעפטיקײַט אין
גרויסער!
ברידער, הענט מײַנע אף אײַערע פארברוינטע
העלדזער.
אין מײַן פאָרעניש — א הויל און בלויזן אוישער
כ'טרעף זיך פלוצלינג — און געפעל זיך.

כ'בין אין לעצטן שניי־פארנאכט ארויסגעפאָרן,
איז באפאלן יונגקײַט פריילעכע די נעשאָמע:
לאָמיר בויען שטעט מיט הויכע גאָרנס,
שיינע גערטנער פלאנצן לאָמיר!

לעצטער שניי־באנאכט, און ס'קלינגען קויכעס,
ריינע קויכעס, וואָס געבוירן פרילינג.
ברידער, לאָמיר אופשטעלן פאלאצן הויכע,
ס'זאָל אין זיי די יונגקײַט שפּילן!..

מאָסקווע, פון דײַן פרישער קוואליקײַט
א שעפּ טאָן,
מאָסקווע, מיט געשווינדע ווינטן דײַנע פליען!
מאָסקווע, אף די פלעצער דײַנע טראָגן קרעפטן,
יונגקײַט טאנצנדיקע, גרינגן פריי־יאָר!..

נום. 1, 1926

פֿאַרעפֿנטלעכט אין זשורנאַל



שמועל ראָסין

אווראָם רייזענען

ביסט מיר ליב און פון אַמאָל נאָך נאָענט,
און אַצינד — ביסטו מיר ליבער נאָך און נעענטער:
וויפל, וויפל שווײַגנדיקע אָוונטן
כ׳האָב אַף דיר אין אײנזאַמקײַט געלענט...
יענע אָוונטן ווינטערדיקע, האַרבסטיקע,
נאָך שווערער מי, אַף אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען,
איז דײַן ליד די וואַרעמע, די האַרציקסטע
אונדזער אַלעמענס געזאַנג געווען.
ס׳האָט דײַן ליד מיט אַלעמען געטרייסט דאָך
און געוועקט, גערופן אונדז אַף צײַטן בעסערע, —
אָט פאַרוואָס אין רייען אונדזערע
וועט דײַן ליד אַף קיינמאָל ניט פאַרגעסן זײַן.

נומ. 9—10, 1926

עליע אַשעראָוויטש

יובילײ־געדאַנקען

מיר פײַערן דעם פינפיאָריקן יובילײ פון „שטערן".

וואָלט עמעצער זיך געקאָנט פאָרשטעלן, אַז דאָס אָפּגעשטאַנענע ווײַסרוסלאַנד זאָל קאָנען האָבן אַן אייגענעם ייִדישן זשורנאַל, אַן אייגענע גרופּע ייִדישע שרײַבער?

די קאָמוניסטישע פאַרטײ, די סאָוועטנמאַכט אַקטיוויזירט די אַרבעטער, רופט אַרויס צום לעבן פאַרבאַהאַלטענע טאַלאַנטן, וועלכע זײַנען דאָ צווישן די מאַסן אָן אַ שיר.

ס׳האָבן זיך גענומען ווײַזן יונגע קויכעס: די גרופּע „יונגער אַרבעטער".

נײַע, שטאַרקע, קרעפטיקע ווערטער האָבן זיך דערהערט צום ערשטן מאָל אין דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור.

אַף ווײַטער? דער „שטערן" מוז מיטהעלפן דער פאַרטײ און די סאָוועטישע אָרגאַנען אויספילן די אויפגאַבן פון דער סאָציאַליסטישער רעקאָנסטרוקציע פון לאַנד, מיטהעלפן אויסוואָרצלען די רעשטלעך פון קאַפּיטאַליזם, שטעלן זיך מיטן פּאָנעם צו דער פאַבריק, צום קאָלווירט, פאַרווירקלעכן דעם פּראָמפינפּלאַן „דעם פינפיאָר אין פיר יאָר".

וואָס מער פּראָלעטאַרישע טעמאַטיק, וועלכע דאַרף און מוז באַווירקן דעם באַוווסטזײַן פון אַרבעטער, באַקעמפנדיק אין אים די אַלטע טראַדיציעס, די צעכישקײַט, די נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען; טעמאַטיק, וועלכע זאָל אַרויסרופן ענטוזיאַזם און ווילן צום קאַמף, צו בויען דעם סאָציאַליזם; טעמאַטיק, וועלכע זאָל ווײַזן דעם וועג פון שאַפן אַ נײַעם לעבנשטייגער; טעמאַטיק, וועלכע זאָל אָפּשפּיגלען און באַווירקן דעם פּראָצעס פון דער קאָלווירטישער בויונג, באַטאָנענדיק די אינטערנאַציאָנאַלע מאָמענטן אין דער דאָזיקער גראַנדיעזער בויונג.

נומ. 5—6, 1930

אַרן קושניראָוו

פון דער ליד „דער מאַפּישער ערשטער קאָהאָרטע"

איך בין פאַרבליבן דער זעלבער,
כ׳פאַרטראָג ניט אין לעבן, אין שטרײַטן
די נאָכגיביקע קעלבער,
וואָס זויגן פון צוויי אײַטערס.

כ׳פאַרהאַס מיט סינע פאַרטיפּטער
די סאָנים מיט קוויטשעדיק שטימכל,
וואָס האָבן געביסן גיפטיק
און קומען אַצינד צו אַ סימכע...

מיר זײַנען געגאַנגען אין שלאַכטן,
צעהאַקט פאַרפלאָנטערטע קניפּן,
און זיי — אונדז באַגלייט מיט פאַראַכטונג
אַף דינע יעוונוכישע ליפּן...

מײַן פאָרוווּרף וועט הײַנט זיי פאַרבײַגיין,
מײַן רעגונג — ביט זיי וועט מיינען,
זיי וועלן אין דיכטערשן שווײַגן
זייער אורטייל ליי׳נען...

נומ. 5 — 6, 1930

אונדזערע אופגאבן

פאַרעפנטלעכט אין זשורנאַל

די ערשטע כוידעשלעכע טריבונע פון דער אָרגאַניזירטער יידישער פראָלעטאַרישער ליטעראַטור — דער „פראָליט", איז א צווייַג פונעם פראָלעטאַרישן שאפן צווישן אלע פעלקער פון פססר.

דער גרעסטער טייל יידישע ארבעטער פון פססר וווינט אין אוקראַינע. דאָ האָבן זיי זיך באטייליקט אינעם רעוואָליוציאָנערן קאמף ביז אָקטיאבער, צוזאמען מיט די אוקראַינישע ארבעטער, און מיט די ארבעטער פון די איבעריקע פעלקער האָבן זיי זיך באטייליקט אין בירגערקריג, צוזאמען בויען זיי איצט דעם סאָציאַליסטישן ביניען. דעריבער וועלן אין „פראָליט" דאָמינירן אזוינע קינסטלערישע ווערק, וואָס וועלן אָפּשפיגלען די דאָזיקע עטאפּן.

אָט די דרייַ עטאפּן, וואָס דער ארבעטער האָט דורכגעמאכט בלויז אין אוקראַינע, — עטאפּן שווערע און ראָמאנטישע, גרויזאמע און היסטאָריש־פּאראנט־וואָרטלעכע, — אָט די עטאפּן ווארטן נאָך ביז איצט אף יענעם קאָלעקטיוון מייַסטער, וואָס זאָל זיי קינסטלעריש סינטעזירן, קינסטלעריש אנטפּלעקן, אָבער אָן זיסלעכע סענטימענטן, אָן נאציאָנאַליסטישער גייַווע און אָן קליינשטעטלדיקער קורצזיכטיקייַט.

קינסטלעריש געבן דעם ארבעטער אלס פאָן־טרעגער פון אונדזער עפּאָכע, געבן אים אין די פארשיידענע עטאפּן פון אונטערערדישן קאמף, רעוואָליוציאָנערן אָנגריף און סאָציאַליסטישער בויונג, — דאָס איז א קאָלאָסאלע אופגאבע.

דער ארבעטער האָט שוין לאנג פארדינט, אז זייַן טראָט, זייַן שווונג זאָלן מאָנומענטאַליזירט ווערן אין דער יידישער ליטעראַטור.

מיר קאַנאָניזירן ניט קיין שטרענג־באשטימטן סטיל, ווייַל יעדער סטיל, וואָס באצייכנט די שאפונג פון א קלאס, די שאפונג פון אן עפּאָכע, קריסטאַליזירט זיך ניט אויס אין די ערשטע טעג פון געבוירן, נאָר אין פּראָצעס פון דויערנדיקן שאפן.

קעדיי בעסער צו אָרגאַניזירן דעם קינסטלערישן מאטעריאל, וועלן מיר זיך לערנען בא די גרעסטע קינסטלער פון אלע צייַטן. נעמען אָבער וועלן מיר בא זיי נאָר יענץ, וואָס האַרמאָנירט מיטן נייַעם סאָציאַלן אינהאלט.

די פראָלעטאַרישע ליטעראַטור איז שוין בא הייַנטיקן טאָג א באדייַטנדיקער פאקטאָר; דער „פראָליט" וועט מיטהעלפן, אז איר פארנעם זאָל פארטיפערט ווערן, אירע קינסטלערישע מיטלען זאָלן בארייַכערט ווערן. דער „פראָליט" וועט שטרעבן צו געבן מוסטערן פון פראָלעטאַרישן שאפן, און דערמיט מיטהעלפן, אז דער אידעאָלאָגישער און קינסטלערישער אייַנפלוס פון דער פראָלעטאַרישער ליטעראַטור זאָל זיך פילן אין דער גאנצער יידישער ליטעראַטור.

נום. 1, 1928

איציק פעפער

ליטעראַטור דאַרף זייַן אקטיוו

נאָטיצן

די אופגאבן פון דער פראָלעטאַרישער ליטעראַטור זייַנען זייער קאָמפּליצירטע.

ערשטנס, דאַרף זי זייַן א קוואַליפיצירטע ליטעראַטור, א ליטעראַטור, וואָס שטייט אף דער הייך פון אונדזערע קינסטלערישע דערגרייכונגען.

נאָך מער: זי דאַרף קעסיידער שטרעבן צו נייַע פאָרמען, צו נייַע דערגרייכונגען, צו א זעלבשטענדיקן קינסטלערישן סטיל. מיר פאַרמינערן ניט דעם באדייַט פון פאָרם: פאַרקערט, מיר רעכענען, אז וואָס שענער, וואָס בילדערישער, וואָס שטארקער און אויסדריקלעכער דאָס ווערק איז, אלץ בעסער דינט עס אונדזערע צילן. פאָרם איז אָבער ניט קיין זעלבסטציל. פונקט ווי ליטעראַטור ביכלאַל איז עס ניט.

ליטעראַטור איז, ווי אנדערע געביטן פון קונסט, נאָר א מיטל, און קעדיי זי זאָל דינען אונדז און ניט עמעצן אנדערש, דאַרפן מיר ברייט עפענען די טירן פארן נייַעם אינהאלט,

פאַרן נײַעם מענטשן, פאַר די נײַע באַמיִונגען, פאַרן נײַעם שטייגער.

אָף וועמענס זײַט איז דער שרײַבער?

וועמען סימפּאַטיזירט ער: די רויטע, צי די ווײַסע, דעם אָרעמען פּויער, צי דעם באַלעגוף, דעם אַרבעטער, צי דעם הענדלער, דעם, וואָס דרייט די ראָד, אָדער דעם, וואָס שטערט זי דרייען?

אָט די פראַגע איז איצט די צענטראַלע.

די נאָענטסטע אופגאַבע (יאָ, אופגאַבע!) פון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור איז אַרײַנפירן דעם העלד פון אונדזער עפּאָכע, די אַרבעטער־מאַסע.

ליטעראַטור דאַרף זײַן אַקטיוו.

מיר דאַרפן די טעמע אַזוי קינסטלעריש אָרגאַניזירן, אַז זי זאָל שפּילן אַן אַקטיווע ראָליע אינעם פּראָצעס פון סאָציאַליסטישן בויען.

נומ. 6, 1928

אווראָם אבטשוק

וועגן נײַע ליטעראַרישע זשאַנרען

די פראַגע וועגן נײַע ליטעראַרישע פאָרמען, וועגן זייער פאַרשיידנאַרטיקײַט באַשעפטיקט איצט שטאַרק די מויכעס פונעם שרײַבער, פונעם לייענער — סײַ אין ראַטנפאַרבאַנד, סײַ אין אויסלאַנד.

וועגן די דאָזיקע פראַגן קומט פאָר א לײַדנשאַפטלעכע דיסקוסיע אָף די שפּאַלטן פון דער אייראָפּעיִשער פּרעסע.

עמעס, די דיסקוסיע נעמט דאָרט אָן א פאַרקריפּלטע פאָרם, — דאָרט דערעדט מען זיך דערצו, אַז די עלטערע ליטעראַרישע זשאַנרען, ווי דער ראָמאַן, דאַרפן אונטערגיין און זייער אָרט זאָל פאַרנעמען דער פעליעטאָן.

ס'איז גאַנץ פאַרשטענדלעך, אַז ניט אַזוי דאַרף געשטעלט ווערן די פראַגע: ראָמאַן אָדער פעליעטאָן? אָבער אַז דער לייענער פאָדערט נײַע ליטעראַרישע פאָרמען, — דאָס איז א פאַקט, און אונדזערע זשורנאַלן דאַרפן עס נעמען אין אַכט.

עמעס, מיר קענען אין דער ייִדישער ליטעראַטור זיך ניט קלאָגן, אַז מיר האָבן שוין דעם גרויסן ראָמאַן, וואָס זאָל דריקן אָפן לייענער, וואָס זאָל דאָמינירן איבער אַנדערע זשאַנרען, בִּכלאַל האָבן מיר ניט קיין גרעסערע לײַוונטן אין אונדזער נאָכאָקטיאָבערישער ליטעראַטור, און דאָך מוז מען אָנערקענען, אַז אייניקע ליטעראַרישע פאָרמען פעלן בא אונדז.

ווו איז די נאָוועלע? — די פרײַשע נאָוועלע, ווו עס זאָל זײַן לעבנס־דערפאַרונג פון אונדזער טאָגטעגלעכן זײַן?

ווו איז דער קינסטלערישער פעליעטאָן, וואָס האָט זיך נאָך אין אונדזער פּאָראָקטיאָבער־ליטעראַטור אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען?

ס'איז א פראַגע פון קוואַליפיקאַציע, פון וווּקס — און דעריקער אייכעסדיקן וווּקס — פון אונדזער ליטעראַטור, א פראַגע פון אינטערעסאַנט מאַכן פאַרן אַרבעטער־לייענער אונדזערע זשורנאַלן.

אונדזער שרײַבער־אָרגאַניזאַציע דאַרף זיך מיט דער פראַגע אָפּן נאָענטן צוזאַמענפאָר פאַרנעמען און געפינען די וועגן, וואָס זאָלן מיטהעלפן פאַרברייטערן דעם האָריזאָנט פונעם שרײַבער און פילזײַטיקער, פאַרביקער מאַכן זײַן ליטעראַרישע פּראָדוקציע.

נומ. 1, 1928

ליטעראַרישע נאָטיצן

גלויביק

אונטער אַזאַ קעפּל האָט ה. לייוויק אָפּגעדרוקט אין דער ניו־יאָרקער „פרײַהײַט" א ליד.

נאָך א גאַנצער ריי אומעטיקע לידער זײַנע האָט דאָס דאָזיקע געמאַכט אָף אונדז דעם בעסטן אײַנדרוק. מיר האָבן געלייענט לייוויקס וועג־נאָטיצן, ווו ס'האָט געהערשט א יאָמטעוודיקע שטימונג, מיר האָבן געפילט דעם גרויסן איבערבראָך, וואָס איז פאָרגעקומען בא אים נאָך זײַן רײַזע איבערן סאָוועטנפאַרבאַנד. נאָר אין זײַנע לידער האָט זיך דער איבערבראָך ניט געפילט.

דאָס ליד פרייט נאָך מערער, ווען מיר דערוויסן זיך, אַז ס'איז אָנגעשריבן געוואָרן „נאָך א דיסקוסיעלע", פון וועלכער לייוויק איז אַרויס געשטאַרקט, און מיר ברענגען מיט פאַרגעניגן זײַנע קרעפטיקע שורעס:

איז דאָס דער גַירל שוין אַזאַ
פון אייביק?
אָ ניין, אָ ניין, ס'איז בעסערס
מיר באַשערט;
צו לעבן קינדעריש, צו לעבן
גלויביק —
אָף דעם בין איך געקומען
אָף דער **ערד**.

ניט שטעל זיך אָפּ, ניט קוק זיך
אום אָף הינטער —
ס'וועט מיד ווערן דעם
שטיינערוואַרפערס האַנט;
אַהינטער אונדז — א
שטאַרבנדיקער ווינטער,
פאָרויס פון אונדז —
אַן אופגייענדיק לאַנד.

מיר וואַרטן אָף אַזוינע גרויסן. מיר וואַרטן אָף לידער ניט וועגן „שטאַרבנדיקן ווינטער", נאָר וועגן „אופגייענדיקן לאַנד".

מיר וואַרטן מיט אומגעדולד.

נומ. 5, 1928

פרײַנטלעכע שאַרזשן. פון רעכטס— י. דאָברושין (קינסטלער מעלאַמעד) און ה. אָרלאַנד (קינסטלער ראָדניעוו).

פאַרעפנטלעכט אין זשורנאַל

אונדזערע אופגאבעס

דער זשורנאַל „פּאַרמעסט״ (אָרגאַן פון אַלוקראַינישן קאָמיטעט פון סאַוו. שרײַבער) דערשײַנט אין אַ מאָמענט, וואָס איז ביז גאָר פּאָליטיש פאַראַנטוואָרטלעך, אין אַ מאָמענט, ווען עס קומען אָן גרויסע היסטאָרישע עטאַפּן אין דער אַנטוויקלונג פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע, אינעם וווּקס פון אונדזער פאַרבאַנד.

פאַר 15 יאָר רעוואָליוציע האָבן מיר געשאַפן אַ קוואַליטאַטיוו־נײַע ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור, וואָס איז אַן אָרגאַנישער טייל פון דער סאָוו. ליטעראַטור ביכלאַל.

די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור קאָן אָנרופן צענדליקער ווערק (צווישן זיי גאַנץ באַדײַטנדיקע), וואָס האָבן אָפּגעשפּיגלט די רעוואָליוציע און די סאָצבויונג,— באַזונדערס די דאָזיקע פּראָצעסן אין דער ייִדישער סוויווע.

גרויס און פאַראַנטוואָרטלעך זײַנען די אופגאַבעס פון דעם צענטראַלן אָרגאַן פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין אוקראַינע, וואָס דאַרף זײַן אַ בײַשפּיל און ווערן דער ווירקזאַמסטער פאַקטאָר אין דער אַנטוויקלונג פון דער ליטעראַטור, קאַנסאָלידירנדיק אַרום זיך אַלע געזונטע שעפערישע קריכעס, מיטהעלפנדיק דעם יונגן און אָנקומענדיקן שרײַבער.

דער זשורנאַל דאַרף זען סטימולירן אַלע זשאַנרען, זײַן וואָס פאַרביקער אין דער הינזיכט, מיטהעלפן דעם שרײַבער עקספּערימענטירן, שאַפן נײַע זשאַנרען.

איצט מוז ווערן דער צענטראַלער לאָזונג: קאַמף פאַר הויכער קוואַליטעט. קאַמף פאַר קוואַליטעט איז קאַמף פאַר פּאַרטייִשער פּראָלעטאַרישער וועלט־אָנשויונג, פאַר פילאָזאָפישער פּאַרטייִשקײַט, פאַר באַהערשן די פילאָזאָפיע פון פּראָלעטאַריאַט, פאַר לעניניזם אין דער ליטעראַטור, פאַר פאַרשאַרפטער לענינישער פּאַרטייִשקײַט. דאָס איז אײנצײַטיק דער קאַמף פאַר הויכקוואַליפיצירטער פאָרם, וואָס זאָל אימשטאַנד זײַן אָפּן אויסדריקלעכסטן איבערצײַגנדיקסטן אויפן איבערגעבן, שילדערן די נײַע סאָציאַליסטישע באַציִונג בא אונדז אין לאַנד.

מיר שטעלן זיך אין אַ גרויסן פּאַרמעסט, אין קאַמף פאַר באָלשעוויסטישער ליטעראַטור.

נום. 1, 1933.

ליפע רעזניק

צום 17־טן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר

אַזוי ווי מײַן קינד,
אַז ס'עפנט די אויגן גאַנצפרי
אָפּ דער ליכטיקער שײַן,

אַזוי העל, אַזוי נײַ,
אַזאַ ליכטיקער טאָג
פונעם פענצטער ביז בלויִלעכער ווײַט.

מײַן אויג און מײַן האַרץ
צו מײַן לאַנד,
וואָס פון יאַם און ביז יאַם
אַזוי יונג און באַנײַט.

אַזוי איז מײַן האַרץ,—
אַזוי אופגעוואַכט מונטער און העל
איז מײַן לאַנד און מײַן זײַן.

נום. 4, 1934.

איינינעם מיטן ארבעטער־קלאַס

מיר זײַנען געקומען אין דער ליטעראַטור, ווען דער אַרבעטער־קלאַס האָט מיט זײַן בלוט באַפרײַט דעם וועג פאַר נײַע מענטשן, נײַע פּראָבלעמען און נײַער העלדישקײַט.

די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט באַפרײַט און געבראַכט אין דער ייִדישער ליטעראַטור אַ גאַנצן קאַדער אַרבעטער־יונגען, יונגען, וועלכע האָבן אין דער רעוואָליוציע געשעפּט זייער לעבנס־דערפאַרונג, פאָרמירט זייער ווײַטערדיקן שטײַגערישן וועג.

אָן דער רעוואָליוציע וואָלט עפּשער אייבער

שרײַבער־טריבונע

אָדער צוויי דורכגעבראַכן די טויבע וואַנט פון דער בורזשואזער ליטעראטור, אָבער די מערהײַט פון אונדז — און איך צווישן זיי — וואָלטן געגאַנגען פארלאָרן, פונקט ווי ס׳זײַנען געגאַנגען פארלאָרן הונדערטער באַגאַבטע ארבעטער ביז דער רעוואָליוציע.

מיר זײַנען א טייל פונעם ארבעטער־קלאַס, איניינעם מיט אים זײַנען מיר געקומען צום באַפרײַטן וואָרט, איניינעם מיט אים זײַנען מיר געוואַקסן און אָפּגעהאַלטן ניצכוינעס.

מ. דאַנ׳על

נומ. 11, 1933.

דער שרײַבער און זײַן טעמע

מיט א יאָר עלף צוריק האָט א יונגער דיכטער, קימאַט אַן אָנפאַנגער אָנגעשריבן א ליד אונטערן נאָמען „לענין".

דער אווטאָר פון דער ליד האָט דאַן ניט געוווּסט און זיכער ניט געקלערט, אַז גראָד מיט איר האָט ער אָנגעהויבן צו באַטרעטן עפּעס א נײַעם וועג, אַז גראָד אין דער דאָזיקער ליד האָט ער געהאַט דעם ערשטן צוזאַמענטרעף מיט זײַן אייגענער און ערנסטער טעמע.

זינט דאַן האָט די דאָזיקע טעמע אָנגעהויבן באַגלייטן דעם אווטאָר שיר ניט אַף יעדן טראָט פון זײַן שרײַבערישן וועג: אָט קומט זי דירעקט אין א ליד צו א יאָרטאָג, אָדער צוליב א רײַזע־באַזוך אין אוליאַנאָווסק, אָדער אומדירעקט אין א ווינטער־ליד אין מאָסקווע, אָט קומט זי ווי א גלײַכבארעכטיקטער טעמאַטישער קנופּ אין א פּאָעמע וועגן בירגערקריג. און דאַן, גלײַכצײַטיק טאַקע מיט דער פּאָעמע „לעצטער שלאַכט", אַנטשטייען די ערשטע קאַפּיטלען פון דער פּאָעמע „לענין", וואָס זײַנען אָפּגעדרוקט געוואָרן אין 1931 יאָר אין „פראָליט".

מוישע כאַשטשעוואַצקי

נומ. 12, 1933

רעכט אַף טרוימען

ס׳איז אַן אַלטע דערשײַנונג: מיר גיבן א סכעמע, מע שרעקט זיך אָפּט ארויספירן דעם העלד איבער יענער זײַט גרענעץ פון די געפילן און געדאַנקען, וואָס זײַנען געגעבן געוואָרן דעם העלד „פּאָ שטאַטו". לאָז מען מיך ניט שלעכט פארשטיין, איך מיין ניט, אַז די געדאַנקען־וועלט פון העלד זאָל דערווידער זײַן אונדזערע טאָגטעגלעכע נאָרמען, איך מיין, אַז דער פּאָזיטיווער העלד דעריקער זאָל אריבערוואַקסן די דאָזיקע נאָרמעס. נישקאָשע, אויב מירן צוזאַמען מיט אונדזערע העלדן א ביסל א טרוים טאָן. מיר קאָנען עס שוין זיך דערלויבן. און פאַר דעם איז, אַגעוו, זייער צוגעפּאַסט דער זשאַנער פון פּסיכאָלאָגישן ראָמאַן, וואָס אייניקע צו גײַציקע קריטיקערס „סאָטשיניטעלעס", ליטעראַטורשמעקערס האָבן אַזוי פּאָשעט אָפּגעפּרעגט.

מיך אינטערעסירט דער גאַנג פון דער יִדישער בעסערער אינטעליגענץ צו דער רעוואָליוציע. און דעריבער האָב איך זיך גענומען צו א היסטאָרישער טעמע וועגן דער יִדישער אינטעליגענץ, צו „אַרן ליבערמאַן". איך וויל דערלערנען דעם וועג אירן און דערווײַזן די אַנטוויקלונג און איר קומען צו די גרויסע פּלאַצדאַרמען פון קלאַסן־קאַמף.

גרויסע רעוואָליוצ׳אָנערן זײַנען געווען אייניצײַטיק גרויסע טרוימער, שטאַרקע ווילנס, שטאַרקע כאַראַקטערן, האָבן זיי זייערע טרוימען געבראַכט צו די גרענעצן און צו דער געדיכטעניש פון ווירקלעכקײַט.

אַווראָם קאַהאַן

נומ. 12, 1933.

אַן אויסגאַבע פון ב. שאַפּירס געקליבענע ווערק

היאָר איז געוואָרן 10 יאָר זינט עס איז געשטאָרבן דער דיכטער ב. שאַפּיר. דער דיכטער האָט איבערגעלאָזט א סאַך ניט געדרוקטע ווערק, וואָס ווערן אָפּגעהיט אינעם מענדעלע־מוזיי אין אָדעס. צווישן די דאָזיקע מאַטעריאַלן געפינט זיך: א פּאַרטיקע קאָמעדיע, וואָס איז אין 1922 יאָר אָנגענומען געוואָרן צום דרוק אין מעלוכע־פארלאַג און איז איבער צופעליקע סיבעס ניט דערשינען; דער אָריגינעלער טעקסט פונעם ראָמאַן „דער שטומער"—געשריבן אַרום 1912 (באַם דיכטערס לעבן ניט דערשינען); א צאָל גרעסערע און קלענערע דערציילונגען.

א באַזונדערן אינטערעס האָבן די מאַנוסקריפּטן פון ב. שאַפּירס לידער. א טייל פון די דאָזיקע לידער געהערן צו דער צײַט אַרום 1905, זײַנען געשריבן אַף אַקטועלע, פּאָליטישע טעמעס און האָבן מאַכמעס זייער אויסגעשפּראָכן־רעוואָליוצ׳אָנערן טאָן ניט געקאָנט דורכגעלאָזט ווערן דורך דער צאַרישער צענזור.

אין צוזאַמענהאַנג מיטן 10־טן יאָרצײַט נאָך ב. שאַפּירס טויט האָט דער מעלוכע־פארלאַג פאַר ליטעראַטור און קונסט („לימ") באַשלאָסן ארויסגעבן זײַנע געקליבענע ווערק. די אויסגאַבע ווערט צוגעגרייט דורך נ. אויסלענדער.

נומ. 1, 1933

אין דער יִדישער אווטאָנאָמער געגנט

הײַנטיקן זומער האָבן א ריי יִדישע שרײַבער פון אוקראַ׳נע באַזוכט די יִדישע אווטאָנאָמע געגנט בירָאָבידזשאַן. די נאָענטסטע צײַט קלײַבן זיך באַזוכן בירָאָבידזשאַן די שרײַבער האָפּשטיין, אַלבערטאָן אאַ.

די פאַרוואַלטונג פון קינאָפיקאַציע באַם ראַטפאָלקאָם פון רספסר האָט אָפּגעשיקט אין דער יִדישער אווטאָנאָמער געגנט עטלעכע קינאָפילמען מיט אויפשריפטן אַף דער יִדישער שפּראַך.

נומ. 11, 1936.

קינדער־אַלמאַנאַך „רויטער האַלדזטוך"

א רײַך איליוסטרירטער אַלמאַנאַך פאַר קינדער „רויטער האַלדזטוך" דערשײַנט אינגיכן אינעם קינדער־פארלאַג פון אוקראַ׳נע. אינעם אַלמאַנאַך גייען ארײַן דערציילונגען און לידער פון די שרײַבער ל. קוויטקאָ, מ. דאַנ׳על, דער ניסטער, ב. גוטיאַנסקי, עליע קאַהאַן, כאַנע לעווין, ה. אָרלאַנד, ה. בלאָשטיין, ע. פינינבערג, אי. קיפּניס, פּײַוול סיטאָ, מ. כאַשטשעוואַצקי, י. קאָטליאַר, ד. בענדאַס און י. זעלדין.

נומ. 7, 1936.

דאָוויד בערגעלסאָן אין כאַרקאָוו

אין כאַרקאָוו האָט ניט לאַנג צוריק פאַרבראַכט א שטיק צײַט דער כ׳ בערגעלסאָן. כ׳ בערגעלסאָן האָט געלייענט פאַרן טעאַטער זײַן פּיעסע „מידאַס האַדין" און אייניקע בילדער פון א נײַער פּיעסע, וואָס ער אַרבעט איבער פון שאָלעם־אַלייכעמס מאַטעריאַלן. כ׳ בערגעלסאָן האָט פאָרגעלייענט פאַר שרײַבער קאַפּיטלען פון זײַן בוך „בירָאָבידזשאַנער".

נומ. 12, 1933.



עזרא פינינבערג

ווי די פאַנען דײַנע

— צעשפּרייט אַף מיר די פליגל דײַנע,
לאַנד!
צײַט, באַשיץ מיך
מיט אַ גוטער האַנט!

מיט לויכטנדיקע אויגן דײַנע
מיך באַהיט:
אַן דיר איז גאַרניט, גאַרניט,
גאַרניט ניט.

ווי נאָר דײַן שמייכל, לאַנד,
אַף פאַנעם מײַנעם פאַלט,
ווערן אַלע שווערע טויערן
צעפּראַלט,

און ווי די פאַנען דײַנע
אײנעם כוידעש מײַ
הויך און יונג און פריילעך בין איך,
זינגערײַ.. —

נוו. 1, 1934

שמועל האַלקין

מײַן לאַנד

כ'בין דאַנקבאַר דיר פאַר זייער פיל,
נאָר מער פון אַלץ — פאַר דעם געפיל,
וואָס דו האָסט הײַנט אין מיר דערוועקט,
אַז ניט דער ווירבל־ווינט אין וועג
און ניט דער שניי, וואָס שמײַסט און גליט,
קאָן אויסלעשן פון הארץ דאָס ליד.
אַמאָל אין פעלד — דער זעלבער שניי
מיט זײַן געהויל, מיט זײַן געדריי
דערמאָנט האָט מיר אין ווײַסער רו,
וואָס כ'לאָז ביז הײַנט צו זיך ניט צו,
און טיף אין מיר לעבט דער פאַרלאַנג
ניט צולאָזן נאָך זייער לאַנג.

אַרן גורשטיין און מייער ווינער

סאָציאַליסטישער אינהאַלט און נאַציאָנאַלע פאָרם פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור

אין פאַרגלײַך מיט די צווישנווירקונגען פון פאַרשיידענע ליטעראַטורן אין די באַדינגונגען פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, האָבן די צווישנווירקונגען אין אונדזערע ברידערלעכע ליטעראַטורן, וואָס בילדן די אײנהײַטלעכע סאָוועטישע ליטעראַטור, גאָר אַן אַנדער קוואַליטעט, אַ רײַ נײַע, אייגנאַרטיקע שטריכן. דער עפעקט איז דאָ ניט קיין רעזולטאַט פון רײַבונגען, ווי מיר זעען דאָס געוויינלעך אין די קאַפּיטאַליסטישע באַדינגונגען, ווען עס טרעפן זיך צונויף קעגנזעצלעכע אינהאַלטן פון פאַרשיידענע ליטעראַטורן. בײַ אונדז האָבן אַלע אונדזערע ברידערלעכע נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן איין און דעם זעלבן סאָציאַליסטישן טאָך, כאָטש ער באַווײַזט זיך אין די פאַרשיידענע ליטעראַטורן מיט אַ פאַרשיידענעם גראַד טיפקײַט און קלאָרקײַט און פולקומקײַט פונעם אויסדרוק. די צווישנווירקונגען גייען בײַ אונדז אַפּן וועג פון אָנייגענען די פאַרשיידנאַרטיקסטע, פילפאַרביקסטע דערפאַרונגען, וואָס קומען דורך דעם סאָציאַליסטישן לעבן און דענקען אין די פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע (היסטאָריש באַדינגטע) סוויוועס און אומשטענדן. קעגנזײַטיקע ווירקונגען באַטײַטן דאָ: פאַרטיפונג און באַרײַכערונג פונעם סאָציאַליסטישן גרונט־אינהאַלט דורך דער קינסטלערישער קאָנקרעטיזאַציע, וואָס איז געשעפּט פונעם אָרטיקן לעבן. דאָ האַנדלט זיך ניט סתּם וועגן פאַרברייטערונג דורכן צוציִען אין דער טעמאַטיק פאַרשיידנאַרטיקסטע שטייגערישע סוויוועס, נאָר ס'האַנדלט זיך וועגן פאַרטיפונג פונעם סאָציאַליסטישן געדאַנק און געפיל דורך דער פאַרשיידנאַרטיקער פאַרקרפּערונג און קינסטלערישע בילדער. דורך דער אויסברייטערונג פונעם, אַזוי צו זאָגן, קאָנקרעטיזיר־שעטעך ווערט דער סאָציאַליסטישער אינהאַלט גופא פאַרטיפט. בײַ די פאַרשיידענע פעלקער און אין די פאַרשיידענע געגנטן אַנטפּלעקן זיך שטענדיק אײנעם פּראָצעס פון דער סאָציאַליסטישער פאַרווירקלעכונג (וואָס קומט פאָר אַף דער באַזע פון אַ פאַרשיידנאַרטיקער היסטאָרישער פאַרגאַנגענהײַט) — נײַע זײַטן און מאָמענטן פונעם סאָציאַליסטישן אינהאַלט.

נוו. 11, 1940

פאַרעפנטלעכט אין זשורנאַל



בוזי אַלעווסקי

כינגאַן

מיט נעפּלען פאַרדעקט איז כינגאַן — און מיט רויך.
עס האָבן די בערג דאָ פאַרנומען דעם הימל.
ס'איז קיינער ניטאָ... איך קריך צו דער הייך,
א רוקזאַק. א קאָמפּאַס. א ביקס אפן רימען.

מיט פעלדזן מיך רינגלט ארום דער כינגאַן —
אַמור ערגעץ אונטן — ער יאָגט זיך צום יאַם,
עס ראַשן די וועלדער. עס קלינגען די בערג —
כ'האָב ליב דיך, מײַן יונגע, מײַן באַרגיקע ערד!

איך נורע זיך אײַן. איך באַהאַלט זיך אין כוואָיע.
וואָס דאַרף איך דען איצטער? וואָס האָב איך געוואָלט?
איך בין געקומען אַף בערג און אַף רויערד,
געזינטער און שענער זאָל ווערן מײַן פאָלק!

נומ. 1, 1936

דאָוויד בערגעלסאָן

באַרג־אַרוף

פראַגמענט

בא אָנהייב שאַריִען אַף טאָג — פונקט דרײַצן מעסלעס פאַר יאָמטעוו — איז אַף א ליידיקן פלאַץ צווישן געפלאָנטער פון געסלעך אַרײַנגעשטעקט געוואָרן אין דער ערד דער ערשטער גראָבאײַזן, שפּעטלעך אין אָוונט איז געווען פאַרטיק קימאַט דער גאַנצער פונדאַמענט־גראָבן פאַר דער גרויסער לענגלעכער געבײַדע. אַף מאָרגן גאַנצפרי האָט מען דעם גראָבן אָנגעהויבן פאַרשיטן מיט שטיינער, פאַרגיסן מיט ליים און מיט קאַלך. אונטער בעריעשע פּרויען־הענט האָבן דאָ ניט ווײַט אַף דער הייסער זון געגומען טריקענען די ערשטע ליים־בלאָקן. בא דער זײַט האָט מען אָפּגעוואָרפן פּירעקיקע שלאַק־בעטאָנען, ציגל און געהילצער. פון דער גרווילנדיק־קילער בירא האָט מען געשלעפּט צו איר קלעצער. פון די דערבײַיִקע צעהיצטע סאָפּקעס און בערג האָט מען געצאַפּט פאַר איר שטיינער. מיט איר שנעלן וואַקסן האָט די געבײַדע אָנגעשטעקט אַלע בויונגען אין שטאָט. פון אויבן האָט, ווי אום זומער, געטשמעליעט א הייסע סאָף־אָקטיאַבערדיקע זון, געגאָסן מיט אָן א שיר וואַרעמע ליכטיקײַטן, אַרײַנגעדרונגען אין האַרצן.

ס'איז געווען אַן אומרויִקע נאַכט אַרום דעם איבערוואַנדערער־הויז. און קיינעם האָט די נאַכט ניט אויסגעזען אַזוי לאַנג, ווי דעם ייִנגסטן אין דער פאַמיליע דראָס, דעם צוועלפיאָריקן לויִסן. מיטן גרויען טאָגליכט האָט ער זיך אופגעכאַפּט

אַף דער פּאַשע. קינסטלער — לייב זעווין.

און גלײַך דערשמעקט: טאטע־מאמע שלאָפן שוין ניט — זיי האָבן זיך שוין, אפּאָנעם, ווידעראמאָל געשעפּטשעט וועגן דעם אייגענעם, וואָס נעכטן. לוזסן איז זייער שעפּטשערײַ זייער ווייניק אָנגעגאנגען. ער האָט קוים דערצויגן ביז ס'איז רעכט טאָג געוואָרן, זיך אָנגעטאָן און גלײַך ארויסגעלאָפן אין דרויסן — א קוק געגעבן, וואָס האָט דאָ באנאכט געסקריפּעט און וואָס איז דאָ פאר א וועלט, וואָס קאָן זיך אלעמאָל א וויג געבן, ווי א גרויסע שיף אפן אָקעאן. ער האָט זיך גלײַך א יאָג געגעבן מיט די גאסן, וואָס רעכטס און לינקס פונעם איבערוואנדערער־הויז. דערזען האָט ער די סאָפּקע מיט די בערג אנטקעגן, דערזען האָט ער ניט דערבויטע ארומגעפּרוּירענע הײַזער. אין דער לופט שיט שוין מער ניט, קיין ווינט בלאָזט ניט, און אומעטום, וווּהין מע זאָל ניט קוקן, ליגט גלאט־אויסגעפאלענער שניי, און זון... זון אין דער הייך, אין דער נידעריק, זון אף די בערג און אפן הימל — אזויפיל זון, אז מער קאָן שוין ניט זײַן.

נומ. 1, 1936

בינענציכטלער

מוישע ליטוואקאָוו

מאכן אָרדענונג אין דער שפּראַך־ווירטשאפט

פארן סאָוועטישן דיכטער, פארן סאָוועטישן שרײַבער איז שוין ייִדיש ניט קיין „זשארגאָן". ער האָט שוין רעכטע קלאַנגען און רעכטע טענער. ער האָט שוין די פּאסיקע ווערטער אי פאר ליבע, אי פאר געפיל, אי פארן פײַנסטן געדאנק. ער איז פול מיט רופנדן פײַער, ער אנטהאלט אין זיך די ברייטקײַט פון עפּאָס, עס הערט זיך שוין אין אים די שווערע געבורט פון קינפטיקע גרויסע שריפטן...

דאָס, וואָס ייִדיש שטאמט פון דרײַ קוואלן, וואָס ער האָט דרײַ קאנאלן, דורך וועלכע עס קאָן שטענדיק צופליסן פריש שפּראַך־בלוט, איז א גרויסע מײַלע פון אונדזער שפּראַך, און מע דארף די דאָזיקע מײַלע קענען ווי געהעריק אויסנוצן, קעדיי די שפּראַך צו באַרײַכערן, זי מאכן לעבעדייקער, זאפטיקער, פילבאטײַטיקער. ניט האלטן שטענדיק אין דאָקטרינארישן, וויסנשאפטאַרטיקן אנאטאָמיזירן די שפּראַך, וואָס פונוואנען שטאמט, נאָר קענען און פארשטיין ווי געניטער אויסנוצן די גרויסע רײַכקײַט, וואָס זי פארמאָגט אדאנק דעם, וואָס זי האָט אין זיך איבערגעקאָכט די אלע דרײַ קוואלן, פונוואנען זי שטאמט.

נומ. 1, 1936

עמאנועל קאזאקעוויטש

אָקטיאבער־ליד

אין יעדער ליד פון בערינג־אײַז ביז באלטיק,
אין יעדן קלאָרן בליק דײַן רום איך לייען.
אָקטיאבער מײַנער, דו ביסט פילגעשטאלטיק,
און איין געשטאלט פון דיר בין איך אליין.

און אויב מײַן קאָפּ פארשנײַדט זיך אינעם מאָרגן,
און אויב איך שטרעב, איך פלאקער און איך טו, —
דאָס בעסטע, וואָס איך האָב אין זיך פארבאָרגן,
דאָס שענסטע, וואָס איך טראָג אין זיך, — ביסטו.

נומ. (5) 3, 1937

ארל האָפשטיין

קנאָספּן

זײַדענע קנאָספּעלעך בלזען אףביימער,
א שטיק פון מײַן יוגנט אין זיי איז פאראנען,
ווי זיי בין איך, דוכט זיך, אָט דאָ גאָר געבוירן
בא ברעגן פון בירע, בא ברעגן בידזשאנער.
קאיאָר. אראָפּ איז א ווארעמער היימישער רעגן,
ס'צעפּיקן זיך קנאָספּן, עס דופטן די בלומען,
א ליכטיקער טאָג איז פאר בויונג געקומען
אין היים אונדזער יונגער — דער ייִדישער געגנט.

נומ. 5, 1938

פאַרעפנטלעכט אין זשורנאַל



הירש בלאָשטיין

אריבער דעם קרייז

...אנומלטן בין איך געזעסן אין איינעם פון די פילצאָליקע סקווערן, מיט וועלכע אונדזער שיינער קיִעוו איז אזוי רייך. ס'איז געווען איינער פון יענע גאָלדענע שפּעט־הארבסטיקע טעג, וואָס האָבן אין זיך עפּעס א באזונדערן כיין. א ליכ־טיקע, ווייכע ווארעמקייט איז צעגאָסן אין דער לופט און צעגייט זיך איך איבער אלע גלידער...

לעבן מיר איז געזעסן אן אלטער ייד מיט א לאנגער ווייסער באָרד און מיט אויסגעטריקנטע בלוי־אָדערדיקע, די־נע, אָבער גרויסע הענט. פראָסטע גרויסע שפּאַקולן זיצן אף זיין דינער נאָז מיט א בערגעלע. אמאָליקע שטעטלשע יידי־שע אויגן: גוטהארציקע, אומעטיקע, פארטראכטע. און אף די קני בא אים...

איך טו א קוק — און דאָס הארץ אין מיר גיט אזש א שפרונג אונטער: א דריי צענדליק יאָר טוען א לויף אף צו־ריק... אָט איז מיין שטעטעלע, אָט זיינען די געסלעך, אָט איז מיין טאטע־מאמע... איך זיץ אף א בענקל אונטער א ביימל, און מיט מיין גאנצן וועזן האָב איך זיך אריינגעצויגן אין דעם דאָזיקן בוך, וואָס ליגט דאָ איצטער, א צעעפנטס, אף דעם אלטנס ציטערנדיקע דארע קני...

יאָ, דאָס איז דער זעלבער בוך... ס'איז נאָר א היפּש ביסל עלטער און פארלייענטער גע־וואָרן, האָט אף זיך טונקעלע פלעקן פון גרויסע פינגער, און די ראנדן זיינען פארקלעפּט, פארלאָטעט... די בלעטער — געל. די ווערטער — אזעלכע נאָענט־אייגענע, כאָטש מיט דער גאָר אלטער אויסלייגעכץ און מיטן דייטשמערישן „דיזען" און אפילע מיט די שוין לאנג פאר־געסענע צווי פּינטעלעך איבערן אלעף, וואָס דארף דעם „קאָמעץ" אָדער „פּאַסעך" פארוואנד־לען אין א „סעגל"... יאָ, דאָס זיינען פּערעצעס שריפטן, אן אלטע אויסגאַבע „שריפטען און אויפזאַטצע".

איך טו א פרעג מיט א קוים איינגעהאלטענעם ציטער אין קאָל:

— ווו האָט איר עס גענומען, זיידע?

דער אלטער לייגט ארוף א האנט אפן צעעפנטן בוך און ענטפערט:

— ס'איז מיינער אן אייגענער, כאַווער!

און איך ווייס ניט, צי דאָס וואָרט „כאַווער" געהער צו מיר, צי צום בוך, אָן א קאָמע...

ריידן מיר וייטער:

— ס'געפעלן אייך, זיידע, די „יאָמטעוו־בלעטלעך"?

שמייכלט ער אונטער די שפּאַקולן:

— וואָס הייסט געפעלן? איך האָב זיי האָלט, פון גאנצן הארצן. אפילע אין טורמע אמאָל געזעסן צוליב זיי... און ס'האָט געלוינט! — גיט ער צו און שמייכלט נאָך ברייטער.

און שפּעטער א ווילע:

— איר מעגט אים לייענען נאָך איצט אויך. א פילאָסאָף געווען פּערעץ, אן עמעסער פילאָסאָף, א כאָכעם! אָט נאָט, לייענט אָט דאָס שטיקל כאָטש...

נומ. 3, 1941

כאָנע ווײַנערמאַן

ביראָבידזשאַנער מאָטיוון

כ'בין געפאָרן אין דער טייגע,
אין געדיכטעטעניש פון וואלד.
הויכע צעדערס, אוראלט־צוויגן,
און אין מיט — א וואַסערפאל.

ליגט דער זומער אף די טאַנען,
און די טאַנען זיינען שווער,
און סע פלעכטן זיך ליאַנעס
איבער ווארצלענדיקער ערד.

כ'בין געפאָרן, כ'בין געקומען.
שטייט א פּאַסטעקע אין וואלד,
ווייסע ליפּעס, האָניק־בלומען
און א שלאָנגנדיקער קוואל.

א גוט־העלף דיר, יונגע מיידל,
ניט קיין פאַסטעקע איז דאָ,
נאָר א קיניגרייך פאר ביידן,
אין א מאָזלדיקער שאָ.

א גוט־העלף דיר, יונגע טאָכטער,
ביסט די מאלקע אינעם וואלד,
מיט דיין פאַסטעקע און גאָרטן,
בא דיין סאַזשעלקע און קוואל.

כ'האָב דיך אָנגעטרונקען זויבער,
איינגעוואַשן מיינע פּיס.

כ'האָב געריסן ווילדע טרויבן
און געקליבן טייגע־ניס.

אונטער שאָטן פון איר באַלקן
כ'האָב געבענטשט דעם שטילן קוואל.
— זיי געגריסט, דו שיינע מאלקע,
אין דיין קיניגרייך פון וואלד.

נומ. 1, 1940

פאַרעפֿנטלעכט אין אַלמאַנאַך



לידער פון דיכטער, וואָס האָבן זיך ניט אומגעקערט פונעם שלאַכט־פעלד

שימען גאָלדענבערג

אָשער שוואַרצמאַנען

פראגמענט

א גרויער הארבסט... נאָר גאָלדענער באגינען
גייט אוף מיט זעט פון גליקלעך־רײַכע יאָר.
דײַן פרילינג־טרוים פון לויטערע בורשטינען
אין קלאָרן הײַנט מײַנעם — א פלאַטערדיקע וואָר.

איז בלויע ווײַט פארגליוועט און פארוונדערט
פון דײַן שטילן לויטערן געזאנג.
דײַן טיפער וויי איז ערגעץ־ווו פארשוווּנדן,
דײַן גרויסע פרייד גייט אוף אין אונדזער לאנד.

נום. 1, 1947

מאָטל הארצמאַן

א העלד

איך שפּאַן ארום דאָ איבער ווינטער־פעלדער,
ווו ס׳ליגט דער שניי פארשמידט פון ערשטן פראָסט.
עס קלינגט דער שניי א ווײַסער, א באהעלטער,
ווו הייליק בלוט האָט שפּורן דאָ געלאָזט.

פארוואָס־זשע האָב איך דאָ אליין געטראָטן?
וואָס זוך איך דאָ, פון העלער ליכט באשײַנט?
איך זוך דאָס אָרט, וואָס שניי האָט שטיל פארשאָטן,
און איך געפין דעם אופשריפט פון מײַן פרײַנט.

אינמיטן פעלד איז ער דאָ אומגעקומען.
אין שטרײַט פאר גליק, פאר גליק פון פאָטערלאנד.

זײַן צאָם זיך לויכט פון שנייען ווײַסע, שטומע,
און איך באריר דעם אופשריפט מיט מײַן האנט.

אָנשטאָט א קראנץ — מײַן ליבע כ׳וועל אים לאָזן.
אָנשטאָט א קווייט — איך לאָז אף שניי די טריט.
און קיין שום ווינט וועט זיי שוין ניט פארבלאָזן,
ווײַל ליבע־מוט האָט שטענדיק זיי געהיט.

ווײַל כוץ מײַן טראָט איך זע דאָ טריט פון מענטשן,
און קיינמאָל, קיינמאָל ביסטו ניט אליין;
דאָס פאָלק באערט דײַן אָנדענק פול מיט בענטשונג
און שטענדיק שײַנט דער מירמל פון דײַן שטיין.

נום. 4, 1948

מוישע כאשטשעוואצקי

גליק

נאָר דו, מײַן לאנד,
דו האָסט מײַן וואָרט די קראַפט געגעבן,
דו האָסט מיט מוט געפילט די קלאנגען,
דײַן רום די וועלט איז דורכגעגאנגען,
דיר שענקען מענטשן זייער לעבן,
דיר שטרעקן זיי פון ווײַט די האנט,
און דײַנע ברידער זײַנען מײַנע,
און מײַנע לידער דײַנע זײַנען.
כ׳זאָג נאָכאמאָל: כ׳בין גליקלעך הײַנט,
כ׳בין איבערגליקלעך, זייער, זייער.
און גוט איז מיר אצינד צו טראַכטן:
אין טעג פון קומענדיקע שלאַכטן
וועט אויך מײַן וואָרט — א רויטארמייער —
זיך שלאָגן הייס קעגן דעם פײַנט.
אָט דאָס איז גליק!..

נום. 4, 1948

ש. לאָפּאַטין

עס כאָלעמט זיך
דעםביימעלע

אין הוילן פעלד א ביימעלע
צעפּאַטלט אין געוויטער.
אָט בייגט עס זיך,
אָט נייגט עס זיך,
פארצאַפּלט און פארציטערט.

און ס׳כאָלעמט זיך דעם ביימעלע
א וואלד מיט ביימער־שטאמען,
און ס׳שטייט אצינד,
פארשטעלט פון ווינט,
אין ביימערשן צוזאמען.



נום. 1, 1947

פאַרעפנטלעכט אין אַלמאַנאַך



מיטהעלפן דער דערציִונג פונעם נײַעם סאָציאַ־ליסטישן מענטשן, דעם בויער פון דער נײַער געזעל־שאפט — אָט די אופגאבע פון דער סאָוועטישער לי־טעראטור איז די אופגאבע אויך פון אונדזער נײַער פעריִאָדישער אויסגאבע — פונעם אלמאנאך „היים־לאנד”.

פונעם רעדאקציִאָנעלן ארײַנפיר אינעם נום. 1, 1947

י י צ כ אָ ק נ ו ס י נ אָ ו

פונעם ארטיקל „גרויסע סאכאַקלען”

די פרינציפּיעלע אייגנארטיקײַט פון דער סאָוועטישער יִדישער ליטעראטור האָט זיך אין איר גאנצער קראפט ארויסגעוויזן אין די מילכאָמע־ און נאָכמילכאָמע־יאָרן.

פריִער פון אלץ — דער פאקט, אף וועלכן מיר האָבן שוין אָנגעוויזן — בעערעך 75 פּראָ־צענט פון אלע סאָוועטישע יִדישע שרײַבער האָבן זיך אומיטלבאר באטייליקט אין די שלאכטן אף די מילכאָמע־פראָנטן און אין די פארטיזאנישע אָטריאדן, און פון זיי האָבן העלדיש אָפּגע־געבן זייער לעבן 38.

און דאָס מערקווירדיקסטע:

אונדזער פאָלק האָט אין די יאָרן פון מילכאָמע איבערגעלעבט א קאטאסטראָפע, וואָס האָט צו זיך קיין גלײַכן ניט אין דער מענטשלעכער געשיכטע. דאָס האָט געקאָנט שטויסן דעם יִדישן שרײַבער אף שאפן מעגילעס פון יִיעש און אויסוועגלאָזיקײַט אָדער אין בעסטן פאל מעגילעס וועגן שטומער קדושע.

און אויסער די גרענעצן פון סאָוועטנפארבאנד איז עס טאקע דערגאנגען דערצו...

אינגאנצן אנדערש איז דער וועג פון דער סאָוועטישער יִדישער ליטעראטור. פונעם סאמע אָנהייב אָן פון דער מילכאָמע איז זי דורכגעדרונגען מיטן אומענדלעכן צאר פארן גרויסן אומגליק. איר וואָרט איז אָבער פריִער פון אלץ א באשולדיקונג־אקט ניט בלויז קעגן דעם היטלעריזם און פאשיזם, נאָר קעגן אלע די, וואָס האָבן ארײַנגעלייגט דעם כאלעף אין דער נאציסטישער פויסט און דערמיט גוירעם געווען דעם גרויסן אומגליק, קעגן אלע די, וואָס שארפן א נײַעם פאשיסטישן כאלעף קעגן דער מענטשהײַט.

מ ו י ש ע ט ײ ף

פון דער באלאדע „דער באפעל”

דאָ אין די וועלדער ליגן מיר פארטײַעטע,
די קעפ — אין שניי, די פיס — אין ליים,
און ווי א מוטער היטן מיר דיך — מאָסקווע טײַערע,
דו — אונדזער עוון־טאָוו! דו — אונדזער היים!

דאָרט אין א געסל, לעם די קיראָוו־טויערן,
מײַן איינציקע, וואָס האָט מיך ליב געהאט —
דאָס דריטע פענצטערל, דאָרט צווישן הויכע
מויערן —
עס בענקט אין וואלד נאָך איר א דיכטער א
סאָלדאט...

שוין וויפל נעכט מיר שלאָפן ניט, פארמאטערטע,
די ערד און הימל האָבן מיר צווישן זיך צעטיילט,
דו הערסט — מיט פײַער שווערן די הארמאטן דאָ!
ביסט הייליק — מאָסקווע! דו ביסט אויסדערוויילט!

ניין, ניט צעוואקלט דײַנע טורעמס, ניט צעבראָכן,
אָן דיר צעקרישלט האָט דער סוינע זײַנע ציין,
איז זאָל מיר העלפן איצט דײַן מוטערלעכע בראָכע
אין דער מעטעליצע צום פאָסט דערגיין...

זיי ווארטן, מײַנע פרײַנט, זיי ווארטן,
זיי וויסן, אז איך גיי צו זיי.
ס'האָט די מעטעליצע אין וואלד פארנאַרט מיך
און אלע וועגן אויסגעבעט מיט שניי...

נום. 1, 1947.

מאַטל גרוביאַן

די טויב פון עמעס

אין אָקאָפּ אַף דער מילכאָמע
איז דאָס טײַבעלע געבאָרן,
צווישן בערג פון רויך און וואָלקן
ניט פארשווארצט געוואָרן.

נאָך אין פײַער כ׳האָב געשוואָרן,
כ׳זאָל דײַן ריינקײַט היטן,
האָט דערפאר עפשער די קויל מיך
אַפן שלאכטפעלד אויסגעמיטן.

דו זאָלסט ווידער פון מײַן לעבן
ווײַט די קראָ פאַריאָגן,
איבער פעלדער, איבער טײַכן
מיט א זאנג זיך טראָגן.

זעסט, אין הימל שווארצע כמארעס
ווידער זיך באווײַזן,
און די כמארעס — זײַנען פייגל,
און די פליגל — אײַזן.

טויט זיי טראָגן אין די נעגל —
נאָר די וועלט פארלענדן,
טויב, מײַן ליבע, מיט דײַן קלאָרקײַט
וועסטו זיי פארבלענדן.

און אָט דאָרט, ווו נאָר פאראנען
איז א מענטש, וואָס גארט נאָך שאָלעם,
מיט דײַן ריינקײַט, מיט דײַן שיינקײַט
קומען זאָלסט צו אים אין כאָלעם.

שיקע דריז

דער ערשטער

כ׳וועל אופשטיין, מײַן לאנד,
בא א פינגערהוט שײַן,
כ׳וועל קומען דער ערשטער
דײַן זעלנער צו זײַן.

כ׳וועל קומען דער ערשטער
פארטרויען דיר אלץ:
דאָס כ׳עס פון לאכן,
פון טרערן — די זאלץ.

איך וועל דיר פארטרויען
מײַן מי פון די הענט,
מײַן ערד, וואָס מיט מיר
האָט אין פײַער געברענט.

דעם זאמד, וואָס ביז הײַנט נאָך
מיר קריצט אַף די ציין,
איך וועל דיר פארטרויען
מײַן „יאָ״ און מײַן „ניין״!

מאָסקווע, 1948

אנע סטעלמאך

דעם זיידנס קינדער

פראגמענט

און דעם זיידנס קינדער ווערט לײַכטער אפן הארצן. וואָס האָבן זיי אראָפּגעלאָזט די נעזער? סע עקט זיך די וועלט? די ברייירע איז דאָך בא זיי אין די הענט: זיי קענען בלײַבן דאָ און וועלן זײַן געבעטענע און געוווּנטשענע, זיי קענען זיך אומקערן קיין אוקראַיִנע און זײַן דאָרט געבעטענע און געוווּנטשענע. אומעטום וועלן זיי ברענגען מיט זיך אופלעבונג און נוצן. ווײַל זיי זײַנען אינעם גליקלעכן עלטער פון דער גרעסטער רײַפקײַט. מיילעך היט די רעפובליק פון שאָדן, שפּרינצע עקספערימענטירט מיט דער גרעסטער געוואגטקײַט, אניע דערשלאָפט ניט די נעכט און דערגרייכט אירע צילן, און אלע זײַנען זיי יונג מיט דער הייסער אייגנארטיקער יוגנט פון דער עלטער, מיט דער געבענטשטער יוגנט, וואָס קומט נאָך יאָרן מי, שטרײַטן, נאָך טײַערע קוואָרים, נאָך פילצאָליקע יערידעס און אליִעס, נאָך שווערע אויספּרוּוון, דורכפאלן און טריִומפן. אינעם ווײַטן אוקראַיִנישן הויז וואַרטן אַף זיי רויִנען און גרויסע פּלענער פון אופשטעלונג, דאָ־הי ווארט אַף זיי דאָס הילצערנע הויז און די אָנבערעגיקע פּלענער פון בויונג. און דעם זיידנס קינדער פילן א צופלוס פון גליק און שטאָלץ, וואָס צעגיסט זיך גנעדיק אַף אלץ ארום. זיי פילן זיך אלמעכטיק, און דעריבער זײַנען זיי גנעדיק און גוט. אפילע מיילעך זיצט אצינד און שמייכלט און רײַבט זיך דעם לאנגן דארן קין. וואָס זײַנען סאָפּקאָלסאָף הארץ־אנגינעס, נירן־קראנקײַטן און רעוומאַטיזם? נישטיקע דעטאלן אנטקעגן דעם גראנדיִעזן ביניען, וואָס יעדער איינער פון זיי האָט אויסגעבויט פון זיך אליין.

זיי זיצן אויסגעזעצט אונטער דער טשעריאָמוכע, ווי מעכוטאָנים פון א גרויסער ראשיקער כאַסענע, וואָס נוצן אויס א מאָמענט, קעדיי זיך אָפּפאָטאָגראַפירן אלע אינאיינעם. זייערע טונקעלע קליידער, פארשאָטן מיט ווײַסע בלימעלעך און בלעטעלעך, זעען אויס ווי געמאכט פון די טײַערסטע, פריילעכסטע שטאָפן. בא די מענער אין די לאצן שטעקן ווײַסע צווײַגעלעך טשעריאָמוכע, ווי די סטעארינאָווע בליימעלעך, וואָס עס פלעגן טראָגן אמאָל כאסאנים און פריילעכע קאוואלערן אַף כאסענעס. א ווײַטער אָרקעסטער ברענגט לעבעדיקע קלאנגען פון א מארש. ערגעץ ניט ווײַט גייט א מיליטערישער טייל. און די אויגן בא די „קינדער״ ווערן פינקלענדיק און אופגעלעבט, זיי וויגן זיך קוים־קוים אין טאקט פונעם מארש און פארשטעלן די פענעמער פונעם ווינט, וואָס פארשיט זיי מיט שטויב, מיט צוויט און מיט קלאנגען. אן עכטער עקסטאז דערשיטערט זיי, זיי, די אלט־יונגע, די אומדערפארן־דערפארענע, די אויסגעפּרוּווט־נאַיִווע, די אופגעהאלטן־דרייסטע — דעם „זיידנס קינדער״, וואָס זייער לעבן איז פול מיט צורקונפט, מיט האָפענונגען און מיט די שוימענדיקע אומדערוואַרטקײַטן פון דער יוגנט...

נומ. 1, 1947

עליע פאַלקאָוויטש

שפּראַכלעכע באַמערקונגען

„נעמען און זיך נישט פאַרלירן״ — דאָס איז די הויפּטזאַך און דאָס איז דאָס שווערסטע בײַ שוואַכע און ניט זעלבשטענדיקע פעלקער.

י.־ל. פּ ע ר ע ץ. וואָס פעלט אונדזער ליטעראַטור, 1910.

דער דאָזיקער זאָג פּערעצעס איז נאָך אַקטועלער אין אונדזערע יאָרן, ווען די ייִדישע באַפעלקערונג איז אין אַ רײ ייִשובֿים געוואָרן אַ סך קלענער און מער צעשפּרייט, ווייניקער קאָמפּאַקט און דער דראַנג צו נעמען איז געוואָרן אַ מאָסעווער באַגער און אַ באַדערפעניש.

אינעם געביט פון שפּראַך האָט עס געבראַכט דערצו, אַז אַ סך ייִדיש־רײדער האָבן אָנגעהויבן שוין צופיל נאַשן פון די אַרומיקע לעשוינעס, אַפילו אין אַזעלכע פאַלן, ווען דאָס אײגענע לאָשן נײטיקט זיך לעגאַמרע ניט אין אַזאַ מין נאַשערײַ. נו, זאָגט אַלײן, מיט וואָס זײַנען, לעמאָשל, שלעכט די ווערטער „זענעפט, מעלדונג, מעסירע, האַנטבוך״, וואָס מע האָט אָנשטאָט זײ גענומען ברענגען די ווערטער „גאָרטשיצע, זאַיאַוולעניע, דאָנאָס, ספּראַוואָטשניק״, און טרעפן טרעפט איר די דאָזיקע און אַ רײ אַנדערע אומנײטיקע פרעמדווערטער ניט נאָר אין דער גערעדטער שפּראַך פון אַ דורכשניטלעכן ייִדן, נאָר אָפט אויך אין געדרוקטע טעקסטן, און ניט נאָר אין דירעקטע רײד פון אַ פּערסאָנאַזש, נאָר טײלמאָל אין די רײד פונעם שרײַבער גופֿא.

נאָך ערגער איז, ווען מע הייבט אָן בויען דעם זאַץ אויף אַ פרעמדן שטייגער, איגנאָרירנדיק די נאָרמעס פונעם אײגענעם לאָשן.

אַ ביסל געשיכטע

לאָמיר דאָ דערמאָנען, אַז ייִדיש האָט זיך בײכלאַל אַנטוויקלט ווי אַ שפּראַך פון און פאַר אונדזערע פאַרשײדענע קיבוצים און אַז אויף דער דאָזיקער אַנטוויקלונג האָבן אַ היפּשע ווירקונג טאַקע געהאַט מעכאַבֿרים און פאַרלעגער, וועלכע האָבן געזאָרגט פאַר דער פאָלקסשפּראַך, פאַר איר צוגענגלעכקייט און אײנהײטלעכקייט.

אַשטייגער, דער פאַרלעגער (המדפּיס — האַמאַדפּיס) פון יוזל וויצנהויזנס ביבל־איבערזעצונג, אַמסטערדאַם, 1679, גיט אין זײַן פאָרעדע צו דער איבערזעצונג אַזאַ כאַראַקטעריסטיק זײַנער און וויצנהויזנס שפּראַך־פּאָליטיק[1]: „דא האב איך מיך משמח גיוועזן כמוצא שלל רב. דאש איך אזא איינן מאן האב גיפונדן דער דא אויך וואול בקי איז אין דען לשונות פון דען מדינות פיהם, מערהרן, איסטרייך, פולן און אשכנז[2]. דער ווארטן דאש מאן עש אויבר אל [איבעראל] וואול זאל קענין פאר שטין. אנו׳ קייני ווערטיר אין דיזם ספר גיברויכט דיא היא אין הולאנד אודר פריז לאנד מורגל זיינן. דען מאן פאר שטיט זיא אנדערש וואו ניט״.

דאָס הייסט אין אונדזער איצטיקן ייִדיש: „דעמלט האָב איך זיך זייער דערפרייט, ווי אַז מע געפינט אַ גרויס פאַרמעגן, וואָס איך האָב געטראָפן אַזאַ ספּעציעלן מענטשן, וואָס איז געניט אין די לעשוינעס [ייִדישע דיאַלעקטן] פון די לענדער בעמען [באָהעמיע], מערן [מאָראַוויע], עסטרײַך, פּוילן און דײַטשלאַנד, אַזוי אַז מע וועט עס אומעטום קאָנען ווויל פאַרשטיין. און אין דעם דאָזיקן בוך [האָבן מיר] קיינע ווערטער ניט גענוצט, וואָס זײַנען פאַרשפּרייט בלויז אין האָלאַנד אָדער פריזלאַנד, ווארעם אין אַנדערע ערטער פאַרשטייט מען זײ ניט״.

ווען מע פאַרגלײַכט וויצנהויזנס ביבל־

---

[1] אויף דער דאָזיקער כאַראַקטעריסטיק האָב איך שוין געהאַט אָנגעוויזן אין דעם ביכל „ייִדיש״, מאָסקווע, 1940, און אין דער וואַרשעווער „פאָלקס־שטימע״, 1971, נומ. 44. דאָך דערלויב איך זיך צו ברענגען זי אויפסנײַ. זאָל דער יונגער לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד״ זײַן מיט איר באַקאַנט.

[2] בײַ וויצנהויזענען זײַנען פּונקטן אויפן אָרט פון די קאָמעס.

איבערזעצונג מיט א צווייטער, וועלכע עס האָט געמאַכט, אשטייגער, יעקוסיעל בליץ אויף אין אמסטערדאם אין די יאָרן 1676 — 1679, זעט

וויצנהויזן

1. איך בין אויף גישטאנדן.
2. איך האב אין גיזוכט אביר איך האב אין ניט גיפונדן. איך האב אים גירופן אביר ער האט מיר ניט גיענטווארט.
3. דיא וועכטר דיא אין דער שטאט הער אום גין דיא האבן מיך גיפונדן, זיא האבן מיך גישלאגן. זיא האבן מיך פאר וואונט דיא היטר פון דער מויער האבן מיינן שלייאר פון מיר גינומען.
4. דיא זון אונ׳ דיא (לבנה) אונ׳ איילף שטערן דיא נייגטן זיך צו מיר.

מען, אז וויצנהויזנס נוסעך איז צו אונדזער איצטיקן יידיש נעענטער, איידער בליצס. לע־מאָשל:

בליץ

1. איך שטונד אויף.
2. איך זוכטיט אים אביר איך פאנד אים ניט. איך ריף אים אביר ער ענפריט מיר ניט.
3. דיא וועכטירש דיא אין דער שטאט אום גוניגן זיא פאנדין מיך זיא שלוגין מיך זיא פאר וואונדטין מיך דיא וועכטירש אויף דיא מויארין נאמין מיין צירונג פון מיר.
4. דיא זון אונ׳ דיא מאניד אונ׳ איילף שטער־נין נייגיטן זיך פר מיר.

פון די ביישפּילן איז צו זען, אז וויצנהויזנס לאָשן איז נאָך אויך היפּש ארכאַיש. די דאָזיקע ארכאַישקייט האָט נאָך לאנג געהערשט אין א סאך ליטעראַרישע קוועלן, איבערהויפּט אין די ביבל־איבערזעצונגען. דאָס פאָלק אָבער — דער ווירקלעכער שעפער פון א שפּראַך, וועלכער הערט זיך צו צום דויפעק פונעם לעבן, האָט זיך געמיט פּאַמעלעך צו ווערן פון פאַרעלטערטע אויסדרוקן און האָט אַלץ מער און מער זיך באַרייכערט מיט נייע פאָרמען פון וואָרט און זאַץ. דאָס איז צו זען פון דער גאַנץ היפּשער מוסער־ און רייזע־ליטעראַטור פון דער צווייַ־טער העלפט 17־טן יאָרהונדערט — פון דער ליי־טעראַטור, וואָס האָט זיך ווייניקער גערעכנט מיט דער טראַדיציע פון די ביבלישע ספרים און האָט באַגערט צו זיין וואָס נעענטער צום גערעדטן לאָשן פון דער מערהייט דעמלטיקע יידיש־ריידער.

אָט איז, לעמאָשל, אַן אויסצוג פונעם סייפער „גלילות ארץ ישראל" (גלילוס ערעץ־יִיסראָעל; דאָ ווערט ציטירט די אויפלאַגע פון 1691):

„און זיא [זיי] האָבן מיר גזאגט און גיוויזן וויא יהודים זיינן גיקומן אין דער שטאט אונ׳ האבן מחריב גיוועזן [מאכריוו געוועזן, כאָרעוו געמאַכט] אונ׳ האבן אלי איהרי אוצרות [אויצ־רעס] איין וועק גינומן אונ׳ איין טייל מויארן פון דער שטאט מחריב גיוועזן אונ׳ איין טייל הייזער. זיא האבן מיר דיא חרבות (כורוועס) גיוויזן. אונ׳ דיא מויארן האבן דיא שטאט לייט געך ווידער גיבואט אונ׳ האבן גרושי שאנצין [גרויסע שוצגראָבנס] אויף גישטעלט דער פיר [דערפאַר, דערצו]. דער ווייל פראגט איך וואז דער מער אין [וואָס איז די מייסע] מיט יהו־דים אודר וואז איר גבורה אין אודר וואז פור איין לאנד דיא יהודים האבן אונ׳ פראגט אלש אויז אונ זיא זאגטן מיר כל דבר בשורש [קאָל דאָוואָר בעשוירעש — יעדע זאַך (אַלץ) גענוי, אין טאָך] דאז [דאָס=אז] איך פור שמחה [סימכע] האב גימוזט ווייננ".

מאסקילים

צו דער שפּראַך פון די מאסן האָבן זיך נאָך מער גענומען צוהערן די מעכאַברים סאָף 18־טן און אָנהייב 19 י. ה., איבערהויפּט די פּראָגרע־סיווערע מאסקילים, די עכטע פאָלקספריינט, וועלכע האָבן פאַרשטאַנען, אז אויב מע וויל אָף אַן עמעס בילדן דאָס פאָלק, דאַרף מען מיט דעם ריידן אָף זיין לאָשן, אויסמיידנדיק אלדאָס שפּראַכלעכע אלטוואַרג.

איינער פון די דאָזיקע ערשטע מעכאַברים איז געווען מוישע מארקוזע. אין דער פאָרעדע צו זיין „ספר רפואות" (רעפּועס־בוך), וואָס איז דערשינען אין פאָריצק, 1790, גיט מארקוזע צו וויסן, אז ער „וויל מזכה זיין [מעזאקע זיין= באַערן, באַשענקען] דעם עולם [אוילעם] מיט זיין ספר כדי [קעדיי] איטלעכער זאָל זיך אליין קענען העלפין: ווא [ווו] קיין גילערנטער דאָקטער איז פאר האנדין [פאראן]: אונד ווער זיין הנהגה [האנהאָגע — אופירונג] וועט האלי־טין קען גאָר פארשפּאָרין קראנק צו ווערין" (די נעקודעס זיינען מיינע. — ע. פ.).

זאַלמען רייזען ווייזט מיט רעכט אָן אין זיין „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור", אז מוישע מארקוזע „גיט אונדז דעם פּאָדעם צו דער אנטוויקלונגס־געשיכטע פון דער יידישער שפּראַך, העלפט אונדז מיט א רייכן מאַטעריאַל אופצובויען די בריק, וואָס פארבינדט אונדזער הייַנטיקע לעבעדיקע שפּראַך מיט דעם יידיש פון XVIII יאָרה.", ווייַזט אונדז באַשייַנפּער־לעך, וויאַזוי זי האָט שוין אין יענער עפּאָכע זיך געהאט ארופגעשלאָגן אָף אַן אייגענעם נוסח, איבערגעריסן מיט דעם ארכאַיזירנדיקן עברי־טייַטש־סטיל..." (רייזען זאָגט, אז ער שעפּט די יעדיעס פון נויעך פּרילוצקיס אַן ארו־בעט).

ז. רייזען מערקט אויך אָפּ מארקוזען „אלס משכיל [מאסקיל] אין בעסטן זין פון דעם באַ־גריף, ניט נאָר נעגאטיוו, אין קאַמף קעגן די

פינצטערע זײַטן פון דעם ייִדישן לעבנס־שטייגער, קעגן דער ייִדישער ליידיקגייערײַ און שנאָרערײַ, נאָר אויך אין זײַן פּאָזיטיווער פּראָגראַם פון פּראָדוקטיווער אַרבעט"...

אגעוו, רייזען זאָגט, אַז מאַרקוזעס סייפער איז איצט (אין 1927) „די גרעסטע ביבליאָגראַפישע זעלטנהײַט (אַן עקז. געפינט זיך אין דער פראַנקפורטער געמיינדע־ביבליאָטעק)"... עס ווילט זיך צוגעבן (זאָלן מענטשן וויסן), אַז דער „ספר רפואות" איז פאַראַן אין לענינגראַד אין דער עפנטלעכער ביבליאָטעק (און עפשער אינעם „אַזיאַטישן מוזיי"). איך האָב דעם סייפער געניצט מיט אַ יאָר פערציק־פופציק צוריק, און איך געדענק שוין ניט אַף זיכער דאָס אָרט.

אין די יאָרן, ווען מאַרקוזע האָט געשריבן זײַן ווערק, איז פאַר די מאַסקילים דער גרעסטער אויטאָריטעט געווען מוישע מענדעלסאָן (1729—1786) — דער באַרימטער „ייִדישער סאָקראַט". ער האָט געהאַט אויסגענומען ניט נאָר מיט זײַנע ערנסטע פילאָסאָפישע אַרבעטן און פּראָפּאַגאַנדע־אַרטיקלען פון און פאַר דער יודאַיִסטישער עטיק, נאָר אויך מיט זײַן איבערזעצן, קאָמענטירן און אַרויסגעבן אַף דײַטש דעם כומעש און אויך אַנדערע ביבלישע ספאָרים. מענדעלסאָנס קאָמענטאַר (באור — בייור) האָט בעשײַטע געהאַט אופגעבראַכט אַ סאַך קלעריקאַלן, אָבער פאַר דער פּראָגרעסיווער ייִדישער יוגנט האָט ער אַנטפּלעקט די רײַכקײַטן פון דעם ביבלישן טעקסט און האָט דער יוגנט גלײַכצײַטיק געהאָלפן צו באַהערשן דאָס דײַטשישע לאָשן און מיט זײַן הילף צו באַקענען זיך מיט דער מײַרעוו־קולטור. מאַכמעס דעם האָט זיך די מאַסקילישע יוגנט באַצויגן מיט גרויס כשיוועס צו דײַטש און צו לאָשן־קוידעש.

מאַרקוזע אָבער, וואָס האָט, ווי עס שײַנט, געשטאַמט פון דײַטשלאַנד, האָט שטודירט דאָקטערײַ אין קיניגסבערג, אין אַ וויכטיקן צענטער פון דער האַסקאָלע־באַוועגונג, קומענדיק (אין יאָר 1774) קיין פּוילן און זעענדיק די גוואַלדיקע אָפּגעשטאַנענקײַט פון דער ייִדישער באַפעלקערונג, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז מיט דײַטש, מיט לאָשן־קוידעש וועט ער זייער ווייניק אופטאָן, און געוואָלט האָט ער דאָך מיטן „ספר מציל זיין כמה אלפים מענטשין" (מאַצל זײַן קאַמאָ אַלאָפים — ראַטעווען טויזנטער). האָט ער זיך באַמיט צו באַהערשן די פאָלקסשפּראַך און „האָט שיר ניט דער ערשטער אַרײַנגעפירט אין דער ליטעראַטור דאָס לעבעדיקע פאָלקסטימלעכע ייִדיש" (ז. רייזען).

פאַרשטייט זיך, אַז אינגאַנצן אויסטאָן זיך פון דער דײַטשער ווירקונג איז מאַרקוזע ניט אימשטאַנד געווען, ווי עס האָבן זיך ניט געקאָנט פון איר באַפרײַען אויך אַ סאַך שפּעטערדיקע מאַסקילים. דײַטש, לאָשן־קוידעש האָבן אַ לאַנגע צײַט גערעגט און צו זיך געצויגן געוויסע קרײַזן ייִדישע קולטורטוער. אָבער די, וואָס האָבן געהאַט אַן עכטע דעמאָקראַטישע אָריִענטאַציע און זײַנען שטייגעריש געווען פאַרקניפּט מיטן פאָלק, האָבן זייער שפּעטערישן גוירל סאָפּקאָלסאָף פאַרבונדן מיטן ייִדישן לאָשן.

(זעט וועגן דעם אין די ביכער: 1) ז. רייזען, פון מענדעלסאָן ביז מענדעלע, וואַרשע, 1923; 2) נ. שטיף, די עלטערע ייִדישע ליטעראַטור, קיִעוו, 1929; 3) מ. ווינער, צו דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור, קיִעוו, 1940).

פון העברעיִש צו ייִדיש

צווישן די שרײַבער זײַנען אַ סאַך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן אָנגעהויבן אין העברעיִש און זײַנען דערנאָך אַריבער צו ייִדיש. דעם דאָזיקן וועג האָבן דורכגעמאַכט, ווי ס'איז באַוווּסט, אויך אונדזערע גדוילים, דער גלענצנדיקער דרײַלינג — מענדעלע, שאָלעם־אַלייכעם און פּערעץ. דאָס איז אָבער געווען ניט גאָר קיין גרינגער וועג.

„אונדזערע שרײַבער, — דערציילט מענדעלע אין זײַן אויטאָביִאָגראַפיע (אין „ספר זכרון"), — האָבן געקוקט אַף ייִדיש פון אויבן אַראָפּ... דער געדאַנק, אַז שרײַבנדיק ייִדיש, וועל איך זיך דערנידעריקן, האָט מיך זייער געפּלאָגט; אָבער דער כיישעק נוצן צו ברענגען האָט גויווער געווען די פאַלשע בושע, און איך האָב צו זיך אַליין געזאָגט: זאָל זײַן וואָס עס וויל — איך וועל זיך אָנעמען פאַר דעם פאַרשטויסענעם ייִדיש און וועל נוצלעך זײַן מײַן פאָלק".

דעם וועג פון העברעיִש צו ייִדיש האָבן אָבער ניט אַלע דורכגעמאַכט בעשאָלעם.

איינער פון די ערשטע מאַסקילים אין ווילנע, וועלכער איז פון העברעיִש אַריבער צו ייִדיש, איז געווען אײַזיק־מייער דיק (1813 אָדער 1814 — 1893). ער איז מיטן שרײַבן אויסן געווען צו בילדן די מאַסן, אויסבעסערן זייערע זיטן, אָפּרייניקן זייערע האַסאָגעס פון נאַרישקײַטן. ער איז געווען שטאַרק שפּעריש, האָט דעם ביכער־מאַרק געהאַט פאַרוואָרפן מיט הונדערטער וועלטלעכע מײַסע־ביכלעך, וואָס האָבן אַ געוויסן היסטאָרישן און עטנאָגראַפישן ווערט און האָבן בעשײַטע געשפּילט אַ ראָליע אין צוציִען צום ייִדישן בוך אַ סאַך לייענער. די ערשטע צײַט האָט דיק זײַנע מײַסעס געהאַט געשריבן אין אַ גוטער שפּראַך, אָבער שפּעטער האָט זיך אים פאַרוואָלט מאַכן זי „לײַטישער", נעענטער צו דײַטש, און ער האָט זי פאַרדאָרבן.

דיק האָט געהאַט ניט ווייניק נאָכטוערס. עס זײַנען אָבער געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן זיך געמיט צו מאַכן זייער ייִדישע שפּראַך וואָס „לײַטישער" אַף אַן אַנדער אויפן: אָנשטאָפּן זי וואָס מער מיט העברעיִזמען. אַזוי אַז אונדזער געהויבענער דרײַלינג האָט געהאַט מיט וועמען זיך צו ראַנגלען.

אונדזערע אָוועס

וועגן מענדעלעס ראַנגלענישן פאַר אַ גוטער שפּראַך איז אין „סאָוועטיש היימלאַנד" (1961, נומ. 1) שוין גערעדט געוואָרן. לאָמיר דאָ איבערכאַזערן אייניקע אַרויסזאָגונגען.

מענדעלע האָט געשטרעבט צו לײַטערן די שפּראַך, מאַכן זי וואָס פאַרשטענדלעכער, פאָלקסטימלעכער, אָבער גלײַכצײַטיק אויך וואָס אויסדריקלעכער, פּינקטלעכער, בילדערישער, דעמאַסקירנדיקער, האַרמאָנישער. דערפון שטאַמט, אַשטייגער, וואָס אָנשטאָט דעם וואָרט „בידנער" אין דער ערשטער אויפלאַגע פון דער „קליאַטשע" (1873) גיט ער אין פאַרשיידענע ערטער פון דער צווייטער אויפלאַגע (1888): „אומגליקלעכער", „אָרעמינקער" אָדער „וויסטער"; אָנשטאָט „מוטשען" שרײַבט ער „פּײַניקן", „פּלאָגן". דערפון שטאַמט אויך, וואָס אַ ריי סלאַווישע און העברעיִשע ווערטער, וועלכע ער מײַדט אויס אין איין קאָנטעקסט, ברענגט ער אין אַן אַנדערן. מענדעלע איז ניט געווען קיין אָנהענגער פון סטאַם „ריינקײַט" אין דער שפּראַך. ער האָט זיך ווייניקער פון אַלץ גערעכנט מיטן ייִכעס פון אַ וואָרט. אים האָט אינטערעסירט דעריקער די פּאַסיקײַט פונעם וואָרט פאַרן געגעבענעם פאַל: דער קאָנקרעטער באַטײַט פונעם וואָרט, די אַסאָציאַציעס, וואָס עס רופט אַרויס, זײַן וואָג, זײַן קלאַנג, זײַן רייעך — פון טשאָלנט צי פון פעלד, פון וועלקן צי פון בלימען.

מענדעלעס באַגער איז געווען צו פאַרפּולקומען און פאַרייַנהײַטלעכן דאָס לאָשן. ער האָט ניט ווייניק אַכט געלייגט אויך אויף די פאָרמעס פון ווערטער, אַפן זאַצבוי. לויטן אָפּשטאַם אַ ליטוואַק (פון ווײַסרוסלאַנד), באַמיט ער זיך אויסצומײַדן ליטווישע גראַמאַטישע פאָרמעס. ער שרײַבט, אַשטייגער: אַ זײַדן קינד, אַ בלייך באָכערל, מיקויעך דעם מיידל, האַגאַם ער איז אין די יונגע יאָרן געווינט געווען צו זאָגן: אַ זײַדענע קינד, אַ בלייכער באָכערל, מיקויעך דער מיידל. מענדעלע שרײַבט: ער רופט מיך (דיך, זי) — און ניט: ער רופט מיר (דיר, איר), ווי עס זאָגן די ליטוואַקעס.

דאָס איז געווען אַ ראַנגלעניש מיט זיך אַליין, מיטן אייגענעם דיאַלעקט לעטויווס דער אייַנהײַטלעכקײַט פון דער פאָלקסשפּראַך. מענדעלע האָט די דאָזיקע אייַנהײַטלעכקײַט געפאָדערט אויך פון אַנדערע. אין אַ בריוו צו שאָלעם־אַלייכעמען פון 28 יון 1888 שרײַבט ער: ... „זאָגט נאָר, זײַט איר נישט קיין ליטוואַק? אין אײַערע ספאָרים געפין איך עפּעס אַמאָל ליטווישע ווערטער און ליטווישע גרײַזן". מענדעלע האָט דאָ אין זינען שאָלעם־אַלייכעמס „סענדער בלאַנק" און אַנדערע ווערק, וואָס זײַנען אַרויס ווי בײַלאַגעס צום פּעטערבורגער „יודישן פאָלקסבלאַט", אין וועלכע דער פאַקטישער רעדאַקטאָר פון דער צײַטונג י. לעווי, אַ גראָבעריונג, אַ סוינע פון די פאָלקסמאַסן און פון דער פאָלקסשפּראַך, האָט געמאַכט ענדערונגען, אַרײַנגעשריבן זײַנס (וועגן דעם דאָזיקן לעווי זעט: ש. ל. ציטראָן, דרײַ ליטעראַרישע דורות, ב. 3, ווילנע, 1922).

נאָך ענערגישער איז פאַר אַ גוטער ליטעראַרישער שפּראַך אַרויסגעטראָטן שאָלעם־אַלייכעם. ס'איז באַוווּסט, ווי ער האָט זיך געראַנגלט מיט די „פונפּאַפּירשמאַטעמאַכער", ווי שאָמער (שײַקעוויטש, 1849 — 1906) און אַנדערע, וואָס האָבן געשפּײַזט דעם לייענער מיט „האַרצרײַסנדע" בולוואַר־ראָמאַנען, געשריבן אין אַ פּרימיטיווער, אַ ביסל פאַרדײַטשמערישטער שפּראַך (זעט: שאָלעם־אַלייכעם, שאָמערס מישפּעט; ש. ל. ציטראָן, דרײַ ליטעראַרישע דורות, ב. 1, ווילנע, 1922).

אין אַ נאָטיץ, וועלכע שאָלעם־אַלייכעם האָט געהאַט בײַגעלייגט צו דעם ערשטן בוך פון „דער יודישער פאָלקס־ביבליאָטהעק", וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אין קיִעוו, 1888, פאָרמולירט ער אייניקע קלאָלים וועגן דער שפּראַך און אויסלייג: מע דאַרף שרײַבן, ווי מע רעדט; שרײַבן אַזוי, אַז אַלע זאָלן פאַרשטיין — סײַ דער פּוילישער ייִד, סײַ דער ליטוואַק (שאָלעם־אַלייכעם ניצט דאָ דאָס וואָרט „פּוילישער" אין ברייטן זין, מיינענדיק אויך דעם אוקראַיִנישן ייִדן). „אונדזער גרויסער פאָלקשרײַבער" אַבראַמאָוויטש האָט באַוויזן, — זאָגט דאָרט שאָלעם־אַלייכעם, — „אַז מע קאָן זיך גאַנץ לײַכט באַגיין אָן טיף־דײַטש און אָן לאָשן־קוידעש, נאָר מיט פּאָשעט ייִדיש".

„די יודישע פאָלקס־ביבליאָטהעק" איז געווען אַן עכטע מאַניפעסטאַציע פאַר אַן אייַנהײַטלעכער ליטעראַרישער שפּראַך. איבערהויפּט איז דאָ אַקטיוו געווען רבי קצין (ראַבי קאָצין — ראַוווניצקי, 1859 — 1944), וועלכער האָט אין זײַנע רעצענזיעס געהאַט טײַנעס צו די שרײַבער, וואָס ניצן רוסישע ווערטער אָנשטאָט פּאָשעטע ייִדישע. מע טאָר ניט פאַרגעסן, האָט ער געשריבן, אַז אונדזערע אָרעמע ברידער פון גאַליציע, רומעניע און אַנדערע מעקוימעס האָבן אויך נישט נעשאָמעס פון קלאָטשע, און מע מוז מיט זיי שמועסן ריין ייִדיש, נישט האַלב טערקיש. דער רעצענזענט פאַלט אויך אָן אויף די שרײַבער, וואָס „שמײַסן זיך אַליין אַלע טאָג מיט נײַע האַמצאָעס: אָט ווילט זיך זיי דעם זשאַרגאָן מאַכן פאַר אַ גאַנצן דײַטש... און אָט זײַנען זיי אים גאָר מעגײַער און מאַכן אים לאָשן־קוידעשדיק"...

דער לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" געדענקט געוויס, אַז אויך אינעם ראָמאַן „אין שטורעם" האָט שאָלעם־אַלייכעם פאָרגעזעצט זײַנע ראַנגלענישן מיט די, וואָס האָבן ליב באַפּוצן זייער שפּראַך מיט פרעמדס. ער לאַכט דאָרט אויס סײַ דעם אינטעליגענט „ייִסראָליק ציווילִיזאַציע", וואָס שפּריצט מיט פרעמדע ווערטער אויף אַלע זײַטן, סײַ זײַן יודל קאָטוינטי, וואָס „קימאַט נאָך יעדע צוויי־דרײַ ווערטער מוז ער אַרײַנוואַרפן איין וואָרט אַ לאָשן־קוידעשדיקס, וואָסער־ניט־איז, צי עס פּאַסט זיך, צי ניין, אַבי לאָשן־קוידעש".

צולעצט לאָמיר ברענגען פּערעצעס אַ זאָג מיקויעך די ליבהאָבער פון פרעמדס: „אַמאָל

פלעגט גאָט שטראָפן אמהאראַצים מיט לאָשן־קוידעש־ווערטער, הײַנט אין די קולטורעלע צײַטן — מיט אויסלענדישע. און ר׳ יויעל שיט מיט „פאראלעלן״. זעלטן — ווו מע דאַרף, נײַנציק פּראָצענט, ווו מע דאַרף נישט״ (פון דער רעצענזיע „כאסיע די יעסוימע״).

וועגן פרעמדווערטער

זאָל דער לייענער ניט האָבן קיין פאריבל, וואָס מיר האָבן זיך דאָ דערלויבט די געשיכטלעכע אָפּווײַכונג. אַלץ, וואָס אין איר איז געזאָגט געוואָרן, איז נאָך אויך הײַנט אקטועל. מיר האָבן נאָך גענוג פּענמענטשן, וואָס פארגעסן צומאָל, אז א שפּראַך איז דער סאמע מאסעווער געברויך־ארטיקל, און זי דאַרף זײַן ניט נאָר ריכטיק, פּינקטלעך, נאָר אויך קלאָר, צוגענגלעך פאר וואָס מער מענטשן. נאָר לאָמיר זיך נעמען פאר קאָנקרעטע בײַשפּילן.

1. די אַלטע ריימער (רוימער)... זענען נישט מסוגל [מעסוגל] געוועזן אופצוציִען א ליטעראַטור און א טעאַטער אויס אויטאָכטאָנעם זאָמען [זוימען].
2. דער אינטערפּעלירטער גאון [גאָען] האָט דערויף אויך געענטפערט: קיין מינהג פסלט [מינהעג פאסלט] מען נישט.
3. דער פילם שטיצט זיך אף אן אויטענטישער געשעעניש.
4. די ייִדן האָט נישט סאטיספּאקציִאָנירט אין דער פולער מאָס דער באשולדיקונגס־אַקט.
5. א ייִד... זאָל אופשטעלן א בנין [ביניען] פאר דער ייִדישער בינע צי סובווענציִאָנירן א ייִדישע טרופּע...
6. די אַסטראָפיזיקער האָבן סוגערירט די עקזיסטענץ פון פּולסארן שוין אין די דרײַסיקער יאָרן.
7. ... די ריין וועלטלעכע שפּילן, וואָס האָבן געהאַט אזא סוקצעס אין 15־טן יאָרהונדערט.
8. די אַמעריקאַנער מיליטערישע מאכט האָט אָפּגעפונען און סעגרעגירט דעם גרויסן סכום דאָקומענטן, וואָס דעמאַסקירן די באשולדיקטע.
9. (זיי) זענען גורם [גוירעם] געווען א נײַ שאַרף פאנאנדערגיין זיך צווישן די פּאַרטיקולערע ריטוסן.
10. אין א נישט קליינער מאָס דעטערמינירן זיי די ריוואַליזאַציע וועגן א געזעלשאפטלעכער פּאָזיציע...
11. אין פיל חזנים [כאזאָנים] פלעגט שטאַרק רעדן דער ארטיסטישער אינסטינקט, אין אַנדערע — דער קאָבאַטיניזם.
12. (ער) זאָל זאָגן א פסוק [פּאָסעק] פונעם אָריגינאַל, און א ספּעציעלער איבערזעצער זאָל נאָכזאָגן דעם קאָרעספּאָנדירנדיקן פּסוק פון תרגום (טאַרגום)...
13. ביידע (גערדיכטן) אויסגעהאַלטן אין טיף הומאַניסטישן טאָן מיט סובטעלע און פֿינעזע עקסקורסיעס אינעם געביט פון פּסיכאָלאָגיע.
14. ... דאָס טעאַטער איז געווען א סאָרט place d'armes פאַרן גרויסן היסטאָרישן געראַנגל צווישן קלעריקאַליזם און וועלטלעכקייט.
15. ... אַלץ פֿילעוודיקער האָט שפּעטער אָנגעהויבן צו ווערן דער פאַרלאַנג נאָך א שטיקל סדר [סיידער] אין דעם embarras de richesse.

לאָמיר פּרוּוון די אַלע אונטערגעשטראָכענע ווערטער פאַרבײַטן מיט היימישע:

1א. אויטאָכטאָן אָדער אווטאָכטאָן איז אין ייִדיש א טוישעוו, אן אָרט־געבוירטיקער. אויס אויטאָכטאָנעם זוימען = פון דעם אָרטיקן מאַטעריאַל = פון די אייגענע קוועלן, פון די אייגענע זוימען.

2א. אינטערפּעלירטער = אָנגעפרעגטער. פון אַלע שטאַנדפּונקטן (היסטאָרישע, לינגוויסטישע, סטיליסטישע אא.) איז דאָ דאָס היימישע וואָרט פּאַסיקער פונעם פרעמדן. „אינטערפּעליאַציע״ (אָנפרעג), „אינטערפּעלירטער״ קאָנען זײַן גוט, ווען עס גייט א רייד וועגן אָנפרעגן אין א פּאַרלאַמענט (די רעגירונג, א מיניסטער אָדער אן אַנדער מעלוכע־מאַן).

3א. אויטענטישער = עמעסער,ווירקלעכער; פאָרגעקומענער, געשעענער.

4א. סאַטיספּאַקציִאָנירן = באַפרידיקן, צופרידן שטעלן.

5א. סובווענציִאָנירן = העלפן מיט געלט, שטיצן, אויסהאַלטן...

6א. סוגערירן = באַווירקן, באַאײַנפלוסן. אין דעם געגעבענעם פאַל דאַרף זײַן: האָבן אָנגעזאָגט אָדער פאָרויסגעזאָגט. אויך אין דער פראַזע „זיי האָבן באַהערשט דעם האַנדל, האָגאָם נישט אזוי באַדײַטנדיק, ווי עס האָט סוגערירט דער אווטאָר״ — האָט מען געמעגט שרײַבן: „ווי עס האָט געמיינט, געהאַלטן, פאָרויסגעזאָגט״... „סוגערירן״, „סוגעסטיע״ זײַנען גוט אַלס מעדיצינישע און פּסיכאָלאָגיש־פיזיִאָלאָגישע טערמינען פאַרן באַגריף „ווּנושאַט״ (מיט א ווייכן „ט״), „ווּנושעניע״.

7א. סוקצעס = דערפאָלג, פּועל. אין אַנדערע פאַלן קאָן אויך פּאַסן דאָס וואָרט „האַצלאָכע״ אָדער „ניצאָכן״.

8א. סעגרעגירן = אָפּקלײַבן, סאָרטירן; סעפּאַרירן (אָפּטיילן).

9א. פּאַרטיקולערע = באַזונדערע, איינצלנע. דאָ: אָרטיקע. ריטוסן = מינהאָגים (הויפּטזאַכלעך — רעליגיִעזע), רעליגיִעזער ריטואַל.

10א. דעטערמינירן = באַשטימען; אַמאָל אויך: באַשליסן, אַנטשיידן. ריוואַליזאַציע = שטרײַט. אין אַנדערע פאַלן קאָן אויך פּאַסן „פאַרמעסט״, „ווּעטלויף״.

11א. קאָבאָטיניזם = קאָמעדיאַנטישקײַט, לייצאָנעס, קאַטאָוועסלעך (טרײַבן), שפּאַסמאַכערײַ.

12א. קאָרעספּאָנדירנדיקער = געהעריקער, אַנטשפּרעכנדיקער. טאַרגום — די ביבל אין דער אַראַמישער שפּראַך. תרגום (טאַרגום) ביכלאַל — איבערזעצונג. טאַרגום־לאָשן — די אַראַמישע שפּראַך. אָפט אויך — אן אומפאַרשטענדלעכע שפּראַך.

13א. סובטעלער=דינער, איידעלער, פײַנער. פינעזער=פײַנער, ראַפינירטער.

14א. דאָ האָט מען געדאַרפט פּאַשעט אָנשרײַבן: פּלאַצדאַרם (מיט ייִדישע אויסיעס), וואָלט מען גרינג דורכגעלייענט און גוט פאַרשטאַנען, וואָס דער אויטאָר מיינט.

15א. דאָ האָט מען אויך געדאַרפט פאַרטײַטשן די פראַנצויזישע ווערטער: אין דער גרויסער שעפע, אין דעם גרויסן רײַכטום, אין דער אשירעס...

ווי איר זעט, קאָן מען די אויבן אונטערגעשטראָכענע ווערטער פאַרבײַטן מיט היימישע. פאַרוואָס זשע האָבן דאָס ניט געטאָן די מעכאַברים פון יענע פּופּצן זאַצן? מיסטאָמע דערפאַר, ווײַל עס האָט זיך זיי געדוכט, אַז דאָס ייִדישע וואָרט גיט ניט גאָר גענוי איבער דעם אינהאַלט פונעם פרעמדן. און עפּשער דערפאַר, ווײַל בעשאַסן שרײַבן האָבן זיי פאַרגעסן אָדער האָבן ביכלאַל ניט געוווּסט דאָס געהעריקע ייִדישע וואָרט. ווי אויך עפּשער דערפאַר, וואָס אייניקע מעכאַברים האָט זיך געוואָלט מאַכן די שפּראַך „רײַכער", באַפּוצן זי מיט זעלטענע אויסדרוקן, וויניקער באַקאַנטע דעם לייענער.

אָפט אָבער קומט מען אָן צו פרעמדווערטער אויך מאַכמעס דעם, ווײַל אין דער אייגענער שפּראַך זײַנען טאַקע ניטאָ קיין אויסדרוקן פאַר א ריי נײַע טעכנישע, וויסנשאַפטלעכע, געזעלשאַפטלעכע און אַנדערע באַגריפן — נעמט מען גרייטס פון די אַרומיקע שפּראַכן, פונעם אינטערנאַציאָנאַלן פאָנד. מע דאַרף אָבער נעמען מיט קאָפּ, באַדאַכט, נעמען נאָר דאָס, וואָס מע דאַרף טאַקע האָבן און וואָס לאָזט זיך לײַכט אָנעמען „מיט בלוט און פלייש" פון דעם אייגענעם לאָשן.

נעמען גרייטס איז אָבער ניט שטענדיק קעדײַ. אין א סאַך פאַלן לוינט בעסער פאַר א נײַעם באַגריף שאַפן אַן אייגן וואָרט, וואָס זאָל באַשטיין פון אייגענע מאָרפעמעס (באַטײַטיקע טיילן), ווי, לעמאָשל, דאָס וואָרט „זוכצעטל", וואָס עס האָט פאַרן באַגריף „רעגיסטער" געשאַפן דער אָנגעזעענער שרײַבער שלוימע עטינגער (אַרום 1801 — 1856); אָדער דאָס וואָרט „מיטצײַטלער", וואָס עס האָט געלאָזט אין גאַנג דער רעדאַקטאָר פון דער מאָסקווער צײַטונג „דער עמעס" מוישע ליטוואַקאָוו; אָדער דאָס וואָרט „אַנטשפּאַנונג", וואָס איז אָפּגעקומען די לעצטע צײַט פאַרן באַגריף „ראַזריאַדקע", „דעטאַנט". ווערטער, וואָס אַנטהאַלטן אייגענע מאָרפעמעס — אייגענע וואָרצלען, פּרעפיקסן, סופיקסן, האָבן די מײַלע, וואָס זיי נעמען זיך גרינגער אויף און פאַרגעדענקען זיך לענגער, איידער פרעמדע ווערטער.

אָבער אויך פרעמדע ווערטער האָבן א מײַלע. ביפּראַט די, וואָס קומען אַרויס פונעם אינטערנאַציאָנאַלן פאָנד און זײַנען אין טאָך געשאַפן פון גריכישע אָדער לאַטײַנישע מאָרפעמעס. אַזעלכע ווערטער העלפן טיילמאָל גרינגער צו באַנעמען אַן אויסלענדישן טעקסט אין א צײַטונג, אין א טעכנישן, וויסנשאַפטלעכן זשורנאַל אאַ.

צו פרעמדע ווערטער ווענדט מען זיך אָפט צוליב נאָך אייניקע טײַמים: דאָס פרעמדע וואָרט איז צומאָל קלינגעוודיקער, ריטמישער אָדער „שענער" פונעם אייגענעם; אָדער עס איז פרײַ פון ניט קיין אײַנגענעמע אַסאָציאַציעס — סײַ פיזישע, סײַ סאָציאַלע.

דובלעטן און סינאָנימען

מאַכמעס די אַלע טײַמים זײַנען אין א שפּראַך פאַראַן דובלעטן און סינאָנימען. לעמאָשל: שפּראַכוויסנשאַפט — לינגוויסטיק; געשיכטע — היסטאָריע; טאַנאַך — ביבל; סאַקאָנע — געפאַר; כילעק — אונטערשייד; שרעק — מוירע; קריג — מילכאָמע; שאָלעם — פרידן; רעפּועס — מעדיקאַמענטן; גוזמע — היפּערבאָלע; אָפּטרעט — בייס־האַקיסיי — טואַלעט; אסיפע — פאַרזאַמלונג און א סאַך אַנדערע. פאַרשטייט זיך, אַז ניט אַלע פאָלקסשיכטן ניצן די אַלע דובלעטן און סינאָנימען. א פאָלק איז דאָך ניט קיין איינהײַטלעכער קיבעץ, און זײַנע פאַרשיידענע טיילן — קלאַסן, געשלעכטן, פּראָפעסיעס, דוירעס — האָבן זיך זייערע שפּראַכלעכע פאָדערונגען, געשמאַקן און האַסאָגעס (זעט וועגן דעם אינעם אַרטיקל „וועגן לאָשן" אין „סאָוועטיש היימלאַנד", 1973, נומ. 12, און אינעם ביכל „ייִדיש", מאָסקווע, 1940, ז. 103—141).

איינער פון די וויכטיקסטע קוואַלן, פונוואַנען ייִדן האָבן שטענדיק געשעפּט נײַע ווערטער, איז די העברעיִשע שפּראַך — די עלטסטע ליטעראַרישע שפּראַך באַם ייִדישן פאָלק. העברעיִשע ווערטער זײַנען אין ייִדיש פאַראַן טויזנטער. א סאַך פון זיי — סײַ איינצלנע ווערטער, סײַ באַהעפטן און אַפילע גאַנצע זאַצן — זײַנען געווען אין די ייִדישע מײַלער, איידער ייִדיש איז אַנטשטאַנען. א סאַך זײַנען אין ייִדיש אַרײַנגעדרונגען אין פאַרשיידענע צײַטן, און אייניקע זײַנען אַרײַנגעקומען די לעצטע יאָרן — אָדער דירעקט פון העברעיִש, ווי „קיבוץ, קיבוצים" (אין ייִסראָעל), אָדער דורך אַן אַנדער שפּראַך, לעמאָשל: „בעהעמאָט" (אין רוסיש „בעגעמאָט") — פונעם העברעיִשן „בהמות", וואָס אינעם סייפער אײַעוו; אָדער „יובילײ" (אין די אייראָפּעיִשע שפּראַכן און אַנדערע) — פונעם העברעישן „יובל" — יויוול.

אין ייִדיש זײַנען פאַראַן דובלעטן און סינאָנימען, וואָס שטאַמען אַלס אַזעלכע פון העברעיִש גופע. לעמאָשל: מוירע — פּאַכעד — אײמע; גוויר — נאָגיד — אוישער; קאַפּצן — דאַלפן — עוויען; טיפּעש — שויטע — גוילעם — ווײַזאָסע און א סאַך אַנדערע. טיילמאָל גייען די דובלעטן געפּאָרט, צונויפגעזעצט, לעמאָשל: אָני־וועעווין; סאָסן־וועסימכע, שעקער־וועקאָזאָוו אאַ.

קורץ, די לעקסיק (וואָרט־מאַטעריאַל) איז אין ייִדיש טײַלוויַיז, פאַר א סאַך באַגריפן, א גאַנץ רײַכע, טײַלווײַז אָבער אַן אָרעמע. אונד־

זערע פענמענטשן ניצן ניט שטענדיק אויס אונדזער אשירעס. בא אייניקע איז די שפּראַך ביז גאָר איינטאָניק, בא אנדערע איז זי, דאכט זיך, רײַך, אָבער ס'איז א קאפּצאָנישע רײַכקײַט, אָן א טאם. אייניקע כאפּן זיך פאר פרעמדווערטער אָן א גרונט. אנדערע ווארפן זיך אָף העברעיִזמען אָן א מאָטיוו.

וועגן ניט קיין פאסיקן באנוץ פון פרעמדווערטער איז שוין געווען א רייד. לאָמיר איצט אריבער צום געברויך פון איבעריקע העברעיִזמען.

העברעיִזמען

1. ...דאָס לעבן פון די דאָזיקע פערזן איז אין־סופיק [איין־סאָפיק, אָן א סאָף], ווי אין־סופיק ס'איז דער קוואל זייערער...
2. נאָר בלויז ליכטשטראלן סיטויִרט אין א פארהעלטנישמעסיק נישט גרויסן אָפּטייל די לענג... זענען באמערקבאר פאר אונדזער חוש־הראיה [כוש־האָריִיאָ].
3. שבת צי יום־טוב [שאבעס צי יאָמטעוו] זאָל לעבן דער שול זיך צונויפקומען חמרים [כאָמאָרים] מענטשן...
4. אין אירע הענט ווערט דער פארשיידנארטיקער חומר [כוימער] באלעבט, קריגט א נשמה [נעשאָמע], א טיפּישע צורת [צוראס] איש.
5. ס'איז דעמאָלט געווען דער איינציקער מבוי [מאָווּי] מיט גוטן צו געווינען א גרעסערע השפעה [האשפּאָע] אָף די האלב־היידנישע פאָלקסמאסן.
6. ס'האָט געפעלט דער כוח [קויעך], וואָס זאָל אזא עוואָליוציע האלטן פאר ניצלעך און מוכן זײַן דערצו מיטצוהעלפן.
7. אויב ער וועט נישט אָפּגעבן זײַן געטלעכן קראנץ און באקומען דערפאר דעם קראנץ פון תענוג [טײַנעג] — אן עונג גופים [אויינעג־גופים], וועט זי אים אומברענגען, זי וועט מוזן אים ממיתן [מיימעסן].
8. ... א מאטעריאל, וואָס מיט גאנץ פשוטע [פּאָשעטע] מיטלען פון ריין טעכנישער נאַטור וואָלט אים שכיח [שכיִאך] געווען צו פארוואנדלען אין א ליטורגישער דראמע.

לאָמיר די אונטערגעשטראָכענע ווערטער פארבײַטן מיט פּאָשעטע יידישע:

1א. דאָס לעבן פון די דאָזיקע פערזן איז אומענדלעך, ווי אומענדלעך ס'איז...

2א. ...זענען באמערקבאר פאר אונדזער ריִע (אָדער פארן זע־כוש).

3א. ... זאָלן לעבן דער שול זיך צונויפקומען מאסן מענטשן (אָדער א סאך מענטשן).

4א. ... ווערט דער פארשיידנארטיקער מאטעריאל באלעבט, קריגט... א טיפּישע צורע פון א מענטשן (אָדער א טיפּיש מענטשלעך פּאָנעם).

5א. ס'איז דעמאָלט געווען דער איינציקער וועג (דער איינציקער אויפן, דאָס איינציקע מיטל)... געַנוי איבערזעצן דאָס וואָרט „מבוי" איז דאָ ניט גרינג: „מבוי" באטײַט אינעם הײַנטיקן העברעיִש א שמאָל געסל, א שמאָלער דורכגאנג. ווי פּאסט עס צום זאך?

6א. ... האלטן פאר ניצלעך און זײַן גרייט דערצו מיטצוהעלפן.

7א. ... באקומען דערפאר דעם קראנץ פון טײַנעג —קערפּערלעכן פארגעניגן.

8א. ... וואָלט אים מעגלעך געווען צו פארוואנדלען אין א ליטורגישער דראמע.

נו, זאָגט אליין, האָבן די דאָזיקע אכט זאצן עפּעס פארלאָרן צי עפּעס געוווּנען פונעם פארבײַט?!

אייניקע מעכאברים פילן טיילמאָל, אז זייערע העברעיִזמען זײַנען ניט גענוג צוגעגנגלעך, און זיי גיבן צו טײַטשן: לעמאָשל:

9. איך פארהאלט זיך אָף דער ערשטער גרויסער קלאסנשלאכט, וועלכע איך האָב „בעיני ראיתי" [בעיינײַ ראָיִסי] — מיט די אייגענע אויגן געזען...
10. דער מענטש דארף ניט ארויסטרעטן אין באצוג צו דער נאטור אין דער ראָל פון א קעגנער. און שוין אין קיין שום פאל נישט קלאפּן בעינים עצומות [בעיינאַיִם אצומויס — אומבארעכנט, אָף בלינד].
11. שיינקײַט אָבער איז נישט קיין „יש בפני עצמו" [יעש ביפּנײי אצמוי], נישט קיין זעלבסטצוועק. שיינקײַט איז סאָציִאל...
12. ווען ניט דער רינג אפן שפּיז־עק, וואָלט דאָס אײַזן דערלאנגט צו דער ווײַשעט, און ער וואָלט געבליבן אָן דעם בית הבליעה [בייס־האבליִאָ]. דער לעצטער העברעיִזם ווערט פארטײַטשט אין א פוסנאָטע: „שפּײַזרער, שלונג".

ווי איר זעט, זײַנען דאָ די העברעיִזמען לאַכלוטן איבעריק. זיי גיבן דעם אינהאלט פון די זאצן גאָרנישט צו. זיי מאכן זיי נאָר שווערער. קיין געזונט קומט ניט צו פון די העברעיִזמען אויך אין די ערשטע אכט זאצן. אין אייניקע זאצן זײַנען זיי אפילע ביז גאָר שלעכט, ווי „מבוי" אין 5־טן, „שכיח" אין 8־טן, אָדער „חמרים" אין 3־טן. דאָס וואָרט „חמרים" איז אין דער ביבל געניצט איין מאָל בא פויגלען, א צווייט מאָל בא זשאבעס. איןביידע פאלן רעדט זיך וועגן הויפנס — הויפנס געפייגערטע (זשאבעס אין מיצראַיִם), הײַנט ווי פּאסט עס פאר מענטשן?

טיילמאָל דערלאָזן אייניקע מעכאברים טאָעסן בא העברעיִזמען. לעמאָשל:

13. עפּשער האלט ער בא א פארדרייטער הילכע, וואָס מע טאָר ניט מאפסיק זײַן?
14. אפילע די היגע פּײַטאָנים האלטן פון אים אן עולם ומלואה [אוילאָם אומלויאָ].
15. זיי זײַנען גערעכט געווען, אונדזערע כאכאָמים, וואָס האָבן געזאָגט, האבאָ לייהארגע, האשקיים ווייהארגוי.

לאָמיר פארריכטן די אָנגעוויזענע טאָעסן:

13א. קיין וואָרט „הילכע" איז אין יידיש ניטאָ. עס איז פאראן „הילכעס". לעמאָשל: ער קלײַבט זיך פאנאנדער אין הילכעס שכיטע (הלכות שחיטה), אין הילכעס עסן, אין היל-

כעס טרינקען. דער מעכאַבער פֿונעם זאַץ 13 מיינט אוואדע דאָס וואָרט „האַלאָכע" (הלכה).

14א. „עולם" איז אין העברעיִש, ווי אין ייִדיש, אַן „ער", ניט קיין „זי". דעריבער דאַרף מען אין העברעיִש שרײַבן „עולם ומלאו". ווען דער אוטאָר פֿונעם זאַץ 14 וואָלט זיך ניט געיאָגט נאָך העברעיִשן שמוק, וואָלט ער געשריבן, ווי ייִדן זאָגן: „אַן אוילעם־אומלויע", און וואָלט אויסגעמיטן דעם גרײַז.

15א. אונדזערע כאַכאָמים האָבן געקענט העברעיִש, דעריבער האָבן זיי געזאָגט אַ ביסל אַנדערש: „הבא להרגך השכם להרגו" (ווער עס איז געקומען דיך הארגענען — האַרגע דו אים פֿריִער).

אַגעוו, עס איז ניט קיין מוז צו ברענגען פּסוקים אין זייערע העברעיִשע מאַלבושים. אָפּט איז גלײַכער זיי צו פֿאַרייִדישן, ווי דאָס האָט אַ סאַך מאָל געטאָן שאָלעם אַש אין זײַן „תהלים־ייִד".

רוסיזמען און אַנדערע

איבעריקע העברעיִזמען, אומנייטיקע פֿרעמדווערטער גיבן ניט צו קיין געזונט דער איינהייטלעכקייט פֿון דער שפּראַך. די איינהייטלעכקייט רײַסן אָפּט אַרונטער אויך איבעריקע רוסיזמען אָדער אַנדערע אויסדרוקן פֿון די שכייניִשע שפּראַכן. לעמאָשל:

1. „האָט ער יעכידנע געשמייכלט". אין ייִדיש קאָן מען זאָגן: בייז, גיפֿטיק, מיט כויזעק (געשמייכלט). אָבער „יעכידנע" — וועלן דאָך אַ סאַך ייִדן ניט וויסן, וואָס דאָס מיינט.

2. „אין גאָטס מאַלכעס איז ניטאָ קיין עלין און קיין ייִד". אויך אין דער ייִדישער שפּראַך איז ניטאָ קיין „עלין". אין ייִדיש זאָגט מען „העלענער" („העלעניזם"...).

3. „איר זײַנט ניט טים טשאַסאָם פֿון יעהורפּעץ?" ייִדיש דאַרף האָבן דעם דאָזיקן אויסדרוק פּונקט אַזוי, ווי עס דאַרף „באָליאַטשקעס, פּראָסעקע, האָספּיטאַל, שקאָליארישער, ביוואלער, וויאַנעמנדיקע" און נאָך אַ ריי אַנדערע ווערטער, וואָס דער אָדער יענער שרײַבער שטופּט זיי אַרײַן אין אַ ייִדישן טעקסט, פֿוילנדיק זיך צוזוכן פֿאַר זיי געהעריקע איבערזעצונגען.

דער איינהײַטלעכקײַט פֿון דער שפּראַך שטערן צומאָל אויך אומנייטיקע אַרכאַיִזמען, דײַטשמעריזמען, לעמאָשל:

1. „אַלערהאַנט טעכנישע מיטלען". דער זעלבער אוטאָר ניצט אויך די ווערטער „אַלערליי", „קאָלערליי". פֿאַרוואָס זאָל ער דאָ ברענגען דעם אַלטפֿרענקישן „אַלערהאַנט"?

2. „ווידערהאָלט ער ערנסט". מיט וואָס איז שלעכט דער ייִדישער ווערב „כאַזערט איבער"?

3. „דערציילן נײַע מער" דאָס וואָרט „מער" מיטן באַטײַט „מײַסע" ווערט געניצט אינעם אויסדרוק „וואָס איז (מיט אים, מיט איר) דער מער". אָבער ביכלאַל דאַרף מען דאָס דאָזיקע דײַטשע וואָרט אָפּ קאַפּאָרעס. מע קאָן דאָך: „דערציילן נײַע מײַסעס".

4. „סידורים זענען, וואָס אַ וואָרהײַט, געווען באַקאַנט שוין פֿריִער". געוויינטלעך זאָגט מען: „וואָס אַן עמעס". „עמעס" איז היימישער, ווארעמער, איידער „וואָרהײַט". דאָס הייסט ניט, אַז „וואָרהײַט" איז ביכלאַל טרייף. געטעס „דיכטונג און וואָרהײַט" איז גלײַכער, איידער „דיכטונג און עמעס".

שלעכט געניצט

נאָך מער שטערן דער איינהײַטלעכקײַט פֿון דער שפּראַך שלעכט געניצטע ווערטער. לעמאָשל, די פּרעפּאָזיציע „לעגאַבע" ברענגט מען צומאָל אָנשטאָט „מיקויעך" אָדער אָנשטאָט „בענעגייע". ניט ריכטיק ניצן אייניקע שרײַבער אויך דאָס וואָרט „בײַשטידל". אויף אַ בײַשטידל איז ניט שײַעך עפּעס צו שטעלן אָדער צו לייגן. צו אַ בײַשטידל קלאַפּן פֿרומע ייִדן צו אַ מעזוזע. צו אַ בײַשטידל קאָן מען זיך צושפּאַרן. „ער [נאַכמען] האָט זיך צוגעשפּאַרט מיטן קאָפּ און מיטן קערפּער צום בײַשטידל פֿון טיר"... (בערגעלסאָן); „ער [מעכל] האָט זיך געדרייט. פֿויל זיך געקראַצט אָן בײַשטידל פֿון קאַבינעטטיר"... (מ. אַלטמאַן). מיטן דאָזיקן באַטײַט איז „בײַשטידל" פֿאַראַן אינעם „מלכים־בוך" (אויגסבורג, 1543). און אָט איז אַ בײַשפּיל פֿון אַ שלעכטן באַנוץ: „און אויפֿן בײַשטידל פֿונעם... פֿענצטער וואַלגערן זיך אַ פּאָר גרויסע שוואַרצע ברילן".

ס'איז ביז גאָר ניט גוט, ווען פֿענמענטשן דערלויבן זיך גרײַזן, ווי: „אַרום די פּאַלאַצן פֿון דער פֿניי". אָדער: „דער סייכל־האַיאָשער איז מיסכײַעוו". מע דאַרף זאָגן און שרײַבן: „דער מענטש (די געזעלשאַפֿט) איז זיך מיסכײַעוו". אָבער: „דער סייכל־האַיאָשער איז מעכײַעוו". קיין נאָווי אָמוס איז אין טאַנאַך ניטאָ. מע דאַרף שרײַבן אָמויס אָדער (אויב ספֿאַרדיש) אַמאָס. די שטאָט גאַזאַרעט איז אין ייִדיש נאַצערעס — ניט נאַציירעס.

„שפֿוך חמתך" [שפֿויך כאַמאָסכאָ — גיס אויס דײַן צאָרן] זײַנען ניט קיין „ווערטער פֿון דער אַגאָדע", ווי עס דוכט זיך איינעם פֿון אונדזערע שרײַבער (און זײַן רעדאַקטאָר). ער האָט אוואַדע געוואָלט זאָגן: „פֿון דער האַגאָדע". אָבער אַזוי איז אויך שלעכט. „שפֿוך חמתך"... האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון דעם נאָווי ייִרמיעס האַרצן, וועלכער האָט איבערגעלעבט דעם ערשטן גרויסן כורבן. דערנאָך האָט עס איבערגעכאַזערט, אַ ביסל וואַריִירט, אַ מעכאַבער פֿונעם טילים.

אַ צווייטער שרײַבער גיט צו וויסן, אַז אין דער געמאָרע איז געזאָגט: „שמהם תצא תורה" (שעמייהעם טייצײ טוירעָ). „פֿון זיי שטאַמט די טוירע. פֿון די אַמעראַצים שטאַמט די טוירע". פֿרעגט זיך: ווי קאָן פֿון אַמהאַראַצים שטאַמען אַ טוירע?! און נאָך די טוירע?! ווי מיר געדענקט זיך, שטייט אין געמאָרע עפּעס אַנדערש: הזהרו בבני עניים [היזאָהיירו ביוונײ

11—467

אניִים — זײַט געהיט מיט קינדער פון אָרעמעלײַט אָדער זײַט אופמערקזאם צו קינדער פון אָרעמעלײַט] שמהם תצא תורה — וואָרעם פון זיי קאָן [וועט] ארויס וויסן [לערע].

אין געמאָרע איז פאראן ניט ווייניק קלוגע אפאָריזמען. צווישן זיי אויך אזא: ווער עס זעצט איבער א פּאָסעק [א זאץ], ווי ער שטייט און גייט, דער איז א ליגנער [אָן אויסטראכטער]. דעם דאָזיקן אפאָריזם דארפן מיר אלע געדענקען, ווען מיר ווייניקער גרײַזן מאכן באם איבערזעצן.

מיר דארפן אויך געדענקען, אז ווערטער האָבן זיך זייערע מעטריקעס. מע טאָר ניט שרײַבן: „איך האָב אים געזען אף א פאָרשטעלונג אין לענינגראד אינעם יאָר 1920”. „לענינגראד” און „1920” זײַנען ניט קיין פּאָר. ניט קיין גוטער שידעך איז צווישן אייניקע ווערטער אויך אין פאָלגנדיקן זאץ: „יאנקעוו האָט אָפּגעארבעט, געווען א פּאסטעך זיבן יאָר („א שמיטע”) און האָט באקומען פאר א ווײַב ניט ראָכלען, נאָר לייען, לאָוואָנס עלטערע טאָכטער”. צווישן יאנקעוון און „שמיטע” ליגן גרויסע עפּאָכעס. הײַנט ווי קאָן מען זיי פאַרייניקן?

האקלאל, לאָמיר האָבן מער אָפּשײַ פארן לאָשן — אי פארן וואָרט, אי פארן זאץ. לאָמיר ניצן די ווערטער, וועלכע זײַנען נייטיק פאר א ריכטיקן און פּינקטלעכן געדאנק. לאָמיר אין דער שפּראך ארײַנפירן נײַע ווערטער, נאָר בעעמעס נייטיקע און מיט א געהעריקן טײַטש, ווי דאָס טוען עכטע פאָלקספרײַנט, וואָס ווילן פארשפּרייטן וויסן, קענטעניש, ווי דאָס איז, לעמאָשל, געווען אין שאָלעם-אַלייכעמס „ביי־בליאָטהעק”: „פענאָמען (א זעלטנהײַט)”, „יודאָפאָבן (שונאי ישראל)”; אָדער אויסגעשטעלט אין א פארקערטן סיידער: „אויסלייג (אָרטאָגראפיע)”, „שותפות (אסאָציאציעס)”. דערבײַ לאָמיר ניט פארגעסן, ווער עס איז אונדזער איצטיקער לייענער, און וואָס וויל ער פון אונדזער פּראָדוקציע.

כאַיִם ביידער

פונעם שפּרודלדיקן קוואַל

אין דער רעדאקציע איז ער געקומען גאנצפרי:

— איך האָב צו אײַך אן איניען...

ער האָט ארויסגענומען פון דער בוזעמקעשענע א צונויפגעלייגט בייגעלע פּאפּיר, א צעווירעטס פון אויבן ביז אראָפּ און פון רעכטס אף לינקס אין קלייניקע קעסטעלעך, פון וועלכע ווו־ניט־ווו האָבן ארויסגעקוקט ציפערן.

— איך האָב אונטערגעכעזשבנט, וועלכע נומערן פון „סאָוועטיש היימלאנד” עס פעלן מיר אויס אין מײַן ביבליִאָטעק, — האָט ער אוועקגעלייגט אפן טיש דאָס צעווירעטע בייגעלע פּאפּיר. — פאר די פופצן יאָר, זינט דער זשורנאל גייט ארויס, בין איך זײַן שטענדיקער אבאָנענט, אפילע א פארשפּרייטער. אָבער מע איז דאָך ניט מער ווי א מענטש: אמאָל פארשפּעטיקט מען, אמאָל פאָרט מען אוועק אין א קאָמאנדירונג, און אמאָל, מאכט זיך, מע פארגעסט, ווער ס'האָט דאָס ביכל אנטליִען און קערט ניט אום...

איז וואָס זשע וויל ער?

— עפּשער וועלן זיך אָפּזוכן די דורכגעלאָזטע נומערן בא אײַך אין רעדאקציע...

און קעדיי מע זאָל וויסן, מיט וועמען מע האָט צו טאָן, דערציילט ער, אז ער איז א בארג־אינזשעניער. ס'הייסט, א בארג־אינזשעניער איז ער געווען ביז דאָ ניט לאנג צוריק, קימאט א גאנץ לעבן. געארבעט אין דאָנבאס, אויסגעווען אין וואָס פאר א שאכטע איר ווילט. ער האָט אפילע א היפּש ביסל וויסנשאפטלעכע ארבעטן אין אָט דעם געביט. איצט איז ער אף פּענסיע, וווינט אין כארקאָוו. אין מאָסקווע איז ער צוגאסט בא קרויווים, און אהער, אין דער רעדאקציע, איז ער געקומען, קאָן מען זאָגן, ווי א כאָדאָק, א מעראגל, אין שליכעס פון א גאנצער גרופּע כארקאָווער לייענער, ליבהאָבער פונעם ייִדישן וואָרט — א קוק טאָן, „וויִאזוי עס מאכט זיך דער זשורנאל”, און פאר זיך — עפּשער טאקע קריגן די נומערן, וועלכע פעלן אים אויס. נעכטן האָט ער גלײַך פונעם וואָקזאל זיך ארײַנגעכאפּט אין א ביכער־קראָם. מע האָט אים נאָך אין דער היים אָנגעשריבן א צעטל פון ייִדישע ביכער, וועלכע מע האָט אים געבעטן אײַנקויפן. און איר ווייסט, עס האָט אים בעפיירעש אָפּגעגליקט. אָט זעט איר?

ער נעמט ארויס פונעם פּאָרטפעל ז. וועגדראַפּס „אונדזער גאס“:

— טאַקע דאָס, וואָס מע האָט באַשטעלט. אָבער די זאמלונג „דערציילונגען פון ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער“ איז שוין ניטאָ אין פאַרקויף. איר האָט געמאָלדן אין זשורנאַל, אַז מע קאָן אָט דעם בוך קריגן דורך דער קאָנטאָר „ביכער — מיט דער פּאָשט“. האָב איך שוין אויך פאַרשפּעטיקט — אַלץ אויספאַרקויפט. א שאָד. מיט וואָס וועל איך זיך פאַרענטפערן אין דער היים?

פאַריינוועגס וויל ער וויסן:

— מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט איר אין איינעם פון די זשורנאַל־נומערן דערציילט וועגן די דעקאַבריסטן, דעהײַנע — וועגן איינעם פון זיי, פּערעטצן. גייט ער ביז איצט ניט ארויס פון קאָפּ. עפּעס א קלייניקײַט — א ייִד א דעקאַבריסט!

אין מאָסקווע וועט ער זײַן נאָך א גאַנצע וואָך. ער מיינט א נישטער טאָן אין די ביכערקראָמען, בא די בוקיניסטן. עפּשער וועט זיך אים אײַנגעבן עפּעס געפינען וועגן פּערעטצן. און פאַרן אוועקפאָרן צוריק קיין כאַרקאָוו וועט ער נאָכאמאָל ארײַנגיין אין רעדאַקציע.

דערווײַל גייט ער א צופרידענער אוועק מיט אַן איבערגעפולטן פּאָרטפעל: קימאַט אַלע נומערן פון „סאָוועטיש היימלאַנד“, וועלכע האָבן אים אויסגעפעלט, האָבן זיך טאַקע געפונען...

דער גאַסט פון כאַרקאָוו פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר, און אויפן רעדאַקציאָנעלן טיש לייגט זיך אוועק א היפּש פּעקל בריוו, וואָס די פּאָשט האָט נאָרוואָס געבראַכט. שטעמפּלען אויף די קאָנווערטן — פון גאָר דער וועלט. באַלד וועלן זיי אַרײַנגעטראָגן ווערן אין די רעגיסטראַציע־ביכער: אין איינעם — קסאָוויאַדן, אין צווייטן — פּאָשעט בריוו. ווען מע וואָלט זיך גענומען אָפּמערקן אויף דער מאַפּע די ערטער, פונוואַנען עס גייט די קאָרעספּאָנדענץ, וואָלט מען באַדאַרפט דורכמאַכן א וועג פון די קאַרפּאַטן ביז קאַמטשאַטקע, פונעם ווײַטן צאָפן און ווײַטן מיזרעך ביז מיטל־אַזיע און קאַווקאַז. אַמאָל האָט קראַסנאָיאַרסק, אַשטײַגער, געהייסן א שרעקלעכער העק, און וועגן אַזא שטאָט, ווי נאָרילסק, וועלכע געפינט זיך גאָר נאָענט צום אײַז־אָקעאַן, איז שוין אָפּגערעדט. נאָר אָט זעצט זיך אוועק א יונגערמאַן פון אָט דעם ווײַטן נאָרילסק און שרײַבט א בריוו אין דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד“: איך בין אַזא און אַזא, אײַערער א נײַער אַבאָנענט, איך לערן זיך נאָך דערווײַל לייענען ייִדיש, וואָלט איך געוואָלט בא אײַך פרעגן אַן אייצע...

נאָר שאַט: עס עפנט זיך נאָכאַמאָל די טיר. דאָס מאָל קומט ארײַן א פּאָרפּאָלק. ביידע — נאָך גאָר יונגע.

— מיר זײַנען פון בעלץ...

לויט דעם, ווי דער מאַן האַלט זיך — א ביסל שעמעוודיק, — קאָן מען זיך אָנשטויסן, אַז ער האָט געבראַכט עפּעס א קסאָוויאַד און איצט וויל ער, ווײַזט אויס, ווי עס טוען געווינלעך אָנפאַנגער, מע זאָל גלײַך אויפן אָרט א קוק טאָן און פּאַסקענען: צי טויג זײַן שרײַבעכץ, צי ניט.

אָבער מיר האָבן א טאָעס.

— ניין, — זאָגט ער, — מיר האָבן גאָרנישט ניט אָנגעשריבן. מיר זײַנען לייענער. ארײַנגעקומען א קוק טאָן, ווי עס אַרבעט זיך אײַך. אויף א פּאָר מינוט...

און זיי הייבן אָן איבערדערציילן, וואָס זיי האָבן אויסגעלייענט פון די לעצטע זשורנאַל־נומערן.

געוויינלעך, פאַרציִען זיך אָט די „פּאָר מינוט“ אויף א פּאָר שאָ. ווײַל אויסער דעם, וואָס די ארײַנגעקומענע זײַנען געסט, איז פּאָשעט טשיקאַווע אויסצוהערן, וואָס עס איז זיי געפעלן פון די ווערק, וועלכע זײַנען געדרוקט, און צו וואָס, פאַרקערט, האָבן זיי טײַנעס.

און אָט דער גאַסט — פון גאָרקי — איז אומגעדולדיק:

— איר געדענקט? מיט עטלעכע כאָדאָשים צוריק בין איך בא אײַך געוועזן...

נו, יאָ, אוודאי געדענקען מיר. ער איז א קאָנסטרוקטאָר, דאַכט זיך אפילו אַן אָנפירער פון א גאַנצער ביוראָ. און אונדזערער א לייענער. א ליבהאָבער פון פּאָעזיע. ער האָט אין איינעם א זשורנאַל־נומער איבערגעלייענט א ליד, וואָס איז אים געפעלן געוואָרן:

— זי בעט זיך פּאָשעט צום זינגען!

איז עפּשער וואָלט א קאָמפּאָזיטאָר אָנגעשריבן צו איר מוזיק, „מע זאָל זי קאָנען סײַ זינגען, סײַ טאַנצן?“

איצט איז ער ווידעראַמאָל אין מאָסקווע. עלף אַזייגער האָט ער א באַגעגעניש אין זײַן מיניסטעריום. נאָר איידער וואָס־ווען, טיילט ער מיט:

— מע זינגט זי שוין!

עס ווײַזט זיך ארויס, אַז ער, דער קאָנסטרוקטאָר, האָט זיך מעיאַשעוו געווען און אַליין אָנגעשריבן מוזיק צו דער ליד.

— אויב איר האָט צײַט, וועל איך זי אײַך גלײַך אויסזינגען.

און ער לאָזט זיך לאַנג ניט בעטן: ווען ער פאַרענדיקט, זאָגט ער מיט א שמייכל:

— איך האָב זי שוין אויסגעפּרוווט. דאָ ניט לאַנג צוריק בין איך געוועזן אין לוואָוו אויף א כאַסענע בא מײַנע קרויווים, און ווען איך האָב זי געזונגען, האָט דער גאַנצער עוילעם אונטערגעכאַפּט. מע האָט אפילו ניט געפרעגט, וועמענס עס זײַנען די ווערטער און וואָס דאָס איז פאַר א מוזיק. איך האָב אויך געמאַכט א שווײַג, ווײַל ניט אין דעם גייט עס. אַבי עס געפעלט...

ער האָט א כאַפּ געטאָן דעם פּאָרטפעל, זיך אַפּגיך אָפּגעזעגנט און איז אוועק אין זײַן מיניסטעריום. אינדערלויפן איז געבליבן הענגען די מעלאָדיע, וואָס דער קאָנסטרוקטאָר פון גאָרקי האָט צוגעטראַכט — א מעלאָדיע, וועלכע איז עפּשער ניט אינגאַנצן אָריגינעל, נאָר דערפאַר פאַרמאָגט זי דעם כיין פון פּאָלקס־שאַפונג...

פאר דער מערהײַט לייענער, וועלכע נעמען זיך פאר דער פען אף צו שרײַבן א בריוו אין רעדאקציע, איז דאָס א נאטירלעכע נויטווענדיקײַט ארויסצוזאָגן זיך, עפעס דערציילן, זיך טיילן מיט די אײַנדרוקן וועגן א ווערק, וואָס ער האָט אָקאָרשט איבערגעלייענט אין א פרישן נומער פונעם זשורנאל. אנדערע בעטן עפעס אויסקלאָרן, פארפינקטלעכן, דערגאנצן, צוגעבן. און, דאכט זיך, קיינמאָל זײַנען אין אונדזערע ייִדישע זשורנאלן ניט געווען אײַנגעשטעלט אזעלכע נאָענטע באציִונגען צווישן די שעפער פון דער ליטעראטור מיט אירע לייענער.

„...איך בין א פּאָשעטע ייִדענע פון אָדעס, שוין א באָבע מיט אייניקלעך. וואָס עס איז מיר אויסגעקומען איבערצולעבן פון קינדווײַז אָן, איז ניט צו באשרײַבן. איך האָב זיך דערצויגן אין א קינדערהיים, אלע יאָר געקרענקט, דערצו נאָך ארײַנגעפאלן בייס דער רומענישער אָקופּאציע אין געטאָ... צוליב וואָס דערצייל איך אײַך דאָס? גאָרניט, איך האָב ליב א ייִדיש וואָרט. ווען עס קומט אָן דער זשורנאל, וואַרף איך אלץ אוועק, איך עס ניט, איך טרינק ניט, ביז איך לייען ניט איבער דעם נומער פון טאָוול ביז טאָוול. אָט איצט איז אפן זייגער האלב נײַן אינדערפרי, און דאָס ערשטע, צו וואָס איך האָב זיך גענומען, איז א ביסל זיך דורכשמועסן מיט אײַך, אניט גייט ניט אין דער האנט קיין שום ארבעט...“

„...ווען איך בין געווען א קינד, נאָך אין דריטן צי אין פערטן קלאס, פלעג איך זינגען אף דער בינע אָט די ליד. פיל יאָרן זײַנען אוועק, א סאך ווערטער פון דער ליד זײַנען ארויסגעפלויגן פון קאָפּ, נאָר אָפּט קומט זי ווידער צו מיר צו גיין, און איך מאַטער זיך, איך באמי זיך צו דערמאָנען די פארגעסענע שורעס... שיק איך אײַך צו דאָס, וואָס עס האָט זיך מיר פארגעדענקט, און א ביטע: אויב מע קאָן די ליד אופשטעלן און אָפּדרוקן זי אינעם זשורנאל, וואָלט איך געווען איבערגליקלעך...“

אָפּט איז מאמעש צו באוווּנדערן די אָפּעראטיווקײַט, מיט וועלכער די לייענער רופן זיך אָפּ אף א פארשלאָג, וואָס עמעצער זאָגט ארויס אף די זײַטלעך פונעם זשורנאל. ווען דער טשעליאבינסקער לייענער קלעבאנאָוו האָט זיך געווענדט צו דער רעדאקציע מיט א באקאָשע אָפּטער צו דרוקן קינדער־לידער, האָט זיך פון אלע עקן לאנד א שיט געטאָן א שלאַל קסאווריאדן. ביילע קאָגאן פון דער שטאָט בענדערי, אשטייגער, האָט זיך דערמאָנט, אז זי ווייסט א סאך ייִדישע קינדער־לידער, און אזויווי זי האָט זיי פארשריבן פאר איר אייניקל, וועלכע פארענדיקט האיאָר די קעשענעווער קאָנסערוואטאָריע, איז זי גרייט זיך טיילן מיט אנדערע מיט אָט דעם אוצער...

הונדערטער בריוו — הונדערטער פּראָבלעמען. אָט אזוי קאָן מען שרײַבן בלויז צו א נאָענטן פרײַנט. די נויטווענדיקײַט זיך טיילן מיט עפעס, זיך אויסרעדן דאָס הארץ איז שוין געוואָרן בא אונדזערע לייענער א לעבנס־זאך.

און ווײַל יעדער איינער האלט, אז דאַפקע זײַן ביטע דארף אויספילן דער זשורנאל, זאָגט ער אונטער:

— איך האָב ערשט נאָרוואָס זיך באקאנט מיט די נײַע סטאנציעס פונעם מאָסקווער מעטראָ, און אף איינער פון זיי האָב איך אף א קאָלאָנע איבערגעלייענט די נעמען פון די כאַשעווסטע מעטראָ־בויער, — צי וואָלט איר ניט געקאָנט דערציילן וועגן זיי אין א נאָענטן נומער?

— אין אָמסק לעבן זייער אינטערעסאנטע מענטשן, און צווישן זיי כאַשעווע מילכאָמע־וועטעראנען (ווײַטער גייט א צעטל). דערציילט וועגן זיי!

— א גאנץ לעבן זאמל איך ייִדישע שפּריכווערטער און רעדנסארטן, עס האָט זיך בא מיר אָנגעזאמלט א היפּשע צאָל. איך וועל זיי אײַך צושיקן...

ווען מע טוט א טראכט וועגן דעם קוואל, וועלכער נערט הײַנט די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראטור, קומען אפן געדאנק פארשיידענערליי אנאלאָגיעס. בלעטערנדיק אנומלטן דעם מינסקער ליטעראריש־קינסטלערישן און פּאָליטיש־וויסנשאפטלעכן כוידעש־זשורנאל „שטערן“, האָבן מיר אינעם מײַ־יון־נומער פארן 1930 זיך אָנגעשטויסן אף אן ארטיקל פון איינעם פון זײַנע רעדאקטאָרן — עליע אָשעראָוויטש. רעדנדיק וועגן דעם פינפיאָריקן יובילײ, וואָס דער זשורנאל האָט דעמלט אָפּגעמערקט, האָט ע. אָשעראָוויטש געשריבן:

„עמעצער האָט מיט היספּײַלעס געזאָגט:

דער פאקט, וואָס אין דעם אָפּגעשטאנענעם ווײַסרוסלאנד, ווו ס'איז קיינמאָל ניט געווען קיין שפּור אפילע פון ייִדישער ליטעראטור, פײַערן מיר א פינפיאָריקן יובילײ פון אן אייגענעם זשורנאל, — איז א „סאָוועטישער נעס“.

ניין, קיין ניסים זײַנען ניטאָ. אפילע סאָוועטישע. דער דאָזיקער פאקט זאָגט נאָר איידעס וועגן א ריכטיקער לענינישער נאציאָנאליטיק און וועגן הויכע טעמפּן פון א קולטורעלער אנטוויקלונג...“

קיין ניסים זײַנען ניטאָ. אפילע סאָוועטישע.

נאָר נעמט, אשטייגער, אזוינס.

יאלטע. אָט די דאָרעמדיקע פערל־שטאָט איז פול מיט כיין אפילע אין שפּעטן הארבסט. כאָטש דער יאם בושעוועט שוין אָפּט מיט אומרויִקע שוימענדיקע כוואליעס, האָבן טויזנטער אָפּרוענדיקע ליב צו גיין צום יאם און שאָענווײַז אײַנעטעמען זײַן ברויזנדיקן קישעף.

אין איינעם אזא שפּעטן הארבסט־טאָג איז געגאנגען צום יאם א מענטש פון אריבער די פופציקער. אפן וועג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט בא א צײַטונג־קיִאָסק, קעדיי נעמען עפעס־וואָס צו לייענען. אין דער וויטרינע זײַנען אויסגעשטעלט געווען צענדליקער פילפארביקע זשורנאלן און ביכער. דער מענטש האָט גענומען עטלעכע צײַטונגען, זיך צעצאָלט מיט דער פארקויפערן און שוין געוואָלט אוועק, נאָר זײַן בליק האָט זיך אָפּגעשטעלט אף א שארבלאט פון א ביז איצט ניט באקאנטער פאר אים

אויסגאַבע. ייִדישע אויסיִעס. די שפּראַך פון זײַן קינדהײַט און פון זײַן פריִער יוגנט.

ער האָט גענומען דעם זשורנאַל און איז אַוועק צום יאַם, צו זײַן באַשטענדיקן באַליבטן אָרט — צווישן די גלאַט־אָפּגעפּאָלירטע פעלדזן־שטיינער. פון אָפּגעווינטקײַט האָט ער אָנגע־הויבן בלעטערן דעם זשורנאַל צוערשט פון לינקס אַף רעכטס, דערנאָך — פון רעכטס אַף לינקס. גענומען לייענען, און שוין ניט געקאָנט זיך אָפּרײַסן. דער זיקאָרן האָט ווי אויפגעפּראַלט פאַר אים די ווײַטע פאַרגאַנגענהײַט, עס האָבן גענומען אויפוואַכן לידער, וועלכע ער אַליין האָט מיט קנאַפּע פערציק יאָר צוריק געדרוקט אין דער קינדער־צײַטונג „זײַ גרייט“, אינעם זשורנאַל „פּאַרמעסט“, אין פּאָעטישע זאַמלונ־גען. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי דאָוויד האָפּ־שטיין און איציק פעפער האָבן, קומענדיק צו־גאַסט אין זײַן היימשטאָט, אפילו געלויבט זײַ־נע ערשטע דיכטערישע טריט...

וויאַזוי איז דאָס פאַרגעקומען, און פאַרוואָס האָט ער צום ערשטן מאָל דערזען „סאָוועטיש היימלאַנד“ בלויז אַפן דרײַצנטן יאָר פון דעם זשורנאַלס דערשײַנען? דאָס איז אַ באַזונדערע געשיכטע. אוודאי איז ער אַליין אין דעם גע־ווען שולדיק. עס האָט, אַפּאָנעם, אויך געווירקט דאָס, וואָס, אָנהייבנדיק פונעם סאָף פון די דרײַסיקער יאָרן, האָט דער גורל אים געפירט איבער טיף רוסלאַנד, און זײַן לעבנס־באַרוף איז געוואָרן מאַטעמאַטיק.

מיט וואָס האָט זיך פאַרענדיקט די געשיכטע, וועלכע איך באַשרײַב דאָ? אויב איר ווילט, איז דאָס אַ „נעס“, און אויב טראַכטן אַנדערש — אַ געוויינלעכע זאַך. דער געוועזענער דיכטער־אָנ־פאַנגער האָט זיך ווידער באַוויזן אין דער ייִדי־שער ליטעראַטור. אַף די זײַטלעך פון „סאָ־וועטיש היימלאַנד“ דרוקן זיך פון צײַט צו צײַט זײַנע לידער. נאָך מער, ער האָט ניט לאַנג צוריק, טאַקע האַיאָר, דעביוטירט אויך מיט פּראָזע. און אינעם פּאָרטפעל פון דער רעדאַק־ציע געפינט זיך איצט זײַנע אַ גרויסע דערציי־לונג...

אָדער אַזאַ געשיכטע. אין איינעם אַ גאַנצ־פרי איז אין רעדאַקציע אַרײַנגעקומען אַ מענטש פון אַ יאָר פערציק.

— פונוואַנען איז אַ ייִד?

— פון אוראַל, פון פּערם.

דאָס, וואָס ייִדן וווינען איצט דעריקערשט אין די גרויסע שטעט פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, איז שוין ניט קיין נײַס. פאַר קיינעם איז אויך ניט קיין סאָד, אַז די באַדינגונגען פון אינדוסט־ריִעלע צענטערס ווירקן אַף דער שנעלערער אַסימילאַציע, און דאָס רופט ניט אַרויס קיין כידעש: אַזוי איז עס אין דער גאַנצער וועלט, און דער סאָוועטנפאַרבאַנד איז ניט קיין אויס־נאַם. די געשיכטע וועט זיך נאָך פאַנאַנדער־קלײַבן אין אייניקע, פון ערשטן קוק, פּאַראַ־דאָקסאַלע פאַקטן: פאַרוואָס איז דער אַסימיליאַ־ציע־פּראָצעס אַ מער אַקטיווער, אַשטייגער, אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק, איידער, לעמאָשל, אין קאַ־זאַן; פאַרוואָס האָבן מיר אינעם ייִשעוו מאַלאַ־כאָווקע מער אַבאָנענטן פון „סאָוועטיש היימ־לאַנד“, איידער, לאָמיר זאָגן, אין מאַגניטאָ־גאָרסק? אין די דרײַסיקער יאָרן, דערמאָנט זיך, האָבן די ייִדישע ליטעראַריש־קינסטלערישע זשורנאַלן געדרוקט ציקלען ווערק פון ייִדישע אָנפאַנגער פון אַ ליטעראַרישער גרופּע, וועלכע איז געווען טעטיק אַפן מאַגניטבוי. אין אָנהייב פון די פערציקער יאָרן האָט אַ בליץ געטאָן מיט איר מערקווירדיקן טאַלאַנט די ייִדישע שרײַבערן אַנע סטעלמאַך, וועלכע האָט געלעבט אַף דאָרעם־אוראַל, אין נאָוואָ־טראָיִצק.

און אָט — נאָט אײַך: אַ יונגערמאַן פון דער אַלטער אוראַלער שטאָט האָט געבראַכט אין „סאָוועטיש היימלאַנד“ אַ ציקל דערציילונגען, וואָס ער האָט אָנגעשריבן צוזאַמען מיט זײַן פרוי. ביידע זײַנען זיי אינזשעניערן־קאָנסטרוק־טאָרן, — האָט ער דערציילט, — אָנפירער פון אָפּטיילן אַף אַ גרויסער אונטערנעמונג. זיי דרוקן אַף רוסיש אין די אָרטיקע צײַטונגען דערציילונגען און פאַרצייכענונגען.

— און אַף ייִדיש האָט איר געפּרוּווט?

אָט אין דעם גייט עס דאָך! — זיי קענען ייִדיש. זיי האָבן דערלערנט די שפּראַך זעלב־שטענדיק. און וואָס שײַעך פּרוּוון — פּרוּוון זיי. אויב די רעדאַקציע אינטערעסירט זיך, וועלן זיי צושיקן...

מיט וואָס האָט זיך פאַרענדיקט אָט די גע־שיכטע? אויך גאַנץ פּאָשעט.

צו דער געאָגראַפיע פון די אַוטאָרן פון „סאָוועטיש היימלאַנד“, וועלכע וווינען אין מאָסקווע און אין קיִעוו, אין קעשענעוו און אין טשערנאָוויץ, אין ווילנע און אין ריגע, אין אָדעס און אין ביראָבידזשאַן, אין לוואָוו און אין כאַר־סאָן, אין סמאָלענסק און אין באַקו, אין מינסק און אין לענינגראַד, אין קורסק און אין נאָוו־גאָראָד, אין נאָוואָסיבירסק און אין גאָרקי, אין קויבישעוו און אין וויניצע, — איז צוגעקומען נאָך איין שטאָט — פּערם.

די צוויי געשיכטעס, וועלכע מיר האָבן דאָ דערציילט, זײַנען לאַכלוטן ניט קיין צופעליקע. מיר האָבן זיי אַרויסגענומען פון דעם שטאַרקן שטראָם, וואָס הערט ניט אויף צו ריזלען אַרום אונדזער זשורנאַל. פון טיפע קוואַלן גייט ער, אָט דער שטראָם, און דעריבער איז ער אַזוי דויערהאַפטיק און לעבנספּייִיק.

זאלמען קאהאן

אן אינטערוויו מיט א לייענער

זיי זײַנען „צעזייט און צעשפּרייט", די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד", אין אַלע ווינקלען פון אונדזער גרויסן סאָוועטנפאַרבאַנד, אין פיל לענדער פון דער וועלט.

כ'האָב אויסגעקליבן אין לענינגראַד איינעם פון זיי. אַן אָנגעזעענער מענטש, א גרויסער קענער פון דער ליטעראַטור ביכלאַל, פון דער ייִדישער — בפֿרט. א באַוווּסטער געלערנטער, דער אויטאָר פון צענדליקער וויסנשאַפטלעכע ווערק איבער פראַגן פון עקאָנאָמיק. א מענטש, וואָס האָט פאַרדינט פיל אָרדענס און מעדאַלן פאַר זײַן מעסירעסנעפעשדיקן אָנטייל אין דער גרויסער פאַטערלענדישער מילכאָמע. א לייענער, וואָס האָט פּופצן יאָר ניט אופגעהערט צו לייענען — פון טאָוול ביז טאָוול — „סאָוועטיש היימלאַנד".

איז לאָמיר אים פאָרשטעלן:

— ראַפאַיִל זעלדאָוויטש.

מיר זיצן בא אים אין דער היים. און כאָטש ער איז שטאַרק פאַרנומען, יעדע שאָ און יעדע רעגע איז אָפּן דיסקאָנט, געפינט ער די נייטיקע צײַט צו שמועסן מיט מיר אָף מאַמעלאָשן.

— מיך אינטערעסירט אַלץ. כ'וואַרט אָף אים יעדן כוידעש, ווי אָף א גוטן גאַסט.

— וואָס פאַר א נײַס האָט דער זשורנאַל אַרײַנגעטראָגן אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור?

— אַלץ איז — נײַס, און דאָס סאַמע וויכטיקסטע, ווי מיר דוכט, איז דאָס געשטאַלט פון אונדזער מיטצײַטלער, ווי אויך דער העלד פון דער גרויסער פאַטערלענדישער מילכאָמע, וואָס באַקומט א בוילעטן קינסטלערישן אויסדרוק אין א סאַך ווערק, סײַ וועגן די שלאַכטפעלדער, סײַ וועגן די געטאָ־לאַגערן...

— מיט וואָס שיידט זיך אונטער „סאָוועטיש היימלאַנד" פון די ליטעראַרישע זשורנאַלן, וועלכע זײַנען דערשינען ביז דער מילכאָמע?

— ער כאַפּט אַרום פילזײַטיקער די ליטעראַרישע זשאַנרען. איר האָט דאָ סײַ דעם ראָמאַן וועגן דער איצטיקער צײַט, סײַ די היסטאָרישע עפּאָפּיי, איר האָט דראַמאַטישע ווערק, פּאָעזיע, קעמפערישע פּובליציסטיק, פאַרצייכענונגען, שעפערישע פּאָרטרעטן, ליטעראַטור־קריטיק, פּראָסע־איבערזיכטן, פּאָלעמיק, ביבליאָגראַפיע, הומאָריסטישע מיניאַטורן, זינג־לידער... ניט אַלע זשאַנרען געפינען עפּשער איינעם זשורנאַל דעם פולן אויסדרוק, נאָר אין אַלגעמיין שפּיגלט ער אָפּ טיף און דינאַמיש אונדזער נײַ, סאָוועטיש אַרט לעבן און פאַרנעמט א בעקאָוועדיק אָרט צווישן די ליטעראַרישע אויסגאַבעס פונעם סאָוועטן־לאַנד.

— וועלכע ווערק פאַר די פאַרגאַנגענע פּופצן יאָר זײַנען אײַך באַזונדערס צום האַרצן?

— דאָס איז א קאָמפּליצירטע פראַגע. וועגן דעם קאָן מען ריידן א סאַך. נאָר עפּשער גאָר ספּעציעל ניט אויסטיילן? ווײַל יעדעס ווערק האָט זיך זײַן אייגנטימלעכס. זיי אַלע זײַנען געקומען צום לייענער מיט דער טיפער אַרײַנדרינגונג אין לעבן, מיט דער באַהאַוונטקײַט, מיט דער ברייטער געשטאַלטן־שילדערונג.

— וואָס ווילט איר באַזונדערס לייענען אין די קומענדיקע נומערן פון „סאָוועטיש היימלאַנד"?

— וועגן וואָס שרײַבן? פריער פון אַלץ — וועגן דעם סאָוועטישן לעבן. די שריפטשטעלער דאַרפן באַווײַזן דעם העלד פון אונדזער צײַט אָף דער אַרבעט, אין דער היים, שילדערן טיפער די באַציִונגען צווישן מענטשן אין אונדזער סאָציִאַליסטישער סוויווע.

— וואָס פעלט, לויט אײַער מיינונג, אין זשורנאַל?

— עס ווילט זיך לייענען מער אויספירלעכע כראָניק, אינערלעכע, אויסערלעכע, כראָניק פונעם ייִדישן לעבן אין גאָר דער וועלט. מע וואָלט אויך באַדאַרפט אײַנפירן א שטענדיקן אָפּטייל „הומאָר און סאַטירע".

— ווי קען מען פאַרברייטערן דעם שרײַבער־אַקטיוו?

— צוציִען דעם לייענער, ער זאָל שרײַבן וועגן זיך. פאַרשטייט זיך, דאָס איז שײַך יענער קאַטעגאָריע לייענער, וועלכע האָבן וואָס צו זאָגן, וועמענס לעבן עס קאָן דינען אַלס בײַשפּיל און זײַן אינטערעסאַנט פאַרן ברייטן עולם.

— וואָס קענט איר זאָגן וועגן דער אויספורעמונג פונעם זשורנאַל?

— „סאָוועטיש היימלאַנד" ווערט אויסגעפורעמט מיט דער גרעסטער זאָרג. די קינסטלערישע בײַלאַגעס באַקאַנען אונדז מיט א פּלעיאַדע מאָלער און סקולפּטאָרן, וועלכע זײַנען געווען ווייניק באַקאַנט. אויב נעמען אַלע בײַלאַגעס פאַר די פאַרגאַנגענע פּופצן יאָר, וועט זיך באַקומען א רײַכע, אַלזײַטיקע און פילפאַרביקע קינסטלערישע אויסשטעלונג.

— אײַער מיינונג וועגן דער שפּראַך פונעם זשורנאַל?

— די שפּראַך פון „סאָוועטיש היימלאַנד" איז די שפּראַך, וועלכע ס'האָט פאַרהיט א היפּשער פאָלקס־שיכט.

אידע שולקינע

איך ווייס

מיט פופצן יאָר צוריק האָט מײַנער א גוטער פרײַנט מיר געשענקט צום געבורטסטאָג א בוך. דאָס איז געווען דער ערשטער נומער פונעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד״.

א מאטאָנע!

איך האָב גענומען לייענען און באקומען א שלאָל מיט אינפאָרמאציע. דער זשורנאל האָט ווידער געעפנט מיר א טיר צו דער ייִדישער שפראך, ליטעראטור, קונסט, טעאטער.

איך בין א רוסישע שרײַבערן. איך האָב א סאך יאָרן ניט געלייענט, ניט גערעדט אף ייִדיש. א שפראך, אף וועלכער דו רעדסט ניט, לייענסט זי ניט, איז ענלעך אף אן אָרט, וואָס דו האָסט לאנג ניט באזוכט. עס פארגעסט זיך. און איך בין דאנקבאר דעם זשורנאל, וואָס ער האָט מיר געהאָלפן ניט פארגעסן מײַן מאמעלאָשן — דאָס לאנד פון מײַן קינדהײַט.

שוין פון דעם ערשטן נומער האָט „סאָוועטיש היימלאנד״ גענומען אף זײַנע יונגע פלייצעס די ייִדישע ליטעראטור — אָנגעהויבן פון מענדעלעס צײַטן און ביז אונדזער הײַנטצײַטיקײַט.

דער זשורנאל האָט מיך צונויפגעבונדן מיט פרײַנט, וועלכע לעבן אין אלע עקן פון אונדזער לאנד און געהערן צו פיל סאָוועטישע ברידערפעלקער. ער האָט אנטדעקט פאר מיר נײַע שרײַבער, נײַע שעפער. ער האָט מיך געפירט קיין ביראָבידזשאן און אפן באַם, קיין לוואָוו און טשערנאָוויץ, קיין לעגינגראד און ווילנע.

יעדן כוידעש, ווען איך באקום א פרישן נומער פון „סאָוועטיש היימלאנד״, איז בא מיר א גוטע שטימונג. איך ווייס, אז עס וועט זײַן וואָס צו לייענען.

יאנקעוו פליד

צום העמשעך

א ליטעראריש־קינסטלערישער כוידעש־זשורנאל איז אוואדע ניט קיין ארכיוו־זאמלער און קיין היטער בלויז פון פארגאנגענער שאַפונג. זײַן בארוף איז קינסטלעריש אָפּשפּיגלען די הײַנטצײַטיקײַט, אירע אלזײַטיקע און פילפארביקע אופטוען. די קינסטלערישע ווערק און די פובליציסטיק אין „סאָוועטיש היימלאנד״ באווײַזן די נײַע פּראָצעסן, וועלכע קומען פאָר בא אונדז אין לאנד, די באהעפטונג פון די ייִדישע ארבעטנדיקע מאסן צו נײַע, אמאָל גאָר פרעמדע פאר זיי ארבעט־געביטן: אין דער שווערער אינדוסטריע אלס שטאָל־גיסער בא די שמעלץ־אויוונס, אין דער לאנדווירטשאַפט אלס טראקטאָריסטן און קאָמבײַנערן. מיר זעען די דאָזיקע העלדן אין ראָמאנען און אין דערציילונגען, אין דער דיכטונג און אין פארצייכענונגען.

און אוואדע ווערן אָפּגעשפּיגלט אזעלכע גראנדיעזע היסטאָרישע געשעענישן, ווי די צווייטע וועלט־מילכאָמע מיט איר מאסן־העראָיזם, מיט דער העלדישקײַט פון יאָכיד און קלאל, פון איין זײַט, מיט שוידער און אומקום פון דער פרידלעכער באפעלקערונג, פון דער צווייטער זײַט. די געטאָ־עפּאָפּיי מיט אירע אומענטשלעכע לײַדן און העלדישן קאַמף האָט געקראָגן איר ברייטע שילדערונג אין פארשיידענע זשאנערן.

און נאָך איין געדאנק וויל איך ארויסזאָגן. אָן נײַ־אופגעקומענע שעפערישע טאלאנטן אין דער פּראָזע און דיכטונג ווערט אָפּגעשטעלט דער שאפונגס־פּראָצעס, עס ווערט איבערגעריסן דער ליטערארישער פאָדעם. צום גליק, קאָן מען אָנרופן ניט ווייניק נעמען פון פּראָזאיקער און דיכטער, וואָס זייערע ערשטע ווערק האָבן דערזען די שײַן אין „סאָוועטיש היימלאנד״. פונדאנען האָט זיך אָנגעהויבן און דאָ ווערט פאָרגעזעצט זייער ליטערארישער וועג. אז אזא דערשײַנונג איז פאר א ליטעראטור ביז גאָר וויכטיק, איז איבעריק צו דערווײַזן.

כאַים טאַמאַרקין

קעדיי צו וואַרטן

דאָס ערשטע מאָל האָבן זיי זיך באגעגנט אין מעטראָ. געפאָרן אין איין וואגאָן, זיך אופגעהויבן מיטן עסקאלאטאָר, שטייענדיק נאָענט אף די טרעפּלעך, קימאט צוזאמען ארויס אף דער גאס און א ביסל ווײַטער זיך צעשיידט.

נאָכאמאָל זיך געטראָפן אין מעטראָ, איז מען שוין געזעסן נאָענט איינער לעבן אנדערן, און ביידן האָט זיך געוואָלט פארפירן א שמועס. צוויי ייִדן, קימאט פון איין עלטער.

איינער, מיט שווארץ־גרוילעכע וואָנצעס, די אויגן גרויסע, באוועגלעכע, ווי זיי וואָלטן געוואָלט עפּעס פרעגן, ארופירן אף א שמועס. דער צווייטער — א גלאט־געגאָלטער, מיט געדיכטע געלבלעכע האָר, א ביסל געמישט מיט גראָווע, און מיט א שטענדיק שמייכעלע אף די ליפּן.

איינמאָל אינדערפרי האָט מען זיך באגעגנט אפן טראָטואר. מע האָט זיך באגריסט, געזאָלט שוין אָנהייבן א געשפּרעך, ווי ס׳איז אָנגעגאַנגען די בריוטרעגערן, ארויסגענומען דעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד“ און אָפּגעגעבן דעם ייִדן מיט די שווארץ־גרוילעכע וואָנצן. דער צווייטער האָט א פרעג געטאָן, צי פאר אים איז אויך עפּעס פאראַן. האָט די בריוטרעגערן א זוך געטאָן און אים אָפּגעגעבן דעם זעלבן זשורנאל. דאָ האָבן ביידע צופרידן א קוק געטאָן איינער אפן אנדערן, און דער ייִד מיט די וואָנצעס האָט א פרעג געטאָן:

— זעט נאָר, זײַנט איר אויך, הייסט עס, א לייענער פון מײַן זשורנאל?

— פארוואָס עפּעס אײַערער?

— איך האָב גאָרנישט ניט געמיינט, סײַדן עפּשער...

זיי זײַנען געגאנגען אזוי ווײַטער ביזן סקווער, זיך אוועקגעזעצט אף א באנק בא א קלומבע בלומען. יעדערער האָט א בלעטער געטאָן דעם זשורנאל, א ווײַלע געשוויגן, דערנאָך האָט מען זיך צערעדט. לאָזט זיך אויס, אז מע איז געבוירענע אין איין קאנט.

און דעמלט האָט דער ייִד מיט די וואָנצעס פארטרויט דעם צווייטן א סאָד: ניט נאָר ער לייענט דעם זשורנאל — ער שרײַבט...

— וואָס זשע שרײַבט איר? — האָט זיך פאַרינטערעסירט דער ריין־געגאָלטער.

— איך האָב שוין אפילע אָנגעשריבן, — האָט געענטפערט דער ערשטער. — אָט וועל איך אײַך דערציילן, ווי אזוי דאָס איז פאָרגעקומען. צום אלעם ערשטן האָב איך פארגרייט פּאַפּיר. א סאך פּאַפּיר. איך האָב ניט געזשאַלעוועט, און ווי נאָר איך האָב זיך גענומען פאר דער פּען, האָב איך זיך שוין ניט געקאָנט אָפּשטעלן. אזוי זײַנען אוועקגעגאנגען טעג, וואָכן, כאדאָשים — און איך שרײַב. מיטאמאָל האָב איך דערפילט, אז מע קאָן זיך שוין אָפּשטעלן, ווי מע זאָגט — פארקניפּן. ווען איך האָב אָנגעהויבן צונויפנעמען די אָנגעשריבענע בייגעלעך, האָב איך זיך לעכאטכילע א ביסל דערשראָקן: איך קלײַב און קלײַב א בויגן נאָך א בויגן, ס׳איז שוין א גאנצער פּאַק, און דעם סאָף זעט מען נאָך ניט! סאָפּקאָלסאָף, אלץ צונויפגעקליבן, פארוויקלט אין א צײַטונג, פארבונדן מיט א שטריקל. געוואָלט אוועקטראָגן אין רעדאקציע. האָב איך זיך געכאפּט, אז מע דארף אויסגעפינען עפּעס א פאָטאָגראפיע פון זיך. ווען מע דרוקט עמעצן, גיט מען זײַן פּאָרטרעט. האָב איך גענומען אויסקלײַבן די בעסערע, פון די לעצטע יאָרן. אָבער קיין איינע פון די פּאָטאָגראַפיעס איז מיר ניט געפעלן געוואָרן: ווו איז מײַן אמאָליקע קוטשמע שווארצע געקרײַזלטע האָר? אין זשורנאל האָב איך דאָך געזען, אז א סאך אווטאָרן, אפילע עלטערע פון מיר, זײַנען אף די פּאָטאָס ייִנגער אף א יאָר דרײַסיק־פערציק. און איך האָב געפונען, וואָס מע דארף: איך זיץ אף א פערד, אָנגעטאָן ווי א קאזאק, א בודיאָנאָוועץ, מיט וואָנצעס, יונג, א גאנצער העלד!

דער סעקרעטאר פון דער רעדאקציע האָט גענומען אין האנט מײַן קסאוויאד און מיט שרעק א זאָג געטאָן:

— אזויפיל האָט איר אליין אָנגעשריבן?

— נו, יאָ, — ענטפער איך אים, — וואָס זשע, מיט א בריגאדע?

דאָ זײַנען אין צימער ארײַנגעקומען נאָך א פּאָר מענטשן. פון די, וואָס ארבעטן דאָרט.

איינער נעמט באַם סעקרעטאַר מײַן מאַנוסקריפּט, גיט אים אַ וועג אָפּ אין דער האַנט און זאָגט:

— געוויס אַ פּאָר קילאָ... עס איז אײַערס?

— מײַנס. וואָס זשע, מע צאָלט לויט דער וואָג?

האָט מען מיך גענומען באַרויִקן: ניין, ניט לויט דער וואָג, נאָר לויט דער מאָס.

— אויב אַזוי, — זאָג איך, — וועל איך אײַך איבערלאָזן אויך מײַן פּאָרטרעט. — און איך לייג אַוועק די פֿאָטאָגראַפֿיעס, וואָס כ'האָב געבראַכט. דאָ האָבן אַלע געכאַפּט זיך קוקן, באַזונדערס האָט זיך געוואָרפֿן אין די אויגן, ווי איך זיץ אויפֿן פֿערד.

— זײַנט איר, הייסט עס, געווען אַ קאַזאַק? זייער טשיקאַווע. און איר באַשרײַבט, ווי איר זײַנט געוואָרן אַ קאַזאַק, אַ בודיאָנאָוועץ?

האָב איך געמוזט דערציילן דעם גאַנצן עמעס.

דאָס איז געווען אין די דרײַסיקער יאָרן. אויפֿן מאַרק און אין פּאַרק פֿלעגן שטיין פֿאָטאָגראַפֿן, און אַרום זיי אָנגעמאָלטע לײַוונטן — דעקאָראַציעס. אויף איינעם — אַ גרויסע שיף, אויפֿן צווייטן — אַ הויכער באַרג, אויפֿן דריטן — אַ שיין פֿערד. באַזונדערס איז אַלעמען געפֿעלן געוואָרן דאָס פֿערד. און ניט אַזוי דאָס פֿערד אַליין, ווי דער בודיאָנאָוועץ אויף אים, אַ קאַזאַק מיט אַ שווערד. אין די לײַוונטן זײַנען געווען לעכער — אויף אַרײַנשטעלן דעם קאָפּ. בקיצור, איך בין אַוועקגעגאַנגען פֿונעם פֿאָטאָגראַף מיט אַ פֿאָטאָגראַפֿיע, וואָס האָט דערנאָך באַזונדערס אויסגענומען בײַ די מיידלעך. נאָך מער, איך האָב זיך פֿאַרלאָזט טאַקע עמעסע וואָנצעס. מײַן ווײַב האָט זיך דעמלט די ערשטע פֿאַרליבט אין מיר. עמעס, אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען זי האָט זיך דערוווּסט, ווי־אַזוי איך בין געוואָרן אַ קאַזאַק, איז זי מיר דערגאַנגען די יאָרן. באַלד עפּעס: „קאַזאַק מײַנער". „וואָס פֿאַר אַ נאַרישע, — פֿלעגט זי זאָגן, — בין איך געווען, בעסער וואָלט מײַנע אַ כאַווערטע אויסגעכאַפּט די מעציִע. אַ מענטש זאָל אַרײַנשטעקן זײַן נאַרישע מאָרדע צווישן די אַקסל פֿון אַן אָנגעמאָלטן קאַזאַק"...

— עפּשער וואָלט איר אונדז געגעבן אַ פֿאָטאָגראַפֿיע טאַקע מיט וואָנצעס, נאָר אָן אַ פֿערד?

נעם איך אַרויס מײַן פּאָרטרעט, וואָס איך האָב געמאַכט נאָך אין די דרײַסיקער יאָרן — יונג, שיין, מיט דער קוטשמע געקרײַזלטע האָר.

דער סעקרעטאַר פֿירט איבער דעם בליק פֿון דער פֿאָטאָגראַפֿיע אויף מיר און זאָגט:

— מע דאַרף אַן איצטיקע פֿאָטאָגראַפֿיע.

— וואָס הייסט, — זאָג איך, — אָט זײַנען בײַ אײַך אָפּגעדרוקט זאַכן פֿון שוין גאָר עלטערע שרײַבער, און מיט יונגע פּנימער.

מאַכט צו מיר איינער פֿון די, וועלכע זײַנען געשטאַנען דערבײַ, מיט אַ גרויסער קוטשמע גראָווע האָר און מיט פֿריילעכע, לאַכנדיקע אויגן:

— איך ווייס אַ שרײַבער, וואָס האָט אָפּגעגעבן זײַן ווערק, ווען ער איז נאָך יונג געווען, און דעמלט האָט די פֿאָטאָגראַפֿיע געטויגט. ווען איר וועט אָפּגעבן אײַער איצטיקע פֿאָטאָגראַפֿיע, וועט זי, ביז עס וועט געדרוקט זײַן אײַער מאַנוסקריפּט, פּונקט זײַן צוגעפּאַסט.

וויל איך זיך דערוויסן:

— וואָס זשע, אויב מע נעמט אַ ווערק אָן אויף דרוקן, דאַרף עס זיך אויסליגן?

— יאָ, — באַמערקט דער סעקרעטאַר, — עס טרעפֿט אַפֿילו אַזוינס מיט גאַנץ באַוווּסטע שרײַבער. נישקאָשע, מע וואַרט.

— זאָרגט זיך ניט, — זאָגט מיר אַ צווייטער, אַ נידעריטשקער, שוין גלאַט מיט אַ הוילן קאָפּ. — דערפֿאַר וועט איר לאַנג לעבן. אָט דרוקט זיך שוין ניט פֿון אַ סך יאָרן איינער אַ שרײַבער, וואָס ער שרײַבט קעסיידער און האָט שוין דערלעבט אַריבער די זיבעציקער. ער שרײַבט און וואַרט. ווען מע וועט עס אים אָפּדרוקן, וועט ער שוין אַוואַדע אַלט זײַן מער פֿון הונדערט...

אַזויאַרום, איז ביז וואָס־ווען פֿאַרבליבן אין רעדאַקציע מײַן אָנגעשריבן ווערק מיט אַלע פֿאָטאָגראַפֿיעס...

— קומט איר אַרײַן אָפֿט אין רעדאַקציע? וואָס זאָגט מען אײַך? ס'וועט זײַן געדרוקט? — פֿרעגט זיך אָן דער ריין־געגאָלטער.

— אַוואַדע גיי איך. איך בין דאָרט קימאַט אַלע טאָג, געוואָרן שוין ווי אַן אייגענער, און אויב איך לאָז דורך אַ וואָך, באַאומרויִקט מען זיך, מע קלינגט מיר אַהיים... נאָר ווען מע וועט מיך דרוקן, זאָגט מען ניט...

— נו, לאָמיר האָפֿן, אַז ווען־עס־איז וועלן מיר לייענען...

— מע וואַרט. אַלע וואַרטן.

— וואָס דען? איר זײַט ניט איינער. עס איז קעדײַ צו וואַרטן.

— יאָ, קעדײַ צו וואַרטן...

יאשע רוביאַן

דער יאַמפּאָלער שרײַבער

פון טאַלנע ביז יאַמפּאָל איז פּאָלג מיך א גאַנג. ס׳איז, ווי מע זאָגט, אײַוועור־לעיאַם. נאָר מיר איז דאַפּקע באַשערט געווען כאַסענע האָבן פאַר א יאַמפּאָלער מיידל, זכאַריע דעם קאַצעווס א טאָכטער. ציפּקע רופט מען זי. קיין ליבע האָבן מיר ניט געשפּילט, שפּאַצירט גלאַט אַזוי, אין איין צײַט פאַרענדיקט לערנען, זי — דעם קיִעווער פּעדטעכניקום, און איך — דעם לאַנד־ווירטשאַפטלעכן בוי־טעכניקום. בקיצור, איך האָב זי אַראָפּגעבראַכט קיין טאַלנע, און מע האָט אָפּגעשפּילט די כאַסענע. עמעס, קיין געהויבענע כאַסענע איז ניט געווען. איר טאַטע האָט געקרענקט און ניט געקענט קומען. האָט מײַן טאַטע אַלץ גענומען אויף זיך. מע האָט אונדז אָפּגעטראָטן דעם קלענערן אַלקער — און לעבט אײַך, קינדערלעך, געזונטערהייט. ווײַל וואָס דאַרף א יונג פּאָרפאָלק? א טיש, אַן אַלמער, א בעט, א שפּיגל, א וואַנטזייגער, א ביסל גלאָזוואַרג, א פּאָר אַנדערע קיילים.

האָט דאָס פאַרדראָסן מײַן שווער זכאַריע דעם קאַצעוו. אייגנטלעך, איז א קאַצעוו געווען ניט ער, נאָר דער טאַטע זײַנער, און נאָך באַם נעפּ. ער אַליין איז א דירעקטאָר פון א פליישקראָם, א האַרטער פאַרשוין און א ביסל טויבלעך. מײַן שווער, הייסט עס, האָט גענומען קלאַפּן דעפּעשן און שיסן מיט בריוו: מיר סאַמען אים אָפּ דאָס לעבן און פאַרפינצטערן אים די יאָרן. ער וויל, אַז זײַן טאָכטער זאָל לעבן נאָר בא זיי. האַקיצער, מיר האָבן געמוזט אויף שטענדיק איבערפאָרן קיין יאַמפּאָל. און כאָטש איך לעב דאָרט גאָר ניט לאַנג, קען מיך שוין דאָרטן קינד־און־קייט. אויף ציקאַוועס — טוט עמעצן א כאַפּ אַפילע אינמיטן דער נאַכט, וועקט אים אויף פון שלאָף און פרעגט בא אים: „זאָגט נאָר, וווּ וווינט דעם קאַצעווס איידעם הערשל דער טעכניקער?”, וועט מען אײַך גלײַך ענטפערן: „מיטוואָך־הערש דער שרײַבער? אָן דאָרטן, פון יענער זײַט באַרג. נעמט זיך לינקס, פאַרגייט אויף רעכטס, שפּרינגט איבער די קאַליוזשע, הייבט זיך אויף אויפן באַרג, ט׳איר גלײַך דערזען די שטוב מיטן געגלעזטן גאַנעקל, דאָרט וווינט ער”.

דער צונאָמען „מיטוואָך” האָט זיך זײַן געשיכטע. פּונקט דעם מיטוואָך, ווען איך בין געקומען אויף דער וועלט, האָט מיט א שאָ פריִער זיך דערוואָרגן מיט א פיש־ביינדל מײַן פעטער הערשע־לייב. האָט מען אין זײַן זכוס מיר צוגעגעבן דעם נאָמען „מיטוואָך”, און איך בין געוואָרן מיטוואָך־הערש.

ציפּקע אַרבעט אין שול, פירט א קלאַס, און איך בין א טעכניקער. ווען איך האָב פאַרנומען די שטעלע, בין איך אַוועקגעפאָרן רײַטנדיק איבערן ראַיאָן, זיך באַקאַנט מיט אַלע קאָלווירטן, אָנגעוויזן, וווּ מ׳דאַרף דעקן א דאַך און וווּ פאַריכטן טיר־און־פענצטער. אין א שטיקל צײַט אַרום האָב איך ווידער געמאַכט א רײַזע איבער די קאָלווירטן. לאָזט זיך אויס, אַז אייניקע האָבן טאַקע גלײַך פאַריכט, אָבער אַנדערע האָבן גענומען זוכן טערוצים. אָט דעמלט האָב איך זיי באַוויזן, וואָס פאַר א טעכניקער איך בין. געקומען אַהיים, האָב איך זיך אַוועקגעזעצט און אָנגעשריבן אַן אַרטיקל אין דער ראַיאָנער צײַטונג, אַז דער ווינטער איז שוין אויף דער נאָז, און אין אייניקע קאָלווירטן רינט אויף די קעפּ פון די פערד און כאַזיירים, פון די שאָף און בהיימעס, מע דאַרף דרינגענד אָננעמען מיטלען. עמעס, מײַן אַרטיקל האָב איך ניט דערקענט, ווײַל די רעדאַקציע האָט צוגעגעבן אין דרײַ מאָל מער, ווי איך האָב אָנגעשריבן. דאָך האָט יאַמפּאָל מיך געקרוינט פאַר א שרײַבער.

אייגנס איז ניט קיין פרעמדס. מײַן שווער האָט אָפּגעקויפט א גאַנצן פּאַק צײַטונגען און יעדן קוינע, מערסטנס ווײַבער, אַרײַנגערוקט דעם נומער: „נאַט לייענט, וואָס מײַן קינד שרײַבט... דער איידעם מײַנער איז ניט נאָר אַן אינזשעניער, ער איז אויך א שרײַבער”...

מע טאָר ניט פאַרגעסן, אַז יאַמפּאָל פאַרמאָגט ניט נאָר לײַטישע מענטשן, נאָר אויך ניט־פאַרגינערס, באַריידער, רעכילעס־טרײַבער, כויזעקמאַכער, לייצים. איך האָב אָנגעהויבן צו הערן, ווי הינטער די פּלייצעס רעדט מען וועגן מיר, מע שלײַפט די צינגלעך: „אַזאַ מאַזל בא דעם קאַצעוו... וואָס פאַר א טײַערער באָכער איז, נעבעך, אַרײַן צו די בופלאַקעס! זיי קענען דען שאַנעווען א מענטשן?”. מע האָט גענומען זוכן כעסרוינעס אויך בא מײַן ציפּורירען: אַז זי האָט קרומע אויגן, א פאַריסענע צעפּלעטשטע נאָז, שלעפּט נאָך א פוס, און וואָס זי טוט ניט אָן, הענגט אויף איר, ווי אויף א שטעקן. אַזאַ וואָלט ניט קראַנק געווען נעמען א הונטשלעגער, א שאָלטעק, א פּוסטעפּאַסניק און ניט קיין אינזשעניער, דערצו נאָך א שרײַבער...

אָט אַזוי איז אַוועק דער שעם, אַז איך בין א שרײַבער. איך אַליין האָב אויך אין דעם אָנגעהויבן צו גלייבן. צווישן אונדז גערעדט, וועל איך אײַך אויפדעקן א סאָד, אַז איך האָב טאַקע ליב צו דראַפּען מיט דער פען. אויסער די אַר־

טיקלען, נאָטיצן פאַר דער צײַטונג, שרײַב איך נאָך דורך די נעכט — קאָלערליי געשיכטעס און פּאַסירונגען. אײַ, מע דרוקט זיי ניט, האָב איך ביטאָכן. איך נעם דערווײַל אַלץ אָפּ דער פּען. לעמאָשל, טרעפט אין אונדזערע ערטער א סריפּע, כאַפּ איך זי אַראָפּ אָפּ פּאַפּיר. דעסגלײַכן א געהויבענע כאַסענע, א לעוויַיע, א סימכע באַ עמעצן, א נײַע בויונג. און ווען איך שרײַב עפּעס אָן, לייען איך דאָס פריִער דורך ציפּקען. זי זאָגט: „ס'איז גוט", שטופּ איך אַרײַן דעם קסאוויאַד אין א קאָנווערט און שיק אים אָפּ אין דער ייִדישער רעדאַקציע, און נעם וואַרטן. איך עס ניט, איך טרינק ניט, איך שלאָף ניט. צען מאָל אין טאָג לויף איך אָף דער פּאָטשט. ענדלעך, באַקום איך אַן ענטפער: „כאַשעווער כאַווער הירש טעלערמאַן! מיט גרויסע שוועריקײַטן האָבן מיר פּאַנאַנדערגעקליבן אײַערע קסאָווים. איר פאַרמאָגט אַן אויג און לאָשן. דאָך זײַנען אײַערע דערציילונגען ניט דרוקפייִק, פון זיי איז צו זען, אַז איר האָט געלייענט לינעצקין, שאָלעם־אַליכעמען, בערגעלסאָנען, ווענדראָפן און קיפּניסן. דעריבער ראַטן מיר אײַך, שרײַבט בעסער אָן וועגן אײַער אונטערנעמונג און וויִאַזוי איר גרייט זיך צום ווינטער"...

ניספּאָעל ווערן פון אַזאַ ענטפער דאַרף מען, געווייינלעך, ניט. נאָר אָף מאָרגן האָט מײַן שווער געלאָזט וויסן גאַנץ יאַמפּאָל, אַז מע לויבט זײַן איידעם און מע ראָט שרײַבן ווײַטער, קענטיק, אַז ס'געפעלט און מע לעקט די פינגער.

און איך האָב דערווײַל זיך ווײַטער גענומען צו דער פּען. איך שרײַב. און מײַן ציפּוירע איז פון מײַנע שרײַבעכצן מאָלע־געדולע. זי לויבט זיי אין דער וועלט אַרײַן. עמעס, פּונקט דאָס, וואָס איר געפעלט, געפעלט ניט דער רעדאַקציע. נאָר איך פאַל באַ זיך ניט אַראָפּ. פאַרקערט, איך שרײַב מערער. איך וועל זיי פאַרוואַרפן, פאַרשיטן מיט קסאָווים. ס'וועט זיי באַשלאָגן א שווייס, זיי וועלן כאַלעשן און מוזן דרוקן! איך בין א מענטש אַן אַקשן, מיט א כאַראַקטער. און מײַן צעפּוירע זאָגט אויך:

— הערסט, גרישע, דו ביסט א טאַלאַנט, נאָר דו האָסט אומעטום סאָנים, אַפילע אין דער רעדאַקציע, א סימען, מע דרוקט דיך ניט...

מ ו י ש ע א י ט ק אָ ו י ט ש

„סאָוועטיש היימלאַנד” פאַרן פּעריאָד אויגוסט 1971 — יול 1976

נײַע טעמעס

„סאָוועטיש היימלאַנד”, ווי יעדער סאָוועטישער ליטעראַרישער אָרגאַן, געפינט זיך אין א צושטאַנד פון קעסיידערדיקע זוכענישן, קעדיי אָפּשפּיגלען אַמפולסטן דאָס נײַע אינעם הײַנטצײַטיקן לעבן. אין די ערשטע צען יאָר פון זײַן עקזיסטענץ איז דער זשורנאַל אַרומגעוואַקסן מיט א היפּשער צאָל רובריקעס, בעערעך פערציק, וועלכע האָבן אַרײַנגענומען קינסטלערישן און דאָקומענטאַלן מאַטעריאַל אַף צו אָפּשפּיגלען דאָס לעבן אין לאַנד און אין אויסלאַנד, אין די סאָציאַליסטישע און קאַפּיטאַליסטישע לענדער, די לאַגע אַפן נאָענטן מיזרעך, אין ייִסראָעל. אין די פאָלגנדיקע פינף יאָר זײַנען צוגעקומען פיל נײַע רובריקעס, — א באַווײַז, אַז די זוכענישן פונעם זשורנאַל האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט. מיר וועלן אָנרופן די וויכטיקסטע פון די נײַע רובריקעס: „עס ווערט פאָרגעזעצט דער שמועס, וואָס „סאָוועטיש היימלאַנד” האָט אָנגעהויבן”, „פריש אין זיקאָרן”, „זיי אַליין זאָגן עס”, „וואָס דערוויסן מיר זיך פון נײַע פּובליקאַציעס”, „מיר ענטפערן אַף פראַגן פון לייענער”, „אַף שטייגערישע טעמעס”, „פּאָלעמיק”, „די דעזערטירן פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור”, „לעבעדיקע גרוסן”, „מענטשן — זייער צײַט און זייער גוירל”, „אונדזערע מיטצײַטלער”, „ביראָבידזשאַן און ביראָבידזשאַנצעס”, „דער שרײַבער און זײַן העלד”, „פון דער ליטעראַטור־געשיכטע”, „ליטעראַרישע געדענק־דאַטעס”, „פון דעם שרײַבערס נאָטיץ־ביכל”, „פריילעכע שורעס” (וויצן פון ייִסראָעל מיט אילוסטראַציעס פון ה. אינגער), „מיר גיבן דאָס וואָרט די פּובליציסטן פון ייִסראָעל”, „ווינקל פון געזעלשאַפטלעכן פאַרשפּרייטער”, „בריוו פון ייִדישע שרײַבער”, „איבערוף פון צײַטן”, „פּאָרטרעטן פון הײַנטצײַטיקע ייִדישע שוישפּילער”, „מאַטעריאַלן פאַר א לעקסיקאָן פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור” און אַנד.

ציפערן ריידן

ווען „סאָוועטיש היימלאַנד” האָט געפײַערט זײַן 10־יאָריקן יובילײַ, האָבן אייניקע אומפּרײַנט זײַנע אַרויסגעזאָגט די האַשאָרע, אַז עס וועט מיט דער צײַט זיך אָנהייבן די יערידע פונעם ייִדישן סאָוועטישן ליטעראַרישן זשורנאַל און בעמיילע פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין סאָוועטנפאַרבאַנד. די דאָזיקע בוידסוואָרע האָבן זיי „באַגרינדעט” אַזוי: די צאָל אויטאָרן מוז דאָך בא אונדז ווערן אַלץ קלענער, ווײַל די יונגע ווערן אַלט און קיין נײַע שרײַבער קומען ניט צו. דאָס וועט ברענגען דערצו, אַז „סאָוועטיש היימלאַנד” וועט בלײַבן מיט אַזאַ מאָגערן שעפערישן פּאָרטפעל, אַז ס׳וועט בעמיילע אָפּפאַלן די נויטווענדיקײַט אין זײַן עקזיסטענץ.

לאָמיר זיך באַקאַנען מיט אייניקע ציפער.

אין די 100 נומערן פון די ערשטע צען יאָר פון זײַן עקזיסטענץ האָט „סאָוועטיש היימלאַנד”, ווי באַוווּסט, פאַרעפנטלעכט 23 ראָמאַנען. אין דער פּובליקירטער ביבליאָגראַפישער רעשימע („ס. ה.” נומ. 10 פון 1971) זײַנען זיי געננוי איבערגערעכנט. אין די 60 נומערן פון די פאָלגנדיקע פינף יאָר זײַנען אָפּגעדרוקט 22 ראָמאַנען. וועגן דער קוואַליטעט פון די דאָזיקע ברייטע לײַוונטן ריידן די פילצאָליקע בריוו, וועלכע די לייענער האָבן צוגעשיקט און שיקן סיסטעמאַטיש צו אין רעדאַקציע. נאָכן זאַבאַרע האָט פאַר דער צײַט פאַרעפנטלעכט א ציקל פון דרײַ היסטאָרישע ראָמאַנען — „ס׳איז נאָך גרויס דער טאָג”, „אונטער

דער הייסער זון פון פראָוואנס", „אינמיטן העלן באטאָג". איצט גרייט זיך צום דרוק זאַבארעס ליטעראַרישע יערושע. ארן ווערגעליס האָט געגעבן דעם לייענער א פאנאנדערגעוויקלטע שילדערונג פון דער הײַנטצײַטיקײַט — דעם ראָמאן „די צײַט". כאים מעלאמוד האָט פובליקירט אין די אָנגערופענע נומערן צוויי נײַע ראָמאנען („קאלטס און ווארעמס", „צווישן דניעסטער און פרוט"). דרײַ ראָמאנען האָבן די לייענער באקומען פון הערשל פאָליאנקער („יִצכאָק סאנטאָס און זײַנע יאָרשים", „שטארקער פון אײַזן", „שמײַע גאזלען"). צוויי ראָמאנען וועגן דער פאָטערלענדישער מילכאָמע האָט אָפגעדרוקט אין זשורנאל די לעצטע פינף יאָר יעכיעל פאליקמאן („דער אורטייל איז אויסגעפילט", „פײַער און אש"). עס איז פארעפנטלעכט געוואָרן אווראָם קאהאנס ליטעראטור־היסטאָרישע שילדערונג — „שאָלעם־אלייכעם", דער פערטער טייל פון טעוויע גענס ראָמאן „אונדזערע צײַטן", מאָזי קאָבריאנסקיס „קורצער ראָמאן", די ראָמאנען פון יויסעף ראבין („מײַן טײַערער צעדרייטער", „העשל דער סטאָליער און זײַן אייניקל"), יעכיעל שרײַבמאן („זיבעצניאָריקע"), נאָטע לוריע („די געשיכטע פון א ליבע"), מאָטל טאלאלאיעווסקי („געקניפט און געבונדן"), כאים זילבערמאן („די קאָמעטע"), דינע קאלינאָווסקאיא („אלטע לײַט", אין דער איבערזעצונג פון שירע גאָרשמאן), ע. גאָרדאָן („אונטער דער הייסער זון", ערשטער טייל).

דער זשורנאל האָט געגעבן דעם לייענער פיר פיעסן — מ. קאָבריאנסקיס „וועלוועלע גאווריעלס" (אין נום. 6 פון 1972), ש. פערסאָווס „וועגן־אומוועגן" (נום. 1 פון 1973), א. קאהאנס „די בראָדער זינגער" (נום. 3 פון 1973) און א. ווערגעליסעס איינאקטער „א טאָעס געהאט אין כעזשבן" (נום. 3 פון 1976).

א ברייט טעמאטיש בילד שאפן די פארעפנטלעכטע אין די 60 נומערן דערציילונגען, נאָוועלן, נאָוועלעטן, פארצייכענונגען. די צאָל זייערע באטרעפט ארום 340. אהער גייען ניט ארײַן די גרעסערע דאָקומענטאלע דערציילונגען פון ד. דראגונסקי, ל. בראַווערמאן, די ביאָגראפישע פארצייכענונגען פון מ. בעסאראב וועגן ל. לאנדאו און אנד., די דאָקומענטאלע פארצייכענונג פון יאשע טשערניס „דער וועג קיין קוקאָן" (געדרוקט אין דער רובריק „פון דעם שרײַבערס נאָטיץ־ביכל"), די ווערק פון דער הײַנטצײַטיקער ייִסראָעל־ליטעראטור (אין נום. 8 פון 1972), א. ווערגעליסעס „בריוו פון אייראָפע", וועלכע זײַנען צעשפרייט אין פילצאָליקע נומערן, ש. האלקינס „מײַן אווטאָביאָגראפיע" (נום. 2 פון 1973), די שאפונגען פון איציק פעפער, פערעץ מארקיש, שמועל האלקין, געווידמעט דעם 30־טן יאָרטאָג פונעם אויפשטאנד אין ווארשעווער געטאָ (נום. 4 פון 1973). אין דער ציפער „340" גייען אויך ניט ארײַן אזעלכע פארצייכענונגען, ווי נאָטע לוריעס „צוגאסט בא די קיִעווער ייִדישע שרײַבער", דער ציקל פארצייכענונגען פון ה. רע־

לעס וועגן די אָנגעזעענסטע ייִדישע סאָוועטישע דיכטער („זיי זײַנען געווען די ערשטע"), — מיר גיבן דאָך אָן אלגעמיינעם איבערזיכט, ניט קיין ביבליאָגראפישע רעשימע.

די צאָל לידער, פאָעמעס, באלאדעס באטרעפט ארום 1800. אין נום. 4 פון 1972 זײַנען געווען פארעפנטלעכט לידער פונעם פראָלעטארישן דיכטער י. באָוושאָווער (צו זײַן 100־טן געבורטסטאָג), אין נום. 9 פון 1974 — דרײַ לידער פון כ.־נ. ביאליק (צו זײַן 100־טן געבורטסטאָג). עס זײַנען געדרוקט כ. ווײַנערמאנס מיניאטור־לידער (נום. 1 פון 1973), כ. ביידערס דיכטערישער רעפּאָרטאזש „אין סיביר" (נום. 8 פון 1974), א. ווערגעליסעס „פובליציסטישע פאָעמע" (נום. 9 פון 1972), די פאָעמעס פונעם זעלבן אווטאָר „יאָרדים" (נום. 3 פון 1974), „מיר נעמען שוין אזא מין פאל" (וועגן אוילים, וואָס לויפן פון ייִסראָעל, געדרוקט אין נום. 6 פון 1974), „דאָס גאָלדענע פינגערל" (נום. 4 פון 1975), א. טווארדאָווסקיס ליד „איך בין דערהארגעט לעבן רזשעוו" אין דער איבערזעצונג פון א. לייבעש (נום. 5 פון 1975), מ. טייפס פאָעמע „וויאָלאָנטשעל" (נום. 9 פון 1974), מ. ליפשיצעס צוועלף סאָנעטן (נום. 4 פון 1972) און זײַן אווטאָביאָגראפישע פאָעמע (נום. 1 פון 1973). צום 80־טן געבורטסטאָג פון וול. מאיאקאָווסקי האָט דער זשורנאל געדרוקט די „ליד וועגן סאָוועטישן פאספאָרט" (אין דער איבערזעצונג פון מ. כאשטשעוואצקי) און א פראגמענט פון דער פאָעמע „מיט דער פולער שטים" (אין דער איבערזעצונג פון ע. פינינבערג, נום. 7 פון 1973). עס זײַנען פארעפנטלעכט געוואָרן נײַן לידער פון א. פושקין (צו זײַן 175־טן געבורטסטאָג) אין דער איבערזעצונג פון ד. האָפשטיין, אויסצוגן פון א. פושקינס ראָמאן „יעווגעני אָנעגין" אין דער איבערזעצונג פון ע. פינינבערג, א. רייזענס לידער (צו זײַן 100־טן געבורטסטאָג), די לידער־ציקלען פון א. גאָנטאר, מ. גרוביאן, ד. כײַקינע, מ. טאלאלאיעווסקי, א. קאצעוו, כ. גורעוויטש, ש. דריז, ה. בלאָשטיין, די באזונדערע דיכטערישע שאפונגען פון מ. אלטמאן, ב. מילער אא. אין דער רובריק „ווערק פון אונדזערע לייענער" טרעטן אָפט ארויס וו. ווערניק (קיִעוו), ז. ווייצמאן (סוואָבאָדני, אמורער געגנט), ש. זינגער (ווינניצע), י. טאבאקמאכער (ביראָבידזשאן), ב. סינעלניקאָווא (מאָסקווע), ש. ראפאָפּאָרט (לענינגראד) און אנד. אייניקע פון זיי דרוקן זיך שוין זעלבשטענדיק, אשטייגער וועלוול ווערניק פון קיִעוו.

דער אָפטייל „פובליציסטיק"

„סאָוועטיש היימלאנד" האָט פארעפנטלעכט אין א ייִדישער איבערזעצונג דעם פולן טעקסט פון ל. אי. ברעזשנעווס רעדע אפן וועלט־קאָנגרעס פון די פרידנסליבנדיקע קרעפטן, געהאלטן דעם 26 אָקטיאבער 1973, און ארויסגעגעבן זי אין דער פאָרם פון א בראָשורירטער בײַלאגע צום אָקטיאבער־נומער פון זעלבן יאָר.

אין נום. 3 פון 1972 זײַנען אָפּגעדרוקט די מאַטעריאַלן פון דער טעאָרעטישער קאָנפערענץ פון „סאָוועטיש היימלאַנד" איבער די פראַגן פון קאַמף קעגן ציוניזם. אין דער קאָנפערענץ האָבן זיך באַטייליקט דערווירקלעכער מיטגליד פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון פססר מאַרק מיטין, דער מיטגליד־קאָרעספּאָנדענט פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון דער טאַדזשיקישער ססר יוסף בראַגינסקי און אַנד. אין נום. 6 פון 1976 איז פּובליקירט דאָס אַרטיקל פונעם פּראָפעסאָר געגריקאַס זימאַנאַס (דעפּוטאַט פונעם אויבער־סאָוועט פון פסס) „דער ציוניזם און די ייִדן".

דער זשורנאַל גיט אָפּט איבערזיכטן פון פאַרשיידענע פּרעסע־אָרגאַנען וועגן דער לאַגע אין ישׂראל, וועגן די ליידן פון די געוועזענע סאָוועטישע ייִדן, וועלכע מאַטערן זיך איצט אין ישׂראל און אין אַנדערע לענדער פון דער וועלט. „די גסיסע פון דער אליה", „צו די געשענישן אין ירושלים און אויפן מערבֿ־ברעג פונעם טײַך ירדן" — אַזוי הייסן די פּרעסע־איבערזיכטן, וועלכע זײַנען געדרוקט אין די נומערן 4 און 6 פאַרן 1976. אין דעם איבערזיכט „ייִדן און אַראַבער קאָנען און דאַרפן לעבן אין פרײַנטשאַפט" (נום. 11 פון 1975) ווערט דערציילט וועגן דער געשיכטע פון די באַציִונגען צווישן ייִדן און אַראַבער אין משך פון יאָרהונדערטער. אין די נומערן 5 און 6 פון 1974 זײַנען פּובליקירט די מאַטעריאַלן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ישׂראל וועגן הײַנטצײַטיקן ציוניזם (דאָקומענטן פונעם 16־טן און 17־טן צוזאַמענפאָרן פון דער קאָמפּאַרטיי פון ישׂראל). „אונדזער היימלאַנד — דער סאָוועטנפאַרבאַנד" — אַזאַ איבערזיכט פון בריוו, אויסצוגן פון אַרטיקלען און רעפּאָרטאַזשן איז פאַרעפנטלעכט אין נום. 4 פון 1973. אין נום. 6 פון 1973 ווערן געדרוקט אַרטיקלען פון די פּובליציסטן פון ישׂראל י. טאַלמאַן, א. קאָהען און א. רובינשטיין וועגן דעם קאַמף פאַר א גערעכטיקן שלום אויפן נאָענטן מיזרח אויפן יסוד פון דער רעזאָלוציע פונעם זיכערהײַט־ראַט פון די פאַראייניקטע נאַציעס. „אַן אויסגעטראַכט היימלאַנד" — אַזוי הייסן די נאָטיצן פון ל. בערשאַדסקאַיאַ, וועלכע זי האָט געשריבן אין פאַריאָר פון איר עמיגראַציע אין ישׂראל (געדרוקט אין נום. 5 פון 1973). אין נום. 9 פון דעם זעלבן יאָר ווערן געבראַכט די אָפּקלאַנגען פון לייענער אויף די דאָזיקע „נאָטיצן" און א דאָקומענטאַלער מאַטעריאַל פונעם אַרבעטער אויף א מאַשינבוי־זאַוואָד אין ווין (עסטרײַך) ניקאָלײַ פּעטראָוו (יאַקאָוו שטיין) אונטערן נאָמען „פאַרוואָס האָב איך פאַרלאָזט ישׂראל". „קעגן דער אַנטיסאָוועטישער וואַקכאַנאַליע" און „דער גרויסער שווינדל פונעם ציוניזם" — אַזוי הייסן די פּרעסע־איבערזיכטן אין די נומערן 2 פון 1972 און 8 פון 1973.

וועגן די ציוניסטישע פּאַרטייען און זייער טאָך, אָנהייבנדיק פון סוף פאָריקן יאָרהונדערט ביז הײַנט־צו־טאָג, ווערט דערציילט אין די אַרטיקלען פון נ. ריכטער „אויסלייזער פונעם ייִדישן פאָלק" (נום. 2 פון 1972); ט. גאָזשאַנסקע „סאַקאָנע פונעם פאַשיזם אין ישׂראל" (נום. 1, 2 און 3 פון 1976); ל. דאַדיאַני „פּאָליטישע פּאַרטייען און גרופּעס אין ישׂראל" (נום. 8 פון 1973).

אין 1975 האָט זיך אין זשורנאַל געעפנט א רובריק — „וואָס דערוויסן מיר זיך פון די נײַע פּובליקאַציעס", אין וועלכער עס זײַנען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַרטיקלען וועגן דעם אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקע (נום. 6 פון 1975), „דער אידעאָלאָגישער קריזיס פונעם ציוניזם" (נום. 8 פון 1975), „די געשיכטע האָט א גוטן זכּרון" (נום. 10 פון 1975), „דער קראַך פון „דזשויש דעפענס ליג" (נום. 4 פון 1976), „מדינת ישׂראל און די אַראַבישע וועלט" (נום. 5 פון 1976).

אין דער רובריק „אויף די שפּורן פון געשענעם" זײַנען אָפּגעדרוקט 35 מאַטעריאַלן. מיר ברענגען דאָ אייניקע פון זיי: י. ווײַנרוב — „א באַגעגעניש" (נום. 1 פון 1971), מ. גאָלדבערג — „ראַמזײַ טרעפט זיך מיט עטיענען" נום. 2 פון זעלבן יאָר), י. בערשאַדסקי — „די ערשטע פּאָטשט־מאַרקע מיט לענינס בילד" (נום. 3), ש. קריוואָשעין — „דאָס אַריבערגיין די „טײַוול־בריק" (נום. 8), י. סטראַכאָווענקאָ־פאַבריקאַנט — „שמואל צווילינג — א לעגענדאַרער העלד" (נום. 9), ל. יאַרקעוויטש — „זײַן נאָמען און צונאָמען" (וועגן יאָסל פורמאַנאָוויטש) (נום. 8 פון 1973), מ. ניורענבערג — „וויאַזוי איך האָב געמאָלט די שטוב, ווו עס איז געבוירן געוואָרן שלום־עליכם" (דאָרט), ל. וועשטאָרט — „דער העלדנטויט פון א שרײַבער" (וועגן דעם שרײַבער מ. גערשענזאָן, נום. 2 פון 1975), י. פאַליקמאַן — „פּיר ייִנגלעך" (נום. 6 פון זעלבן יאָר).

די רובריק „ענטפערס אויף פראַגן" אַנטהאַלט 27 מאַטעריאַלן. אין איר קאָן מען, צווישן אַנדערס, געפינען אַזעלכע פּובליקאַציעס: וו. בלומענפעלד „וויאַזוי האָט וו. אי. לענין אָפּגעשאַצט דעם ציוניזם" (נום. 8 פון 1971), „וו. אי. לענין האָט שטודירט די לאַגע פון די ייִדן אין צאַרישן רוסלאַנד" (נום. 12 פון זעלבן יאָר); „זיי בײַטן אויס ליטעראַטור אויף שמוציקע קלינגערס" (וועגן געוועזענע סאָוועטישע שרײַבער און זשורנאַליסטן, וועלכע דינען איצט אין ישׂראל דעם ציוניזם), י. גאָלדבערג (בוענאָס־אײַרעס) — „דער פּראָוואָקאַטאָר אויף גאַסטראָלן" (וועגן י. קערלערן, ביידע אין נום. 3 פון 1973); ל. דאַדיאַני — „דער קלעריקאַליזם אין ישׂראל" (נום. 10 פון 1974).

ליטעראַטור־קריטיק און ביבליאָגראַפיע

ווי אין דער גאַנצער סאָוועטישער ליטעראַטור, האָט אין „סאָוועטיש היימלאַנד" זיך אָנגעהויבן א היפּשע אויפלעבונג אין דער ליטעראַטור־קריטיק נאָך דער באַשטימונג פונעם

צק פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פונעם
סאָוועטנפאַרבאַנד „וועגן דער ליטעראַריש־
קינסטלערישער קריטיק" (די יִדישע איבערזע־
צונג פון דער באַשטימונג איז פאַרעפנטלעכט
אין נומ. 4 פון 1972). דער ערשטער ענטפער
פונעם זשורנאַל אויף דער אָנגערופענער באַ־
שטימונג איז געווען דער ספּעציעלער מיינונג־
אויסטויש אויף איינער פון די פאַרברייטערטע
זיצונגען פון דער רעדקאָלעגיע — „וועגן דער
היינטצייטיקייט־טעמע אין דער יִדישער סאָ־
וועטישער ליטעראַטור". אינעם מיינונג־אויס־
טויש האָבן זיך באַטייליקט א. גאָנטאַר, ש. גאָר־
דאָן, ט. גען, א. ווערגעליס, ב. מילער, כ. מע־
לאַמוד, ה. פּאָליאַנקער, ה. רעמעניק (דער באַ־
ריכט איז געווען פאַרעפנטלעכט אין נומ. 5
פון 1974). נאָכדעם זײַנען געקומען די אַרטיק־
לען פון ה. רעמעניק „גרונט־עטאַפּן פון דער
נײַער יִדישער ליטעראַטור", „מענדעלע און
שאָלעם־אַלייכעם", „שאָלעם־אַלייכעם און די
רוסישע ליטעראַטור", „פּראָבלעמען פון דער
הײַנטצײַטיקער יִדישער ליטעראַטור", „עטיודן
וועגן קריטיק און קריטיקער" און אַנד.; די פּאָ־
לעמישע אַרטיקלען פון א. ווערגעליס „שײַלעס
און טשוּוועס" (וועגן דעם בוך פון כ. סלאָוועס
„אין און אַרום"), „אונטער דער ווירקונג פון
אומבאַשטרײַטבאַרע פאַקטן" (וועגן נאָכמען
מײַזילס בוך „דאָס יִדישע שאַפן און דער
יִדישער שרײַבער אין סאָוועטנפאַרבאַנד"),
„ניגערס אַנטיסאָוועטישע ליטעראַטור־מעווינעס
און זייער הײַנטצײַטיקער אָפּקלאַנג", „די יִדי־
שע ליטעראַטור טאָר מער ניט זײַן קיין פעלד
פאַר דעם קאַלטן קריג"; די מאַטעריאַלן פונעם
זעלבן אוטאָר „נאָטיצן אָן א סיידער"; די אַר־
בעטן פון א. ראַסקין „א נײַע פאָרשונג וועגן
שאָלעם־אַלייכעמען", „אַן איבערגעניצעוועטער
שאָלעם־אַלייכעם" (וועגן די העברעיִשע איבער־
זעצונגען פון שאָלעם־אַלייכעמס דראַמען), זײַ־
נע אַרטיקלען וועגן כ.־נ. ביאַליקן, וועגן דער
שאַפונג פון ש. גאָרדאָן, ט. גען, ש. גאָרשמאַן
און אַנד.; דאָס אַרטיקל פון י. סערעבריאַני
וועגן דעם דיכטער א. שוויכעט („געקומען פון
די פראָנטן"...), זײַנע נאָטיצן „דער יונגער
גורשטיין וועגן דעם יונגן מענדעלע" און די
זײַטלעך פון זײַן שרײַבערישן נאָטיץ־ביכל,
אי. דרוקערס „לייענענדיק פון אַלעף ביז טאָף"
(„אייניקע געדאַנקען וועגן א. ווערגעליסעס
דיכטערישער שאַפונג") און „דער לעצטער פּר־
נעם בעסאַראַבער אָלימפּ" — צום 85־טן גע־
בורטסטאָג פון מוישע אַלטמאַן; כ. ביידערס
מיטיילונג „אַנטפּלעקטע סודעס" (אומבאַקאַנ־
טע דאָקומענטן וועגן מענדעלע מויכער־ספאָ־
רים, געפונענע אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסקער מע־
לוכע־אַרכיוו).

א היפּשע צאָל מאַטעריאַלן זײַנען פאַר־
עפנטלעכט אין דער רובריק „קורצע רעצענ־
זיעס".

זינט דעם נומ. 9 פון 1975 האָט זיך באַוויזן
א נײַע רובריק — „מאַטעריאַלן פאַר א לעקסי־
קאָן פון דער יִדישער סאָוועטישער ליטעראַ־
טור", וועלכע פאַרבײַט דעם אָפּטייל „נאָטיצן
אויפן קאַלענדאַר". ביז הײַנט זײַנען אין דער
רובריק געגעבן געוואָרן ידיעות וועגן יִדישע
שרײַבער, לינגוויסטן, פּרעסע־טוער, קינסטלער,
קאָמפּאָזיטאָרן, פּובליציסטן, וועמעס פאַמיליעס
עס הייבן זיך אָן מיט די אויסיעס „א" און „ב".

פונעם נומ. 1 פון 1972 איז אײַנגעפירט די
רובריק „פונעם ליטעראַטור־אוצר". ביז איצט
זײַנען אין אָט דער רובריק דערשינען פאָלגנ־
דיקע ווערק: אין נומ. 1 פון 1972 — פונעם בוך
פון ז. שניירער „פּאַנדרעס אַנטלויפן" („נײַע
זאָרגן", „דער דאַפּראַס"); אין נומ. 2 פון זעלבן
יאָר — אויסצוגן פון י. אָפּאַטאָשוס בוך „קלאַסנ־
קאַמף"; אין נומ. 3 — ש. אַשס „מאָמענטן פון
די פרײַהײַטס־טעג" און „האַקדאָמע צום בוך
„ערד"; אין נומ. 4 — א. רייזענס דערציילונגען;
אין נומ. 5 — י.־ל. פּרעץ וועגן י. דינעזאָנען;
אין נומ. 6 — שאָלעם־אַלייכעמס „שאָמערס
מישפּעט"; אין נומ. 10 פון 1973 — דערציילונ־
לען פון ל. כאַנוקאָוו „די לעצטע גרענעץ",
„צום שלאָס מיט די שטאָלענע טויערן"; נומ. 11
פון זעלבן יאָר — דערציילונג פון ב. גלאַזמאַן
„קנאָבל־ווורשט"; נומ. 3 פון 1974 — דערציי־
לונג פון אײַזיק־מייער דיק „די בעהאָלע"; נומ.
8 פון זעלבן יאָר — לידער פון מאַני לייב;
נומ. 4 פון 1975 — דערציילונג פון מ. אַלטמאַן
„די ווינער קאַרעטע"; נומ. 9 פון זעלבן יאָר —
אווראָם רייזענס לידער (צו זײַן 100־טן גע־
בורטסטאָג); נומ. 10 — פאַבלען פון י. טשע־
מערינסקי (רעב מאָרדכעלע); נומ. 12 — לידער
פון מ.־ל. האַלפּערן; נומ. 5 פון 1976 — מוישע
נאַדירס לידער; נומ. 7 פון זעלבן יאָר — זיבן
לידער פון ה. לייוויק.

די ביבליאָגראַפיע פאַרנעמט אין „סאָוועטיש
היימלאַנד" א בעקאָוועדיק אָרט. אין די נו־
מערן 10—11 פון 1971 איז פאַרעפנטלעכט די
אַרבעט פון א. פינקעלשטיין, וועלכע גיט א
פולע רעשימע פון דער פּראָזע און פּאָעזיע,
וואָס איז אָפּגעדרוקט אין זשורנאַל פאַר די
ערשטע צען יאָר. אין די נומערן 1—3 פון
1972 — מ. ראָזענהויזס און א. פריבלודעס רע־
שימעס פון די געדרוקטע ווערק אין זשורנאַל
לויט אַלע אַנדערע אָפּטיילן. אין נומ. 4 פון
1974 — א ביבליאָגראַפישע אַרבעט פון מ. ראָ־
זענהויז מיקויעך דער ליטעראַטור וועגן בי־
ראָבידזשאַן. אין די נומערן 10 און 11 פון
1975 — איבערזיכטן פון א. פינקעלשטיין וועגן
איציק פעפערס און אַרן קושניראָווס ווערק.
אין די נומערן 5 און 6 פון 1976 פּובליקירט
דער זעלבער אוטאָר א ביבליאָגראַפישע רע־
שימע פון י.־ל. פּרעצעס ווערק און פון די
ווערק וועגן י.־ל. פּרעצן, וועלכע זײַנען אַרויס
פון דרוק אין סאָוועטנפאַרבאַנד פאַר די לעצטע
57 יאָר (1917—1974). אין נומ. 7 — די ביב־
ליאָגראַפישע אַרבעט פון א. פינקעלשטיין וועגן
די ווערק פונעם דיכטער מ. טייף. זייער אָפט
טרעפן די לייענער די רובריק „קורצע רעצענ־
זיעס", ווּ עס ווערן געגעבן גענויע אָפּהאַנד־
לונגען וועגן די יִדישע ווערק פון אַלע זשאַנ־

רען, וועלכע דערשײַנען בא אונדז אין לאַנד און אויך אין אויסלאַנד.

א טראַדיציאָנעלע איז געוואָרן די רובריק „אונדזערע מיטיילונגען". צווישן די דאָזיקע מאַטעריאַלן געפֿינען מיר אַרטיקלען פֿון ה. אַלעקסאַנדראָוו „פּראָפֿעסאָר ב. א. בעזנאָסאָוו — מענדעלעס קאָרעספּאָנדענט" (נומ. 12 פֿון 1971), ל. ווילסקער „נײַע מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פֿון ייִדן אין רוסלאַנד" (נומ. 5 פֿון 1971), „מענדעלעס א בריוו צום באַראָן גינזבורג" (נומ. 3 פֿון 1973), „צו דער געשיכטע פֿונעם דרוק־וועזן בא ייִדן" (נומ. 6 פֿון 1975), „אויסדערווײלטע אַפֿאָריזמען פֿון פֿילאָסאָפֿן" (נומ. 9 און 10 פֿון 1975); „אַן אומבאַוווּסטער בריוו פֿון א. קאַהאַנאַ צום באַראָן ד. גינצבורג" (נומ. 5 פֿון 1976); א. ווינקאָוועצקי „צום 100־טן יאָרצײַט פֿון א. פֿירקאָוויטש" (נומ. 10 פֿון 1975), „וועגן דעם עטנאָגראַף שײַע פּולנער" (נומ. 12 פֿון 1975); א. פּריבלודע „ייִדישע נעמען, אַנטלײַענע בא אַנדערע פֿעלקער" (נומ. 12 פֿון 1971). „מאַקסים גאָרקי און ח.־נ. ביאַליק" (נומ. 3 פֿון 1973); „אַלעקסיי טאָלסטאָי וועגן שאָלעם־אַליי־כעמען" (דאָרט); י. קאָוועלמאַן „א העברעיִשע גראַמאַטיק אין לערמאָנטאָווס ביבליאָטעק" (נומ. 11 פֿון 1971), „העברעיִשע אויפֿשריפֿטן אויף קונסטווערק" (נומ. 9 פֿון 1972); „העברעיִש־רוסישע און ייִדיש־רוסישע ווערטערביכער" (נומ. 10 פֿון 1972), „ביכער אויף ייִדישער טעמאַטיק אין וואָלטערס פּערזענלעכער ביבליאָטעק" (נומ. 11 פֿון 1972), „ביבלישע און אַפּאָקריטישע סוזשעטן אין דער רוסישער דראַמאַטורגיע" (נומ. 2 פֿון 1973), „דער קינסטלער לעאָניד פּאַסטערנאַק" (נומ. 7 פֿון 1973), „דער אַקאַדעמיקער פֿון מאָלערײַ־קונסט מוישע מײַמאָן" (נומ. 2 פֿון 1974), „העבראַיִסטיק אין די רוסישע לערן־אַנשטאַלטן און וויסנשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס" (נומ. 3 פֿון 1975), „העברעיִשע ליטעראַטור אין א רוסישער איבערזעצונג" (נומ. 7 פֿון 1975); ר. שאַמעשאַשווילי „די ליטעראַטור בא די גרוזינישע ייִדן" (נומ. 5 פֿון 1973); ז. קאַהאַן „ווילנער גאָלד־מײַסטערס" (דאָרט); כאַצקל נאַדעל „אַווראָם רייזענס א ניט־פּובליקירטער בריוו צו י. צינבערגן" (נומ. 4 פֿון 1976); סאַנטשאָ ראַכאַמימאָוו „וויִאַזוי מע האָט אין דער פֿאָלקס־בולגאַריע געמישפּעט די פֿאַשיסטישע מערדער" (נומ. 7 פֿון 1976). אינגאַנצן גענומען זײַנען אין דער רובריק „אונדזערע מיטיילונגען" אָפּגעדרוקט געוואָרן 42 מאַטעריאַלן.

צו דעם זשאַנער זיכרונות קאָנען פֿאַררעכנט ווערן ד. כאַראָלס לירישע העפֿטן, אירע דאָקומענטאַל־קינסטלערישע פֿאַרצייכענונגען וועגן דאָוויד בערגעלסאָנען. דער דאָזיקער אָפּטייל אין זשורנאַל האָט זיך אָנגעהויבן מיט ז. ווענדעראָווס דערינערונגען „וואָס עס לעבט אין מײַן זיקאָרן" (נומ. 1 פֿון 1971). דערנאָך קומען מ. שאַץ־אַנינס „אויף מײַן לעבנס־וועג" (אין די נומערן 4, 5, 6, 9, 10 און 11 פֿון 1971, אין נומ. 1 פֿון 1972), א. גובניצקיס „דאָוויד בערגעלסאָן לערנט מיך שרײַבן" (נומ. 7 פֿון 1971), ראָכל פּעפּערס באַשרײַבונג וועגן איציק פֿעפֿערן (נומ. 2 פֿון 1972), בינימין שוואַרצערס זיכרונות „פֿאַרבליבן אין מײַן זיקאָרן" (נומ. 5, 6, 7 פֿון 1972, 6 און 10 פֿון 1973), כ. טאַמאַרקינס זיכרונות וועגן דאָוויד האָפֿשטיינען (נומ. 1 פֿון 1976) און וועגן דער וואַרשעווער קולטור־סוויווע אין די 30־ער יאָרן (נומ. 6 פֿונעם זעלבן יאָר), די פֿאַרצייכענונגען פֿון ראָזע קאַץ־ראַבינאָוויטש וועגן דער זשורנאַליסטישער טעטיקייט פֿון שלוימע ראַבינאָוויטש (נומ. 12 פֿון 1973 און נומ. 6 פֿון 1975), א. גוראַלניקס „נעכטן, הײַנט, מאָרגן" (נומ. 9 און 12 פֿון 1973, נומ. 2 און 5 פֿון 1974), ה. בלאָשטיינס „איך וויל אײַך דערציילן" (נומ. 7, 8, 9 פֿון 1974, נומ. 2 פֿון 1975, נומ. 4 און 5 פֿון 1976), י. טשערניס וועגן עמאַנויִל קאַזאַקעוויטשן (נומ. 4 פֿון 1975), א. טשוזשוי „כאַווער לייב" (וועגן ל. קוויטקאָ, נומ. 11 פֿון 1975), י. ליובאָמירסקי „בלעטלעך פֿון מײַן לעבן" (נומ. 11 פֿון 1975), יודעס אַראָנטשיק „וועגן איינער א ליד" (נומ. 2 פֿון 1976).

ווערק פֿון די שרײַבער פֿון די סאָוועטישע פֿעלקער, ווערק פֿון אויסלענדישע ייִדישע פּראָגרעסיווע שרײַבער

אין נומ. 12 פֿון 1971 זײַנען אָפּגעדרוקט לידער פֿון דאָרע טייטלבוים (פּאַריזש), יאָסל גאָלדבערג (בוענאָס־אײַרעס), בער גרין און ש. בודין (ניו־יאָרק), די דערציילונג פֿון א.־מ. פֿוקס (ייִסראָעל) „די קליינע מאַניע" (צום 80־טן געבורטסטאָג פֿונעם אַווטאָר), בילדער פֿונעם קאַנאַדער מאָלער א. יאַנאָווסקי. אין נומ. 8 פֿון 1972 זײַנען פֿאַרעפֿנטלעכט די לידער פֿון די ייִסראָעל־דיכטער א. דעקער, י. אַמיכײַ, א. כאַלפֿי, ע. אײַזיקאָוויטש, מ. באַרזילײַ, א. גילבאָא, י. ראָטבליט, א. נויף, י. געפֿען, איבי, כ. לעווין, דערציילונגען פֿון מ. אווי־שאול, אַמאָס אָז, י. שפּיגל, י. אָרפּאַז (איבערזעצער פֿון די לידער — ר. באַליאַסנע, פּ. בינעצקי, מ. טאַלאַלאַיעווסקי, איבערזעצער פֿון די דערציילונגען — נ. בראָכעס, א. ראַסקין), אין נומ. 12 פֿון 1974 — די לידער פֿון צ. בליץ און י. גאָלדבערג (בוענאָס־אײַרעס), כ. שוואַרץ און סעם ליפּצין (ניו־יאָרק) און אַנד. אין נומ. 4 פֿון 1976 איז געגעבן א ליטעראַריש־קריטישע אָפּהאַנדלונג פֿון רוט לעווין וועגן דעם לעבן און שאַפֿן פֿונעם ייִסראָעל־דיכטער אַלעקסאַנדער פּען.

דער זשורנאַל באַקענט אָפֿט זײַנע לייענער מיט די לידער און דערציילונגען פֿון דער פֿילנאַציאָנאַלער סאָוועטישער ליטעראַטור. אין נומ. 3 פֿון 1972 איז אָפּגעדרוקט די דערציילונג פֿור־

נעם פאָלקס־שרײַבער פון דער עסטלענדישער ססר אאדו כינט „דער לעצטער פּיראַט" (אין דער איבערזעצונג פון י. שרײַבמאַן). ניט זעלטן גייט די רובריק „פון דער הײַנטצײַטיקער רוסישער סאָוועטישער פּאָעזיע". מיר ברענגען דאָ דעם אינהאלט פון אײנער אזא רובריק אין נומ. 6 פון 1972: לידער פון ר. קאזאקאָווא, י. מאָריץ (איבערזעצער א. ווערגעליס), יע. ווינאָקוראָוו (איבערזעצער א. גאָנטאר), וו. סאָקאָלאָוו (איבערזעצער אי. באָרוכאָוויטש) און אנד. אין נומ. 11 פון 1972 פארנעמט 30 זײַטן די רובריק „פון דער הײַנטצײַטיקער לעטישער סאָוועטישער ליטעראטור" (לידער, פּראָזע און ליטעראריש־קריטישע מאטעריאלן), אָפּגעקליבן און איבערזעצט אין ייִדיש דורך דעם שרײַבער מארק ראזומני. אין נומ. 12 פון זעלבן יאָר זײַנען אָפּגעדרוקט אין א ייִדישער איבערזעצונג די לידער פון די דיכטער פון די 15 פארבאנדישע סאָוועטישע רעפּובליקן: א. טווארדאָווסקי (רספסר), ב. אָליינִיק (אוקראַיִנע), ר. באָראָדולין (ווײַסרוסלאנד), כ. שאריפּאָוו (אוזבעקיסטאן), א. זשומגאליִעוו (קאזאכסטאן), ש. אבכאַיִדזע (גרוזיע), ד. דזשאבארלי (אזערבײַדזשאן), א. ווענצלאָווא (ליטע), פּ. זאדניפּרו (מאָלדאוויע), א. וועיאן (לעטלאנד), ט. שאמשיִעוו (קירגיזיע), מ. טורסון־זאדע (טאדזשיקיסטאן), ס. ארוטיוניאן (ארמעניע), י. נאסירלי (טורקמעניע), ע. ניוט (עסטלאנד); די איבערזעצער אין ייִדיש: אי. באָרוכאָוויטש, מ. טאלאלאיעווסקי, א. זינגער, א. לייבין, כ. ביידער אא.

וויכטיקע דאטעס

אין די לעצטע פינף יאָר האָט דאָס סאָוועטישע פאָלק צוזאמען מיט דער גאנצער פּראָגרעסיווער מענטשהײַט אָפּגעמערקט צוויי וועלט־היסטאָרישע יובילייען — דעם 50־טן יאָרטאָג פונעם פארבאנד סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן און דעם 30־טן יאָרטאָג פונעם גרויסן ניצאָכן אין דער פאָטערלענדישער מילכאָמע. ביידע יובילייען זײַנען געווען געווידמעט ספּעציִעלע נומערן פונעם זשורנאל. דעם 50־טן יאָרטאָג פון פססר — דער נומ. 12 פון 1972, דעם 30־טן יאָרטאָג פונעם גרויסן ניצאָכן — דער נומ. 5 פון 1975. דער נומ. 4 פון 1974 איז געווידמעט דעם 40־טן יאָרטאָג פון דער גרינדונג פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט. דער נומ. 9 פון 1972 איז אויך א „ביראָבידזשאנער".

א גרויסער טייל פון דעם נומ. 7 פון 1976 פארנעמען די מאטעריאלן וועגן דעם לעבן פון די ייִדן אין דער בולגארישער פאָלקס־רעפּובליק. ער באשטייט פון פּובליציסטישע און קינסטלערישע ווערק פון די בולגארישע ייִדישע ליטעראטן און געלערנטע: אי. מײַער, י. אסטרוקאָוו, ד. אסענעוו, א. בארוך, ד. גאבע, וו. פּעטראָוו, ס. טאדזשער, ד. אָוואדיִאָ, וו. סאָמויִלאָוו און אנד.

דער זשורנאל האָט אין די 60 נומערן אָפּגעמערקט די געבורטסטעג פון פאָלגנדיקע ייִדישע שרײַבער און קולטור־טוער: מ. אלבערטאָן (75 יאָר), מ. אלטמאן (85 יאָר), י. בורג (60 יאָר), כ.־נ. ביאליק (100 יאָר), ד. בערגעלסאָן (90 יאָר), י. בראגינסקי (70 יאָר), ד. בראָמבערג (60 יאָר), אי. בראָנפמאן (60 יאָר), ה. בלאָשטיין (80 יאָר), מ. גאָלדמאן (75 יאָר), ש. גאָרשמאן (70 יאָר), א. גובניצקי (60 יאָר), ט. גען (60 יאָר), מ. גערשענזאָן (70 יאָר), מ. גרוּוומאן (60 יאָר), ה. דאָבין (70 יאָר), ה. דיִאמאנט (60 יאָר), ש. האלקין (75 יאָר), א. הובערמאן (70 יאָר), י. הוטנער (80 יאָר), ל. העלער (60 יאָר), כ. ווײַנערמאן (70 יאָר), ב. זוסקין (75 יאָר), מ. טייף (70 יאָר), אי. כאריק (75 יאָר), ד. כײַקינע (60 יאָר), י. ליובאָמירסקי (90 יאָר), נאָטע לוריע (70 יאָר), סעם ליפּצין (80 יאָר), מ. לעוו (60 יאָר), פּ. מארקיש (80 יאָר), ב. מילער (60 יאָר), אי. מײַער (70 יאָר), ע. סאוויקאָווסקי (80 יאָר), י. סערעבריאני (75 יאָר), א. פלאטנער (80 יאָר), פּ. פלאָטקין (60 יאָר), א. פריבלודע (75 יאָר), ע. פאלקאָוויטש (75 יאָר), א. פוקס (80 יאָר), ע. פינינבערג (75 יאָר), אי. פעפער (75 יאָר), ס. פרײַ (70 יאָר), א. קאהאן (75 יאָר), ז. קאהאן (70 יאָר), א. קושניראָוו (85 יאָר), ל. קוויטקאָ (85 יאָר), י. קיפּער (75 יאָר), אי. ראבינאָוויטש (75 יאָר), מ. ראזומני (75 יאָר), י. רוביאן (60 יאָר), ר. רובין (70 יאָר), א. רייזען (100 יאָר), ה. רעלעס (60 יאָר), ה. רעמעניק (70 יאָר), מ. שאפּיראָ (75 יאָר), ב. שאפּיר (100 יאָר), א. שויכעט (80 יאָר), י. שרײַבמאן (60 יאָר).

אין די 60 נומערן זײַנען אָפּגעדרוקט 42 נײַע זינגלידער. אווטאָרן פון די טעקסטן — כ. ביידער, אי. בראָנפמאן, א. גאָנטאר, מ. גרוביאן, ש. דריז, א. ווערגעליס, מ. מאָגילעוויטש, ע. קאזאקעוויטש, פּ. קיריטשאנסקי, ש. ראָסין אא. אווטאָרן פון דער מוזיק: ד. אשקענאזי, ר. באָיארסקאיא, ל. בירנאָוו, מ. ברוקמאן, א. גערשקאָוו, יע. זשארקאָווסקי, מ. טשעבאָטאריאָוו, ל. יאמפּאָלסקי, מ. פּאָליאנסקי, ס. פײַנטוך, יאן פרענקעל, ז. קאָמפּאנייעץ אא.

אין אלע נומערן זײַנען געגעבן קינסטלערישע בײַלאגעס, באגלייט מיט ארטיקלען פון קונסטקענער.

אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד״ נעמען אָנטייל פּאָלגנדיקע אוטאָרן:

מוישע איטקאָוויטש (מאָסקווע), מוישע אלטמאַן (טשערנאָוויץ),
יוסעף איצקאָוו (טאַשקענט), ריווע באַליאַסנע (קיִעוו), ה. באַ־
ראַז (ראָסטאָוו), י. בוכבינדער (קיִעוו), י. באַראָוויטש (כאַר־
קאָוו), ע. ביליאַוויטשוס (ווילנע), כאַיִםביידער (מאָסקווע), עליע
ביידער (גאָרקי), אַלעקסאַנדער בעלאָוסאָוו (קישינעוו), שאָ־
ול באַראָוואָי (אָדעס), יוסעף בורג (טשערנאָוויץ), הירש
בעריאָזקין (מינסק), יוסעף בראַגינסקי (מאָסקווע), דאָוויד
בראָמבערג (מאָסקווע), לייב בירנאָוו (מאָסקווע), הירש
בלאָשטיין (טשערנאָוויץ), איציק בראָנפמאַן (כאַבאַראָווסק),
מייער ברוקאַזש (וויטעבסק), רעפאָעל גאָלדענבערג (ניקאָ־
לייַעוו), אַווראָם גאָנטאַר (מאָסקווע), עליע גאָרדאָן (מאָסק־
ווע), שמועל גאָרדאָן (מאָסקווע), אוראַן גוראַלניק (מאָסקווע),
כאַיִם גורעוויטש (נאָוואָסיבירסק), שירע גאָרשמאַן (מאָסק־
ווע), יאַנקעוו גינעווסקי (מאָסקווע), טעוויע גען (מאָסקווע),
דאָרע גראַזאָווסקע (מאָסקווע), סעמיאָן גרוזבערג (לוואָוו),
מאָטל גרוּומאַן (נאָווגאָראָד), לעאָנעל דאַדיִאַני (מאָסקווע),
הירש דאָבין (מאָסקווע), אַווראָם דאָברינקי (מאָסקווע),
מאָטל גאָלבשטיין (סימפעראָפּאָל), אירמע דרוקער (אָדעס),
בער האַלפּערן (ווילנע), הענריך האָפּמאַן (מאָסקווע), יעשוע
הוטנער (סמאָלענסק), ליפּע העלער (סמאָלענסק), לייב וויל־
סקער (לענינגראַד), אַרן ווינקאָוועצקי (לענינגראַד), זיסי
ווייצמאַן (טשעגדאָמין, כאַבאַראָווסקער קאַנט), כאָנע ווײַ־
נערמאַן (אָדעס), שיִע זינגער (וויניצע), אַרן זײַטשיק
(אָרענבורג), דאָוויד דראַגונסקי (מאָסקווע), אַרן ווערגע־
ליס (מאָסקווע), וועלוול ווערניק (קיִעוו), ס. ווערישע
(זאַפּאָראָזשיע), הענריך זימאַנאַס (ווילנע), יעווגעני
זשאַרקאָווסקי (מאָסקווע), כאַסקל טאַבאַטשניקאָוו (קיִעוו),
מאָטל טאַלאַליעווסקי (קיִעוו), כאַיִם טאַמאַרקין (מאָ־
סקווע), זיאַמע טימענטשיק (ריגע), יעכיִעל טשיטשעלניצקי
(טשערנאָוויץ), יאַשע טשערניס (מאָסקווע), סערגיי טשעבאָ־
טאַריאָוו (מאָסקווע), יאַנקל יאָסאַדע (ווילנע), גריגאָרי
יעליסאַוועטסקי (מאָסקווע), אַרן יערוסאַלימסקי (מאָסקווע),
דווירע כאַראָל (מאָסקווע), דאָרע כײַקינע (קיִעוו), נאָטע
לוריע (אָדעס), יעשוע ליובאָמירסקי (מאָסקווע), אַלעקסאַנ־
דער ליזען (לוואָוו), מענדל ליפּשיץ (מאָסקווע), מישע לעוו
(מאָסקווע), מישע מאָגילעוויטש (קיִעוו), מוישע מאַנ־
דעל (טשערנאָוויץ), מוישע מאַרגאָלין (מאָסקווע), בו־
זי מילער (בירָאָבידזשאַן), מאָניע מיניעוויטש (גאָרקי),
זאַלמען מינקין (דאָנעצק), כאַיִם מעלאַמוד (טשערנאָוויץ),
באָריס מאָגילנער (באַלאַשאָוו), אַרן סטרעלניק (מאָסק־
ווע), בראָניע סינעלניקאָווא (מאָסקווע), נעכאַמע סיראָ־
טינע (מאָסקווע), ייִסראָעל סערעבריאַני (מאָסקווע), יאַנקל
עלקיס (כאַרקאָוו), וואַלערי פאַנמאַן (בירָאָבידזשאַן),
הערשל פּאָליאַנקער (קיִעוו), מאָטל פּאָליאַנסקי (טשערנאָ־
וויץ), רוּוון פּוסטילניקאָוו (מאָסקווע), אַלעקסאַנדער פּע־
טשערסקי (ראָסטאָוו), מוישע פּענס (מאַכאַטש־קאַלאַ), יאַנקעוו
פּליך (אָדעס), פּיניע פּלאָטקין (באָברויסק), אַווראָם פּריבלודע
(מאָסקווע), יעכיִעל פאַליקמאַן (קיִעוו), עליע פאַלקאָוויטש
(מאָסקווע), אַבע פינקעלשטיין (מאָסקווע), ס. פײַנטוך (כאַר־
קאָוו), נאָכעם פרידמאַן (בירָאָבידזשאַן), סאָניע פרײַ (מאָסק־
ווע), זאַלמען קאַהאַן (לענינגראַד), עלישעווע קאַנצעדיק
(ווילנע), אַווראָם קאַצעוו (כערסאָן), מאָזי קאָבריאַנסקי (קיִ־
עוו), ייִסראָעל קאָוועלמאַן (מאָסקווע), דינע קאַלינאָווסקאַיאַ
(מאָסקווע), ראָזע קאַץ (מאָסקווע), בינִיאָמין קאָטליאַר (כאַר־
קאָוו), זינאָווי קאָמפּאַנייעץ (מאָסקווע), געדאַליע קאָסאָי (ווי־
ניצע), שנייער קאָניק (בירָאָבידזשאַן), פּיניִע קיריטשאַנסקי
(קיִעוו), גערשן קראַווצאָוו (מאָסקווע), יאַנקל קראַוועץ (וויל־
נע), יוסעף ראַבין (מאָסקווע), העשל ראַבינקאָוו (בירָאָביד־
זשאַן), מאַרק ראַזומני (ריגע), אַרן ראַסקין (קורסק), פרידע
ראַסקין (מאָסקווע), שלוימע ראַפּאָפּאָרט (לענינגראַד), מענדל
ראָזענהויז (מאָסקווע), יאַשע רוביאַן (מאָסקווע), ריווקע רו־
בין (מאָסקווע), אַווראָם רובינשטיין (מאָסקווע), מאַקס ריִאַנט
(סאַמאַרקאַנד), נ. ריכטער (מאָסקווע), הירש רעלעס (מינסק),
הערש רעמעניק (מאָסקווע), אידע שולקינע (ריגע), יוסעף
שוסטער (מאָסקווע), ראָמאַן שויכעט (בירָאָבידזשאַן), בינִיאָ־
מין שוואַרצער (מאָסקווע), מאָטל שטורמאַן (מאָסקווע), באָ־
ריס שיינגאַוטער (מאָסקווע), אײַזיק שפּילבערג (סמאָלענסק),
לעאָניד שקאָלניק (בירָאָבידזשאַן), יעכיִעל שרײַבמאַן (קע־
שענעוו) אאַ.

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД
(Советская родина)

Ежемесячный литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

На еврейском языке

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. ВЕРГЕЛИС**

РЕДКОЛЛЕГИЯ:
Х. Бейдер, Т. Ген, А. Гонтарь, С. Гордон, М. Лев, Нотэ Лурье, Х. Меламуд, Б. Миллер, Г. Полянкер, С. Фрай, И. Чичельницкий

Ответственный секретарь И. Шустер

Адрес редакции журнала:
Москва, Центр, ул. Кирова, 17

Телефоны:
главный редактор — 228-27-91
ответственный секретарь — 223-96-07

Художественная и техническая редакция
М. Сафронович, С. Черняк
Корректор М. Ландман

Сдано в набор 7.VI.1976 г. Подписано к печати 18.VII.1976 г. Формат 70×108¹/₁₆. Бумага типографская № 1. Печ. л. 12+0,25 вкл. (Усл. печ. л. 17,16). Бум. л. 6+0,125. Цена 50 коп. Зак. 467.

Ордена Трудового Красного Знамени московская типография № 7 «Искра революции» «Союзполиграфпрома» при Государственном комитете Совета Министров СССР по делам издательств, полиграфии и книжной торговли. Москва, Г-19, пер. Аксакова, 13.

© Журнал «Советиш геймланд», 1976 г.

31-525

סאָוועטיש היימלאַנד

XV

8 1976